STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 10454

# VUHIN GEYSTU, DANYEL?

B. Shlevin

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

# ב. שלעווין / וווהין גייסטו, דאַניעל?

B. SCHLEVIN

# OU VAS-TU, DANIEL ?

Roman

Imprimerie IM.PO., 65, rue du Fg-St-Denis,
75010 Paris

## ב. שלעווין

# וווהין גייסטו, דאניעל ?

ראמאן

בוך-קאָמיטעט

1977 פּאַריז תשל״ז

# ערשטער טייל

# די פּרעהיסטאָריע

## קאַפּיטל 1

# אַלץ ביי זיי איז — סתירה...

ווי ווייט גרייכן דען די נעפּלדיקע דערמאָנונגען, צוריק צו דער ווייט־אָפּגעלאָפענער קינדהייט ?

אַזוי־אָ, מיטן ווילדלעכן ראַנד־בערדל, די פּאַוואַריטן קרום איינגעשניטן אין די מאָגערע באַקן, ס׳שויבערל — אין ווינט, פאַרוואַקסן ביזן טיפן האַלדז אַריין, דער צעטומלטער בליק — פון אונטערן שטערן, אין שמאָלע, איינגעשטייפטע „בלודזשינס״, פאַרבלאָנדזשעט צווישן די קרומע געסעלעך — זענען אין אומרואיקן געמיט דאַניעלס פאַרבליבן איינגעפּרעסן, ווי אַ זשאַווער, ווי פון אַ פריערדיקן גלגול, די אַלטע אַראָמאַטן און די פאַרדומפּענע ריחות פונם היימישן בעלוויל, אין יענע סוף דרייסיקער יאָרן ; ס׳געדעמפּטע טאָגליכט אונטערן שיטערן בלוי פון פּאַריזער הימל ; דאָס טרייסלען זיך דורך די נעכט פון שווערע לאַסט־וועגן אויף די נאָנטע פּעריפעריע־בולוואַרן ; די ברייטע האַלע־וויבער, וואָס ליאַרעמען ביי די פרוכט־געשטעלן אויפן פאַבור ; די אָפּגעקראָכענע מויערן, שפּיגלען זיך צעשווומען, קאָפּ־אַראָפּ אין קאַנאַל, צווישן די איבערגעוואָרפענע בריקלעך, ביי מעטראָ „זשאַרעס״ ; דאָס איינפאַכע לשון פון די היימישע לייט אין די קליינע, פאַרויכערטע ביסטראָ׳ס אויפן ראָג. אין די אויערן האָט אים נאָך אפילו געקלונגען, ווי פון זייער ווייט, דאָס ליד פון די לאַנג־שוין פאַרשווונדענע גאַסן־זינגער, אין דער מיט פון פאַרביקן בולוואַר־יאַריד. ס׳איז געווען, געדענקט זיך, אַ ליד וועגן אַן אומגליקלעכער ליבע, אין דער צייט פון קאַרשן־צוויט. אין יענע זומערן האָט דאָס שיינע, אומעטיקע ליד געהילכט איבערן בולוואַר. מ׳האָט עס אויסגעפּייפט אויף אַלע ראָגן ; שפּיציקע מיידלשע שטימעלעך האָבן עס, אַביסל פאַלש, געזונגען פון הינטער די פאַרצויגענע מושלין־פאָרהענגלעך אין די שמאָלע, אויפגעשפּאַרטע פענצטער פון די הייף און פון פּאַסאַזש, ווו מ׳האָט אין די הייסע, מיט־זומער־טעג געלעכצט נאָך אַ ביסל לופט.

צווישן אַט די פאַרצייטישע געסעלעך אויפן הויכן בעלוויל, פון וואַנען דער טאַטע זיינער, לייביש שניידער, האָט זיך צוזאַמען מיטן געזינדל, אין יענעם לעצטן סעפּטעמבער, אין גרויס בהלה, געהאַט אָוועקגעצויגן, אויף רי דע טירען, האָט דאַניעל צוריק אַנטדעקט — זיין שטאַם, זיין געבוירן־היים,

וואָס קיינער קען עס ביי אים נישט אָוועקנעמען. זעלטן־ווען ס'איז איצט אויסגעקומען פאַרבייצוגיין דאָרט; אָבער יעדעס מאָל, ווען ער האָט פאַר־בלאָנדזשעט אויפן הויכן בעלוויל, האָט אים עפּעס מאָדנע אַ טיאַכקע געטון אין האַרצן. טאַקע, וואָס ווייסן זיי, ס'היינטיקע יונגוואַרג פון זיין עלטער, וואָס ער ווייסט און טראָגט עס ווי אַ רעליקוויע אין זיין קראַנקן זכרון? און ס'האָט זיך אים מיטאַמאָל אויסגעוויזן וואָר, ר'האָט עס מער דערפילט, ווי פאַרשטאַנען, אַז מיטן אַראָפּרוימען די אַלטע געסעלעך, די אַלטע האָטעלן, וווּ יענער דור פּאָליטישע עמיגראַנטן האָט זיך פּאַרטייעט אויפגעהאַלטן, ווערט אויך אָפּגעמעקט, צערונען, פאַרשווינדט אַ שיינע, גרויסע וועלט פון הויכע אידעאַלן, פון הייליקן גלויבן. אַזאַ מאָדנע געפיל איז אים נאָכגעגאַנגען, ווען ער האָט פאַרריסן דעם קאָפּ צו די הויכע, פּרעמדע קאַסטן־בלאָקן פון בעטאָן, גלאָז און אייזן, מיט די שטומע, פאַרהאַנגענע שויבן, הינטער זיי — דאָס בלוילעכע מיסטישע ליכט פון טעלעוויזיעס, ווי אַן אָפּשיין פון ווייטע פּלאַנעטן. די בלאָקן האָבן אים עפּעס אויסגעקוקט ווי פּרעהיסטאָרישע מאָנסטערס, ווי ער אַליין וואָלט געשטאַנען אויף דער שוועל פון צוויי וועלטן, אַ וואַרעם־איינגעבאַקענע, אַן אָפּגייענדיקע, און אַן אויפקומענדיקע, אַ קאַל־טע, אַ פּרעמדע, וואָס שרעקט מיט אומהיימלעכע פאַרגעפילן.

אַהין האָט ער אויך אַרלעטן, ס'פּאַריזער פאָלקס־מיידל מיט שיטערן, בלאָנדלעכן גזשיוועקלע איבערן נידעריקן שטערן, די „קאָזעט" (לויט וויקטאָר הוגאָ'ס „גיבור אין קייטן"), איינמאָל געפירט וויזן איר זייער אַמאָליקע היים; דאָרט, וווּ זיי האָבן זיך האַרט ביז דער מלחמה, אויפגעהאַלטן אין מייערל, פאַרשטעקט אין פּאַסאַזש ד'עפּאַטאַריאַ, הינטער די ווענט פון דער אַלטער קירכע אויפן הויכן מעניל מאָנטאַן. אָבער צו דער מאַמען, אין הויז אַריין, אויף רי דע טירען, וווּ ס'רוישט נאָך אַלץ ביי זיי דאָרט די שניידער־אַטעליע פון קאָנפעקציע, צווישן די ברייט־צעלייגטע שויי־פענצטער צו דער גאַס, אָנגעזעצט טיר־ביי־טיר מיט יידישע געוועלב־לייט פון דער שניידער־קאָנפעקציע, האָט ער זיך פונדעסטוועגן געפאָרכטן זי צו ברענגען. „זי איז כאָטש אַ יידישע?"... — איז די מוטער, גרוי ווי אַ טויב, אויסגעוואַקסן אָנומלטן אויף דער שוועל פון זיין פאַרשטעקט בחוריש צימערל צום הינ־טערשטן אַרויפגאַנג פון דער דינערשאַפט, ווען ער האָט זיך, געווײנלעך, שפּעט נאָך האַלבער נאַכט, שטיל, אויף די שפּיצן פינגער, געהאַט אומגעקערט צום הייסן יינגלשן געלעגער; און ער האָט דערזען מיטאַמאָל אין דער מוטערס שטומען בליק, ממש — שרעק. בלויז פאַר דער מוטער האָט ער נאָך געטראָגן אין זיך די אָפּגעציטערטע וואָרעמקייט. זי האָט אים ווי געטון, די מאַמע, מיט אירע אייביקע שרעקן, זאָרגן, עגמת־נפשן, באַלד נאָכן אַלטנס אָפּשטאַרבן, איינצושטילן די קריגערייען צווישן די עלטערע קינדער אין הויז.

דער סאַמע יינגסטער אין הויז, איז דאַניעל געקומען אויף דער וועלט אין סוף פון יענע שטורמישע דרייסיקער יאָרן, ערב אַלע אונזערע אומגליקן. מ'האָט זיך שוין, וואָס אַן אמת, נישט געריכט מער אויף קיין קינדער אין

אַנגעוואָלגערטן דירהלע. ס'איז אָבער געשען. פאַרפאַלן. דערוואַקסענע קינ־דער אין הויז. מ'האָט זיך אַביסל געשעמט צו קוקן איינער דעם אַנדערן אין די אויגן, וואָס די מאַמע קלייבט זיך ווידער אין קימפּעט אַריין, און ווו וועט מען זיך דען אַהינטון אין דער ענגעניש? אַז די טישן, די שטולן, אפילו די בעטן, זענען דעם גאַנצן טאָג פאַרוואַלגערט מיטן ביסל „פּאַסאַן", וואָס מ'נעמט אַרויס פונם „הויז" ביי דעם בערגערן. די מאַשין קלאַפּט. מ'דאַרף לויפן מיטן פּעקל ליווערן צו דער מינוט. ווען די מאַמע איז אַהיימ־געקומען פון ראָטשילד־שפּיטאָל מיטן פאַרוויקלטן נפשל, האָבן זיי דאָרט אַלע אָפּגעדרייט די קעפּ. מ'האָט זיך אָבער ביסלעכווייז צוגעוווינט. מ'האָט עס אפילו ליב באַקומען, ווי ס'מאַכט גרימאַסן, פּיסקעס, ווי ס'וואַרפט מיט די הענטעלעך און פיסעלעך. אַלע האָבן זיי אָבער דערפילט, אַז מיטן געבוירן ווערן פונם קינד, פון דאַניעלן, האָט מען זיך נאָכמער צוגעבונדן צו דער שטאָט פון ליכט, אין דער פרעמד, אַז דאָ בלייבט שוין מסתמא זייער היים. ס'קינד האָט דורך די נעכט געוויינט, ס'האָט געליטן אויפן בייכעלע. דער דאָקטער האָט געראָטן אין די הייסע זומער־חדשים כאָטש אַרויסצופאָרן ערגעץ אויפן דאָרף פון דער שטאָטישער שטיקעניש, נאָר ווען איז דע־מאָלט געלעגן דער קאָפּ דערביי?

אין די פּאָר פינצטערע מלחמה־יאָרן, ווידער, איז דאָס געזינדל לייבי־שעס אַנטרונען פון איין פאַרשטעקטער מלינה אין דער אַנדערער, אַבי צו ראַ־טעווען ס'נאַקעטע לעבן. אונטערגעוואַקסן, האָט זיך דאַניעל דערפילט, ווי עפּעס אַ פרעמדע פלאַנץ אויפן פּאַריזער ברוק, אויסגעטון פון יעדן עבר. ער האָט זיי, אין נאָך־מלחמהדיקן פּאַריז, קיינס אין הויז מער נישט פאַרשטאַ־נען, מיט זייער פרישן האָוועז, טומלען, איינרייסן. ער האָט פיינט באַקומען דעם שטויביקן ריח פון זייער שניידעריי, וואָס גייט אויף פון די פאַרעדיקע פּרעס־אייזנס; איז אַנטלאָפן פון די אייביקע גראַטשקעס אין הויז. פאַרענדיקט דעם ליצײ, האָט ער זיך געקליבן ווייטער עפּעס דאָרט צו שטודירן, און — איז אַזוי ווי הענגען געבליבן אין דער לופט. וואָס פאַראַ ירושה — האָט ער ביי זיך אַליין אַ פרעג געטון — האָבן זיי אים דען געלאָזן? אַז גאָרנישט איז ביי זיי האַפטיק, זיכער, אַלץ צעפּאַלט זיך ביי זיי אין שטויב; זייערע וואָגלענישן, פאַרפאָלגטע, פון לאַנד צו לאַנד, זייער טרויעריקע שניידערישע עקאָנאָמיק, מיט דער נאָדל אין לאַץ, זייער ווילד, גרייזיק, שרייאיק לשון, זייערע אידעאָלאָגיעס אפילו, די הויך־קלינגענדיקע פראַזן, אַן שום דעקונג, אָפּגעריסענע, זענען באַנקראָט.

ווייל זיי האָבן זיך אַצינד גאַנץ שיין אויסגעלאָכט, ס'יונגוואַרג, פונם פאַרביסענעם דאָגמאַטיזם, וואָס באַהערשט זייערע מוחות; דעם אָרטאָ־דאָקסישן בלינדן גלויבן אין עפּעס אַן אויסגעדאַכטן גאָט, פונקט ווי ערשט נעכטן — אין „פּאַטערל פון די פעלקער". ס'יונגוואַרג האָט אָבער אויך נישט מער געוואָלט געדענקען — די יידישע צרות... יידישע אומגליקן... יידישע פאַרלייקענונג איז דאָך סיי ווי געווען אין דער אָרטאָדאָקסישער פּאַרטיי־ליניע פון אָט די אַלע צעטומלטע, אינערלעך־צעריסענע יידן, אין זייערע

פאַרגעלטע בראַשורן און ביכלעך, וואָס וואַלגערן זיך נאָך עד היום ערגעץ אויף אַ פּאָליצע אין הויז. אַלץ אין זייער לעבן איז געווען — סתירה. אַזוי האָט זיך אים אויסגעוויזן, דאַניעלן. דאָס האָט אים יאָ שטאַרק געוווּנדערט — די מענטשן האָבן אין קיין שולן נישט געלערנט, אין קיין אוניווערזיטעטן — אוודאי נישט, רעדן פראַנצויזיש מיט אַ סך גרייזן, מיט אַ משונהדיקן אַקצענט, און פונדעסטוועגן זענען זיי באַהאַוונט אין אַ וועלט מיט זאַכן, טיילמאָל — קאָמפּליצירטע עקאָנאָמישע, פילאָזאָפישע, היסטאָרישע פּראָבלעמען, וואָס די יוגנט פון זיין דור האָט זיי שטודירט, געפאָרשט און איז נאָך גאַנץ ווייט געווען פונם תוך זייערן. די מענטשן, אויטאָדידאַקטן, האָבן אָפט קיין יידיש בריוול קאָרעקט נישט געקענט אָנשרייבן. וואָס פאַראַ אימפּעט, פרעגט זיך, טראָגן זיי? — האָט ער געוואָלט פאַרשטיין אָט די מענטשן, אַנגעלאָפן פון דער ווייטער פרעמד.

קאַפּיטל 2

## סעפּטעמבער, 1939

אין אַ דעמפּיקן סוף־זומער־פאַרנאַכט פון יאָר 1939, ווען די ערשטע אַלאַרם־סירענעס האָבן זיך שוין אין די פאַרטאָגן געריסן איבער די אַלטע דעכער פון פאַריז, האָט אַ מאַן מיט איינגעקוועטשטע פּענסנע, אַ נאַקעט־אויסגעגאָלטן שאַרבן, אין אַ העלן פרענטשו, פון אַ פרעמדן, פּוילישן שניט, אַ צעריבענע טעקע אונטערן אָרעם, פאַרנומען זיך באַרג־אַרויף, צום געסל דאָ באַלד, הינטערן קלויסטער פון מעניל־מאָנטאַן.

אַזוי אומגעריכט איז איזאַק קראָקעווער אין יענעם הייסן סוף־זומער צום לעצטן מאָל געקומען אַנצולויפן איבער געשוואַרצטע גרענעצן פון פּוילן, מיט אַ פאַלשן פּאַס, ווי געוויינלעך אָט די לייט. ס'איז שוין טאַקע געווען דאָס לעצטע פערטל שעה באַצייטנס צו אַנטרינען, סיי פון דער פּוילישער געהיים־פּאָליציי, וואָס איז כסדר געווען אויף זיינע שפּורן; פּונקט ווי פון די געדיכטע, רוישיקע יידישע אַרבעטער־בערזעס אַרום מוראַנאָוו, אין וואַרשע; אַ פאַרשריגענער, אַ פאַרפאַלגטער פון די פאַרביסענע סטאַליניסטן, די אַמאָליקע חברים זיינע, אין ביטערן קאַמף קעגן די „רעפאָרמיסטישע", „רעוויזיאָניסטישע", טראָצקיסטישע פּראַקציעס און „אָפּנויגן"; כאָטש די פּאַרטיי איז שוין דאָרט לאַנג געווען אויפגעלייזט; כאָטש די וועלט־שרפה איז שוין אַצינד מער נישט געהאָנגען אין דער לופט — זי האָט שוין געפלאַקערט איבער די באָמבאַרדירטע, געדיכט־באַפעלקערטע שטעט אין פּוילן.

ס'שטומע פאַרהענגל ביי דער הויז־וועכטערין איז געווען אַראָפּגעלאָזן. ר'איז שטיינגעבליבן און אפילו נישט געהאַט ביי וועמען נאָכצופרעגן זיך.

דער געלער קאַטער מיט די בורשטין־אויגן האָט האַלב געדרעמלט אויפן קישעלע פאַר דער טיר. דער פרעמדער האָט זיך ווי־נישט־איז דערקליבן צום ערשטן שטאָק. אויבן האָט זיך דאָרט ערגעץ, אין לאַבירינט פון די נידעריקע טירן, פאַרקאָנספּירירט, אין אַ זייט פון אַ פּאָליצייאיש אויג, באַ־דאַרפט אויפצוהאַלטן דער חבר אהרן. אין די אַלטע, דיקע ווענט האָבן אומ־היימלעך גערוישט די רערן, אַ שטראָם וואַסער האָט זיך האַסטיק אַראָפּ־געלאָזן אין דער פינצטערער נישע. ביז דער פרעמדער האָט לסוף אָנגע־קלאַפּט אין דער ריכטיקער טיר. אין האַלבן טונקל, האָט ער מיטאַמאָל דער־זען פאַר זיך אויף דער שוועל — דעם זעלבן חבר אהרן, אויף אַ האָר נישט געמיטנערט; ווי שטענדיק, אין דער אויסגעגלאָנצטער סאַטינענער רובאַשקע, דעם געדיכטן האָר־שויבער, היפּש אויסגעביסן פון פאַרנט, דורכגעשפּריצט מיט זילבער, איבערן געוועלבטן שטערן, ס׳קעלנערל אַרום קרעמפּן האַלדז — צעשפּיליעט. ס׳איז געשטאַנען פאַר אים אַן אַלטער, איינזאַמער וואָלף פון דער עמיגראַציע, פונקט ווי אין די אַמאָליקע, מ׳קען זאָגן, פּרעהיסטאָ־רישע, אַנאַרכיסטישע יאָרן, נאָך פאַר 1914, ווען די אומזיכערע טריט זיינע האָבן שוין דאָ געבלאָנדזשעט אויפן פּאַריזער ברוק, היימלאָז, הונגעריק, גרייט צו שטירצן רעזשימען. ער איז אוודאי געווען איינער פון די לעצטע ראָמאַנטישע, פּראָפעסיאָנעלע רעוואָלוציאָנערן, אַן איבערבלייבעניש פון אַן אַנדערן, אָן שום ספק, שענערן דור. זיינע פאַרהילצערטע פינגער זענען ברוין געווען פון די געדרייטע סיגאַרעטלעך אין ביבולע־פּאַפּיר. אַהער, אין פּאַסאַזש, האָט ער זיך מסתמא אַריבערגעכאַפּט, ווען ר׳האָט שוין מער נישט געהאַט צו באַצאָלן די אָרעמע פאַר פראַנק פאַר דער וואָך אין זייטיקן האָטעלעכל אויפן בעלוויל. דאָ, ביים חבר לייביש, מיט זיין היפּש געזינדל, איז אַלעמאָל געווען היימלעך. וואָס האָט ער זיך דען אינגאַנצן אָנגעקערט מיט לייבישן און מיטן גאַנצן געזינדל היימישע און אָנגעלאָפענע? אַ סך מער, ווי דאָס, וואָס די מאַמע הינדל האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר אַ וויי־טער קרובה, פון דער מוטערס צד, אין וואַרשע; נאָך פון די יאָרן, ווען מ׳האָט אין די וואַרשעווער פּראָפ. פאַראיינען געפּלעגט צו פירן שטרייקן, אַקציעס; און — דער שטילער דרך־ארץ פאַרן חבר אהרן, וואָס איז זיי נאָכגעגאַנגען ביז אַהער, אין דער פּאַריזער נעפּלדיקער עמיגראַציע.

ס׳איז געווען אַ פולע שטוב קינדער, חברים, אומלעגאַל אָנגעלאָפענע פון איבער גרענעצן. ס׳איז ביי לייביש שניידער אין יענע יאָרן געווען אַ באַקאַנטער אַדרעס ווו צו פאַראַנקערן פאַר די אַריבערגעקומענע פון דער אַלטער היים. אויפן טיש איז באַלד אויסגעוואַקסן אַ גלעזל טיי; פון אָפּ־געטיילטן קיכל, הינטערן פאַראַוואַן, האָט באַצייטנס אַ פאַרשמעק געטון מיט אַן אָנגעברענטן קרופּניק,אָדער אַ צוגעריישטע, געדיכטע פּוילישע זופּ. דאָ האָט זיך אין אַ נויט־פאַל, אויך אָפּגעפונען אַן אָרט פאַר אַ נאַכטלעגער. די נידעריקע טירן אין קאָרידאָר זענען, געוויינלעך, געווען אָפּגעשלאָסן, פאַרהאַקט. אפילו אַז אַ היימישער האָט אָנגעקלאַפּט, לויטן אָפּגערעדטן צייכן, מיט דריי קורצע קלעפּלעך, האָט מען זיך פריער לאַנג איינגעהאָרכט, ביז

מ'האָט אויפגעשפּאַרט דעם ריגל. די קאָנספּיראַציע איז זיי דאָ אַלעמען געלעגן אין די ביינער.

— ווי ס'האַרץ וואָלט מיר אָבער געזאָגט... — האָט אים חבר אהרן געלייגט אַ וואַרעמע האַנט אויפן אַקסל, קראָקעווערן, זענען צוגעפאַלן, זיך צעקושט, טאַקע אויפן היימישן שטייגער.

הינטער זייערע פּלייצעס איז באַלד אויסגעוואַקסן דער יונגערמאַן מיטן קאָפּ געדיכטע קרייזעלעך:

— אָנו... — האָט דער טשיקאַווער יונגערמאַן געלאָזן הערן זיין ווייס־רוסיש, דאָרפיש באַסל — אָבי בשלום...

ס'איז געווען איינער פון די, וואָס זענען אין יענעם לעצטן זומער גע־קומען אַנצולויפן איבער געשוואַרצטע גרענעצן, אומלעגאַל, און אויפגע־האַלטן זיך דערווייל ביי אַ „זעמליאַק".

— אַזוי־אַ לעבט איר דאָ?... — האָט זיך קראָקעווער אַרומגעקוקט און אַראָפּגעלאָזן זיך אויף אַ צעשאָקלטער שטול, געווישט מיטן טיכעלע דעם געוועלבטן שטערן, די פּאַרהויכטע ברילן־גלעזלעך, איינגעקוועטשט אין דער דינער נאָז, און פאַר די אויגן איז אים אַלץ געשטאַנען די בלענ־דעניש — לאַנג אַרומגעזוכט דיך, און אָט האָסטו זיך גאַר דאָ פאַרקליבן...

— דאָ איז אויך — פּאַריז... — האָט חבר אהרן עפּעס ווי אַרויסגע־לאַכט — אוודאי, די בורזשואַזיע וווינט נישט דאָ, אין די אָרעמע בעל־ווילער געסעלעך...

חבר לייביש, ס'ווייב, די מיידלעך, ס'אונטערגעוואַקסענע ייִנגל, זענען דאָרט, אין אַנדערן חדרל געשווומען אין דער פאַרע פון שניידערישע פּרעס־לעך; ס'האָט הינטערן ווענטל געקלאַפּט דאָס אַלטע זינגער־מאַשינדל. מ'האָט אַרויסגעענדיקט, אונטערגענייט דובלע, געפּרעסט. ס'ביסל אַרבעט האָט זיך געוואַלגערט אויף די שטולן, אויף די בעטן. אַ קינד האָט זיך דאָ ערגעץ געריסן. אין דער צייט ווען דער ווילדלעכער יונגערמאַן פון די פּינסקער מקומות, האָט אָנגערוקט די אַלטמאָדישע בריל, פאַרטשעפּעט מיט אַ שטריקל אונטערן אויער, און באַלד אַרויסגעברומט:

— חברה, אַ גלעזעלע אַרונטערצולאָזן, וואָלט נישט געשאַדט... אָנו, סמאַרקל, דערלאַנג נאָר אַהער אַ הערינג מיט קאַרטאָפל „אין די מונדירן"...

דאָס האָט ער אַ געשריי געטון צו דער חברטע אָנקע, אין קיכל אַריין, הינטערן פּאַראַוואַן.

נאָך אַזאַ וואַרעמען ברוך־הבא, האָט זיך חבר קראָקעווער באַלד דער־פילט זייער היימיש, ווי ער וואָלט דאָ צוריק אַריינגעפאַלן צווישן די יאַטן און יאַטעכעס אויף דער דזשיקע גאַס, אין דער געדיכטעניש פון „מור־דזשיעל", אין וואַרשע. כאָטש דער נערוועזער אומרו, איז געווען קענטיק, האָט אים נאָך אַלץ געטראָגן. ער איז דאַסמאָל שוין געווען אויפן לעצטן וועג זיינעם, קיין לאָנדאָן; דאָרט האָט ער שפּעטער געפונען אַ מקום מקלט, האָט מלחמה־צייט, אין די הויכע אינטעלעקטועלע אוניווערזיטעט־קרייזן, אויפגעטויכט ווי אַ וויכטיקער „ספּעץ" אין אַלע היסטאָרישע, פּאָליטישע,

מיליטעריש־עקאנאמישע סאוויעטישע פראבלעמען. ער האט אבער, אויפן וועג, קיין לאנדאן, נאך איינמאל געהאט א פארלאנג אומבאדינגט אויפצוזוכן דא ערגעץ דעם אלטן חבר פון דער „באוועגונג", אהרנען, אין דער פארשטעקטער מלינה. פון אים האט ער געהאפט געוויר צו ווערן א סך וויכטיקע איינצלהייטן, און קודם כל — ווי אזוי לעוו דאווידאוויטש טראצקי האט זיך דא, איידער ער האט געפונען זיין לעצטן אזיל אין מעקסיקע, א קורצע צייט אויפגעהאלטן ערגעץ ארום די פארשטעט פון פאריז, אין אן אפגעלעגענער ווילע, שטארק באוואכט, סיי פון דער פראנצויזישער פאליציי, סיי פון די אייגענע געטרייע חברים. ס'איז אויך דערגאנגען צו אים, אז חבר אהרן האט דא שטילערהייט, דורך קאמפליצירטע געהיימע קאנאלן, געהאט א צוגאנג צו לעוו דאווידאוויטשן; איז דא געווען איינער פון די איניציאטארן פון ניי־געגרינדעטן 4־טן אינטערנאציאנאל. נאר צופיל רעדן דערפון האט מען דערוויל נישט באדארפט. ער האט זיך נאר איינגעקוקט ווי חבר אהרן האט מיט זיינע פארהילצערטע, נערוועזע פינגער, געל פון טאבאק, געדרייט א מאגער סיגארעטל, פארצויגן טיף, און איינגעהילט אין רויך, האט ער פארציילט:

— ס'איז, מאל דיר, נישט געווען אזוי איינפאך... — האט ער געפרעפלט געדעמפט, נאענט אנגעבויגן צו זיין אויער — ער איז געווען שטרענג באוואכט פון געטרייע חברים, אמת. נאר וואס האט עס דען געהאלפן? האסט שוין אוודאי געהערט, וואס די סטאליניסטן האבן דא אפגעטון מיטן זון זיינעם, מיט ליאווקען...

— עפעס האבן מיר געהערט, אבער — אויף אזויפיל?... — איז קראקעווער געווען אויפגעשפיצט, פול מיט חשד און חידוש.

— די סטאליניסטן, ברודערקע... איר ווייסט נאך דארט קיינס נישט, אויף וואס זיי זענען פעאיק...

ס'האט אויסגעזען, ווי זיי וואלטן דא געקומען ציען די אלטע, ביטערע, געדיכט־פארקאכטע דיסקוסיעס, וואס זענען דארט, אין ווארשע, אויפן מוראנאווער ראיאן, געפירט געווארן אין די פארשטעקטע קאנספיראטיווע פאציאטקעס, אין די דאך־שטיבלעך, ביי פארהאנגענע שויבן. די דריי וויכטיקסטע פונקטן פון דער „פראקציע", ארום וועלכע ס'איז דארט, אין יענע יארן, אזויפיל ארומדיסקוטירט געווארן, זענען געווען: 1) איינהייט־פראנט מיט די סאציאל־דעמאקראטן, אין קאמף קעגן רעאקציע און פאשיזם; 2) איינהייט פון דער פראפעסיאנעלער באוועגונג, און 3) קעגן ביוראקראטישן קאמאנדעווען, ד. ה. פאר פארטייאישער דעמאקראטיע.

דעמאלט, מיט א יאר זעקס צוריק, איז נאך אבער געווען — ערב פעברואר 1933; מ'האט נאך אפשר געקענט עפעס ראטעווען; ביז אלץ האט זיך דערנאך אזוי טרויעריק אויסגעלאזן — ס'איז געפאלן די דייטשע ארבעטער־פעסטונג אין אייראפע, 5 מיליאן קאמוניסטן, 6 מיליאן סאציאליסטן; אן איין שאס, האבן די היטלער־באנדעס צעגראמירט די מעכטיקע פראפ.־באוועגונג, פארשלעפט אין די קאנצענטראציע־לאגערן די ארבעטער־

פירער. אין שפאַניע איז — דער טראַגישער פינאַל. אַלץ איז שוין דאָרט טרויעריק פאַרזיגלט. אַלץ איז געגאַנגען צום טייוול. די פּאַרטיי אין פּוילן — אויפגעלייזט. די טראָצקיסטישע פראַקציע, די אַ. ג. „אַבאַ'יסטן" — פאַר־שריגן ווי קאָנטער־רעוואָלוציאָנערן, שפּיאָנען, פאַשיסטן. און אַצינד — דער לעצטער אומגעריכטער שפּיי אין פּנים און פאַרשעמונג — דער סטאַלין־היטלער־אָפּמאַך... די מלחמה...

— וווהין, צום טייוול, גייען מיר ?!... — איז קראַקעווער, דער אינ־טעליגענט, דער שטאָל־פאַרהאַרטעוועטער, פון תּפיסות, אינערלעכע פּאָ־ליטישע שטרייטן, טעאָרעטישע דיסקוסיעס, געווען פאַרזאָרגט, אומרואיק, געוואָלט אַלץ פאַרשטיין מיטן פּשוטן שכל.

ביידע, מיט די געבויגענע יידישע פּלייצעס, האָבן זיי נאָך געפילט איבער זיך דעם שווידער, די אַנגסט, פאַרפאַלגט צו ווערן, נישט נאָר פון דער פּוילישער „דעפענסיווע", נאָר — פון אייגענע, נעכטיקע חברים. דאָס איז שוין געווען אַממערסטן פיינלעך. יעדע „אָפּאָזיציע", פּונקט ווי דער טראָצקיזם, איז דאָרט, אין וואַרשע, געווען זייער אַ געפערלעך וואָרט; לויט די פּאַרטייאישע שטילע באַפעלן, האָט מען זיי באַדאַרפט מחרים זיין, פאַר־פאָלגן, ביז — מאָרד. אים, דעם חבר אהרן, איז נאָך אַלץ נאָכגעגאַנגען דער שווידער פון יענעם לעצטן אָוונט, אין שפּעטן זומער, אין די אָטוואָצקער סאָסנע־וועלדער; ער האָט זיך געהאַט אַראָפּגעכאַפּט אַהין, אָפּגעטראָגן זיך פון די געדיכטע וואַרשעווער אַרבעטער־בערזעס, פון די פּאַד.־פּונקטן, אַ צעבראָכענער, אַ דערשלאָגענער, פון די זינלאָזע דיסקוסיעס, ברידער־קאַמפן, ברידער־מאָרדן, פון דער נייער, אומבאַוווסטער ליידיקייט, וווהין אַלץ האָט זיך האַסטיק געקייקלט, ווי אין אַ תּהום אַריין. די פאַרביסענע, פאַנאַטישע סטאַליניסטן האָבן אָבער אונטערגעשיקט טונקעלע לייט קיין אָטוואָצק, אים דאָרט שטיל „אַראָפּצורוימען". אין דעם איז ער זיכער. דאָס האָט אים דער מעסער־העלד פון די וואַרשעווער „שטאַרקע", די קוילן־טרעגער, פון דער פּאַרטיי־באַיוווקע, לייבוניו אַליין, דערנאָך אָפן געזאָגט, אָפּשטעלנדיק אים אין מיטן העלן טאָג אויף דער דזשיקע גאַס: „דיר, ברודערקע — האָט ער אים אָפן געזאָגט — קומט אַ קויל אין קאָפּ"... פאַלן פון דער קויל פון אייגענע, איז שווידערלעכער, ווי פון אַ פּאָליצייאישער קויל. ער האָט עס אים געגלויבט, דעם מעסער־העלד, לייבוניו. ער האָט דאָך יאָ געקענט די שטילע באַשלוסן, וואָס ווערן דאָרט ערגעץ אַזוי לייכט, און לייכטזיניק, אָנגענומען, נישט שייך דאָ צו דיסקוטירן, אויפצוווייזן, איבערצייגן. אין וואַרשע, אויף די פאַרזאַמלונגען, האָבן זיי דאָרט אפילו געשריגן, אַז חבר אהרן איז אַ... יאַפּאַנישער אַגענט... אַז די טראָצקיסטן ווילן דעם זיג פון פאַשיזם... אַז ער האָט פאַרקויפט פּוילן, כינע... אַזוי האָט ער אַליין גע־לייענט אין די רעזאָלוציעס פון פינפטן פּלענום פון צ. ק. פון דער ק. פּ. פּ. געדרוקט אויף ביבולע־פּאַפּיר.

— אַז כ'בין — האָט ער קורץ און ביטער אַרויסגעלאָכט — אַ רע־

נעגאַט... אַ טראָצקיסטישער באַנדיט, אַ מלחמה־העצער... און — וואָס אין דער קאָרט...

און ס'איז געווען אַ ביטערער חוזק־שמייכל אויף זיין קנאַכיק, געקאַרבט פּנים, ווי געגאַרבט לעדער. ס'איז סיי ווי אַלץ מיט אַן אַנדער נמאס געווען. האָט ער זיך אויפגעהויבן און אָנהייב פון יענע שטורמישע דרייסיקער יאָרן באַצייטנס אָפּגעטראָגן זיך פון וואַרשע. כאָטש די וועגן קיין פּאַריז זענען וואָס אַמאָל שווערער געוואָרן, האָט ער זיך פלינק, מיט דער אַלטער פּראַקטיק פון אַ קאָנספּיראַטאָר, דורכגעגליטשט אַלע פאַרשטעלטע גרענעצן און באַריערעס. דאָ, אין פּאַריז, צווישן אַלטע חברים, האָט ער גערעכנט, וועט מען שוין נישט פאַרפאַלן ווערן, און פּרוּוון אויסשרייען זיין גרויסן ווייטיק; בפרט, אַז אין יענעם יאָר האָט עס אים זייער שטאַרק געצויגן אַהער, אומבאַדינגט צו טרעפן זיך מיט לעוו דאַווידאָוויטש טראָצקי, מיט חברים פון דער אָפּאָזיציע. ס'האַרץ איז שווער געווען, זייער שווער — ווהין פירט עס ? — האָט ער געוואָלט ביי אים דערגיין, ביים וויזיאָנער פון דער רעוואָלוציע. חוץ דעם, האָט ער עפּעס, הינטערבאַוווסטזיניק, בלינד, שוין אין יענעם יאָר, דערפילט די געמיינזאַמקייט פון זייער יידישן גורל; יאָ — דווקא ביים נישט־געפעלשטן קאָסמאָפּאָליט, ביי לעוו דאַווידאָוויטשן, וועלכער האָט אַ גאַנץ לעבן אָפּגעטרייסלט זיך מיט איבל פון יעדן מין נאַציאָנאַליזם, בפרט פון יידישן, ביטער אויסגעלאַכט אים, פאַראורטיילט.

קראָקעווער איז אַלץ געזעסן אומגעדולדיק אויפן בענקל און געשלונגען יעדעס וואָרט זיינס. דער שאַרפער קין זיינער און דער פינקל פון זיינע פענסנע־גלעזלעך האָבן עפּעס מאָדנע דערמאָנט אין... לעוו דאַווידאָוויטשן אַליין. אַלץ איז געווען פאַר אים ניי.

— די סטאַליניסטישע טעאָריע פון סאָציאַל־פאַשיזם... — האָט ער זיך צולעצט אָפּגערופן, באַדאַכט — איז באמת געווען אַ פאַרברעכערישע. וועןביידע מעכטיקע אַרבעטער־פּאַרטייען אין דייטשלאַנד וואָלטן ווירקלעך באַצייטנס געשלאָסן אַן איינהייט־פראָנט, וואָלט אפשר היטלער קיינמאָל צו דער מאַכט נישט געקומען. דאָס איז כמעט זיכער. כ'האָב באַצייטנס געוואָרנט און מ'האָט מיך פאַרשריגן. אָבער וואָס איז געווען טראָצקיס שטעלונג, וויל איך וויסן ?

— הערסטו דאָך, ליאָווקע סעדאָוו האָט מיר איינגיכן איבערגעגעבן: זיין פאָטער וויל מיך אומבאַדינגט זען, דורכצודיסקוטירן וועגן אייניקע מיינונגס־פאַרשידנקייטן צווישן די חברים אין פוילן. מ'האָט מיך שטילערהייט איבערגעגעבן, אַז דער צוזאַמענטרעף וועט פאַרקומען ערגעץ אין אַ פאָטאָגראַפישן אַנשטאַלט, אין ווערסאַיל. טאַקע דאָרט האָב איך אים אָפּגעוואָרט. ווען דו ווייסט, אַ ים מיט געפילן האָבן מיך פלוצים באַהערשט, צונויפצוטרעפן זיך מיט איינעם פון די גרויסע מאַרקסיסטן־רעוואָלוציאָנערן, דעם לעגענדאַרן קריגס־קאָמיסאַר פון בירגער־קריג; אַצינד איז ער געווען ווי אַ געיאָגטע חיה, פאַרפאָלגט אויף יעדן טריט, די געהיים־פּאָליציי, פרעמדע און אייגענע. מיר האָבן דערנאָך לאַנג געשמועסט. וועסט

אפשר לאַכן, נאָר כ׳האָב עפּעס באַלד דערפילט אַ מין יידישע צעבראָכנקייט אין זיין געמיט. ער האָט זיך אויך געהאַט שטאַרק געעלטערט. די קנייטשן אַרום זיינע נאָז־פליגלען זענען שאַרפער אַרויסגעטרעטן; און פאַרן אָפּ־געזעגענען זיך, האָט ער מיר נאָך פּלוצים אַ פרעג געטון: „ווי האַלט עס דאָרט, כ׳בעט דיר, מיט דער אַרבעטער־באַוועגונג אין פּאַלעסטינע? ווייל כ׳בין סוף כל סוף געקומען צום אויספיר, אַז יידישע אַרבעטער דאַרפן לעבן פאַר־זיך, אין אַן אייגן לאַנד״...

אַזעלכע רייד פון טראָצקין, דעם קאָסמאָפּאָליט אין סאַמע שענסטן זין, האָבן אים, חבר אהרן, געוואַלדיק איבעראַשט, און אָט דער זאָג האָט אים אַליין מסתמא שפּעטער געבראַכט צו גאַנץ נייע און אַנדערע אויספירן. אָבער קראָקעווער איז פאַרבליבן קיל, שטום. דאָס אַלץ האָט אים נאָך דעמאָלט, זעט אויס, אויף אַ האָר נישט באַאיינדרוקט.

— שטעלסט זיך פאָר... — האָט ער עפּעס אַ ברום געטון — דו לייקנסט דאָ אָפּ גאַנצע טעאָרעטישע איינשטעלונגען, איבערגעביידעס... וואָס אונ־זערע מאַרקסיסטישע פאָרגייער...

— וואָס דאַרפסטו מער? — האָט חבר אהרן נענטער צוגערוקט די סקריפּענדיקע טאַבורעטקע — אָט זענען, ווייס מען, אין ראַטנפאַרבאַנד פאַרהאַלטן געוואָרן, אפילו אַרעסטירט געוואָרן, יידישע קאָמוניסטן פון פּאַלעסטינע, פאָרשטייער פון קאָמאינטערן, ווייל — האָבן זיי דאָרט, אין מאָסקווע געטענהט — פּאַלעסטינע איז... אַן אַראַביש לאַנד, און נישט יידן דאַרפן עס רעפּרעזענטירן, און אוודאי נישט אָנפירן מיט דער באַוועגונג...

— נישט דאָס אינטערעסירט מיך אין איצטיקן מאָמענט — האָט קראָקעווער אַוועקגעמאַכט, נישט אָן ביטול — מיך אינטערעסירט גיכער דאָס, וואָס טראָצקי גופא האָט אַמאָל אויסגעלאַכט דעם אַבסורד, אַז די סאָציאַל־דעמאָקראַטן אַרבעטן פאַר זייער אייגענעם אונטערגאַנג.

אָבער חבר אהרן האָט אַלץ גערעדט מיט באַדויערן, ממש מיט האַרץ־ווייטיק:

— ווען ער וואָלט כאָטש געזאַמלט אַרום זיך די אַלע עלעמענטן, די נישט־איינשטימיקע מיטן קאָמאינטערן, מיטן 2־טן אינטערנאַציאָנאַל, וואָלטן אפשר געקענט געשאַפן ווערן די קאַדערן פאַר אַ נייער, באמת רעוואָלוציאָ־נערער באַוועגונג. מען מוז מודה זיין, דאָס שאַפן דעם 4־טן אינטערנאַציאָ־נאַל מיט קליינע, אָפּגעריסענע גרופּן, איז — אַ ביטערער דורכפאַל. אָט בין איך געווילט געוואָרן אין דער עקזעקוטיווע, אָבער זי איז זיך נאָך ביז היינט נישט צונויפגעקומען. זומער 1935 האָט מען טראָצקין אַרויס־געשיקט פון פראַנקרייך. באַגלייט האָבן אים ביזן פּאָרט אין האָוור צוויי צענדליק באַוואָפנטע חברים. מ׳איז אפילו פריער געפאָרן קאָנטראָלירן, צי מ׳גרייט דאָרט נישט קיין אַטענטאַט קעגן אים. זיי האָבן דאָרט טאַקע גע־פונען אַרומדרייען זיך עפּעס אַ יידישן סטאַליניסט פון פּאַריז...

— וואָס האָט זיך אָבער באַקומען?

— טראָצקי׳ס שטעלונג איז דערנאָך געווען, אַז די אָפּאָזיציע־גרופּן

זאָלן אַריינטרעטן אין די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען, ווי באַזונדערע פּראַק־ציעס. איך האָב געהאַלטן, אַז מיר דאַרפן גיכער אַריינטרעטן אין לאַנדאַ־נער אינטערנאַציאָנאַל, דעם „אינטערנאַציאָנאַל פון צוויי־און דריי־פערטל״. צוליב דעם האָבן זיך געמאַכט קאָנפליקטן מיט ליאָווקע סעדאָוו. ווען וואָלסט אים געקענט — אַ האַרציקער חבר, אַ פלאַמיקער רעוואָלוציאָנער. — און ער האָט זיך נישט געקענט שענקען — ליאָווקע... האָבן זיי שוין ליאָווקען אויך „אַראָפּגערוימט״, די סטאַליניסטן. ער איז געלעגן אין שפּיטאָל. כ׳בין געקומען אים באַזוכן, האָט מען מיר געזאָגט, אַז ער איז ביינאַכט געשטאָרבן... אַ רעטעניש! ער איז גאָרנישט געווען אַזוי קראַנק. ווּעמענס האַנט דאָ האָט געשטעקט, איז קלאָר...

קראַקעווער האָט עס אַלץ אויסגעהערט זייער געגנוי, דער פאַרגעפּלטער בליק פון אונטער די איינגעקוועטשטע פענסנע ערגעץ אין באַלקן אַריין, און ביי זיך האָט ער באַלד אַ טראַכט געטון: וואָס איז דאָ געוואָרן פון דעם פלאַמיקן אינטערנאַציאָנאַליסט? וואָס פאַרא רייד הער איך דאָ פון אים? אַפּנים, אַז ער עלטערט זיך, חבר אהרן. ווי לאַנג ערשט, אַז ס׳האָבן גע־רוישט די דיסקוסיע־קרייזלעך פון דער אונטערערדישער באַוועגונג אין וואַרשע? זיי האָבן דאָרט גיריק געשלונגען די קלאַסיקער פון דער מאַרקסיס־טישער ליטעראַטור, די עקאָנאָמישע, די היסטאָרישע, די פילאָזאָפישע. אַ ברעקל וויסן איז ביי זיי טייערער געווען, ווי אַ ביסן ברויט. זיי האָבן זיך געריסן צו די הייכן פון צייט־געדאַנק און פון צייט־גייסט. ווי אַלץ עוואַ־לואירט אָבער און... דעגענערירט, מיט דער צייט.

— דאָס איז די סטאַליניסטישע דעגראַדירונג פון דער אַרבעטער־באַוועגונג, און אין תוך — פון מענטש גופא... — האָט ער זיך פלוצים אָפּגערופן, אַ פאַרוויקלטער אין רויך פון זיינע אַראָמאַטישע סיגאַרעטלעך — און ווער ווייס אויף ווי לאַנג...

ער האָט זיך דערמאָנט, און פאַר די אויגן איז אים נאָך אַלץ גע־שטאַנען — דער חבר אהרן פון יענע יאָרן, אין דער מיט פון די יידישע אַרבעטער־בערזעס אויפן „מורדזשיעל״. ער איז דאָרט אויסגעוואַקסן צו אַ סימבאָל ממש! נישט קיין טעאָרעטיקער, קוים אַן אויטאָדידאַקט, האָט ער אָבער געווירקט מאָדנע אָנרעגנדיק אויף מענטשן פון טעאָרעטישן גע־דאַנק. פון אומעטום, וווּ ער איז פאַרוואָרפן געוואָרן, האָט ער זיך אַלעמאָל אומגעקערט צום היימישן, איינגעבאַקענעם מוראַנאָווער ראַיאָן. אָבער דאָס מאָל איז ער שוין געהאַט אַוועק פון דאָרט, אויף שטענדיק. דאָרט איז ער געווען אין זיין עלעמענט. פאַרשפּאַרט אין די ענגע געסלעך, סוטערינעס און בוידעם־שטיבלעך, האָט ער מיטן געדאַנק אַרומגענומען די ברייטסטע וועלט־האָריזאָנטן — די רוסישע רעוואָלוציע, דעם שטורעם איבער אַזיע, מיטן פאַרגעפיל פון קאַטאַסטראָפעס איבערן אויסגאַנג פון גרעאַנגל און קאַמף צווישן דער דייטשער אַרבעטער־באַוועגונג מיטן אויפשטייגנדיקן היטלעריזם, דער אויפשטייג פון פאָלקס־פראָנט אין פראַנקרייך, דער ביר־

גער־קריג אין שפּאַניע, וואָס גייט אָפּ אין בלוט פּאַר אונזערע אויגן. און ער האָט זיך פּלוצים געכאַפּט:

— אין ערגעץ האָב איך אָבער נישט געפונען אָט די ברייטע פּאָליטישע האָריזאָנטן, די געטריישאַפט צום אידעאַל, די קרבנות־גרייטקייט, דעם מוט, ווי ביי דער מאַסע יידישע אַרבעטער אין פּוילן. כ׳וויל איצט נישט רעדן וועגן די חילוקי־דעות וואָס שייך דער יידישער נאַציאָנאַלער פראַגע, וואָס פאַרפאָלגט דיר אַזוי. אין דעם זין, מוז איך דיר זאָגן, פיל איך נאָך אַלץ געגנוי דעם זעלבן איבל, ווי טראָצקי...

— און איך, זעסטו... — האָט חבר אהרן עפּעס אָנגעהויבן און נישט געפונען די ווערטער, אָבער ס׳האָט אַרויסגערעדט פון אים, דעם שטאָל־געהאַרטעוועטן, אַ מין נאָסטאַלגיע — אויסגעשלאָסן פון דער פּאַרטיי, זע־נען מיר דערנאָך אַריינגעפאַלן אין אַ טראַגישער סתירה. פּאָליטיש האָבן מיר שוין געוווסט, אַז פונם סטאַלין־קאָשמאַר קען מען דערוואַרטן נאָר ס׳ערגסטע; אָבער פּסיכיש זענען מיר נאָך אַלץ נישט בכוח געווען איבער־צורייסן פולשטענדיק מיטן ראַטנפאַרבאַנד. דאָ, אין פּאַריז, האָב איך עס מיטאַמאָל פאַרשטאַנען, אַז מ׳דאַרף זיך אָפּרייסן מיט געוואַלט פון אַלע אַלטע איינרעדענישן. שווידערלעך? אוודאי. דער שווידער גייט מיר נאָך ביז היינט. פון פּוילן האָבן מיר חברים באַפוילן כ׳זאָל זיך שטעלן אין פאַרבינדונג מיטן סעקרעטאַר פון 4־טן אינטערנאַציאָנאַל, מיטן חבר אַדאָלף. אַן ענערגישער יאָט. באַגעגנט האָבן מיר זיך אין בולאָנער וואַלד, ביי דער אָזערע. געקומען איז ער אָבער מיט נאָך איינעם, אַ טונקל־הויטיקער יונגער־מאַן. ער האָט זיך פאַרגעשטעלט ווי אַ רייכער זון פון אַ קאָוונער יידישן באַנקיר, געקומען קיין פּאַריז שטודירן. ער האָט טאַקע ברייט געצאָלט אויף דער קאַפע־טעראַסע פאַר אַלעמען. ס׳איז געווען באַשטימט זיך צו טרעפן דאָס אַנדערע מאָל אין אַ זונטיק, אויפן זעלבן אָרט. כ׳געדענק שוין נישט צוליב וואָס, נאָר עפּעס האָב איך דעם זונטיק נישט געקענט קומען. דער־נאָך — האָט מען געפונען דעם חבר אַדאָלף — אין דער סען, אָן אַ קאָפּ, מיט אָפּגעהאַקטע הענט... ס׳האָט זיך שפּעטער אויפגעקלערט, פאַרוואָס די לייט האָבן אים די הענט אפילו אויך אָפּגעשניטן. ער האָט געהאַט לאַנגע פינגער; מ׳וואָלט אים לייכט געקענט אידענטיפיצירן. די פראַנצויזישע חברים האָבן מיך באַצייטנס געוואָרנט, כ׳זאָל זיך אָפּטראָגן. אין דער פּרע־סע איז דער טומל עפּעס צו שנעל איינגעשטילט געוואָרן. ס׳איז געווען אַ שמוציק שטיקל אַרבעט פון דער ג. פּ. או. האַקן קעפּ, שניידן הענט, וועט נישט קענען דורכפירן אַ ליאַדע ווער, וואָס האָט נישט פריער דורכגעמאַכט אַ ספּעציעלע „אויסבילדונג"...

— ס׳הייסט, לויט דיר נאָך, האָט די אָקטאָבער־רעוואָלוציע זיך פאַרענדיקט מיט אַ פולשטענדיקן מאָראַלישן קראַך, אַז פון אירע דעראָבערונגען איז נישט איבערגעבליבן גאָרנישט, וואָס זאָל ראוי זיין פאַרטיידיקט צו ווערן? לויט דיר נאָך, איז סטאַלינס נצחון געווען דער

זיג פון דער קאָנטער־רעוואָלוציע... פונדעסטוועגן... כ'בין נאָך אַלץ איבער־געצייגט, אַז נישט געקוקט אויף אַלע פאַרברעכנס און אַבסורדן, איז אין ראַטנפאַרבאַנד אויפגעהיט געוואָרן די הויפּט־דעראָבערונג פון דער אָקטאָ־בער־רעוואָלוציע — דאָס סאָציאַליסטישע אייגנטום פון די פּראָדוקציע־מיטלען. אמת, אַליין פאַר זיך, איז עס נאָך נישט קיין סאָציאַליזם, ס'איז אָבער זיין פּרינציפּיעלע פאַר־הנחה. מיר פאַרטיידיקן אין ראַטנפאַרבאַנד די סאָציאַליסטישע עלעמענטן פון אַ סאָציאַלער סטרוקטור, קעגן די קלאַסן־שונאים, פּונקט ווי קעגן דער סאָוויעטישער ביוראָקראַטיע גופא; מ'דאַרף באַגרייפן די דאָזיקע ווירקלעכקייט, נישט אַריינקוועטשן זי אין שאַרפע, איינזייטיקע פאָרמולעס. נישט מיר, נאָר די פאַקטן זענען סתירותדיק. אונז, מאַרקסיסטן, דערצויגן אויף דער דיאַלעקטישער פילאָזאָפיע, קען עס נישט איבעראַשן. אָן ספק זענען מיר באַגאַנגען פעלערן, פונדעסטוועגן איז אונזער פּרינציפּיעלע איינשטעלונג אַ ריכטיקע. היינט איז קלאָר, אַז די פּאָליטיק פון קאָמאינטערן האָט אָפן געלאָזן דעם וועג צום נאַצישן זיג; פּונקט ווי מיר זענען דערדריקט געוואָרן פונם קאָשמאַר פון די סטאַליניסטישע „רייניקונגען", פון די מאָסקווער פּראָצעסן.

דעם חבר אהרן האָט עס ממש פאַרפאַלגט:

— און מיך, הערסטו, דוכט זיך, פאַרקערט, אַז דיין בליק איז נאָך אַלץ אַ שמאָלער. באַגרייפסט נאָך אַלץ נישט דעם תהום פון דעסטרוקטיוון סטאַליניזם. זע, וווהין ער האָט אונז דערפירט! אפילו אין דער וויסנשאַפט, פילאָזאָפיע, לינגוויסטיק, ליטעראַטור און קונסט, איז סטאַלין צוגעגאַנגען — מיטן רעוואָלווער אין האַנט. ער איז דער הויפּט פון אַ נייעם קלאַס, איבערן פּראָלעטאַריאַט...

— זאָלסט מיר מוחל זיין, ביסט, זע איך, אַריינגעפאַלן אין אַנדערן עקסטרעם, אין ענגן, עמאָציאָנעלן אַנטי־סטאַלינישן דאָגמאַטיזם. כ'פאַרשטיי, ס'איז דער טיפער אויסגעשריי פון אַנטוישונג און ווייטיק פון אַן אַקטיוו־באַטייליקטן אין דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע, אין די קלאַסן־שלאַכטן פון דיין דור. ווי אַן אָנגעווייטיקטער ייד, ווילסטו נישט, ביסט נישט בכוח מוחל צו זיין די עוולות. האָסט זיך אָבער, ברודערקע, אויסגעדרייט מיטן רוקן צו דער ווירקלעכקייט — ער האָט אים געקלעפּלט איבער דער הויכער פּלייצע, און ס'איז געוועזן אַן אָפּשיין פון אַ שמייכל אין זיינע ברילן־גלעזלעך — דאָס איז דער ווייטיק פון איינזאַמקייט! אָ, ווען וואָלסט זיך געקענט נאָך אַמאָל אומקערן צו דיין „מורדזשיעל", צו די פּראָפ.־פאַריינען, צו דער דזשיקע גאַס! אָבער כ'האָב מורא, אַז מיר אַלע זענען דאָסמאָל שוין אַוועק פון דאָרט, אויף שטענדיק. אַזאַ פאָרגעפיל האָב איך. ביסט נישט בכוח מער איבערצופלאַנצן זיך אין אַ נייער סביבה. קלאָר. ס'האָט דיך פאַרטריבן אויף די אומוועגן פון עמאָ־ציאָנעלן סוביעקטיוויזם. האָסטו דאָך אַמאָל, אין אָנהויב פון דיין וועג אין לעבן, אַ פאַרביטערטער, געזוכט אַן אויסוועג אינם אַנאַרכיזם, און

ערשט דער לעניניסטער קלאָרער געדאַנק האָט דיך צוריקגעפירט צום מאַרקסיזם...

— האָסט זיך, למשל, פאַרטראַכט, פאַרוואָס סטאַלין האָט אינסצע־ניזירט די פּראָצעסן דווקא אין דער צייט פון אַזוי שטאַרק־צעבלאָזענעם פאָלקס־פראָנט? ער האָט געוווסט, דער כיטרער פוקס, אַז אין אַזאַ בהלה־צייט וועט קיינער נישט אויפהויבן דאָס קול צוליב אַזאַ „קלייניקייט". אפילו לעאָן בלום האָט נישט געהאַט מער וואָס צו זאָגן, ווי נאָר, אַז — „יעדע רעוואָלוציע פרעסט אויף אירע אייגענע קינדער"... ער האָט זי־כער געהאַט עפּעס מער וואָס צו זאָגן, נאָר דער פאָלקס־פראָנט האָט אים אַליין לסוף — פאַרטריבן פון דער פּאָליטישער אַרענע.

— באַשולדיקן, ווידער, אַלע פּוילישע קאָמוניסטן אין שפּיאָנאַזש, איז, פאַרשטייט זיך, אַ מאָנסטרועזע, טייוולאָנישע אויסטראַכטעניש. ערשט איצט הייבן מיר עס אָן צו פאַרשטיין. קיין שום פּאַרטיי וואָלט נישט געקענט נעמען אויף זיך די מיט־פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר אַזאַ פאַרברעכן — אָן אָפּמאַך מיט היטלערן! אָנצינדן דאָס פייער! צעטיילן זיך מיט אַ באַנדיט דאָס זאַק־רויב — פּוילן. ניין, דאָס איז זיכער אַלץ פריער געווען פּלאַנירט געוואָרן. אויך די מערב־אייראָפּעאישע דעמאָ־קראַטיע וועט טייער באַצאָלן פאַר העלפן דערשטיקן די שפּאַנישע רע־פּובליק. זיי זעען אין היטלערן אַ שוץ־וואַנט קעגן אויפברויז פון אַרבעטער־קלאַס אין אייראָפּע. ס'דערנענטערט זיך אַ גרויס אומגליק. ס'ווערט פאַר אונזערע אויגן צעגראַמירט, פאַרניכטעט הונדערט יאָר אינטערנאַציאָ־נאַלע אַרבעטער־באַוועגונג!

— דער אָפּמאַך, זאָלסטו וויסן, איז אַ בונד צווישן צוויי וועלט־מער־דער. ס'האָט זיך אַראָפּגעלאָזן איבער אונז די נאַכט פון לאַנגן מעסער, דער עיקר — פאַר אונז, יידן... — און חבר אהרן האָט זיך געלייגט די האַנט אויפן האַרצן — כ'האָב, גלויב מיר, אָוועקגעגעבן אַלץ, וואָס אַ מענטש איז בכוח אָוועקצוגעבן. מען וואַרפט מיך פאָר, אַז כ'בין געוואָרן אַ נאַציאָנאַליסט, און דערצו — סענטימענטאַל. כ'בין זיך מודה, אַז אָן גרויסע מענטשלעכע סענטימענטן, קען מען קיין גרויסע אידייען נישט דינען.

ווי גענעראַלן פון אַ צייטווייליק־פאַרשפּילטער שלאַכט, אַזוי האָבן זיי זיך דאָ צוריקגעצויגן, צו די פאַרשטעקטע פאַריזער מאַנסאַרדע־שטיבלעך, און ווייטער געפּרווט צו גראָבן אין דער טיף. ניין, זיי האָבן נישט קאַפּיטולירט. זיי האָבן נאָך דעמאָלט אַלע שטאַרק געגלויבט, אַז זיי וועלן זיך נאָך איינמאָל צוריקקערן אַהין, צווישן געדיכטן יידישן פאָלק אין פּוילן, צו פאַרענדיקן די שלאַכט. אַזוי יידיש־נאַיוו זענען זיי נאָך דעמאָלט אַלץ געווען. אפילו קראָקע־ווער, דער שאַרפער אינטעליגענט, דער נישט־געפּעלשטער קאָסמאָפּאָליט. אין זיין מויל איז געווען אַ האַרטלעכער, דוכט זיך, אויסגעלערנטער יידיש.

ער איז געווען אַ פּאַליגלאָט; אויסערן אויסגעזוכטן, שטרענג־גראַמאַטיקאַלישן פּויליש, און נאָך אַ צוויי־דריי אייראָפּעאישע שפּראַכן, איז ער אַוועק פון די אוניווערזיטעט־שטעט, פון קראָקע, פון וואַרשע, פון מאָסקווע, מיט אַ באַגאַזש פון טיפע סאָציאַלע קענטענישן און מאַרקסיסטישן וויסן.

הינטערן ווענטל האָט זיך דאָרט געריסן אַ קינד; אַ נײַ־מאַשין האָט האַסטיק געקלאַפּט. דאָס ברודיקע מושלין־פאַרהענגל האָט זיך אפילו קיין באַוועג נישט געטון. הינטערן שייבל איז נאָך אַלץ געשטאַנען אַ שטיקעניש, אַ חמימה. אין דעם איז דער יונגערמאַן מיט די קרייזעלעך געקומען אָנצולויפן, אַרויסגעצויגן, אַ צעשיינטער, אַ פלעשל בראָנפן פון אונטער דער פּאָלע. מ׳ווייסט גאָרנישט ווו ער האָט דאָ ערגעץ דערטאַפּט אַ פלעשל אמתע „ווודקאַ וויבאָראָווואַ״ אין דער בהלה, וואָס איז שוין געשטאַנען צווישן די יידישע געוועלבלעך אויפן בעלוויל. ער האָט זיי דאָ געלאָזן ביים טיש, גע־דיכט פאַרוויקלט אין סיגאַרעטן־רויך, אין זייערע הייסע גערעדערייען, און איז אַוועק פאַרען זיך הינטערן פאַראַוואַן.

— אַנו, סמאָרקל... — האָט ער אונטערגעטריבן דאָס ייִנגלעריש־פּאָר־שוירענע מיידל, אַנקען — גיב דאָרט אַכטונג ס׳זאָל נישט אויסלויפן...

ס׳האָט שוין באַציטנס פאַרשמעקט אין שטיבל אַ היימישער קרופּניק. אָבער אויף די פּנימער ביי זיי איז פּלוצים געווען — אַן אומרו, ווען עפּעס אַ פרעמדער האָט אַ קלאַפּ געטון אין דער טיר. קראָקעווער האָט זיך אויפֿגעריסן פון ד׳ער צעשאָקלטער טאַבורעטקע, איז צו, האָט פאַרהויבן דאָס פאַרהענגל. דורך די הינטער־הויפן, איבער די אָפּגעלעגענע פּלעצער, פאַר־וואַקסן מיט ווילדגראָז, איז לייכט געווען באַלד אָפּצוטראָגן זיך...

ער איז שוין אָבער די נאַכט פאַרבליבן נעכטיקן מיט זיי אַלעמען אין שטיבל. ביים אָנגערייסטן קרופּניק, האָבן זיך אַלע צעזעצט אַרום טיש ביי לייביש שניידער, מיטן גאַנצן געזינדל; מ׳האָט נאָך לאַנג, ביז אין דער שפּעטער נאַכט אַריין, אַרומגערעדט די נייע סיטואַציע, וואָס האָט זיך גע־מאַכט. אַלע האָבן זיי געפילט, ווי שווערע וואָלקנס רוקן זיך אָן. איידער וואָס, האָט מען דאָרט, ווי אין די וואַרשעווער פּאַציאַטקעס, אויסגעבעט אויף דר׳ערד אַ ברייט געלעגער און אַ פאַרלעש געטון דעם לאָמפּ. אין דרויסן, אויפן בולוואַר, אין די געסלעך, זענען שוין געגאַנגען אַבלאַוועס. ס׳איז פּאַר אַ פרעמדן געווען געפערלעך צו לאָזן זיך שפּעט ביינאַכט איבער די גאַסן פון דער פאַרטונקלטער, אויסגעשטאַרבענער שטאָט. קראָקעווער און חבר אהרן זענען געלעגן זייט ביי זייט. אפנים, אַז אויך דער פרעמדער, וואָס האָט דאָ פריער אומגעריכט אַ קלאַפּ געטון אין דער טיר, האָט עס זיי געמאַכט אַזוי אומרואיק. די צוויי אַלטע וועלף פון דער קאָנספּיראַציע האָבן אָבער דערשמעקט די געפאַר פון ווי ווייט.

## קאַפּיטל 3

# אַן אומגעריכטע באַגעגעניש

אין זעלבן דעמפּיקן פאַרנאַכט האָט אין ווינקל קאָרידאָר אַ גרויער מאַן, אין טונקעלע זון־ברילן, דריי מאָל שטיל אַ קלאַפּ געטון אין דער טיר ביי לייביש שניידער; דריי פּאַרזיכטיקע קלעפּלעך, אוודאי לויט אַן אָפּגערעדטן סימן. אַנקע, די יונגע „קאַזע", אָדער דער „סמאַרקל", ווי דער חבר אירער, דער אַביסל צעחושטער פּינסקער יונגערמאַן, האָט זי אַזוי „צערטלעך" גערופן, איז פאָרזיכטיק צו אויפשפּאַרן די טיר; און אַז דער פרעמדער האָט אין איין בליץ־רגע דערבליקט דעם פונאַנדערגעזעצטן עולם אַרום טיש, ביים היימישן קרופּניק, בפרט די קענטלעכע סילועטן פון חבר אהרן, פון חבר קראָקעווער, האָט ער זיך האַסטיק צוריקגעצויגן, באַלד, מאָדנע צעחושט, זיך אַנטשולדיקט, אַז ר'האָט זיך טועה געווען, ער האָט פאַרבלאָנדזשעט איין שטאָק נידעריקער. אויבן, אויפן העכערן שטאָק, פּונקט אין זעלבן ווינקל, האָט זיך אויפגעהאַלטן די חברטע מירע. די בליץ־באַגעגעניש מיטן פרעמדן איז אָבער געווען אַזאַ אומגעריכטע, אַז זיי זענען דאָ אַ רגע געבליבן ווי אָן לשון. קראָקעווערן איז באַלד קענטלעך געווען דער רונדער קאָפּ זיינער. ער האָט זיך געכאַפּט, ווייל ער האָט אים נאָך, זעט אויס, גוט פאַרגעדענקט פון ערגעץ, און אפשר טאַקע פון דער באַרימטער „מיירעווקע", די קאַדרן־שול אין מאָסקווע, פון יענע שטורמישע אַנהייב־דרייסיקער יאָרן.

— קענסט אים? — האָט זיך קראָקעווער אויפגעריסן, נאָכדעם ווי יענער האָט צוריק פאַרמאַכט די טיר.

— כ'ווייס... דוכט זיך, אַז ער דרייט זיך דאָ אַרום אין די אַרבעטער־קלובן... וווהין לויפסטו שוין? — האָט ער געזען, ווי קראָקעווער רייסט זיך אויף פון בענקל און ס'שלאָגט אים אַן אומרו אין פּנים.

— הער, כ'בין אָבער אַלעמאָל אויפגעציטערט געוואָרן — האָט ער דורכגעזייעט צווישן די ציין — ווען כ'האָב געזען אויסמישן רעוואָלוציאָנערע טעטיקייט מיט... שפּיאָנאַזש. פע, דער קלאַנג אַליין רופט אַרויס ביי מיר אַ געפיל פון עקל... — און ער האָט זיך דערמאַנט, וואָס אהרן האָט זיך נאַרוואָס אַנדערצײלט פון די פאַרדעכטיקע לייט פון דער פּאַרטיי.

— אַזוי האָבן מיר אַלע געמיינט... — האָט חבר אהרן געפּרוווט, נישט מיט זיין קול, זיך פאַנאַנדערלאַכן, נאָר ס'האָט זיך גאָרנישט באַקומען — אָבער אויבן האָבן זיי אַנדערש געקוקט אויף די זייער דעליקאַטע ענינים. אויב דינען דער באַוועגונג, איז אפילו — מיטן פאַרקויפן ס'גאַנצע מאָראַלישע לעבן, ס'געוויסן... מאָראַל, הערסטו!... די מאָסקווער פּראָצעסן און — מאָראַל...

— וואָלסט זיי באַדאַרפט אויסמיידן, אָט די־אַ... — האָט קראָקעווער

שטיל אָפּגערופן זיך און באַלד ווידער אַ פרעג געטון, מיט חשד — און ווער, זאָגסטו, איז די חברטע אויבן?

אין זיין צעחושטקייט, האָט אים חבר אהרן נישט געוווסט באַלד וואָס צו ענטפערן. טאַקע, וואָס האָט ער דען געוווסט? כאָטש ער האָט געטראָגן דאָס וואַרעמסטע געפיל צו די געטרייע איבערגעגעבענע חברטעס. אָ, די חברטעס, אָדער יאַטעכעס, פון דער דזשיקע גאַס, פון מוראַנאָווער ראַיאָן אין וואַרשע, פאַרבלאַנדזשעטע אין דער פרעמד, אויפן פאַריזער ברוק! זיי האָבן זיך דאָ אויפגעהאַלטן אין די פאַרשטעקטע האָטעלן, אין די מאַנסאַרדעס, ווי פויגל־נעסטן, אונטער די דעכער פון אַלטן פאַריז, אין די אָפּגעלעגענע קוואַרטאַלן פון דער גרויסער שטאָט. אַ קרום דאַך שטיבל, אַ געבויגענער סופיט, אָבער מיידלעריש־ציכטיק צוגעקליבן — אַ סערוועטל, אַ בלימל אין אַ גלאָז וואַסער; אַ שטילער פאַרזיכטיקער קלאַפּ אין טיר, צווישן טאָג און נאַכט, האָט זיי געמאַכט אומרואיק און פריידיק אויפצאַפּלען, אויפפלאַטערן.

דאָס סאַמעטענע גלענצל אין די אויגן פון דער חסידישער טאָכטער, ביי דער חברטע מירא, האָט אומגעריכט ווייך אויפגעלויכטן, זיצנדיק נאָענט לעבן אַ ייִנגל מיט אַ העלן פּוך אויף דער אויבערשטער ליפּ. אַזאַ שוואַכקייט האָט זי שווין געהאַט; אַ חסידישער טעמפּעראַמענט, נישט־אויסגעברענטע ליידנשאַפטן. זי האָט זיך, לאַכנדיק, געקענט אַ טוליע־טון צום ייִנגל, ווי אַ קעצל; און ס׳ייִנגל איז שוין מער נישט אָפּגעטרעטן, איז זי אומעטום נאָכגעקראָכן. דענאָך איז זי, ווי געווייִנלעך, פאַרשוווּנדן, מער נישט געוויזן זיך. אַזאַ פּאַסקודנע טבע האָט זי שוין געהאַט, די מויד — זיי זענען איר גיך נמאס געוואָרן, די נאַיווע ייִנגלעך. זי איז אפשר גיכער טאַקע געווען פון דעם מין קליינע, פלאַטערנדיקע טעאַטער־מיידלעך, לייכט, ווי אַ ווינטל; ווייל ס׳האָט איר טאַקע אַ שטיקל צייט אַ צי געטון צום אַמאַטאָרן־קרייז, צום ליכט פון דער בינע. דאָרט האָבן זיך אַרומגעדרייט שלום עליכמס, גאָלדפאַדענס יידענעס, יידן, זיי האָבן גערעדט אַ געדיכטע, וואָכעדיקע פּראָזע; און צווישן זיי — אַ ייִנג מיידל, אַ מירעלע. דער סימבאָל פון דער יוגנט, וואָס רייסט זיך צו שענערע וועלטן. דאָס בינע־ליכט וואָלט איר פאַר־בלענדט און אפשר געגעבן גאָר אַן אַנדערן לויף אין איר פלאַטערנדיקן, יונג־מיידלשן אַרומצאַפּלען. נו, איז באַשערט געווען זי זאָל אָפּשפּילן גאָר אַן אַנדערע דראַמע אין לעבן, אַן אמתע, נישט אויף דער בינע, נאָר אַ פיל מער געפערלעכע דראַמע. אין איר קורצן, האַסטיקן לעבן, ווי פון אַן איין־טאָג־פלאַטערל, איז אומגעריכט צוריקגעקומען דער חבר בער. אָ, ער איז נישט געווען פון די נאַיווע ייִנגלעך. ער איז געווען עפּעס אַנדערש. באַפּעלע־רישס, ווי אַ היפּנאָז, איז געווען אין זיין געשטעל, אין זיין אָפּבריענדיקן בליק; כאָטש ער האָט אַזוי מילד געשמייכלט. מיט פלאַטער האָט זי אים געפלעגט אָפּצוואָרטן אין פאַרנאַכט. די פאַרטיי האָט אין יענע אומרואיקע יאָרן געשיקט, באַפוילן; פאַרהוילענע פּאָליציייִשע אויגן האָבן אומעטום געלויערט, געווען אויף זיינע שפּורן. אָבער ער האָט זיך געקענט פאַרשטעלן אין אַלערליי מאַסקעס. ער האָט עס איר דעמאָלט נישט באַדאַרפט אויסצו־

זאָגן, אַז ער קומט אַנטלאָפן אין איר טיר צום לעצטן מאָל, איידער ער איז פאַרשוווּנדן. ער האָט זיך דערפילט ווי אַ קליינער פּחדן, אָבער אַנדערש האָט מען נישט געקענט, נישט געטאָרט. דווקא אָט דאָס קליינע מיידל מיטן אליוון־פּנימל פון אַ מולאַטקע, מיראַ, איז אים אַ סך מאָל געקומען אויפן זינען, ווען ער איז פאַרוואָרפן געוואָרן זייער, זייער ווייט פון די פּאַריזער מאַנסאַרדעס, ווו די חברטעס האָבן זיך אויפגעהאַלטן. נישט ווייניק איבער־געגעבענע חברטעס, וואָס האָבן געקרייצט זיינע וועגן, האָט ער גיך פאַר־געסן, נישט געדענקט אפילו מער זייער אויסזען, ווי זיי האָבן זיך דאָרט גערופן, אָבער נישט — חברטע מיראַ.

פאַראַן, זעט אויס, אַזאַ דינער אַראָמאַט, אַ פלואיד, וואָס גייט אַ מענטש לאַנג נאָך. ער טוט טיילמאָל אומגעריכט אַ ווייע, אַ שוועב פאַרביי דעם אַנגעשפּיצטן חוש־הריח אין דער ערב־פרילינגדיקער לופט; אַ זיסלעכער אַראָמאַט פון צוגעלעגן היי; אַמאָל איז עס דער רעפריין פון אַ גאַסן־לידל, וואָס טוט אַ קלונג אין אויער; אַ נאַריש לידל, וואָס האָט געהילכט איבער די פּאַריזער ברוקן, אַ קליינע דערמאָנונג, אין דעמערונג, ווען די פאַרנאַכטיקע זון טוט אומגעריכט אַ שיין אויפן שלעקל פון אַ ווינקל סופיט. ס'האָט באַדאַרפט איבערלויפן אַ לאַנגע צייט, אַ יאָר־אַנדערטהאַלבן־צוויי, פאַר־וואָגלט, ווייט פון דער הפקרער עמיגראַציע, אויפסניי צו דערפילן אַ שוועב טון אין דער לופט אָט דער דינער אַראָמאַט.

אַזוי איז ער נאָך אַמאָל קאַפּויער געקומען, דער חבר בער, פּונקט אַזוי אומגעריכט ווי ער איז פאַרשוווּנדן. קיינער וואָלט אים דאָ סיי ווי נישט באַלד דערקענט, מיטן דינעם וואָנסעלע, אין די טונקעלע זון־ברילן, בפרט מיט אַן אַנדערן דאָקומענט אין קעשענע, מיט אַן אַנדערן צוגעקלעפּטן פּסעוודאָנים.

פון וואַנען האָט ער זיך אין יענעם זומער דערנומען אַהער? פון וואַנען איז ער פּלוצים ווידער געקומען אַנצולויפן?

דער פאַרוואָרפענער לאַגער פאַר די שפּאַנישע מיליציאַנערן, צו־פוסנס פון די שניי־באַדעקטע פּירענייען, האָט זיך אין יענעם סוף זומער שטיל געענדיקט אויסליידיקן. דאָרט זענען אינטערנירט געווען די רעשטלעך פון דער רומפּולער באַזיגטער רעפּובליקאַנישער אַרמיי, פון די אינטער־נאַציאָנאַלע בריגאַדעס, נאָך די שווערע, ביטערע שלאַכטן ביי באַרצעלאָנע, אין ריקצוג צו די פלאַכע פישער־ברעגן ביים מיטללענדישן ים, אין פראַנק־רייך. די לעכערדיקע, פריש־צונויפגעקלאַפּטע באַראַקן האָבן שווער גע־קרעכצט אין רייסיקן ווינט, אין מיסטראַל, וואָס בלאָזט דאָרט אין דער צייט. אין דער פאַרוואָרפענער פישער־בוכטע האָבן די ווינטן, נידעריק אונטערן פינצטערן הימל, אויפגעהויבן דעם דינינקן זאַמד־שטויב, אין געווירבל, אין הויכע זיילן. צווישן די מאַסטן פון פאַרלאָזענע פישער־שיפלעך האָבן מער נישט געפלאַטערט די מעוועס. זיי זענען אוועק טיפער אין לאַנד אריין, צעזעצט אויף די שפּיציקע ברעג־פעלזן — אַן אָנזאָג אויף שטורעמס. זעלטן־

ווען ס'האָט זיך איצט שוין געצייכנט אויפן האָריזאָנט דער ווייטער סי־לועט פון אַ זעגל־שיף, אָדער דער געדיכטער רויך פון אַ דאַמפּער. דער גריבערדיקער וועג איז געלאָפן אין אַ ספּיראַל איבערן זומפּיקן פּליין, האָט געפירט צום פּאַרוואָרפענעם וואָקזאַלעכל, צופוסנס די שטילע באַרג־וועגנט. פון דאָרט, פון קליינעם וואָקזאַלעכל, זענען שוין, מיטן אויסברוך פון דער מלחמה, יעדן פאַרטאָג געקומען די ציווילע טראַנספּאָרטן פּרייווי־ליקע, צום גרויסן שכנותדיקן מיליטער־איבונגס־לאַגער פון פּרעמדן־לעגיאָן, אין באַרקאַרעס.

איבערן האַלב־פאַרלאָזענעם לאַגער פון די שפּאַניער און אויסלענדער, פון די צעקלאַפּטע אינטערנאַציאָנאַלע בריגאַדעס, האָבן זיך נידעריק אונטערן הימל געטראָגן די רויכן פון ערד־אייוועלעך און שייטערס, הינטער געדיכטע שטעכל־דראָט־צוימען האָבן זיי אין די כמאַריקע טעג אָרומגעבלאָנקעט אין די זאַמדן, אָפּגעשליסענע, אין לאַנגע, צעריסענע שינעלן, אויפגעבלאָזן פון ווינט. זיי האָבן אויסגעקוקט ווי זעלטענע עק־זעמפּליאַרן הינטער פאַרצוימונגען אין אַ זאָאָלאָגישן רעזערוואַט. די ביי־ניקע, פאַרוואָקסענע פּנימער, פינצטערע, זענען געוועזן בלויז — אויגן; גרויסע, הונגעריקע, פיבער־גליענדיקע אויגן. ביים שטרענג־באַוואַכטן טויערל האָט זיך נאָך עטלעכע מאָל אין טאָג געטוישט די וואַך פון די טעמפּע, אָפּגעפרעסענע פראַנצויזישע זשאַנדאַרן. איבער די נידעריקע, געמויערטע קאַזאַרמע־געביידעס, אויפן נאָמען פון מאַרשאַל זשאָפר, האָט געקלאַפּט אין ווינט די טריקאָלאָר־פאָן. זיי האָבן זיך שוין אַ ליאַדע טאָג געגרייט אַוועקצוגיין פון דאַנען. אין די קאַזאַרמעס איז איצט געווען איינ־קוואַרטירט אַ באַטאַליאָן פון די שוואַרצע סענעגאַלער טרופּן. זיי האָבן עס באַגלייט די שטילע, האַלב־נאַכטיקע טראַנספּאָרטן פון די שפּאַניער. מ'האָט זיי, דורך הונגער, שיקאַנעס, געשטויסן צו גיין „פרייוויליק" אַנגאַזשירן זיך אין פרעמדן־לעגיאָן. די אַנגעפּאַקטע לאַסט־וועגן האָבן זיי נאָך האַלבער נאַכט באַגלייט צום נאָענטן מיליטערישן קרייז, צו די אַנגאַזשיר־און אויספאַרש־ביוראָען.

די פאַרבליבענע „באַטווינצעס", פון דער פוילישער דאַמבראָווסקי־בריגאַדע, צווישן זיי — פאַרטייעטע, פאַרביסענע — האָבן געהערט צו די לעצטע, די באַזונדערס־פאַרדעכטיקע. זיי זענען, אונטער אַ פאַרשטאַרקטן קאָנוואָי, צוריקגעברענגט געוואָרן פון דער מיליטערישער אויספאַרשונג־ביוראָ. זיי האָבן דאָרט שטרענג געזוכט, גענישטערט צווישן די אָפּגעשלי־סענע מיליציאָנערן, די געוועזענע אָפיצירן, די פּאָליטישע קאָמיסאַרן. טויזנטער זענען זיי צעוואָרשט געווען. די שווער־פאַרוואונדעטע זענען אָפּ־געטיילט געוואָרן אין די קראַנקן־באַראַקן; דאָרט זענען זיי אויסגעגאַנגען, אין היץ, אין אומפּלייט, פון הונגער, פון עפּידעמיעס. מ'האָט זיי נאָך האַל־בער נאַכט באַערדיקט אין די ברידער־קברים, צווישן די זומפּן.

און אים, חבר בער, האָט עס מיט אַן אומגעשטילטער בענקשאַפט צוריקגעצויגן קיין פאַריז, צו די אומפאַרגעסלעכע, אילומינירטע נעכט פון

14־טן יולי, צו די קליינע באַל־מיזעטן אַרום פּיגאַל, אויפן אַלטן מאָנ־מאַרטר, צו די רוישיקע מיטינגען און דעמאָנסטראַציעס פון פאָלקס־פראָנט, מיט דער אויפגעהויבענער פויסט, פון באַסטיל ביז נאַסיאָן; דער עיקר, צו די רוישיקע יידישע אַרבעטער־קלובן און ביליקע רעסטאָראַנען, ווו מ׳עסט אַ היימישן קרופּניק, צוגעגרייט דורך די טייערע יידישע חברטעס. דאָרט, צווישן די פאַרוואָלגטע יידישע אַרבעטס־לייט, האָט ער געוווסט, וועט ער געפינען דעם ריכטיקן, איבערגעגעבענעם עלעמענט פאַר די נייע, וויכטיקע אויפגאַבן, וואָס זענען אים אָנפאַרטרויט געוואָרן; בפרט — ס׳קליינע, פלאַטערנדיקע מיידל, מיראַ. אַזאַ מיידל... — איז אים גלייך דורכגעפלויגן. די פּראַקטיק פון אַן אַלטן קאָמאינטערן־פונקציאָנאַר און פון — אַ סאָלדאַט; די געשמוגלטע גרענעצן, די פאַלשע פּעסער... מאָס־קווע... באַרצעלאָנע... גוואַדעלאַכאַראַ, טערועל. דאָס שטורעמען די עברע. דאָס שטילע פאַרשווינדן פון סאָציאַליסטן, פון פאַרדעכטיקע טראָצקיסטן אין די אויספאָרש־ביוראָען, אין די שטאָבן. מ׳האָט עס צוגעזען און גע־מוזט האַלטן ס׳מויל. דער טויט, פון וואַנען ער זאָל נישט קומען, איז שוין דאָרט געווען כמעט אַ וואָכעדיקער ענין. מ׳האָט שוין אפילו נישט אויס־געשאָסן איבערן פרישן בערגל פון אַ חבר, וואָס איז געפאַלן אויפן שלאַכט־פעלד. ס׳איז שוין געווען דער בהלהדיקער צוריקצוג, ווען ער איז ד׳עם לעצטן מאָל צוריקגעשיקט געוואָרן קיין שפּאַניע, נאָכן דורכמאַכן די „ספּע־ציעלע שולע״. אויפן פראָנט פון טערועל האָט ער זיך אַרויסגערוקט צווישן די, וואָס האָבן שנעל באַהערשט דעם מאַשין־געווער, פון קליינעם מאַרטיע־קאַנאָן, אין די געפערלעכע באַרג־קאַמפן. מ׳האָט אים אָבער גיך צוריקגע־צויגן פאַר וויכטיקערע אויפגאַבן; האָט זיך אפילו קורץ באַוויזן אין פּאַריז, אין די יידישע קאַפייען אויפן בעלוויל, צו ווערבירן פרישע עלעמענטן; אויסער — די שטילע געווער־טראַנספּאָרטן. פון אַלע פייערן, פון אַלע רעוויזיעס, האָט ער באַוויזן צו פאַרשטעקן ביי זיך דעם פּאַספּאָרט פון עפּעס אַ בעלגישן בירגער, אַ פאַנטאָם־פּאַספּאָרט, פון איינעם פון די אויסלענ־דער־בריגאַדעס, געפאַלן אין שפּאַניע.

די קאָנטאַקטן זענען אָבער אַצינד געווען איבערגעריסן. פריער איז נאָך צייט געווען שטיל אַרויסצוגליטשן זיך פון הינטער די שטעכל־דראָטן. ס׳האָט געשמעקט מיט פאַרשאַרפטע דעקרעטן. אַרומדרייען זיך אין פּאַריז איז געווען געפערלעך. אומעטום, אויף אַלע וואָקזאַלן, אין אַלע שטעט — אַבלאַוועס, אַרעסטן. אָבער אומגעריכט, מ׳ווייס נישט פון וואַנען, ווי אַזוי, איז אים אַלץ באַזאָרגט געוואָרן, מיטן באַפעל — באַצייטנס אָפּצוטראָגן זיך.

אין פאַרכמאַרעטן באַגינען איז ער געשטאַנען און אַרויסגעריסן אַ קלעצל פון אַונטער אַ פאַרלאָזענער נאַרע. אַ שטיקל האָלץ צו קריגן איז שווער געווען, אויפצובלאָזן דעם קליינעם שייטער אין דער מיסט־גרוב הינטער די באַראַקן. באַשיצט פון ווינט, איז ער געווען פאַרוויקלט אין אַ קאָלדרע, אין לעכערדיקן שינעל. פון פינצטערן באַראַק איז ער אַרויסגע־

קראַכן צום אַפּעל. ער איז כמעט די נאַכט נישט געשלאָפן. די גרויסע, מיט בלוט אָנגעטרונקענע פליי, האָבן געמאַטערט, די זלידנע טראַכטעניש האָבן געטרוקנט דעם מוח. ער איז געלעגן אויף דער נאַרע לעבן לאַפּעזן, לעבן פּאַנסעקאַ, די צוויי פּאַרביסענע לייטענאַנטן פון דער בריגאַדע אויפן נאָ־מען פון גאַרסיאַ לאָרקאַ.

דאָ האָט מען ווידער באַדאַרפט האַנדלען ענערגיש, נישט וואַרטן מער. די לאַקאָנישע בריוועלעך, שיפרירטע, וואָס האָבן זיך דורך ערגעץ אַריינבאַקומען פון יענער זייט שטעכל־דראָט, האָבן באַפוילן: „זיין גרייט!". דאָס פאַריזער יידישע שניידער־ייִנגל, וואָס איז געפאָרן קעמפן קיין שפּאַ־ניע, האָט אים אין מיטן נאַכט אַ ריר געטון ביים אַקסל. זיי זענען שטיל אַרויס פון באַראַק, דערקראָכן ביזן ים אַרונטער. אין געדיכטן חושך, איז די שיין פון די רעפלעקטאָרן, וואָס האָבן אַרומגעכאַפּט דעם שטח, נישט דערגאַנגען צו זיי. פון דאַנען איז לייכטער געווען אויסצומיידן דאָס אויג פון דער וואַך, פון די לייכט־טורעמס. ערגעץ אין יענעם עק לאַגער האָט געברענט אַ באַראַק אין ווינט, ווי אַ קינדל; געשרייען האָבן זיך געטראָגן מיטן ווינט און אַ סך שאָטנס האָבן זיך געלאָזן אַהין לויפן. דאָס ייִנגל האָט אים אָפּגעשטעקט די ציווילע, בלויע אַרבעטס־קליידער. אין אַזאַ צייט אַרומדרייען זיך אין פּאַריז... אָבער ער האָט נישט געקלערט דערפון. פון ערגערע פייערן איז ער שוין אַרויס, „אַזעלכע ווי מיר"... — האָט ער זיך אַ זאָג געטון. די שטרעקע ביזן קליינעם וואקזאל האָט ער זיך אָריענטירט לויט די ווייטע ליכטער אויפן אויפגעהעלטן הימל. זעקס מיט אַ פערטל גייט אָפּ דער צוג אויף טולוז. צווישן די נידעריקע קוסטן פון די ווייַנטרויבן־ביימלעך זענען זיי לאַנג געלעגן. אויפן שאָסיי האָבן זיך פאַרבייגעטרייסלט לאַסט־אויטאָס. אין קליינעם וואקזאל איז נישט לאַנג אויסגעקומען צו וואַרטן. דער האַלב־ליידיקער צוג האָט געריררט. פאַרוקט אין אַ ווינקל, האָבן זיי אונטערגעדרימלט, אָבער מיט וואַכע, אָנגעשפּיצטע חושים. אין טולוז, אַרום וואָקזאַל, האָט מען איבערגענעכטיקט אין אַ זייטיקן האָטעל אויף דער פאַבריק־פאַרשטאָט. ס'איז געווען אַ האָטעלכל, מיט אַ ביסטראָ, מיט אַ קרומער שויבן־טיר. כאָטש ס'איז שוין לאַנג געווען די שעה פון אויסלעשן די פייערן, איז נאָך אונטן, ביי פאַרשפאַרטע לאָדנס, געווען רוישיק און היימלעך. ס'האָט געשפּילט אַן אַקערדעאָן, ס'האָט געקלימפּערט אַ גיטאַרע. אַלעמאָל איז געווען אַן אויסגעשריי: אָ־לעי!... פאַרשרומפן אין פרעמדן בעט, ביי אַ פייכטער וואַנט, האָט מען לאַנג נישט געקענט איינ־שלאָפן. ס'האַרטע, שמאָלע בעט איז געווען צו ווייך, צו באַקוועם. זיי האָבן נאָר געהערט דאָס פייפן פון נאָענטע לאָקאָמאָטיוון.

אַזוי איז חבר בער ווידער קאַפּויער געקומען קיין פּאַריז. ער איז אַוועק אויפזוכן ס'קליינע מיידל, כאָטש ער האָט עס אפשר באַלד נישט געטאָרט.

מ'דאַרף זיך פאַרשטעלן, אַז ער איז דאַסמאָל „אַריבערגעוואָרפן גע־וואָרן" מיט באַזונדערס וויכטיקע אויפגאַבן. ס'איז געווען נאָך די פראַ־

צעסן „דאַרט״, נאָכן „אַפריקאַנער״ די אַרמיי; און די גרויסע געפאַרן, וואָס ער איז דאָ, אין מערב, אַנטקעגנגעלאָפן, האָבן אין זיינע אויגן אויסגעקוקט — לעכערלעך־נאַריש, קעגן דעם, וואָס ס׳האָט זיך „דאַרט״ אָפּגעטון. זיי האָבן עס קיינס אפשר אויף אַזויפיל נישט געוווסט. בעסער אַזוי. פאַר־קערט, ער האָט דאָ פרייער אָפּגעאָטעמט. ס׳קליינע מיידל מיטן אַליוון־פנימל, האָט ער זיך דערמאָנט, האָט דאָ שטודירט, געגרייט עפּעס אַ טע־זע, אין ביאָכעמיע, צי אין עלעקטראָניק. וואָס האָט זיך פון איר באַקומען? ער האָט זי אַצינד נויטיק באַדאַרפט. אַלצאיינס — האָט ער זיך געזאָגט — איז עס אַ שפּיל פאַרן טייוול. נישט ווייניק איז אין אים אַליין, דעם אמת געזאָגט — געווען צעטרייסלט דער גלויבן. אָבער ס׳איז שוין געווען מל־חמה־צייט. מ׳האָט צופיל נישט באַדאַרפט אַריינטראַכטן. דאָ גייט אין גרויסן בייז, אָדער אין גרעסערן בייז, וואָס האָט זיך אַראָפּגעלאָזן אויף אונזערע קעפּ. (ער האָט נאָך דעמאָלט נישט געוואָגט צו זאָגן עס זיך אַליין אפילו — איבער אונזערע יידישע קעפּ).

אוודאי, לויט דער פּראַקטיק פון מאַסקירן זיך, צו זיין אַ רואה ואינו נראה, האָט ער ס׳מיידל נישט געטאָרט גיין אויפזוכן, האָט בכלל נישט גע־טאָרט ווייזן זיך אין אָט די מלינות פון דער האַלב־לעגאַלער אימיגראַציע, וווּ ס׳דרייען זיך אפשר אַרום פאַרשיידענע לייט, וואָס — ווער ווייסט זיי. און אָט, בלאָנדזשענדיק איבער אַ פאַרלוירענער סטעזשקע אין פּאַרק, וואָס ליגט דאָ ערגעץ אין די געגנט פון גרויען בעלוויל, ווי אַן אַאַזיס, האָט ער זי, ווי אָפּגערעדט, דערזען. זי איז געווען אין זעלבן, אומשולדיקן, פרילינגדיקן פּלאַטער, ווי דעמאָלט, ווען ער איז געקומען צושלייכן צו איר אין דער מאַנסאַרדע; אַ קליידל אין ראָזע און בלויע קווייטן, ווי די שמאָ־לע, איינגעצויגענע פאַריזערינס, אַ שרונט אין דער מיט פון אירע פעך־שוואַרצע האָר, וואָס פאַלן אַזש אַריין אין בלויקייט, האָבן איינגערעמט דאָס מאַטע אַליוון־פנימל; דאָס סטודענטישע, דאָס פאַרלאָקנדיקע האָט אים פאַרכאַפּט — איר ווייכער טראָט אין די נידעריקע לעטשלעך. ווי אין דער מאַנסאַרדע ביי איר, אונטער אַ הויכן דאַך, ווי אַ פויגל־נעסט — די האָר פאַנאַנדערגעוואָרפן אויפן קישעלע. סיי ווי האָט ער זיך שוין זייטיק נאָכגעפרעגט. „ווען זי ווייסט, די קליינע״... — האָט ער איינגעהאַלטן אין זיך דעם צאַפּל, אָבער פאַרבליבן איז ער קיל, אומצוטריטלעך, פאַרשלאָסן. די קליינע, פאַרבלאָנדזשעטע מיידלעך פון דער עמיגראַציע... און ער, וואָס האָט שוין געהאַט הינטער זיך אַ לאַנגן וועג פון שטרויכלונגען — דעם קיבוץ אין אויבערשטן גליל אין די עטלעכע און צוואַנציקער יאָרן, ביים האַקן שטיינער אויפן כביש, ביים טרוקענען זומפּן. דער אַרעסט, די תפיסה אין עכו און — די דעפּאָרטאַציע פון לאַנד דורך דער ענגלישער מאַנדאַטן־מאַכט. אַ גרויע עמיגראַנטן־שיף האָט אים אין אַ גרויען פרימאָרגן סוף צוואַנציקער יאָרן געהאַט אַרויסגעוואָרפן אין דער פּאָרט־שטאָט מאַרסעיל. אין פאַריזער יידישן אַרבעטער־קלוב, אויף לאַנקרי נומער 10, האָבן זיך שוין אַרומגעדרייט אין יענעם יאָר, צווישן אַנגעלאָפענעם יונגוואַרג פון

פוילן, פון ליטע, פון רומעניע, אַזעלכע „געוועזענע" פון די „מאַפּסן" אין פּאַלעסטינע, ווי מ'האָט זיי דאָרט גערופן. מיט זיינע דין־פאַרשנורעווע־טע ליפּן, גרינלעכע אויגן, האָט ער געצויגן אויף זיך די דיסקרעטע בליקן פון די קליינע חברטעס. ער האָט זיך אויף זיי כמעט נישט אומגע־קוקט. ס'איז געווען אַ מאָדנע אומצוטריטלעכע זיכערקייט אין זיין געשטעל.

אויך אַצינד האָט ער געוווסט, אַז ער דאַרף אפשר נישט באַלד גיין אָפּזוכן ס'קליינע מיידל, פונדעסטוועגן האָט עס אים אין פאַרנאַכט פאַר־לאָקט. ער האָט זיך אויך דערפילט זיכערער אין די פאַרשטעקטע געסלעך פון הויכן בעלוויל. אַ גרויער מענטש. ווער וועט אים דאָ נאָכקוקן? מ'ווייס נישט געגנוי וואָס פאַראַ געטועגישן זיי האָבן דאָ געהאַט צווישן זיך, אָפּגע־שפּאַרט אין צימערל פון טיפן קאָרידאָר, אַ שטאָק העכער פון לייביש שניי־דער. ער איז מסתמא נישט בלויז פאַרכאַפּט געווען פון איר יונג־מיידלע־רישן צוויבער פון אַ מעטרעסע. ס'איז געווען אַ סך מער. ער איז געקומען שטיל און אין פאַרנאַכט איז ער אַלעמאָל פאַרזיכטיק אויסגערונען. ער איז קיינמאָל נישט אַרויס צוריק דורכן זעלבן געסל, וואָס האָט געהאַט צוויי אַרויסגאַנגען צום קעגנאיבערדיקן קלויסטער פון מענילמאָנטאַן, נאָר גיי־כער אָפּגעטראָגן זיך דורך די הינטער־הייפן.

אין דעמפּיקן פאַרנאַכט איז ער געזעסן האַלב־אַנגעשפּאַרט אויפן ציכ־טיק־פאַרגלעטן מיידלשן בעט. דאָס פאַרהענגל איז געווען אַראָפּגעלאָזן, ס'פאַרפלאָמטע מיידל, אין שטוב־פּעניואַר, אין נידעריקע לעטשלעך, איז געשטאַנען און געפּרעסט אַ שלייפעלע, אַ בלוזקעלע אין קווייטן, און האָט געהערט איבער זיך זיינע שטילע, פאַרשטיקטע רייד, ווי פון אַן אויס־פאַרשער:

— וואָס טוען זיי דאָ, די צעחושטע יידן?... — האָט ער אָנגעוויזן מיטן פינגער אין דער נידער.

— כ'ווייס... מ'דיסקוטירט האַלבע נעכט... עפּעס אַלץ, דוכט זיך, וועגן דער אָפּאָזיציע... — האָט זי בלאָס געשמייכלט, אַנטפּלעקנדיק דעם קינדע־ריש־איבערגעוואַקסענעם צאָן.

— און קראָקעווער?... דער מיטן נאַקעטן קאָפּ, אין די פּענסנע?...

— אים קען איך נישט... אוודאי אַ פּריש־אַנגעלאָפענער...

— ווייסט וואָס כ'וועל דיר זאָגן? כ'וועל מער נישט קומען צו דיר... קענסט זיך נישט אויפזוכן אַן אַנדערע מאַנסאַרדע?

— נאָכוואָס? — האָט ס'קליינע מיידל נישט פאַרשטאַנען — דאָ איז זייער היימלעך... ווען דו ווערסט...

— מ'דאַרף אַזוי!

און ער האָט זיך באַלד דערנאָך אַליין געכאַפּט, אַז ער רעדט אפשר צום מיידל צופיל באַפּעלעריש. ס'איז נאָך אַביסעלע צו פרי. ער האָט זיך אַ וואָרף געטאָן צום פאַרהענגל, דערבליקט די הינטער־הויפן צווישן פינצ־טערע ווענט פון אַלטע געביייען און אַ טראַכט געטון — באַלד אָפּצוטראָגן זיך.

— זאָלסט מיך נישט אָפּשטעלן, אפילו נישט באַגריסן, אויב דו זעסט מיר אין מעטרא, אָדער אין גאַס, דו הערסט? אַזוי דאַרף מען! כ׳וועל שוין אַליין טרעפן אַהער... כ׳ווייס, דער שליסל ליגט ביי דיר אונטערן די־וואַניק...

— אַלץ ווייסטו... — האָט זי, אַ פאַרפּלאָמטע, אַוועקגעשאַרט דעם לאַק אין די אויגן — כ׳ווייס אָבער נאָך אַלץ נישט — ווער דו אַליין ביסט...

— ס׳גייט דיר אַזוי שטאַרק אין לעבן עס צו וויסן? — האָט זיך קוים אָנגעזען אַ שמייכל אין זיין פאַרשטאַרט פּנים, ווייל דער בליק זיינער, דער גרויער בליק, איז געבליבן ווי פאַרשטיינערט.

ס׳מיידל האָט זיך איינגעקוקט, דערכאַפּט פונדעסטוועגן די גרימאַסע פון אַ שמייכל און פּלוצים אַרויסגעכאַפּט זיך:

— כ׳ווייס שוין... דאָס ביסטו געווען דער צענזאָר פון די בריוו אין אַלבאַסעטע... דו ווייסט אַלץ...

— כ׳ווייס טאַקע... — האָט ער זיך, לאַכנדיק, אָפן מודה געווען — כ׳האָב אפילו געליינט אַלע דיינע בריוועלעך צו באַברושן... אַך, וואָס פאַראַ זיסע ליבע־בריוועלעך!.... ער איז געפאַלן, ווי אַ העלד, באַברוש...

— און די אויסגעשטראָכענע, צענזורירטע בריוועלעך... דאָס האָס־טו אויך...

— דאָס האָבן מיר געמוזט, קליינע... צופיל האָט ער דאָרט אָנגע־פּלאַפּלט, דיין באַברוש, וועגן זיין איינהייט... מיט אַלע איינצלהייטן... אַזעל־כע קלייניקייטן, אפילו אין ליבע־בריוו, זענען, ווייסטו, געפערלעך...

— דאָס האָסטו... — האָט זי שוין אַלץ פאַרשטאַנען, און אַ טרער האָט זיך אַ זילבער־געטון אין איר אויג.

האָט ער זי געגלעט איבערן קאָפּ, ווי אַ קינד, און געפליסטערט נאָ־ענט אין איר פאַרפּלאָמטן, אָפּגעדעקטן אויער:

— מ׳דאַרף אַזוי, קליינע... אָבער דאָס לעבן שטעלט זיך נישט אָפּ...

— און איך האָב אַלץ געוואַרט אויף אים...

— כ׳זע שוין, ווי דו האָסט געוואַרט אויף אים... און דער פּאָעט אין ווינקל קאָרידאָר?...

— וואָס דיר פאַלט איין... פון וואַנען ווייסטו?... אַלץ ווייסטו...

אַזוי האַסטיק, אפילו ברוטאַל, האָט ער געקענט זיין. און זי האָט זיך טאַקע דערמאָנט, אַביסל אומעטיק, וועגן יינגל, וואָס זיצט אויפן בוידעם־שטיבל און דיכטעט אין בענקשאַפט נאָך דער ווייטער היים, וועגן קאַמף אויף די שפּאַנישע שלאַכטפעלדער, און וועגן מאָרגן, „וואָס וועט באַלד אויפשיינען״, וועגן „די זינגענדיקע מאַרגנס״... אין אַנדערן עק קאָרידאָר האָט ער זיך געהאַט פאַרקליבן, דער פאַרבלאָנדזשעטער יידישער אַרבע־טער־פּאָעט פון דער דזשיקע גאַס. זיינע הענט זענען צו שוואַך געווען פאַר די צען־פונטיקע פּרעסלעך, אָפּצושטיין אַ טאָג אין דער פאַרשטעקטער

שניידער־אַטעליע אויפֿן בעלוויל. ער איז געזעסן אין זיין מאַנסאַרדע, אַ הונגעריקער, פאַרשפינט ווי אַ שפין אין געוועב, און געדיכטעט אין בענקשאַפט צו דער פאַרלוירענער היים, ווו „ס'גייען די הייסע שלאַכטן פאַרן לאַנד פון די סאָוויעטן”... און — וועגן מיידל אין אַנדערן ווינקל קאָרידאָר, וואָס פליט אַרויס, ווי אַ שוועלבעלע, פון איר נעסט אונטערן קרומען דאַך. דאָס העמד, מיטן קאָלנער, איבערגעדרייט אויף דער לינקער זייט, די פאַרגלאַנצטע הויזן געלייגט אונטערן שעניק, זיי זאָלן כאָטש איינהאַלטן אַ שטיקל קנייטש, איז ער אין די פאַרנאַכטן שטיינגעבליבן מיט אַ פאַרשטאָרבן האַרץ ביים טירל און זיך איינגעהערט. די אויסגעקלאַפּטע טריטלעך אויף די אַלטע שטיגן, האָט ער שוין דערקענט פון ווי ווייט.

נאָך מיראַ'ס אומגעריכטן פאַרשווינדן פונעם אַלטן הויז, האָבן זיי אים אָבער אָפּגענאַרט; פונקט ווי די בלעכערנע קוקאַווקע האָט אים אָפּגענאַרט. ס'איז געווען אַזוי: ערגעץ ווו אין הויז האָט אין די שפּעטע נאַכטשעהן אַ קוקאַווקע פון אַ זייגער־געווערק יעדע שעה געטון אַ שפּרינג אַרויס דורכן טירעלע, מיט אַ בלעכערנעם געזאַנג: קו־קו־קו... פאַרזונקען אין זייַנע פאַפּירלעך, האָט זיך אים צוערשט געדוכט, אַז ס'איז אַן אמתע, לעבעדיקע קוקאַווקע, ערגעץ צווישן די ביימער אויף די ווילדע פלעצער, אָדער פון נאָענטן ביטשאָמאָן־פאַרק; ווי זי גיסט אויס אין די לעבלעכע נעכט איר בענקשאַפט; און ער אַליין האָט זיך אויך דערפילט, פונקט ווי די קוקאַווקע, אַזוי עלנט, אין דער פרעמד, און ער האָט געזונגען צו איר זיין בענקשאַפט. ער האָט פאַרפאַסט אַ ליד און זיך אַליין פאַרגליכן צום פייגעלע אין דער פרעמד. ווען ער האָט זיך אָבער דערוווּסט, אַז ס'איז גאָר אַ בלעכערן געווערק, אָן לעבן, אָן בענקשאַפט, האָט ער זיך דערפילט ווי אָפּגענאַרט. ס'האָט אים פאַרדראָסן, וואָס די בלעכערנע כלי האָט אויסגענאַרט ביי אים די בענקשאַפט...

די זומער־נעכט אין נאָענטן ביטשאָמאָן־פאַרק, די שטיקנדיקע נעכט, ווען מ'קען מער נישט איינליגן אין פאַרדומפּענעם האָטעלעכל, זענען שוין איצט געווען ווייט, אָפּגערוישט. דאָרט זענען אויף די בענק געקומען אָוועקזעצן זיך יונגע פאַרבלאָנדזשעטע מענטשן אין דער פרעמד. ס'איז געווען די בענקשאַפט אונטער אַ פרעמדן הימל, אונטער פרעמדע שטערן, צו זייערע היימישע שטעט און שטעטלעך אויף דער ווייטער סלאַווישער ערד, וואָס איז זיי נאָכגעגאַנגען.

אַזוי איז אויך געווען דעם פאַרטראָגענעם דיכטערס שווער געמיט, ווען דאָס שוועלבעלע אין אַנדערן ווינקל קאָרידאָר, איז באַלד צומאָרגנס אומגעריכט אַוועקגעפלויגן, פאַרשוווּנדן פונם הויז, אָן אַ שפור נאָך זיך. ער האָט מער נישט געהערט אויסקלאַפּן אירע דראָבנע, אייליקע טריטלעך איבער די אַלטע שטיגן; שטיינצובלייבן אַמאָל, אַ פלאַפּל צו טון מיט איר, דרייענדיק דערביי דעם לאָק פון זיין געדיכטער קרייזלדיקער שעווליורע, פאַרוואַקסן ביז טיף אין האַלדז אַריין.

## קאַפּיטל 4

# דער לאַנגער, פינצטערער בין־השמשות

דערפאַר מסתמא האָבן די שכנים פון אַ שטאָק נידעריקער זיך אויך אַביסל געוואונדערט, ווייל באַלד צומאַרגנס איז די קליינע, פלינקע חברטע מירא, צום לעצטן מאָל, אומגעריכט פאַרשוואונדן פון איר מאַנסאַרדע. ס׳איז אינם הויז געווען מאָדנע שטיל; מ׳האָט פלוצים מער נישט געהערט אירע דראָבנע טריטלעך אַרונטערלויפן און אַרויפלויפן די שטיגן. זי איז אויך, געוויינלעך, אָפט אַרונטערגעקומען, צוזאַמען מיט דער היימישער באַנדע אין הויז ביי לייבישן, צוזעצן זיך צום אָנגעברענטן קרופּניק, וואָס האָט פאַרשמעקט דאָס שטיבל. ס׳איז שוין אָבער אַצינד מער נישט געווען ס׳גע־מיט נאָכצופרעגן זיך. די סירענעס האָבן אין די פאַרטאָגן זיך געריסן אי־בער די אַלטע דעכער פון פאַריז. מ׳איז געלאָפן אין די קעלערן. ס׳איז געווען באַלד דערנאָך, ווי אין יענעם מילדן, מחיהדיקן, פרי־האַרבסטיקן אין דער פרי האָבן זיך פון אַלע אָפענע פענצטער אין געסל פינאַנדערגע־טראָגן פון די ראַדיאָ־הילכערס די האַרטע שטים פון ספּיקער, אַז וואַרשע איז די נאַכט באַמבאַרדירט געוואָרן, אַז דאָס גרויסע פייער האָט זיך אָנ־געצונדן.

ביי דער האַלב-לעגאַלער יידישער עמיגראַציע, פאַרשטעקט אין די אָרעמע בעלווילער האָטעלן און פינצטערע מאַנסאַרדע־שטיבלעך, איז שוין געווען אַ גרויסע בהלה. מיט די פאַרפּאַטשקעטע פּאַפּירלעך, אָנגעלייגט מיט שטעמפּלען, זענען זיי אָפּגעשטאַנען האַלבע טעג אין די לאַנגע רייען ביי דער פּרעפעקטור, אין דער פּאָליציי־פּעסטונג, צעלייגט אויפן סיטע־אינדזל, מ׳זאָל זיי פאַרלענגערן זייער אויפהאַלט. אַ סך זענען באַצייטנס אַוועק אין די רעקרוטירונג־ביוראָען, צו גיין פרייוויליק שלאָגן זיך קעגן געמיינזאַמען שונא.

איזאַק קראָקעווער איז באַלד צומאַרגנס, אַזוי אומגעריכט ווי ער איז געקומען אָנצולויפן, פאַרשוואונדן, אָן אַ שפור, הינטער די נעפּלען פון די בריטישע אינדזלען; הינטער די בלוטיקע נעפּלען פון די מלחמה־יאָרן; אין דער צייט, ווען דער געעלטערטער, איינזאַמער עמיגראַציע־וואָלף, חבר אהרן, האָט דורכגעטראָגן זיין בינטל ביינער אין די פּאַריזער פאַרשטעק־טע מלינה׳ס, איידער ער איז, אין גרויס געפאַר, אויף אַ שטיקל צייט אַנ־טרונען אין דער נישט־באַזעצטער זאָנע.

לייביש שניידער, מיט זיין געזינדל, האָט אָבער ווייטער געצויגן די בידנע חיונה פונם „הויז״ ביי דעם בערגערן, אָרום די גרויסע בולוואַרן. פון דאָרט האָט ער אַרויסגענומען אַביסל אַרבעט, ביי וואָס ס׳האָט זיך גע־מאַכט. איז נישט געווען צו טון ביי הויזן־נייעריי, האָט מען אַרויסגענומען

צו נייען סוועטערלעך, זומער־העמדלעך. מ׳האָט זיך אַראָפּגעלאָזן אַהין מיט דער פול־געפּאַקטער מעטרא, און צוריקגעברענגט אַ פּעקל, פאַרוויקלט אין אַ שוואַרץ טואַלעטל. מ׳וויסט גאַרנישט ווי אַזוי דער בערגער האָט זיך דאָ אין די פּאָר יאָר זייער גיך אַרויפגעאַרבעט, מיט טיפע סקלאַדעס, פול פאַרלייגט מיט שטאָפן, מיט אויסגעאַרבעטע סחורות, וואָס זענען געגאַנגען אויפן גרויסן מאַרק. די קליינע ביוראָ האָט געקלאַפּט אין דער טיף. אַ בלאָנדלעכער, אַ מיטלוווקסיקער, מיט דיקע ברילן, איז ער געווען זייער צוגעלאָזן צו די היימישע יידן פון בעלוויל, אַלעמען געזאָגט „דו״, אַלעמען גערופן „חבר״, נישט ווי די גראָבלעכע יידישע פּאַטראָנען: נישט געריסן, ווי אַנדערע, קיין פּאַסן פון די מאָגערע פּרייזן, נישט צופיל נאָכגעקוקט דאָרט, צי די אַרבעט איז ראַיעל אַרויסגעגעבן, נישט צוריקגעוואָרפן אין פּנים אַריין ס׳פּעקל; פאַרקערט, ער האָט מילד געשמייכלט, און צו לייביש שניידער האָט ער איינמאָל אַזוי אַ זאָג געטון, קלאַפּנדיק אים איבער דער הויכער פּלייצע, זייער פריילעך און זייער ווילעריש:

— ווען ביסט אַ לייט, לייביש, ציסטו זיך איבער אַביסל נענטער, אויף דער רי דע טירען, למשל, אין אַ גרעסערע דירה... מ׳איז דאָ פאַרוואָרפן מיט אַזויפיל אַרבעט, אַז כ׳קען זיך צערייסן...

און דאָ הייבן זיך אפשר אָן די וויטע דערמאָנונגען פון דער נעפּל־דיקער קינדהייט ביים יינגסטן אין הויז, ביי דאַניעלן, ווי זיי האָבן אין יענעם בהלהדיקן סעפּטעמבער געכאַפּט און אריבערגעפּעקלט זיך אינם אַלטן מאַ־סיוון הויז אויף רי דע טירען. ס׳איז שוין טאַקע אין די צוויי קליינע שטיב־לעך געווען דערשטיקט צו ווערן. ביי דאַניעלן האָט זיך גענוי אויפגעהיט אין זכרון דער פרימאַרגן, ווען מ׳האָט אויפגעלאָדעוועט אויף אַ האַנט־וועגעלע דאָס ביסל בעבעכעס, דאָס רויט־אָפּגעצויגענע בעטגעוואַנד, ס׳אַלטע זינגער־מאַשינדל, נישט פאַרגעסן די פּאָר פאַרשטויבטע ביכלעך, די צייטונגען און בראָשורן, וואָס האָבן זיך געוואַלגערט אויף דער פּאַלי־צע; און לייביש אַליין איז נאָך אַלץ געשטאַנען און געציטערט איבערן „קאַפּ״ פון אַלטן זינגער־מאַשינדל. די מאַמע האָט צוגעהאָלפן שטופן, די שוועסטערן, דער עלטערער ברודער מאָריס. דאָס אונטערגעוואַקסענע יינגל מאָריס האָט זיך שוין דעמאָלט אַרויסגעוויזן — אָן איינרייסער, אַ פּאַרדינער. אים, דאַניעלן, האָט די מאַמע געפירט ביי אַ הענטל. ער האָט געוויינט, דער קליינער, נישט געוואָלט אַוועק פון די היימישע געסלעך אויפן בעלוויל. דאָס ברייטע האַנט־וועגעלע, הויך־אָנגעגאַרנט, האָט זיך געקייקלט איבער די גרויסע ברוק־שטיינער פון מענילמאָנטאַן, באַרג־אַרונטער. מ׳האָט עס מיט כוח געמוזט איינהאַלטן, ס׳זאָל נישט לויפן צו גיך. אַ רעגן האָט פּלוצים גענומען גיסן איבערן פאַרוואָגלטן יידישן גע־זינדל. מיטן צופאַלן פון אָוונט, האָבן זיי קוים דערצויגן ביז צו די ווייטלע־כע גאַסן אַרום „פּלעצל״. דאָרט, אינם אַלטן, מאַסיוון הויז אויף רי דע טי־רען, זענען געשטאַנען גרויסע, פּוסטע שטובן, ס׳איז אָבער נישט געווען

וואָס אריינצושטעלן. מען איז אין די ערשטע עטלעכע נעכט געשלאָפן אויף דר'ערד, אונטערגעבעט מיט אַלטע פּאַלטנס.

אַרבעט האָט אין די ערשטע מלחמה־חדשים דווקא נישט אויסגע־פעלט. דער בערגער האָט זיי פּאַרוואַליעט מיט אַרבעט. אַלץ איז געגאַנ־גען פאַר דער אַרמיי. דאָרט איז שוין געווען ווו אַריינצושטעלן נאָך אַ מאַשין, מיט אַ מאָטאָר, וואָס האָט געטראַסקעט; אַוועקצוזעצן נאָך אַ מענטש — אַ מאַשינער, אַ פּרעסער, אַ פּאָר אויסגעבלייכטע מיידלעך, די „הענט", כמעט אַלע אָן „פּאַפּירן" צו דער אַרבעט. זיי האָבן אונטערגעגייט דובלע, אַרויסגעענדיקט. מ'איז געשוווּמען אין אַ פּאַרע פון די פּרעס־אייזנס. דאָס אַלטע מאַשינדל, וואָס האָט דורכגעוואַנדערט אַ וועלט, איז שוין איצט געשטאַנען אין אַ ווינקל, איבערגעדעקט, און מ'האָט גערעכנט אַוועקצוגעבן עס, פאַר אַ שיבוש, די אויפקויפער פון אַלטוואַרג; אַ גלות־ייד, וואָס איז דאָ אַרומגעגאַנגען איבער די הייף און אויסגעזונגען אַ טרוי־עריק ניגנדל, אַז ער קויפט אַלטוואַרג.

די לאַנגע וואַרשטאַט־שטוב איז אין די פרימאָרגנס ווידער פאַר־שטעלט און פאַרוואַליעט געווען מיט אויפגעראַיעטע אויפליג־בעטלעך, מיט וואַליזעס, מיט פּעק, אפילו דער גרויסער צושנייד־טיש, וואָס האָט פאַרנומען אפשר אַ העלפט שטוב, האָט געדינט פאַר נאַכט־לעגערס. די מו־מע הינדל מיט די מיידלעך האָבן זיך, פאַרפּלאָנטע, געפּאָרעט אין קיך, ביי די גרויסע טעפּ געקעכטס — פּערל־גרויפּן מיט באָבעלעך, אָנגעברענ־טע, צוגעריישטע קרופּניקעס. די אַלטע האָט זיך געווישט די הענט אין פאַרטוך און געהאַט גרויס נחת, אָנצוהאָדעווען די פאַרוואַגלטע יונגעלייט און מיידלעך צו דער זעט, אין אַזאַ ביטערער צייט, וואָס איז אָנגעשטאַנען.

און איידער וואָס־ווען, האָט זיך די „קאָמישע מלחמה" טרויעריק־שנעל פאַרענדיקט. איבער די שיינע גאַסן פון פּאַריז האָט שוין אין יוני 1940 געשפּאַנט דער טעמפּער, בלוט־פּרעסערישער נאַצי. אָוונט־צייט זענען די גאַסן אַרום „פּלעצל" געווען אויסגעשטאָרבן. מ'האָט אומעטום געפרעגט אויף „פּאַפּירן". מיט דער הויז־וועכטערין איז מען ווי ס'איז דורכגעקומען, אונטערגערוקט איר אַ פּאָר פראַנק און זי האָט זיך דערפאַר געמאַכט נישט־וויסנדיק, ווען די יונגעלייט און מיידלעך האָבן געשלעפּט די צעשטויסענע וואַליזעס צום הויכן שטאָק. עס זענען געגאַנגען און געקומען מאַשינערס, „הענט", „פּאַסאַניערס", חברים, וואָס האָבן נישט געהאַט ווו דעם קאָפּ אַוועקצולייגן. איבער די וואַלקנדיקע שטיבן, ווו די מאַשינען האָבן גע־טראַסקעט, איז געשטאַנען אַ לאַכעריי, מ'האָט נאָך אַלץ געזונגען די ליי־דער פון „קאַמף", כאָטש אין דרויסן האָט געהויערט די לאַנגע נאַכט, דער פינצטערער נאַצי. ס'איז געווען אַ צייט פון טיפן בין־השמשות. מ'האָט נאָך נישט געוווּסט, וואָס דער מאָרגן וועט ברענגען. די קינדער, דער עיקר די מיידלעך, גרויסע אויסטויגערינס, זענען אין די פאַרטאָגן אַרונטער, שטעלן זיך אין די לאַנגע רייען ביי די געוועלבלעך פון קוואַרטאַל; אויפגעזוכט פון אונטער דר'ערד די נאָרעס פון שוואַרצן טריפהנעם מאַרק, אַריינגע־

ברענגט אין שטוב אַריין אַ זאַק קאַרטאָפל, אַביסל גרויפּן, אַ קריש פלייש, עפּעס צו באַשמעלצן.

און די אַטעליע אין די גרויסע שטיבן האָט געקלאַפּט, האַסטיקער ווי פריער. מאָדנע, דער בערגער האָט גראָד איצט געמסחרט אויף דער גאַנ־צער פּאַרע. עפּעס איז דאָ טאַקע נישט קלאָר געווען. מ׳האָט אפילו געשמו־עסט, אַז אַלץ גייט — פאַרן דייטש, ווייל אַלץ איז געווען פאַר זיי אַ סחורה: הענטשקעס, פּעלצלעך, סוועטערס. לייביש איז געשטאַנען מיט דער גרוי־סער שער און געשניטן שטאָפן. דער עלטערער זון, מאָריס, איז געלאָפן אין גאַס אַריין, אויסגעזוכט יידן, וואָס האָבן ס׳גאַנצע ביסל סחורה געהאַט פאַר־שטעקט, ווייל אַלץ איז געשטיגן צענפאַך, הונדערטפאַך.

אין אַזעלכע אומרואיקע צייטן זוכט אַן עלנטער מענטש ערגעץ־ווו צוצוטוליען זיך. כאָטש אויף דער גאַס האָט מען זיך וויניקער באַדאַרפט צו ווייזן, האָט זיך פאַרנאַכט־צייט, ערב דער פּאָליציי־שעה, חבר אהרן, ס׳קעלנערל אויפגעשטעלט, געפּלעגט אָפּט אַריינצושאַרן אין הויז אַריין. זיין בליק איז איצט געווען נאָכמער מבולבל. ער האָט געשניפּט מיט דער נאָז, ווי ער וואָלט דאָ אַרום געפילט עפּעס פאַרדעכטיקס; געהאַלטן זיך אין די ווינקעלעך, עפּעס אַ רעד געטון מיט דער אַלטער אין קיכל. זי האָט אים שוין נישט אַוועקגעלאָזן, די אַלטע, דערלאַנגט אים אַ טעלער שיטערס, צו דערכאַפּן דאָס האַרץ.

אַזוי האָט דער אַלטער עמיגראַציע־וואָלף ווידער געטויכט אין די נעפּלען פון אַ ערב־וועלט־אונטערגאַנג, וואָס ער האָט עס אַרויסגעפילט מער פון אַלע אַנדערע. דווקא אין די שווערע יאָרן האָט ער, מאָדנע קלאָר, צוריקגעפונען אין זיך אַ נייעם, פעסטן גלויבן. ווי אַלץ וואָלט אים דאָ אין איין בליץ־רגע קלאָר געוואָרן, אין פלאַקער און אין צוגווינט פון אינטער־נאַציאָנאַלן אַנגעלויף אויפן פּאַריזער ברוק. קיינער אפשר נישט, ווי ער, האָט פאַרמאָגט אַזעלכע אָנגעשפּיצטע חושים, באַלד צו דערפילן עס פון דער בלויזער לופט. אויף די יינגע פון דער אַנגעלאָפענער עמיגראַציע, האָט ער אַלעמאָל געקוקט מיט אַביסל מיטגעפיל, מיט אַביסל קלוגן אומעט, ווי זיי ווערן דאָ פאַרלוירן אין דער פרעמד; זיי האָבן זיך מיטגעפּלאָנטערט אין די גרויסע מאַניפעסטאַציעס פון נאָר־וואָס אָפּגעלאָפענעם, צו־רוישיקן פאָלקס־פראָנט־זומער, מיט געביילטע, אויפגעהויבענע פויסטן. אין דער צייט פון שפּאַנישן בירגער־קריג זענען די קאַפייען אויפן בעלוויל געווען דאָס הינטערלאַנד, די אַנגאַזשירונג־ביוראָען. דורך די נעכט זענען געפירט געוואָרן גאַנצע פּאַרטיעס צו די דורכגאַנג־פּונקטן אין די פּירענייען. די פאַרפוילטע בורזשואַזע דעמאָקראַטיע... איז נאָך פונדעסטוועגן געווען ברייט־האַרציק, האָט געקוקט אויף די פרעמדע, אַנגעלאָפענע, וואָס האָבן געצויגן צו די שפּאַנישע גרענעצן, דורך די פינגער. מ׳האָט נאָך דאָ אַלץ געקענט פאַרלוירן ווערן אין פייערלעכן המון אויף זייערע שיינע פאָלקס־יום־טובים, מיט די שיינע טראַדיציעס פון זייערע רעוואָלוציעס. אַצינד איז געווען דער צוריקפלוס. פאַרשיידענע לייט האָבן זיך דאָ אַרומגעדרייט,

מיטן צוגווינט פון דורכגעפאַלענעם שפּאַנישן בירגער־קריג. און חבר אהרן האָט געהאַט דאָס אינסטינקטיווע געפיל צו האַלטן זיך אַביסעלע אין אַ זייט, אפילו אין „הויז“ ביי לייבישן, ווו מען איז געגאַנגען און געקומען. אַ גרויער מענטש, איז ער שוין ליבערשט געקומען אַוועקזעצן זיך אין די פּאָלקס־קיכן, וואָס האָבן זיך דעמאָלט אויפגעמאַכט אין די אָרעמע יידישע קוואַר־טאַלן.

איינמאָל, שפּעט אין אָוונט, ווען ער האָט זיך פּאַרטייעט אומגעקערט צו זיין פאַרשטעקט האָטעל־שטיבל, האָט ער געפונען אַ פאַרוויקלט צעטע־לע אין שליסל־לאָך פון זיין טיר, געשריבן אין העברעאיש: „ביסט אַ נאַר... מען גייט מיט... אַנדערש וועסטו דאָ צעריבן ווערן „צווישן די מילשטיי־נער פון דער געשיכטע“... ער האָט דאָס קוויטעלע באַלד צעריסן אויף פּיצלעך, אַ שמייס געטון דורכן אויסגעהאַקטן שייבל אין קאָרידאָר. ער האָט זיך אָבער באַלד געכאַפּט, אָנגעצונדן אַ שוועבעלע, פאַרברענט די צע־שטויבטע רעשטלעך פּאַפּיר, דעם אַש פאַרבלאָזן, ס'זאָל אפילו קיין שפּור נישט בלייבן. ער האָט זיך אַרומגעקוקט, ווי עמיץ וואָלט דאָ געשטאַנען הינטער זיינע פּלייצעס. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז ער מוז זיך פון דאַנען אויך אָפּטראָגן. די נאַכט איז ער שוין שלעכט געשלאָפן, צוגעהערט זיך צו אַ ליאַדע שאָרך. ער האָט געוווסט פון וועמען דאָס צעטעלע שטאַמט. פון בערן. וואָס טראָגט זיי נאָך — האָט ער געוואָלט וויסן — די פאַרפירטע יידישע מאַרטירער? צי דען זעען זיי נישט, אַז דער סטאַלין־גאָט איז... נאַקעט?...

פון צייט צו צייט האָט ער זיך אָבער פאַרט אַריינגעכאַפּט אין הויז צו לייבישן. כאָטש ס'איז אים אַלץ נאָכגעגאַנגען, דאָס, וואָס קראָקעווער האָט אים ס'לעצטע מאָל אַ זאָג געטון — ווו מען ריכט זיך נישט, דאָרט וואַקסן זיי אויס. זיי שאַרן דאָס פייער מיט זייערע הענט פאַר פרעמדע. קיי־נער וואָלט עס באַלד אַזוי נישט אַרויסגעפילט ווי חבר אהרן. ס'האָט גע־הייסן, אַז בער פּאַרעט זיך מיט ביי בערגערן אין „הויז“ אַרום זיינע גע־שעפטן. דער בערגער אַליין, ווידער, האָט אים איינמאָל באַגעגנט אין הויז ביי לייבישן און אים אויף ס'גוואַלט געוואָלט אָפּשטעקן אַ פּאָר פראַנק, נאָר חבר אהרן האָט עס אים צוריקגעוואָרפן. ס'האָט דען געשפּילט אַ ראָ־לע ביי אים? טונקעלע געשעפטן מיטן „שוואַרצן מאַרק“ האָבן אַצינד כמעט אַלע געטריבן. יידן זענען געלאָפן, געהאַנדלט, געשמייעט, אַריינ־צוברענגען אַ ביסן ברויט אין שטוב אַריין. אַנדערע, האָט מען דערציילט, זענען שטילערהייט רייך געוואָרן. נאָר וואָס האָט ער דען געוווסט פון די זאַכן, חבר אהרן? אַ פּאָר מאָל האָט ער בערן באַמערקט אַרויפגיין די שטיגן, האָט ער שנעל געכאַפּט און אָפּגעטראָגן זיך, איידער די פּאָליציי־שעה פאַלט צו. ער האָט זיך האַסטיק אַראָפּגעלאָזן פון די ברייטע טרעפּ, איז אַרויס פון טיפן טויער, אַרומגעקוקט זיך און געטון אַ לויף אַריבער די גאַס. ער איז אַוועק, דאָס קעלנערל אויפגעשטעלט, געהאַלטן זיך נאָענט ביי די מויערן,

אַרומגעקוקט זיך, און געלאָזן זיך גיין מיט אַ שנעלן טריט צו זיין פאַר־שטעקטן האָטעל.

ער האָט דאָרט אפילו איינמאָל אויך געזען אַרויפקומען ס'מיידל פון העכערן שטאָק, די חברטע מירא. ער האָט זי שווערלעך דערקענט. צי איז עס דאָס זעלבע מיידל פון פאַסאַזש ד'עפּאָטאַריאַ? זי איז געווען אין אַ קורץ, חנוודיק פעלצל, אַ צערויטלטע. אויך דער נייער שותף, בערגער, איז געקומען אַנצולויפן. און חבר אהרן האָט באַלד דערפילט הינטער זיי אַלע־מען זיין, בערס, שאָטן. ער האָט נאָך אומעטיקלעך אַ טראַכט געטון וועגן די חברטעס, וואָס האָבן זיך אומעטום מוסר נפש געווען פאַר דער זאַך. אָבער אַצינד האָט ער זיך געשראָקן פאַר זיי. ער האָט זיי לחלוטין נישט פאַר־שטאַנען. זיי האָבן נאָך דעמאָלט טאָקע געשוויגן, אַזוי לאַנג ווי סטאַלין האָט דאָרט געליוועט גאַנצע צוגן מיט תבואה, נאַפט, סטראַטעגישע מעטאַלן פאַר היטלערן; אין דער צייט ווען די יידן אין פוילן זענען שוין אָפּגעגאַנ־גען אין בלוט. ווער זאָל זיך עס געווען ריכטן, צו וואָס זיי האָבן דער־פירט?

ער האָט געכאַפּט און איז באַלד שנעל אַרונטער די ברייטע, אָפּ־געטראָטענע שטיגן. עמיץ איז אים אַנטקעגנגעקומען. ער האָט אפילו אין האַלבן טונקל נישט געוואָלט זען — ווער; האָט זיך באַמיט יענעם אויס־צומיידן; האָט נישט באַמערקט, ווי יענער, אין איינגעצויגענעם רעגן־מאַנטל, דאָס פייקעלע צווישן די ציין, פאַרשטעלט אים אומגעריכט דעם וועג:

— גיי נישט... — האָט ער אים פאַרהאַלטן — ס'איז אַ געפאַר...

— לאָז... — האָט ער זיך געריסן פון אים.

— גיי נישט... — האָט אים יענער געהאַלטן ביי אַן אָרבל — די גאַס איז אַרומגעשטעלט...

און ער האָט אים כמעט ביגוואַלד אַ צי געטון צו דער טיר אויבן און זי פעסט פאַרקייטלט פון אינעווייניק. אהרן האָט אים אַ רגע אָנגעקוקט און פאַרשטאַנען פון וואַנען עס קומט דאָס צעטעלע אין זיין טיר. ער האָט געוווסט, אַז אין דעם הויז געפינט זיך דאָ ערגעץ נאָך אַן אַרויסגאַנג, דורך די טרעפּ פון דער דינערשאַפט אין דעם אַמאָליקן אַריסטאָקראַטישן הויז. ס'זענען אים אויפגעשוווממען די קאָנספּיראַציע־יאָרן, כלערליי חשדים זע־נען אים אויפגעקומען. פון הינטער טירן האָט ער נאָך געהערט, ווי דער טעלעפאָן קלינגט, און — זיין פאַרשטיקטע שטים, ווי ער רעדט מיט עמיצן. די ערד האָט געברענט אונטער זיינע טריט.

דער אָוונט איז שוין געווען צוגעפאַלן; ס'איז צוגעפאַלן די פּאָליציי־שעה, ווען אַ ייד טאָר זיך מער אויף דער גאַס נישט באַווייזן. ווי אַזוי אַנט־לויפט מען פון דעם הויז? וואָס האָט ער צו טון מיט זיי? וואָס ווילן זיי ווידער פון אים האָבן?

קאַפּיטל 5

## ראָמאַנטיקער פון דער רעוואָלוציע

אויפגעטויכט צוריק אין פּאַריז, האָט חבר בער זיך איינמאָל אומגעריכט באַוויזן אין „הויז" ביי דעם בערגערן, די באַקאַנטע קאָנפעקציע־פירמע „וועט־מאַקס". ס'איז געווען אַ טיפער, געדריייטער הויף, אין גאַסן־פּלאָנטער אַרום רי ד'אַבוקיר, אַרום די גרויסע בולוואַרן. דאָרט זענען יידן, מיט אַ סוחריש אַדערל, מיט אַביסל „אייל אין קאָפּ", אין יענע יאָרן געקומען איינגעסטיקן זיך, און אַנטוויקלט מיט דער צייט גאַנצע אינדוסטריעס פון מאַראָקינערי, באַקלייד, טריקאָטאַזש, קאָנפעקציע, אויפן פּאַריזער מאַרק, און — נישט בלויז אויפן פּאַריזער. דער בערגער האָט איצט ממש פאַרוואָרפן מיט אַרבעט אַלע באַקאַנטע חברים פון די זייטיקע האָטעלן, יווי אויך די „פּאַסאַניערס" פון בעלוויל. ס'רוב פון די, וואָס האָבן זיך געמאַטערט, זענען צוביסלעך אַראָפּ „פאַר־זיך", ווי דאָס נייע „הויז" ביי לייבישן, אויף רי דע טירען. ס'הויז האָט איצט אַרויסגעוואָרפן אַ ים מיט אַרבעט. מ'האָט אפילו שטיל געשמועסט, אַז לייביש איז געוואָרן ביי אים אַ שטיקל שותף, ווייל ס'זענען אַהין כסדר פאַרפאָרן אין הויף אַריין הויכע לאַסט־וועגן מיט באַלן שטאָף. אויבן, אין די גרויסע שטיבן, האָט מען געשניטן, גענייט, אַרויסגעעגנדיקט.

טאַקע ביי דעם בערגערן איז חבר בער דעמאָלט קורץ געוווּיר געוואָרן וועגן דער חברטע מירא: „אויבן, אויפן בעלוויל"... — האָט ער אים אַ מורמל געטון אויפן אויער. מער האָט ער נישט באַדאַרפט. בערגער האָט אים מער גאָרנישט איבערגעפרעגט אויך, אַ בליק געטון פון אונטער די דיקלעכע ברילן מיט אַביסל שמייכלענדיקן חשד, און — האָט שוין אַלץ פאַרשטאַנען. אַז מ'האָט אים געשיקט, מסתמא ווייסן זיי וואָס זיי טוען. ער האָט נאָר באַוווּנדערט דאָס קאָלטע, איינשטעלערישע, אַוואַנטורישע בלוט זיינס, זיין אויפטויכן אינקאָגניטאָ, ווי די גרויע עמינענץ. און חבר בער — ס'פּייקעלע רויכערט זיך ביי אים אין אַ ווינקל ליפּ, רעדט נישט צופיל, מיט אַן אומשולדיקע מינע.

אַזוי האָט דאָס „הויז" ביי דעם בערגערן אפילו אין די ביטערע פּאָר יאָר, געקלאַפּט אויף דער גאַנצער פּאַרע. דאָרט האָט זיך חבר בער אויך איינגעגעסטיקט אין דער קליינער ביורקע, אין דער טיף פון די סקלאַדעס. דאָרט האָט ער, אַזוי אומדירעקט, אָנגעקניפּט באַקאַנטשאַפטן מיט דער דייטשער קליענטעל און זייערע פאַרמיטלערס. זיי זענען אַלע פּאָר עג געקומען אָנצופאָרן אַהער מיט זייערע הויכע לאַסט־וועגן, די דייטשע אַפּי־צירן פון דער אינטענדאַנטור. אַלץ האָבן זיי געקויפט, נישט געדונגען זיך, געצאָלט פעסטע פּרייזן. זיי זענען געווען זייער העפלעך צום ביוראָ־מיידל,

פריילן קלער. אַלץ, קען מען זאָגן, איז איצט געלעגן אויף איר קאָפּ. פריילן קלער האָט געשמייכלט צוריקגעהאַלטן, אויסגעהערט די צווייזייטיקע ווערטלעך, אָבער דער קאָפּ האָט זיך ביי איר נישט פאַרדרייט. אויפן גרינעם ביוראָ־טיש זענען אַלעמאָל אויסגעוואַקסן אַ פּאָר פלעשער קאָניאַק, און — נאָך אַ פּאָר גלעזלעך — האָט זיך די צונג ביי די דייטשן אויפגעבונדן. די אויגן פון אַ העלן גרוי, די האָר דורכגעוואָרפן מיט גרויע פּאַסמעס, אַ ברוינע מאַרינאַרקע פון טוועד, אַ העלער סוועטער, דער אויפגעשטעלטער קאָלנער ענג אַרום האַלדז, אַ קליין לולקעלע, וואָס האָט אַביסל אונטערגעצייטערט אין זיין האַנט, האָט חבר בער געלאַכט ברייט און אָנגעקלאַפּט די גלעזלעך מיט די לייט פון דער דייטשער אינטענדאַנטור.

ס׳האָבן אַ קלאַפּ געטון אין קאָפּ אַריין כלערליי מחשבות, אָבער אַלץ איז דעמלט סיי ווי געווען — קאָנספּיראַציע. מ׳האָט זיך טאַקע דערנאָך גע־כאַפּט, אַז אין די יידישע אַרבעטער־קלובן האָבן זיך אַרומגעדרייט אַזעלכע שטילע יונגעלייט, ווייניק געוואָרפן זיך אין די אויגן; אָט זענען זיי געווען, און אָט — אויסגערונען. זיי האָבן עפּעס גערעדט האַלבע רייד, נאָר גאָרנישט, ס׳איז אפשר גלייכער געווען נישט צופיל נאָכצופרעגן זיך.

אַזוי האָט חבר בער שטיל אָפּגעזוכט און אויסגעוויילט זיינע זיכערע מענטשן, וואָס זענען גרייט צו גיין אפילו אין פייער אַריין, מיט אַלטער פּראַקטיק פון דער קאָנספּיראַטיווער אונטערערד. זיי זענען נישט געווען קיין פּראָפעסיאָנאַלן, זענען מיט גאָרנישט ענלעך געווען צו די העלדן פון שפּיאָנאַזש־ראָמאַן; ווייל די דאָזיקע לייט זענען, געוויינלעך, אָן סקרופּולן, אָן געוויסן; זיי אַרבעטן פאַר די, וואָס צאָלן מערער. די יידישע פּאָליטישע עמיגראַנטן זענען געווען — גלויביקע, רעוואָלוציאָנערן, נישט קיין ביוראָקראַטן פון דער קאָנספּיראַציע, נאָר ראָמאַנטיקער פון דער רע־וואָלוציע. ס׳האָט זיך געצויגן אין גלייכע ליניע — פון ביטערן קאַמף אין דער אומלעגאַליטעט אין פּוילן, אין רומעניע, אין פּאַלעסטינע, אויף אַלע פראָנטן, ווו מ׳האָט זיי געשיקט אין ערב־מלחמהדיקן און אין אויפגעבראַוזטן פּאַריז מלחמה־צייט. דער זעלבער קאַמף קעגן זעלבן שונא. זייערע משפחות, חברים, זענען פאַרבליבן אין פּוילן, וואָס איז שוין געלעגן אונטער די שטיוול פון בלוט־פּרעסערישן נאַצי. זיי האָבן שוין אַצינד אין פּאַריז גע־לייענט אויף די מויערן פון שטאָט די געלע אַפישן מיט די טויט־אורטיילן פון ערובניקעס, אונטערגעשריבן פון דייטשן בעפעלסהאַבער פאָן שטילפּ־נאַגל. דער 22־טער יוני 1941, איז געווען פאַר זיי דער אָנהייב פון דער לעצטער שלאַכט קעגן שונא, מיט וועלכן זיי האָבן דער עיקר געהאַט אַ באַ־זונדערן יידישן חשבון אונטערצופירן.

פון דעמאָלט אָן איז אים די קליינע מיראַ שטום נאָכגעגאַנגען, אָן אַי־בעריקע רייד אויסגעפּירט זיינע באַפעלן; ווי זי וואָלט געווען אונטערן היפּנאָז פון זיין קילן בליק און פאַרביסענע ליפּן. זי איז אויך אַמבעסטן גע־אייגנט געווען דערצו אויסערלעך, דער טיפּ פון אַ קליינער מעטרעסע, נישט געבונדן מיט קיין שום פאָראורטיילן. ער איז איינמאָל געקומען און

זי איינגעאָרדנט אין אַ שטיל הויז אַרום ווייטלעכן פּאַרט דע ווערסאַ־ל.
ס׳איז געווען זומער. זיי האָבן נאָך צוביסלעך פאַרברענגט אויף די פּלאַ־
זשעס; און ווען דער הימל איז געווען גרוי — אין די קליינע קוואַרטאַל־
סינעמאַס. „ווייסט וואָס? — האָט זי אים אפילו איינמאָל איינגערוימט,
נישט אָן אַביסל פלאַטער — לאָמיר זיך אַריבערכאַפּן אין דער „פּרייער
זאָנע״... און האָט זיך באַלד פאַרשעמט, צו האָבן זיך אַרויסגעכאַפּט. האָט
ער זייער שיין געלאַכט, נישט אויפגעהערט צו לאַכן, און אַ זאָג געטון:
„ציטער נישט, קליינע. אַזעלכע ווי מיר, גליטשן זיך אומעטום אַדורך.
אָבער צי גייט דען בלויז אין אונזער בידנע שטיקל לעבן?״... זי האָט זיך
מער נישט געוואָלט מיט אים צעשיידן, כאָטש זי האָט עס אַרויסגעפּילט, אַז
ס׳קאָן זיך גוט נישט ענדיקן. פון צייט צו צייט איז אויסגעוואַקסן אַ פרעמ־
דער. זיי האָבן זיך אָפּגעשלאָסן אין אַנדערן צימער. ביידע זענען ווי פאַר־
שווונדן. דערנאָך, מיט אַ וואָך שפּעטער, איז בער געקומען אָנצולויפן, אָן
אויסגעהונגערטער, אַ פאַרבלאָטיקטער, פון דער צפון־זאָנע, ערגעץ אַרום
אַטלאַנטיק־וואַל. אַזוי האָט ער זיך געוויזן זעלטן און — אומגעריכט. און
דעמאָלט האָט ער זי געפירט אין די קליינע רעסטאָראַנדלעך פון „שוואַרצן
מאַרק״. ער האָט זי יעדעס מאָל אָנגעזאָגט זי זאָל אויפהענגען דעם גרינעם
דיוואַניק צום לופטערן זיך אויפן פענצטער פון הויכן שטאָק. אויב וועט
עפּעס געשען — זאָל זי דעם דיוואַניק באַלד אַראָפּנעמען, וועט ער שוין
אַלץ וויסן. ער האָט צווישן טאָג און נאַכט געברענגט מיט זיך אַ טרעגער,
לויטן אויסזען, אַ שפּאַניער. ער האָט דאָרט אַראָפּגעלאָזן אַ שווערע וואַליזע
אויף דר׳ערד. זיי האָבן אָבער גערעדט צווישן זיך... רוסיש. ווען יענער
איז אַוועק, האָט זיך בער ברייטלעך אַריינגעזעצט אין דער ווייכער שטול.
ער האָט לאַנג געשוויגן, לאָזנדיק קליינע רויכלעך פון זיין פּייקע; האָט זי
מער ווי נישט באַמערקט; כאָטש ער האָט איר געוויינלעך אַרויסגעוויזן אָן אַ
שיעור אויפמערקזאַמקייט; האָט פאַרגרייט בילעטן אויף אַ קאָנצערט אין טע־
אַטער; האָט אָפּט אין מיטן דערינען גענומען אויסגעפּייפן אַן אוווערטורע פון
בעטהאָווען. ער האָט איר אויך געמאַכט קליינע סיורפּריזן, געברענגט איר
קליינע מתנות. אָבער פונקט ווי ער איז געווען צוגעלאָזן, אפילו צערטלעך,
האָט ער געקענט זיין ברוטאַל. אַזוי האָט זי אַרויסגעפּילט. די אַלע, וואָס
האָבן פאַרבלאָנדזשעט אַהער, האָבן געהערט זיינע רייד, ווי באַפעלן.
דער אונטערשייד אין יאָרן — זי אַ יאָר עטלעכע צוואַנציק, ער — ביי די
עטלעכע און דרייסיק — האָט דאָ גאָרנישט אויסגעמאַכט, פאַרקערט. דאָס
האָט זי אָבער גלייך פאַרשטאַנען, די קליינע, אַז ער איז נישט פון די,
וואָס מען דאַרף זיך צו זיי צופיל צובינדן, אָנהענגען זיך, אָדער — צושטיין
מיט איבעריקע שאלות. מ׳איז יונג, אַלע זאָרגן אַראָפּגעוואָרפן, און — דאָס
לעבן אין אָקופּירטן פּאַריז איז אין יענעם יאָר געווען אפילו זייער כּדי־לעך.
ווען ער האָט זי געברענגט אַ פאַלשע „קאַרטע״, האָט זי זיך אַביסל גע־
פאָרכטן:

— און אַז מ׳עט מיך אַרעסטירן?

— ווּעסטו — האָט ער זיך אָפּגערופן זייער קיל — האַלטן די צונג צווישן די ציין, קליינע... — און אָנגעקוקט זי שטרענג — כ׳האָב צו דיר צוטרוי... אַזעלכע ווי מיר גליטשן זיך אומעטום אַרויס, אפילו פון טייוול אַליין...

מ׳האָט זי איינמאָל טאַקע שיער נישט פאַרהאַלטן אויך. זי איז אַרויס פון מעטראָ „אָפּעראַ" און דערזען פלוצים דעם פּלאַץ פאַרשטעלט פון קעטשלעך, פּאָליציי, אַגענטן. האָט זי זיך אָוועקגעשטעלט באַטראַכטן כלומרשט דעם פאַר־פלאַן הינטער דער שויב. איז איינער באַלד אונטערגעקומען, אַ בעט געטון ביי איר דעם דאָקומענט, אים געגעבן באַקוקט, אַ בליק געטון אויף איר, נישט אָן חשד, אָבער שמייכלענדיק און — אָרנטלעך געלאָזן איר אָפּטראָגן זיך. אַ קאַלטער שוויס האָט איר באַדעקט. דאָס איז געווען די ערשטע פייער־פּראָבע.

אין די זומער־חדשים האָבן זיי זיך פאַרקליבן אין אַן אָפּגעלעגן הייזל אויסער פאַריז. זי האָט זיך געלערנט רוסיש, דייטש, פאַרוויגט זיך מיט דער לייכטער פרימאָרגן־מוזיק אין ראַדיאָ־קעסטל, אַרומגעפּלאָטערט אין די זוניקע צימערלעך. אין אַ וועלט אַרום, וואָס גייט אונטער, האָט זי זיך דערפילט מאָדנע באַרוישט, אפילו באַשיצט, ווי ערגעץ אויף אַ וויטן אינדזל. ער איז געקומען, אַרויסגענומען זי פון הויז, געפירט זי אין אַ קאַבאַרעט אויפן מאָנמאַרטר. אויף דער קליינער בינע זענען אויפגעטרעטן די פאַריזער שאַנסאָניערן. זיי האָבן שוין געזונגען די צוויי־דייטיקע קופּלעטן, וווּ ס׳איז איידל, מיט אַ סך עספּרי אויסגעלאַכט געוואָרן דער אָקופּאַנט, די באַגרענעצטע שפּייז־צוטיילונגען אויף קאַרטן, די האַלץ־שיכלעך, וואָס קלאַפּן אויף די פאַריזער טראָטואַרן. נישט אַלע האָבן זיך באַלד געכאַפּט. די שטייפע דייטשע אָפיצירן האָבן, הירזשענדיק, מיטגעלאַכט. די קליינע קאַבאַרעט־זאַלן, פּונקט ווי די רעסטאָראַנדלעך פון שוואַרצן מאַרק, האָבן אָנגעפילט זאַטע פּראָנצוויזן, אָרנטלעכע בירגער. די אַלע כמעט האָבן מאָראַליש אונטערגעשריבן דעם וואָפנשטילשטאַנד מיטן דייטש; האָבן נאָר געהאַלטן אין איין רעדן וועגן גוטן פרעס, וועגן ראָפינירטער ליבע.

ער האָט אויך געקענט די קאַפּייען אויפן סען־מישעל, אויפן מאָנפּאַרנאַס, מיט די הינטערשטע אַרויסגענג. דווקא ווען ער האָט זיך פון קיינעם נישט געפילט אָבסערווירט, אָפּגעשלאָסן מיט זיך אַליין, איז זיין בליק געווען אומצוטרוילעך, אָנגעשפּיזט, אָבער תמיד רואיק, באַהערשט. ער האָט זיך אויסגעאיבט אַ טבע צו לייגן די האַנט אויף דער ברוסט, ס׳הייסט, אַז ער ליידט אַביסל אויפן האַרץ. אין „הויז" ביי בערגערן איז ער געווען פאַרטון אין דער קליינער, אָפּגעטיילטער ביורקע, אין דער טיף פון דער לאַנגער האַלע, ביים טעלעפאָן. מיט וועמען האָט ער עס געהאַט אַזויפיל צו רעדן? די אָנגעשטעלטע אין „הויז" האָבן געזאָגט וועגן אים: „אַ סאָלידער געשעפטסמאַן... זייער ליבלעך. גוט דערצויגן"... ער האָט געוווּנען דעם צוטרוי פון מענטשן מיט זיין צוגעלאָזענער פּשטות. פאַר

אים האָט זיך אָבער פאַרלאַנגט אַ געוויסער לעבנס-ניוואָ, אַ געוויסער סטיל, מ׳וויסט טאַקע נישט פון וואַנען ס׳האָט זיך דערנומען צו אים, דעם חלוץ, דעם קאָנספּיראַטאָר פון פּוילישע תפיסות, דעם שטיינהאַקער, דעם שומר אין די נעכט קעגן די אַראַבישע איבערפאַלער, אָט די געניטקייט. און כאָטש דער שטרענגער אָנזאָג איז געווען: קיין שום נאָכשלעפּעניש פון פּרויען, קאַבאַרעטן, אַ באַשיידן לעבן, האָט ער זיי, פּאַרקערט, געענטפערט אין קילן שמייכל: „ס׳איז, הייסט עס, אָנצונעמען, אַז מיר דאַרפן זיין אַס־קעטן ?... און איך זאָג: אויב אַ פרוי געפעלט אייך... אָבער פאַרלירט נישט דעם קאָפּ״...

די טעכניקער פון „צענטער״, וואָס האָבן זיך דאָ ערגעץ אויפגע־האַלטן, פאַרשטעלט אונטער אַלערליי מאַסקעס, מיט פּאַספּאָרטן פון ווייטע, עקזאָטישע לענדער, האָבן געקוקט אויף די „אידעאַליסטן פון קאָמאַינטערן״, די, וואָס קומען פון די יידישע אַרבעטער־קרייזן, מיט נישט פאַרשטעלטן ביטול. זיי אַליין האָבן זיך אָנגעטון מיט עלעגאַנץ, געוואָרפן זיך מיט געלט; אין דער צייט, ווען די לייט פון „קאָמאַינטערן״ זענען געקומען פון פאַר־חושכטע שניידער־אַטעליעס, מיט שוואַרצע נעגל, די האָר פאַרוואָקסן ביזן טיפן האַלדז. ס׳האָט אָבער געברענט אין זיי אַן אומהיימלעך, עקשנותדיק פייערל. ס׳איז געווען די שיין פון מאַרטירער אין זייער זייטיקן בליק. זע־נען זיי דורכגעפאַלן, האָט מען זיך אויך דאָרט נישט שטאַרק איבערגענו־מען, דער עיקר — זיי זאָלן האַלטן ס׳מויל. די איינפאַכע לייט האָבן גע־טראָגן מיט זיך אַ לאַנגע געשיכטע פון קאָנספּיראַציעס, שטרייקן, תפיסות, נאָר וואָס אַנטרונענע פון די שפּאַנישע פראָנטן. די מערסטע — יידן, מיט זייערע באַזונדערע יידישע חשבונות. די פּאָליציי אין אַלע לענדער איז געווען אויף זייערע שפּורן. אין די פּאָליצייאישע אַרכיוון קען מען זיכער געפינען זייערע פּראָפיל־פאָטאָגראַפיעס; זיי קוקן דאָרט אויס ווי מער־דער, מיטן אָנגעהאַנגענעם נומער אויף דער ברוסט, מיט גענויע אָנווייזונ־גען: אויסזען, פאַרבינדונגען, אפילו קליינע פּערזענלעכע געוווינהייטן און צייכנס אויפן קערפּער.

זיי האָבן אָפּט געדינט, נישט ווויסנדיק אפילו, פרעמדע, געפערלעכע צילן. וואָס האָט ער, אין דער אמתן געטראַכט וועגן זיי, חבר בער? בטלנים... זיי זענען נאָך נישט צו וואָס מיר זענען דערפירט געוואָרן. די פּאָר יאָר אין מאָסקווע, אין די שפּאַנישע שטאָבן, פון די אינטערנאַציאָנאַלע בריגאַדעס, אויף די שלאַכט־פעלדער, האָבן אים עפּעס געלערנט. ער האָט געזען די דעגענעראַציע נישט בלויז פון דער שפּאַנישער רעפּובליק, נאָר — לײ־דער, ליידער... און ער האָט גאָר מורא געהאַט פאַר זיך אַליין עס מודה צו זיין. מ׳האָט אַצינד אַלע טענות באַדאַרפט אָוועקלייגן אין אַ זייט. שפּאַ־ניע איז בלויז געווען אַ רעפּעטיציע; די גרויסע, טרויעריקע „פאַרשטע־לונג״ איז שוין געגאַנגען איבער אייראָפּע. שטלערהייט, אפשר אין הינטערבאַוווסטזיין, האָט ער געהאַט זיין יידישן חשבון. צו די יידישע חברים פון דער עמיגראַציע, נאָר צו זיי, האָט ער דעריבער געהאַט דעם

פולן צוטרוי; נאָר צווישן זיי, האָט ער געוווּסט, וועט ער געפינען דעם ריכטיקן עלעמענט, גרייט צו גיין אין אַלע פייערן.

און ער איז געקומען איבערנעמען די געשעפטן ביי דעם בערגערן. דאָרט איז שוין פון פריער געווען באַשעפטיקט אַ קליינער, אָפּגעקליבע־נער פּערסאָנאַל. זיי האָבן דאָ צוערשט גאָרנישט אָנגעהויבן צו פאַרשטיין. „אינעם „הויז" — האָבן זיי נאָר געמורמלט — געשעען זאַכן, וואָס מ'ווייסט גאָרנישט"... זיי האָבן דאָ גיכער חושד געווען, אַז דער „בוטיק" פאַר־נעמט זיך גאָר מיט דעוויזן־שמוגל, מיטן שוואַרצן מאַרק. בערגער, מיט זיינע יידישלעכע דיקע ברילן, איז דערנאָך אומגעריכט פאַרשוווּנדן, מער אינגאַנצן נישט געוויזן זיך. אים, דעם הויפּט־שעף, דעם פּאַטראָן, זעט מען אויך זעלטן. ער פאָרט אַרום, זאָגן זיי, געשעפטלעך. איינער אַן אַר־בעטסלאָזער, אין דראָטענע ברילן, אַ שיק־יינגל ביי די שוואַרצע אַרבעטן אין „הויז", אַ צולהכעיסניק, אַ רעוואָלטירטער קעגן אָקופּאַנט, האָט אָפּגע־דעקט זיינע שיטערע ציין אין געלעכטער, דערוויסנדיק זיך — שוין נאָך אַלעמען — אַז דאָס האָט ער גאָר געאַרבעט קעגן „באָש". ס'איז אים גע־פעלן געוואָרן אַזאַ „שטיקל אַרבעט". די קאָרעספּאָנדענץ, למשל, איז נישט געקומען מיט דער געוויינלעכער פּאָסט; אַ פאַרשמירטער באַן־אַרבעטער פלעגט קומען נעמען און ברענגען די קאָרעספּאָנדענץ. ס'איז געווען געפער־לעך, ס'איז זיי אָבער געפעלן געוואָרן. דאָס שיק־יינגל האָט שטילערהייט אָנ־געהערט צו אַ פיליאַל פון דער „רעזיסטאַנס". דער שעף זייערער האָט אים באַפוילן צו ברענגען גענויע ראַפּאָרטן פון די אַלע סחורות, וואָס ווערן געליפערט פאַרן דייטש, פאַרצייכענען די נעמען פון די צושטעלער, כדי נאָכן קריג אָפּצורעכענען זיך מיט די „קאָלאַבאָראַטאָרן". די ראַ־פּאָרטן האָבן כלומרשט אויפגעדעקט אַ געפערלעך געוועלבל פון קאָלאַבאָ־ראַציע, זיי זענען אָבער גלייך געגאַנגען צו דער... געשטאַפּאָ; און דאָס האָט נאָכמער פאַרקאָנספּירירט די אמתע טעטיקייט פון דער פירמע.

אין „הויז" האָט ער זיך נישט אָפּט, אָבער אומגעריכט באַוויזן, דער נייער פּאַטראָן, אַלעמאָל מיטן פייקעלע אין מויל. ער האָט, לויט זייער איינ־דרוק, ווירקלעך געהאַט דעם אַקצענט פון די לייט פון „נאָרד"; ער איז געווען זייער פריינטלעך מיט אַלעמען. „כ'ווייס נישט — האָט ער זייער שיין געשמייכלט, האַלטנדיק זיך ביי דער ברוסט — צי כ'וועל לאַנג אָנ־ציען... אין מיין משפחה שטאַרבט מען זייער יונג"...

און איז אַוועק צוזעצן זיך אין באַקוועמען פאָטעל אין דער טיף, אין דער ביוראָקע, ביי דער הויפּט־סעקרעטאַרקע, פריילן קלער. זי האָט אַביסל חנוודיק געשיקלט פון אונטער די צעלולאָיד־ברילן איבערן פאַר־קאַשערטן נעזל. אַלץ איז איר געווען אָנפאַרטרויט. אַן עקזאַלטירטע, אָבער אַ צוריקגעהאַלטענע, האָט זי אפשר פונקט אַזוי געקענט ווערן אַ הייליקע שוועסטער, אָדער אַ שטרענגע פאָלקס־שול־לערערין. ס'איז אָבער געווען וויכטיקערס מיט וואָס צו פאַרנעמען זיך אין אַזעלכע צייטן. דער קאַמף קעגן אָקופּאַנט האָט אפילו שלום געמאַכט אויף אַ שטיקל צייט דעם קאַ־

מוניזם מיט די פּאַטריאַטישע טראַדיציעס אין איר קאַטוילישער משפּחה. זי האָט ריזיקירט מיטן לעבן, און האָט עס זייער גוט געוווּסט.

דער איבערגאַנג פון דער ערבאַטישער צו דער פּאָליטישער זאָנע איז צוגעגאַנגען איינפאַך. קליינע מיידלעך האָבן „פאַרטשעפּעט" דייטשע סאָלדאַטן ביי די קאַזאַרמעס, פאַרקויפט זיי פאַריזער ספּעציאַליטעטן, אפילו די טשעקאָווע פּאַטאַס. זיי האָבן זיך אַרומגעשלעפּט איבער די באַרן, ווינקל־ביסטראָ׳ס און פאַרצייכנט די נומערן פון די סאָלדאַטן־איינהייטן. אָבער דאָ, אינעם „הויז", האָט מען זיי גאַרנישט באַדאַרפט צו גיין זוכן אין די קליינע פאַרשטאָט־ביסטראָ׳ס. זיי זענען דאָ געווען צווישן דייטשע אָפיצירן, אין צענטער פון דער איינקויף־שטעלע — פוטערס, הענטשקעס, סוועטערס און סקי פאַרן רוסישן ווינטער. זיי זענען דאָ לייכט געוווּיר געוואָרן וועגן די דייטשע עפעקטיוון, גענויע פּרטים וועגן אַטלאַנטיק־וואַל. די מענטשן פון דער אינטענדאַנטור זענען, צוזאַמען מיט די צושטעלערס, אומעטום אַרומגעפאָרן, פריי באַוועגט זיך אין אין די קרייזן פון הויכע אָפיצירן אין די קאַנטינעס, ווו די שאַרפע געטראַנקען האָבן אָביסל לויז געמאַכט זייער צונג.

די מעטאָדן זענען געווען: שטרענג אָפּטיילן איינעם פון אַנדערן, ענ־דערן אָפט די פּסעוודאָנימען, דעצענטראַליזאַציע, קיינמאָל נישט טראָגן ביי זיך קיין געווער, נישט פאָרן אין אויטאָס, אויפהאַלטן זיך ערגעץ אין אַ פאַרשטאָט, ווו מ׳קען לייכטער באַמערקן, צי מ׳קריכט דיר נישט נאָך; נישט באַקומען צופיל פּאָסט, בעסער אָפענע פּאָסט־קאַרטלעך; פאַרשטעקן דאָ־קומענטן אין סטילאָס, שוועבעלעך־שאַכטלעך, איינוויקלען אין אַ צייטונג. צונויפטרעפן אַמבעסטן — אין חגא־טעג, ווען אַ פּאָליציייאיש אויג גיט ווייניקער אַכטונג. באַשטימען ראַנדעוווּען אין באַנאַלע עפנטלעכע ערטער: בוכהאַנדלונגען, אַפּטייקן, ספּאָרט־פּלעצער, שווים־באַסיינען; באַנוצן דעם טעלעפאָן־בוך פאַר ראַנדעוווּען; למשל, אַזוי ווי דאָס אָרט איז פון פאַ־רויס באַוווּסט, בלייבט אַנצומערקן דעם טאָג און די שעה. אויף אַ געוויסער זייט אונטערשטרייכן אַ וואָרט אין דער 4־טער שורה, ס׳הייסט מען טרעפט זיך 4 אַזייגער, אויף אַן אַנדער זייט — די 6־טע שורה — דעם 6־טן טאָג פון דער וואָך. די קאָנצענטראַציע האָט הערמעטיש פאַרמאַכט די געפאַר פון גאַנגרענע, אפילו ווען איין רינגעלע אין דער קייט האָט זיך אָפּגע־בראָכן, ס׳הייסט, ווען עמיצער איז דורכגעפאַלן.

נאָכן דורכפאַל פון יידישן פאַרפאַלק, וואָס האָבן געאַרבעט אויפן אָפּשיק־אַפּאַראַט פון קורצע וועלן, האָט חבר בער געבערענגט צופירן אין שטילן הויז אויף פּאַרט ד׳אָרלעאַן אַ שפּאַניער, לאָפּעז, אַן אַנטלאָפענער פון די לאַגערן, פון פאַך אַן עלעקטריקער. מירא איז דאָ ווידער געווען די באַלעבאָסטע פון הויז. זי איז פאַרנאַכט אַראָפּ שפּאַצירן מיטן הינטל; און די שכנים האָבן געקוקט אויפן עקזאָטישן מיידל און געטראַכט — „אַ מלחמה־קאָקאָט", וואָס ווערט מסתמא אויסגעהאַלטן דורך אַ מלחמה־גביר"...

5 שעה נאָכאַנאַנד האָט ער דאָרט אויבן געקלאַפּט אויף דער „פּיאַנע", אויפן

זענדער פון קורצע ווערלן, כאָטש ס׳איז געווען אַ געפאַר, אַז די דייטשע אויפנעם־אַפּאַראַטן ווערלן אים אויך דאָ אונטערכאַפּן. אַזוי איז געווען דער באַפעל פון „צענטער”. די שעפן פון אַלע גענעראַל־שטאַבן גיבן באַפעלן, צו לאָזן זיך טויטן אפילו.

איינמאָל האָט זיך מירא איבערגעוועקט פון דער טעלעפאָן־קלינגע־ריי. זי האָט דערקענט די שטים פון דער פרוי אין סען־זשערמען:

— קומט גלייך צוגיין. קומט!...

זי האָט שנעל אַרויפגעכאַפּט אויף זיך עפּעס און געלאָפן נעמען די באַן קיין סען־זשערמען. ער האָט זי באַגעגנט, ווי קיינמאָל גאָרנישט:

— דאַרפסט זיין גרייט. מ׳קען מיך אַ ליאַדע מינוט אַרעסטירן. זאָלסט אין ערגעץ נישט לויפן מיך זוכן, דו הערסט?

זי האָט לאַנג געוואַנדערט איבער פּאַריז, אין נעפּל, אין איר איינגע־צויגן מענטעלע, געפּרוווט אַרויפגיין אין הויז, אָבער די קאָנסיערזש האָט זי קוים פאַרהאַלטן: „גייט נישט אַרויף... די געשטאַפּאָ”... זי האָט זיך שנעל אָפּגעטראָגן, און זיך געזאָגט: ער וועט זיך אַרויסרייסן פון זייערע לאַפּעס... אַזוי שטאַרק האָט זי געגלויבט אין אים. אַצינד איז זי געווען גליקלעך און דערשראָקן. אַ פּאָר טעג האָט זי זיך אויפגעהאַלטן ביי אירס אַ פריינדין, אין דער מאַנסאַרדע פון אַן אַלט הויז, פּלאַס קלישי. אַ פּאַריזער לייכט מיידל, מיטן גאַסן־זשאַרגאָן אין איר שיין מויל, זיצט אויפן דיוואַן, ס׳קלײדל אַביסל צו הויך פאַרשאַרצט. זי האָט איר געפּירט, מיראַן, אין אַ נאַכט־קלוב אויפן פּיגאַל. די בלאָנדע שאַנסאָניערקע גערטרודע האָט גע־זונגען פון דער קליינער בינע: „איך האָטע איין קאַמעראַדן”... „לעבע וואהל, דו קליינע מאָניקאַ”... „לילי מאַרלען”. מירא איז געווען פאַרזיכ־טיק מיט רייד, זי האָט זיך גוט אַמוזירט מיט דער חברטע. אין אָוונט האָבן זיי פאַרבראַכט אַנגענעמע שעהן אין איר מאַנסאַרדע, געהערט די דיסקן, טאַנץ־מוזיק. פון די ווענט איבערן ברייטן בעט האָבן אַראָפּגעקוקט אויסגעשני־טענע, אַביסל צו פרעכע בילדער פון די אילוסטרירטע פּאַריזער זשורנאַלן.

די גרויסע זאָרג איז איצט געווען: צוריק צו געפינען די איבערגע־ריסענע קאָנטאַקטן. זיך אַרויסגעדרייט פון זייערע לאַפּעס, האָט ער באַדאַרפט גיין אין לוקסעמבורגער גאָרטן... מיטן פּאַראַל... ער דאַרף האַלטן אַ צייַ־טונג אין האַנט. אָבער קיינער איז נישט געקומען. ס׳איז געווען געפערלעך, ערבֿ דער פּאָליציי־שעה, צוריקצוקערן זיך אין דער באַהעלטעניש. ער האָט זיך אַרומגעשלעפּט אין פּאַרק און איז לסוף אַריין טעלעפאָנירן אין אַ קליינע קאַפע. אַן אומבאַקאַנטע, צוגעדושעטע שטים האָט געענטפערט פון יענער זייט דראָט. ער האָט באַלד אָפּגעהאַקט. עטלעכע טעג האָט ער זיך אַרומגעשלעפּט איבער פּאַריז, אין דעצעמבער־נעפּל. ערבֿ דער פּאָליציי־שעה האָט ער איינמאָל אָפּגעשטעלט אַ וועלאָ־טאַקסי, געהייסן זיך סתם פירן צום מאָנפּאַרנאַס־וואָקזאַל. ביים פּוסטן אַריינגאַנג האָט ער דעם אַלטן אָפּ־געשטעקט אַ מטבע, אַ רגע שטיינגעבליבן און — זיך מודה געווען, אַז ער האָט, אייגנטלעך, נישט ווו צו גיין נעכטיקן. יענער האָט זיך עפּעס אָנ־

געשטויסן, קורץ אַ זאָג געטון: „איר קענט גיין מיט מיר״. ס׳איז געווען ווייט, ערגעץ אַרום פּלאַס קלישי.

אויך מיראַ איז אַדורך אַלע שווידערלעכע עטאַפּן. ס׳איז געווען אין איר אַ וויטאַליטעט, שווער צו דעפינירן, אַזעלכע, ווי מיר — האָט זי געדענקט זיין זאָג — גליטשן זיך פון אומעטום אַרויס... אפילו פון טויטן־מאַרש איז זי אַרויס, אָבער זי האָט אים שוין מער קיינמאָל נישט צוריקגעזען.

זיין קראַפט איז געלעגן אין דער געמאַסטענער רואיקייט, שטענדיק אין אַ מין אַנגעלאַדענעם טראַנס. אָבער זיי דאָרט, אין מאָסקווע, האָבן, נאָכן גרויסן זיג, נישט געקענט לאָזן אַרומדרייען זיך אַזאַ איינעם, וואָס האָט סטאַלינען דריי מאָל געוואָרנט, אַז די דייטשן גרייטן דעם גרויסן איבער־פאַל. פאַר זיי דאָרט זענען עס געווען — ראָמאַנטיקער פון דער רעוואָ־לוציע, קאָסמאָפּאָליטן; האָבן צופיל געוווסט, באַגעגנט צופיל מענטשן פון אַן אַנדערע ספערע. זייערע ברוסטן האָבן זיי זיך אַליין באַדעקט מיט מעדאַלן פון העלדישקייט, און אים, חבר בער, האָבן זיי פאַרמאַכט אין דער לוביאַנקאַ־טורמע. ס׳איז געווען די צווייטע כוואַליע — דער פאַרסמטער ווינט פון אַנטיסעמיטיזם. „פאַרוואָס — האָבן זיי געטענהט — האָט איר זיך אַרומגערינגלט מיט פאַרעטער... בלויז יידן?״... די יידישע שרייבער זענען דערמאָרדעט געוואָרן. ס׳האָט זיך געגרייט דער גרויסער שווינדל־פּראָצעס פון „די מערדער אין ווייסע כאַלאַטן״. אין סטאַלינישן רוסלאַנד האָט זיך די אומגערעכטיקייט אָנגעטון מיט אַ מינע פון כלומרשטער יוס־טיץ. און חבר בער האָט געדענקט די ווערטער פון געשטאַפּאָ־שעף, ווען ער איז געלעגן אין זיינע לאַפּעס: „איר וועט סיי ווי באַטראַכט ווערן ווי אַ פאַרעטער״. ער האָט זיך אָבער פאַרגענומען זיי אַלעמען איבערצולעבן. קיין שום כוואַליע האָט אים נישט געקענט פאַרשווענקען. מענטשן, אין די לאַגערן, אין דער לוביאַנקאַ־טורמע, זענען אויסגעגאַנגען פון פאַר־צווייפלונג. זיי אויף צו להכעיס, האָט ער אָפּגעוואָרפן די פאַרביטערונג, וואָס פרעסט אויף אַ מענטש. ער האָט רעזערווירט זיינע כוחות איבערצו־לעבן זיי אַלעמען.

דער איינציקער, וואָס האָט זיך געכאַפּט אויף דעם, איז געווען דער אויספאָרשונג־ריכטער. נאָך צען יאָר לוביאַנקאַ, איז חבר בער געזעסן פאַר אים. יענער האָט אים אונטערגעטראָגן דעם אָפענעם פאַרטסיגאַר, נאָך אַן אָוונט פון אומענדלעכע אויספאָרשונגען. ער האָט אָבער אָפּגעזאָגט צו נע־מען אַ סיגאַרעט.

— איר האָט, זעט אויס, באַשלאָסן אונדז איבערצולעבן... — האָט געזאָגט דער ריכטער — נישט אמת? דאָס גיט אייך כוח אַלץ איבערצו־טראָגן... כ׳מוז אייך זאָגן, אַז איך לייג אָוועק אייער קאַרטאָטעקע. דאָרט איז, אייגנטלעך, גאָרנישט נישט פאַראַן. כ׳בין זיכער, אַז מען האָלט אייך צו־ליב גאַנץ אַנדערע סיבות...

און דעמאָלט האָט זיך חבר בער אָנגעבויגן צום טיש, אַ נעם געטאָן אַ סיגאַרעט, „קאַזבעק״, פאַרויכערט מיט גרויס ליידנשאַפט. יענער הינ־

טערן טיש, האָט דין געשמייכלט, דערלאַנגט אים פּייער און אָפּגערופן זיך:

— אַ רויכערער, וואָס איז פּעאיק אָפּצוזאָגן זיך פון אַ סיגאַרעט... דאָס איז שוין עפּעס אַזוינס...

דאָס האָט אים יענער אונטערגעטראָגן די נומערן „פּראַוודאַ", וווּ ס'האָט זיך גערעדט וועגן די יידישע דאָקטוירים, וואָס האָבן געוואָלט פאַר־סמען סטאַלינען.

— אידיאָטישקייטן! — האָט חבר בער רואיק געזאָגט.

און ביי זיך האָט חבר בער אַ טראַכט געטון: „סטאַלין איז טאַקע טויט, אָבער זיין פּאָליציי־באַנדע איז פאַרבליבן די זעלבע". ער האָט צום ערשטן מאָל געשמייכלט. „חבר"... — האָט ער געוואָלט אַ זאָג טון, און זיך צוריקגעכאַפּט. אַרעסטאַנטן האָבן נישט קיין רעכט צו רופן דעם ריכטער „חבר"; זיי האָבן דאָרט באַלד געשריגן: „דיינע חברים לויפן אַרום אין סטעפּ"... (וועלף); אין דער צייט, ווען יענער האָט אים ענדלעך דערלאַנגט דאָס גרויע שטיקל פּאַפּיר, אַז ער איז רעהאַביליטירט.

אַזוי האָט ער זיך געזעגנט פאַרלאָזן די לוביאַנקאַ־טורמע. אַ קליין פּע־קעלע אונטערן אָרעם, אַ געעלטערטער, אָבער מיט אַ יונגן גאַנג. צו זיך אַליין האָט ער געזאָגט: „ס'טרעפט, אַז אַ צוג פאַרשפּעטיקט זיך... די רייזע פּאַריז־מאָסקווע האָט, הייסט עס, געדויערט אַביסעלע צו לאַנג... 10 יאָר"... נאָך אַזויפיל נסיונות, אַז מען פאַרלירט די אמונה... ער איז אין 1939 גע־קומען שטעלן זיך אין דינסט פון אַנטי־נאַצישן קרייץ־צוג. די מלחמה איז צום טייל אויך געוווּנען געוואָרן דורכן חבר בער, דעם יידישן אַנטי־נאַצי־קעמפער. נאָר ווער ווייסט דען, ווער וויל דען וויסן?...

דאָס אַלץ איז געווען — פּרעהיסטאָריע; אָבער דאַניעל, דער סאַמע יינגסטער אין הויז ביי לייביש שניידער, אונטערגעוואַקסן אין די נאָך מלחמה־יאָרן, האָט ער עס — מ'ווייסט נישט פאַרוואָס — געטראָגן אויף זיינע יינגלשע פּלייצעס, ווי אַן אייגענע ירושה־לאַסט, פון וועלכער מ'וויל אָבער מ'קען נישט אַנטלויפן, בשום אופן נישט; און אפשר דערפאַר אויך, ווייל די רעצידיוון אין צעטומלטן לעבן פונם פאַר דער צייט אונטערגעוואַקסע־נעם יונגוואַרג, זענען אים נאָך פיל מאָל אַנטקעגנגעקומען.

## קאַפּיטל 6

## ס'מיידל פון אַ ווייטן פּלאַנעט

אַזוי האָבן זיך אין דעם הויז ביי לייביש שניידער אויף דער אַלטער רי דע טירען, אין פּאַריז, דער שטאָט, געקרייצט די וועגן צו דער וועלט פון אַ דור יידישע עמיגראַנטן, און די לעצטע פאַר יאָר — פון אַ נייעם

יידישן אַנגעלויף. פונקט ווי אין די פריערדיקע יאָרן, אַזוי אויך איז דאָס הויז ביי לייבישן נאָך דער פינצטערער מלחמה, געווען אַ באַקאַנטער אַדרעס צו פאַרפאַרן. געקומען איז מען ווידער כוואַליעסווייז, ווי די פּאָליטישע עמיגראַציע ערב דער מלחמה, און נאָך די אַלע יידישע אומ־גליקן — פון דעפּאָרטאַציע, פון ווייטן סאָוויעטישן מיטל־אַזיע, פון די דייטשע פּליטים־לאַגערן, און לעצטנס — פון דענעמאַרק, פון פּוילן, פון שוועדן, נאָכדעם ווי די פּאָליאַקן האָבן דאָרט די רעשטלעך נישט־דערקוילעטע יידן אויך סוף כל סוף פאַרטריבן.

פונקט ווי אין יענעם פינצטערן סעפּטעמבער 1939, אַזוי אויך האָט די מומע הינדל אין יענעם חודש מאַי, ווען ס'האָבן זיך דאָ געשטעלט די בהלהדיקע שריפה־נעכט אין לאַטיינישן קוואַרטאַל, באַלד געוואָלט אַ כאַפּ טון די קינדער און אַנטלויפן מיט זיי אויפן לאַנד. זי האָט פאַר־געסן, אַז די קינדער זענען שוין נישט קיין קליינוואַרג. די מיידלעך האָבן פאַר דער צייט חתונה געהאַט; אויך דער עלטערער, מאָריס, האָט זיך גענומען אַ ווייב, אַ שטיקל נדן, איז אַראָפּ פאַר־זיך, געפירט געוואַלדיקע געשעפטן, גיך ארויפגעאַרבעט זיך; כאָטש די אַטעליע האָט נאָכן אַלטנס טויט, נאָך אַלץ געקלאַפּט אויבן, אין די גרויסע, וואַלקנדיקע שטיבן. ער איז געשטאַנען פעסט אין די מסחרים, מאָריס, פאַרריסן ס'אויג מיט די ברייטע שוי־פענצטער אין סאַמע פראָנט אויף רי דע טירען. הויכע לאַסט־וועגן מיט שטאָפן זענען פאַרפאַרן אין אַלטן הויף אַריין. אויף אַלע שטאָקן האָבן דאָ געקלאַפּט אַטעליעס פון יידן, שניידערס, אין סאַמע צענטער פון דער קאָנפעקציע־בראַנזשע. די מאַשינען האָבן דעם גאַנצן טאָג פאַרגלישעט די אויערן, מ'האָט געליפערט פעק. שייך צו זאָגן, רי דע טירען — האָט מען געשמועסט — טוט־אָן האַלב פראַנקרייך.

דער יינגסטער אין הויז, דאַניעל, שוין דאָ געבוירן, האָט זיך נאָך אָבער אַלץ אַרומגעדרייט, ווי אויפן עולם התוהו, אָן אַ תכלית, איז נאָך אַלץ נישט געווען קיין לייט. עפּעס האָט ער דאָרט שטודירט, געגרייט עקזאַמענס, קאָנקורסן, איז אָבער מער אָפּגעלעגן די נעכט אין לאַטיינישן קוואַרטאַל, פאַרקאָכט אין די סטודענטישע גראַטשקעס פונעם היינטיקן יונגוואַרג.

האָט די מומע הינדל אַ כאַפּ־געטון ס'פאַרגרינטע, דערשראָקענע מיידל, די יתומה פון דער אומגעקומענער משפחה אירער אין פּוילן, עסטושיאַן, און איז אין איין בהלה אַוועק מיט איר צום הויז אין דאַטשע־שטעטל ברינואַ, אַ טריט פון פּאַריז. ס'מיידל האָט זיך דאָ נישט לאַנג גע־האַט אָפּגעזוכט, געשריבן אַלאַרם־בריוו פון פּוילן, דערנאָך פון קאָפּענהאַגן, ווו די לעצטע יידן האָבן געפונען אַ שטיקל מקום מקלט, און איידער וואָס־ווען — אַראָפּגעיאַוועט זיך צו דער מומע הינדל קיין פּאַריז. זי האָט זיך דאָרט, אַ קינד נאָך, מיט נסים אָפּגעראַטעוועט ביי אַ פּויער, אין דער צייט ווען אירע עלטערן זענען אומגעקומען אין וואַרשעווער געטאָ. דער יידי־שער קאָמיטעט אין פּוילן האָט די על פּי נס לעבן־געבליבענע קינדער אויס־

געקויפט פון פרעמדע הענט, דערצויגן זיי אין יתומים־הויז, אין אָטוואָצק, האָבן זי דאָרט געלאָזט שטודירן. זי האָט שוין דערנאָך, זעט אויס, דורכ־געלעבט אַ שטיקל טראַגעדיע, נאָר מ׳האָט ביי איר גאָרנישט געקענט דערגיין. עפּעס האָט זי האַלב געשטאַמלט. די אַנטלאָפענע לייט פון פוילן האָבן נאָך אַלץ עפּעס פאַרבאָרגן; ס׳איז שווער געווען ביי זיי עפּעס צו דערגיין.

ס׳מיידל האָט זיך אין די ערשטע טעג אפילו געפּאַרכטן אַראָפּצוגיין אין גאַס. זי האָט געשריגן בײנאַכט פון שלאָף. די אַלטע איז אַראָפּ איינ־דעקן איר, צוגעלייגט אַ וואַרעמע האַנט צו איר שטערן. זי האָט געברענט, די קליינע, איבערגעוועקט זיך פון אַ ליאַדע שאָרך. דעם גאַנצן טאָג איז זי געזעסן פאַרשטעקט אַרויפצו פון די הויכע שטיבן, פול אָנגעוואָלגערט מיט שטאָפּן. פון סופיט אין אַלע צימערן זענען אַרונטערגעהאָנגען שטרענ־גע רייען אויסגעפּאַרטיקטע מאַנטלען, קליידער, זשאַקעטן. איבער די שטיבן איז געשטאַנען אַ וואָלקן שטויב, אַ געררויש פון ניי־מאַשינען. זי איז אפילו עטלעכע מאָל צוגעפאַלן צום טעלעפאָן, און אין אַ פרעמד, פאַר־שטעלט לשון, עפּעס לאַנג אַריינגערעדט צו עמיצן, נאָכגעפרעגט זיך — צי ס׳זענען נישטאָ פאַר איר קיין בריוו, קיין גרוסן און — ווען „ער" קלייבט זיך צו קומען...

ס׳מיידל איז אַראָפּגעפאַלן אַהער, ווי פון אַן אַנדערן פּלאַנעט. אַלץ האָט איר דאָ געוווּנדערט, פאַראינטריגירט; ווי אַזוי מענטשן עסן, רעדן, זאָגן אָפן אַרויס אַלץ, אָן שום פּלאַטער אַרומצוקוקן זיך. צוגעשמידט צום טראַנזיסטאָר, האָט זי לאַנג געדרייט, מאַניפּולירט, געזוכט די ראַדיאָ־סטאַ־ציעס פון דאָרט; נאָנט צוגעלייגט דעם אויער, האָט זיך אין קעסטעלע געשאָטן, הארט און שאַרף, אַ פרעמד לשון. זי האָט דערנאָך שעהן לאַנג געקענט אַזוי זיצן און נישט אַרויסרעדן קיין וואָרט.

די מומע הינדל האָט זיך פּשוט מחיה געווען מיטן אָפּגעפונענעם מיידל פון איר אויסגעקוילעטער משפּחה. אַ היימיש קינד! אירע אייגענע קינדער האָבן זיך אויף דער מאַמען דאָרט מער נישט אומגעקוקט. זי האָט אפילו געפּרוווט אַ רעד־טון צו איר אַ פּאָר פּראָסטע יידישע ווערטער, אָבער עסטושיאַ האָט בלאָס געשמייכלט, שוועדלעך געפונען די רייד, אַנטפּלעקנ־דיק איר קינדעריש־איבערגעוואָקסענעם צאָן. האָט זיך די אַלטע געמוזט ברעכן די צונג, אויסגראָבן פון אָפּגעשוואַכטן זכרון האַלב־פאַרגעסענע פּוילישע ווערטער, וואָס זי האָט נאָך געדענקט פון אַמאָל:

— כ׳בעט דיר, עסטושיאַ־לעבן — האָט די מומע געוואָלט ביי איר וויסן — זיי האָבן דיך דאָרט גאָרנישט געלערנט... כ׳מיין, קיין קריש יידישקייט... כאָטש עפּעס?...

אין אָוונט, ווען אין דער אַטעליע, אין די ווייטע, גרויסע שטיבן, האָט זיך די גראַטשקע איינגעשטילט, די „הענט", די מאַשינערס, די פּרעסערס, זענען אַוועק פון הויז, האָבן זיי זיך פאַרקליבן אין דער ליכטי־קער, אָנגעהייצטער קיך. זי האָט ס׳מיידל אָנדערציילט וועגן דער אונטער-

געגאַנגענער היים זייערער אין וואַרשע, ערגעץ אַרום אײַזערנעם טויער; וועגן אַ גאַנצער דינאַסטיע פּעטערס, מומעס, קוזינען, קרובים, וואָס מ'ווייסט אפילו נישט ווו זייער געביין איז אַהינגעקומען. זי האָט ס'בלייכע, פאַרגרינטע מיידל צוגעזען, אָנגעטון איר אין די פּאַריזער פאַרביקע, ליכטיקע יאַקעס און סוועטערלעך; און ווי גאָר ס'האָבן זיך געשטעלט די וואַרעמע ווערטער און די מהומות, די אויפגעלויכטענע נעכט אין לאַטײַנישן קוואַרטאַל, די סטודענטישע גראַטשקעס דאָרט, האָט זי באַלד אָוועקגעכאַפּט עסטושיאַן אין דאַטשע־שטעטל, אַ טריט פון פּאַריז. דאָרטן האָבן זיי געהאַט שטיין אַ פאַרלאָזענע ווילע אין אַ ווילד־פאַרוואַקסענעם גאָרטן; און אין יענעם זומער טאַקע איז דאָרט אומגעריכט געווען אַן אָנגעלויף פונם יונגוואַרג.

פריער, איידער דער אַלטער לייביש איז אַוועקגעפאַלן פונם האַרץ־אַטאַק, איז אפילו דער יונגערער, דאַניעל, אויך זעלטן־ווען אַרויסגעקומען. ער האָט שוין באַצייטנס געהאַט ביטול צום אַלטוואַרג, מיט זייערע יידישע געזעמלעך אין יידישן דאַטשע־שטעטל. פון די עלטערע קינדער — איז אָפּגערעדט. ווייל ס'איז געווען אַזוי: ווי געוויינלעך, ס'זענען אין די נאָך־מלחמה־יאָרן אַרײַנגעקומען אַ פּאָר פראַנק פון די שניידערישע געשעפטן, וואָס זענען נישט שלעכט אַוועק. ס'איז געווען אַ צייט, ווען מ'האָט אַלץ געריסן פון הינטער די הענט. „וואָס וועט ווערן פון די פּאָר פראַנק?"...
— האָט דער אַלטער איינמאָל אַ באַקלער־געטון, פאַרקוועטשענדיק ס'ליבקע אויג, אַ סימן, אַז דער מוח אַרבעט, ס'עקבערט אים אַ וויכטיקער ענין. האָט ער שטילערהייט גענומען, און ווי ער האָט אַלץ אין זיין לעבן אָפּגעטון שטיל, נישט פרעגנדיק ביים ווייב אפילו, איז ער אַוועק און איינגעהאַנדלט אין גלייכע געלטער די אַלטע ווילע מיטן טיפן גאָרטן אין יידישן דאַטשע־שטעטל. „זאָל זיך עס וואַלגערן... וואָסי? קיין עסן בעט עס נישט"...
אין אַ נאָך־פּסח האָט ער איינמאָל, אין אַ זונטיק, געמאַכט זיי אין הויז אַ סיורפּריז, און מיטן ווייב, מיטן קלענערן ייִנגל, מיט דאַניעלן, אַראָפּגעפאָרן אַהין. ער האָט זיי געפירט מיט אַ פאַרדעכטיק שמייכעלע; אין דער טיף פון אַ ביימערדיקער גאַס, האָט ער אָפּגעשלאָסן אַ פאַרזשאַווערט טירל. דער פאָדער־הויף איז ביז די קני פאַרוואַקסן געווען מיט ווילד־גראָז. אויפן גאַניק האָט ער קוים אָפּגעשפּאַרט די טיר, געדרייט אַהין און אַהער מיטן בינט שליסלען, וואָס זענען אים ביי דער קניה איבערגעגעבן געוואָרן אין האַנט אַרײַן; ביז ער האָט צוגעפּאַסט דעם ריכטיקן שליסל, אַ גרויסער, פאַרזשאַווערטער שליסל. ער האָט דערביי געשיינט, איז געווען צעטראָגן.

דאָס צוויי־שטאָקיקע, רויט־ציגלדיקע הויז, פעסט אונטערגעבויט מיט געטעסעטע שטיינער, מיט אינקרוסטאַציעס, מיט טורעמלעך, איז געשטאַנען אין טיפן שאָטן פון הונדערט־יאָריקע סאָסנעס, דעמבעס און קאַשטאַנען. מ'האָט נאָך דאָ געפילט דעם וואַלד. אָנהייב צוואַנציקער יאָרן איז דאָ אַ שטיק פון די וועלדער אין דער געגנט פון סענאַר, אויפן וועג קיין פאָנטענבלאָ, פאַרצעלירט געוואָרן. די יאַגד־רעזערוואַטן זענען אָפּגערוקט געוואָרן

טיפער אין די וועלדער אַריין, אַרום אויבערשטן לויף פון דער סען. קריכנדיקע פלאַנצן האָבן באַדעקט די ווענט פון אונטערגעמויערטן געשטעל, פאַרדעקט די ווערענדעס אין טיפן, קילן שאָטן. אַלץ איז דאָ מיט דער צייט פאַרווילדעוועט געוואָרן. אפילו די היגער אויפן לאַנד, מיט רויטע אויגן, צעפלאַשעטע, זענען געשפרונגען אין פנים אַריין, אויפגעהויבן זיך אין פליען איבערן פלויט. די קעץ, ווי קליינע טיגערס, האָבן אָנגעקוקט אַ פרעמדן מיט חשד, געצויגן זיך לאַנגזאַם אויף די בייכער, געוואַכט מיט אָן אויג פון אַ פייערדיקן געל, אויף אַ פויגל, איידער זיי האָבן געגעבן אַ פלינקן שפרונג.

דאַניעלן איז עס צוערשט דווקא געפעלן געוואָרן. ער האָט דורכ־געשפרייזט די פאַרדומפּענע צימערן, אונטן, ביז אויפן גאָרן. מ'האָט דאָרט געקענט פאַרפאַלן ווערן; איז אַראָפּ דורכן גאַניק צום גאָרטן, וואָס האָט זיך אָוועקגעצויגן ווייט אין דער טיף, מיט די פאַרוואַקסענע סטעזשקעס, צווישן פאַרוועלקטע בייטן איבערגעוואַקסענע סאַלאַדן און פּוראָ. זיי האָבן שוין סיי ווי צו גאָרנישט געטויגט. די עפּל־און קאַרשן־ביימער זענען פאַרוועלקט געוואָרן. די פאַראַיאָריקע פרוכטן האָבן געפוילט אויף די צווייגן, געוואַלגערט זיך אויף דר'ערד, אין שפּין־געוועבן, אין אַ כמאַרע פליגעלעך. אין טיפן גאָרטן — אָן אַלטאַנע, אָן אָפּגעפוילטע באַנק. „דאָ — האָט לייביש פילאָזאָפירט — פאַרלאַנגט זיך אַרבעט, אַרום גאָרטן, אַרום הויז... ס'דאַרפן זיך דאָ אַרומדרייען קינדערלעך, הינדעלעך, אַ קאַץ, אַ הונט דאַרפן דאָ אַרומלויפן". און דאַניעלן איז שוין באַלד, באַצייטנס, באַנג געווען איבערצולאָזן די שטאָט, די חברים, פאַרשטעקן זיך דאָ, אויפן דאָרף. ער האָט דאָס אַלטוואַרג גאָרנישט מער געזאָגט, צוגעזעצט זיך ביים אַלטמאָדישן קאַמין אין דער אומגעהויער גרויסער קיך, און ס'האָט זיך אים פלוצים געדוכט — ווי ער וואָלט געבלעטערט אָן אַלט בוך. אַזאַ פאַרטראַכטע נייגונג האָט ער שוין דעמאָלט, אַ יינגל נאָך, אַרויסגעוויזן.

דורך אַזאַ צופאַל איז ס'דאַרפישע הויז אין פאַרוואַקסענעם גאָרטן איינגעקויפט געוואָרן פאַר קליינע געלטער. דער געעלטערטער ייד לייביש האָט אַלץ געזוכט זיכערע אינוועסטיציעס. ס'איז אין די נאָך־מלחמה־יאָרן געווען אין דער לופט. ס'האָט זיך שוין דעמאָלט אויך צוביסלעך, חוץ אַלעמען, גענומען מערקן די שטילע טענדענץ פון די צעטומלטע, גרוי־געוואָרענע יידן, שניידערס, אָוועקצוציען זיך ווייט פון יידישן צענטער, פון בעלוויל, אַרום רעפּובליק, אין די וויטלעכע פאַרשטעט, אַרום פּאַריז. אַזוי טוען געווינלעך פראַנצויזן פון מיטלשטאַנד, אָדער קליינע פונקציאָ־נאַרן. ביי זיי ציט סיי ווי יעדע משפחה זיין ווייטע יחוס־קייט פון ערגעץ אַ פּראָווינץ, אַ ירושה־הייזל אויפן דאָרף, אַ שטעטל מיט אַ קלויסטערל, מיט אַ האָן אויפן שפּיץ, מיט אַ פאַרגרינטן מאָנומענט פאַר די געפאַלענע אין 1914־18, צופּוסנס אַ טייכל אויף פישפאַנג; ווען מען פילט, אַז די עלטער רוקט זיך אָן, אַז דאָס איינגעקאַרגטע, אָפּגעשפּאָרטע פאַרמעגן פון אַ לעבן־לאַנג, וועט געגונגן צו ציען אַ רואיקע, צוריקגעצויגענע עקזיסטענץ.

אָבער יידן, וואָס הייבן אָן אַלעמאָל בויען מיט לײדיקע הענט, פון דאָס ניי, האָבן קיין געדולד נישט דאָרט איינצוזיצן. ס׳ציט זיי כסדר צוריק צו די יידן־געזעמלעך, צו די קאַפעס אויפן פּלאַץ רעפּובליק, צו די פּאַר־זאַמלונגען, צו די פייערלעכע יזכור־אָוונטן. זיי לאַנגווייליקן זיך אין די אומעטיקע שטעטלעך, מיט די פּאַרקלאַפּטע, שטרענג־אָפּגעשלאָסענע טירן פון די שכנים, מיט דער איינציקער קאַפע־טאַבאַק, ווו די לייט קומען אַריין טרינקען אַן אַפּעריטיוו, אַרומרעדן די לאָקאַלע פּליאָטקעס. ס׳איז נישט פאַר אַ יידיש געמיט. אַז ס׳קומט אָן אָוונט, האַרבסט־צייט, פאַלט צו אַן אומעט, אַרומצודרייען זיך אין די גרויסע, ליידיקע צימערן. מען כאַפּט דעם וואָגן און מען לויפט צוריק קיין פּאַריז. ווען די קינדער זענען נאָך קליין געווען, האָט מען זיך געשטיקט אין די ענגע, דושנע פּאַריזער דירהלעך, אַרום בעלוויל; דעמאָלט האָט מען זיך געמוטשעט, אָפּגעדונגען דאָ אַ באַראַקל אויפן זומער. נאָר דאָס איז געווען שוין זייער לאַנג.

אָבער אין דעם זומער, ווען די פרעמדלעכע קוזינע עסטושיאַ איז גע־קומען אַנצולויפן פון פּוילן, דורך די סקאַנדינאַווישע לענדער, איז דאָרט פּלוצים אַרום איר געווען אַ פרייִלעכער, יונגער גערודער. ס׳איז מער נישט געווען אַזויפיל אָרט אין די צימערן, אין די פליגלען, אויף די שטאָקן און אויף די וועראַנדעס; האָבן זיי גענומען און אויפגעשלאָגן אין טיפן גאָרטן עטלעכע ביידלעך; האָבן געקאָכט טעפּ אין דרויסן, אויף אַ שייטער. דער געשמאַקער ריח פון טרוקענע צווייגן האָט אַנגעפּילט דעם פאַרלאָזענעם גאָרטן.

פאַרשלעפּט אַהער די גאַנצע באַנדע האָט צוערשט דאַניעל אַליין, מיטן ווילדלעכן ראַנד־בערדל, מיט די קרום־פאַרשניטענע פּאַוואָריטן טיף אין די מאָגערע באַקן. אין די מאַי־טעג, ווי נאָר די מאַמע מיט דער פרעמדלעכער, סימפּאַטישער קוזינקע זענען אַרויסגעפאָרן, איז ער איינמאָל אומגעריכט געקומען אַנצופליען מיט אַ גאַנצער באַנדע אין צעטרייבערטן „דע שעוואָ", איבערגעפּאַרבט אויף מיתה־משונה־קאָלירן, באַדעקט מיט קאַריקאַטורן און אויפשריפטן, ווי אַ שטייגער: „טשע־געוואַראַ — דער גאַנג צום מאָרגן"... „מאַאָ־מאַאָ"... אויפן יינגערן, אויף דאַניעלן, וואָס האָט געטון אַ וואַקס־אונטער נאָכן אַלטנס אָפּשטאַרבן, האָט זיך אין הויז מער קיינער נישט אומגעקוקט. אָט איז ער איינמאָל געקומען מיטן בלאָנדן פראַנצויזישן מיידל, אַרלעט. „זי איז כאָטש אַ יידישע ?"... — האָט די מאַמע באַלד געוואָלט וויסן; און ער, דאַניעל, האָט זיך אויסגעלאַכט פון דער מאַמעס צושטיין, מיט אַזעלכע נאַרישע פראַגן.

פריער האָט זיך דאַניעל גאָרנישט אומגעקוקט אויפן דערשראָקענעם מיידל, וואָס האָט זיך אַרומגעדרייט ביי זיי אין הויז; האָט זי דאָרט איינ־מאָל אַ באַקוק־געטון און — זי האָט אים עפּעס אָנגעהויבן צו געפעלן; אַ פּלאַפּל געטון מיט איר אַ פּאָר יידישע ווערטער, אַ פּאָר פראַנצויזישע ווערטער; און האָט שוין אָפטער גענומען דרייען זיך אין הויז, געוואָלט זי איינמאָל אפילו אַרויסנעמען צווישן דער חברה יונגוואַרג. נאָר זי האָט

זיך געפּאָרכטן, די קליינע, געשאַרט זיך אין די ווינקעלעך. אַצינד, צווישן אָנגעלאָפּענעם יונגוואַרג, איז עסטושיאַ מער נישט געווען אַזוי איבערגעשראָקן. ער האָט דערבליקט, ווי זי האָט טיף פּאַרצויגן אַ סיגאַרעטל, געבלאָזן דעם רויך דורכן פּאַרקאַשערטן, שיקסעוואַטן נעזל, אַראָפּגעלאָזן זיך אויפן אונטערגעזעגטן בוים, און ס'האָט אומגעריכט אַ בלענד געטון איר אָפּגעדעקטער פּוס. אין איינגעשטיפּטן בלוזקעלע, אין קורצן זומערקליידל, זענען אירע גלידער געווען אויסגערונדיקט, פּול, ווייבעריש. שוין נישט קיין קינד, נאָר לויטן שמאָלן, איינגעצויגענעם פיגורל — נאָך כמעט אַ מיידעלע. זיי האָבן נאָך אַלץ מיטגעטראָגן מיט זיך דאָס סלאַווישע פון דאָרט. אָבער זעט אויס, אַז נאָר פּאָליאַקן האָבן דעם טריפהנעם חוש באַלד צו דערשנאַפּן, ווי שפּיר־הינט, אַ יידישן שפּראָץ, דעם אומעט אין יידישע אויגן. ס'איז געווען עפּעס עקזאָטיש אין אירע בולטע קינען, אין שאַרפן זאַפּטיקן מויל־שניט, אין איר ווייכן, פּאָרזיכטיקן גאַנג אויף דער ערד. דאַניעל האָט צוערשט געפּרוווט צו געפינען אינם מיידל עפּעס משפּחהדיקס, ביי דער מוטער, ביי די שוועסטערן, אָבער ניין, זי איז אין זיינע אויגן געווען — אַ פרעמדע פּלאַנץ, איינגעהילט אין בלויז סודות. ווער זענען זיי, די וואָס זענען געוואַקסן און אַנגעגאָסן זיך מיט זאַפּטן, דורכן שוואַרצן, פּראָסטן ברויט, אויף די סלאַווישע פּלאַכלענדער? אַזוי וויַיט־נאָכטראַכטעריש איז ער געווען, ס'ייִנגל. זי איז כמעט געווען אין זיינע יאָרן, און ס'האָט אים פּאַרדראָסן, וואָס ער געפינט שווערלעך מיט איר אַ געמיינזאַם לשון; אַ פּאָר ווערטער יידיש, אַ פּאָר ווערטער פּראַנצויזיש, וואָס זי האָט דאָרט אַמאָל געלערנט. זי האָט שוין דערנאָך אפילו שיין געלאַכט אויך, אָבער ס'איז פּאַרבליבן אַ גרויסע, אומגעזעענע דיסטאַנץ, אַ מין אומצוטרוי; זי טראָגט מיט זיך, האָט ער זיך לסוף געכאַפּט, עפּעס אַ גרויסן אומרו. וואָס, האָט ער זיך אַליין געפרעגט, וויל איך פון דערשראָקענעם מיידל האָבן? אַ קינד, כמעט. אַ בלוי, איידל אָדערל ציטערט אויף איר האַלדז, אין אירע אויגן — אַ כמאַרע. ווען ער ווייסט אָבער, וואָס פאַראַ אונטערגעגאַנגענע וועלטן די קליינע טראָגט מיט זיך!

אפשר טאַקע צוליבן פּאַרבלאָנדזשעטן מיידל האָט זיך דאַניעל אָפּטער גענומען אַראָפּיאַוועז אין די שיינע מאַי־וויקענדן צו דער מאַמען, צו עסן ביי איר אַ היימישן קרופּניק, אַ יויך מיט לאָקשן, וואָס געוויינלעך האָט ער עס אין שטוב צום מויל נישט גענומען, נאָר — ביפשטעק מיט פּאָמפּריט. און צוזאַמען מיט אים — אַ גאַנצע באַנדע, אין די צעטרייבערטע וואָגנס; יונגעלייט מיט לאַנגע האָר, איינגעצויגענע „בלודזשינס״; מיידלעך אין הויזן, גרויסע, ראָזע ברילן זענען זיי געפאַלן איבער די קליינע נעזלעך, די לאַנגע האָר — צעוואָרפן אויף דער פּלייצקע, אָדער פּאַרצויגן מיט אַ בענדעלע, ווי פערדישע עקן. זיי האָבן באַליגט די אַלטע גאַניקעס, די טעראַסן. דאָס אָפּגעלאָזענע הויז, וואָס איז אַמאָל דורך די אַלטע פּראַנצויזישע רענטיערן געבויט געוואָרן מאַסיוו, פון געטעסעטע שטיינער, מיט קאַמינען, אינקרוסטירטע סופיטן, די ווענט באַהאַנגען מיט

יאַגד־ביקסן, מיט קופּערנע פּאַנען, האָט אַצינד געדרוישט פון אַ יונגן, אָנגעלאָפּענעם עולם, וואָס האָט זיך אויסגעלאַכט פון אַלע טראַדיציעס. די אַלטע האָט זיך שטאַרק מחיה געווען מיט דער יונגער פריילעכקייט. זי האָט אַ רוף געטון ס׳מיידל פון גאָרן־שטיבל:

— עסטושיאַ! — האָט זי אַ רוף געטון אין דער ליידיקייט פונם הויז — קום גאָר!

זי האָט כאָטש געוואָלט, אַז דאָס איבערגעשראָקענע מיידל זאָל זיך צוריק צוגעוווינען צו מענטשן, זאָל זיך נישט שאַרן אין די ווינקעלעך. די קליינע האָט זיך באַוויזן אויבן, אויף דער געדרייטער טרעפּ צום גאָרן. די גרינע בלייכקייט פון שטאָט איז, אויף דער פרישער לופט, צווישן די סאָסנע־וועלדער, אַראָפּ פון איר. דאָס מאַטע, אָפּגעצויגענע געזיכט מיט די גרויסע גרינע אַגרעס־אויגן, האָט זיך אַביסל אויסגערונדיקט. זי האָט זיך געוויקלט אין געבלימלטן פּעניואַרל. זי האָט זיך מער נישט געשראָקן, פאַרקערט. צום פאַרזשאַווערטן טויערל, וואָס האָט געסקריפּעט, זענען דעם גאַנצן טאָג צו איר אויך געקומען דאָס אָנגעלאָפענע יונגוואַרג פון פוילן. פאַרברוינטע יונגעלייט מיט אָפּן־צעשפּיליעטע העמדלעך. געווען צווישן זיי איינער, מיט אַ געדיכטן, שוואַרצן שויבערדיקן קאָפּ, אַ טיפן, ברייטן שטערן פון אַ פאַרצייטישן נביא. איינע, אַ העל־בלאָנדע, ווי אַ ריכטיקע פּוילישע שיקסע — מיט אַ ראָז קינד אין די אָרעמס. אין די שטעלער, אונטערן אָפּדעכל, האָבן זיי דאָרט אויסגעפונען רידלען, גראָבאייזנס, אַ צווייגן־שער. זיי האָבן אונטער די ברייט־צעוואָקסענע נוס־ביימער אָפּגערייניקט דאָס הויכע ווילד־גראָז, די נידעריקע שטעכיקע קוסטן. אַ שייטער האָט אויפגעפלאַמט, געדרויכערט. אויף עטלעכע ציגל האָט זיך געקאָכט אַ פאַרסאַדזעטער טאָפּ. ס׳האָט פאַרשמעקט איבערן הויף אַ היימישע, געדיכטע אַרבעס־זופּ. צווישן די ביימער האָבן זיי פאַרצויגן אַ שטריק, אַ וויג־האַמאַק. די אַלטע איז אַרויס אויפן גאַניק, געמורמלט, נישט אומצופרידן:

— אַזאַ פּוסטקע, און ס׳יונגוואַרג, קנײַנעהאָרע... אַבי מײַנע קינדער פאַסט נישט...

וואָס האָט זי געוווּסט, די אַלטע? אסור, אויב זי האָט זיי פאַרשטאַנען, ס׳הײַנטיקע יונגוואַרג. אַ טראַנזיסטאָר האָט דאָרט אין דער מיט לאַנג זיך געגאָרגלט מיט די היפּי־זינגערייען, און איינער האָט אויסגעשריגן:

— פאַרמאַך אים ס׳מויל!... וואָס ווילן זיי, די לאַנג־האָריקע בראָדיאַגעס, מיט זייערע טאַם־טאַם־קולות?...

— אפשר ווילן זיי טאַקע עפּעס!... — האָט דאַניעל זיך אַראָפּגעלאָזן אויפן אונטערגעהאַקטן שטאַם, און ס׳איז אַוועק אַ לאַנגע דיסקוסיע.

ווידער די אַלטע גראַטשקעס... — האָט די אַלטע זיך געפּאָרכטן — קיין גוטס וועט דערפון נישט אַרויסקומען. ווייל זי האָט זיך דאָרט געפּרוווט אײַנהערן אין זייערע הייסע גערעדערייען. איבער וואָס, כ׳בעט אייך, רייסט מען זיך ווידער אַרום? און ס׳האָט איר אויפסניי אַרומגעכאַפּט די בהלה פון די האַלב־פאַרגעסענע שרעקן. דאַניעל איז דאָרט ווידער געווען צווישן

זיי, געקומען אַנצופליען אין זיין צעטרייבערטן „דע שעוואָ״. ער האָט אויפ־געמאַכט דאָס טירל און פאַרבעטן עסטושיאַן, זי זאָל מיטפאָרן מיט אים אין שטאָט אַריין. אָבער די קליינע האָט בלאָס און צוריקגעהאַלטן געשמייכלט:

— ניין... — האָט זי געשטאַמלט — זי וואַרט אויף איר חבר...

און וויקלט זיך אומשולדיק אין איינגעצויגענעם פעניוואַרל. די אַלטע האָט פון גאַניק־אַראָפּ געשריגן צו אים:

— וואָס ווילסטו פונם קינד האָבן?... לאָז זי צופרידן...

האָט ער האַסטיק אַ טרייב געטון דעם וואָגן, ווי מיט כעס, שאַרף פאַרקירעוועט און צוריקגעאיילט אין שטאָט אַריין. ס׳האָט זיך דאָרט נאָך אַלץ געטומלט, אין לאַטיינישן קוואַרטאַל. ער האָט יעדעס מאָל געברענגט פרישע נייעס: „באַזעצט די סאָרבאָנע... אונטערגעצונדן אויטאָס אויפן „בולמיש״... (בולוואַר סען־מישעל), ס׳גייען נייע צייטן״...

אָבער צומאָרגנס איז ער ווידער אויסגעוואַקסן. לעבן אים, ביים רעדל, איז אויסגעשטיגן אַ בלייכע פריילין מיט גרויסע, פאַררויכערטע ברילן. פון אַ באַרג צעשאָטענע האָר האָט אַרויסגעקוקט אַן אויסגעצויגן פויגל־פּנימל און לאַנגדיקע, קליינע, שיטערע ציין. מיט אַן אַלטמאָדישער ציינד־מאַשינקע האָט זי פאַררויכערט אַ סיגאַרעטל צווישן אירע פולע ליפּן, טיף פאַרצויגן, געבלאָזן דעם רויך דורך די נאָזלעכער פון איר קורץ, שיקסע־וואַטע נעזל, און זיי אַלעמען אָנגעקוקט זייער היימיש, זייער שמייכלענדיק. אויך זי איז געווען אין צעקנייטשטע „בלודזשינס״, יינגלעריש־איינגעצערט אַרום דער שמאָלער טאַליע פון אַן ערד־בין. ס׳איז געווען אַרלעט, וועלכע האָט דערנאָך נישט קיין קליינע ראָלע אָפּגעשפּילט אין דאַניעלס צעטראָגן לעבן. ווי נאָר די אַלטע האָט דערזען זיי דערנענטערן זיך צו דער טעראַסע, האָט זי דאָרט — מ׳ווייסט ניט פאַרוואָס — אַ פאַרהאַק־געטון די שויבן־טיר הינטער זיך. דאַניעל האָט דאָס פריילין געפירט צו די פּאַלאַטקעס הינטער די צעוואַקסענע ניס־ביימער. די האָר זענען אים געפאַלן איבערן שטערן, דאָס ראָנד־בערדל, די פּאַוואָריטן — אויפגעבלאָזן. אַזוי צעיאַכמערט איז ער געווען. צווישן די ציין האָט ער געפייפט דאָס פּאָפּולערע לידל פון ענריקאָ מאַסיאַס:

אָך, ווי שיין עס זענען,
די טעכטער פון מיין לאַנד...

דאַניעל האָט צום ערשטן מאָל אָנגעקוקט, אַביסל פאַרחידושט, דעם שטאָלטנעם בחור. מ׳ווייסט גאָרנישט פון וואַנען ער האָט זיך פלוצים, צום ערשטן און צום לעצטן מאָל, אַראָפּגעיאָוועט אַהער, און באַלד דערנאָך מיטגענומען מיט זיך דאָס מיידל. עסטושיאַ, אַ פאַרפלאָמטע, האָט אים צו־ערשט זייער צוריקגעהאַלטן פאַרגעשטעלט. פאַרהאַרטעוועטס, מיליטערישס איז געווען אין זיין זיכערן טראָט; אַ געדיכטע, ברוינע וואָנסע האָט פאַר־דעקט זיין האַלב־אָפן מויל מיט די אָפּגעדעקטע ציינער; אַ געקרייזלט

שויבערל האָט זיך געווינטלט איבער זיין שטערן, אַ סיגאַרעטל — צווישן די דינע, ענערגישע ליפּן. ער האָט דאַניעלן דערלאַנגט אַ פּעסטע, אָבער וואַרעמע האַנט; אין דער צייט, ווען עסטושיאַ האָט זיך אַביסעלע געררויטלט.ביידע, דאַניעל און דער יונגערמאַן, האָבן זיך פאַרשנדיק איינס ס׳אַנדערע באַטראַכט. אַרום עסטושיאַס פולע ליפּן איז מיטאַמאָל געווען אַ דרייסט קנייטשל. זי האָט אפילו אַביסל פאַרשייט געלאַכט, אַזוי גליקלעך, אַזוי פאַרפלאָמט ווי זי איז פלוצים געווען, אַז ס׳האָט אים דערמאַנט אַן אַנגע־האָדעוועט, אַנגעזויגן קינד אין שויס פון דער מוטער. און ס׳איז געווען זון־און־שאָטן־שפּיל אין זייער גאַנג צווישן די פאַרנאַכטיקע ביימער. ווער עס האָט זיי געזען אַזוי אַוועקשווימען אין גאָלדיקן פאַרנאַכט, צווישן די אַלייען, האָט געמוזט דערפילן דאָס, וואָס מען רופט — צוריקגעפונען גליק. אויך די אַלטע פון גאַניקל האָט זיי נאָכגעקוקט מיט אַ פאַרשטאַרט אויג, און זיך אַ זאָג־געטון — אַזאַ טייער יידיש קינד...

— אַבראַשקע... — האָט עסטושיאַ געמורמלט, נאָכן צוגעטוליעט, דעם קאָפּ אויף זיין אַקסל; און אַזאַ וואַרעמער טוי ווי ס׳איז געווען אין אירע אַגרעס־אויגן.

מיט אַ וויכן טראָט, האָט זי נאָכאַנאַנד געפלאַטערט אַרום אים, אים מער נישט אָפּגעלאָזן. אָבי דאַניעל האָט געמיינט — עפּעס אַ נאַיוו דערשראָקן, פאַרבלאָנדזשעט מיידל. ס׳ברענט אין זייער שטילן שמייכל — האָט ער זיך געכאַפּט — עפּעס אַזוינס, וואָס ער באַגרייפט עס אפשר גאַרנישט; ווי זיי וואָלטן אַראָפּגעפאַלן פון אַן אַנדערן פּלאַנעט. ביי אַבראַשקען, דעם בחור אירן, זענען געווען צוויי לאַכנדיקע גריבעלעך, ווען ער האָט ביי דאַניעלן אומגעריכט אַ פרעג געטון:

— זענט איר זיכער, אַז מאַאַ, אָדער דער טראָצקיזם, וועלן שוין יאָ עפּעס לייזן, כ׳מיין, אונזערע יידישע וויטיקן?...

ס׳איז געפאַלן אַזוי פלוצים, אַז ער האָט נישט באַלד געפונען קיין רייד. הינטער די פּאַלאַטקעס, ביים שייטער, האָט מען נאָך לאַנג אַרומגע־פּלאַפּלט. דער פאַרנאַכט האָט זיך שוין געהאַט אַראָפּגעלאָזן, און די שיין פון שייטער האָט אָפּגעגאָסן קופּערן זייערע פּנימער. אין די פענצטער פון אַלטן הויז, צווישן די ביימער, האָט מען קיין ליכט נישט אָנגעצונדן.

און ס׳איז שוין דערנאָך אַלץ געשען אַזוי אומגעריכט; אַזוי האָט ער זיי צום לעצטן מאָל געזען אַוועקשווימען, ענג געאַרעמט, אין פאַרנאַכטיקן זון־פלאַקער — צוויי על פּי נס אָפּגעראַטעוועטע, דורכגעליטענע קינדער, וואָס האָבן זיך צוריקגעפונען; קינדער פון אַן אַנדערער דימענסיע, וואָס מיר קענען זיי אפשר נישט באַגרייפן. זיי האָבן איבערגעלאָזן אין דאַניעלן אויף לאַנג עפּעס אַזאַ קיינמאָל נישט געאַנטע בענקשאַפט.

און ווען ער איז סוף וואָך ווידער געקומען אַנצופליען אין זיין „דע שעוואַ", האָט ער פלוצים געטראָפן דאָס פאַרזשאַווערטע טירל פאַרהאַקט. ס׳איז אַרום געווען אויסגעשטאָרבן־שטיל. די שטילקייט האָט אים אַ קלונג געטון אין די אויערן. ער האָט לאַנג געצויגן ביים טיר־גלעקל, ביז די

מאַמע האָט זיך באַוויזן אויפן הויכן גאַניק. זי האָט אויסגעזען זייער צע־טראָגן. אַרום די אַלטע דעמבעס און ניס־ביימער — דער פאַרלאָשענער שייטער. אויפן אָרט פון די אַוועקגענומענע ביידלעך איז דאָס גראָז געווען בלייך, פאַרוועלקט.

— ווו — האָט ער זיך אַרומגעקוקט — איז אַהינגעקומען די גאַנצע באַנדע?

— זיי זענען נעכטן שפּעט אין אָונט אַלע אַוועק... עסטושיאַ מיטן בחור אירן — אויך... אַלע גייען אַוועק פון מיר...

און אַזאַ צער ווי ס׳איז געווען אין פאַרלאָשענעם בליק פון דער מוטער. דאַניעל האָט זיך נאָך דאָרט אַרומגעדרייט אַ האַלבן טאָג, אַ ביסל אַ צערו־דערטער. ער האָט שוין איצט געוווּסט, אַז געצויגן אַהער האָט אים אייגנט־לעך — ס׳קליינע, פאַרבלאָנדזשעטע מיידל פון פוילן. ווער — האָט ער געוואָלט וויסן — איז ער, דער אַבראַשקע? ווער זענען זיי, די אַלע? פון וואָס פאַראַ אונטערגעגאַנגענעם פּלאַנעט קומען זיי?

# צווייטער טייל

# „געזעגענונג מיטן פאטערלאנד"

קאַפּיטל 7

# דאָס ייִנגל פון וואַלד

דאָס ייִנגל, אַבראַשקע, איז ערשט אין טיפן נאָוועמבער 1944, ווען די רויטע אַרמיי האָט צוריק אַ שפּאַר געטון אין די בלאָטיקע פּאָליעסער מקומות, צוריקגעקומען פון וואַלד. ער איז געהאַט אַנטלאָפן פון מענטשן־דזשונגל, פון געטאָ, פון די צעשיסונג־גריבער, אין פרייען וואַלד אַריין. איינצלנע, פּאַרטייען, זענען זיי אַרויס פון די אונטערגעשוועקטע וועלדער, פון די פּאַרשטעקטע נאָרעס, האַלב־קינדער, האַלב־דערוואַקסענע, אין צע־אַדערטע רוסישע פופייקעס, אין אונטערגעשניטענע שינעלן, מיט אַ רויען, פּאַרלאָפּענעם בליק פון אונטער די צעפליקטע באַראַשקענע פּאַפּאַכעס.

וואָס האָט ער דען דעמאָלט אינגאַנצן געדענקט, ס׳ווילדלעכע ייִנגל פון אַ יאָר 16 ? ער האָט נאָר געדענקט, ווי גיך און פּאַרפּלאָמט ס׳זענען דורכגעלאָפן די הייסע עטלעכע חדשים אין דער מיטעלער פּראָווינץ־שטאָט אויפן בוג. דעם גאַנצן סעפּטעמבער, ביזן טיפן אָקטאָבער אַריין פון יענעם טרויעריקן יאָר 1939, האָבן די אַנגעלאָפענע יידן דורך די נעכט געצויגן פון יענער זייט. אַ געדיכטע שטאָט מיט יידן איז, ווי דער טייך פרילינג־צייט, אַרויס פון די ברעגן. פון גאַנץ קרוין־פּוילן, פּאָדלאַשיע, מאַזאָוויע, איז מען אין די פינצטערע סעפּטעמבער־נעכט געקומען אַנצולויפן איבער דער נייער גרענעץ. דאָ באַלד, אויף יענער זייט בוג, האָט שוין ווילד גע־שטשירעט די ציין די נאַצישע חיה־רעה. אויף די הפקרע מלינות איז גע־ווען אַ ווימלער אַנגעלויף, אַלע שטיבן — אָנגעפּילט מיט די פּאַרוואָגלטע יידן. מ׳איז געשלאָפן אויף שטולן, אויף טישן, אויף דר׳ערד, אפילו אויף די גאָניקעס, אונטערגעבעט מיט שטרוי. פון די הייפלעך איז פּאַרטאָג אויפגע־שטיגן אַ געדיכטער, שמעקנדיקער רויך פון דאַרע צווייגן. אונטערן פרייען הימל האָט מען געקאָכט קעסלען טיי, קעסלען קאַווע. דער ריח פון היימישע געקעכטסן האָט פּאַרפולט דעם הויף. די פרוכט־ביימער אין די סעדער הינ־טערן הויז זענען שוין געשטאַנען אָפּגעטרייסלטע. פינצטערע, פּאַררויטלטע כמאַרעס, ווי פּאַרלאָפענע שטיקער פּאַרבאַקן בלוט, האָבן זיך באַלד נאָך סוכות אָנגערוקט פון מזרח־זייט. באַגינען איז שוין אויף די דעכלעך ליגן־געבליבן אַ ווייסע ראָסע. ס׳האָט שוין געצויגן מיט פריע, ביטערע קעלטן. דער מאַרק, מיט די פּאַרקלאַפּטע קלייטן, די האַרבסטיק־נאַקעטע בולוואַרן, זענען איבער נאַכט פּאַרשטעלט געוואָרן מיט די אָנגעפּאַרענע שווערע, פּרייכנדיקע סאָוויעטישע טאַנקן ; די פּלעצער — באַדעקט מיט אָנגעפּעלצטע רויט־אַרמייער אַרום די אויפגעשאָסענע שייטערס, צעלייגט אונטערן פרייען הימל. ווי אַ הייערשריק, זענען זיי דורך דער נאַכט אומגעריכט געקומען אַנ־צוציען, שטומע, פּאַרטייעטע, אויף ריזיקע טאַנקן, מיט דראָענדיקע קאַנאָנען־

לופעס. באַלד האָט עס אָבער אַ הילך געטון פון אַלע עקן מאַרק דורך די הויך־שפּרעכערס מיט די פריילעכע, מונטערע רוסישע מאַרש־לידער.

אַרויסגעקריגן זיך פון דער אויפגעבראַכענער שעדלעצער תפיסה, איז דער יונגער פאָלקס־שול־לערער, חבר סרוליק, פון די ערשטע, באַלד געקומען אַנצולויפן, צוזאַמען מיטן שטראָם פּליטים. אין אַ פינצטערן פאַר־טאָג פון סוף סעפּטעמבער האָט ער איינמאָל אומגעריכט אַ קלאַפּ געטון אין די דינע לעדלעך, אין הילצערנעם טייך־געסל.

— קטאָ טאַם ?... ווער איז ?... — האָט מען דערשראָקן געפרעגט פון יענער זייט.

— אָן אייגענער !... — האָט ער פריילעך געענטפערט — מאַכט אויף...

האָבן זיי דאָרט אַלע באַלד דערקענט די מונטערע שטים פון לערער סרוליק. אויף דער שוועל איז געשטאַנען אַ נידעריקער, אַ געזעצטער, דער פאָלקס־שול־פאַרוואַלטער הירש. ער האָט האַלב־דערשראָקן געפינטלט פון אונטער דער בריל אין די שוואַרצע רעמלעך, ס׳בענדעלע אונטערן אויער.

— ווי ס׳האַרץ וואָלט מיר אָבער געזאָגט... סרוליק... — ער האָט אים פאָטערלעך געלייגט די האַנט אויפן אַקסל — קום אַריין... ווערסטו זיך כאָטש דערוואַרעמען...

צום שול־פאַרוואַלטער הירש האָט זיך סרוליק דערפרעגט, ווי נאָר ער איז געקומען אַנצולויפן פון „יענער זייט". ווייל דער פאַרוואַלטער פון דער פּרץ־שול האָט אין די לעצטע פאַר יאָר שוין מער נישט געוווינט אין דער טאַפּאָלן־גאַס, קעגנאיבער דער פאַרחתמעטער יידישער שולע. ס׳האָט אים דעמאָלט שטאַרק געשניטןביים האַרצן, ווען מ׳איז סוף כל סוף געקומען פון דער פּוילישער מאַכט, אַרויפגעלייגט אַ לאַק־חתימה, אויפגעהאַנגען אַ שלאָס אויף דער טיר. מ׳האָט זיך סיי־ווי געריכט דערויף. די אָרעמע יידישע שולע איז זיי געווען אַ דאָרן אין אויג. די יידישע שולע איז אויסגעגאַנגען, געצאַנקט. ס׳איז מער נישט געווען וואָס צוצוואַרפן די לערער, כאָטש זיי זענען פון זייער פּאָסטן נישט אָפּגעטראָטן. ווען די קינדער זענען אין לעצטן פרימאָרגן געקומען מיט די העפטן אין די פאַרשטייפטע פויסטלעך, זענען זיי פּלוצים שטיינגעבליבן פאַר אַ פאַרהאַקטער טיר. דער שול־פאַר־וואַלטער הירש איז דערנאָך אומעטיק אַוועק, אָפּגעדונגען צוויי קליינע צימערלעך אין אַ נידעריק, הילצערן הויז, אין טייך־געסל. מ׳ווייסט נישט פאַרוואָס, נאָר ס׳האָט אים עפּעס צוריקגעצויגן צום טייך־געסל; צי דער־פאַר אפשר, ווייל דאָרט האָבן אַמאָל געלעבט זיינע אבות.

אין אָט די אָרעמע געסעלעך האָט נאָך פריש געלעבט די ווייטע געדעכטעניש פון 5־טן יאָר, פון די „צער בעלי חיים", די „שטרייקערס"; פון זיין טאַטן, דעם בונדישן טוער, ליפּע קאַמאַשנמאַכער. מ׳האָט נאָך דאָ געזונגען דאָס ליד וועגן „אַוועקגעלייגטן" פּאָליצמייסטער אַרגאַניסעוו. ער האָט נישט מער געצויגן אויף זיך די פרעמדע, זייטיקע בליקן. ס׳איז בכלל געזינטער געווען אין אַזעלכע אומרואיקע צייטן, נישט צופיל צו וואַרפן זיך אין די אויגן. אין דער געדיכטער שטאָט פון יידן איז מער

קיין יידישע פאָלקס־שול נישט געווען. די אונטערגעוואַקסענע חברה זע־נען אַוועק צו אַ מלאכה, אָרגאַניזירט אַ פּראָפ. פאַריין, געשטרייקט, גע־וואָרפן רויטע פענדלעך אויף די דראָטן, אין די נעכט, פאַרן 1־טן מאַי, פאַרן 7־טן נאָוועמבער; זענען אַוועק אין די תפיסות פון לאַנד, אין קאָנ־צענטראַציע־לאַגער קאַרטוז־בערעזע. זיי האָבן זיך נאָך אָבער אַלץ געקלאָ־מערט, זענען געקומען אָנפּילן די קליינע צימערלעך ביים לערער הירש. די אַלטמאָדישע בריל אויפן שוואַרצן שנירעלע אונטערן אויער, האָט מער נישט געפלאַמט ביי אים, ווי אַמאָל; ער איז אַרומגעגאַנגען אויף די שפּיץ פינגער, באַדאַכט, פאַרטון אין שווערע מחשבות, געפילט, ווי ס׳רוקן זיך אָן שווערע וואָלקנס אויף דער וועלט. אין זייער יונגן געלעכטער, האָט ער אויסגעזען צו פאַרגעסן זיך, אָבער אַרונטערנעמענדיק די בריל, האָט ער געפינטלט מיט די אויגן און געלאָזן פאַלן, אומעטיקלעך:

— ווען איר ווייסט כאָטש, קינדער, וואָס פאַראַ ביטערע צייטן מיר גייען אַנטקעגן...

און אויף דער „יידישער גאַס" האָט זיך נאָך אַלץ דאָרט געטומלט, מיט די הייסע וויכוחים, פּאָליטישע שטרייטן, וואַל־מיטינגען, מאַסוועקעס, רעפעראַטן, סימפּאָזיומס, קרייז־באַראַטונגען. ס׳זענען אָראָפּגעקומען פון „צענטער" פּלאַמיקע רעדנער, פון אַלערליי שיטות און שאַטירונגען. אין בערלינערס הפקרע הייזער האָט געראַיעט דער גאַנצער פעכער פון פּאָלי־טישע באַוועגונגען — פּועלי ציון, צעירי ציון, בונד, קאָמוניסטן, השומר הצעיר, גורדוניה, טרומפּלדור, אפילו מזרחי און אגודה. ביי זיי אַלעמען — שאַרפע פּרינציפּן, גאָרנישט אָראָפּצודינגען. מ׳האָט זיך איינער דעם אַנדערן פאַרשריגן, אויסגעלאַכט, באַקעמפט.

דער יונגער לערער סרוליק, זיין טאַטע איז געווען אַן אָרעמער בע־קער אין די הינטערגעסלעך, אַן אייביקער סטודענט, אַן אויטאָדידאַקט, האָט שוין געהערט צום צווייטן דור סעמינאַריסטן אין ווילנער לערער־סעמינאַר; דער סעמינאַר, וואָס האָט אויפגעהאָדעוועט אַ גענעראַציע יונגע לערער, פאָלקס־אינטעליגענטן. זיי זענען אַוועק „אין פאָלק אַריין", איבער יידישע שטעט און שטעטלעך, אין די יידישע שולן, אויף אַ הונגער־לוין, אָבער מיט גרויס אידעאַליזם.

די ליידנשאַפט סרוליקס איז געווען — געשיכטע; און דאָס האָט אים אפשר דערנאָך געפירט צו גאַנץ אַנדערע אויספירן אין אונזער דער־שטיקט לעבן: נאָר ווער האָט דען דעמאָלט נישט געפלאַמט מיט דער וויזיע פון וועלט־און מענטש־אויסלייזונג, פון דער וועלט־רעוואָלוציע? סוף צוואַנציקער יאָרן האָט ער זיך אומגעקערט אין דער היימשטאָט אויפן בוג, ווען די יידישע שול האָט שוין געצאַנקט, מ׳האָט זי דערשטיקט. פון די דריי שולן, וואָס האָבן געגרוישט מיטן פריילעכן גערודער פון יידישע קינדער, זענען פאַרבליבן נישט מער ווי אַ פּאָר אָרעמע קלאַסן. חבר הירש, אַן אַלטער עקשן, פונקט ווי זיין פאָטער, האָט זיך גאָר דערפרייט, ווען ער האָט צובאַקומען אַ יונגן, ענערגישן געהילף. ער איז געזעסן אין קלאַס, אויפן

געשיכטע־לימוד ביי די עלטערע קינדער, און זיך צוגעהערט מיט גרויס נייגער. עפּעס אַ נייער טאָן, אַ נייער אופן פון באַלייכטן יידישע געשיכטע, האָט ער דערכאַפּט ביי אים. אָבער די אונטערגעוואַקסענע חברה זענען זיך ביסלעכווייז צעפלויגן פון דער וואָרעמער נעסט. איבער זייערע יונגע קעפּ איז שוין געהאָנגען אַ פויסט. די ביטערע עקזיסטענץ פון די קליינע, פאַר־דאגהטע טאַטעס, פון די געוועלבלעך, האָט זיי געטריבן צו די אָרעמע וואַרשטאַטלעך, אויב ס׳איז נאָר געווען ווו צו פאַרקויפן די הענט. די פּאָ־ליציי האָט געלויערט אויף זיי. צו וועמען האָבן צוטרוי אין אַזעלכע ציטן? ווייל אויך סרוליקן האָט מען נאָך אין זעלבן זומער אַרויסגענומען פון בעט, אין אַ פאַרטאָג, אַוועקגעפירט אים, אַ געשמידטן אין קייטעלעך, צום ווייסן פיר־קאַנטיקן תפיסה־בנין ביים טייך. מ׳האָט זיך ערשט דערנאָך דערוווּסט, שטיל געשמועסט, אַז ער האָט געהערט צום ראַיאָן־קאָמיטעט פון אונטער־ערדישן קאָמ. יוגנט־פאַרבאַנד; כאָטש ער האָט ליב געהאַט די יידישע שול ס׳לעבן, איינגעשטעלט זיך פאַר איר, אפילו ביי די אייגענע חברה, וואָס האָבן אַ ליאַדע וואָס, געשריגן: נאַציאָנאַליזם... אָפּרייסן זיך פון די אַרבע־טער און פאָלקס־מאַסן...

אַצינד, נאָכן אַרויסרייסן זיך פון דער אויפגעבראַכענער שעדלעצער טורמע, איז ער באַלד געקומען אַנצולויפן אַהיים, באַזעצט דורך דער רויטער אַרמיי. זיין ערשטער געדאַנק איז געווען: צוריק אויפשטעלן די יידישע שול, וואָס איז ביי די פּאָליאַקן דערשטיקט געוואָרן. ער איז געווען אין אַן אויס־געוואַקסן מאַרינאַרקעלע, דער קאָלנער אויפגעשטעלט, דער קאָפּ — נאַקעט־אַרומגעגאָלט. ס׳איז נאָך ווייט געווען צו טאָג. אונטערן נידעריקן באַלקן האָט מען אָנגעצונדן דעם פאַרקאָפּטשעטן נאַפט־לאָמפּ, קאַרג אַרויפגעדרייט, קיין עלעקטריע איז שוין זינט עטלעכע וואָכן אין שטאָט נישט געווען. ס׳וויב, די אַמאָל בלאָנדע, טענצלדיקע לערערין קאַטיע, איז באַלד געלאָפן אין קיכל, שטעלן דעם סאַמאָוואַר. אַבראַשקע, דאָס יינגל זייערס, האָט זיך איבערגע־וועקט אין זייטיקן חדרל, אַ בליק געטון דורך דער האַלב־אָפענער טיר, דערקענט פּלוצים סרוליקן; דער אַרומגעגאָלטער קאָפּ זיינער איז פאַר־וויקלט געווען אין פּאַפּיראָסן־רויך. הירש האָט נאָך עטלעכע מאָל אַ לויף געטון, זען צי די טיר איז גוט פאַרריגלט, איז געלאָפן פאַרהענגען געדיכטער דעם פענצטער, מ׳זאָל קיין שפּאַרע ליכט צום דרויסן נישט אָנזען. ער האָט זיך עפּעס געפאָרכטן מער, ווי אַלעמאָל. ער האָט אַרונטערגענומען די פינקלענדיקע בריל מיטן אַלטמאָדישן שוואַרצן שנירעלע, זיך צוגעזעצט, און געוואָלט ביי סרוליקן געוווּיר ווערן, דערגיין:

— ווי מיינסטו, ביי דער נייער „וולאַסט" וועט מען אונז כאָטש לאָזן לעבן? — ער האָט דערביי גערעדט מיט אַ שטיל צוגעדושעט קול — ס׳וועט, מיינסטו, זיין אַ יידישע שול?

— וואָס הייסט? צווייפלסט נאָך אין דעם? אונזער ראַטנמאַכט...

— מילא, דו ווייסט דאָך יאָ, סרוליק, כ׳בין אַן אַלטער סאָציאַליסט... נאָך דער פאָטער מיינער... דאָס יידישע וואָרט איז מיר זייער טייער...

— כ'וועל באַלד מאָרגן גיין צו זיי... כ'וועל זיי, נישקשה, איבערצייגן... ביי מיר וועלן זיי נישט אויספירן...

— הלוואי זאָלסטו באַווייזן... נאָר עפּעס זאָגט מיר דאָס האַרץ, דו דו הערסט?... מיט דיר קען איך רעדן אָפן, צו דיר האָב איך צוטרוי... אונזער זאַך, האָב איך מורא, איז אַ פאַרשפּילטע, אפילו די נאַציאָנאַל־קול־טורעלע אויטאָנאָמיע... צו לעבינען האָב איך נישט געהאַט קיין טענות. ער האָט עס פאָרמולירט זייער געגוי נאָך אין יענע יאָרן. ס'האָט זיך אָבער דערנאָך באַשטעטיקט דער גאַנצער בונדישער פּראָגראַם — דורך דער יעווסעקציע... ווייל ער האָט אפשר איינגעזען, אַז ער האָט זיך אַ קליין ביסעלע טועה געווען... אַז ער איז שלעכט אינפאָרמירט געוואָרן, און דווקא זייער אָפּט דורך זיינע יידישע און יידן־אָפּשטאַמיקע בעלי־יועצים... נאָר מילא, כ'רעד שוין נישט דערפון... אָבער פאַר די־אַ האָב איך פּשוט מורא...

זיי האָבן שווייגנדיק געטרונקען פון בייכיקן סאַמאָוואַרל, קאָרג צו־געביסן מיט צוקער. די אויגן האָבן זיך געקלעפּט. הינטער סרוליקס פּלייצע איז שוין געווען צעבעט אַ ברייט געלעגער, פריש איבערגעצויגן. ער איז דאָרט אַוועקגעפאַלן אין די זאַכן, ווי אַ שטיין.

באַלד צומאָרגנס, גאַנץ פרי, האָט זיך סרוליק אַ הייב געטון, אַרומגע־וואַשן זיך, אַרומגעקראַצט דעם בלאָנדלעכן אויסשיט, אָנגעטון אַ ריין העמדל, דעם האַלדז צעשפּיליעט, און אַראָפּגעלאָזן זיך אין גאַס אַריין. ער האָט אָבער באַלד געוווסט ווו אָנצושפּאַרן, אין די פּראָוויזאָרישע אַמטן, וואָס זענען באַ־צייטנס אונטערגעקומען. ס'איז געווען ניט אַזוי לייכט, זיי האָבן עס דאָרט איבערהויפּט נישט פאַרשטאַנען — נאָכוואָס עפּעס אַ באַזונדערע יידישע שול? אָבער ער האָט לסוף דאָך עפּעס געפּועלט. ער איז אַליין אַוועק, אַראָפּגעריסן דאָס שלעסל מיט דער פּוילישער לאַק־חתימה, וואָס איז נאָך דאָרט געהאָנגען אין בערלינערס הפקרע הייזער. אין איינע פאָר טעג האָבן זיך די ליכטיקע, אויסגעלופטערטע זאַלן צוריק אָנגעפּילט מיט קינדערי־שער און יוגנטלעכער פרייד, מיט יונגן געלעכטער. די נייע לידער האָבן אַ הילך געטון. ס'זענען צוריקגעקומען די קינדער אין דער אָרעמער יידי־שער שול.

אַזוי פאַרפלאָמט און פאַרפאָרעט, ווי ר'איז געווען, סרוליק, האָט ער ביז איצט אפילו קיין צייט נישט געהאַט אַ טראַכט צו טון אַמאָל וועגן זיין אייגן לעבן; ווייל אויך רחל, די חברטע פון דורכגעפאַלענעם ראַיאָן־קאָמיטעט, איז נאָר וואָס באַפרייט געוואָרן פון תפיסה. פון דאָרן באַחנטן מיידעלע מיט די צעפּלעך, האָט זיך פאַר די פאָר יאָר באַקומען — אַ פרוי. זי האָט זיך געוויגט אויף שלאַנקע פיס און ס'האָט געברענט אין איר אַ ווילדע ענערגיע. ס'איז סיי ווי קיין סך צייט נישט געווען אַריינ־צוקלערן, אַזוי פאַרפלאָמט איז מען געווען אין יענע פאָר חדשים. האָט ער זי איינמאָל, אין געלעכטער, אַזוי־זיך, אַ זאָג געטון, באַלד נאָך דער פאַרזאַמלונג פון די קאַדרן, ווען זיי זענען בייזאַמען אַרונטער אויפן אַרומ־געבראָכענעם סקווערל, אין קאַלטן, אויסגעשטערנטן ווינטער־אָונט:

— רחלע, ווי לאַנג איז דער שיעור צו לעבן אַזוי־אַ איינער אַליין ?... לאָמיר זיך גיין „פאַרשרייבן" און — פּטור...

האָט זי שיין געלאַכט מיט איר פּריש געלעכטער, רחל, זיך פונדעסט־וועגן אַביסעלע געריטלט אין דעם קאַלטן, אויסגעשטערנטן דרויסן, זיך אַ טוליע געטון צו אים; און זיי האָבן טאַקע באַשלאָסן באַלד צוגמאָרגנס צו גיין „פאַרשרייבן" זיך. די מאַמע אירע, די אַלמנה, האָט נאָך דאָרט אפילו אונטערגעקרעכצט אויפן הייניטיקן יונגוואַרג, אָבער זי האָט גאָרנישט מער געזאָגט. זי אַליין האָט נאָך געהאָלפן איינאָרדענען זייער פּרישע נעסט, אַ ליכטיק צימערל אין טייך־געסל, אָנגעבערענגט קישנס, פּערינעס, ליילע־כער, אויסגעניייטע קאָלדרעס, ציכלעך, אפילו שטוב־כלים. אַ גאַנצער נדן, אַ גאַנצע באַלעבאַטישקייט. רחל האָט נאָך באַלד אין אָנהויב געאַרבעט אויף דער פּאָסט. ערשט פאַרנאַכט האָבן זיי קוים צייט געהאַט צו זיצן אַביסל ביים אָוונט־ברויט, פריילעך אַרומפּלאַפּלען, דערמאָנען זיך, אפילו דיסקוטירן. יעדן אָוונט — אויף זיצונגען, פאַרזאַמלונגען. ווייל רחל אַליין האָט זיך אויפגעהאָדעוועט אין דער אָרעמער יידישער שול, האָט זי ליב געהאַט ס'לעבן, געזונגען מיט איר שיינעם סאָפּראַנאָ די אומפאַרגעסלעכע שול־לידער. אַצינד אָבער האָט זי מיטאַמאָל — געשוויגן. זי האָט געשוויגן, ווייל זי האָט נישט געקענט פאַרשטיין, פאַרוואָס טייערע, איבערגעגעבענע חברים, אין תפיסות אויסגעליטענע, זענען איבער נאַכט פאַרשוווּנדן פון שטאָט; מ'איז שטיל געקומען ביינאַכט, אַרויסגענומען זיי פון די בעטן. די אָנגע־פּאַקטע עשאַלאָנען אויף די זייטיקע, אָפּגעלעגענע ליניעס, אַרום קיעווער סלאָבאָדקע, זענען אָפּגעפאָרן אין ווייטע מרחקים, צום קאַלטן צפון...

דער לערער הירש איז אַרומגעגאַנגען נאָכמער שטיל, פאַרטייעט אויף דער ערד. ער איז נאָך פונדעסטוועגן געקומען אין שול. די אַלטמאָדישע בריל ביי אים האָט אַ רגע אויפגעשיינט און זיך באַלד פאַרלאָשן. ער האָט אָבער געפילט, אַז עפּעס איז אוודאי וועגן אים שוין אויף צוגעטראָגן געוואָרן; אַז אַזעלכע, ווי ער, אַלטע סאָציאַליסטן, וועלן דאָ סוף כל סוף גוט נישט אָפּשניידן. כאָטש וועמען האָט ער דען שלעכטס געטון? צי איז דען דער קאַמף נישט געווען אויך זיין קאַמף? דאָס יינגל זיינס, אַבראַשקע, אַ יאָר דרייצן, האָט לאַנג געשוויגן און פּאָרט אַרויסגעפּלאַצט:

— פאַרוואָס מיידן זיי אונז אויס? אפילו דער לערער סרוליק... — האָט דאָס יינגל געוואָלט וויסן ביים פאָטער.

וואָס האָט ער אים געהאַט צו ענטפערן? אָבער צו סרוליקן האָט חבר הירש זיך איינמאָל אַזוי אָפּגערופן:

— איך פרעג ביי דיר... צי האָט מען געדאַרפט דערפירן צו דעם אַלעמען? קוק אָן — מיר זענען ווידער אויפן הפקר...

— די ראַטנמאַכט האָט גרעסערע זאָרגן פאַר זיך...

— כ'וויל זיך מיט דיר נישט שפּאַרן. זאָל די געשיכטע משפטן... די געשיכטע דיינע, אין וועלכער ביסט אַזוי פאַרכאַפּט...

מיטן יינגל, מיט אַבראַשקען, ביים הענטל, איז ער יעדן אין דער

פרי געקומען אין שול אַריין. דאָס האָט אַבראַשקען צוריקגעצויגן אַהער, צום פריילעכן, קינדערישן געטומל אין גרויסן הויף, צום לערער סרוליק, וואָס לערנט אין דער פערטער אָפּטיילונג געשיכטע און ליטעראַטור.

פונדעסטוועגן איז דער ערשטער ווינטער אַדורך אַ פריילעכער, אַ פאַרפלאָמטער. קיין חנוכה־און פורים־פייערונגען האָט מען אין דעם ווינטער שוין מער נישט איינגעאָרדנט אין שול. עפּעס האָט געפעלט. דער לערער הירש האָט זיך פאַרנומען מיט די ייִנגערע קלאַסן, צוזאַמען מיט זיין פרוי, מיט קאַטיען. אויפן נייעם שול־טאָוול האָט ער מיט קרייד אויפגעשריבן דעם יידישן אלף־בית, און די קינדער האָבן, סילאַביזירנדיק, נאָכגעזאָגט און נאָכגעשריבן. מיט די רוסישע לימודים, אָבליגאַטאָרישע, אין דער שול האָט זיך פאַרנומען אַננאַ וואַסיליעוונאַ, אַ מיטליאָריקע רוסישע פרוי. זי איז געווען צוגעטיילט פון „גאָרסאָוויעט" פאַרן דערציאונג־קוראַטאָריום. ביי די פאָליאַקן האָט זי אַליין אויך געגוג זיך אָנגעליטן, איז אפילו געווען אַרעסטירט; זי האָט דאָ אַמאָל אָנגעפירט מיט דער ווייסרוסישער פאָלקס־שול, וואָס איז אויך, פונקט ווי די יידישע, געשלאָסן געוואָרן דורך דער פוילישער מאַכט. אַלע האָבן זיך דאָ זייער איינגעלעבט מיט דער פּשוטער, גוטער פרוי.

— אָט זענען מיר באַפרייט פון די פוילישע „פאַנעס"... — האָט זי זיך צוערשט געפרייט, ווי אַ קינד — מיר ווייסן דאָך יאָ ווי אַזוי זיי האָבן געשטיקט די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן...

און דאָ איז סרוליק איינמאָל געקומען, דעם קאָפּ אַראָפּגעלאָזן, און פאַרטרויט דעם לערער הירש:

— זיי ווילן איך זאָל זיין דער שול־פאַרוואַלטער... אַ באַשלוס!...

אָבער באַלד דערנאָך איז געפאַלן אַ צווייטער באַשלוס — די יידישע שול ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ רוסישער שול...

די וואָלקנס זענען געשוומען נידעריק איבערן טייך־געסל; אין די פאַרנאַכטן האָבן זיי זיך בלוטיק געראָיטלט. זיי זענען געווען פינצטער, דראָענדיק, האָבן אָנגעזאָגט אויף שניי־שטורעמס, כאָטש ס'איז שוין געווען אָנהייב אַפּריל. דער לערער הירש האָט די לעצטע חדשים געלעבט נאָכמער אָפּגעשלאָסן, פאַרטייעט, הינטער פאַרמאַכטע לאָדן, כמעט נישט געוויזן זיך אויף דער ליכטיקער שיין. אָנגעלאָפּענע לייט אין שטאָט אַריין, חברים, פון יענער זייט, זענען געקומען אים אויפזוכן. ער האָט זיי שטיל געהייסן אַוועקגיין, אָפּטראָגן זיך, ניט ווייזן זיך מער ביי אים. ער האָט געפילט, אַז אומגעזעענע אויגן באַוואַכן זיינע פענצטער, שלייכן זיך אין די פינצטערע נעכט דורכן געסל. ער וואָלט באַדאַרפט, ווי אַנדערע, לויפן אין ליטווישן ווילנע — האָט ער באַקלערט — אָבער איצט איז שוין געווען שווער, כמעט אוממעגלעך. ביז איינמאָל, אין אַ פינצטערן באַגינען, זענען זיי אויך צו אים געקומען אַ קלאַפּ טון אין דער טיר. ער איז געווען גרייט, הירש, ער האָט געוואַרט. אין דרויסן האָט גערוישט אַ פאַרמאַכטער אויטאָ מיט אויס־געלאָשענע ליכטער. די בלייכע פרוי האָט פאַרבראָכן די הענט, דערשראָקן

געפרעגט ווהין מען פירט אים? פאַרוואָס? זיי האָבן נישט געענטפערט, געקוקט מיט קאַלטע, פאַרשטיינערטע צורות אונטער די גלאַנציקע דאַשיקעס. אַבראַשקע, דאָס יינגל, האָט זיך אויפגעריסן, געקלאַמערט זיך אין קליינעם, דערשראָקענעם טאַטן, געוויינט. זיי האָבן אים האַרט אָפּגעשטופּט. דער פאַר־מאַכטער לאַסט־אויטאָ, אַן אויסגעלאָשענער, האָט געוואַרט פאַרן הויז, און האָט באַלד דערנאָך געריירט, צום לעצטן מאָל פאַרשווונדן אין נעפּל פון פינצטערן באַגינען.

קאַפּיטל 8

# אַבראַשקע

אין די אַנגעשפּיצטע אויערן פון ווילדלעכן יינגל אַבראַשקע האָט נאָך אַלץ געקלונגען, ווי פון זייער ווייט, דאָס שול־גלעקל, און דאָס שיינע ליד וועגן אַ שוועלבעלע אין פרילינג. ס'איז געווען דער לעצטער, אומשול־דיק־בלויער פרילינג אויף דער היימישער ערד, ווען דעם הימל האָבן פּלוצים באַדעקט די שוואַרצע, מערדערישע דייטשע „שטוקאַס". דעם טאַטן האָבן זיי אין יענער פינצטערער נאַכט צום לעצטן מאָל געהאַט אַוועקגעפירט אין עשאַלאָן, צום ווייטן צפון. טאַקע ווי אומבאַשיצטע שוועלבעלעך, הפקר, צווישן אַ פינצטערער וועלט פון רויבער און וועלף, זענען זיי פאַרבליבן, די יידישע שול־קינדער. כמעט קיינס פון זיי האָט נישט איבערגעלעבט. אַבראַשקעס „שול" איז דערנאָך געוואָרן — דער וואַלד... די אַקציעס... אַראָפּלאָזן דייטשע צוגן פון די רעלסן... דאָס אַרויסרייסן זיך פון דער אַרומרינגלונג אין פרילינג 1943, ווען די דייטשע שטראָף־קאָמאַנדאָס האָבן „דורכגעקעמט" די ראָזשינאָיער וועלדער.

ווי אַזוי — האָט ער זיך געפרעגט, דאָס יינגל — ווייטער לעבן? די ראָזשינאָיער וועלדער... די אויסגעקוילעטע יידישע שטעטלעך אויף יענער זייט בוג... ניין, ער וועט זיך אַהין מער נישט אומקערן! צו וועמען? נאָך וואָס? אפילו דעם שטרענגן, אָבער פריילעכן קאָמאַנדיר פון אָטריאַד א. נ. פון דימיטראָוו, חבר יעגאָרקין, האָט ער מער נישט געטרויט, כאָטש יענער האָט אים נאָך יעדער אַקציע פריילעך געקלאַפּט איבער דער יינגלשער פּלייצקע — „אַבראַשענקאָ... סינאָק"...

דעם טאַטן — צוגענומען. די מאַמע — אַ שאָטן. צוזאַמען מיט אַנדערע יידן, צוזאַמען מיטן לערער סרוליק, האָט ער געאַרבעט אין טאַרטאַק, ביים טייך־אָפּריס. מ'האָט שוין געוווסט, אַז אַ ליאַדע טאָג וועט מען דעם געטאָ אויך ליקווידירן. אין רעגנדיקן פאַרנאַכט האָט אים סרוליק פאַרהאַלטן הינטער די שאָפעס פון געטאָ, געלייגט די האַנט אויפן עקנותדיקן שויבערל ביים יינגל:

— דאַרפסט בלייבן לעבן, אוורעמעלע...

— זיי ווילן מיר אָבער נישט נעמען!...

— כ׳האָב שוין איבערגערעדט... פאַרשטעק זיך דאָ ערגעץ אין די שאַ־פעס, צווישן געהילץ. היינט ביינאַכט וועלן זיי דאָ זיין... וועסט אים זאָגן, דעם שוואַרצן מאַטלען... — האָט ער געלייגט זיין ציטערדיקע האַנט אויפן ייִנגלס אַקסל, און איז באַלד דערנאָך פאַרשוווּנדן הינטער די קרומע פּלויטן.

די אונטערגעשווענקטע פּאַליעסער וועלדער זענען געווען אַ טריט פון דאַנען. ווען ער האָט אַרום האַלבער נאַכט דערהערט אַ שטילן גערודער הינטערן פּלויט, איז דאָס ייִנגל אויסגעוואַקסן אין שאָטן פון די שאַפעס. דריי זענען זיי געווען, און ער — דער פערטער.

— וואָס טוט דאָ דער קליינער סמאַרק?... — האָט דער שוואַרצער מאָטל שטרענג אַ פרעג געטון.

— סרוליק האָט מיך געשיקט...

— גיי שוין אין שטוב אַריין, זאָגט מען דיר...

— כ׳גיי נישט! סרוליק האָט געהייסן...

— גיי, זאָג איך דיר... — און ער האָט דעם ייִנגל אַראָפּגעלאָזן אַ פּלעם.

אָבער ס׳איינגעשפּאַרטע ייִנגל איז נישט אָפּגעטרעטן. זיי שלייכן זיך צום וועלדער־רינג, און ער — נאָך זיי.

אַזוי איז שוין אַבראַשקע פאַרבליבן דערנאָך צווישן די פּאַרטיזאַנער. אין די אומצוטריטלעכע בלאָטיקע, וואַלדיקע מקומות, אין דער טיפער פּאָ־לעסיע, אַהין האָבן די דייטשע האָרדעס, די גרינע פעלד־פּאָליציי, מורא גע־האַט אַריינצושטעלן אַ פוס. ערשט אין 1943, בעת דער גרויסער אָבלאַווע „דורכצוקעמען״ די וועלדער, האָבן זיך די פּאַרטיזאַנען־טיילן איבערגעוואָרפן פון קאַנט צו קאַנט. זיי האָבן אַראָפּגעלאָזן צוגן פון די רעלסן, באַפאַלן די קאָ־מאַנדאַטורן, די קאַנטינעס, די געווער לאַגערן, אַוועקגעלייגט ווייסרוסישע און אוקראַיִנישע מוסרים, אַוועקגעלאָזן זייערע כוטאָרן מיטן „רויטן האָן״. אויף די ווילדע קעמפעס, אינמיטן די בלאָטעס, האָבן זיי צעזעגט די נישט־אויפגעריסענע האַרמאַטן־קוילן, אַרויסצונעמען די אָנלאָדונג פון דינאַמיט, אונטערצומינעווען די באַן־ליניעס. צו אָט דער געפערלעכער אַרבעט איז אַבראַשקע צוגעטיילט געוואָרן. ער האָט עס געמאַכט זייער פלינק. ס׳האָט נאָר געפעלט אַ האָר יעדע מינוט אַליין אויפגעריסן צו ווערן.

נאָך דער נאָוועמבער־אָפענסיווע פון דער רויטער אַרמיי, אין טיפן האַרבסט 1944, מיטן אָנשטורעם צום נאָענטן ווייסל־רוים, האָבן געמען ציען לינדערע ווינטן. דער פּאַרטיזאַנער־אָפּטייל, דער שטאַב פון אָטריאַד אויפן נאָמען פון דימיטראָוו, האָט זיך פאַרהאַלטן אין קאַמען־קאַשירסק. ס׳זענען מיטאָמאָל מער נישט געווען קיין אַקציעס. מ׳האָט צוגעטיילט מע־דאַלן, אויסצייכענונגען. אַבראַשקע אַליין איז צוריקגעקומען פון פּאַרטיזאַ־נישן צוזאַמענפאַל אין קיעוו, די ברוסט באַדעקט מיט אַן אָרדן. ער האָט נאָך אָבער געהאַט צו דערליידיקן עטלעכע קליינע „חשבונות״ מיט פאַררעטער אין די היימישע קאַנטן. דאָס האָט ער שוין געטון אויף אייגענער אחריות, כאַטש

יעגאָרקין, דער קאָמאַנדיר, האָט אים דערנאָך געוואָרנט: „טראָג זיך אָפּ... און וואָס שנעלער... כ'בין נישט פאַראַנטוואָרטלעך"...

אין אַ פרעסטלדיקער לבנה־נאַכט האָט אַבראַשקע, דאָס ייִנגל פון די פּאַרטיזאַנער, אַרויסגעפירט דעם קאָמאַנדיר יעגאָרקינס דין־פּיסיק רייט־פערד מיט די אַנגעשפּיצטע אויערן, דעם שימל מיטן שוואַרצן לאַטקעלע צווישן די אויגן, פון די אָפענע שטעלער הינטערן הויז; אַבראַשקען, יעגאָרקינס ליבלינג, האָט די צעשטעלטע וואַך דורכגעלאָזן; אין דער צייט ווען דער קאָמאַנדיר אַליין איז געזעסן, אַ צעשפּיליעטער, אין דער ליכטיקער, אַנגעהייצטער כאַטע, צווישן לאַכנדיקע באַבעס, ביי אַ טיש, פול אַנגעשטעלט מיט פּאַרעדיקע בלינעס, קאַרטאָפל „אין די מונדירן", ביי אַן אויפגעקאָרקעטע פלעשל סאַמאַגאָן. אַרויפגעכאַפּט זיך אויפן דין־פּיסיקן רייט־פערד מיט איין פלינקן שפּרונג, געטראָטלט אַ פּאָר מינוט איבערן הויף, האָט אַבראַשקע, איינער אַליין, אַוועקגאַלאָפּירט איבערן שאָסיי, אַזש ביז — לובלין.

די שטאָט איז נאָר־וואָס באַפרייט געוואָרן דורך די טיילן פון דער פּוילישער אַרמיי. מ'האָט געהערט, אַז דאָרט זאַמלען זיך שוין אַביסל לעבן־געבליבענע ייִדן. ער האָט די וועגן גוט געקענט. פייער האָט געשפּריצט פון אונטער די קאָפּיטעס. דאָס דינע אייז פון די צוגעטרוקנטע בלאָטקעס האָט זיך געבראָכן ווי גלאָז. מ'האָט אים אויך נאָכגעשאָסן פון די פּאַרנאַכטיקע, אונטערגעשוווּנקטע אַליעכע־וועלדלעך, אָבער די קוילן האָבן אים גליקלעך אויסגעמיטן, צופאַלנדיק צו דער פייכטער פערדישער גריווע. ער האָט זיך אפילו נישט אומגעקוקט. ער האָט זיי שוין דאָרט אַלע געגנוג־געהאַט, מיט זייערע „פּאַיאַקן", מיט זייערע באַבעס אין די הויזן, נאָך וועלכע זיי האָבן זיך אַרומגעיאָגט, אפילו מיט זייערע צוגעטיילטע מעדאַלן „פאַר העלדישקייט און דינסט דעם פּאַטערלאַנד".

דאָס דין־פּיסיקע רייט־פערד מיטן שוואַרצן לאַטקעלע צווישן די אויגן, מיט די ווייסע „נאַגאַוויצעס", האָט אַבראַשקע באַלד אויפן אַנדערן טאָג פאַרהאַנדלט אויפן מאַרק אין לובלין צו אַ פּאַליאַק, אויסגעטוישט עס אויף סאַמאַגאָן, מאַכאָרקע און צווי ראַזאָווע לאַבנס ברויט.

אַ פּאָר טעג האָט ער זיך נאָך אַרומגעוואַלגערט צווישן די סאָלדאַטן, אין אַנגערויכערטן שטאַב, אין די קאַנטינעס און צווישן די פּאָר באַפרייטע, צעטומלטע ייִדן אין הפקרן פּרץ־הויז. ביז ס'איז אים דאָרט אויך נמאס געוואָרן. האָט ער זיך אין אַ שיינעם פרימאָרגן אַרויפגעכאַפּט אויף דער פּלאַטפאָרמע פון אַן אָפּגעדעקטער מיליטערישער לאַסט־מאַשין, דורכגעריסן זיך די פאַרפּאַקטע, ווינטיקע שאָסייען, ביז דער פאָרשטאָט פּראַגע, אין וואַרשע, ביי דער פאַרפרוירענער ווייסל. ס'איז געווען סוף מערץ, און וואַרשע איז ערשט אין קאַלטן יאַנואַר געשטורעמט געוואָרן. ווי פון אונטער דער ערד, זענען אין פּראַגע זיך צונויפגעקומען ייִדן־געזעמלעך אין הויז פון קאָמיטעט, אויף דער טאַרגאָווע. מ'האָט אים דאָרט צוגעטיילט אַ פּאַיאָק, אָפּגענוצטע ציווילע מלבושים, אַ נאַכט־לעגער. ער האָט זיי נישט

באַדאַרפט. אפילו מיט די מעדאַלן פאַר „העלדישקייט און דינסט דעם פאָ־טערלאַנד" האָט ער זיך נישט געגרויסט, נישט אָנגעהאָנגען זיי אויף דער ייִנגלשער ברוסט. ער איז נאָך אַלץ געווען אין דער רוסישער פּופּיקע, אין באַראַשקענעם היטל; האָט וויניק גערעדט, באַקוקט זייטיק די אומבאַ־קאַנטע לייט אַרום זיך מיט זיינע גרינע אויגאַנעס, אַן אַ ברעקל צוטרוי; און אַז ס'איז אויסגעקומען אַ פרעג צו טון ביי אים, פון וואַנען, אַ שטייגער, מען דערנעמט זיך אַהער, האָט ער קאַרג געלאָזן פאַלן:

— וואָס ווייס איך?... פון די וועלדער...

און מיט שטייפע, פאַרהילצערטע פינגער פלינק געוויקלט אַ מאַ־כאָרקע־טרייבל אין ציימונג־פּאַפּיר, געבלאָזן פאַר זיך דעם רויך דורכן מויל, דורך די נאָזלעכער; און דער ייִנגלשער פּוך האָט ערשט קוים גע־שפּראָצט אויף זיינע וויכע באַקן. איבערגענעכטיקט אין דער צוזאַמענ־וווינונג פון „קאָמיטעט", אין אָנגעלאָפּענעם הויז אויף דער טאַרגאָווע, האָט ער זיך באַלד אין דער פרי אָפּגעטראָגן, אין די לינדע טעג אַרומגעשלענדערט זיך איבער די גאַסן פון דער פאַרשטאָט, געקוקט מענטשן זייטיק אין די אויגן אַריין, ווי ער וואָלט עמיצן געזוכט, אויסגעמישט זיך מיט די המונים אויף די רוישיקע פלעצער און מערק. דער יונגער פּוילישער פּרילינג האָט אָפּגעדעקט פון די שנייען די אַלטע וואַרשעווער ייִדישע פאַרשטאָט ביי דער ווייסל, אָוועקגעלייגט אַ מאַטן זילבער־פאַטין אין דער לוילעכער זון, אויף די אָפּגעקרישלטע, גאַנץ־געבליבענע מויערן, צעקאַרבט פון קוילן־סעריעס.

די פּלעצער און מערק האָבן זיך געבראָכן פון המונים, די שאָסייען האָבן געהילכט פון אַ נאָכאַנאַנדיקער פאַרערויי, אַ קלינגערייי פון די טראַמ־ווייען. דאָס ייִנגל האָט זיך אויסגעמישט מיטן שטראָם סאָלדאַטן. איבער די פּאָנטאָן־בריקן זענען נאָך אַלץ געגאַנגען צום מערב האַרמאַטן, טאַנקן, ריזיקע, צוגעדעקטע לאַסט־מאַשינעס. די בענזין־ריחות האָבן פאַרפּעפּושט די לופט. אויף אַלע ראָגן האָבן די מעגאַפּאָנען פונאַנדערגעטראָגן פריילעכע רוסישע און פּוילישע מאַרש־לידער. אויף די מערק האָט זיך געראַיעט, מערסטנס סאָלדאַטן. די ציווילע — אין „מאַטשעיוווקעס", מיט גלאַנציקע דאַשיקעס, אין פּעלצלעך, אין גאַליפע־הויזן, אין געפּאַסטע שטיוועלעך, מיט מעסער־גלאַנץ אין די העלע, וואַסערדיקע אויגן אונטער ווייסע ברעמען. מ'האָט דאָרט פאַרהאַנדלט אַמעריקאַנער פּאַפּיראָסן, ראַזיר־מעסערלעך, קאָנסערוון. די אָנגעפּעלצטע פּוילישע ווייבער זענען געטראָטן אין שטיוול, האָבן געגראַגערט, געריפן קונים, געדונגען זיך, צוגעקלאַפּט אין די ברייטע האַנט־פלאַכן, ווי די פּויערימלעך ביי אַ קניה. די אויפגעשטעלטע אַמאָליקע ייִדישע האַליע־בוידן, די „סטראַגאַנעס", אין באַזאַר אויף דער זאַמבקאָווסקי, זענען פול באַלייגט געווען מיט אַלערליי שטוב־כלים, אַלטע מלבושים, קאַ־פּאָטעס, קרינאָלינעס, אפילו טליתים, ספר־תורה־מענטעלעך, שבת־לייכטער...

און דאָס ייִנגל האָט אויף אַלעם געקוקט זייטיק, מיט חשד, פון אונטער דער פּאַפּאַכע; מיטאָמאָל איז אים גאָר איינגעפאַלן אָנצוהענגען זיך אין אַ

פאַרבײפאַרנדיקן, פול־געפּאַקטן טראַמוויי. דער טראַמוויי, באַשפּריצט מיט בלאָטע, האָט זיך מיט אַ קוויטש פאַרדרייט פון דער זאַמבקאָווסקי צו דער טאַרגאָווע, אַראָפּצו, ביז צו די פּראָוויזאָרישע פּאָנטאָן־בריקן איבער דער ווייסל. מ׳איז געהאַנגען קאָפּ־אויף־קאָפּ, אויף די טרעפּלעך, אויף די שטאַנגען. לינקס, אין דער נידער, איז פון די אַלייען פון טיפן, קילן סקאַרישעווסקי־פּאַרק אויפגעגאַנגען אַ בלוילעכער נעפּל צווישן די נאַקעטע, ריזיק־הויכע דעמבעס און סאָסנעס. אייז־קריעס האָבן זיך שנעל פאַרביי־געטראָגן איבער דער ברייט־פונאַנדערגעוואָרפענער ווייסל, געריסן די ברעגן, וואָס זענען נאָך פון ביידע זייטן געווען אַנגעוואַלגערט מיט באַריקאַדן, מיט שטעכל־דראָט. ביי דער סאַמע בריק איז אַבראַשקע צוריק אַראָפּגעשפּרונגען. ער האָט זיך נאָך עפּעס אַלץ געפּאַרכטן פאַר דער אויסגעקוילעטער שטאָט, אויסגעגלייכט מיט דער ערד; איז לאַנג שטיינגעבליבן ביים הויכן ברעג, אַריבערגעקוקט אין גרויען פרילינג־נעפּל. ס׳איז גאָרנישט כמעט געווען וואָס צו דערכאַפּן מיטן הוילן אויג, אַ חוץ עטלעכע איינזאַמע קלויסטער־שפּיצן, פאַרשטאַכן מיט זייערע צלמים אין ליידיקן הימל אַריין.

ער איז צוריק אַוועק בלאָנדזשען איבער די געדיכטע פּלעצער. מיטן צופאַלן פון אָונט, האָבן זיך אָנגעצונדן די בלענדיקע לעמפּ איבער די מי־ליטערישע קאַנטינעס, קאַוויאַרניעס, קינאָ׳ס. צווישן עולם פאַרבייגייער האָבן זיך געדרייט די בלאָנדע פּוילישע מיידלעך, שרייאיק־צוגעפּאַרבטע, אויסגעסטראָיעט אין פוטערס, דאָס שיינע פיסל אָנגעצויגן אין זיידענע זאָקן, אויף הויכע אַבצאַסן, מיטן פּאַפּיראָסל אין מויל.

אין ראַיענדיקן הויז פון יידישן קאָמיטעט, אויפן ערשטן שטאָק, זענען אַלע קאָרידאָרן וואָס אַ טאָג אַלץ מער פאַרפּאַקט געוואָרן פון אָפּגע־ראַטעוועטע יידן, אַרויסגעקומען פון בונקערס, פון לעכער. הינטער די ביוראָ־טירן האָט זיך אַבראַשקע לסוף דערשפּאַרט און דערפרעגט צום חבר סרוליק. ער האָט ערגעץ אויפגעכאַפּט, אַז דער חבר סרוליק איז נאָר־וואָס אונטערגעקומען מיט די פּוילישע אַרמיי־טיילן, פון הינטער לענינאַ.

ער האָט זיך שוין גאָרנישט געריכט, דער חבר סרוליק. מיט גרויס חידוש און ברייטן שמייכל, האָט ער אַ באַקוק געטון דאָס יינגל; ווייל נאָכן אַראָפּקראַצן דעם ברוד פון פּנים, פון האַלדז, פון די הענט, האָט זיך דווקא באַקומען — אַ שיין, שטאַלטנע יינגל, אין צאַרטן עלטער, ווען ס׳ליגט זיך אַ דינער העלער שאָטן פון אַ וואָנסעלע אויף דער אויבערשטער ליפּ, ס׳גליט אַן אומבאַקאַנט פייערל אין די גרינע אויגן; ס׳ליגן נאָך די אָפּגעפּוילטע קרישקעס אין ווינקל פון שיין־געצייכנטן מויל; די האָר קרייזלען זיך אין לאָקן. ער האָט אָנגעקוקט דאָס ווילדלעכע יינגל, זיך דערמאָנט, ווי מ׳האָט דעם פאָטער זיינעם אין יענער פינצטערער נאַכט צום לעצטן מאָל אַוועק־געפירט ערגעץ מיטן עשאַלאָן פאַרדעכטיקטע קיין סיביר; ס׳איז אים גע־שטאַנען פאַרן בליק דער רעגנדיקער פאַרנאַכט, ווען ער האָט דאָס יינגל געשיקט צו די פּאַרטיזאַנער, איידער ער אַליין האָט זיך אָפּגעטראָגן אין די וועלדער. ס׳האָט זיך אים פּלוצים געדוכט, אַז ער איז גאָר ענלעך צום

זיידן, לויט די באַקאַנטע פאָטאָגראַפיעס — דער אונטערשטער, אַרויסגע־רוקטער שאַרפער קין פון אַן עקשן און אַ גלויביקן. און ער האָט עפּעס אַליין אָנגעהויבן גלויבן אין באַשערטקייט — אַ דור איז אומגעקומען, אָבער, זעט אויס, אַז — גאָרנישט אין דער נאַטור גייט פאַרלוירן.

פאַרנאַכט, נאָכן פריי ווערן פון די ביוראָען, האָט ער אַבראַשקען געפירט ביי אַ האַנט צום דינסטלעכן וואָגן, וואָס האָט געוואַרט פאַר דער טיר.

— קום — האָט ער אים געפירט מיט זיך — וועסט זיך אַביסל אַרומוואַשן, און מירן זען — וואָס צו טון...

ווי ער וואָלט זיך געפילט פאַרשולדיקט קעגנאיבערן יינגל. ער איז נאָך אַליין געווען אין שינעל, האַלב־מיליטעריש. ער האָט אויך שוין גע־האַט באַקומען צוגעטיילט אַ קליינע דירה אין פאַרטיי־הויז. צום רעסטאָוו־רירטן הויז אין די אַלייען איז נישט אַזוי לייכט געווען צוצוקומען. אַ פאַר־מאַכטער הויף־קאַסטן. אַ וואָך. שפּעט אין אָוונט, נאָך די זיצונגען, נאָך די פאַרזאַמלונגען, איז אים סרוליק געקומען אויפזוכן אין די קאָרידאָרן פון ראַיענדיקן קאָמיטעט. זיי זענען צוזאַמען אַרונטער. דער שוואַרצער אויטאָ האָט זיי דורך דער אויסגעלאָשענער, חרובער שטאָט געבראַכט צום באַוואַכטן הויז. זיי זענען אַרויף מיט דער ווינדע. סרוליק האָט אויפגעשלאָסן די טיר. אַ צעטראָגענע בחורישע באַלעבאַטישקייט; איז אַוועק באַלד באַגינען און אַריינגעפאַלן שפּעט אין אָוונט. ביז נאָך האַלבער נאַכט איז ער נאָך אַלץ געזעסן און זיך געבלעטערט די אויגן אונטערן אַבאַזשור איבער פּאַפּירלעך, צייטונגען, ביכער, אַוועקגעפאַלן שלאָפן; און באַלד אין דער פרי ווידער אַנטלאָפן מיטן וואָגן, וואָס האָט אים אָפּגעוואַרט ביים טויער.

אַצינד האָט ער זיך דערפילט מאָדנע, אונטערן שטומען בליק פון יינגל; אַ בליק פון אַ קינד און — פון אַ זקן. זיי זענען זיצן געבליבן אין נאַקעטן, אויסגעוויסטן צימער. מ'האָט נאָך געפילט דעם פרישן קאַלך. דאָס פענצטער — פאַרצויגן מיט אַ מיליטערישער קאָלדרע איבער דער אויסגעשטאָרבענער שטאָט. ער האָט פאַרצויגן אַ רוסישן „בעלאָמאָר", גע־כאַפּט זיך, אויסגעשטרעקט דאָס אָפענע שאַכטל פּאַפּיראָסן אַבראַשקען. דאָס צימער איז פול געוואָרן מיטן שטאַרקן, אַראָמאַטישן רויך. זיי האָבן שווייגנדיק געטרונקען טיי, צוגעביסן ברויט מיט ווורשט. סרוליק האָט איבערגעריסן די שטילקייט, גערעדט סתם אַזוי, אַביסל פילאָזאָפיש:

— פאַראַן אַ צייט פון קאַמף און אַ צייט פון אויפבויען צוריק.

— צי מיינסטו טאַקע אַז אונזער קאַמף איז שוין פאַרענדיקט? — האָט אַבראַשקע אומגעריכט געלאָזן הערן זיין טראַציק־יינגלשע שטים — קעמפן קעמפט מען אויף דער ערד. אונזער היימישע ערד איז אָבער פאַר־ברענט. ביי וואָס זענען מיר דען געבליבן?...

גאָרנישט נאַריש אַ זאָג געטון; און ער האָט אים אַ באַקוק געגעבן — ווי קומט עס צום יינגל? גערעדט צו אים האָט נאָך אָבער אַלץ ווי צו אַ קינד:

— קודם, אַווּרעמעלע, טו זיך אָן ווי אַ מענטש. זע, ווי אַלע ווילן

אַלץ צוריקכאַפּן, פאַרגעסן. מ׳גייט שוין אפילו טאַנצן... נאָר דו... זעץ זיך אַוועק, לערן, דערכאַפּ דאָס, וואָס האָסט נישט באַוויזן. אונזער סאָציאַליסטיש היימלאַנד וועט שוין זאָרגן פאַר דיר אויך! ס׳קומט דיר! ביסט אַ העלד!

— עט... אַ העלד... — האָט אַבראַשקע אַוועקגעמאַכט מיט אַ לאַכעלע.

— מיר וועלן שוין עפּעס צוקלערן — האָט אים סרוליק פאַרזיכערט

— גיי, לייג זיך. ס׳ווערט שפּעט.

## קאַפּיטל 9

## „ווו איז זי, די געשיכטע אונזערע?...״

האַלב־זיבן באַגינען איז שוין סרוליק געשטאַנען אויף די פיס. פּינקט־לעך 8 אין דער פרי האָט דער שוואַרצער וואָגן שוין געוואַרט אונטן פאַרן טויער. ער האָט אַבראַשקען איבערגעלאָזן אין הויז, געגאַנגען אויף די שפּיץ פינגער. ס׳איז אים אַ שאָד געווען איבערצוועקן אים פון געשמאַקן, פאַרטראָגענעם, ייִנגלשן שלאָף. אויפגעוועקט האָט אים די אַלטע אויפרוי־מערין, די יאַבלאָנסקאַ, ווען זי האָט אַ קלונג געטון אין טיר. זי איז יעדע פאַר טעג אַריינגעפאַלן אַרומרוימען די צערודערטע, בחורישע קוואַרטיר. אַ שויבערדיקער, האָט זיך אַבראַשקע אויפגעכאַפּט, אַראָפּ זוכן אין אַלע שאַפקעס; מיט שאַרפע, הונגעריקע, וועלפישע ציינער, פאַרצערט אַלץ, וואָס איז אים געקומען אונטער דער האַנט. דערנאָך האָט ער זיך אַוועקגעלייגט אויפן נידעריקן דיוואַן, געבלעטערט די שטויסן אָנגעוואָרפענע צייטונגען, די ביכער, די אילוסטרירטע זשורנאַלן, שווערלעך איבערגעלייענט די פּוי־לישע און רוסישע אויפשריפטן אויף די „געזאַמלטע ווערק״ פון לענין און סטאַלין, וואָס זענען מיט זייערע פעסטע רוקנס, אין לעדער־איינבאַנד, גע־שטאַנען אין אַ שטרענגער רייע אויף דער פּאָליצע. אַ רוק טוענדיק דעם שופלאָד פון שווערן שרייב־טיש, צו זוכן סרוליקס „בעלאָמאָר״־פּאַפּי־ראָסן, האָט אים אַ בלענד געטון דער געשליפענער שטאָל פון אַ נאַגאַן. ער האָט אים גענומען אין דער האַנט, אַ רגע געוויגן אויף דער דלאָניע, צו־ריקגעלייגט, לאַנגזאַם פאַררוקט דעם שופלאָד; אויסגעצויגן זיך, געבלעטערט די אילוסטרירטע זשורנאַלן, אָבער מיט איין אויג געבליקט אַהין, צום שופ־לאָד. אַזאַ נאַגאַן האָט ער איינמאָל געהאַלטן אין האַנט, מיט אַ פּערלמוטערן הענטל, אַ קאַלט. ס׳איז געווען נאָך אַן אַקציע. ער אַליין האָט אים אָפּגענומען ביים צעבלוטיקטן, צעטומלטן דייטשן אָפיציר. ער האָט דערביי דערבליקט סרוליקס נאַקעטן, אַסקעטישן קאָפּ אונטערן גלאָז פון דער פאָטאָגראַפיע אויפן טיש — ווי ער וואָלט שטרענג נאָכגעפאָרשט זיין יעדן ריר; האָט זיך פּלוצים אַ הייב געטון און ווידער אַרונטער אַרומשלענדערן זיך איבער די פּלעצער און מערק.

שפּעט אין אָוונט, אַריינפאַלנדיק אין הויז, האָט אים סרוליק געטראָפן פאַרגראָבן איבער די דיקע טעאָרעטישע ביכער.

— וואָס זוכסטו דאָרט? — האָט סרוליק האַלב געשמייכלט — פאַרשטייסט דען דאָרט עפּעס?

— כ'זוך טאַקע צו פאַרשטיין... ביי וואָס זענען מיר דען געבליבן?... געדענקסט, דער געשיכטע־לימוד אין שול האָט זיך איבערגעריסן אין דער מיט... דערנאָך איז געוואָרן פון אונזער שול — אַ רוסישע שול... דערנאָך...

אויף אַזעלכע רייד האָט ער זיך אינגאַנצן נישט געריכט. ער האָט אַ ווייטן טראַכט געטון — ס'איז אפשר אַ גרויסער רחמנות אויף די קינדער און אייניקלעך פון יענעם גרויסן, אויסגעקוילעטן דור. זיי ווייסן נעבעך, גאָרנישט. צי מעג איך עס, פרעגט זיך, באַהאַלטן פאַר אים? דער טאַטע אַבראַשקעס... דער לערער הירש... אַ שטילער מענטש געווען. אַ גרויסער מאמין אין סאָציאַליזם, אין יידיש־וועלטלעכער קולטור... מ'האָט אים אין יענער פינצטערער נאַכט אַוועקגענומען מיט אַלע אַרעסטירטע. ער איז ערגעץ אומגעקומען, אָן אַ שפּור. צוליב וואָס פאַראַ פאַרברעכן — נאָך אַלעמען? און ער האָט גאָר מורא געהאַט ווייטער צו טראַכטן. דאָרט, אין ראַטנפאַרבאַנד, האָט זיך אפילו אַזוי באַקומען, אַז איין זאַך איז געווען די אָפיציעלע שפּראַך, און אַן אַנדערע — וואָס מען טראַכט אין דער אמתן, אין זיך, פאַרבאָרגן, נישט חלילה אַרויסצוכאַפּן זיך אַמאָל. ווער זאָל זיך אַצינד פאַרנעמען מיטן ייִנגל, אויב נישט איך? ס'איז אַ חוב. וויפל קינדער זענען אונז דען פאַרבליבן?

אָבער אין דער פאַך־שולע פאַר מעטאַל־טאָקעריי, אויף מאָקאָטאָוו, האָט זיך אַבראַשקע אויך לאַנג נישט דערהאַלטן. באַלד אויפן אַנדערן טאָג האָט ער זיך דאָרט צעשלאָגן מיט אַ פּויליש ייִנגל, איינער אַ סטאַשעק, ווייל יענער האָט גיך איינגעפונען, אַז ער, אַבראַשקע, איז טייוולש־ענלעך צו אַ „זשיד"... אַבראַשקע האָט אים אויפן אָרט דערלאַנגט אין די ציינער אַריין און אָפּגעטראָגן זיך איבערן הויכן פּלויט. עטלעכע טעג האָט ער זיך מער נישט געוויזן, נישט אין קאָמיטעט אַריין, נישט צו סרוליקן. אין אַ פאַרנאַכט האָט ער זיך דורכגעגליטשט די וואַך פון פאַרטיי־הויז, אַרויף אויפן 5־טן שטאָק, אַ קלונג געטון אין דער טיר, כאָטש ער האָט געוווסט, אַז קיינער וועט נישט קומען אויפמאַכן. ווער ווייס ווען סרוליק וועט זיך אומקערן?

— האָט ער באַטראַכט. ער האָט אָבער אַ בליק געגעבן דורכן הויז־פענצטער, איבער דער געבויגענער שטיג, און דערכאַפּט, ווי די טיר פון באַלקאָן איז האַלב־אָפן. האָט ער זיך אָנגעכאַפּט אין דער פורטקע, פאַרזיכטיק אַראָפּגעשטעלט אַ פוס אויפן ציגל, וואָס האָט אַרויסגעשטאַרצט פון דער מויער. ס'איז געווען אינגאַנצן עטלעכע מעטער ביזן באַלקאָן. ווי אַ קאַץ, האָט ער געשטעלט ווייכע, פאַרזיכטיקע שריט אין דער קרום. ער האָט נישט געקוקט פון דער הויך. ס'האָט געשווינדלט פאַרן בליק די געוואַלדיקע הויך. ביז ער האָט מיט אַ ציטערדיקער האַנט דערכאַפּט דעם אָנלען פון באַלקאָן; האָט אַ שפּאַר געטון די באַלקאָן־טיר. זי האָט לייכט נאָכגעגעבן. אויפגע־

דרייט דאָס ליכט, האָט ער זיך אַוועקגעוואָרפן אויפן נידעריקן דיוואַן, און אומגעריכט האָט פאַר זיין אויג ווידער אַ בלאַנדזשע געטון — דער אונ־טערשטער שופלאַד, ווו ס׳איז געלעגן דער נאַגאַן...

ווען ער האָט זיך שפּעטלעך אַריינגעשטעלט, האָט סרוליק אים גע־פונען פאַרקנוילט אויפן דיוואַן. די זאַפּטיקע יינגלשע ליפּן — האַלב־אָפן, דאָס פּויסטל — אַ מענערישע, פּעסטע האַנט — פאַר־זיך. ווי אַזוי קומט ער אַהער, דער טייוול? צי האָט ער אַמאָל נישט צוגעפּאַסט אַ נאָך־שליסל? ער האָט שוין געוואָלט אַוועקגיין אין אַנדערן צימער אויף די שפּיץ־פינ־גער, נאָר הינטער זיין רוקן האָבן די שמאָלע אויגן־שפּעלטלעך ביי אַבראַש־קען געלאַכט כיטרע.

— דיאַדיאַ סרוליק... כ׳האָב דיך איבערגעשראָקן?... קום, זעץ זיך צו, כ׳האָב דיר עפּעס צו דערציילן...

— ווי אַזוי דערנעמסטו זיך אַהער?... טייוול איינער...

ס׳איז געווען אויפן פערטן, אָדער אויפן פינפטן טאָג, ווי ער האָט זיך אַריינגעשטעלט. קורץ אויסדערציילט אַלץ, האָט ער געלאָזן דורך די נאַזלעכער קנוילן רויך, און די קינדערישע גריבעלעך אין די באַקן — לאַכן צו להכעיס׳דיק.

— אַבראַשקע, געדענק... זאָלסט מיר נישט אָפּטון קיין שטיקלעך...

— און אונז — האָט ער געשטשירעט די שאַרפע, וועלפישע ציינער — האָט מען ווייניק אָפּגעטון?

ס׳איז אים, נאָך אַלעמען, אַ שאָד געווען, ס׳יינגל. ס׳איז עפּעס היימ־לעכער אין דער צערודערטער בחורישער קוואַרטיר, אַז אַבראַשקע דרייט זיך דאָ אַרום, גייט און קומט. אָבער וואָס פאַראַ תכלית וועט זיין פון אים? ס׳איז געווען אַרויסצופילן, אַז דאָס יינגל געטרויט אים נישט מער, לאַכט פון אַלע זיינע הויכע רייד און פראַזן, איז אים חושד, אַז ער, סרוליק, באַהאַלט עפּעס אויס פאַר אים. ער איז אים נאָכגעגאַנגען אין אַנדערן צימער, האָט געזען ווי סרוליק איז צוריק פאַרטון אין ביכער, אין פּאַפּירלעך.

— ביי וואָס פאַרעסטו זיך דאָרט אַזוי?

— כ׳שרייב... זעסטאָך...

— וואָס שרייבסטו דאָרט אַזויפיל?

— פאַרשטייסט... — האָט סרוליק האַלב־פאַרשעמט געשמייכלט פון הינטער די ברילן — כ׳פאַרנעם זיך מיט דער געשיכטע פון דער ק. פּ. פּ. (קאָמוניסטישע פאַרטיי פון צווישנמלחמהדיקן פּוילן) — ס׳איז שוין די העכסטע צייט... צו באַלויכטן געוויסע אַספּעקטן...

— אַזוי?... און וואָס באַקומט זיך, לויט דיר? ווי אַזוי זענען מיר דערצו דערגאַנגען? אַלע אַרום קערן זיך אום צוריק צו זייערע היימען. אַלע האָבן געבלוטיקט, אָבער די ערד אונטער זייערע פיס איז נישט... פאַרברענט. וואָס האָט דיין ק. פּ. פּ. אויפגעטון, מ׳זאָל אונז מער נישט אויסקוילענען?... האָסט שוין אוודאי געהערט...

אויף אַזעלכע רייד פונם יינגל האָט ער זיך אוודאי נישט געריכט.

ער האָט זיך פּשוט געפילט פאַרלוירן אין די אויגן פון יינגל. גאַרנישט נאַריש אַ פרעג־געטון! אָבער — צי טאָר מען דען אַזוי פרעגן? ווי קומט עס צום ווילדלעכן יינגל פון וואַלד? ער האָט זיך צוגעזעצט אויפן דיוואַן, מיט אַראָפּגעלאָזענע הענט, צוגערוקט אים דאָס פּאַפּיראָסן־שאַכטל, דער־לאַנגט דאָס שוועבעלע צו די ליפּן זיינע און זיך נאָך אַמאָל זייטיק, מאָדנע פאַראינטערעסירט, איינגעקוקט אין אַבראַשקען. ער איז געווען אָפן, דער בליק זיינער, פון זיינע גרינע אויגן, אַנגעצילט אויף אים.

— געדענקסט, סרוליק — האָט זיין שטים געקלונגען, אַביסל חוצפּה־דיק אפילו — ביי אונז אין שול האָב איך זייער ליב געהאַט די לעקציע פון געשיכטע... יידישע און אַלגעמיינע געשיכטע... ווו איז זי, די געשיכטע אונזערע?...

— אונזער געשיכטע... ס'ווענדט זיך... זי איז, אמת, אַ ביסל אַן אַנדערע... אין „קאָמוניסטישן מאַניפעסט" ווערט געזאָגט: „די געשיכטע פון דער געזעלשאַפט, איז די געשיכטע פון קלאַסן־קאַמף"... פאַר אַלעם...

און סרוליק אַליין האָט זיך דערביי דערמאָנט עמיצנס אַ קעגן־זאָג: „די געשיכטע פון מענטשן־מין, איז — מאָרד... מלחמה"... וואָס איז ריכטי־קער? דוכט זיך, אַז דאָס צווייטע, ווייל אויך אין תוך פון די קלאַסן גופא, איז — פּערמאַנענטע, קעגנזייטיקע מלחמה, צווישן מענטש און מענטש, אָבער ער האָט עס נישט געזאָגט, נאָר צו אַבראַשקען האָט ער זיך אָנגערופן:

— די געשיכטע פון דער ק. פּ. פּ... שטעלסט זיך פאָר וואָס פאַראַ אויפ־גאַבע די פּאַרטיי לייגט אַרויף אויף אונז?...

— און מיר... וואָס פאַראַ אָרט האָבן מיר פאַרנומען אין קאַמף פון דער ק. פּ. פּ.? — האָט דאָס יינגל אומגעריכט, שטרענג געוואָלט וויסן.

און ס'איז אים איינגעפאַלן — ער צילט ערגעץ גוט, דאָס יינגל. ס'איז מיט אים ניט אַזוי פּשוט. ער האָט זיך געגלעט דעם נאַקעטן, אַרומגעגאָלטן אַסקעטישן קאָפּ, געשטאַמלט:

— כ'וועל דיר זאָגן... ס'ווענדט זיך ווי מען פאַסט עס אויף... אין זאַך איז קלאָר — מיר גייען צום אינטערנאַציאָנאַליזם... אויף וויפל ס'איז נאָך דערווייל פאַראַן אַ נויטווענדיקייט... און בכלל... — האָט ער עפּעס אָנגעהויבן און נישט פאַרענדיקט.

— אָט איז מיין קאָמאַנדיר יעגאָרקין, אַ קאָמוניסט, אָבער — אַ רוס... נאָך ווי! ווען דו ווייסט וואָס ביי אונז אין אָטריאַד האָט זיך אָפּגעטון. מיר קעמפן, האָט ער כסדר אונטערגעשטראָכן, פאַרן רוסישן פאָטערלאַנד... די גרויסע פאָטערלענדישע מלחמה... מיין טאַטע און מיין מאַמע האָבן אַ גאַנץ לעבן געקעמפט פאַרן סאָציאַליזם, צוזאַמען מיט די ווייסרוסן, מיט די אוקראַאינער... זיי האָבן אונז דערנאָך, צוזאַמען מיט די דייטשן, געמאָרדעט אין די געטאָס... כ'האָב עס געזען מיט מיינע אייגענע אויגן. און אָט האָבן מיר שיין אויסגעקעמפט... שוין איינמאָל! די אוקראַאינער, די ווייסרוסן זענען טאַקע ביי זיך, אויף זייער ערד, און — מיר? ווער האָט זיך דען איינגעשטעלט פאַר אונז? כ'וויל וויסן ווי אַזוי מיר זענען דערצו דערגאַנגען.

פאַרוואָס האָט די נ.ק.וו.ד. דעם טאַטן צוגענומען? ער איז קיין שום פאַרברעכן נישט באַגאַנגען. וואָס איז געווען פאַר דער ק.פ.פ.?

— ס׳איז געווען... ווייסט כאָטש ווער דיין זיידע איז געווען? אַ רעוואָלוציאָנער פון דער אַלטער גוואַרדיע... פון אַמאָליקן „בונד"... אָבער זיינע שפּורן וועסטו אין ערגעץ נישט געפינען, אפשר איז אין די אויסלענדי־שע אַרכיוון... די קאַמפן זענען געווען זייער פאַרביטערטע אין דער אַרבע־טער־באַוועגונג. ווער ווייסט — האָט ער זיך ווי אַרויסגעכאַפּט — צי ס׳איז אַמאָל נישט געווען נאַריש... ווען מ׳טוט היינט אַ טראַכט...

מ׳קען, הייסט עס, גאַרנישט באַהאַלטן. און אפשר טאָר מען גאַרנישט באַהאַלטן! צי גייען מיר דען נישט אַליין אין זייערע שפּורן? אין די שפּורן פון רעוואָלוציאָנערן „בונד", אפילו אין די שפּורן פון די ציוניסטן? זיי קלאַמערן זיך מיט ציין און נעגל אין אַ שטיקל באָדן. ווו איז דאָ זייער זינד? אַלע אַמאָליקע קאַמפן זענען איצט אויס נאַריש. וואָס איז דען געווען בירא־בידזשאַן, אויב נישט קיין פּרווו פון... סאָוועטישן ציוניזם פון דער „יעווסעקציע", קאָפּירט פון דער „נאַציאָנאַל־קולטורעלער אויטאָנאָמיע" פון „בונד"... רוף עס ציוניזם, אָדער בונדיזם, אויב דו ווילסט, דאָס אָוועק־זעצן יידן אויף דער ערד, ביי זיך... אָבער אפילו דאָס זענען געווען — אילו־זיעס! זיי ווייסן עס אפשר קיינס נישט אויף אַזויפיל. מ׳האָט זיי איינגערעדט. צי טאָר איך עס אַלץ אויסבאַהאַלטן פאַר אַבראַשקען? ער וועט סיי ווי אַליין דערגיין דערצו. אַ גענייטער פּעדאַגאָג, האָט זיך אַמאָל פאַרנומען מיט דע־פעקטיווע קינדער, האָט ער זיך געכאַפּט, אַז ס׳איז גאַרנישט אַזוי פּשוט מיטן יינגל. ס׳איז צו פאַרשטיין. אָט דערציילן זיי וואָס ס׳טוט זיך דאָ אַלץ אָפּ אין אָטוואָצקער קינדער־הויז. דאָרט איז פאַראַן אַ קליין יינגל, וואָס די מאַמע האָט עס, אויפן וועג קיין טרעבלינקע, אַרויסגעוואָרפן אין אַ וואַ־ליזע דורכן פאַרקראַטעוועטן וואַגאָן־פענצטער; דאָרט איז פאַראַן אַ שוואַרץ־חנוודיק מיידעלע, זאָשאַ, וואָס מ׳האָט עס געפונען אונטער אַ באַרג זאַכן פון פאַרגאַזטע אין לאַגער. ווען די רויטע אַרמיי האָט זיך אַריינגעריסן; איין מיידעלע טראָגט אַ צלמל אויפן האַלדז, האַלט זיך אין אַ זייט פון אַלע קינדער, האָט געשריבן אַ בריוו צום פּויער, אַז — דאָ זענען בלויז „זשי־דעס"... זי וויל דאָ נישט בלייבן, שרייבט זי מ׳זאָל איר צוריקפירן צו די „עלטערן" אין דאָרף זאַגוזשע, צו די ציגן און שעפּסן, וואָס זי האָט דאָרט געפּאַשעט...

— ווייסטו וואָס, אַבראַשקע, וועסט אפשר דערווייל אונטערזיין איבערן זומער אין קינדער־הויז, אין אָטוואָצק. דערנאָך — וועט מען שוין זען.

— איך גאַראַנטיר נישט, חבר סרוליק...

פונדעסטוועגן איז ער, מיט קנאַפּן חשק, מיטגעגאַנגען. ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ער איז שוין דאָרט געווען אויך. צום באַוואַכטן קינדער־הויז אין אָטוואָצק איז ער איינמאָל געקומען צושלייכן, אין לויער, ווי אין די וועלדער אויף יענער זייט בוג. דאָרט איז געווען אַ קליין יידיש מיידל,

עסטושיאַ. דאָס קינדער־הויז איז געווען שטרענג־אָפּגעשלאָסן, שטרענג באַוואַכט. אָבער בייטאָג, אין זוניקן בלענד, צווישן פרילינגדיקע סאָסנע־ביימער, האָט מען געקענט אַריינקוקן דורך די שטאַכעטן. דער גרויסער הויף האָט געליאַרעמט פון קינדערישע שטימעלעך. דער חבר סרוליק האָט דאָרט עפּעס שטילערהייט אַ רעד געטון מיט דער הויכער, שטרענגער, דיקלעכער פּאַרוואַלטערין, חברטע פּאָלע, שטייענדיק אויף דער וועראַנדע. ער האָט געווישט מיטן טיכעלע די ברילן, געפינטלט מיט די אָנגעשטרענגטע אויגן, און צולעצט אַ רוף געטון אַבראַשקען.

— איך געטרוי דיך אָן דער פּאַרוואַלטערין, חברטע פּאָלע... דו הערסט? בלייב דאָ דערווייל, כ׳וועל קומען צו דיר... געדענק...

און האָט באַלד, שטאַרק פּאַרטון, צוריקגעאײַלט צום טויערל. אַבראַש־קע, דאָס היטל אין דער האַנט, האָט אים נאָכגעקוקט, ווי צעשטרייט ער איז געגאַנגען, סרוליק — איין אַקסל אַביסל העכער פון אַנדערן, דער הוט אין אַ זייט, אין לאַנגן, האַלב־מיליטערישן מאַנטל, כמעט ביז די טריט, האָט ער אים עפּעס דערמאָנט אין אַ גלח; אַ גלח פון אַ נייער, שטרענגער קירכע. אפילו די גוטע רייד זייערע — שרעקן. מ׳ווייסט קיינמאָל נישט וואוהין זיי צילן, וואָס עס באַהאַלט זיך הינטער זיי. ניין — האָט ער גלייך באַשלאָסן — כ׳וועל זיך נישט לאָזן מער בלינד פירן, פון קיינעם נישט. כ׳ווייס אַליין וואָס כ׳האָב צו טון...

צו די אָפּגעראַטעוועטע, ווילדלעכע יידישע קינדער האָט ער זיך פונדעסטוועגן גיך צוגעוווינט, כאָטש קיין סך האָט ער נישט גערעדט, מיט קיינעם נישט. די ייִנגלעך פון זיין עלטער זענען געשלאָפן אין צווייטן פליגל, אויפן גאָרן, מיט די ברייטע, ליכטיקע פענצטער צום וואַלד אַרויס. געגעסן האָבן אַלע צוזאַמען, אין לאַנגן באַגלאָזטן זאַל. דער פּאַראַנטוואָרט־לעכער פון זייער פליגל, אַ פלינקער יאַט, האָט אין אָוונט דערקלערט אַ קאָנקורס, ווער ס׳וועט פון זיי שענער פּאַרבעטן זיין בעטל אין דער פרי. אַבראַשקע האָט זיך אויסגעלאַכט, אַ וואָרף געטון ס׳קישעלע, די קאָלדרע, און האָט זיך באַלד אָפּגעטראָגן. אויפן סטאַדיאָן איז פאַרמיטאָג געווען אַ פוסבאָל־מאַטש. די מיידעלעך האָבן איבערגעלאָזן די הוידלקעס, די ביכלעך, און זענען געקומען באַנדעסווייז אַרומשטעלן זיך; מ׳האָט געקוויטשעט, געפּאַטשט מיט די הענט, ווען דער ערשטער גאָל איז אַריינגעשאָסן געוואָרן. דאָס האָט אַבראַשקע, מיט איין פלינקן מאַנעוור, אונטערשטעלנדיק אַ פוס, אַרויסגעדרייט דעם באַלעם, אונטערגעלאָפן עטלעכע שריט און מיט איין זעץ אַריינגעשאָסן דעם גאָל אין טויער. דערנאָך איז ער רואיק און זיכער אַוועק פאַרנעמען זיין אָרט אין דער פאַרטיידיקונג פון די פלאַנקן; האָט זיך אויף קיינעם מער נישט אומגעקוקט, אפילו נישט אויפן מיידעלע עסטושיאַ. זי איז אויך געקומען צולויפן. איר בלאָנד קעפל איז געווען פאַר־קעמט ווי ביי אַ ייִנגל. זי האָט מיט אירע לאַנגע פינגער פלינק געשטריקט, ציענדיק אַ פאָדעם וואָל פון קעשענע אין איר פאַרטוכל מיט די שפּיצעלעך אַרום האַלדז. זי איז צוריקגעגאַנגען צו דער טעראַסע, צוגעזעצט זיך אויף

אַ טרעפּל. מ׳האָט דערציילט, אַז איר טאַטע איז העלדיש געפאַלן אין וואַר־שעווער געטאָ־אויפשטאַנד. צוריקגעקערט זיך פון סטאַדיאָן, איז אַבראַשקע, מיט אַ זייטיקער סטעזשקע, אַוועק צום הויז, פאַרהאַלטן זיך אומגעריכט ביי די טרעפּלעך און אַראָפּגעלאָזן זיך לעבן עסטושיאַן.

— שטריק מיר אויך אויס אַ שאַל... — האָט ער קאַלט געבלינצלט מיט די גרינע אויגאַנעס.

זי האָט זיך אָפּגערוקט פון אים, ערשט דערנאָך אויפגעהויבן דעם קלאָרן אומשולדיקן בליק פון דער שטריקעריי.

— ביסט שוין אַ גרויסער... — האָט זי געזאָגט זייער ערנסט — דאָס מאַך איך פאַרן קליינוואַרג... זיי האָבן קיינעם נישט...

— קום, לאָמיר אַנטלויפן פון דאַנען, עסטושיאַ... ווילסט?...

ס׳מיידעלע האָט אויסגעזען גאָרניט איבעראַשט פון זיין פּלוצימדיקן זאָג.

— ס׳איז נישטאָ וווהין צו לויפן, אַבראַשקע... מ׳הרגעט נאָך אַלץ יידן אויף די וועגן... מיינסט, ס׳איז שוין געענדיקט?

— כ׳האָב פאַר זיי קיינס קיין מורא נישט... כ׳האָב אַ רעוואָלווער...

דאָס אויג ביים בלאָנדן מיידעלע האָט קיין פינטל נישט געטון; נישט קיין שעמעוודיקייט, נישט קיין יונג־מיידלשער פלאַטער; ווי ס׳וואָלטן גערעדט צווישן זיך דערוואַקסענע, וואָס יעדער פון זיי האָט שוין אַ לאַנגע, שטורמישע פאַרגאַנגענהייט הינטער זיך. ס׳גלעקל האָט געקלונגען צום מיטאָג, און ער איז איר נאָכגעגאַנגען; האָט זייטיק, פלינק, מביניש, באַ־טראַכט אירע שמאָלינקע אַקסלען, געהילט אין דורכזיכטיקן שאַלעכל; אָבער פאַרכאַפּט זיין בליק האָט דער וויכער טראָט פון מיידעלע, ווען זי האָט אַ גיי געטון אויפן טרעפּל.

זי איז אים שפּעטער, אומגעריכט, געקומען אַרויפוואַרפן אויפן האַלדז אַ געשטריקטן שאַל. ס׳איז מיטאַמאָל געווען אַ טויאיקע וואַרעמקייט אין אירע אויגן, ווען זי האָט אַוועקגעמאַכט דעם לאָק:

—אַזוי... ס׳וועט דיר קליידן, אַבראַשקע... פאַרוואַרף אים איבערן אַקסל...

זיי האָבן זיך דערנאָך אומבאַמערקט אַרויסגעגליטשט דורכן טירל, כאָטש ס׳איז געווען שטרענג פאַרבאָטן; זענען געגאַנגען איבער דער טונ־קעלערביימער־אַלייע, צו די ליכטיקע זאַמדן. הויך איבער די סאָסנעס, וואָס האָבן קוים געוויגט זייערע קרוינען, איז געהאַנגען אַ לויטערער זו־מערדיקער הימל. אין טיפן גראָז האָבן געטשוויטשערט גרילן.

— זיי זאָגן אונז, מיינסטו, אַלץ אויס?... — האָט ער געבלינצלט מיט די אויגאַנעס — אָבער איך ווייס...

— אַז וואָס ווייסטו, אַבראַשקע?

— כ׳ווייס... כ׳וועל אַלצאיינס אַנטלויפן... אָבער זאָלסט עס קיינעם נישט דערציילן... זאָגסט עס מיר צו?

און ס׳איז דעם מיידעלע מיטאַמאָל אַ שאָד געווען ער זאָל אַוועק. זי

האָט געגראָבן מיטן שיכל אין זאַמד און זיך אָפּגערופן מיט אַ געענדערט קול :

— ניין, אַנטלויף נישט, אַבראַשקע... כ׳וויל נישט...

און זי האָט אָנגעכאַפּט זיין וואַרעמע, פעסטע, יינגלשע האַנט, ער זאָל אַמאָל נישט אָפּטון עפּעס אַ נאַרישקייט.

## קאַפּיטל 10

## „דער ציל הייליקט די מיטלען"

— לאָמיר זיך אַ רגע פאָרשטעלן, אַז ווען ביי אונז אין פּוילן וואָלטן נאָך דער מלחמה, על־פּי־נס, לעבן־געבליבן, נו, לאָמיר זאָגן, כאָטש אַ מיליאָן יידן, פון אונזערע געדיכטע יידישע שטעט און שטעטלעך — ווי אַזוי, וויל איך וויסן, וואָלטן זיי אַצינד ווייטער עקזיסטירט, אין די נייע באַדינגונגען פון אונזער פאָלקס־דעמאָקראַטישער מאַכט ?...

— טאַקע, ווי אַזוי ? ס׳איז מיר גאָרנישט איינגעפאַלן אַ טראַכט צו טון... — איז דער אַנדערער, דער מיטשמועסער, אַ מענטש, וואָס איז גע־גאַנגען מיט שטילע טריט אויף דער ערד, געווען אַביסל סקעפּטיש, אָבער זייער טשיקאַווע מיטאַמאָל, צו הערן וווהין יענער וויל אַלץ דערפירן.

דער מאַן מיטן אויסגעגאָלטן שאַרבן האָט זיך ערשט נאָר וואָס גע־האָט אומגעקערט פון די לאַגערן אין קאָמי־ס.ס.ר. ביים ווייסן ים, אַרום אַרכאַנגעלסק, דערנאָך פון וויטן סאָוויעטישן מיטל־אַזיע. ער האָט עפּעס שטיל, באַדאַכט געשמייכלט אין דער געדיכטער, גרויער וואָנסע, האַסטיק צעקוועטשט דאָס אָפּגעברענטע סיגאַרעטל צווישן די פינגער און געלאָזט יענעם, דעם יונגן ענטוזיאַסט, רעדן, רעדן, רעדן. אָבער אַרויסגעכאַפּט האָט ער זיך פונדעסטוועגן :

— אַנדערש, ווי... פּראָגראַמען — זע איך נישט... די צרות וואָלטן זיך ערשט איצט, לויט מיר נאָך, אָנגעהויבן...

— וואָס רעדסטו ? !... ווי וואַגסטו... אַזוי ?...

— יאָ, נאָך קיעלץ... נאָך דעם אַלעם, וואָס מיר זעען דאָ, האָסטו פאַרגעסן...

— צו דעם וועט מער קיינמאָל נישט דערלאָזן ווערן !... אָבער לויט מיר נאָך — האָט יענער שוין צוגעגעבן אַביסל שטילער — וואָלטן יידן, טאַקע פון איצט אָן, באַדאַרפט צו לעבן באַזונדער, אין אַן אייגענער אויטאָ־נאָמער געגנט, פאַר־זיך...

— פאַרוואָס שוין נישט אין אַן אייגענער אויטאָנאָמער יידישער סאָ־ציאַליסטישער רעפּובליק ?... נו, וואָס ס׳האָט זיך דאָרט אויסגעלאָזן

פון אַזוי אויפגעבלאָזענעם עקספּערימענט אין ביראָבידזשאַן, ווייסן מיר דאָך יאָ... — האָט ער קורץ און ביטער אָ לאַך געטון, האָט זיך גאָנץ אָנגעבויגן צו אים — בלאַף!... שווינדל!... נאָר גוט, לאָמיר אפילו גיין אַ שריט ווייטער, ווי דער „בונד״, וואָס האָט אַמאָל, אין יענע יאָרן, פאַר־לאַנגט נישט מער ווי נאַציאָנאַל־קולטורעלע אויטאָנאָמיע... ס׳הייסט, אַ פּאָר יידישע שולן דאָרט, אַ פּאָר יידישע קולטור־אינסטיטוציעס, נישט, חלילה, מער. פאַרגעס נישט, מ׳האָט זיי אָבער אויך דאָס נישט געוואָלט געבן, אָנערקענען, אויסגעלאָכט זיי, געזידלט זיי, באַוויזן, אַז זיי זענען די ערגסטע נאַציאָנאַליסטן... און ווען? — לאַנגע יאָרן נאָך פאַר דער רעוואָ־לוציע. דורך וועמען? דורך לעונינען אַליין. ניין, מ׳וועט אונז גאָרנישט געבן...

— ווי דו ווילסט, נאָר — לעבן באַזונדער! צו דעם אויספּיר בין איך געקומען! — איז יענער געווען פאַרעקשנט און ווי פאַרטראָגן אין אַ מין קרענקלעכער עקזאַלטאַציע, גערעדט ווי פאַר־זיך — די טרויעריקע יאָרן, ווען די אַלע סאָרטן „שמאַלצאָווניקעס״, פּונקט ווי די „גוטע פריינט״ אונ־זערע, האָבן צוגעאיילט אונזער אומקום, אויסגעליפערט יידן פאַר אַ קילאָ צוקער, אונזער פאַרשווינדן פון דער פּוילישער ערד. אפילו די ליבעראַלע פּאָליאַקן זענען שטיל צופרידן, וואָס די נאַציס האָבן אָפּגעטון פאַר זיי דאָס שמוציקע שטיקל אַרבעט...

— גוט, לאָמיר אָננעמען... — האָט אים יענער אַלץ געלאָזן, ווי מיט אַ פאַרהוילענער שאַדנפרייד — און וווּ, אַ שטייגער, וואָלסטו באַזעצט די רעשטלעך יידן אין אַן אייגענער אויטאָנאָמער געגנט? פּוילן איז עפּעס דיינס? אַזוי מיינסטו טאַקע?...

— פאַרוואָס נישט אויך מיינס? פּונקט ווי זייערס... אונזער אבות אבותינו האָבן דאָ געלעבט, געבויט, געקעמפט, געבלוטיקט פאַר פּוילן... שוין נישט רעדנדיק וואָס אינעם לעצטן מאַרש פון הינטער לעניגאָ ביז בערלין... און פאַרוואָס גיין זוכן ווייט? טאַקע דאָ, אין נידערשלעזיע, אין די צוריקגעוווּנענע, אַלט־פּוילישע געביטן... די דייטשן, ווערן פאַרטריבן, אויסגערויכערט פון דאַנען, צו אַלדי טייוול. בלויז דערפאַר, ווייל מ׳האָט עס אָפּגענומען ביי די דייטשן, קומט עס אונז! ס׳שטייען ליידיק שטעט און שטעטלעך, פעלדער, אָנגערויבטע רייכטימער...

— כ׳באַוואונדער פונדעסטוועגן דיין נאַיוון אָפּטימיזם און דיין... רייכע פאַנטאַזיע...

— קיין מיליאָן יידן איז, טאַקע ליידער, נישט פאַרבליבן — האָט יענער אָפּגעזיפצט — אָבער די פּאָר הונדערט טויזנט, די לעבן־געבליבענע, פון די לאַגערן, פון דער רוסישער פאַרשיקונג... ווען דו ווייסט — האָבן זיינע אויגן פון אַ פויערישן בלוי, אויפגעלויכטן — כ׳ליג אָפּ נעכט, דער שלאָף נעמט מיר נישט, און טראַכט אַלץ אַריין. ביי מיר אין האַנט, ברודער־קע, איז איצט אַלץ. זאָלסט זען, ווי די שטעט און שטעטלעךביים אָדער און ביי דער ניסע פילן זיך יעדן טאָג אָן מיט אָנגעלאָפענע און אָנגעפאַרענע יידן. זיי באַזעצן זיך אין די גאַנץ געבליבענע דייטשע שטעטלעך. איך רו

נישט. די עשאַלאָנען פון טיף־רוסלאַנד ברענגען יעדן טאָג אַן טויזנטער צעבראָכענע יידן. זייערע אַלטע היימען זענען חרוב. פאַר דער קורצער צייט קלאַפּן שוין דאָ יידישע קאָאָפּעראַטיוון, עס רוישן יידישע פּאָלקס־קלובן, יידישע שולן פּילן זיך אָן מיט קינדערלעך. איך פיל אַ פּאָלק איז ווערן, אין תחית המתים. מיר גרייטן שוין אפילו יידן צו באַזעצן אויף ערד. ווייל די פּאָליאַקן, עוואַקואירטע, אָדער פאַרטריבענע אויב דו ווילסט, פון די קאַנטן אַרום בוג, פון די ווילנער און לעמבערגער געגנטן, קומען אַהער פאַרביטערטע, מורמלען מיט אומצוטרוי. די מערב־געביטן... ס׳איז נאָך־נישט זיכער...

דער דאָזיקער שמועס איז פאָרגעקומען אין אַ שיינעם פרימאָרגן אין שיינעם חודש מאַי 1946, אין יידישן וואָיעוואָדישן קאָמיטעט, אויף דער וולאַדקאָוויטשאַ גאַס, אין דעם הויז פון דער אַמאָליקער יידישער קהילה, אין ווראצלאַוו, דאָס אַמאָליקע דייטשע ברעסלאַו. דער פאָרזיצער פון וואָיעוואָדישן קאָמיטעט, אַ בלאָנדער ענערגישער יונגערמאַן מיט אומרו־איקע הענט, האָט געצונדן און פאַרלאָשן איין פּאַפּיראָס נאָכן אַנדערן. ער איז געזעסן הינטער אַ מאַסיוון שרייב־טיש, לעבן זיך — דער טעלעפאָן, די אויפגעמישטע קאַרטאָטעקעס, טיי־גלעזער, אַ פלעשל „זובראָווקע" אויפן טיש, און זיי האָבן טאַקע צוביסלעך געהאַלטן אין איין זופּן דערפון. דער צוהערער זיינער האָט נאָך יעדן זופּ אָפּגעווישט די געדיכטע וואָנסן, באַ־דעקט מיט אַ פראָסט. דער געדאַנק האָט דעם יונגן, ענערגישן פאָרזיצער שוין לאַנג, זעט אויס, נישט געלאָזן צורו. ער האָט זיך פּלוצים האַסטיק אויפגעשטעלט. אַ קעם געטון מיט דער האַנט די בלאָנדע שויבערן, וואָס זענען אים געפאַלן אין די אויגן, געשפּאַנט מיט ברייטע שפּרייזן איבערן טיפן זוניקן קאַבינעט. אָבער יענער, ביים טיש, אַן איינגעבויגענער, ווי אַ שלימאַק, האָט דאָרט אַלץ געצויגן לאַנגזאַם, אומעטיקלעך אין די געדיכטע, גרויע וואָנסן אַריין:

— און איך וואָלט דיר, הערסטו, גע׳עצה׳ט — מאַך נישט אויף ס׳מויל פאַר קיינעם מיט דיינע וויכטיקע פּלענער, הערסט? — מ׳וועט דיך נאָר אויסלאַכן. און נישט נאָר דאָס. קענסט נאָך האָבן צו זינגען און צו זאָגן. ס׳קען דיר נאָך אַמאָל טייער קאָסטן. און אפשר נישט בלויז דיך. שפּילסט זיך אפשר מיט פייער...

כאָטש אין דער האַנט פון יונגן, ענערגישן פאָרזיצער פון וואָיעוואָדישן קאָמיטעט איז איצט געלעגן — מאַכט; די גאַנצע אַפּראָוויזאַציע, פּראָ־דוקטיוויזאַציע, די וווינונג־צוטיילונג אין דער האַלב־חרובער שטאָט און אין די אָפּגעליידיקטע דייטשע שטעטלעך אַרום אָדער און ניסע. ער האָט געהאַט צו זיין דיספּאָזיציע אַן אויטאָ, אפילו די מיליץ. אַליין איז ער ערשט נישט לאַנג צוריקגעקומען פון וואַלד, אין די מזרחדיקע פאָדער־קאַרפּאַטן, פון דער „אַרישער" זייט, האָט דאָרט נישט איין מאָל, אין דער פאַרטיזאַנקע, געזען דעם טויט פאַר די אויגן, און — איז אַצינד געקומען צו מאָדנע געפערלעכע אויספירן. מ׳האָט געפילט — אַ ווילד פייער ברענט

אין די אָדערן פון דעם יונגן, ענערגישן מענטש. ער אַליין האָט זיך באַזעצט הינטער דער שטאָט, אין די שיינע, וואַלדיקע געגנטן, אין אַ קאָנפיסקירטער ווילע ביי די דייטשן, וואָס זענען מאַסנוויין אַרויסגעשיקט געוואָרן. ער האָט דאָרט געפונען אַ רייך־איינגעאָרדנט הויז, פּיאַנעס, אַלט, טייער מעבל, בילדער, דיוואַנען, שטוב־און קיך־געשיר. ער האָט זיך גענומען אַ ווייב פון די געראַטעוועטע יידישע לאַגער־טעכטער.

ער איז סיי ווי אַלע פאַר וואָכן, אַ צעטומלטער, אַ צעפלאָשעטער, געלאָפן צו זיי דאָרט קיין וואַרשע, אין צענטראַל־קאָמיטעט פון די יידן אין פוילן, מיט פאַרשלאַגן, מיט פּלענער, מיט אויפטוען. אָבער ביי זיי דאָרט, אין וואַרשע, איז אויך געווען עפּעס אַ גרויסע צערודערונג. מ'האָט קיינמאָל נישט געוווסט ווהין דער ווינט וועט מאָרגן בלאָזן. דאָס איז גלייך געווען צו מערקן. זיי זענען נאָך דעמאָלט געזעסן אויף שעננע גאַס, אַ רעסטאָוורירט, אָפּגעשלאָסן הויז, ווי אַ קליינע פעסטונג, אין דער מיט פון אַ פיינטלעכער וועלט; שטאָקן, קאָרידאָרן, טירן, טאָג און נאַכט פאַרטון אין קאָמיסיעס, זיצונגען, סעקציעס. ס'האָט געראַיעט מיט אָנגעפּאַרענע און אָנגעלאָפענע יידן, פון די וועלדער, פון די לאַגערן, פון דער אַרמיי, פון טיף־רוסלאַנד, מיט אַלערליי דרינגענדיקע ענינים. דער עולם איז נאָך אַלץ געווען אָנגעטון אָרעמלעך, האַלב־מיליטעריש, האַלב־אָפּגעריסן, אין שטיוול, אין פופייקעס, אין אָפּגעבליאַקעוועטע רוסישע גימנאַסטיאָרקעס, אין אונטערגעשניטענע שינעלן, אין צעפּאָרענע שיך. די זאַכן פון אַמעריקע, וואָס דער קאָמיטעט האָט באַקומען, ווי די ערשטע הילף, זענען פרעמד אַראָפּגעהאָנגען פון די מענטשן — שיך מיט ברייטע, קאָמישע נעזער, מיתה־משונהדיקע קאָלירן פון רעקלעך, הויזן, קליידער, קראַוואַטן.

דער ענין „פּראָדוקטיוויזאַציע" איז טאַקע דעמאָלט געווען ביי אַלעמען אויף די ליפּן, אין אַלע רעזאָלוציעס, אין אַלע לייט־אַרטיקלען; אָבער אַרויסקריכן, פּראַקטיש עפּעס דורכפירן, איז געווען נישט אַזוי לייכט. ווי געוויינלעך, איז דער פעכער פון אַלע אַמאָליקע יידישע פּאַרטייען, ס'הייסט, די טרויעריקע רעשטלעך, נאָך דעמאָלט געווען פאַרטראָטן אין צענטראַל־קאָמיטעט. יעדער האָט אָבער שטיל געצויגן פאַר־זיך, לויט זייערע פּרינציפּן, אידייאישע איינשטעלונגען. די ציוניסטישע פּאַרטייען האָבן נישט געזען פאַר זיך קיין שום צוקונפט אויף דער ערד, דורכגעזאַפּט מיט יידיש בלוט, האָבן שטיל געגראָבן. דאָ האָט אָבער פאָרט געקלאַפּט דער פּולס, דאָס קיום לעבעדיקע אָדערל, פון אַ רעשטל על פּי נס לעבן־געבליבענע יידן פון גרויסן פּוילישן יידנטום. פון אַ פאָלק — אַ רעשטל.

דער היציקער, ענערגישער יונגערמאַן, אין שפּיץ פון וואָיעוואָדישן קאָמיטעט אין וורואַצלאַוו, האָט אָנגעקלאַפּט אין אַלע טירן, געפּרוווט אַ רעד טון מיט דעם און מיט יענעם. איינער האָט אים אָפּגעשיקט צום אַנדערן. לאַנג פאַרהאַלטן זיך אין דער חרובער שטאָט, וואָס איז געשטאַנען אין רושטאָוואַניעס, האָט ער אויך נישט געקענט. דאָרט, אין נידערשלעזיע, האָט געוואָרט אויף אים אַ וועלט מיט אַרבעט, מיט איניציאַטיוון, אין אַ

נאָכמיטאָג, נאָך די לאַנג־פּאַרצויגענע זיצונגען, האָט ער זיך קוים דער־שלאָגן צום חבר סרוליק, אין זיין באַשיידן צימערל, אין גרויסן, רוישיקן הויז, צווישן טירן און ביוראָען. צו אים אין דער קליינער ביוראָ, זענען אָפט געקומען אָנקלאָפּן דעלעגאַטן פון דער פּראָווינץ; זיי זענען געקומען מיט אָנקלאָגעס, פּראָטעסטן, דרינגענדיקע ביטעס, און אויך אויסלייגן אַלערליי פּלענער וועגן שאַפן פּראָדוציר־קאָאָפּעראַטיוון, וויכטיקע אויפבוי־פּלענער. סרוליק האָט זיי אַלעמען אויסגעהערט זייער געדולדיק. אין זיינע אַביסל אויסגעשרויפטע אויגן איז געווען אַ מידער בליק, ענלעך צו אַ שמייכל. ער האָט דעם פּאַרזיצער פון וואָיעוואָדישן קאָמיטעט אין ווראָצלאַוו צוגערוקט אַ שטול, מ׳האָט, ווי געוויינלעך, פּאַרויכערט, אויסגעטרונקען און יענער, וואָס אויף אים ליגן אַזעלכע גרויסע פּאַראַנטוואָרטלעכקייטן, האָט אים געגנוי אויסגעלייגט אַלע זיינע פּלענער, וואָס שייך דער „אויטאָנאָמער יידישער געגנט אין נידערשלעזיע"; אַז סרוליק האָט דערזען, ווי ס׳גליען ממש זיינע אויגן, ווי ס׳שויבערט זיך אים די בלאַנדע דאָרפישע טשופּרינע. אָבער אַליין האָט ער דערביי געקוקט אין איין פּונקט און — זיך ווי פאַר־געסן. מ׳ווייסט נישט פאַרוואָס, נאָר סרוליק האָט גאָר בעת מעשה דערביי אַ טראַכט געטון, ס׳איז אים נישט אַרויס פון זינען — דאָס צערודערטע געמיט פונם יינגל, פון אַבראַשקען. עפּעס האָט אים זיין חוצפּדיק, יינגלעריש לאַכעלע קיין גוטס נישט אָנגעזאָגט; זיינע מאָדנע געגנג, און וואָס ער קען נאָך דאָרט אָפּטון אינם קינדער־הויז, אין אָטוואָצק. אַ העלד! און לאַכט זיך אויס פון אַלץ און פון אַלעמען. ער איז אַליין אויך געווען מיד און מאַט, נאָרוואָס אומגעקערט זיך פון דער לוויה פון חבר גרשון. ער איז עפּעס אַזוי אומגעריכט און אַזוי נישט־קלאָר, אומגעקומען אין אַן אויטאָ־קאַ־טאַסטראָפע. דאָס געמיט איז שווער געווען, זייער שווער. וואָס ענטפערט מען אים דאָ, דעם צעטראָגענעם פּאַרזיצער פון וואָיעוואָדישן קאָמיטעט אין ווראָצלאַוו? און ער האָט, עפּעס אַזוי אומגעריכט, אַ פרעג געטון ביי אים:

— זאָג מיר נאָר, כ׳בעט דיר, ווי זעט עס דאָרט ביי אייך אויס אין די נעכט אויף דער גרענעץ?... כ׳מיין, די יידן, וואָס זיצן אין די גרענעץ־שטעט־לעך אויף די וואַליזקעס, און ווי נאָר ס׳ווערט נאַכט, פּעקלען זיי זיך אַריבער אויף יענער זייט...

— דאָס זענען דאָך — ציוניסטן... — איז יענער שיער נישט אויפ־געשפּרונגען — זיי צעשטערן דעם ישוב, פירן אַרויס גאַנצע קינדער־הייזער...

— מיר ווייסן, מיר ווייסן... און אפשר... — האָט חבר סרוליק שטיל געלאָזן פאַלן, און ס׳האָט אים באַלד אויפן אָרט באַנג געטון, וואָס ער האָט זיך אַרויסגעכאַפּט מיט אַן איבעריק וואָרט.

זיי האָבן זיך אַ רגע ביידע אָנגעקוקט מאָדנע; אויסגעהערט, הייסט עס, יענעמס הייסע רייד און גאָרנישט געפונען אים צו ענטפערן אויף זיינע זייער וויכטיקע פּלענער, וואָס ער האָט דאָ אויסגעלייגט. מ׳האָט געפילט, אַז סרוליק האָט אים יאָ וואָס צו זאָגן, נאָר ער שטיקט זיך מיט די רייד.

היינטיקע צייטן ווייסט מען נישט, פאַר וועמען מ׳כאַפּט זיך אַרויס מיט אַן איבעריק וואָרט...

סרוליק האָט דערנאָך פאַרמאַכט הינטער זיך די טיר און איז צוריק אַריינגעפאַלן אין דער געבעטער שטול הינטערן שרייב־טיש, דעם אַרום־געגאָלטן קאָפּ אַריינגענומען אַ רגע צווישן די הענט; אויפגעשטעלט זיך, לאַנג געשפּאַנט איבערן ענגן ביוראָ־צימערל, שטיינגעבליבן, צוגעקלעפּט דאָס פּנים צו דער שויב, אַראָפּגעקוקט צו דער רוישיקער גאַס, ווו עס זענען געשוווּמען אונטן קיינמאָל נישט געזעענע פּרעמדע, פּוילישע המונים.

בייטאָג איז נאָך אַ באַוועגונג איבער דער חרובער, האַלב־אויסגע־שטאָרבענער גאַס. מען לייגט דורך נייע טראַמוויי־שינעס. מען רוימט אפילו נישט אַראָפּ די גרוזן. מען שניידט דורך לאַנגע שאָסייען אויף די הויך־אַנגעוואַלגערטע ציגל־בערג, הינטער וועלכע ס׳זענען נאָך זיכער פאַרבליבן, אונטער דער ערד באַגראָבן בונקערס מיט אויסבאַהאַלטענע יידן, לעבעדיק פאַרשאָטענע. עס וואַקסן אַרום די רושטאָוואַניעס. נאָר פאַרנאַכטלעך, נאָך די אַרבעט־שעהן, ווערט פּוסטלעך, אומהיימלעך אַרום דעם געדיכטן גאַסן־קנופּ. די ביוראָען ליידיקן זיך אָפּ. מען איילט אין די אָפּענע מיליטערישע לאַסט־אויטאָס צו די ראַנד־געביטן פון דער חרובער שטאָט, דער עיקר קיין פּראַגע, צו די פּאַנטאָן בריקן איבער דער ווייסל. די נאַכט פאַלט פרי צו צו די שויבן.

דעמאָלט אַרבעטן איבער דער צעוואָרפענער, האַלב־אויסגעשטאָרבע־נער שטאָט, די טעלעפאָנען. די, וואָס ווינען נאָנט, כאַפּן זיך אַריין איינער צום אַנדערן אויף אַ גלעזל טיי. ס׳פאַלט אָפּט אַריין צו אים דער חבר מיכאַל. ער איז פון די פאַרביסענע, טראָגט גרויסע פאַראַנטוואָרטלעכקייטן אין די העכערע פּאַרטיי־קאַדרן, אין טעאָרעטישן זשורנאַל. אַרום נאַקעטן טיש, אונטערן זשיראַנדאָל, טרינקט מען צוביסלעך אויס, מען גיסט צו פון פלעשל, מען דעבאַטירט הייס. ס׳הערט זיך נאָכאַנאַנד מיכאַלס איינגעשפּאַרט באַסל:

— קיין שום רחמנות נישט, דו הערסט?! איצט זענען מיר ביי דער מאַכט... דאָס אַרבעטער־און פּויערים פאָלק...

— מיר... זאָל זיין, ווי דו זאָגסט. אָבער צי קען מען דען אַזוי? די מענטשן האָבן דאָך אויך געקעמפט פאַרן סאָציאַליזם... זאָל זיין אַ שלעכט־פאַרשטאַנענער סאָציאַליזם...

אַזוי לאָזט ער פאַלן, חבר סרוליק, און כאַפּט זיך גאָרנישט, אַז ס׳קען אים אַמאָל צו טייער קאָסטן פאַר אַזעלכע רייד. ווייל יענער שפּרינגט באַלד אויף:

— די געשיכטע, מיט וועלכער דו פאַרנעמסט זיך אַזויפיל... דאַרף איצט אַנדערש געשריבן ווערן... אַזוי ווי מיר פאַרשטייען זי...

ער איז נאָך אַלעמאָל דער פאַרביסענער דינער פון אַ קירכע; ער דערמאָנט טאַקע אין אַ באַרוועסן מאָנאַך פון פראַנציסקאַנער אָרדן — הויכע רייד, פאַרגלאָצטע אויגן, ציטאַטן, נישט צום אָפּפרעגן, פון מאַרקס, לענין, סטאַלין; צווייטיקע ציטאַטן, נאָך אַלעמען, וואָס אַז מען טראַכט

זיי גוט אַדורך, באַרעכטיקן זיי אומדירעקט אַלע געמיינקייטן פאַרן ציל, וואָס הייליקט, כלומרשט, אַלע מיטלען. ער האָט זיי, פּונקט ווי ער, מיכאַל, געקענט, די רעשטלעך פון די אַמאָליקע פּאַרטייען אויף דער „יידישער גאַס". פּונקט אַזעלכע רעשטלעך ווי די יידן פון דער פאַר־מלחמהדיקער ק. פּ. פּ. צעבראָכענע יידן, אין תוך, וואָס זוכן נאָך אַלע רציחות, אַנטוי־שונגען, פאַרשוועכטע אידעאַלן, עפּעס אַ זיכערן אָנהאַלט אין לעבן. טאַקע, וואָס איז דען געבליבן פון די שטרענג־דעפינירטע אידעאָלאָגיעס? חורבות... ווינטן... ער האָט שוין אָבער מורא געהאַט אַרויסצוכאַפּן זיך. פון די זיצונ־גען, פון די פאַרזאַמלונגען איז מען ביז שפּעט זיצן געבליבן, אין רויך פון דיסקוסיעס. די איינגעשטייפטע מיליטערישע וועסט פינקטלעך אויפגע־האָנגען אויפן שטול־אָנלען, אַרומגעשטויבט, אַראָפּגענומען אַ פּעדערל, איז מיכאַל געווען צודרינגלעך, מיט זיין ביי־טענדל, פּונקט ווי אַמאָל, אויף די שטורמישע פאַרזאַמלונגען פון האַנדלס־אָנגעשטעלטן־פאַריין. זיין אַרומ־געגאָלטער קאָפּ, אַביסל אַ פאַרשוויצטער, איז געווען פאַרוויקלט אין רויך פון די סאָוויעטישע „בעלאָמאָר"־פּאַפּיראָסן.

— ניין, וועסט מיר נישט איינרעדן, אַז די רומפּולע ק. פּ. פּ. האָט אויפגעהערט צו עקזיסטירן, אפילו אין געטאָ... כאָטש זי איז אַ סך פריער אויפגעלייזט געוואָרן...

— ווייסטו כאָטש פאַרוואָס מ'האָט זי אויפגעלייזט? היינט — מוזסטו מודה זיין — ווערט עס אונז אַלץ אַביסעלע קלאָרער...

— כ'וויל שוין מער גאָרנישט וויסן. מסתמא זיינען געווען וויכטיקע סיבות. דאָס, און נאָר דאָס, דאַרף און מוז אונטערגעשטראָכן ווערן, אַרויס־געהויבן ווערן!... ווען וועסטו גלאָריפיצירן? ווער האָט אויסגעטראָגן די גרויסע העלדישקייט? וועסט מיר אפשר זאָגן, אַז די ציוניסטן? דער בונד?...

— לויט מיר נאָך, האָבן אַלע יידן געקעמפט קעגן איין געמיינזאַמען שונא... אפילו די וואַרשעווער אונטערוועלט... דו הערסט? ס'איז געלעגן אין זייער געפייניקטן יידישן באַוווסטזיין. פּאַרטיי איז דאָ, לויט מיר נאָך, אויב מיר זאָלן זיין ערלעך, אַ צווייט־ראַנגיקער פאַקטאָר. מיר האָבן נישט קיין שום רעכט אָוועקצונעמען עס ביי זיי. אַניעלעוויטש איז געווען פון די השומר הצעיר, שכנא זאַגאַן — אַ פּועלי־ציוניסט, אַבראַשע בלום — אַ בונדיסט. נו, איז וואָס? עפּעס אַנדערש איז אונדזער איצטיקער בליק אויף די אַלע, וואָס האָבן אַמאָל געווירקט אויף דער „יידישער גאַס". די אויסגעקוילעטע „יידישע גאַס"...

— אַ געפערלעכע איינשטעלונג, חבר סרוליק... זיי האָבן געווירקט און ווירקן נאָך. זע, די ציוניסטן... זייער רוף צו דער בריחה... אַ שעדלע־כע ווירקונג, אין קעגנזאַץ צו דער פאָלקס־מאַכט. זע, וואָס אויף דער פּוי־לישער גאַס טוט זיך. אפילו די פּ. פּ. ס....

— צי קען מען דען, כ'בעט דיר, פאַרגלייכן?... ביי וואָס זענען מיר דען פאַרבליבן? אַ פּאָר צעבראָכענע יידן... שארית הפליטה... פאַר דער

געשיכטע טאַר גאָרנישט באַהאַלטן ווערן. ס'וועט זיך, פריער אָדער שפּע־טער, נוקם זיין אין אונז.

די וויכוחים האָבן זיך נאָך אַזוי שנעל נישט פאַרענדיקט. זיי האָבן זיך איצט אייגנטלעך אָנגעהויבן. אין זיין מיליטערישן מונדיר פון אַ קאַ־פּיטאַן, אָן איינגעגעסענער, נישט אָפּצושטיין, איז מיכאל אַליין געווען אויף אַלע פּליטים־פּונקטן, אין לאָדזש, אין וראָצלאַוו, ווו די צעשראָקענע יידן זענען געקומען אַנצולויפן, אַנצופאַרן מיט די עשאַלאָנען פון טיף־רוס־לאַנד; אין נידערשלעזיע, אין די ניי־באַזעצטע שטעט און שטעטלעך ביים אָדער, ביי דער ניסע. ער איז אַרויסגעטראָטן אויף מאַסן־פאַרזאַמלונגען, גערופן אַוועקצוואַרפן די אַלטע איינרעדענישן וועגן פאַרשידענע אילו־זאָרישע „לייזונגען", אַריינטרעטן אין דער פּאַרטיי, העלפן צוריק אויפבויען דאָס פּוילישע היימלאַנד, באַפרייט פון דער פריציש־סאַנאַטאָרישער קלי־קע, פון די פּולקאָווניקעס... די צעטומלטע יידן אויף די „פּונקטן" האָבן שטום אויסגעהערט, געקראַצט זיך אין נאַקן, מיט מבולבלע בליקן, כמעט גאָרנישט געענטפערט, אָפּגעדרייט זיך. זיי האָבן שוין געוווּסט, אַז נישט אַלעמאָל באַדאַרף מען זיך אַרויסצושטעלן, וואַרפן זיך אין די אויגן, אַרויס־כאַפּן זיך מיט אַ וואָרט. איינער האָט זיך דאָרט יאָ ריזיקירט אַרויסצושטעלן:

— וואָס פאַראַ גאַראַנטיעס גיט איר אונז, חבר מיכאל — נאָך קעלץ?... מען מאָרדעט אונז נאָך אַלץ... מ'וואַרפט יידן פון די באַנען...

איז ער ווילד געוואָרן ממש. די ליפּן האָבן זיך ביי אים געשוימט; האָט זיך אַפילו אינסטינקטיוו אַ טאַפּ געטון ביי דער זייט, ווי דאָרט וואָלט נאָך געהאַנגען דער נאַגאַן. מ'האָט איצט פּשוט מורא געקריגן פאַר אים. מ'איז שוין געווען גענוג אָנגעלערנט פון „דאָרט", מיט וואָס דאָס שמעקט.

אַפילו סרוליק אַליין, אָן אַלטער חבר פון די שטורמישע יאָרן; ער האָט כסדר אַראָפּגענומען די דיקלעכע ברילן, געווישט זיי מיטן טיכעלע, געקוקט צעחושט, פרעמדלעך, מיט זיינע אַביסל אַרויסגעשרויפטע בלויע אויגן, איידער ער האָט זיך צוריק פאַריכט די האַלאַביעס.

— מ'דאַרף זיך פרעגן פּשוט: צי אַנטשפּרעכן אַצינד די אַלע אידיי־אישע באַוועגונגען אויף דער „יידישער גאַס" די נייעווירקלעכקייט? זיי זענען אַלע אַנטשטאַנען, אָדער אַרויסגעוואַקסן, אַרויסגערופן געוואָרן צום לעבן, ווען אָרום האָט געלעבט — אַ פאָלק! אַביסל איינזעעניש, אום גאָטעס ווילן...

אָבער חבר מיכאל האָט פון גאָרנישט געוואָלט הערן און געדענקען. ווי פאַר זיין אָנגעצילטן בליק וואָלט זיך נאָך אַלץ אויסגעשפּרייט דער פאַרנאַכטיקער גאַסן־פּלאָנטער פון מוראַנאָווער ראַיאָן — די דזשיקע... די סטאַווקי... די פאַראיין־בערזעס פון טראַנספּאָרט, פון מעטאַל, פון טעקסטיל, די נאָדל־בראַנזשע... אָט וועט מען באַלד גיין אויפרייסן אַ מי־טינג פון בונדיסט הערשעלע הימלפאַרב אין נאָדל־פאַראיין... פאַרשרייען די אָרעמע יידישע שול, אַז זי איז נאַציאָנאַליסטיש, אַז זי רייסט אָפּ דאָס

קינד פון קאַמף פון אַרבעטער־קלאַס אויפן אָרט... סרוליק האָט אים לאַנג־
זאַם געפּרוווט איבערצייגן:

— מיר אַליין, זעסטו, האָבן אפשר איבערגענומען די בונדישע פּאָס־
טולאַטן פון זייער נאַציאָנאַל־קולטורעלער אויטאָנאָמיע און — פאַרשרייען
ווייטער דעם בונד... אפילו די ציוניסטשע לאָזונגען... אָט דרייען זיך אַרום
די רעשטלעך פון אַמאָליקע באַוועגונגען אויף דער יידישער גאַס, אפילו
געוועזענע טראָצקיסטן, וואָס זענען טריפה דעם בלויזן נאָמען צו דער־
מאָנען... זיי זענען אַלע אַלטע, צעבראָכענע, איינגעבויגענע יידן. אין צענט־
ראַל־קאָמיטעט פון יידן אין פוילן — פאַרשטייער פון אַלע רעשטלעך,
אגודה, מזרחי, אפילו פון די לאַנג־פאַרשוווּנדענע „פאַראייניקטע", אָדער
אומאָפּהענגיקע...

און ווען ער האָט נאָך זייטיק, אַזוי ווי אומגערן, צוגעוואָרפן:

— כ'וועל דיר זאָגן דעם אמת, מיר דוכט זיך, אַז אין דער געשיכטע
וועט מען באַטראַכטן די יידן־פירער פון היינט, און אין דער איבערגאַנג־
צייט פון רעוואָלוציע, אין רוסלאַנד, אין פוילן, פונקט, למשל — ווי דעם
האַלב־לעגענדאַרן ייד, שאול וואַהל, וועלכער איז איינמאָל, נישט מער
ווי איבער נאַכט, געווען קעניג אין פוילן... ס'איז אַמאָל געווען אַזאַ שפּאַ־
סיקער אויפטו פון דער צעריסענער שלאַכטע אין פוילן... ווייל אַלץ, וואָס
מיר זעען דאָ איז — איבערגאַנג...

יענער איז אַזש גרין געוואָרן פון צאָרן. ער האָט זיך פלוצים אויפ־
געהויבן און אַ קלאַפּ געטון מיט דער טיר. מער איז ער נישט געקומען.
סרוליק האָט לאַנג געשפּאַנט אַרויף און אַראָפּ, און צו זיך אַליין האָט ער
געזאָגט: „צי האָב איך דען רעכט, פרעגט זיך, אָפּצונאַרן זיי אַלעמען?...
זיך אַליין?"... ער האָט עס געוווּסט, אַז ס'וועט אים אפשר טייער קאָסטן.
מאָדנע... ס'איז שוין אַלצאיינס... דעם יינגלס רייד, אַבראַשקעס יינגלש
לאַכעלע: „ווו איז זי, די געשיכטע דיינע?"... און דאָס האָט אים געמאַכט
אומרואיק אין די נעכט, אָן שלאָף, ווען דער מוח איז מיד און די אויגן
קלעפּן זיך נישט, און ס'טראַכט זיך ווייט נאָך.

ס'איז געווען דער אָנהייב פון ליקווידאַציע. אין די זעלבע חדשים
איז ערגעץ, אין אַ פאַרחושכטן לאָקאַל אין פּראַגע, אָפּגעהאַלטן געוואָרן
די לעצטע פּלענאַרע זיצונג פון די צענטראַל־קאָמיטעטן פון די ציוניסטישע
אַרבעטער־פּאַרטייען: לינקע פּועלי ציון, צ. ס. השומר הצעיר. דאָס איז
געווען די לעצטע זיצונג אויפן ריזיקן בית־הקברות, אין פאָלקס־דעמאָקראַ־
טישן פוילן. צום לעצטן מאָל זענען זיי דאָרט אַרונטער די שטיגן פון פּאַר־
טיי־לאָקאַל, מיט געבויגענע פּלייצעס, פאַרשלאָסן הינטער זיך די טיר.
אין דרויסן איז געלעגן אַ געדיכטער נעפּל, און אין דער העלער נאַכט האָבן
זיך שאַרף אַרויסגעשניטן די חורבות. דער פאַראַנטוואָרטלעכער, פּסח
מילך, האָט גענומען די שליסלען און מיטן גאַנצן כוח זיי אַ שליידער גע־
טאָן, זיי זענען ערגעץ ווו געפאַלן, אָן שום אָפּקלאַנג, אין טיפן גראָז אַריין.
ס'איז שוין באַוווּסט געווען, אַז אַלע פּאַרטייען וועלן סיי ווי אויפגעלייזט

ווערן, ס׳הייסט „פּאַראײניקט״ ווערן. די דעצידירנדיקע פאַקטאָרן האָבן פאַרשטאַנען, אַז אַרעסטן וועלן שלעכט אויפגענומען ווערן אין אויסלאַנד. די גזירה איז שוין אָבער געווען פעסט געחתמעט. מיט אַ טאָג פריער האָבן זיי אַוועקגעפירט אין היסטאָרישן אינסטיטוט, אויף טלאָמאַצקע 5, אין וואַר־שע, דעם גאַנצן אַרכיוו פון דער פּאַרטיי און אים איבערגעגעבן דעם נייעם דירעקטאָר פון אינסטיטוט, בערל מאַרק. זיי האָבן אים דערביי געזאָגט, אַז מיטן ליקווידירן די פּאַרטייען, איז נאָך נישט אַלץ פאַרענדיקט. די יידן אין פוילן וועלן מוזן דערזען זייער פאָטערלאַנד נאָר אין ארץ ישראל, אין זייער אייגענער היים.

בערל מאַרק האָט אַרויפגעלייגט אַ פינגער אויפן מויל, אַרומגע־קוקט זיך מיט פאַרכט און זיי אַ זאָג געטון:

— אַביסל שטילער... וועגט האָבן אויערן...

## קאַפּיטל 11

# נאָכן ארון פון חבר גרשון

ווייל באַלד נאָך דער שחיטה אין קעלץ, האָט חבר סרוליק אַליין אויך פלוצים געמומען אַרומקוקן זיך מיט שטילן פאַרדאַכט, מיט שטילן פאַרכט, ווי די אָפּגעראַטעוועטע יידישע רעשטלעך ציען נאָך אַלץ מיט די איבערגעפאַקטע עשאַלאָנען צוריק פון די פּאַרוואָרפענע רוסישע רע־פּובליקן אין מיטל־אַזיע, צו באַזעצן זיך דווקא אין די צוריקגעוווּנענע, ווייטלעכע, פרעמדע דייטשע געביטן, ביי די טייכן אָדער און ניסע, וואָס אין נידערשלעזיע. די לופט איז נאָך דער שחיטה אין קעלץ געווען פאַרסמט. די יינגלעך פון וואַלד... דאָס וואָרפן יידן פון די צוגן... די צעשיסונגען... ס׳האָט נאָך אַלץ אויסגעזען צו זיין געפערלעך. פאַרוואָס שיקט מען אַהין דווקא — יידן? און ס׳האָט אים באַלד אומרואיק אַ דערמאָן־געגעבן... ביראָבידזשאַן. ער האָט דאָך יאָ שוין געוווּסט, צוליב וואָס און וווהין ס׳האָט דאָרט געפירט, וואָס פון דעם אַלעמען האָט זיך דאָרט אויסגעלאָזן, מיטן באַזעצן יידן ביים ווייטן טייך אַמור. ס׳איז אפשר געווען אַ דיווערסיע. אַט האָט איליאַ ערענבורג אַליין אַנומלטן, אין זיינע זייער קלוגיטשקע אינטערוויוען און שרייבערייען, זיך אַרויסגעכאַפּט, אַז — ס׳איז געווען אַ געפאַר, יידן פון ביראָבידזשאַן, ביי דער סאַמע גרענעץ פון אַמור, זאָלן נישט אַריבערלויפן צום... יאַפּאַנישן מאַנדזשוקאָ... אַז דאָרט ווימלט מיט שפּיאָנאַזש... אַ בראָך צו אונזערע יאָרן! אַלע לעבער ווילן זיי מיט אונז פאַרשטופן; באשר, האַלב־מזרח־פוילן האָבן די כיטרע רוסן קודם כל געמומען פאַר זיך, און ס׳לאַנד אַ שטופּ געטון צום מערב; אָבער די

פּאָליאַקן װילן נאָר לעמבערג און װילנע, נישט — װראַצלאַװ און שטשע־טשין. זיי זינגען נאָך אַלץ, צו להכעיס די „מאָסקאַלן״, אין די האַלב־נאַכטיקע קאַבאַרעטן: „טילקאָ װע לװאָװיע״; זיי שעלטן, מורמלען, חוזקן.

צוזאַמען מיט דער פּאָליטישער עמיגראַציע פון גלות, האָט זיך פּרילינג־צייט, געהאַט אומגעקערט אין לאַנד אַריין דער חבר גרשון; אַ גרויי־געוואָרענער, אָבער די אָפּגעצויגענע שטריכן, דער אונטערשטער געביס, דאָס ענערגישע, שיין־געצייכנטע מויל, האָבן נאָך אַלץ אָפּגעגעבן מיט אַלטער עקשנות; כאָטש די אַמאָליקע פאַרביסנקייט האָט זיך שוין געלייגט אין װייכע קנייטשעלעך אַרום זיינע גרויע אויגן. ס׳איז אים נאָכ־געגאַנגען דער אַמאָליקער רום פון דעמאָנסטראַציעס, תפיסות, דעליקאַטע מיסיעס פון די קאָמינטערן־יאָרן, װען ער איז געװען איינער פון די גרינדער פון דער קאָמ. פּאַרטיי אין פּאַלעסטינע. ביז — אויף די שלאַכטפעלדער פון שפּאַניע. ס׳איז געװען אַרום אים דרך־ארץ, און נאָך עפּעס, װאָס חבר סרוליק האָט עפּעס נישט באַלד דערכאַפּט. װייל אַט האָט זיך דער האַרט־פאַרביסענער חבר מיכאַל אַזױװי צוריקגעצויגן אין שאָטן, האָט עפּעס מער נישט געװאַגט אַזוי הויך צו געװאַלדעװען, כאָטש שטילערהייט האָט ער נאָך פריער, אַזױװי אומדירעקט, אָפּגעטון עפּעס אַזױנס, װאָס האָט כמעט אַלעמען פון קאָמיטעט געמאַכט אָפּקערן פון אים דעם בליק.

אין זעלבן זומער האָט דער צ. ק. פון פּז. פּ. ר. נאָך לאַנגע שתדלנותן פון חברים אין דער „יידישער סביבה״, אָנגענומען געװיסע באַשלוסן װעגן דערמעגלעכן די רעשטלעך יידן אויסצולעבן זיך קולטורעל, אויפמאַכן אַ שול, אַ יידישן קלוב, אַ לייען־זאַל, אַ ביבליאָטעק, שפּילן יידיש טעאַטער, אָרגאַניזירן יידישע פּראָדוציר־קאָאָפּעראַטיװן. דאָס איז בפירוש געװען פאַרשריבן אין דער אויסגאַבע פון צ. ק. „טריבונאַ װאָלנאָשטשי״.

פאַרן חבר גרשון האָבן זיי פונדעסטװעגן געהאַט אַביסעלע דרך־ארץ. ער איז נאָך אין יענע יאָרן געװען די גרויע עמינענץ פון דער פּאַרטיי, אַ מענטש פון קאָמינטערן, מיט אַ רומפּולן עבר הינטער זיך. אין די 20־ער יאָרן איז ער אין פּאַלעסטינע, אונטערן ענגלישן מאַנדאַט, געװען פון די גרינדער פון מ. פּ. ס. (מפלגת פּועלים סוציאַליסטים) פאַרקירצט — מאָפּסן. איז אײַנגיכן אויסגעװיזן געװאָרן דורך דער ענגלישער מאַנדאַטן־מאַכט, געװאַלגערט זיך יאָרן אין די פּוילישע תפיסות, אַנטלאָפן, געװען אין שליחות פון קאָמינטערן אין די װעלט־שטעט. אין שפּאַניע איז ער אין 1936 געװען איינער פון די פירער פון דער „באַטאַליאָן״־קאָמפּאַניע ביים „דאָמבראָװסקי״־באַטאַליאָן, האָט זיך דערנאָך געהיים אויפגעהאַלטן אין פּאַריז, מלחמה־צייט אַריבערגעכאַפּט זיך קיין מעקסיקע, און האָט זיך, נאָך די אַלע װאַנדערונגען, אומגעקערט אין באַפרייטן פאָלקס־דעמאָקראַטישן פּוילן.

ער האָט זיך דאָ אין די ערשטע פּאָר װאָכן אַרומגעקוקט, אַ שמעק געטון די לופט. מילא, די יידישע חברים פון קאָמיטעט, אָבער אין די הויכע אַמטן זענען געזעסן מענטשן, װאָס ער האָט זיי גוט געקענט פון דער עמיגראַציע, פון די שפּאַנישע שלאַכטפעלדער, און אויך — אַנגעלאָפענע,

עפּעס פרעמדלעכע. ער איז קודם אַראָפּגעפאָרן קיין נידערשלעזיע, דערנאָך קיין קראָקע. ער איז קיין קראָקע געקומען פאַרלאַנגען הילף ביים ערשטן סעקרעטאַר פון וואָיעוואָדישן פּאַרטיי־קאָמיטעט, ביים חבר רישאַרד שטשע־לעצקי, דורכצופירן די באַשלוסן פון צ. ק.

נישט ווי ביי די אַלע, נאָר ביים חבר גרשון איז דאָס יידישע וואָרט געווען זייער טייער. ער האָט דאָך יאָ געוווּסט ווי מיר האָבן געליטן פאַרן יידישן וואָרט. ער האָט באַלד דערפילט עפּעס אומהיימלעכס אין דער לופט. ער האָט מיט אַלטער ענערגיע, עקשנות געקלונגען אין וואָיעוואָדישן הויז, אויף דער באַשטאָווע, און ס׳איז באַשטימט געוואָרן אַן אוידיענץ, אויפצונעמען אַ דעלעגאַציע פון 3 פּערזאָן, חבר גרשון און צווי אַרטיקע יידישע טוער. די אוידיענץ איז באַשטימט געווען אין די פרימאָרגן־שעהן. זיי זענען פאַרפאָרן אַהין דורך די פּלאַנטן. דאָס איז געווען אַ גרויסער גמאָך, כמעט אַ פּאַלאַץ, דאָס זיץ־אָרט פון פאַר־מלחמהדיקן וואָיעוואָדע פון קראָקע. ברייטע טרעפּ האָבן געפירט צו דער באַוואַכטער געביידע.

די אַלטע, אַריסטאָקראַטישע קראָקע, דאָס פּוילישע „אַטען", איז ווי געווען, פאַרבליבן אַ פעסטונג פון רעאַקציע און קלער. אין יוני 1946 איז דורכגעפירט געוואָרן אין לאַנד אַ רעפערענדום אויף די פראַגן, צי אַפּראָבירט איר: 1) די אַגראַר־רעפאָרם? 2) די נאַציאָנאַליזאַציע פון דער אינדוסטרי? 3) די נייע גרענעצן, אָדער־נייס? קראָקע האָט אָבער געגעבן אַ מאַסיווע מערהייט ניין־זאָגער, אפילו אויף דער דריטער פראַגע, וועגן די נייע גרענעצן. זיי האָבן נישט געקענט מוחל זיין — ווילנע און לעמבערג. אויף דער אוידיענץ אין אַלטן זאַל מיט די אינקרוסטאַציעס, מיט די רעפּראָ־דוקציעס פון מאַטייקאָ: קאָשטשושקאָס שבועה אויפן קראָקעווער רינעק... הינטער זיין מאַסיוון שרייב־טיש האָט זיך דער וואָיעוואָדע, חבר שטשע־לעצקי, שוין באַצייטנס דערפילט זייער באַקוועם, ווי אַ שר ומושל, נישט ווי אַ חבר פון מאָקאָטאָווער ראַיאָן, פון די פּראָצעסן, פון די תפיסות, פון די פּאַדפּונקטן. חבר גרשון האָט זיך רואיק איינגעאָרדנט אין באַקוועמען פאָטעל, אַרויסגענומען די „טריבונאַ וואָלנאַשטשי", און ווי אַ באַפולמעכטיק־טער פון צ. ק. רעפערירט דעם עניין. די צווי אָרטיקע טוער האָבן, אַביסל פאַרשעמט, מיט האַרצקלאַפּעניש, צוגעזען, ווי ביים חבר גרשון ציטערן די הענט, ווי ער פאַרהאַקט זיך אויפצוקלערן עס אים:

— מיר דאַרפן די רעשטלעך יידן צוריקגעבן כאָטש דעם אָפּשיין פון אַן אייגן קולטור־לעבן...

זיי האָבן אַראָפּגעלאָזן פאַרשעמט די קעפּ. ס׳איז געווען — אַזוי האָט זיך זיי צוערשט אויסגעוויזן — הכנעה, און אפשר אויך מה־יפית, אינם טאָן, חבר גרשונס, פון אַן אַמאָליקן שתדלן. זיי זענען געווען נבהל ונשתומם. דאָס איז דער קאָמוניסט, דער רעוואָלוציאָנער, דער באַרימטער ציוניסטן־פרעסער, וואָס האָט אויסגעלאַכט אַזוי ביטער אַלע יידישע „לייזונגען", מיט פּאַלעסטינע אַריינגערעכנט?... מ׳קען נישט זאָגן, דער וואָיעוואָדע, דער

פריש־געבאַקענער, האָט אים אפילו גאַנץ רואיק אויסגעהערט, געשפּיצט זיך די וואָנצעלעך. אָבער אָפּגערופן האָט ער זיך ראַפּטום:

— כ׳פאַרשטיי איבערהויפּט נישט, חבר, די באַשלוסן פון צ. ק. אין דעם ענין. כ׳קען זיך נישט פונאַנדערקלייבן. פּוילן איז היינט צו טאָג, נאָך דער מלחמה, אַ מאָנאָ־נאַציאָנאַלע מלוכה. ביז 1939 זענען מיר, אמת, געווען אַ מולטינאַציאָנאַלע מלוכה. קיין נאַציאָנאַלע מינדערהייטן עקזיסטירן אָבער נישט מער אין פּרינציפּ. וואָס מיינט מען עס עפּעס — קלובן... קולטורעלע אויסלעבונג פאַר יידן... אין דער יידישער שפּראַך?... ס׳וועלן, צום ביישפּיל, קומען צו אונז באַזעצן זיך אַ פּאָר הונדערט טשעכן, וועט מען זיי, הייסט עס, אויך דאַרפן צוטיילן קלובן, אָנערקענען זייערע נאַציאָנאַלע פאָדערונגען?...

חבר גרשון איז, זעט אויס, אַביסל צו־זיך געקומען און אָפּגערופן זיך, כאַטש צוריקגעהאַלטן:

— ביז 1939 זענען אין פּוילן געווען דריי און אַ האַלבן מיליאָן יידן אויף אַ באַפעלקערונג פון 33 מיליאָן. ס׳הייסט, אַרום 11 פּראָצענט, און אפילו אין דעם פּוילן פון די דמאָווסקיס, נאָוואַטשינסקיס, סטראָנסקיס, גלח לוטאָסלאַווסקי, זענען יידן אָנערקענט געוואָרן ווי אַ נאַציאָנאַלע מינדערהייט, מיט זעלבסטפאַרוואַלטונג־אינסטיטוציעס, נאַציאָנאַל־קולטורעלע אויטאָנאָמיע אין יידישן לשון... מ׳דאַרף אויך נישט פאַרגעסן, חבר, אַז פיל פּאָליאַקן טראָגן די מיטשולד ביים אומברענגען יידן אין פּוילן...

דאָס האָט אים שוין גאָר אַריינגעבראַכט אין גרימצאָרן, דעם וואָיעוואָדע, ממש אין רציחה. ער האָט זיך אָנגעגאָסן מיט ראָזיקייט ביזן בלאָנדן שטייענדיקן יעזשל ווי אַ באַרשט, נידעריק אונטערן שטערן, מיט אַ מעסערגלאַנץ אין מוטנעם, וואָסערדיקן בליק. מ׳האָט געזען, אַז ער האָט זיך קוים איינגעהאַלטן, נישט אַרויסצופּלאַצן. ער האָט זיך האַסטיק אויפגעשטעלט, ס׳הייסט, אַז ס׳איז געענדיקט, זיי קענען שוין גיין.

די דעלעגאַציע איז באַלד דערנאָך אַוועק. חבר גרשון איז פון קראָקע געפאָרן קיין קאַטאָוויץ, צום לעצטן מאָל, ווייל באַלד האָט מען געהערט, אַז ער איז אומגעריכט אומגעקומען אין עפּעס אַן אומקלאָרער אויטאָ־קאַטאַסטראָפע. ער איז איבערגעפירט געוואָרן קיין וואַרשע, און דאָרט איז צוגעגרייט געוואָרן מיט גרויס פּאָמפּע זייער אַ פייערלעכע לוויה, אויפן יידישן בית־עולם אויף גענשע. אַזוי האָט זיך פאַרענדיקט די שיינע קאַריערע פון אַ פאַרביסענעם יידישן רעוואָלוציאָנער.

„גאָט מייגער" — האָט סרוליק זיך געכאַפּט, נאָכגייענדיק מיט באַדאַכטע שריט נאָכן ארון אין פריען, גרויען פּוילישן פרילינג. אַ געדיכטער עולם האָט זיך געשפּאַרט פון אַלע זייטן. די נאַקעטעביימער־סילועטן אויפן גענשער בית־עולם האָבן שוין אָפּגעגעבן מיט אַ גרינס־שאָטן. וואָס — האָט זיך סרוליק געפרעגט — איז געווען אין זיין געמיט, אין זיין שטאָלצן צאָרן, ווען ער האָט צום לעצטן מאָל זיך אַ ריס געטון צו גיין

אויסבעטן רעכט פאַר די יידן־רעשטלעך אין קראָקע, אָדער אין נידערשלע־זיע? גערעכטע מאָנונג פאַר דעם, וואָס קומט אונז! און אַזוי האָט מען אים באַלד אָפּגעצאָלט... ער האָט גאָר מורא געהאַט צו ברענגען עס אפילו אויפן געדאַנק, ווייל די אָפיציעלע ווערסיע האָט געלויטעט אַזוי און אַזוי... אָבער זיין טויט איז פאָרט געווען — נישט אומגעריכט. אפשר, ווער קען וויסן? אַרום — בלומען קרענץ... פייערלעכע רעדעס... מיליטערישע און פאַרטייאישע אויסצייכענונגען... מ׳האָט זיך געשווירן, אַז זיין נאָמען וועט נישט פאַרגעסן ווערן, אויף אַלע אייביקייטן, אַז אויף זיין נאָמען וועלן אָנ־גערופן ווערן גאַסן, קלובן, פּראָדוקציר־קאָאָפּעראַטיוון; פּונקט ווי אויפן נאָמען פון נפתלי באָטווין, דעם העלד, וואָס וועגן אים זינגען די פאָלקס־לידער... און חבר גרשון איז דאָך געשטאַנען אין שפּיץ פון דער קאָמפּאַניע א. נ. פון נפתלי באָטווין. די „באָטווינצעס״, וואָס האָבן געשטור־רעמט די הויכקייטן ביי דער עברע, ביי טערועל, אין דער בריגאַדע פון די „דאָמבראָווסקאַקעס״... וויפל בלוט פון יידישע שניידער און שוסטער־יינגלעך דאָרט איז אויף די שפּאַנישע שלאַכטפעלדער פאַרגאָסן געוואָרן... פאַר דער זאַך פון „אונזער און אייער פרייהייט״...

חבר סרוליק האָט זיך מיט באַדאַכטע טריט אומגעקערט צום וואָגן, וואָס האָט אים אָפּגעוואַרט פאַרן נידעריקן טויערל, אָן אויסגעלאָשענער, געזען, פאָרנדיק אַראָפּ מיט דער לעשנע גאַס, אין נעפּל, ווי עס וואַקסן די רושטאָוואַניעס פון נייעם וואַרשע. מען בויט צוריק אויף די חורבות; אָבער נישטאָ מער אַרום דער יידישער טומל. אַ פוסטקייט, אַ הוילקייט, שטיל, אויסגעשטאָרבן, נאָך אַ רוישיק, פילפאַרביק לעבן. דער רויטער ציגל־שטויב פון געטאָ גייט אויף און פאַרשטעלט די יונגע זון.

אַזעלכע אפּיקורסישע מחשבות האָט ער שוין לאַנג שטיל אויסבאַ־האַלטן געטראָגן אין זיך. גאָט זאָל היטן, ברענגען עס פאַרן מויל, אפילו פאַרן נאָענטסטן. מער פעלט נישט! ס׳איז אים אָבער אַצינד מאָדנע פלוצים קלאָר געוואָרן — אַבראַשקע, זיין יינגלשער אומרו, זיין פאַרשאַרפטער, וואַכער אינסטינקט. די רייד זיינע... ווער וייס וואָס ער קען נאָך דאָרט אָפּטון?... נאָר מילא, זאָל ער... ווייל ס׳איז שוין אפשר אַלצאיינס...

## קאַפּיטל 12

# די בריחה

די פאַררויכערטע עשאַלאָנען, וואָס האָבן זיך וואָכנלאַנג געוואָלגערט אונטערוועגנס איבער דער ברייטער רוסישער ערד, זענען נאָך דעמאָלט

אַלץ געקומען אַנצוציען פון יענער זייט בוג, צו דער שוועל פון די ניי־צוגעשניטענע רוסיש-פוילישע גרענעצן. אויף די רווישיקע רעפּאַטריאַציע־פּונקטן זענען אומגעריכט אויסגעוואַקסן די חברה פון דער שארית־הפּליטה, אַנגעטון אין לעדער, אין שטיוול, און צוגערעדט די יונגע צו גיין מיט זיי אין די ציִיטווייליקע קיבוצים. עס האָבן זיך דאָרט אַרומגעדרייט די שטילע, פּאַרטייעטע ייִנגלעך פון דער יידישער בריגאַדע. קאַרגע רייד אין זייער מויל. ס׳איז באַלד געווען צו מערקן, אַז די ציווילע קליידונג ליגט אויף זיי ווי אַן אויסגעבאָרגטע. מ׳האָט דערפילט אין זיי דעם סאָלדאַט. באַלקווו, די הכשרה הינטער לאָדזש, איז געווען איינע פון די פאַרלאָזענע פּערמעס, איינגעטונקט אין אַלטע סאָסנעס און טאָפּאָלן, וווהין ס׳האָט געצויגן און זיך געזאַמלט אַן אַנאָנימע אַרמיי.

די אַנגעפּאַרענע האָבן מער קיין וואָר וואָרט נישט געגלויבט די צע־קאָכטע יידישע לייט פון פּ. פּ. ר. (פּוילישע אַרבעטער־פּאַרטיי), זייערע שיינע רייד, רעדעס און הויכע פראַזן, אין דער אילוזיע צוריק אויפצו־בויען אויף דער פאַרבלוטיקטער ערד אַ יידישן ישוב אין פּוילן; כאָטש ס׳האָבן זיך געפונען גענוג ענערגישע יידן, וואָס האָבן שוין דאָ דערווייל אויפגעשטעלט פּראָדוציר־קאָאָפּעראַטיוון, שולן, קולטור־אינסטיטוציעס, אין לאָדזש, אין די ניי־פאַרנומענע געביטן פון נידערשלעזיע, אין ווראָצלאַוו, וואַלבזשיך, דזשיערזשאָנוו, אפילו אין שטשעטשין ביים באַלטיק.

די „בריחה״, דאָס אָרגאַניזירטע אַנטלויפן, האָט אָבער שטילער־הייט געאַרבעט „מיט דער גאַנצער פּאַרע״. אין די פינצטערע נעכט האָבן געצויגן געזעמלעך, גרופּקעס, אייגער הינטערן אַנדערן, מיט רוקזעק, מיט מאָגערע קלומיקלעך אויף די פּלייצעס, דורך די גריגע גרענעץ־שטעטלעך, אין נידערשלעזיע — איבער דער פול־וואַסערדיקער ניסע, אַרום שטשע־טשין — איבער דער גרענעץ; מ׳האָט געצויגן קיין טשעכיע, קיין דייטש־לאַנד, קיין עסטרייך, צו די לאַגערן פון די „אויסגעוואָרצלטע״ אויף דער פאַרשאָלטענער דייטשער ערד. פון די געדיכטע פּליטים־פּונקטן האָבן זיי דערנאָך, דורך איטאַליע, דורך פראַנקרייך, אין אַלטע שיפלעך, געריסן צו דערשלאָגן זיך צו די ברעגן פון ארץ ישראל.

פאַרשטייט זיך, אַז אין די צייטווייליקע קיבוצים, הכשרות איז שטילערהייט אפילו געווען אַ מיליטערישער אויסשולונג־צענטער. דער באָראָכאָוו־קיבוץ אין באַלקווו, פאַרשטעקט צווישן וועלדער, האָט זיך איינגעהילט אין סודות, אויסצומיידן אַ זייטיק אויג. מ׳איז טאָג און נאַכט געגאַנגען און געקומען. ס׳איז געווען נאָך קיעלץ! זיי האָבן דאָרט געוואַכט אין די נעכט פאַר אומגעריכטע איבערפאַלן פון די פּוילישע באַנדעס, די „ייִנגלעך פון וואַלד״, וואָס האָבן נאָך אַלץ געמאָרדעט יידן אויף די באַן־וועגן. אָבער די קיבוץ־יינגלעך האָבן אויך געוואַכט. אַ געניט אויג וואָלט תיכף באַמערקט אין דער שטומער פאַרטייעטקייט זייערער, די געביילטע פויסט, פאַרשטעקט אין די קעשענעס. בייטאָג און ביינאַכט זענען געקומען

אַנצוציען נייע פּאַרטיעס, מיט רוקזעק, אין באַטשוועקעטע שיך. שטעלסט אָפּ איינעם אַזאַ און פרעגסט אים:

— וווהין?

— צו דער בריגאַדע! — ענטפערט ער קורץ, אַנטשלאָסן.

גערעטעוועטע פון בונקערס, פון די וועלדער אין דער פּאַרטיזאַנקע, פון די אַנגעצויגענע עשאַלאָנען פון טיף־רוסלאַנד, לאָכן זיי זיך אויס פון אַלע גרענעצן. איינער, מיט אַ פלאַמיקער טשופּרינע, היצט זיך:

— גרענעצן?... געזעצן?... אַריינצוקומען אין אונזער לאַנד, איז די העכסטע מאָראַלישע געזעצלעכקייט...

דער וואָלקן איז נאָך אָבער אַלץ געהאָנגען איבער זייערע קעפּ. אַן אומרו. ס׳זענען נישט געווען קיין שום ידיעות וועגן די חברים, וואָס האָבן זיך מיט אַ פּאָר טעג פריער געלאָזן אין ווייטן וועג אַריין. דאָס עס־צימער אין דער כאַטע איז אַנגעפּראַפּט. מען וואַרט אויפן שליח. אַ כינוס פון אַלע פלוגות אין דער לאַדזשער געגנט. אַ שיין קאָלט אויפן פּלאַקאַט: „קיין שום שוועריקייטן וועלן אונז נישט אָפּהאַלטן עולה צו זיין״. דער חבר, אַנגעטון אין לעדער, רעדט וועגן שווערן וועג, וואָס שטייט נאָך פאַר. ער דערמאָנט די, וואָס זענען געפאַלן. אַ ציטער גייט דורך איבער אַלעמענס פאַרשטיינער־טע פּנימער. ס׳איז איין אויסגעשמידטע מחנה. און אַט הייבט זיך אויף אַ פעסטע שטים:

— לאָמיר אויפרייסן אַלע טירן!

אַנשטאָט יאוש — פרייד פון יונגע מענטשן, וואָס האָבן צוריקגע־פונען דעם וועג צום לעבן. ס׳איז אַ נאַכט־זיצונג נאָך חצות. זיי פאָדערן פון חבר, וואָס איז געקומען פון זייער ווייט, מ׳זאָל צואיילן די עליה. ווען רירן מיר אין וועג אַריין? — ווילן זיי וויסן. אַ שטילער בחור, אין לעדער, האָט ער פלוצים שטרענג אַ פרעג געטון ביי זיי: „און איר... איר זענט גרייט?״. האָבן זיי אַלע געענטפערט: „גרייט אויף אַלעם!״ האָט דער חבר, אַנגעטון אין לעדער, אונטערן דאַרפישן נאָפט־לאָמפּ אין דער כאַטע, אַרויס־געצויגן אַ תנ״ך און פאַר זיי געלייענט:

„און צונויפגעקליבן האָבן זיך פון אַלע לענדער, פון מזרח, פון מערב, פון צפון, פון דרום, אַלע די, וואָס זענען אין דער פינצטערניש געזעסן, אַלע אַרעסטאַנטן, אין קייטן אייזערנע, אין עלנט און אין פּיין געשמידטע״...

זיי האָבן אויך גיך דערקענט צווישן זיך דעם יונגן פּאַרטיזאַן, אַבראַשקען; און ער — ווי ער וואָלט די מענטשן דערקענט פון וואַלד, פון די ראַזשינאַיער וועלדער. כאָטש זיי זענען געקומען פון אַן אַנדערער העמיספערע. אין זייערע אויגן — דאָס זעלבע אומהיימלעכע פייערל, די זעלבע פאַרזיכטיקייט, ווען ס׳לויערט דער טויט פון אַלע זייטן. אין יענער נאַכט האָט אָבער אַבראַשקע געהאַט אַ לאַנגן ישוב הדעת מיט זיך אַליין:

און באַגינען האָט ער זיך שטיל אָפּגעטראָגן, ווייל ער האָט נאָך, אײדער מ׳רירט זיך אין וועג אַריין, געהאַט אַ וויכטיקע שליחות דורכצופירן.

ס׳ווילדלעכע ייִנגל פון וואַלד האָט זיך שוין לאַנג מער נישט געהאַט אַרויפגעוויזן צום חבר סרוליק; זינט ווען ער האָט איינמאָל, מיט אַ לאַ־כעלע צו זיך אַליין, פאַרשטעקט ביי זיך דעם נאָגאַן זיינעם. ער האָט אים אַרויסגעצויגן פון אונטערשטן שופלאַד, באַלד אָפּגעטראָגן זיך, אויף שטענ־דיק. „ס׳קען אַמאָל צונוץ קומען״... — האָט ער זיך געזאָגט, אַרונטערגייענדיק צום לעצטן מאָל דאָס באַוואַכטע הויז. אַצינד האָט ער זיך צום לעצטן מאָל אַריבערגעכאַפּט צום דאַטשע־שטעטל, אויף דער אַטוואָצקער ליניע. אַזוי שטיל ווי ער האָט זיך אָפּגעטראָגן, אַזוי שטיל איז ער ווידער געקומען צו־שלייכן צום טויערל. ער האָט נאָר אויסגעקוקט, אַז די דירעקטאָרין, חברטע פּאָלע, זאָל אים דאָרט אַמאָל נישט באַמערקן. זי איז געווען וואַכזאַם, אפילו כיטרע, האָט אומעטום געהאַט איר אויג. ס׳איז געווען ווי דעמאָלט, פריער פרילינג. ער האָט פאַרזיכטיק געשפּאַנט אין אַ זייט פון די אַלייען. די סאָסנע־וועלדער האָבן שטיל גערוישט. ס׳האָט אַרום שאַרף געשמעקט מיט געזוינטע ריחות. ס׳איז פאַרגאַנגען אין דער נאָז דער געשמאַקער, איבער־געטרוקנטער ריח פון פאַראַיאָריקע בלעטער־פוילונג און ערד־יוירונג. די זיסע ריחות פון דער קינדהייט האָבן געלאָקט און געשראָקן. ער איז גע־גאַנגען פאַרטייעט, ווי דאָרט, אין די געפערלעכע פּאָליעסער וועלדער, אויף אַן אַקציע, וואָס מ׳האָט אים אָנפאַרטרויט. לאַנג האָט ער זיך אַרומגעדרייט און זי נישט געזען אַרויסקומען, עסטושיאַן. דאָס שאַלעכל עסטושיאַס האָט נישט געפּלאָטערט הינטערן ביימער־פּלויט. ער האָט אָבער לאַנג, געדול־דיק געוואַרט. און אָט איז זי פּלוצים געזעסן אויפן זעלבן טרעפּל, אומגע־דרייט און ס׳האָט געפּלאָטערט דאָס בלאָנדע פּאַסמעלע האָר אויף איר אײדעלן נאַקן. ער האָט אַריינגעלייגט צוויי פינגער אין מויל און אַ שטילן פייף געטון, ווי אַ פויגל. ווי זי וואָלט עס באַלד דערפילט, אַזוי־אַ, מיט דער אומגעדרייטער פּלייצקע. ווי זי וואָלט די גאַנצע צייט נאָר געוואַרט אויפן שטילן פייף זיינעם; האָט אַ לויף געטון צו די דראָטן, פאַרשאַרנדיק דאָס בלאָנדע פּאַסמעלע אין די אויגן.

— עסטושיאַ! — האָט ער שטיל אַ רוף געטון — קום!

און זי איז געגאַנגען, די קליינע; געגאַנגען פאַרטרוילעך, בלינד און פאַרטייעט. ער האָט געהאַלטן איר הענטל אין זיין פעסטער דלאָניע און גע־פילט, ווי ס׳קלאַפּט דאָרט אַ קליין, וואַרעם אָדערל. זיי זענען געלאָפן מיט אַ יונגן, יוגנטלעכן געלויף און האָבן נאָך באַוויזן צו כאַפּן די פאַרויכערטע „קאָלייקע״ אויפן פּוסטלעכן וואַקזאַל.

ס׳האָט אָבער פּלוצים געהויערט אַ נידעריקער, פאַרשלאָסענער הימל איבערן פינצטערן וועלדער־רינג. די סאָסנע־וועלדער אויף דער „ליניע״ האָט געקעמט אַ פאַרשפּעטיקטער שאַרפער ווינט, אַ כמאַרע האָט פאַרדעקט די זון־און־שאָטן־שפּיל. ס׳פּלאָטערנדיקע מיידעלע האָט נישט אָפּגעלאָזן

אַבראַשקעס האַנט; זי איז געווען אַ פעסטע, אַ וואַרעמע, אַ זיכערע. אַן ערך אַ האַלבע שעה האָט מען זיך געטרייסלט, אין אַנגעפּראַפּטן וואַגאָן, ביז די היגטערשטאַטישע פאַרויכערטע „קאַלייקע" האָט זיי, צוזאַמען מיט דער אָנגעפּאַרענער מאַסע, אַרויסגעוואָרפן אויפן מזרח־וואקזאַל, אין דער פּראַגער פאָרשטאָט. באַבעס האָבן איבער די הויכע טרעפּלעך געשלעפּט קוישן. אַ וואָנסיקער, מיט וואַסערדיקע אויגן אונטער אָפּגעמעקטע ברעמען, דעם דאַשיק פאַרדרייט, איז געשטאַנען אין דער מיט פון דער נעפּלדיקער האַלע איבער אַ שטויערן קיישל, געשלונגען שטיקער קעלבאַסע, געריסן שטיקער פון אַ וואַרעם ברויטל. מיליציאַנערן, די פאַסקעס אונטער די געמבעס, האָבן באַוואַכט אַלע אַרויסגענג. פלינק האָט זיך אַבראַשקע מיטן מיידעלע דורכגעגליטשט. אויפן פּלאַץ, פאַרן הינטערשטאַטישן באַן־צופאַר, האָט זיך גערעשט און געראַיעט אַ המון. די ראַדיאָ־הילכערס אויפן פּלאַץ האָבן נאָך אַלץ פאַרהילכט מיט העראָישע מאַרש־לידער. אַרום די געשטעלן פון עסנוואַרג, פון געטראַנקען האָבן זיך געשפּאַרט רוסישע און פּוילישע סאָלדאַטן. ס׳איז דאָ באַלד געווען עפּעס אַ ווילסטער אַנגעלויף אַרום דעם געדיכטן קנופּ טראַמוויי־סטאַציעס, צווישן די געקרייצטע שינעס. מ׳האָט דאָרט אָפּגעגעשלעפּט אַ צעבלוטיקטן מענטש פון אונטער די רעדער. זידלערייען, געשרייען, געלעכטערן, אַ פייפעריי פון די אָנגעלאָפענע מיליציאָנערן.

— קום, שטיי נישט! — האָט אַבראַשקע זי אַ צי געטון און נישט אַרויסגעלאָזן פון זיין פעסטער האַנט איר קליין, וואַרעם הענטל.

זיי האָבן נאָך באַוויזן אָנצוהענגען זיך אין אַ פאַרבלאָטיקטן טראַמוויי אין שטאָט אַריין, איבער דער אויפגעריסענער קערבעדזש־בריק, וואָס וויגט זיך אויף פאָנטאָנען. אין געדראַנג, האָבן שיכורע מיילער געאָטעמט איבער זיי. ס׳זענען געפלויגן איבער קעפּ באַניע־קערלעך אין דער לופט, זידלערייען: „פּשיאַ איך מאַטש... אין דער מאַמען אַריין". איינער האָט אַבראַשקען פּלוצים אַ רגע באַטראַכט מיט חשד פון אונטערן לאַקירטן דאַשיק, ווי ער וואָלט אים דערקענט, און אַבראַשקען האָט באַלד אויפן אָרט שאַרף באַנגעטון, וואָס זיי האָבן זיך דאָ פאַרפּלאָנטערט אין דעם געדראַנג. אַ קאַלטער שווייס האָט אים אָפּגעגאָסן. ער האָט געקוקט מיט אַן אָנגעצונדן, פאַרנעפּלט אויג אין אַ זייט, אַ טראַכט געטון באַלד אַ כאַפּ צו געבן עסטושיאַן און אַראָפּשפּרינגען אין מיטן גאַנג. אָבער צום אַנדערן וואַרשעווער ברעג איז נאָך געווען ווייט. אונטערלויפנדיקע האָבן נאָך כסדר געהאַלטן אין איין אָנהענגען זיך.

— וווּ האָסטו דיינע אויגן?... צו טרעטן אויף יענעמס פיס... — האָט אים דער פאַרשוין אין לאַקירענעם דאַשיק אַ שטופּ געטון, און ער האָט מיט אַלע כוחות פאַרשטייפט אין זיין פויסט, נישט אָפּגעלאָזן עסטושיאַס הענטל.

ער האָט דערכאַפּט דעם וואַסערדיקן, רוצחישן בליק, וואָס האָט אויך זי אָפּגעמאָסטן. אַ שאָד, האָט נאָך אַבראַשקע באַוויזן אַ טראַכט צו טון אין

דער בליץ־רגע, וואָס זי האָט דאָס טיכל נישט אַראָפּגעלאָזן טיפער איבער אירע יידיש־דערשראָקענע אויגן. אין אַזעלכע צייטן, גאָט מיינער, טאָר מען זיך מיט אַזעלכע יידיש־דערשראָקענע אויגן נישט באַווייזן צווישן אָט די מענטשן־חיות. ס׳רייצט זיי, ווי אַ יונג הירשל דעם יעגער. איר זאַפּטיק מיילכל איז געווען אויסגעקרומט, ווי צום וויינען. ס׳איז מיטאַמאָל געווען אין אירע אויגן — גרויל.

און מער האָט ער שוין עסטושיאַן נישט געזען, נישט געפילט מער איר הענטל אין זיין פעסטער דלאָניע. ער האָט געפילט איבער זיך שווערע פויסטן, ווי האַמערס, איז געפאַלן, געפאַלן אין אַ ליידיקייט אַריין, געפאַלן ערגעץ ביים האַסטיקן פאַרדריי פון טראַמוויי אויפן ראָג. צוויי, וואָס זענען מיטגעפאַלן, מיט רויט־פאַרשיכורטע צורות, האָבן זיך געוואָרפן אויף אים, און ער האָט זיי איינס נאָכן אַנדערן, מיט די אָנגעגאָסענע פויסטן, ווייט פון זיך אַ שליידער געטון. ביז ער האָט צוריק דערפילט די האַרטע ערד אונטער די פיס, אָנגעגאָסן מיט גבורה, און ער האָט מיט אַלע כוחות גענומען נאָכלויפן דעם טראַמוואַי. אָבער ער איז שוין געווען ווייט, אַראָפּ־גאַס. ער האָט אַ שליידער געטון פון זיך אַ שטיק פון דער אָפּגעריסענער פּאָלע פון זיין לעדערנער קורטקע, אָפּגעווישט ס׳פאַרבלוטיקטע פּנים און איז אונטערגעלאָפן מיט צעטומלטע שפּריזן איבער דער חרובער ברייטער „קראָקעווער פאַרשטאָט". קיין מיליציאָנער איז אַרום נישט געווען צו זען. ווו לויפט מען זי זוכן, דער קליינער? וויי־געוואַלד, וואָס האָט ער דאָ אָפּגעטון? ער האָט באַטראַכט צו לויפן ביזן לעצטן אָפּשטעל. אָבער ווו נעמט מען אַ טראַמוויי, אַז געפאַרן אין שטאָט אַריין זענען זיי נישט רעגו־לער, אָן אַ באַשטימטן פאַר־פּלאַן אין יענע כאַאָטישע טעג.

איבער דער וויגנדיקער בריק, די אַמאָליקע קערבעדזש־בריק, איבער די פּאָנטאָנען, האָבן זיך נאָכאַנאַנד דורכגעטרייסלט אַ קייט מילי־טערישע לאַסט־וועגן, אָדער אַמטלעכע וואָגנס. זיי זענען געשפּרונגען איבער דער גריבערדיקער גאַס, אָפּגעשפּריצט אים מיט בלאָטע פון די קאַלוזשעס. די האַר־וואָרצלען האָבן אים געברענט. די מינוט האָט געברענט. זיי האָבן זיך דאָרט, אין באַלקווו, געגרייט אין אָווגט אַרויסצופירן אין וועג אַריין. און ער — וואָס טוט מען דאָ? צוריקפאָרן צום קינדער־הויז אין אָטוואָצק? די בייזע חברטע פּאָלע, וואָלט אים אַליין איבערגעגעבן צו דער מיליץ. פון אָט די פאַרביסענע לייט איז קיין גוטס נישט צו דערוואַרטן. זיי האָבן שוין דאָרט אוודאי אַלאַרמירט אויך.

ער האָט אַרויפגערוקט טיפער דעם דאַשיק, איז אונטערגעלאָפן, האָט כאַטש געוואָלט באַווייזן צו כאַפּן דעם צוג ביז קאַלושקי, פון דאָרט — קיין לאָדזש, צום זאַמל־פּונקט אין דער הכשרה. אַ גרויס, פאַרשטיקט געשריי האָט זיך געריסן פון אים. ס׳איז מער נישט קיין צייט געווען צו לויפן ראַטעווען ס׳מיידעלע. אַזוי אומבאַהאָלפן האָט ער זיך נאָך קיינמאָל, אפילו אין די אַקציעס אין ראַזשינאַיער וועלדער, נישט געפילט.

קאַפּיטל 13

# צום אייגענעם ברעג

אַזוי האָט ער זי דעמאָלט פאַרלוירן, ס׳מיידעלע עסטושיאַ, און ער האָט זיך עס אַ לאַנגע צייט נישט געקענט מוחל זיין. ער איז אַוועק פון פאַרשאָלטענעם לאַנד מיט אַ ווייטיק אין האַרצן, אָבער ער האָט שוין געוווסט, אַז קיין שום שטרויכלונגען וועלן אויף זיין וועג נישט שטיין, ער וועט זיך אומעטום דורכרייסן, ביז צו די ברעגן פון לאַנד, און דעמאָלט וועט ער עסטושיאַן אויך אויפזוכן.

אין דער זעלבער נאַכט זענען זיי שטיל אַוועק פון באַלקווו. זיי זענען אַוועק אין די נעכט איבער דער פול־וואַסערדיקער ניסע. זיי האָבן זיך אויך לאַנג נישט פאַרהאַלטן אין די פּליטים־לאַגערן צווישן רעגענסבורג און נירעמבערג. אַן אויטאָ־קאַראַוואַן פון מיליטערישע דזשיפּן האָט זיי ערב־פּסח געפירט אַראָפּצו, ביז די איטאַליענישע דרום־ברעגן, צווישן שאַרפע איינגוסן, צו אַן אָפּגעלעגן ברעג־שטעטל. צוזאַמענגעקוועטשטע, האָט עס די בחורים און מיידלעך פּלוצים אַ דערמאָן געגעבן — די פאַר־מאַכטע אויטאָס, וואָס האָבן געפירט צום טויט. ס׳איז באַנג געווען פאַרן יונגן לעבן. אַצינד אָבער זענען זיי באַוואַכט פון יידישע סאָלדאַטן, שליחים פון לאַנד. ביים סוף פון וואַנדערן דורכן געדיכטן דזשונגל, האָבן זיי געפונען די סטעזשקע, וואָס פירט אַהיים. און דאָרט, אין פּראָוויזאָרישן חדר־האוכל, אין אַ באַראַק אויפן בערגל, איז געפּראַוועט געוואָרן די ערשטע סדר־נאַכט אונטער אַ נידעריקן באַלקן. געגרייטע טישן, באַדעקט מיט ווייסע טיש־טעכער, בלומען. די בחורים פון די מיליטערישע איינהייטן זענען געקומען און געמאָלדן:

— מיר שווימען נאָך היינט אָפּ!

הינטער די שייבלעך פון באַראַק איז געלעגן אַ פרעמדע נאַכט. אַ ליל־שימורים. אַ דינינק רעגנדל האָט געשפּריצט.

אין דער אויסגעלאָשענער האַלבער נאַכט האָבן די בחורים פאַרזיכ־טיק זיי געפירט. דער ים איז געלעגן אין דער נידער. זיי האָבן אים געפילט, האָבן זיך שאַרף צוגעהערט צו אים, געפאַרשט זיינע פינצטערע ווייטקייטן. צי באַוועגט זיך נישט עפּעס? די לעצטע נאַכט, האָבן זיי זיך געזאָגט, אויפן פאַרשאָלטענעם אייראָפּעאישן קאָנטינענט. אין דעם קליינעם פּאָרט ביי די איטאַליענישע ברעגן, האָבן זיי זיך אין דער שטילער נאַכט פון ליל־שימורים איינגעשיפט. ס׳איז געווען אַ פינצטערניש, אַנצוטאַפּן מיט דער האַנט. דאָס שיפל, אונטער אַ פּאַנאַמישער פאָן, האָט קורסירט אַרום די גריכישע ברעגן; אויף דער עלטער איז עס אַרויסגעצויגן געוואָרן פון געברויך, האָט געדרעמלט אין דער קליינער איטאַליענישער בוכטע, געוויגט פון די

שטילע וואַסערן. אין אונטערשטן דעק איז געווען ענג, שטיקנדיק אָנגע־רויכערט. פּריטשעס, דריי שטאָק הויך. די קייט פון אָנקער גרילצט. דורך די שייבלעך זעט מען ווי ס׳צינדן זיך צעוואָרפענע ליכטער אין קליינעם, פרעמדן האַפן. די היימישע ברעגן זענען נאָך אָבער אַזוי ווייט, פאַרשטעלט פאַר די מידע וואַנדערער. כוואַליעס שלאָגן זיך אָן אין די ווענט פון שיפל. אַ ווינטל גייט דורך די מאַסט־ביימער. עמיצער הייבט אָן אין דער טונקל צו מורמלען אַ שטילע, טרויעריקע מעלאָדיע. דער קאַפּיטאַן, דער איין־אויגי־קער טעסאַליער גריך מאַברוס, האָט פון בריקל אַראָפּ באַפוילן מ׳זאָל נישט זינגען.

— צי קען מען — פרעגט עמיץ מיט פאַרכט — אין אַזאַ „מולטער" ערגעץ אָנקומען?

און אַ פאַרשלאָפענע שטים ענטפערט:

— קאָלומבוס איז אויך אָנגעקומען אין אַ נישט גרעסערן „מולטער"...

דער קאַפּיטאַן מיטן פאַרשמאָלצענעם דאַשיק איבערן אויסגערונענעם אויג, אַן אַלטער ים־וואָלף, האָט געפירט שיפן אָן אַ מאַפּע, געשמוגלט קאָנטראַבאַנדע, און אַצינד שמוגלט ער — מענטשן־קאָנטראַבאַנדע. ער שווייגט, עפּעס גאָרנישט ווי קיין גריך. טאָמער אָבער פאַלט ער אַריין אין כעס, גיסט זיך אים אָן דאָס רויטע, אויסגערונענע אויג מיט בלוט, זידלט און שעלט, האַלב־דייטש, האַלב־ענגליש. ער ליגט געוויינלעך אָפּ אין די קליינע האַפן־קאַבאַרעטן, ווען מען פאַרהאַלט זיך אויף אַ פּאָר שעה. מ׳איז מיט אים מושווה געוואָרן, אָפּגעשטעקט אים האַנט־געלט, ביז מ׳וועט אָנ־קערן ביים אייגענעם ברעג. אָבער אַרויסגעוויזן האָט זיך, אַז דאָס שיפל איז גאָרנישט זיינס; אַז מ׳דאַרף פאַריכטן דעם מאָטאָר, ווידער אַריינשטעקן געלט אָן שום גאַראַנטיע. דאָס שיפל מיט צוויי מאַסטן וויגט זיך אויף די גרינלעכע וואַסערן. אין די קליינע פּאָרטן, וווּ מ׳פאַרהאַלט זיך, שטייט אַ ליאַרעם. שיפן גייען אָפּ, קומען, ווערן אויסגעלאָדן, אָנגעלאָדן, מיט קוילן, געהילץ, זעק. וועז דער אָוונט פאַלט צו, שטייגן אויף נאָך וואַנדערער. ס׳ווערט ענג. אין יעדן ווינקל — אַ משפחה, קינדער. ווען אַלע שטייען אויף איין זייט, איז אַ געפאַר דאָס שיפל זאָל זיך אַראָפּבייגן. אומעטום, ווו זיי פאַראַנקערן, קוקט די ברעג־פּאָליציי מיט אַ פאַרדעכטיק אויג אויף די מאָדנע „טוריסטן". ס׳דרייען זיך דאָ אוודאי אויך אַרום געהיימע לייט פון ענגלישן דינסט. זיי בליקן נאָך דאָס יונגוואַרג, אָנגעטון אין לעדער. ס׳שיט זיך מיטאַמאָל אַרויף אויפן דעק ווייס־געקליידטע ברעג־פּאָליציי, מיט רעוואָלווערן אין די הענט. זיי מעסטן, שושקען זיך, פאַרצייכענען די נעמען. די ענטפערס פון איין־אויגיקן קאַפּיטאַן זענען זיי פאַרדעכטיק. דאָס שיפל שטייט מיט אויסגעלאָשענע ליכטער. אַרום — קריגס־שיפן, שטומע, דראָענדיקע, מיט אויסגעשטרעקטע האַרמאַטן־לופעס. די בריק ביים קאַנאַל פירט דירעקט צום שענקל, האַרט ביי דער נידעריקער גע־ביידע פון דער ברעג־פּאָליציי. מיט קרומע שפּרייזן איז דער קאַפּיטאַן אַוועק נאָך זיי.

— עפעס איז דאָ נישט גלאַטיק... — איז צווישן עולם אין אונטערדעק אַדורך אַ געמורמל — מ׳זעט אים נישט צוריק, דעם איין־אויגיקן טייוול.

ערשט מיטן לעשן זיך פון די שטערן, האָט ער זיך צוריק באַוויזן. ער האָט זיך געוואָקלט איבערן בריקל, געפּייערט מיטן איינציקן אויג פון אונטערן פאַרשמאָלצענעם דאַשיק, און צו זיי האָט ער אַ בלינצל געטון:

— ס׳גייט — מאַכט ער — שווערלעך... מ׳וועט דאַרפן — מאַכט ער — שמירן...

פון קליינעם שיפל „פּאָסיידאָן", פאַרשטעקט אין דער בוכטע, גייט אויף אַ געדיכטער רויך פון קוימען. די פּאָר מאַטראָסן לויפן אַרום פּאַר־פּאָרעט; און איידער נאָך זיי קערן זיך צוריק פון פּאָליציי־הייזל, הערן זיך דריי קורצע פייפן און דער אַנקער ווערט אויפגעהויבן.

אונטער די גרויסע שטערן פון מיטללענדישן ים, שיכור פון די וווּנ־דערלעכע נעכט, האָט מען אויסגעגאָסן די בענקשאַפט אין לידער, אַ האַר־מאָניקע ציט אין דער מיט דאָס שיינע, אומעטיקע ליד „כנרת שלי". אין דער ענגעניש פון אונטערדעק איז איינגעשטעלט אַ שטרענגער סדר; קאָמיסיעס פון אָפּראָוויזאַציע, סאַניטאַרע קאָמיסיע, אַ קולטור־קרייזל, אַרויסצוגעבן דעם טעגלעכן ביולעטין. דער זאַפּאַס טרינק־וואַסער האָט געקענט סטייען דריי מאָל, ווי די רייזע, מ׳איז אָבער פאַרזיכטיק מיט יעדן טראָפּן. מען רייניקט דעם אונטערדעק, די פּרימיטיווע קלאָזעטן. די כוואַליעס פאַרגיסן פון מאָל צו מאָל דעם דעק. נאָענט פון די גריכישע ברעגן גליטשט זיך דאָס שיפל צווישן פעלזן, באַשיצט פון שטורעם־ווינטן. ווייניק האָבן געליטן פון ים־קראַנקהייטן. ס׳זענען אָבער נישט געווען קיין געשרייען, קיין קרעכצן. באַפאַלט עמיצן אַן איבל, ס׳באַפאַלט אים אַ בלייכקייט, טראָגט מען אים שטיל אַרויס אויפן דעק.

פאַרשווונדן זענען אויפן דריטן טאָג די ברעג־פּייערלעך. ווידער אויפן אָפענעם ים. ס׳איז נאָך ווייט דער מרחק ביזן לאַנד. ברויט ווערט ווייניקער. די סוכאַרעס האָבן זיך באַדעקט מיט אַ גרינעם שימל. אַ קליין מיידל, אַזוי ענלעך צום מיידעלע עסטושיאַ, ברענט אין היץ. ווען מען קען כאָטש קריגן אַ שטיקל אייז. אַבראַשקע איז לאַנג געזעסן לעבן איר, געהאַלטן איר בלייכע האַנט, געפילט ווי ס׳קלאַפּט קוים־קוים אַ דין אָדערל. די קליינע האָט געמורמלט פון היץ: „כ׳וועל שוין נישט זען אונזער לאַנד". ביז דאָס הענטל אירס איז קאַלט אָפּגעפאַלן. פּונקט אַזאַ קליין מיידל, ווי עסטושיאַ, האָט ער זיך נישט געקענט שענקען, וואָס ער האָט זי געלאָזן אין אַ ווילדן דזשונגל. אין מיטן נאַכט האָט מען זיך פאַרזאַמלט אויפן דעק. די קליינע איז געלעגן מיט אָפענע אויגן. מ׳האָט דעם שמאָלן גוף איינגע־וויקלט אין אַ ליילעך, צוגעבונדן צו אַ ברעט אוןביים שיין פון דער לבנה, איז זי געבראַכט געוואָרן צו „קבר ישראל". דער ים האָט זי איינגעשלונגען.

דערנאָך איז אַבראַשקע לאַנג געלעגן אויף דער נאַרע אין פיבערן, קראַנק געדרעמלט. ער האָט געזען עסטושיאַן, ווי זי וואָלט דאָ געשטאַנען פאַר אים, אין פרילינגדיקן פלאַטער, צווישן די סאָסנע־וועלדער פון

אַטוואַצק, ווען זיי האָבן זיך דאָרט איינמאָל אַרויסגעגליטשט פון יענער זייט טויערל. דאָס בלאָנדע פּאַסמעלע אויפן נאַקן האָט אין מילדן ווינט געפלאַטערט, געפלאַטערט. ער האָט אונטערגעהויבן דעם קאָפּ. אַרום אים האָבן מענטשן געקרעכצט, געליטן פון צירות, פון דיזענטעריע. ער האָט זיך אַרויסגעשלייכט אויפן דעק און דערזען די ווייטע ליכט־צייכנס אויפן האָריזאָנט. מען טאָר זיך אָבער נישט דערנענטערן צום ברעג. דאָס שיפל גליטשט זיך מיט אויסגעלאָשענע פייערן. ער קוקט אין דער ווייטער פינצטערניש, און ביי אים איז דאָס געפיל, אַז עפּעס חזרט זיך איבער אַזוינס, וואָס ער האָט שוין אַמאָל דורכגעלעבט, דאָרט, אין די ראָזשינאַיער וועלדער.

נישט ווייט פון זיי איז אין דער באַגינען־גרויקייט געקומען אָנקערן אַ שיף מיט אַ געלער פאָן פון קאַראַנטין. אַ מעפּילים־שוועסטער־שיף. אַ געזאַנג פון טרויער און האָפענונג האָט זיך אַרויסגעריסן ביי אַלעמען. „ערד!" — האָט עמיצער אויסגערופן און זיי האָבן אין גרויען ליכט דערזען אַרויסשניידן זיך קאָנטורן פון בערגלעך.

אין דער נאַכט זענען די בריטישע שיפן געשווומען מיט אויסגעלאָשענע ליכטער. מ׳האָט געפילט די נאָענטקייט פון שונא. פון צייט צו צייט איז דאָס שיפל אָפּגעגאָסן געוואָרן מיט אַ פּראָזשעקטאָר. און אין באַגינען, דורכן הויך־שפּרעכער האָבן זיי דערהערט: „מיר וויסן ווער די פּאַסאַזשירן זענען!". דער ענטפער: אַ פייפערײ און אַ מעכטיק ליד פון אַלעמענס ברוסטן. די סירענעס וואָיען. מיטן באַגינען זענען אָנגעפלויגן די פּאָליציי־שיפלעך. דער איין־אויגיקער קאַפּיטאַן איז רואיק געשטאַנען אויפן בריקל, ס׳איז אויפגעגאַנגען דער רויך פון זיין פייקעלע.

פון ווייטן האָט אַ שיין געטון דער שפּיץ פון כרמל. אַ פריידיקער אויסגעשריי. דאָס געוויין פון די פרויען האָט זיך אויסגעמישט מיטן רע־ווען פון די סירענעס. בײנאַכט איז געפאַלן אַ פריילינגדיקער ארץ־ישראל־רעגן. פרויען, זקנים, קינדער זענען געשטאַנען אונטערן רעגן מיט אויס־געשטרעקטע הענט און געזונגען.

אויפן ברעג זענען מיטן טאָג־ווערן, אָנגעפאָרן נייע פּאָליצייאישע פאַרשטאַרקונגען, לאַסט־אויטאָס, סאָלדאַטן מיט מאַשין־געווער, מיט אויפ־געפלאַנצטע באַיאָנעטן, זענען זיי ווי היישעריקן, באַפאַלן דאָס שיפל. הוי־כע, ברייטפּלייציקע, אויסגעקליבענע, איינס אין איינס. זיי זענען אויסגע־וואַקסן אויפן דעק. ס׳טראָגט זיך פון זיי אַ געשטאַנק פון אַלקאָהאָל. אָן בהלה, אָן מורא, שטייען די יידן, ווי אויסגעגאָסן. די אויספאָרשונג:

— ווי קומט איר אַהער?

— מיר קערן זיך אום אַהיים!...

— ווו געבוירן?

— אין ארץ ישראל! — ענטפערן אַלע, אפילו די, מיט די אויס־געברענטע נומערן אויפן לייב.

זיי פאָדערן אויסצושטייגן, אָבער די סאָלדאַטן ווערן מיט כוח אָפּגעגע־שטופּט. שטעקענער פאַלן. פון אַלע זייטן פליען קאָנסערוון־שאַכטלעך.

איינער, אַ רויט־האָריקער, שלעפּט אַבראַשקען, און ער דערפילט פּלוצים זיין האַרטע, פאַרקראַמפּטע האַנט אויף יענעמס האַלדז, גראַבט זיך איין מיט זיינע פינגער אין גאָרגל. איין זעץ, און דער סאָלדאַט ליגט שוין אַ פאַר־בלוטיקטער. ביידע גליטשן זיך אויס און פאַלן. ער פילט איבער זיך אַ האָגל פון שטעקנס. ער ליגט אין אַ קאַלוזשע בלוט. מ׳האָט צענומען די טרעפּ צום אונטערדעק, געכאַפּט שטעקענער, אייזערנע שטאַנגען.

— שיסט! — האָבן זיי אויפגעריסן די ברוסטן צו די בעווין־נאַצי־יונגען.

ס׳האָט זיך פּלוצים דורכגעריסן אין געוויש אַ מעכטיקער קראַך. דאָס גאַנצע שיפל האָט זיך מיט איין מאָל אַ בויג געטאָן אויף רעכטס, דערנאָך אויף לינקס. מען איז געפאַלן איינער אויפן אַנדערן. די סירענעס וואָיען. די שטיגן קרעכצן אונטער דער מאַסע, וואָס שפּאַרט זיך פון די קעלערן. אַ ייד שטייט און פּליסטערט קאַפּיטלעך תהילים. די אונטערדעק איז פאַרפּלייצט. ביי דער טעלעגראַף־קאַבינע, אויבן, שטייט רואיק, ווי אויסגעגאָסן, דער איינאויגיקער קאַפּיטאַן, און שיקט אין דער וועלט אַריין אַן ס. אָ. ס.־רוף. דורך די שטריק־לייטערלעך לאָזט מען צווערשט אַראָפּגיין די פרויען און קינדער אויף די שיפלעך. פאַרגליווערטע פּנימער. פון קאַפּיטאַן־בריקל פליען סיגנאַלן — גרין, רויט, בלוי. אַ מאַן אין די מי־טעלע יאָרן, אַ קאַצעטלער, האָט זיך איינגעשניטן דעם האַלדז מיט אַ ראַ־זיר־מעסערל. די שיף זינקט. דאָס וואַסער וועט באַלד פאַרפּלייצן דעם אויבערשטן דעק. דעמאָלט האָט אַבראַשקע אַראָפּגעוואָרפן די שיך, גע־נומען אַראָפּלאָזן זיך מיטן לייטערל.

— ווהין? — האָט מען געשריגן — וועסט דערטרונקען ווערן.

דאָס קאַלטע וואַסער האָט אים אַ ברי געטון. ער איז נישט געשווו־מען גיך. ביים וואַסער־געווירבל, באַדעקט מיט שוים, האָט ער געמיינט, אַז ס׳איז שוין נישט טיף. געפּרוווט אַראָפּשטעלן אַ פוס. ער האָט זיך אָבער אַרויסגעריסן, אָנגעכאַפּט זיך אין אַ שווימענדיקער ברעט. פיל זענען גע־שווומען פאַר אים און הינטער אים. פּאָליציי־שיפלעך האָבן זיי נאָכגע־יאָגט. פאַר זיין צעשטרייטן בליק האָט ער געזען, ווי דאָס שיפל האָט זיך איינגעבויגן אין אַ זייט. אַ מעכטיקער אויפרייס. עס פליען ברעטער. אין האַרצן געזעגנט ער זיך מיט אַלעם. פּלוצים דערפילט ער אַז ער הייבט זיך אויף, ביז ער איז שטיינגעבליבן, אַ וואַקל געטון זיך און אַוועקגעפאַלן אויפן זאַמד. באַלד אויפגעריסן זיך און גענומען שפּאַנען אַהין, ווו עס פינטלט דאָס פייערל. פון ווייטן האָט ער נאָך געזען ווי די מאַסטן פון שיפל זינקען. ס׳שמעקט מיט רויך, מיט געזאַלצענע ים־ריחות. און ס׳איז אים פּלוצים אַ שאָד געוועזן. דאָרט, אויפן שיפל, איז דאָך געפּראַוועט געוואָרן אַ חתונה. אין דער קליינער קאַיוטע איז געקומען אויף דער וועלט אַ ניי־גע־בוירן עופהלע. די מיידלעך האָבן געהאַט אָנגעריסן וויקעלעך, ווינדעלעך, געגרייט יאַקעלעך פאַר דער טאָכטער פון שיפל. ס׳איז געווען אין איינער פון די לעצטע נעכט, ווען דער צפון־ווינט בלאָזט שאַרף. דאָרט איז אַ

קליין מיידל, מאָדנע ענלעך צו עסטושיאַן, אויסגעגאַנגען אין היץ, און איר קבר איז — דער ים. לעבן אים האָבן די ים־כוואַליעס אַרויסגעוואָרפן אַ טויטן גוף, איינער פון דער הכשרה אין באַלקווו, היינטער לאַדזש.

פון הינטער די פעלזן האָט ער געזען, ווי מען ציט דאָרט אין אַ קייט, באַרג־אַרויף, מיט שווערע, מידע טריט. און פּלוצים האָט איינער זיך אָפּגעשטעלט, געוואָרפן זיך צו דר׳ערד און געוויינט: „די ערד פון מיין לאַנד וועל איך קושן... די ערד פון אייערע טריט, מיינע ברידער״... די סאָלדאַטן האָבן זיי דאָרט געיאָגט אַלץ ווייטער. פון ביידע זייטן זענען געווען צעשטעלט קיבוץ־לייט. זיי זענען דאָ געווען פאַרשטעקט אין שאָטן פון די פעלדזן. וווהין מען פירט זיי — האָט מען נישט געזאָגט. די, וואָס האָבן נישט געוואָלט אויפשטיין, האָבן די סאָלדאַטן געשלעפּט מיט כוח, געשלאָגן מיט שטעקנס, אַריינגעוואָרפן זיי ווי אַ פּעקל שמאַטעס אין אַ לאַסט־אויטאָ. איינעם האָבן זיי מיט אַ תליה־שטריק געשלעפּט איבער דער ערד. אַ יינגעלע פון אַ יאָר 6 האָט געוויינט, געשריגן, אַז ס׳האָט געשניטן ביים האַרץ. אַ מיידעלע פון אַ יאָר 4 האָט געזוכט דער מאַמען, וואָס איז דערטרונקען געוואָרן. אַבראַשקע איז געבליבן צווישן די, וואָס האָבן זיך פאַרבאַריקאַדירט הינטער אַ פעלדז.

קאַפּיטל 14

# אין גלות - אַריין

מ׳האָט דער קליינער עסטושיאַן דעמאָלט קוים אָפּגעפונען און צוריק־געבראַכט זי אין קינדער־הויז, אין אַטוואַצק. ווי זי וואָלט נאָך אַמאָל פאַר־יתומט געוואָרן. די אויפזעערין פון די אָפּגעראַטעוועטע קינדער, חברטע פאָלע, האָט געטראָגן אַ גרויסע מוטערלעכע זאָרג פאַר זיי, ביז די קינדער זענען אונטערגעוואַקסן, זיך צעפלויגן פון דער וואַרעמער נעסט. זי האָט שוין אַלץ געוווסט, מער גאַרנישט איבערגעפרעגט; אַריינגעלייגט דער קליי־נער אין בעט, געוואַכט איבער איר. זי האָט געפיבערט אין היץ. ביינאַכט איז זי אַליין אַראָפּ איינדעקן זי, צוגעלייגט אַ וואַרעמע האַנט צום שטערן און געפילט, ווי זי בריט, די קליינע. ווען עסטושיאַ האָט זיך אַביסל געבעט־טערט,האָט מען זי אַראָפּגעפירט אין הויף. זי האָט זיך אַראָפּגעלאָזן אויפן זעלבן טרעפּל, ווו אַבראַשקע איז דעמאָלט געקומען צוזעצן זיך לעבן איר. אַ בלייכע, ווי אַ קעלער־פלאַנץ, האָט זי געקוקט ווי דורך אַ פאַרנעפּלטער שויב אויף די קינדער, אַרומטומלען אין גרויסן הויף. לעבן איר האָט זיך אַראָפּגעלאָזן די חברטע פאָלע. אַרומגעקוקט זיך פאַרזיכטיק, האָט זי שטיל געלאָזן פאַלן, גלעטנדיק עסטושיאַס שאַטינע, בלאָנדלעכע האָר, וואָס זענען שיטערלעך געוואָרן בעת איר קראַנק זיין.

— עסטושיאַ, כ׳ווייס... — האָט זי גערעדט צו דער קליינער — וועסט נאָך פאָרן צו אַבראַשקען, אָבער — קום אַביסל צו די כוחות. ביסט נאָך אַ קינד...

האָט זי גאָרנישט מער געזאָגט, די קליינע, נאָר אַ טרער האָט זיך אַ זילבער געטון אויף איר דורכזיכטיקער וויִע, נאָכן לאַנגן שווייגן.

זי האָט דערנאָך געוווינט אין דער שילער־„בורסע", אין וואַרשע, פאַרענדיקט די גימנאַזיע, שפּעטער, אין דער הויכשול, אפילו אויסגעמישט זיך מיט דער פּוילישער יוגנט; האָט אויסגעזען צו פאַרגעסן זיך. אין דער פרייער צייט איז זיך די יידישע יוגנט צוזאַמענגעקומען אין קלוב „באַבעל" (בבל), אין יידישן הויז אויף דער נאַוואָגראָדזקע. אָט איז זי אפילו פאַר־פלאָמט געווען צווישן צוזאַמענגעפּלויגענעם יונגוואָרג בעתן יוגנט־פעסטי־וואַל אין יענעם זומער אין וואַרשע. פונקט ווי פריער חברטע פאַלע, אַזוי איז זי איצט געווען אונטער דער אַפּוטרופּסות פון חבר סרוליק. ס׳איז אים עפּעס אַ רחמנות געווען אויף אָט די קינדער. זי איז אונטערגעוואַקסן, אַ געשטאַלטיקע, אַ וווקסיקע, מיט יידישן חן; אָבער פאַר די אויגן איז אים נאָך אַלץ געשטאַנען דאָס קליינע, צעשראָקענע חיחלע, וואָס זי איז דעמאָלט געווען אין אָטוואָצקער קינדער־הויז. ווי פאַרפלאָמט זי איז געווען בעתן אינטערנאַציאָנאַלן יוגנט־פעסטיוואַל, צווישן די פאַרביקע קאַרנאַוואַל־פייערן, אין יונגן רויש, וואָס האָט אָנגעפילט די שטאָט.

ווי ער וואָלט נאָך אַלץ זיך געפילט פאַרשולדיקט קעגנאיבער אַבראַש־קען, האָט איצט סרוליק ס׳מיידעלע עסטושיאַ גענומען אונטער זיינע פליגל. די קליינע האָט אויך באַלד דערפילט דעם מאָדנעם אומרו אין זיין געמיט; חבר סרוליק האָט כסדר אָראָפּגענומען און אַרויפגעזעצט די ברילן; זי האָט דערקענט דעם אומרו אין דינעם אָדערל, וואָס האָט געקלאַפּט אויף זיינע פאַרגרויטע שלייפן. זי איז, ווי אַלעמאָל, געווען פילבאַר אויף אַ ליאַדע ווינטעלע; האָט געזען, ווי זיינע הענט, האָבן נאָך אַלץ אונטערגעציטערט. די פאָנפאָרן איבער דער שטאָט האָבן געשאַלט, גערופן. די פייערן פון יוגנט־פעסטיוואַל האָבן זיך געצונדן אין אַלע עקן שטאָט, אַרום די ווייסל־ברעגן. זי איז צוריקגעלאָפן צו די דעלעגאַציעס, האָט אויסגעזען צו פאַר־געסן זיך.

— ווייסט — איז זי אַנומלט געקומען צו אים און אָנגעפלאַפּלט — צווישן די דעלעגאַציעס האָב איך אַנטדעקט... יידן... צווישן די פראַנצויזן, דענער, ענגלענדער, בראַזיליאַנער...

— און צווישן די נעגערס און אינדאָכינעזער ?... — האָט ער געפּרוווט זיך צו וויצלען.

— כ׳ווייס שוין אַליין נישט. נאָך גוט, וואָס די פּוילישע חברים ווייסן נישט... אַלץ...

— זיי ווייסן, קליינע, זיי ווייסן. זיי דערשמעקן עס ווי די שפּיר־הינט...

— האָט ער זיך געוואָלט אַרויסכאַפּן, נאָר ער האָט עס איר נישט געזאָגט דעמאָלט.

וואָס האָבן מיר דען — האָט ער קיל באַטראַכט — בכלל איבער־געגעבן פון אונזער וועלט די אונטערגעוואַקסענע קינדער? מ׳האָט דאָס קליינע מיידעלע איינמאָל צוריקגעבערענגט פון אַ פויער אין דאָרף, אַ קליין, ווילד־צעשראָקן חיהלע. זי האָט געשריגן ביינאַכט פון שלאָף. ביים פויער איז זי געשלאָפן אין אַ ברייט, סקריפּענדיק בעט. כאָטש די פויערטע איז גוט געווען צו איר, האָט זי יעדן זונטיק אין דער פרי אויסגעבונדן מיט אַ ווייסן שלייף די העלע הערעלעך און זי געפירט ביי אַ הענטל אין דער קליינער קירכע אויפן בערגל. דערנאָך — דאָס קינדער־הויז אין אָטוואָצק... אַבראַשקע... וואָס קען מען דען דערציילן דאָס הירשעלע אין זאַאָלאָגישן גאָרטן, געבוירן צווישן קינסטלעכע פעלזן, בעטאָנענע באַסיינען, ווי אַזוי מ׳האָט זיינע אָפּשטאַמיקע איינמאָל אַריבערגעבראַנגט אַהער פון פרייען, ווילדן דזשונגל? דער הימל איבערן קאָפּ איז — דיינער, דער קלאַנג פון דער מעלאָדישער שפּראַך — דיינער. ס׳וועט אָבער קומען אַ טאָג, ווען וועסט זיך אַליין אַ פרעג געבן: פון וואַנען שטאַמען מיינע עלטער־זיידעס? וואָס פאַראַ קולטור האָבן זיי מיט זיך געטראָגן? אַ יינג קינד, כאָטש זי האָט דוכט זיך געהאָט אַ „נישט־טיפּישן" אויסזען.

מ׳וויס נישט ווי די פּאָר יאָר זענען איבערגעלאָפן, אין טומל, אין רעש, אין נייע אילוזיעס.

ס׳איז געווען באַלד דערנאָך, ווי מ׳האָט דעם חבר סרוליק אין יענעם מיטן הייסן יוני 1967 — דער יוני פון דער 6־טאָגיקער מלחמה — פּלוצים אַרויסגערופן אין צ. ק. פון דער פּאַרטיי, און ער איז געשטאַנען פּאַר זיי, אַ קלענער געוואָרענער, און ער האָט אויסגעהערט איבער זיך די שטעכיקע ריידעלעך זייערע: „אונזער אויסערן־פּאָליטיק קען נישט געפירט ווערן באַזונדער, אויף נאָוואָגראָדזקע"... (ס׳הייסט אין יידישן קולטור־געזעל־שאַפטלעכן פאַרבאַנד). ער האָט זיך דערפילט ווי אַן אָפּגעשמיסן יינגל; האָט מער נישט געהאַט נאָכוואָס אויפצומאַכן ס׳מויל; ער, וואָס האָט אַמאָל געוואַגט אויפצומאַכן ס׳מויל צו די פאַשיסטישע ריכטער און פּראָקוראָרן, ווען ער איז געשטאַנען אין שאָטן פון קאַרטוז־בערעזע, פון יאָרן תפיסה. ער איז אַוועק אַ פאַשעמטער, באַדאַכט, דאָס קעלנערל אויפגעשטעלט.

ער האָט זיך פּלוצים דערזען צוזאַמען אויך מיט די לעצטע, פאַר־מאַסקירטע יידן, ווי זיי קערן זיך אום, פאַרשפּילטע, פון דער גרויסער שלאַכט, מיט גרויע, געזונקענע קעפּ, אויסגעלאָשענע. אַזאַ צוזאַמענבברוך פון שיטות, אידעאָלאָגיעס, האָט דער טייוול אַליין נישט געקענט צוטראַכטן. דער נייער מענטש ביי דער מאַכט, —האָט ער זיך דערטראַכט — איז — פּאָליטישע פּראָסטיטואירונג; דער מאַקיאַוועליזם זעט היינט אויס אין אונזערע אויגן — נאַיוו, נאָכן אוישוויץ גענאָסיד, נאָכן קולטור־נאַציאָנאַלן גענאָסיד — די העכסטע פּערפעקציע פון כיטרער היפּאָקריזיע. אין די אויגן פון די לעצטע צעשראָקענע יידן — אַנגסט. זענען זיי דען נישט אַלע געווען געוואַגט, סוף צוואַנציקער יאָרן, איבערצולאָזן די ליבע יידישע פּראָווינץ, די אָרעמע צעבראָכענע היימען, צו קומען וואַלגערן זיך, פאַרפאַלגטע, אין די

גרויסע שטעט, צו דערפילן מיטן אָנגעשפּיצטן פּאָליטישן חוש־הריח דעם פּאַרסמטן ווינט פון אומקום, וואָס דערנענטערט זיך; דער ווינט, וואָס האָט דערנאָך אַלץ פּאַרלענדט. אַצינד זענען זיי געווען געעלטערטע, מיט הויכע יידישע פּלייצעס, צעבראָכענע לייט.

צו וועמען האָט ער געקענט לויפן? אפילו חבר מיכאל, דער אומ־בויגזאַמער חבר מיכאל, האָט זיך אַרומגעדרייט מיט אַ געזונקענעם קאָפּ. ער האָט איצט געשוויגן אַ שווער שוויגן. די מענטשן פון דאָזיקן שניט האָבן זיך נאָך אַלץ נישט געקענט שענקען — דאַיקייט... קעמפן אויפן אָרט... ס׳הייסט, נאַציאָנאַל־קולטורעלע אויטאָנאָמיע, אַן אויסגעבאָרגטע ביים „בונד”. אַצינד איז אַלץ געווען פּאַרענדיקט. ווי אַזוי — האָט זיך סרוליק דערמאָנט — זענען מיר דעמאָלט נישט פּאַרברענט געוואָרן פון חרפּה, ווען מיר האָבן פון וואַלד געשיקט אַ מעסאַזש, מ׳זאָל זען אָראָפּוואַרפן אַביסל געוועהר אויך פאַר די יידישע פּאַרטיזאַנער? און פּאָנאַמאַרענקאָ, דער כאַמישער מושל, האָט זיך אויסגעלאַכט. ער איז זיך דאָרט געזעסן אין דער וואַרעם, אין מאָסקווע. צי איז עס שוין דעמאָלט נישט געווען אַ טויט־אורטייל קעגן אונז אַלעמען? ס׳הייסט, אייערע יידן מעג מען מאָרדן... אַ בראָך צו אונז, ווער ס׳זענען געווען אונזערע שותפים אין קאַמף. אויך דער האַס פון די פּאָנאַמאַרענקאָס קעגן ישראל, אין ביטערן אָפּוועהר־קאַמף, אין פּאַרטיידיקן זיך, איז — ווי אַזוי וואַגן די יידעלעך אונז נישט צו פרעגן?...

ערשט ווי לאַנג, אַז זיי זענען נאָך געזעסן, ער און חבר מיכאל, אויפן לעצטן קולטור־צוזאַמענפאַר אין וורָאצלאַוו, און סרוליק האָט זיך אַזוי אָנגערופן צו אים, אין ביטערן שפּאַס:

— ווי געפעלט דיר עפּעס — האָט ער ביי אים אַ פרעג געטון — דער קאָנגרעס?

— אַזוי... פּאַרוואָס פרעגסטו פלוצים?

— כ׳פרעג... ווייל ס׳איז נישט איין קאָנגרעס, נאָר צוויי קאָנגרעסן פּאַראַמאָל...

— ס׳הייסט?

— ס׳איז דער ערשטער און לעצטער קאָנגרעס... — האָט ער, אין ביטערן שמייכל, אַ וואָרף געטון די בלייכע, אומעטיקע הענט — פּילסט גאָרנישט אַרום זיך די פּאַרסמטע לופט?

ס׳איז געווען איינער פון די לעצטע קולטור־צוזאַמענפאָרן, וואָס איז פּאַררופן געוואָרן אין דער צוריק־דעראָבעטער, אַלט־פּוילישער שטאָט, אין וורָאצלאַוו. די שטאָט איז נאָך דעמאָלט געווען האַלב־חרוב. דאָ האָבן זיך אָפּגעשפּילט די לעצטע שלאַכטן מיטן נאַצי; אָבער די גרויסע אָפּעראַ־געביידע קעגנאיבער האָטעל „מאָנאָפּאָל”, איז שטיינגעבליבן נישט גערירט. מ׳האָט זי געהאַלטן אין מיטן רעסטאַווּרירן. ס׳זענען נאָך שטיינגעבליבן אויפן פראָנטאָל, אויף די זיילן, די ביוסטן פון די דייטשע קלאַסיקער, פון ליטעראַטור און מוזיק — געטע, שילער, בעטהאָווען.

ניין, ס׳איז נישט געווען קיין שאָדנפרייד אין סרוליקס ביטערן שמייכל

און אין זיין אַנטשלאָסענעם בליק אויף מיכאַלן, דעם פאַרביסענעם פאַר־טייער. זיי האָבן איצט ביידע אויסגעזען, ווי צוויי אַלטע יידן מיט הויכע פּלייצעס.

— אין אונזערע צייטן — האָט נאָך חבר סרוליק צולעצט געזאָגט, אומעטיקלעך, אָבער אָן שום מורא, ס'איז אים שוין אַלצאיינס געווען — גלויבט מען מער נישט אין נאַטירלעכן טויט... מען צעשיסט, מען פאַרט איבער צום טויט, און ס'הייסט כלומרשט — זעלבסטמאָרד... אַ קאַטאַסט־ראָפע...

און חבר מיכאַל האָט אַלץ געשוויגן זיין שווער שוויגן. אָבער חבר סרוליק האָט, ווי אויף להכעיס, אַריינגערעדט אין אים:

— אונזער גענעראַציע וועט מסתמא אין די געשיכטע־ביכער פאַר־צייכנט ווערן ווי דער דור פון נאַיווע, אָפּגענאַרטע, פאַרראַטענע, וואָס האָבן מיט די אייגענע אויגן געזען, ווי די רעוואָלוציע איז דערשטיקט געוואָרן דורך דער קאָנטער־רעוואָלוציע און — זענען בלינד געווען... שוין זענען מיר אין די קליינע, פאַרשוואונדענע יידישע שטעט און שטעטלעך, צווישן יונגן דור פּאַליאַקן — פּרעהיסטאָריע...

ער האָט דאַסמאָל געוואָגט קעגנאיבער מיכאַלן, צו אַנטפּלעקן אַלץ, וואָס איז געלעגן אויפן דעק פון זיין נשמה; און יענער האָט זיך אָפּגעקערט שווייגנדיק, איינגעצויגן, ווי אַ שלימאַק אין זיין מושל. קיין שום טרייסט איז מער נישט געווען. ער האָט זיך דערמאָנט, סרוליק, אַז פאַר די אָרעמע שול־קינדער, אין דער אונטערגעגאַנגענער היים, האָט ער נאָך דאָרט אַמאָל גיכער געקענט געפינען אַ טרייסט־וואָרט, אָבער נישט — פאַר די דער־שראָקענע יידן פון די פּראָווינצער פּראָדוציר־קאָאָפּעראַטיוון. זיי זענען, צעטומלטע, געקומען אַנצולויפן הינטער די טירן פון „פאַרבאַנד" און אָנדערציילט וועגן חורבן, ווי די פּוילישע חברים וואַרפן זיי אַרויס פון דער אַרבעט; זענען דאָך די קאָאָפּעראַטיוון אויפגעבויט געוואָרן מיט יידי־שע הענט און יידישע געלטער, געשיקט פון אויסלענדישע יידישע אינסטי־טוציעס. פונקט ווי ער האָט נישט געקענט געפינען קיין טרייסט־וואָרט פאַר אַבראַשקען, וואָס ער אַליין האָט אים געשיקט צו די פּאַרטיזאַנער. דאָס יינגל האָט זיך אָבער דעמאָלט אַרומגעדרייט אַ פאַרטייעטער, פריילעך, שטיפעריש, אויסגעלאַכט זיך פון אים מיט אַלע זיינע הויכע פראַזן. וואָס פאַראַ אינסטינקט, פרעגט זיך, האָט אים געטראָגן? צי האָט ער דען נישט געפילט, ווי דאָס יינגל האָט שטיל געלאַכט אַ שטיל געלעכטער פון אים? אַזוי האָט זיך באַקומען מיטן אונטערגעוואַקסענעם יונגוואַרג. גורל־שפּורן פון זייער יידישן רעוואָלט, זייער יידישע צעטומלטקייט, אָבער ער האָט עפּעס מער נישט פאַרמאָגט מיט זיי דאָס געמיינזאַמע לשון. און ס'געמיט איז אים שווער געווען, זייער שווער. מיר בויען נאָך אַלץ אויפן זאַמד. מיר האָבן זיך איבערגעגעסן מיט פלאַכע באַנקעט־און קאָנפערענץ־רעדעס. מיר זענען זייער ראַפינירט און — נאַיוו־לייכטגלויביק. מיר שטייען נאָך אַלץ הכנעהדיק, מיט דער אַלטער יידישער שתדלנות, די פּלייצע געהויקערט.

דער קאָפּ — געבויגן, און בעטלען אויס אַ שטיקל פּריווילעגיעלע, מ׳זאָל אונדז לאָזן לעבן. מ׳לאָזט אונדז אָבער נישט לעבן און מ׳לאָזט אונדז נישט פאַרשווינדן. מיר זענען מיד פון די נייע יידן־לייזונגען, אָבער ס׳וועט אונדז, זעט אויס, נישט מיידן. ווער וועט היינט וואַגן צו זאָגן, אַז מיר זענען נישט — פאָלק?

מ׳איז זיך נאָך אין יענעם זומער 1967 צונויפגעפאָרן אויף דער „ליניע", אין שרודבאָרוו. דער חבר סרוליק האָט זיך דאָרט אַרומגעדרייט אַן אומרואיקער, כאָטש ער איז געגאַנגען מיט אַ לאַנגזאַמען, באַטראַכטן שריט, מיט אַ שטרויעלע אין מויל, אויף אַ זייטיקער סטעזשקע. דאָ, אין שטילן דאַטשע־שטעטל, וואָס איז אַמאָל פול געווען מיט יידן, צווישן די סאָסנע־וועלדער, איז מען ביז שפּעט אָפּגעזעסן הינטער די פענצטער פונם הויז. אין די מורמלערייען פון די יידן איז געווען גרויסע זאָרג. וויפל בענקשאַפטן האָבן זיי געוואָרגן! ווער קען עס דען וויסן, ווי סרוליק? מיר בענקען נאָך דער מיטעלער פּראָווינץ־שטאָט ביים בוג, צום אַרומ־געבראָכענעם סקווערל, אין שיין פון דער פולער לבנה. מיר זענען קראַנק פון בענקשאַפטן. די שיינע זומערדיקע נעכט אונטער די פוילישע הימלען, זענען אונדזער גרעסטע בענקשאַפט.

אין בלויען, שמעקנדיקן אָוונט האָט ער זיך לאַנג צוגעהערט צו די הייסע, געפּליסטערטע רייד פון די איבערגעשראָקענע יידן. פאַר די אויגן איז אים געשטאַנען דאָס בלייכע מיידעלע, עסטושיאַ און — אַבראַשקע. קינדער. זיי האָבן אפשר גיכער ווי מיר אינסטינקטיוו דערפילט באַצייטנס דעם אומרו, וואָס טראָגט זיי. אַבראַשקע האָט זי דאָ איינמאָל אָנגענומען ביי אַ הענטל, געפירט און — נישט דערפירט. איצט האָט ער עס פאַר זיך אַליין מודה געווען — אַ שאָד, וואָס ער האָט זי נישט דערפירט. און ס׳איז אים עפּעס מיטאַמאָל אַ שאָד געווען איבערצולאָזן זי אויף דער פאַרברענטער ערד, אין פוילן, ווייל אים איז שוין קלאָר געווען, אַז אַלע וועלן מיר מוזן אַוועק, פאַרשווינדן.

אַצינד האָט מען געמוזט אַוועק, פאַרלאָזן אויף שטענדיק דאָס היימ־לאַנד. ער האָט זיך צוזאַמען מיט זיי אַלעמען פאַרשיפט, איז מיטגעגאַנגען מיט זיי אין גלות אַריין. ער האָט זיך געפילט שטאַרק פאַרשולדיקט, סרוליק, קעגנאיבערן יונגוואַרג, ווי ער האָט זיך דעמאָלט געפילט פאַרשולדיקט קעגנאיבער אַבראַשקען, איידער ער איז צום לעצטן מאָל פאַרשוווּנדן. אין אַבראַשקען, האָט זיך אַרויסגעוויזן, האָט געלעבט אַ וואַכער אינסטינקט. דאָס איז זיכער. אָבער וואָס זענען די קינדער פון קלוב „באַבעל", געבוירן נאָך דער מלחמה, שולדיק?

ער האָט זיך אויפן קורצן דורכפאָר מיט דער שיף צו די דענישע ברעגן, צוגעקוקט צו זיי. זיי האָבן אויסגעזען צו פאַרגעסן זיך, פאַרווילט זיך אויפן אויבערדעק, אפילו געטאַנצט, צו דער מוזיק פון פּאַטעפאָן. ער האָט זיך שאַרף איינגעקוקט אינם שטאָלטנע יינגל, אין וואָלאַדעקן, און ער האָט אים מאָדנע דערמאָנט אין... אַבראַשקען. אַזוי, מיטן שגעצעוואַטן

שויבערל, איז פּלוצים קענטיק געווען אין אים דער ווייטער אָפּשטאַם פון זיינע אבות. אין פריערדיקן ביאַלאַגישן גלגול זענען מסתמא, אין יענע קליינע, פאַרלוירענע ווייסרוסישע יידישע שטעטלעך, געווען — רבנים, פּרנסים, שתדלנים; און אפשר האָבן זיינע אבות, אַמאָל, אין די פאַרלוי־רענע יאָרהונדערטער, פאַרבלאָנדזשעט אַהער אין מדינת פּוילן, פון די גולי־ספרד? אַ ווייטע שייכות איז עפּעס געווען אינם שלאַנקן יינגל מיט די בלאָנדלעך־שאַטיגע האָר פון זיין עקשנותדיק שויבערל איבערן נידעריקן, אָוואַלן שטערן פון אַ תלמיד־חכם, מיט דער דיקלעכער נאָז, אויף וועלכער ס'האָבן גערוט אַ פּאָר שפּאַקולן, מיט זומער־שפּרענקעלעך באַזעצט פול דאָס פּנים.

און באַלד דערלעבן — דאָס בלאָנדלעכע מיידל מיטן מאַטן פּנימל, מיט די לויכטנדיקע אויגן, טיפּיש יידיש, עסטושיאַ...

ס'איז געווען אַ קליין־טאָנאַזשיק שיפל, מיט אַ שמאָלן אויבערדעק. די גאָרדישע שטערן איבערן באַלטיק האָבן זיך געלאָשן ווי קליינע פונ־קען, אין אָנפאַלנדיקן נעפּל. ס'האָט געצויגן אַ קיל ווינטל, כאָטש ס'איז נאָך געווען אין די לאַנגע, ליכטיקע נעכט פון מיטן יוני. ער האָט פּלוצים געהאַט אַ פאַרלאַנג עפּעס אַ פרעג צו טון ביים קליינעם, אומעטיקן מיידל, וואָס האָט זיך געהאַלטן אין אַ זייט, נישט אויסגעמישט זיך מיטן פריילעכן יוגנטלעכן געזעמל אין באַר פון צווישנדעק. דאָס האָט נאָך אַלץ גערעדט אין אים דער פאָלקס־לערער פון די העראָישע, אידעאישע, אונטערגעגאַנ־גענע יידישע שולן אין ווייטן, ווייטן אַמאָל.

— אָט די רייזע אין גלות אַריין, ווייסטו, עסטושיאַ, דערמאָנט מיר עפּעס זייער אַ סך פון די טרויעריקע וואַנדלונגען אין אונזער יידישער געשיכטע.

זי האָט לאַנג געשוויגן, די קליינע, דערנאָך האָט זי אויפגעהויבן דעם אומעטיקן בליק:

— אייער לאַנגע יידישע געשיכטע... — האָט זי, דאַכט זיך, אַ לאַך געטון — כ'פיל אין זיך ווי אַ צעשפּאַלטן לעבן, אויף צוויי פלאַכן — די היים, וואָס ליגט שוין ווייט הינטער אונז, און אָט די שיף, וואָס פירט אונז אַוועק ערגעצווו, צו אַ ניי לעבן, אָבער נישט מיין לעבן. ווען מ'זאָגט מיר פריער, אַז כ'וועל אַוועק... מיר זענען פונדעסטוועגן פאַרבונדן מיט דער קולטור, מיטן לעבן, מיט דער געשיכטע פון פּוילן. „אַנדערשקייט"... איבעריקנס, צי קען מען זיך דען אויסוויילן די עלטערן?...

— באַדויערסטו עס נישט, עסטושיאַ?

— אָ, ניין! דער זיג פון ישראל אין דער 6־טאָגיקער מלחמה... שטאַם איך דאָך פון יידן. און אפשר... כ'האָב זיך ערשט נאָך אַמאָל דער־ווּסט, אַז כ'בין אַן אַנדערע. מ'האָט מיר געזאָגט, אַז דערפאַר קען איך מער נישט בלייבן אין דער הויכשול. דאָס איז ראַסיזם! מיט וואָס זענען זיי דען אַנדערש, ווי די היטלעריסטן? נאָך אַזויפיל קרבנות, האָבן מיר, הייסט עס, נישט קיין שום גאַראַנטיע, אַז ס'קען זיך נאָך אַמאָל איבערחזרן.

כ׳באַדויער נישט, וואָס כ׳האָב אַ קלאַפּ געטון מיט דער טיר, אַוועק, אויף שטענדיק אַוועק...

זיי האָבן עס אָבער בשום אופן נישט אָנערקענט, די, וואָס האָבן זיך אָפּגעריסן פון דער היימישער ערד. אַ בלאָנדער בחור האָט דאָרט אין דער מיט געפּאַכעט מיט דער פויסט:

— מיר זענען עמיגראַנטן, אָבער אַקצעפּטירן נישט דעם פונאַנדער־טייל אויף לאַנד און — עמיגראַציע. מיר זענען עמיגראַנטן, ווי די אַלע, וואָס באַטראַכטן ווי אַ פרעמדן דעם איצטיקן רעזשים. מיר טיילן דעם גורל מיט דער מערהייט פון דער געזעלשאַפט, וואָס אַנערקענען נישט די פּאָליטישע ווירקלעכקייט אין פּוילן, און האָבן אין חודש מערץ געשטעלט אַן אַקטיוון ווידערשטאַנד אין די אוניווערסיטעטן. פון אַזאַ דעפיניציע פון עמיגראַציע, דרינגט אַרויס דער רוף פון אַן אַקטיווער אָפּאָזיציע. מיר אַקצעפּטירן נישט די לאָזונג: „אַליץ, אָדער גאָרנישט״...

הבר סרוליק האָט פון דער זייט באַטראַכט דאָס מיידעלע עסטושיאַ. דאָס קליינע פּאַסמעלע אויף איר איידעלן נאַקן האָט געווייעט אין ווינט; זי איז געשטאַנען ביים באָרט, אַ בלייכע, אַן אויסגעליטענע. איר פאַר־שווומענער בליק האָט געבלאָנדזשעט ערגעץ צו די ווייטע, אומבאַקאַנטע ברעגן.

## קאַפּיטל 15

# די אונטערגעגאַנגענע „פּוילישע וועלט״

אויך דעם פּאַרביסענעם חבר מיכאַל האָט מען לסוף אין יענע טעג זייער דיסקרעט „באַפריים״ פון זיינע אַמטן. ס׳האָבן נישט געהאָלפן אַלע זיינע גרויסע „פאַרדינסטן״. נאָך סרוליקס פּאַרלאָזן דאָס לאַנד, „מיט אַ קלאַפּ אין דער טיר״, איז ער אַרומגעגאַנגען, דעם קאָפּ אַריינגעצויגן אין די שמאָלע אַקסלען, געשפּאַנט טעג־לאַנג אַרויף און אַראָפּ איבער די צי־מערן אין רעסטאָוורירטן פּאַרטיי־הויז, פאַרטון אין אויסטערלישע מחשבות. ער איז נישט זיכער געווען, צי מען וועט אים פון דאָרט נישט אַ ליאַדע טאָג אַרויסוואַרפן. נאָך גוט כאַטש, וואָס לענאַ דאַווידאָוונאַ... איר האָט מען דערווייל פון פּאָסטן אין דער היסטאָרישער אַקאַדעמיע נישט אַראָפּגענומען. ווי אַזוי — האָט ער זיך צום ערשטן מאָל אַ פרעג־געטון — האָבן זיך אין אונזער צעריסן יידיש לעבן אויסגעשטאַלטיקט אַזעלכע מאָדנע קעגנזאַצן, ווי ער און לענאַ?

ס׳איז מסתמא פריער אויך נישט געווען אַזאַ גליקלעך צוזאַמענלעבן צווישן זיי. די פּאַרטיי, די יאָרן אומלעגאַליטעט, האָבן אָפּט צוזאַמענגעפירט

מענטשן — עקסטרעמען, זייער ווייט לויט זייער אינדיווידואַליטעט און כאַראַקטער. ס׳איז קיינמאָל קיין צייט נישט געווען אפילו אַ טראַכט צו טון, געוויינלעך — אין אייביקן רויש פון פּאַרטיי־אַקטיוויטעטן, זיצונגען, פאַר־זאַמלונגען. אויך אין די אָוונטן איז זעלטן ווען אויסגעקומען צו זיצן גע־מיטלעך ביים טיש מיטן ייִנגל אַלע צוזאַמען. זיי האָבן זיך גאַרנישט מער געהאַט וואָס צו זאָגן, ער און לענאַ דאַווידאָוונאַ, טאַקע, וואָס האָט זיי נאָך אַצינד פאַרבונדן? ער האָט אפשר געהערט צו די, מיכאַל, וואָס זענען אפילו מיטן אייגענעם ווייב נישט צופיל אינטים; בפרט — די מלחמה־יאָרן, די לאַנגע צעשיידונג. אין סך הכל איז אַ שטיק פון זייער־צוזאַמענלעבן געווען, הייסט עס, געוווינהייט, אָדער זעלבסט־אָפּנאַרעריי. דאָס אילוזאָ־רישע, איז ער איצט געקומען צום קילן אויספיר, איז גיכער — דער פאַרבלענדנדיקער טאָג־געוויש; די אמתע רעאַליטעט שטייט גאָר פאַר דיר, ווען ליגסט אָפּ נעכט און דער שלאָף קומט נישט צו דיר; ליגסט מיט פאַרמאַכטע אויגן און ס׳רעגט דיך אויף אַ יעדע קלענסטע דערמאָנונג — מענטשן, קאָנפליקטן, אינטריגעס. דאָס גרויע, שאַרפע ליכט פון טאָג האָט אים טאַקע אַצינד געשראָקן, ביז ס׳איז פאַרשוווּנדן צוזאַמען מיט די שאָטנס, ווי אַ מיסטעריע, וואָס לעשט זיך אויס מיטן פאַרלעשן די ליכטער אין די טעאַטער־קוליסן.

מ׳איז אין יענע טעג געזעסן פאַרשפּאַרט הינטער פאַרריגלטע טירן, הינטער טיף־אַרונטערגעלאָזענע ראָלעטן, און צוגעהערט זיך צו אַ ליאַדע געוויש פון דרויסן; מ׳האָט זיך אין די טיפע, שלאָפלאָזע נעכט געריכט אויף אַ פּלוצלונגן קלונג אין דער טיר. אַלץ האָט זיך געהאַט אויפגעלייזט אין דעם קינסטלעך־צונויפגעקלעפּטן משפחה־לעבן; אַלץ איז געווען טרויע־ריק־קלאָר, אַז די דאָגמעס, די שטאַרקע פראַזן, גאַרנישט אָפּצודינגען, זע־נען פאַרבליבן — בלאַסע, אָפּגעריבענע ווערטער, אָן שום דעקונג.

„מאין באת... — האָט ער זיך דערמאָנט אַ פּסוק פון אַן אַלטן יידישן ספר — ולאן אתה הולך?״... און ער האָט זיך געכאַפּט, מיט שטוינען, אַז דעם אַלטן בוים אין ראַג געדענקט ער שוין זייער לאַנג. ער איז דאָ מסתמא נאָך געווען אין יענע יאָרן, אין יענער רעאַליטעט, און — ער איז ווייטער. גאָט מיינער, וויפל וואַסערן, מלחמות, רציחות עס זענען איבער אונז אַריבער. און דער בוים שטייט נאָך אַלץ. ס׳זענען אוודאי צוגעקומען אַ פּאָר רינגען אין זיין שטאַם, ער איז זיך צעוואַקסן אין דער ברייט, אין דער הויך; די אַלטע, קלוגע נאַטור, וואָס איז קליגער פון אונז אַלעמען! אַלץ קוקט אויף אונז מיט ביטול. מ׳האָט אָבער באַצייטנס געוואָרנט, נאָר דער שכל, דער קריכער, האָט נישט געוואָלט נאָכגעבן. גיי שריי חי וקים. די נייע קאַדרן, ביי דער מאַכט, אין זייער פּחדנות, באַהאַלטן זיך הינטער פעסטע טירן, מיט היטערס, מיט וואַכן. ס׳איז נישט צוצוקומען צו זיי. און כאָטש מען ווייסט, אַז ס׳וועט זיך אַלץ ענדערן צום... ערגערן, וואַרט מען מיט אַ מאָדנעם ציטער און אומגעדולד אויפן סיורפּריז, אַבי אַרויס פון

דעם לאַנגוויילִיקן צושטאַנד. אַזוי זענען אַנטקעגנגעגאַנגען דעם בלינדן גורל, די לעצטע יידן אויף דער פוילישער ערד.

ער האָט זיך אויפגעהויבן אין דער פרי. גאָרנישט מער האָט געוואָרט אויף אים. אַ לאַנגער, אומענדלעכער טאָג. ער האָט זיך דערפילט ווי אַן אַרעסטאַנט, נאָך לאַנגע יאָרן טורמע. אָ, דעמאָלט איז אָבער געווען — ביטערער קאַמף, אויסדויער, צוליב — אַ זאַך. ער איז אַרויס אויפן פרימאָרגן־שפּאַציר. נישט באַגעגנט קיינעם; אָבער ער האָט געוווּסט, אַז אומזעבאַרע אויגן קוקן אים נאָך, שפּיאָנירן נאָך זיין יעדן קער.

ער האָט זיי כמעט אַלע טאָג געזען פון ווייטן אויפן קורצן פרימאָרגן־שפּאַציר, די אַמאָליקע הויכע דיגניטאַרן, יידן־אַפּשטאַמיקע, ווי זיי גייען מיטן קוישעלע איינקויפן אין מאַגאַזין. זיי קומען אַוועקשטעלן זיך אין דער „קאָלייקע״, צוזאַמען מיט אַלע גרויע בירגער. זיי מאַכן אויך יעדן אין דער פרי דעם זעלבן שפּאַציר־קרייז אַרום זעלבן קוואַרטאַל; זיי קרייזן אַרום, ווי צווישן די ווענט פון אַ תּפיסה. אין זייער הויז זענען טיר און פענצטער פאַרהעמערט. ס׳איז ווי די שטילקייט נאָך אַן אָפּגערוישט לעבן. אין אונטן איז אַ מורא אַרויסצוגיין אין דרויסן. אין גאַס, אַראָפּצו, וואַרט עפּעס אַ שוואַרצער אויטאָ מיט אויסגעלאָשענע פייערן. שפּיצלעס דרייען זיך אויפן ראָג. מען קען דאָ „צופעליק״ איבערגעפּאַרן ווערן... מ׳האָט שוין אַזוינס געזען! אָפּגעשלאָסן הינטער טיר און ריגל, ביי טיף־פאַרהאַנגענע פענצטער, כאַפּט מען אויף אין געהיים דעם ראַדיאָ „פריי אייראָפּע״ פון מינכען; כאָטש ס׳איז נישט זיכער, צי אין די ווענט פון הויז זענען אַמאָל נישט איינמאָנטירט קיין אונטערהער־אַפּאַראַטן. די פאָלקס־טראַדיציעס זייערע האָבן אָבער איבערגעלעבט אַלע געשיכטלעכע שטורעמס; די פוילישע טראַדיציעס, אפילו אין דער עמיגראַציע, וואָס זיי באַטראַכטן ווי אַ צייט־ווייליקע. ווייל זיי וועלן זיך נאָך צוריקקערן אין לאַנד אַריין, צו זיך. פונקט 12 דעם זייגער בייטאָג, איידער דער ספּיקער מעלדעט: „דאָ איז פרייע אייראָפּע״, דערטראָגט זיך, ווי געוויינלעך, אין ראַדיאָ־קעסטל דאָס ווייטע שאַלן פון יאַגד־האָרן אויפן אַלטן קראָקעווער קירכע־טורעם, די „וויעזשאַ מאַריאַצקאַ״; דאָס שאַלן פון יאַגד־האָרן ווערט אָבער ראַפּטום אָפּגעהאַקט, פונקט אין מאָמענט, ווען די טאַטאַרן־האָרדעס האָבן — אין די ווייטע יאָרהונדערטער — באַלאַגערט די הויכקייטן פון דער היסטאָרישער קעניגן־שטאָט. ס׳איז געשיכטע! דאָס פאָלק טאָר עס נישט פאַרגעסן!...

און — אונזער געשיכטע אויף דער פוילישער ערד? ס׳איז קלאָר — זאָגט ער זיך — מיר זענען ביים סוף פון אַן עפּאָכע. מיר גייען אַראָפּ פון דער אַרענע. וואָס האָבן מיר דען אויפגעטון? כאָטש אין משך פון קאַרגע 20 יאָר האָבן זיי אין פאָלקס־דעמאָקראַטישן פוילן געלעבט אין רחבות־דיקע דירות אין די רעסטאַווירטע הייזער, אויף נאָווי־שוויאַט, אין די יעראָזאָלימער אַלייען, אויף קראַקאָווסקיע פּשעדמיעשטשע. אַן אויטאָ האָט זיך יעדן פרימאָרגן אָפּגעשטעלט, געוואָרט ביי דער טיר. די העכערע קאַדרן! ווי אַזוי האָבן זיי נישט געפילט, ווי זיי ווערן אויפגעפרעסן פון

די קנאה־שניידנדיקע בליקן, פון די פאַלשע פוילישע שמייכעלעך? ביז — מ׳איז געקומען און אַוועקגענומען זיי אין תפיסה אַריין, זענען דורכגע־גאַנגען לאַנגע, ביטערע אויספאַרשונגען. זיי זענען געגאַנגען אין שפּאַן פון דער פוילישער טאָג־טעגלעכקייט, אין די הויכע אַמטן, אין די פּאַרטיי־קאַדרן, ביז גאָמולקאַס, ביז ווערבלאַנס כוליגאַניש־אַנטיסעמיטישע אויס־ברוכן וועגן דער „נאַציאָנאַלער רעגולירונג פון די קאַדרן״... ציוניסטן, 5־טע קאָלאָנע... הערט די ניבול־פּה פון אַ ווערבלאַן:

„דאָס צווישן מלחמהדיקע פוילן איז געווען אַ פיל־נאַציאָנאַלע מלוכה. 10 פּראָצענט יידן, האָבן זיי אָבער אין דער ק. פּ. פּ. פאַרגעשטעלט מיט זיך אַרום 26 פּראָצענט״...

צי זענען עס אָבער דען די ריכטיקע ציפערן? מינדעסטנס — 80 פּראָצענט יידן, אויב נישט מער! צופיל יידן? אפשר גאָר — צו ווייניק פּאָליאַקן?

און ווייטער: „אונטערן איינפלוס פון אָט די דערשיינונגען, איז אַריינ־געדרונגען דער פאַרפלאַכטער באַגעם פון אינטערנאַציאָנאַליזם, דאָס נישט דערשאַצן דאָס פאָלקישע (ד. ה. פוילישער „ציוניזם״)... בערמאַן, זאַמב־ראָווסקי, הילאַרי מינץ, אומקערנדיק זיך אין לאַנד אַריין, האָבן זיי אין זייערע קאָסמאָפּאָליטישע אָפּווייכונגען, נישט פאַרשטאַנען די אמתע נויטן פון פוילישן פאָלק. זיי האָבן באַזעצט מיט זייערע מענטשן די אָרגאַנען פון זיכערקייט, דעם צענטראַלן פּאַרטיי־אַפּאַראַט, די וואָיעוואָדישע קאָמיטעטן. קיין שום פאָלק וועט נישט טאָלערירן אַן איבערמאָסיקן אָנטייל פון אַ נאַ־ציאָנאַלער מינדערהייט ביי דער מאַכט, דער עיקר — אין די אָרגאַנען פון פאָלקס־פאַרטיידיקונג, זיכערקייט, פּראָפּאַגאַנדע, אויסערן־ענינים, דאָס אַוועקשטעלן אויף פאַראַנטוואָרטלעכע פּאָסטנס מענטשן פון יידישן אָפּ־שטאַם. דעם אָנטייל זייערן, ווי פוילישע בירגער, אין די רייען פון דער 1־טער פוילישער אַרמיי, איז געווען זייער בירגערלעכער חוב. (דאָ האָט ער נישט געוואָלט זען דעם פּראָצענטאַזש). דורך די פּריוויליגירטע פּאָזי־ציעס פון אָט דער עטנישער גרופּע, האָט זיך געלאָזן פילן אין אונזערע אינסטיטוציעס דער איינפלוס פון ציוניזם, דער עיקר נאָכן אַנטשטיין פון ישראל, מיטן ישראלדיקן עקספּאַנסיאָניזם לגבי די אַראַבישע לענדער, זייער פאַרבינדונג מיטן אַמעריקאַנער און מערב־דייטשן אימפּעריאַליזם. ס׳האָט געמוזט דערמאָנט ווערן די עלעמענטאַרע הנחה, אַז יעדער פוילישער בירגער קען האָבן נאָר איין פאָטערלאַנד — פאָלקס־פוילן. די מערסטע פון אָט די קאַדרן האָבן זיך אַרויסגעוויזן אידעאָלאָגיש־פרעמד, זענען דערנאָך לייכט אַריבער אויפן וועג פון רעוויזיאָניזם, אַנטי־סאָוויעטיזם. אַ סך שאָדן האָט געבראַכט די קאַדרן־פּאָליטיק דאָס קאָמופלירן דעם אָפּשטאַם זייערן. דאָס איז געווען אַ פּראָצעס פון פּאָליטישן רעגרעס, רעוויזיאָניזם, אָפּאָזיציע, ציוניזם״...

אפילו מיט די שכנים אינם רעסטאַווירטן פּאַרטיי־הויז האָט מען אַצינד אויך באַדאַרפט צו זיין אַביסל פאָרזיכטיקער; ווייניקער וואָרפן זיך

אין די אויגן, וויינעקער נויגן זיך מיט דער חניפהדיקער פוילישער עלע־גאַנץ און העפלעכקייט, גנעדיק דריקן די האַנט און קושן די האַנט ביי די פרויען. מ׳האָט זיך איצט סיי ווי אויסגעמיטן. די שוואַרצע דינסט־וואַגנס זענען, ווי פריער, באַלד אין דער פרי, פאַר ניין אַזייגער, פאַרפאָרן פאַרן הויז. ס׳איז אַראָפּ פון פערטן שטאָק דער אינזשיניער פון די שטאַטישע בויאונגען, זשדזשיסלאַוו זאַמיעטשקאָווסקי, די טעקע אונטערן אָרעם. ער איז געגאַנגען שטראַם, פּאַוואַליע, וויכטיק, חשיבותדיק, איינגעזעסן, אָפּ־געפּאָרן. פון זעלבן שטאָק, כמעט אַ טיר אין אַ טיר, איז אַרויס דער דיקער, סאַנגווינישער פונקציאָנאַר פון אינערן־מיניסטעריום, קאָספּושאַק, און גע־שפּאַנט מיט בערישע טריט צום טויערל. מיכאַל האָט לייכט אָפּגערוקט דעם פאָרהאַנג, געכאַפּט אַ בליק צו דער גאַס אונטן, האָט זיי אַלע געזען אָפּפאָרן אין די שוואַרצע אויטאָס.

ער אַליין האָט זיך מער אין ערגעץ נישט געאיילט, מיטאַמאָל האָט קיינער פון זיי זיך מער נישט גענויגט, מער נישט דערלאַנגט די האַנט, מער נישט געשמייכלט; נאָר פאַרביי מיט אַ קוים־באַמערקבאַרן קאָפּ־נויג. דערנאָך — דאָס אויך נישט; אפילו נישט צו לענאַ דאַווידאָוונאַ, מיט איר מאַנסבילשן גאַנג, מיט איר הויך קול, ווען זי איז גראָר אַרונטער מיטן קוישעלע, איינקויפן אין פרימאָרגן געבעקס אין קעגנאיבערדיקן קאָאָפּע־ראַטיוו. דאָס האָט איר שוין אויך שטאַרק געקרענקט:

— אַ כאַם! — האָט זי הויך געשריגן.

— שאַ... אַ ביסל שטילער... — האָט זיך מיכאַל געבעטן ביי איר.

שכנים. מען פלעגט זיך, געוויינלעך, זייער העפלעך באַגריסן, אַמאָל אפילו איינלאַדן זיך איינער צום אַנדערן אויף אַ יום־טוב, אַ ניי־יאָר, און — אָט שלייכן זיי זיך אַדורך ווי שאָטנס, ווי זיי וואָלטן געקוקט אויף דיר ווי דורך אַ שויב, מיידן אויס, ווי מען מיידט אויס אַ טעלעגראַף־סלופּ. אפילו די הינט, וואָס מ׳האָט זיי אַמאָל אַ גלעט געטון, ביים אַראָפּפירן זיי אויפן שפּאַציר, קוקן אויך אַצינד אָן פרעמד, און ס׳בלייבט שטעקן ביי זיי אַ ביל אין דער קעל...

נאָר איינער, דער שוישפּילער אַטווינסקי, האָט, ווי געוויינלעך, זיי אָפּגעגעבן דעם שיינעם גוטמאָרגן, געשמייכלט, אפילו אַ פרעג געטון וואָס מען מאַכט, אויסגעטוישט אַ פּאָר ווערטער וועגן וועטער. אויף אים, דעם באָהעם, האָט מען זיך איינגעאַנצן נישט גערעכנט. ס׳איז סיי־ווי נמאס געוועזן. די זאָרג פאַרן ייִנגל זייערן, וולאַדעק, וואָס איז אַרומגעגאַנגען ווי אויפן עולם התוהו, און בכלל... גראַד אינעם אָוונט, ווען מ׳האָט זיך פאַרטייעט געגרייט צו באַגלייטן דאָס ייִנגל צום וואָקזאַל, אָפּצוטראָגן זיך אויף שטענ־דיק פון דער אויסגעדאַכטער היים, האָבן זיי דערהערט אַ שטילן קלונג ביי דער טיר. זיי זענען אויפגעשפּרונגען פאַרציטערט, אַ לאַנגע רגע איינ־געהערט זיך, איידער זיי האָבן אויפגעמאַכט. אויף דער שוועל איז געשטאַ־נען דער שכן פון אויבערשטן שטאָק, אַטווינסקי, און ווי ער וואָלט גלייך עפּעס דערכאַפּט אין זייער אַלעמענס צעטומלטן בליק. ער איז געווען דער

איינציקער שכן, וואָס האָט זיך נישט אָפּגעשראָקן זיי אַנטקעגנצוטראָגן דעם גוטמאָרגן, ווי ס׳וואָלט גאָרנישט פּאַרגעקומען אויף דער וועלט, אין לאַנד. ווייל ס׳איז דאָך מער נישט קיין סוד געווען וועגן מיכאַלס יינגל, וולאַדעק, פּונקט ווי וועגן אַנדערע יידישע קינדער, וואָס די צייטונגען, ראַדיאָ און טעלעוויזיע האָבן געבערנגט זייערע פולע יידישע נעמען, צווישן די סטו־דענטן־אומרוען, אַז זיי זענען פרעמדע, שעדלעכע עלעמענטן אין פּוילן, אַז די עלטערן זענען מיטפאַראַנטוואָרטלעך...

אַ קלענער געוואָרענער, מיט דער היכער יידישער פּלייצע, האָט מיכאַל אויפן דאָזיקן שכן זיך אַמווייניקסטן געריכט — אַ העלער, קורץ־געשוירענער, בערשטלדיקער קאָפּ, בלויע אויגן פון הינטער אַ שטרענגער בריל, אַ קאַנטיקער סלאַווישער קין, און אַ פּאָר גרויסע, פּריציש־צעקעמטע וואָנסן. דער וואָלף־הונט ביי זיינע טריט האָט געכאָרכלט מיט דער קעל. אין אַזעלכע צייטן וואָלט מיכאַל פּאַר אַזאַ איינעם זיך אַביסל געשראָקן. ווייל אומעטום האָט געשפּאַרט פון זיי דער אַלטער ביטול, די בייזווילי־קע אָפּלאַכעריי. ס׳איז געווען אומגעוויינלעך. אָבער אומגעריכט האָט זיך דער פּאַן אַטווינסקי צוגעזעצט היימישלעך צום טיש און אָפּגערופן זיך:

— כ׳פּאַרשטיי... איר דאַרפט אַוועק... ס׳איז קלאָר, די „ספּראַווע" אונזערע איז דאָ אַ פּאַרשפּילטע...

דאָ האָבן זיי שוין גאָר אויפגעריסן די אויגן, אָנגעקוקט דעם איינציקן אײדעלן פּאַליאַק אין פּאַרטיי־הויז.

— ס׳הייסט... — האָט מיכאַל זיך אַביסל געקרעקט — ס׳איז פּונ־דעסטוועגן נישט צו פּאַראורטיילן דאָס גאַנצע פּוילישע פּאָלק... כ׳מיין...

— וואָס פּאָרא פּאַליאַק בין איך דען?... — האָט זיך יענער אַרומ־געקוקט, ווי ס׳וואָלטן דאָ געשטאַנען זייטיקע... און זיך צעלאַכט — ווען זיי וויסן, פּאַניע...

דווקא אין יענע טעג איז דאָס יינגל, וולאַדעק, שטיל געקומען צוגיין אין קלוב „באַבעל" (בבל), אין יידישן הויז אויף נאָוואָגראָדזקע, וווּ ער האָט קיינמאָל נישט געוואָלט אַריינשמעקן. דאָרט איז אַ שטיקל צייט געווען פריי־לעך, היימיש — אַ קולטור־קרייזל, אַ דיסקאָטעק, טאַנץ־פאַרווײלונגען מיט יידישע לידער. אפילו היימישע חתונות זענען דאָרט געפּראַוועט געוואָרן. צו די פּאָליטישע וועטערן אין לאַנד זענען די קינדער געווען היפּער־פּיל־באַר, ווי זיי וואָלטן געלעבט מיטן אינסטינקט פון זייערע אבות. מ׳וואָלט געזאָגט, אַז ס׳האָט זיך ביי די קינדער פון די אַמאָליקע ק.פּ.פּ.־אָווצעס איבערגעגעבן דאָס הייסע, אומרואיקע בלוט. זיי האָבן געגראָבן אין דער אונטערערד. די נייע הערשער האָבן עס אָבער גוט געוווּסט. זיי האָבן גע־קענט די כיטרע מעטאָדן פון פּאַרשטעקן זיך, פּאַרשטעקן „ליטעראַטור", גריפסן. זיי נאָרט מען נישט! ביז — אַלץ איז אויפגעלייזט געוואָרן. מ׳האָט זיי באַשולדיקט, אַז דאָס זענען זיי די אינספּיראַטאָרן פון די סטודענטן־דעמאָנסטראַציעס אין די וואַרשעווער הויכשולן, אויף די פּאַרשטעלונגען פון מיצקעוויטשעס „דזשיאַדי"...

„די דורכזיכטיקע פּאָליטישע אָנשויאונגען פון „באַבעל"־קלוב — האָט געשריבן עפּעס אַ זשורנאַליסט, אַ שפּיצעל — האָט זיך באַזונדערס שאַרף אַרויסגעוויזן אין די טעג פון דער ישראל־אַגרעסיע קעגן די אַראַבישע לענדער"...

דעם 7־טן יוני איז פאָרגעקומען אין קלוב אַ לעקציע פון רעדאַקטאָר פון „פּאָליטיקאַ", פּ. ראַקאָווסקי, וועגן דער אַקטועלער סיטואַציע אין דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער־באַוועגונג. די „באַבעל"־חברה זענען נישט מסכים געווען מיט דער רעגירונג־שטעלונג:

— זיי האָבן רעכט זיך צו פאַרטיידיקן... די אַראַבער האָבן די יידן געוואָלט אַריינוואַרפן אין ים אַריין...

— איר רעדט פּויליש — האָט יענער זיך אויפגערעגט — טראָגט אָפּט פּוילישע נעמען, איר עסט פּויליש ברויט, און מיטן האַרץ און גע־דאַנק זענט איר — אין סיני... מיט די ישראלדיקע פּילאָטן, וואָס וואַרפן באָמבעס אויף פרידלעכע אַראַבישע שטעט און דערפער...

„אָט די „באַנאַנען־יוגנט" — האָט ער דערנאָך געשריבן — וואָס זייערע עלטערן זיצן אויף הויכע פּאָסטנס, און אין זייער ציוניסטישער היסטעריע, האָבן זיי אין קלוב „באַבעל" געטאַנצט, געפרייט זיך צוזאַמען מיט די ישראל־אַגרעסאָרן"...

צו באַצאָלן דעם חשבון, זענען אויפגעפאָדערט געוואָרן זייערע על־טערן. מ'האָט זיי אַראָפּגענומען פון די פּאָסטנס, אויסגעשלאָסן פון דער פּאַרטיי. אַזאַ קאָלעקטיווע פאַראַנטוואָרטלעכקייט איז אפילו אין האַלב־פאַשיסטישן, פאַר־מלחמהדיקן פּוילן נישט אָנגעווענדעט געוואָרן. אויף זיי איז געפאַלן די שולד פאַר די עקאָנאָמישע שוועריקייטן אין לאַנד, פאַר די סטודענטן־אומרוען, וואָס זענען נישט קיין פּוילישער ענין. ס'איז געווען — די „ענדגילטיקע לייזונג" פון יידישן פּראָבלעם. די דויטשגעוואַנד'ס, די סמאָליאַר'ס, זענען געבראַכט געוואָרן אין דער פּוילישער פּרעסע אין מער־צאָל. די נעמען פון די סטודענטן־פּאָליאַקן — מיט פּעטיט, פּאַררוקט, מ'זאָל זיי נישט אַרויסזען: אַנדזשעי דוראַטש, אַן אייניקל פון באַרימטן פּוילישן אַדוואָקאַט, דעם אַמאָליקן פאַרטיידיקער פון קאָמוניסטן אויף די פּראָצעסן; עווואַ זאַזשיצקאַ, די טאָכטער פון געוועזענעם פאָרזיצער פון וואַרשעווער נאַציאָנאַל־ראַט. דאָס אַלץ — ווי אַ בליץ־אָפּלייטער, צו באַרעכטיקן די פּאָליציייאישע, כוליגאַנישע אָפּעראַציעס.

שפּעט אין אָוונט האָט זיך דעמאָלט וולאַדעק אומגעקערט אַהיים פון דעם „איין־פּערזאָן־טעאַטער" אויף אַלטשטאָט. ס'האָט זיך געטומלט מיטן טעאַטערל, נאָכמער ווי מיט דער פאַרבאָטענער פאָרשטעלונג פון מיצ־קעוויטש'עס „דזשיאַדי". רישאַרד פיליפּסקי, אַ קראָקעווער טעאַטראַל, איז געווען דער הויפּט־אַקטיאָר. ס'איז אים אפילו צוגעטיילט געוואָרן דער פּרייז אויף אַ פעסטיוואַל פון איין־פּערזאָן־טעאַטער. די רוישיקע פאָרשטע־לונגען זענען געגאַנגען אונטערן פּאַטראָנאַט פון דער קראָקעווער פאַר־אייניקונג פון דער „סאָציאַליסטישער יוגנט". אין וואַרשע איז ער אויפ־

געטרעטן אין דער באַרימטער „פּראַכאָווניאַ" אויף דער רעסטאָווירטער, צוריק אויפגעבויטער אַלט־שטאָט, אויפן „מקום", ווי יידן האָבן עס אַמאָל געפּלעגט צו רופן; די געגנט, נידעריק ביי דער ווייסל, צווישן די אַמאָליקע פּוילישע אַלטערטימלעכע געסלעך, צווישן די נידעריקע מייערלעך פון יידישע פּישערס, קצבים, גרינס־געשעפטלעך און „הייזלעך". פון דעם אַלע־מען איז, פאַרשטייט זיך, קיין זכר נישט געבליבן. דאָס טעאַטערל איז געווען די טעמע פון ליידנשאַפטלעכע דיסקוסיעס אין פּוילישן שרייבער־פאַריין; ס'זענען נאָך דאָרט פונדעסטוועגן אַלץ געווען נישט־דערשטיקטע שטימען פון דער אָפּאָזיציע, צווישן די פּאָליאַקן מיט אַ ביסל געוויסן אין זיך, און וויטע, האַלב־פאַרלוירענע יידן־אָפּשטאַמיקע; מ'האָט זיי ס'מויל נישט אינגאַנצן געקענט צומאַכן.

דעם נישט־גרויסן זאַל אין דער „פּראָכאָווניאַ" האָט יעדן אָוונט אָנ־געפּילט אַן אומגעוויינלעכער און פאַרדעכטיקער עולם. דער פאָרהאַנג האָט זיך געשפּאָלטן ראַפּטום, און אין רוישיקן ליכט פון פּראָזשעקטאָרן האָבן זיי דערזען — קאַנדעלאַברעס אין די ווינקלען, ענלעך צו שבת־לייכטער; אַ פאַרגרעסערטע פאָטאָגראַפיע פון אַ יידישן געטאָ־פּאָליציאַנט, ווי ער פירט אַ דערשראָקן יידיש יינגל, מיטן דאַשיק איבער די אויגן, קרועה בלועה; ר'האָט אים אוודאי געכאַפּט שמוגלען פון איבער דער געטאָ־מויער. די רויטע ליכטער האָבן זיך אַלץ שאַרפער אָנגעצונדן, און פון הינטער די קוליסן האָט זיך צעטראָגן איבערן רונדן זאַל אַ צוגעדושעט געזאַנג אין... יידיש — „בעלז, מיין שטעטעלע בעלז"... דאָס ליד האָט זיך אַרויסגעריסן פון פאַרהעמערטן באַר „אַריזאָנאַ" אין געטאָ; אָרום — טויט, מאָרד, און אינעווייניק, הייסט עס, זענען אָנגעפרעסענע יידן, שמוגלערס, געזעסן, געטרונקען און געזויפט. דאָס רויטע, שאַרפע ליכט איז באַלד דערנאָך געפאַלן אויפן אַקטיאָר פיליפּסקי; ער איז חוצפּהדיק געשטאַנען מיט צעשפּרייטע פיס, אָנגעצויגן אין שטיוול, און האָט מאָנאָלאָגירט מיט גראָבע רייד און קללות.

וולאַדעק מיט זיין טראָציק יעזש־שויבערל, פאַררוקט אויף די הינטערשטע בענק, האָט פּלוצים דערפילט ווי ס'ווערט אים ענג און טרוקן אין האַלדז. די הענט ציטערן, ביילן זיך אין פויסטן; אַזוי האָבן זיי זיך אויך געביילט, ווען ער איז געשטאַנען ביי דער אויספאָרשונג, נאָך די געשעעענישן אויפן פאַקולטעט, ווו מ'האָט אים אַרעסטירט. ער האָט געוואָלט אויך איצט עפּעס אויסשרייען, אָבער אין האַלדז — איז אים געשטאַנען אַ קנויל. אין די 20 מינוט האָט מען זיך דערוווּסט פון דעם כאַמסקן אַקטיאָר אַז — די יידן האָבן עס אונטערגעצונדן די צווייטע וועלט־מלחמה... זי האָט געדויערט איבער 5 יאָר, ווייל די אַמעריקאַנער יידן האָבן פאַרשאַטן אייראָפּע מיט געלט, וואָס איז אַריינגעפאַלן אין דייטשע הענט... אַז אין וואַרשעווער געטאָ האָבן יידישע פּרויען פאַרקויפט זייער לייב צו די דייטשן... אַז אין געטאָ, אין באַר „אַריזאָנאַ", האָט מען זיך געבאָדן אין שאַמפּאַן, געפרעסן קאַוויאַר, בעת זייערע ברידער זענען אויף

די גאַסן אויסגעגאַנגען פון הונגער... ער האָט אויך נישט פאַרגעסן די, וואָס האָבן אין די לעצטע פּאָר חדשים, אין 1968, פאַרלאָזן פּוילן, נאָכן אונטערהעצן די פּוילישע סטודענטישע יוגנט...

וולאַדעק, און נאָך עטלעכע הינטער אים, האָבן זיך אַ ריס געטון פון פּלאַץ, געקלאַפּט מיט די טירן. צוויי „אויפזעער" האָבן זיך אַ לאָז געטון נאָך זיי. אַלעמענס בליקן האָבן זיי שטום, מיט חידוש, באַגלייט. פון דער בינע האָט זיי פּיליפּסקי נאָכגערופן: „זאָלן זיי גיין... קיין פּאַלעסטינע"... איבערן קליינעם זאַל זענען אַדורך שושקערייען, דערנאָך האָבן אויך אַנדערע אויפגעהויבן זיך און שטיל פאַרלאָזן דעם טונקעלן זאַל.

אָט די אײַן־פּערזאָניקע פאַרשטעלונג, איז וואָכן לאַנג געגאַנגען אונטערן איראָנישן פּלאַקאַט: „אייער ברודער הבל"...

דאָס יינגל, וולאַדעק, איז אַוועק פון דאָרט מיט אַן אַראָפּגעלאָזענעם קאָפּ. ער איז צום ערשטן מאָל געלאָפן זוכן — יידן. ער איז אפילו צום ערשטע מאָל אַוועק אין יידישן טעאַטער. מאָדנע, אין יענע טעג, ווען מ'האָט שוין כמעט קיין יידן אין וואַרשע נישט געזען מער, זענען נאָך אַלץ געגאַנגען די פאַרשטעלונגען אין יידישן טעאַטער א. נ. פון אסתר רחל קאַמינסקי, כאָטש די דירעקטאָרין, מיט אַ גרויסן טייל פון דער טרופּע, זענען שוין געהאַט אַוועק פון לאַנד, מיט אַ קלאַפּ אין דער טיר. אַ שיטער פּובליקום, כמעט דורכויס פּאָליאַקן, מיט אַפּאַראַטלעך אין די אויערן, סימולטאַנע איבערזעצונגען. זיי האָבן זיך דאָרט געוויילט: „זשידקי לאַדניע טאַנטשאָן"... (די יידעלעך טאַנצן שיין...). צוויי אַמעריקאַנער יידישע טוריסטן, וואָס האָבן גראָד אין יענע טעג פאַרבלאָנדזשעט קיין פּוילן אויף קבר אבות, און אַ ייד, דער גבאי, וואָס דרייט זיך אַרום נאָזשיקס שול אויף גזשיבאָווסקי, האָט זיי געפירט. מ'ווייס נישט פאַרוואָס, דאָס יינגל, וולאַדעק, איז זיי בלינד נאָכגעגאַנגען, די טוריסטן, דעם גבאי; ער האָט זיי געפירט צום איינציקן, גאַנץ־געבליבענעם יידישן שולכל, צו נאָזשיקס שול, ווייל די דייטשן האָבן זי געהאַט באַנוצט ווי אַ שפּייז־סקלאַד. אונטערן פאַרטונקלטן היכל האָבן זיי געטראָפן נאָך אַ פּאָר אַלטע יידן פון מושב־זקנים. ס'איז דאָרט געווען אַ פאַרטונקלטע שיין אונטערן נידעריקן סופיט. ס'איז געהאַנגען אַ טוכלער ריח פון אויסגעברענטע ליכט.

דאָ, אויפן גזשיבאָוו, אין דער געגנט, אַרום, זענען געווען די אַמאָליקע אייזן־קראָמען פון די פּריוועס'עס, די יורשים פון ישעיה פּריוועס, דער „אייזן־קעניג" פון סוף פאַריקן יאָרהונדערט. ער האָט געפּראַוועט מלכות אין זיין פּאַלאַצל, געבויט אַ בית מדרש פאַרן פּראָסטן עולם קצבים, פּלייצע־טרעגער, פורמאַנעס, פיש־הענדלער; אַ „שטיבל" פאַר די קאָצקער און גערער חסידים. דאָ איז געווען דער צענטער פון הורט־האַנדל און דעטאַל פון מעל, פלייש, הערינג, פּרוכטן, אין די אַרומיקע געסלעך פון די מיראָווסקע האַלעס, די באַזאַרן פאַרן „אייזערנעם טויער";

דער געפּילדער פון די גאַסן־הענדלער, די געשמאַקע ריחות פון די בעקערייען, גאַרקיכן, קאַלאַניאַל־געוועלבער מיט אימפּאָרטירטע בשמים. אין די געדיכט־באַזעצטע הייף אַרום גזשיבאַוו האָבן געגעסטיקט בתי תפילה, חדרים. אַט די שול איז געבויט געוואָרן פון אַ געוועזענעם משרת ביי פריוועסן, זלמן נאַזשיק. אַליין געמאַכט אַ שטיקל פאַרמעגן, האָט ער אָפּגעקויפט דעם פּלאַץ, אויפגעבויט די שול; די איינציק־פאַרבליבענע שול אין וואַרשע; האַלב חרוב, די שויבן אויסגעהאַקט, די גזימסן אָפּ־געקרישלט, אַרומגעשיילט. אַ גאַנצע וואָך הענגט אויף דער געקאָוועטער טיר אַ שלאָס. ס׳קומט זיך צונויף אין די שבתים אַ מנין אַלטע יידן. ווי אַרכעאָלאָגישע אויסגראָבונגען פון אַ ווייטער תקופה, וואַלגערן זיך דאָ אַ פּאָר צעדריוולטע סידורים, מחזורים אויף אַ פּאָליצע; אַ „שולחן ערוך חיים״, אַן „עין יעקב״, אַ גרויסער „כל בו״־סידור...

זיי זענען דאָ בלחש געווען פאַרטון אין די אויסגעפליקטע סידורים־לעך, די פּלייצעס האָבן זיך ביי זיי געהויקערט. נאָכן וואָכעדיקן מעריב, זענען זיי אַלע געבליבן צום „קידוש״, וואָס די צוויי פאַרבלאָנדזשעטע יידן פון דער פרעמד האָבן געשטעלט. און קיינער האָט גאָרנישט באַ־מערקט, ווי דאָס יינגל האָט זיך דאָ מיט זיי מיטגעפלאָנטערט. וולאַדעק האָט זיך דאָ מיטאַמאָל דערפילט מאָדנע היימלעך. ער האָט מיטגעטרונקען מיט די יידן און ס׳איז אויפגעגאַנגען אין אים אַ גרויסע, אומפאַרשטענד־לעכע וואַרעמקייט; נישט פונם בראָנפן, נאָר עפּעס אַן אַנדער מין וואַ־רעמקייט. כאָטש ער האָט דאָ גאָרנישט אָנגעהויבן צו פאַרשטיין, נישט פון זייער אָרעמען גאָט, נישט די סודותדיקע, געדיכטע רייד פון די גע־עלטערטע לייט.

— וואָס קומט דאָ פאַר? — האָט איינער פון די פאַרבלאָנדזשעטע יידן פּלוצים אַ פרעג געטון.

— לאָמיר בעסער נישט פרעגן, נאָר טרינקען לחיים... — האָט דער ייד, דער גבאי, קורץ אָפּגעהאַקט און גענומען זיך צעגיסן מיט אַ ציטער־דיקער האַנט פון פלעשל אין די קעלישקעס, אַרום לאַנגן טיש. ער האָט זיך אומגעקוקט צו זיי — צי געדענקט איר דאָס פאַרטיזאַנען־ליד „זאָג נישט קיינמאָל, אַז דו גייסט דעם לעצטן וועג״?... וועגן אונז וועט מען דאַרפן זינגען: „דאָס איז געווען דער סוף פון אונזער וועג״... נאָך אונז וועט שוין דאָ מער גאָרנישט זיין...

— אויף די חורבות פון דער יידישער קהילה אויפן גזשיבאָוו... אויף די חורבות פון פאָלק... גאָט מיינער... — האָט דער היימישער ייד פון דער פרעמד געזאָגט, מיט אַ קול, ווי פון דער טיפעניש — ס׳איז פונקט ווי ביי פּרץ׳ן אין „ביינאַכט אויפן אַלטן מאַרק״... די מתים קו־מען אַרויס פון זייערע קברים, און איינער טוט אַ פרעג: „ווי לאַנג לעבן טויטע?״...

קאַפּיטל 16

# נאָך אַלעמען...

כמעט ביזן פרילינג איז מען נאָך ווי־נישט־איז פאַרבליבן דער־וויל אונטער איין דאַך מיטן ייִנגל, מיט וואָלאַדעקן. נאָכן אָפּזיצן איבער אַ יאָר, נאָך קלעפּ און ראַפינירטע אויספאָרשונגען אין דער או. ב. איז ער צוריקגעקומען פון תפיסה, אַ פאַרשלאָסענער אין זיך. די „פּוילישע וועלט" ביים ייִנגל האָט זיך גענומען וואַקלען, איינברעכן זיך. ער האָט די עלטערן שטאַרק באַאומרואיקט. אומגעריכט האָט ער געטון אַ וואַקס אונטער, מיטן בלאָנדלעכן, אויפגעשטעלטן יעזשל, עפּעס גאַרנישט ענלעך צו קיינעם פון זייביידן, נישט צו לענאַ דאַווידאָוונאַ, נישט צום חבר מיכאַל. טאַקע, וואָס האָבן זיי דען געוווסט, די אונטערגעוואַקסענע קינדער? געקומען אויף דער וועלט שוין נאָכן מבול, האָבן זיי די אונטערגעגאַנגענע פרע־היסטאָרישע ייִדישע וועלט אַליין אַנטדעקט.

— ווער זענען מיר? — איז ער איינמאָל געקומען מיט אַ טענה — פאַרוואָס האָט מען עס פאַר מיר אויסבאַהאַלטן?!...

ער האָט געביסן די אַנגעדראָלענע פויסטן, געוואָיעט פון דערשטיקטן צאָרן; איז אַוועקגעפאַלן, אַן אויסגעלאָשענער, דעם שטומען, פאַרגלע־זערטן בליק פאַרשטאָכן אין סופיט אַריין. ער האָט זיך טעג־לאַנג מער נישט אַרומגעגאַלט דעם בלאָנדלעכן פוך, איז אַרומגעגאַנגען צעכראַסטעט, אין די פאַרלאָטעטע בלודזשינס, אין צעשפּיליעטן העמדל. ער איז מער נישט צוריקגעקומען אין דער הויכשול, ווו ער האָט פריער שטודירט עקאָנאָמיע. ביז שפּעט ביינאַכט האָט זיך געלויכטן דאָס לעמפּעלע ביי זיין בעט. ער האָט מער נישט געלייענט. זיין בליק האָט טעמפּ געשטאַרט אין סופיט אַריין.

די אַלטע פאַרטייערין לענאַ דאַווידאָוונאַ האָט געליטן אויף איר אופן, איז אפילו געווען אַ געטרייע מאַמע און אַ גוט ווייב. זי האָט זיך אויפגעריסן באַלד באַגינען, געלאָפן אַוועקשטעלן זיך אין די רייען ביי די מאַגאַזינען, צו באַזאָרגן אַ ביסל שפּייז אין הויז אַריין. דאָ האָט זי זיך מער אויסגעטויגט ווי אין דער שטוב־באַלעבאַטישקייט. נאָך גוט, וואָס ס׳האָט זיך נאָך אַלץ אַרומגעדרייט אין הויז דאָס דאָרפישע שטוב־מיידל. אין די נעכט, ווען זי האָט וואָלאַדעקן מער נישט געפונען אויף זיין בעטל, איז די מוטער געווען אומרואיק איבערן ייִנגלס פאַרפאַלן ווערן; זי האָט זיך געשראָקן פאַר זיין עקשנותדיק ווידער אַרומטומלען צווישן די אויפ־געבראַזטע סטודענטישע קרייזלעך. עס זענען נאָך אַלץ געווען פּראָוואָ־

קאַציעס, אַרעסטן, דאָס אויסשרייען הויך זייערע יידישע נעמען אין דער פּרעסע, אין ראַדיאָ, אין טעלעוויזיע. דאָס האָט דער אַלטער פּאַרטייערין שוין גאָר אַריינגעבראַכט אין צאָרן:

— כ׳וועל לויפן צו זיי! — האָט זי געמאַכט קולות — צי זענען זיי דאָרט משוגע געוואָרן, צי וואָס?... אין אונזער סאָציאַליסטיש היימלאַנד...

מיכאַל, אַ קלענער געוואָרענער, האָט זי אָנגעקוקט מיט קאַלטע, אויסגעשרויפטע פיש־אויגן, גאָרנישט מער געענטפערט. ס׳איז פּלוצים געווען אַן אַלטער יידישער טרויער אין זיין פאַרכמאַרעטן בליק, אויף זיינע געזונקענע אַקסלען, אין זיין פאַרזיכטיקן גאַנג אויף דער ערד, ווען ער האָט זיך אומגעקערט פון די קורצע, איינזאַמע פרימאָרגן־שפּאַצירן.

— לויף נישט צו זיי... — האָט ער זיך אָפּגערופן קיל — וועסט טרעפן פאַרקלאַפּטע טירן...

אין אַזאַ שפּאַנונג האָט מען אין די לעצטע עטלעכע חדשים געלעבט אין אָפּגעשלאָסענעם הויז. ס׳איז געווען איידער דאָס יינגל האָט, קורץ נאָכן אומקערן זיך פון תפיסה, אויפגעהויבן זיך, אַרויפגעצויגן די פאַרלאַטעטע בלודזשינס, אפילו נישט צוגעקעמט דעם צעפּלאָשעטן שויבער, מיט עפּעס אַזאַ שטומען צאָרן אויף זיי אַלעמען, און צום לעצטן מאָל אַ קלאַפּ געטון מיט דער טיר. דעמאָלט האָט זי זיך געכאַפּט, לענאַ דאַווידאָווגאַ, אַז אויך מיכאַל וועט אוודאי אַוועק פונם הויז. עפּעס האָט זיך געבראָכן אין דער שטרענגער פּאַרטייערין, אַ פּאַרהאַרטעוועטע, ווי געגאָסן פון שטאָל. זי האָט געלעבט מיט שווערע פאָרגעפילן און אַרויסגעפּלאַצט:

— וואָס געשעט דאָ?... — האָט זי זיך ווי אויפגעכאַפּט — אַלע גייען אַוועק?...

— טאָ וואָס וווּנדערסטו זיך? — האָט מיכאַל קיל אַ פרעג געטון.

ביז — לענאַ דאַווידאָווגאַ איז פאַרבליבן צולעצט איינע אַליין. ערשט נישט לאַנג האָט נאָך דאָ דיסקרעט גערוישט אַ הויז, אַ באַלעבאַטישקייט, אַ משפּחה־לעבן. נאָכן יינגלס און מיכאַלס פאַרשווינדן אין יענעם יאָר, האָט זי זיך אַרומגעדרייט צווישן די שטומע ווענט, פול אָנגעשטעלט מיט ביכער. ס׳זענען נאָך דאָרט אַלץ געשטאַנען ביי איר, אויבנאָן, די צוויי פולע פאָליצעס מיט די דיקע, שווער־געליישטע רוקנס, די „געזאַמלטע ווערק״ פון לענין און סטאַלין. לענאַ דאַווידאָווגאַ, די אַלטע פאַרטייערין לענאַ, איז, אַז מ׳וויל, אפשר געווען מער רוסישע, ווי פּוילישע, ריכטיקער — אַן איבערבלייבעניש פון יענעם שיינעם דור נישט־געפעלשטע אינטערנאַציאָנאַליסטן; אַ וועטעראַן פון די פאַרמלחמהדיקע פּוילישע תפיסות, אין פאָרדאָן און אין דער באַרימטער

וואַרשעווער „סערביאַנקע״; זי האָט זיך פון ראַטנפּאַרבאַנד אומגעקערט אין לאַנד אַריין, ווען ס׳זענען צוריקגערופן געוואָרן די קאַדרן. אין איר ברייטן געשטעל איז געווען די איינפאַכקייט פון אַ פּויערטע, פּאַרטון אין דער הויז־באַלעבאַטישקייט, כאַטש — אַן אינטעלעקטואַל — האָט זי זיך וויניק וואָס אויסגעקענט אין די שטוב־זאַכן. אַביסל אַן איבערגע־וואַקסענע, מיט ברייטע האַנט־פּלאַכן, מיט אַ פּאַרדרייט גרעקל אויפן שפּיץ קאָפּ, דורכגעוואָרפן מיט זילבער פון די אָנהייב פופציקער יאָרן, האָט זי נאָכאַנאַנד געזוכט און גענישטערט אַרום זיך, פון אונטער די דיקע אויגן־גלעזער, צווישן די אָנגעוואָרפענע ביכער און כתבים. ווי זי וואָלט געווען געגאָסן פון איין בלאָק, אָבער פּאַרט „אַ גוטע נשמה״, ווי די רוסן זאָגן, גרייט זיך צו טיילן מיטן לעצטן ביסן; אָבער אַז ס׳איז אויסגעקומען, האָט זי געקענט אַ געשריי טון, אַ זידל טון, טאַקע אויפן רוסישן שטייגער, און באַלד דערנאָך — ברייט צעשמייכלען זיך, לויפן איינרייסן אַ וועלט, אַזש ביזן צ. ק. דאָרט זענען, גאַנץ אויבן, נאָך אַלץ געזעסן אירע אַמאָליקע חברים פון דער אומלעגאַליטעט, פון די תפיסה־יאָרן; ס׳איז אָבער אַצינד מער נישט געווען צוצוטרעטן צו זיי, היינטער די באַוואַכטע טירן.

ס׳האָט אויסגעזען, ווי איבער לענאַ דאַווידאָווגאַ וואָלטן אַלע צייט־געוויטערן אַדורך אינגאַנצן אומבאַמערקט; ווי צו איר, אַ יידן־אַפּשטאַמיקע, די פּרוי פון אַן אָנגעזעענעם טוער „אויפן יידישן סעקטאָר״, וואָלט עס קיין שום שייכות נישט געהאַט, ווען ס׳האָט אין יענעם יאָר אַ בלאָז געטון דער פאַרסמטער ווינט, נאָך גאָמולקאָס ניבול־פּה־רעדע וועגן — דער יידישער „פינפטער קאָלאָנע״... וועגן די „ציוניסטישע אַגרעסאָרן״... און ס׳איז טאַקע געווען מאָדנע — מ׳האָט זי אפילו אין יענע טעג פון איר פּאָסטן אין דער אַקאַדעמיע נישט אַראָפּגענומען; אירע ביכער האָבן זיך, ווי פריער, געדרוקט אין פאַרלאַג פון פּאַרטיי־געשיכטע. אין אירע היסטאָרישע אַרבעטן, מאַסיווע, ציפערדיקע, מיט דיאַגראַ־מען, סטאַטיסטיקעס, ציטאַטן, אויסגעגראָבן פון די אַרכיוון, האָט זי נאָך, אמת, געהאַלטן גאַנץ ווייט, ערגעץ פאַרן 1919־טן יאָר, ערגעץ ביים אויפ־לייזן זיך, ביים אָפּשלוס פון אַלטן „פּראָלעטאַריאַט״, פון דער ס. ד. ק. פּ. ל. און טאַקע ווי ראָזאַ לוקסעמבורג, האָט זי נאָך אַלץ אָפּעררירט מיטן — וועלט־פּראָלעטאַריאַט... פּוילישער פּראָלעטאַריאַט... פּוילישע גאַס... פּוי־ליש פאָלק... זי האָט אַריבערגעקוקט איבער זייערע אַלעמענס קעפּ, מיטן גאַנצן קראַנקן יידישן קאָמפּלעקס זייערן, מיטן אומזיניקן גערודער און פּלאָנטער, אין וועלכן זי האָט זיך, אייגנטלעך, דאָרט קיינמאָל אַזוי שטאַרק נישט אַריינגעטירט.

נאָכן יינגלס — און אויך נאָך מיכאַלס — פאַרשווינדן פונעם הויז, איז לענאַ דאַווידאָווגאַ, ווי אַלעמאָל, זיצן געבליבן מיט אָנגעבלעגדטע אויגן הינטער דער וואַנט מיט ביכער, דאָקומענטן, אַרכיוו־מאַטעריאַלן,

ווי פאַרמויערט אין אַ גלעזערנעם שלאָס, ווען הינטער די ווענט רוישט און שטורעמט. כאָטש ס׳האָט זיך נאָך אַ שטיקל צייט אַרומגעדרייט אין הויז דאָס רויט־באַקיקע, דאָרפּישע דינסט־מיידל מאַרישאַ, ס׳מיידל האָט געברומט, געוואַשן, געקאָכט, פאַרהילכט דאָס קיכל מיט אירע נאַרישע דאָרפּישע לידלעך. זינט ווען אָבער דאָס יינגל און אויך דער מאַן זענען אַוועק, ס׳איז פּוסט געוואָרן אין הויז, האָט אויך מאַרישאַ איינמאָל איינגע־פּאַקט איר קויבערל און האָט שטיל צוגעמאַכט די טיר, אַן אַ זיי־געזונט. דאָס איז שוין גאָר געווען אַן אומגליק, ווייל לענאַ דאַווידאָוונאַ האָט נישט געוווסט פון דאַנען ביז אַהער אין דער הויז־באַלעבאַטישקייט. זי האָט צוגעשטעלט אַ גריץ, איז אַלץ פאַרברענט געוואָרן, אַז מ׳האָט דאָס טעפּל געמוזט רייבן, שייערן און לסוף אַוועקשמייסן עס. די מילך איז אויסגע־לאָפן. פון די קראַנען אין באָד־צימער איז גערונען דאָס וואַסער טראָפּנ־ווייז. ס׳איז געהאָט אָנגעפאַלן אַ שטויב אויף די גאַרדינען, אויפן מעבל, אויף די דיוואַנען; און זי האָט עס גאַרנישט באַמערקט אויך דורך אירע גראָבע אויגן־גלעזער. זי איז אָפּגעזעסן אין די פרימאָרגנס, אַרויפצו, פאַרשטעקט צווישן אירע ביכער־פאַליצעס, אַרויפגעוואָרפן אַ פלעד אויף די אַקסלען, געגריזשעט אַ שטיק שוואַרץ ברויט, אַן עפּל; נאָנט אָנגע־בויגן, גיך געלאָפן מיט דער פעדער איבערן שילערישן העפט. ס׳איז געשטאַנען אַ קעלט אינם הויז, נישט געווען ווער זאָל אַרויפברענגען אַ ביסל קוילן, איינצוהייצן. דער טעלעפאָן האָט שוין איצט סיי־ווי זעלטן געקלונגען.

ס׳איז געווען באַלד נאָכדעם ווי זיי זענען אַלע אַוועק פונם הויז.

איבער וואַרשע איז געשטאַנען אַ דינער ערב־פרילינג נעפּל, ווען דאָס יונגוואַרג האָט צום לעצטן מאָל, אויף שטענדיק, פאַרלאָזן דאָס לאַנד. דער וואָקזאַל איז פול געווען מיט יידיש יונגוואַרג און מיט... שפּיצלעס. עמיצן פון דער חברה איז איינגעפאַלן צו גיין באַשטעלן ביים קליינעם באַר־אָרקעסטער, זיי זאָלן שפּילן פאַר זיי אָגינסקיס „פּאָלאָנעז" — „פּאָזשעגנאַניע אויטשיזנאָן", געזעגענונג מיטן פאָטערלאַנד. ווער נאָך, ווי זיי, קענען אַזוי טיף דערפילן דעם סלאַווישן טרויער, ווען די צאַרישע סאַטראַפּן און העגקער האָבן מיט אַ יאָרהונדערט פריער, געפירט די פּוילישע „פּאָוסטאַנצעס", געקאָוועט אין קייטן, איבער די פאַרשנייטע סטעפּעס פון סיביר; און דעם אָפּהילך זייערן האָבן זיי דערהערט אין דער פאַר־באָטענער פאַרשטעלונג פון מיצקעוויטשעס „דזשיאַדי":

טשיכאָ וושענדזשיע, גלוכאָ וושענדזשיע,
צאָ טאָ בענדזשיע? צאָ טאָ בענדזשיע?

ס׳האָט נאָך אָבער לאַנג געלעבט אין זיי, ווייט פון פאָטערלאַנד, מיט אַ מאָדנער עקשנות, די סלאַווישע נאָסטאַלגיע. די טייכן, פאַרצויגן אין נעפּל, האָבן אין די סוף־זומערדיקע, טיפע נעכט, געהילכט פון ווי ווייט, מיט דער

רוסישער „דובינושקאַ“, די אוקראַינע — מיטן הערלאַישן ליד פון אַטאַמאַן, ווי עס קלינגען אָפּ פאַרשטאָרבן די פערדישע טלאָען אין ווייטן סטעפּ; אפילו די פוילישע אוידאַ־דאַנאַ־פּאָלקע־מאַזורקעס, אָדער די לעגיאָנערישע לידלעך וועגן יאַשן, וואָס איז אַוועק אין דער מלחמה מיט דער „באָל־שעוויע“... אפילו ווען זיי האָבן פאַרלאָזן די פאַרשאָלטענע ערד, אָנגעזאַפּט מיטן בלוט פון זייערע אבות, האָבן זיי נאָך לאַנג מיטגעטראָגן מיט זיך דעם טיפן סלאַווישן אומעט, וואָס איז געראָנען ווי זיסער סם אין זייערע אָדערן.

# דריטער טייל

# דאניעלס וועג צו זיך

# קאַפּיטל 17

## אפשר איז עס טאַקע אַטאַוויזם?

לאַנג נאָך זייער בײדנס, עסטושיאַ׳ס און אַבראַשקעס, פֿאַרשווינדן פֿונם דאַטשע־שטעטל, איז דאַניעל אַרומגעגאַנגען פֿאַרטראַכט און אַלץ אַרײַנגעקלערט: ווער זענען זיי, אין תּוך, די דאָזיקע, און וואָס פֿאַראַ געמײנזאַמס האָבן מיר מיט זיי? יידן־אַפּשטאַמיקע... וואָס מײנט מען דערמיט? צי פֿאַרענטפֿערט עס שוין אַלץ?... זענען מיר דאָך געבוירן געוואָרן אונטער אַנדערע הימלען און — דאָך. אָט די קורצע אומגעריכטע באַגעגעניש אין יענע בהלהדיקע טעג פֿון יוני 1968, האָט אפשר דערנאָך געפֿירט צו אַ נײַעם קער אין זײַן צעטראָגן, בחוריש לעבן. עפּעס האָט כּסדר גענורטעוועט אין זײַן איבערגעלאָדן געמיט. אפשר איז עס טאַקע — אַטאַוויזם? — האָט ער באַטראַכט — און דאָס האָט אים נאָכמער אומרואיק געמאַכט.

אַזאַ שאַרף געפֿיל האָט זיך אײנמאָל אויפֿגעוועקט אין דאַניעלן, ווען ער האָט ס׳שמאָלע מײדל מיטן זיס־פֿאַרריסענעם נעזל, אַרלעטן, געפֿירט מיט זיך איבער די בערגיקע געסלעך פֿון הויכן בעלוויל, צו ווײַזן איר זײַן אונטערגעגאַנגענע היים. זי איז געקומען פֿון אַן אַנדערער וועלט, פֿון אַן אַנדערער סביבה און האָט זיך צוגעקלעפּט צו אים. זי האָט זיך אַרײַנגעריסן אין זײַן לעבן און — זי וועט שוין — האָט ער אַ טראַכט געטון — אפשר פֿאַרבלײַבן. אָבער — די מאַמע... פֿאַר דער מאַמען האָט אים עפּעס אַלץ ווײ געטון...

די קלײנע האָט זיך געטוליעט צו אים, זיס געפּלאַפּלט, ווי אַ פֿויגעלע, אַרויסגעבראַכט די ווערטער לאַנגזאַם, מיט אַ ביסל אַ פֿאַרנאַשט קול, אונטער דער צונג:

— דאַניעל... — האָט זי זיך געטוליעט צו אים — איר זענט... פֿונדעסטוועגן מאָדנע...

און האָט זיך דערבײַ, מיט געמאַכטער קינדישער נאַיוויטעט, מיט אַ לאַכעלע, נאָכגעפֿרעגט בײַ אים וועגן די סאַמע אומדיסקרעטע קלײניקײטן. „ברייזשיט באַרדאָ״... — איז אים דורכגעפֿלויגן — די קינאָ־וועדעט, וואָס זי ווערט באַטראַכט ווי „נאַציאָנאַל פֿראַנצויזיש פֿאַרמעגן״, מיט איר ראַ־

פינירט־אַנציענדיקן... אויסטון זיך, און פֿאַראַדירן מיט אַלע פֿאַררונדיקטע טיילן פֿון איר גופֿל, שמאָל אין דיך, ווי אַן ערד־ביןן, ברייט אין די היפּטן און שולטערן. זי שפּילט דעם ייִנגלערישן וואַגאַבונד אין אירע „בלודזשינס" מיט די צויטן, וואָס שלעפּן זיך נאָך, און בלייבט — רייצנדיקע פּרוי. זי ברענגט אַריין ריזיקע פֿאַרדינסטן, אין דעוויזן, פֿאַרן לאַנד... אין קאָפּ האָט זיך אים אַ מיש געטון און אַזוי איז ער אַרלעטן אַ לאַנגע צייט נאָכגעגאַנגען.

צונויפגעפירט האָט זיי, פֿאַרשטייט זיך, דער „בולמיש" (בולוואַר סען־מישעל), דער לאַטייִנישער קוואַרטאַל, די פֿאַקולטעטן, די „סאָרבאָן", נאָך פֿריער איידער ער איז אין מײַ 1968, געשטורעמט געוואָרן פֿון „נייעם לינקס", די אָנגערויכערטע קאַפּייען און ביסטראָ׳ס. דאָרט האָט מען טעג און נעכט דיסקוטירט, אַרומגעריסן זיך ; זיי האָבן אָפּגעוואָרפֿן אַלע געטער, און פֿאַר אַלעם — דעם פֿאַרסמטן סטאַליניזם, פּונקט ווי דאָס אַלץ וואָס די „קאָנסומאַציע־געזעלשאַפֿט" האָט באַשאַפֿן ; האָבן זיך אויפסנייַ פֿאַרפּלאָנ־טערט אין די אַלע „איזמען", וואָס זענען ווי איבער נאַכט אויפגעקומען. דאַניעל איז שפּעט אַהיימגעקומען פֿון גאַס, אַן אויפגערודערטער פֿון די דיסקוסיעס און — פֿונם זיסן פֿאַלקס־מיידל אַרלעט.

וואָס האָבן זיי דען געוואָלט, ס׳יונגוואַרג ? אַנהייבן אַלץ פֿון... צעשטערן. אַרויסגעוואַקסן פֿון אַן אונטערגייענדיקן דור, איז דאַניעל ערגעץ הענגען געבליבן אין דער מיט — נישט אַהין, נישט אַהער, אין מיטן פֿון צוויי וועלטן, אַן אָפּגייענדיקע און אַן אומרואיקע וועלט, וואָס מען ווייס נאָכנישט ווי זי וועט מאָרגן אויסזען. צו וועלכער וועלט, האָט ער זיך געפֿרעגט, באַ־לאַנגט ער ?

ניין, ער איז אין די אויגן פֿון די שטוב־לייט נאָך אַלץ נישט געווען „קיין לייט". אַ שטיקל צייט איז ער אפילו „אַרויסגעגאַנגען" מיט אַ ייִדיש מיידל, פֿון די טעכטער פֿון רי דע טירען. די מאַמע האָט געחלשט ס׳זאָל דערפֿון עפּעס „ווערן". זי האָט געקענט אירע עלטערן. באַלעבאַטישע מענ־טשן, אַרויפֿגעאַרבעטע, שטייען גוט אין דער קאָנפֿעקציע. אַן אייניציק טעכ־טערל, אַביסל אַ צעבאַלעוועטע. פֿאַלעט, אַ מיטלוווקסיקע, אַ דיקלעכע, אַ שוואַרץ־חנוודיקע, מיט אַ פּיסקל אויף שרויפֿן, איז געפֿאָרן אין אַן אייגענעם „פּעזשאָ", געפֿאָרן פּרעזענטירן דעם טאַטנס מאָדעלער אין די גרויסע „הייזער" ; פֿאַרפֿאָרן פֿאַרן טויער און מיטן אויטאָ־טרויב געגעבן סיגנאַלן, דאַניעל זאָל אַראָפּקומען.

אַצינד, ווען אַרלעט האָט זיך אַריינגעריסן אין זיין לעבן, איז מיט פֿאַלעטן אויך געווען — אויס. ער איז מער נישט אַרונטער אין דער ראַ־גאָוועך קאַפּע זי צו טרעפֿן ביים שפּיל־קאַסטן, אָדער צו פֿאָרן מיט איר אין די סינעמאַס פֿון עקספּערימענטאַלן פֿילם. ער האָט עס שאַרף דורכגעלעבט, ווי געוויינלעך ביי אים. זי האָט אים מער אין איר וואָגן שפּעט אין אָוונט נישט צוגעפֿירט, נישט געגעבן מער קיין סיגנאַלן, ער זאָל אַרונטערקומען. ער האָט גיך איינגעזען, אַז פֿאַלעט צילט גאָר צו אַ בירגערלעך הויז, צו אַ

ברייט־פאַרריסן געשעפּט אויף רי דע טירען. ער האָט זיך שוין געזען, ווי זיין ברודער מאָריס, אַ צעקאָכטער, שטיין פון פּאַרנט און אָנקוקן, אָנ־קוועלן פון נחת ביי די ברייטע שוי־פענצטער מיט די צעשטעלטע ראָזע מאַנעקינען, דאָס שיינע פּיסל אָפּגעדעקט; דער שמאָל־איינגעצויגענער מאַנטל אין שרייענדיקע קאָלירן, וואָס גיסט זיך ווי אַ קאַסקאַדע אַראָפּ פון די אַקסלען, לויטן לעצטן שניט, לויט דער לעצטער מאָדע. דאָס וועט שוין זיין דער גאַנצער תכלית? און ס׳איז אים מיטאָמאָל ענג געוואָרן אין האַלדז. אפשר איז ער טאַקע צופיל „ערנסט" פאַר די דאָזיקע מיידלעך?

איז ער צוריק אַנטלאָפן צום „בולמיש", צו די ווילד־פאַרוואַקסענע, מיט די אַסקעטישע פּנימער, די האָר־שויבערס, וואָס פאַלן זיי אויף די אַקסלען; אַ גיטאַרע, אַ מאַנאָטאָנע מעלאָדיע; די פּאָפּ־און דזשאַז־מוזיק, וואָס רייסט זיך פון אַלע טראַנזיסטאָרס. אפשר איז טאַקע פאַראַן עפּעס טיפערס אין זייער מאַנאָטאָן געזאַנג, ווי אין זייערע פילאָזאָפיעס, אין זייער אָפּגעלאָזנקייט, אין זייער נאַרקאָטישן קאָשמאַר? זיי מיינען צו אַנטלויפן פון קאָנפאָרמיזם, פון דער דעגענערירטער קאָנסומאַציע־געזעלשאַפט, פון „חזרישן קאַפּיטאַליזם". זייער לעבן איז אַ וואַנזיניק זוכעניש. ס׳זיצט דאָרט איינער אין אַ בלוזע פון דיקן אָוועראָל, מיט שמוציקע נעגל ווי ביי אַ רויב־פויגל. די מיידלעך, אין די הויזן, הענגען אויף אים און זייערע אויסגעלאָשענע בליקן. „כ׳וויל — פּרעדיקט ער — אַנטלויפן ערגעץ אין עק וועלט... די פאַבריקן, די אויטאָס, די אַוויאָנען, פאַרפּעסטן די לופט, די וואַסערן. מ׳דאַרף זיך אומקערן צו דער פרימיטיווער תקופה פון פערד־און וואָגן"...

— ווייט — מאַכט איינער, אַ פריילעכער, אַ ציניקער, און פאַרציט דערביי זיין פּייקעלע — ווּעסטו נישט פאַרפאָרן... ס׳אַ קליין וועלטל...

און דאָ באַלד, אויפן טראָטואַר, טאַנצן זיי אין אַ מין טראַנס פון אַ רעליגיעזער סעקטע. זיי האָבן אַראָפּגעוואָרפן פון זיך די צעכראַסטעטע בלוזעס. אויף די העלדזער און ברוסטן קלימפּערן אַמולעטן פון בלעך, פון שטיינדלעך. זיי וויסן עס אַליין אפשר נישט, אַז איבער זיי הויערט דער פּחד פון אוישוויץ און פון היראָשימאַ. זיי זענען קינדער פון דער אַטאָם־ערע. דער טראַנס ענדיקט זיך אָבער, און מען דערזעט זיך עלנט, שמוציק, ביזן אַראָפּשלינגען נאָך אַ טאַבלעטקע. די שטילערע גייען אַוועק צו דער מיסטיק. אָבער ס׳פירט אויך נישט אין ערגעץ. אַנטוישט אין אַלע ווערטן, איז עס דער בונט פון דער יוגנט, אָן אַ גאָט אין האַרצן, אין זוכעניש פון אַ נייעם גאָט. דער רויך פון נאַרקאָטיק פאַרטונקלט די הימלען. זיי בלייבן פאַר־חלשט, פאַרסמט פון אַלערליי אָפּיומס. ס׳איז נישט אַזוי אַ פּראָגראַם, ווי אַ צושטאַנד פון אומרו. זיי זענען אויפן פאַקולטעט פון פילאָזאָפיע, פון „סיאַנס פּאָ". (פּאָליטישע וויסנשאַפטן), פון מעדעצין, און אַרלעט — זי איז אפילו צוויי מאָל דורכגעפאַלן ביי די עקזאַמענס, אָבער זי לאַכט זיך אויס, און פּראָקלאַמירט:

— וויכטיקער איז מיליטירן... די גאַסן־קאַמפן... מיר — ס׳איז נישט דאָס זעלבע — מיר זענען קאָנסטאַטאַטערן...

— וואָס מיינט עס ?

— מ׳גייט אין אָוונט אַרויס מיט חברים, מיט אַן עמער רויטע פאַרב אין די רייכע קוואַרטאַלן, באַשמירן די ווענט מיטן האַמער און סערפּ, אָדער — מיט ניבול־פה, געווענדעט צו די שונאים פון פאָלק. מ׳כאַפּט מייז און מען לאָזט זיי אַרויס אין די גרויסע רעסטאָראַנען, וווּ די בורזשואַזיע זיצט און פרעסט...

—וואָס זשע איז דער ציל ?

— אויפוועקן דאָס געוויסן פון פאָלק, קלאָר מאַכן די סתירות פון קאַפּיטאַליזם. די בורזשואַזיע און די רעוויזיאָניסטן (קאָמוניסטן) רופן אונז: צעשטערער, צעברעכער. אָט די רעוויזיאָניסטן טיילן זיך צו דעם מאַנאָפּאָל פון דער רעוואָלוציע, פּונקט ווי די „קאָלאַבאָראַטאָרן״, וואָס האָבן זיך צוגע־אייגנט דעם מאָנאָפּאָל פון פּאַטריאָטיזם...

טייל סטודענטן האָבן אָוועקגעוואָרפן זייערע רייכע עלטערן, אָוועק־געוואָרפן די פאַקולטעטן פון „סיאַנס פּאָ״. (פּאָליטישע וויסנשאַפטן), פון יורי, אַריין אין די „רענאָ״־פאַבריקן, צו טיילן דעם גורל פון אַרבעטער, מיטצוהעלפן זייער קאַמף.

— דערוויל — זאָגן זיי — איז נאָך דער פאַקולטעט נישט קיין מאַסן־באַזע, אָנצושפּאַרן זיך. די אמתע באַזע איז די פאַבריק. דאָ איז דאָס פאָלק שטאַרק און די מאַכט — שוואַך.

— אָבער אין דער פאַבריק איז דאָך דער קאָמוניסטישער סינדיקאַט, די ס. זש. ט. שטאַרקער.

— אמת, ס׳איז טרויעריק צוצוזען, ווי דער בורזשוי האָט אויפגע־הערט צו זיין דער שונא פון אַרבעטער. ער איז געוואָרן — דער מאָדעל. נישט די רעוואָלוציע ליגט אים אין זינען, נאָר — דער אויטאָ, די טעלע־וויזיע, די עלעקטרישע־און קיך־אינסטאַלאַציעס. שוין אין יענע צייטן האָט דער בורזשוי געשפּאָט: „די חזירישע אַרבעטער טראַכטן נאָר צו פרעסן און צו טרינקען״...

זיי האָבן מער נישט גערעדט דאָס מוזיקאַלישע פראַנצויזישע לשון פון ראַפינירטן געשמאַק, אפילו נישט דאָס לשון פון מיטל־בירגער, נאָר דאָס לשון פון נעאָ־מאַרקסיסט, דעם וואָקאַבולער פון קלאַסן־קאַמף, פון דער רעוואָלוציע: מאַרקס... מאַרקוזע... נאַטאַן וויינשטאָק... „דער קאָמ־פאַרט און די פּובליסיטעט זענען דער נייער אָפּיום פאַר די מאַסן״...

— נאָך גוט — מאַכט דאָרט איינער — וואָס די אויסלענדישע אַרבע־טער... אַז נישט וואָלט נישט געווען ווער ס׳זאָל צוזאַמענקלייבן זייער מיסט, נעמען אין האַנט אונזערע פּנעוומאַטישע האַמערס, אָדער — אַראָפּצופאַלן פון די הויכע רושטאָוואַניעס און — געהרגעט ווערן... די

בורזשואַזיע איז דער שוואַרצער, פינצטערער כוח, אָבער די א. ג. קאָמוניסטן — דער שוואַרצער רויטער כוח. אין 1939 האָט דער גענעראַל־שטאַב, אַנ־שטאָט צו שיקן די אַרמיי אין קאַמף, זיי פאַרשטעקט אין די אונטערערדישע קלימאַטיזירטע באַסטיאָנען פון דער מאַזשינאָ־ליניע. מ׳האָט עס גערופן: „די קאָמישע מלחמה", פונקט ווי די קאָמ. פּאַרטיי האָט דעמאָלט געמאַכט „די קאָמישע רעוואָלוציע". די אַרבעטער רעדן פּראָסט, אָבער ערלעך. די שיינע געזעלשאַפט דריקט זיך אויס אידעל, ווייל זיי רעדן — פאַלש. די ווערטער צ. ב. אויסוווּרף, קאַנאַליע, זענען אינגאַנצן פאַרשוווּנדן פון זייער וואָקאַבולער. מיר רופן אַן זאַכן ביים ריכטיקן נאָמען. ווען אַ פּאַטראָן פירט זיך אויף ווי אַ חזיר, רופן מיר אים — חזיר...

ס׳רוב צעפּלאַשעטע, אָבער טייל אפילו מיט שיין־געפלעגטע בערד, אַ־לאַ זשאָרעס, אַ־לאַ גאַמבעטאַ, אַ־לאַ 1900, האָבן זיי זיך דערמאָנט, אַז שוין די סטודענטן ביי פלאָבערן אין זיין „סענטימענטאַלע דערציאונג", האָבן געוואָרפן די לאָזונגען: „נידער מיט די באַקאַלאַראַטן! נידער מיט די אוניווערסיטעט־שומרים!". זיי רעדן, מוז מען זאָגן, גאַנץ לאָגיש:

— דער ווילן צו מאַכט און צו הערשן, איז — דער שונא פון פאָלק. צי ס׳איז אַ שעף פון אַ פאַבריק, און ער טעראָריזירט די אַרבעטער, אָדער ס׳איז אַ היטלער, אַ סטאַלין, און — ער שיקט מיליאָנען מענטשן צום טויט. מאַאָ, לענין, טשע־געוואַראַ, זענען נישט אונזערע אידעאַלן, נאָר מאָדעלן.

„מאַרקס האָט דאָס געזאָגט... מאַרקס האָט דאָס קיינמאָל נישט גע־זאָגט..." — דאָס זענען די פאָרמולן, וואָס מען הערט אין די אָנגערויכערטע טאַווערנעס.

— גוט, פאַרניכטן אַלץ... — פרעגט עמיצער פון זיי, נישט אָן אַביסל איראָניע — אָבער וואָס רעכנט איר אויפצובויען אויף די רואינען?...

— די קריטיק און די דעסטרוקציע, זענען דער אָנהייב פון קאָנס־טרוקציע. ווען מען קריטיקירט ראַדיקאַל — קאָנסטרואירט מען. אַלץ איז נאָך צום באַשאַפן. וואָס מיר ווילן? מיר ווילן ברויט און רויזן פאַר אַלעמען...

נאָך די אַלע הייסע רייד, זענען דאַניעל און אַרלעט צוריקגעגאַנגען צו די אַרבעטער־קוואַרטאַלן פון אַלטן בעלוויל. מ׳האָט זיי געשיקט. דאָס יינגל איז דאָרט איינמאָל, אין עפּעס אַ קענטלעכן, דעמפּיקן פאַרנאַכט, וואָס ער האָט נאָך דוכט זיך, נעפּלדיק פאַרגעדענקט, ווי פון אַן אַנדערער עקזיס־טענץ, געגאַנגען מיט איילנקע טריט איבער אַ האַלב־פינצטערלעכער גאַס, מיט אַ קעסעלע קליי, באַשמירט די פּלויטן, די ווענט; ס׳מיידל, אין אָפּ־געטראָגענעם מענטעלע, אין די בלודזשינס, איז באַלד נאָך אים אונטער־געקומען, צעקלעפּט די אַפישן, מיט לאָזונגען, מיטן רוף צו מיטינגען, דעמאָנסטראַציעס, שטרייקן, אומצוואַרפן, מיט איין וואָרט, די אַלטע אָרדע־נונג פון קאָנסומאַציע און סטרוקטואַליזם. די ווערטער זענען געווען גרויסע, קוואַדראַטנע, שוואַרצע, אויף אַ פלאַמיק־רויטן פאָן; און פון די שוואַרצע,

ווערטיקאַלע פּאַסן, ווי תפיסה־קראַטן, האָט זיך שאַרף אַרויסגעשניטן דער באַקאַנטער סילועט פון לעוו דאַווידאָוויטש טראָצקי — זיין לייבן־גריווע, דאָס כאַראַקטעריסטישע בערדעלע זיינס, אפילו דעם פינקל פון די אַלט־מאָדישע פענסנע, פון יענעם דור, האָט זיך דעם מאָלער איינגעגעבן אַרויס־צובאַקומען, ווי אויך זיין פאַרביסענעם אונטערשטן מויל־געביס. צי האָבן זיי — פרעגט זיך — דען טאַקע באמת באַגריפן דאָס שטורמישע לעבן זיינס, די עפּאָכע, די שאַרפע אידייאישע זיגזאַגן, און לסוף — זיין יידישן קאָמפּלעקס, ביזן גרויזאַמען מאָרד איבער אים, דורך דער האַנט פון אַ מיאוסן פאַרעטער? די וועגט אַרום זענען שוין סיי ווי געווען פאַרקלעפּט מיט אַפישן און לאָזונגען פון אַלע לינקיסטן־גרופּירונגען — מאַאָ, טשע־געוואַראַ, ווי אויך פון די, וואָס רופן זיך נאָך, אָן שום חרפה, קאָמוניסטן...

„ס'איז אפשר טאַקע אַטאַוויזם"... — האָט דאַניעל קיל באַטראַכט, ווען ער איז נאָך אַמאָל צוריקגעגאַנגען צום אַלטן בעלוויל — „אויב אין אונז גופא לעבן נאָך די אור־אינסטינקטן פון פּרעהיסטאָרישן מענטש, וואָס איז געזעסן אויפן בוים, אין אַנגסט, אין לויער נאָך דער חיה רעה, לעבט דאָך נאָך אוודאי אין אונז אויך די וועלט פון אונזערע אבות, וואָס איז ערשט נישט לאַנג צוריק אַזוי ברוטאַל אונטערגעגאַנגען, ווען ער אַליין האָט דערזען דאָס ליכט פון טאָג אין אָט די קרומע געסעלעך. קראָקעווער... חבר אהרן... די טראָצקיסטישע אָפּאָזיציע... דער 4־טער אינטערנאַציאָנאַל... ווי די יאָרן פון דער נעפּלדיקער קינדהייט וואָלטן זיך צוריקגעבלעטערט. ס'איז הייסט עס, נישט צו אַנטלויפן. פאַרקערט, ס'האָט זיך אויפגעוועקט אין אים אַ מאָדנע, זיסע נייגעריקייט. דאָס אַנגעהערטע און אַנדערצײלטע אין דער געדיכטער משפחה, צווישן די שטענדיקע געזעמלעך פון די אַנ־געלאָפענע עמיגראַנטן אין הויז ביי זיי, אין דער שניידער־אַטעליע, האָט זיך עפּעס צונויפגעפלאַנטערט מיט די אייגענע, נעפּלדיקע דערמאָנונגען. אפילו דאָס אַלץ, וואָס זיינע אבות האָבן אַמאָל מיטגעבראַכט מיט זיך פון אַן אַנדערער וועלט, אַן אַנדערע העמיספּערע, אַן אַנדער רעאַליטעט ביי די ווייטע סלאַווישע טייכן, ווו זיי זענען נאָך אַלע אַזוי טיף פאַראַנקערט, עד היום, איז געוואָרן אַ טייל פון אים גופא. אים האָט זיך טיילמאָל אויסגעוויזן, אַז ער אַליין איז דאָרט מיטגעווען מיט זיי — אין וואַרשע, אויף די אומ־לעגאַלע אַרבעטער־בערזעס, אין די פּוילישע תפיסות, אפילו אין קאָנצענ־טראַציע־לאַגער קאַרטוז־בערעזע...

ס'איז געווען אַ מאָדנע ענלעכער דעמפּיקער פאַרנאַכט, ווען ער האָט זיך דאָרט איינמאָל פאַרהאַלטן ביים געסעלע, דער פּאַסאַזש, וואָס פאַרדרייט זיך צווישן די גרויע, אָפּגעקראַכענע פאַבריק־ווענט מיט די בלינדע, אויס־געזעצטע שויבן. פון פאַרנט זענען נאָך געווען די קליינע, שימלדיקע, געדרט־לעך, מיטן איינציקן פאַרטריקנטן, אָפּגעדאַרטן בוים פון אַן אומבאַשטימטן מין. די הייזער זענען שוין אָבער געווען אָפּגעליידיקט, פאַרקלאַפּט, די

טירן און פענצטער — פאַרלייגט מיט גרויסע בעטאָן־בלאָקן, אָדער פאַרשפּאַרט מיט געקרייצטע ברעטער. ס׳האָט אָבער אויסגעזען ווי אַ פּאַסאַד, אַ דעקאָראַציע, ווייל פון די הינטערשטע הויפן האָבן זיך שוין גע־ריסן אין הימל אַריין פילשטאָקיקע הייב־מאַשינען, ס׳האָבן געברילט פּנעוומאַטישע האַמערס, בויער־מאַשינען. דאָרט זענען געווען אויסגעגראָבן טיפע גריבער, בעטאָן־קעלערן פאַר פונדאַמענטן, גאַראַזשן, פאַר דער קאַ־נאַליזאַציע. אַ נידעריק, פּראָוויזאָריש פּלויטל האָט אָפּגעטיילט דאָס געסע־לע פון די רחבותדיקע בוי־פּלעצער. זיי האָבן אַצינד אויסגעזען אַזוי ווייט, אונטער אַ ברייטן הימל, אַז מ׳האָט זיך געוווּנדערט — ווי אַזוי האָט זיך דאָ, אין דער ענגעניש פון דעמאָלירטע ווענט, פּלוצים דערנומען אַזאַ רחבות? נאָר דאָס הייזל, וווּ זיי האָבן אַמאָל געוווינט, דער אַרויפגאַנג פון די פּאָר שטיינערנע טרעפּלעך, צו די צוויי נידעריקע שטיבלעך, דורכן פאַרשימלטן גערטל פון פאָרנט, איז נאָך, ווי דורך אַ נס, דערווייל שטיינגעבליבן. די זעלבע פינצטערע שטיג האָט זיך פאַרדרייט צום ערשטן שטאָק. אָבער אַלץ איז דאָ געשטאַנען שטום, אויסגעשטאָרבן. די שויבן — טייל אויסגעזעצט, טייל — פאַרקלאַפּט מיט ברעטער. דאָ — איז דאַניעל געקומען צום באַ־שלוס — וואָלט געדאַרפט אַנגעשלאָגן ווערן אַ טאָוול, אַ היסטאָרישער דענקמאָל. ס׳איז אונזער געשיכטע! דורך אָט דעם טרעפּל צום ערשטן שטאָק זענען זיי אַלע אוודאי געקומען צושלייכן אין אַזאַ־אַ דעמפיקן פאַרנאַכט — קראָקעווער, חבר אהרן — אַלטע, אויסגעדינטע וועלף פון דער היילי־קער קאָנספּיראַציע. דאָרט אויבן, וווּ די שויבן קוקן פינצטער, אויסגעזעצט, זענען זיי לאַנג געזעסן, אין רויך פון די סיגאַרעטלעך, אין דער פּאַרע, וואָס איז אויפגעגאַנגען פון די טעלער מיט דער אָנגערייכערטער זופּ; די מאַמע מיטן געזינדל האָבן זיי עס צודערלאַנגט אַלעמען פון קיכל, דער באַנדע, פונאַנדערגעזעצט אַרום טיש. קראָקעווער און חבר אהרן זענען דאָרט גע־זעסן אין אַ ווינקל און שטיל געשמועסט ביז שפּעט אין דער נאַכט. פון צייט צו צייט האָבן זיי אָבער אויפגעפלאַמט. וועגן וואָס האָבן זיי דעמאָלט אַזוי הייס דעבאַטירט, אפילו אַרומגעריסן זיך? אין דער צייט, ווען אין אַנדערן צימערל האָט געקלאַפּט דעם אַלטנס ניי־מאַשין, מ׳איז געשוווּמען אין אַ געדיכטער פּאַרע פון די פּרעסלעך; די „הענט" און די פּרעסערס האָבן געזונגען די לידער פון „קאַמף"...

קראָקעווער... חבר אהרן... דער 4־טער אינטערנאַציאָנאַל... און אָט זענען זיי היינט צו טאָג ווידער אַרויסגעשוווּמען פון דער האַלבער פאַר־געסנקייט, זענען אויסגעוואַקסן צו סימבאָלן. מען ציטירט זייערע טעזן, היפּאָטעזן, זייערע פּאַראויסזעאונגען. זיי זענען אָן שום ספק געווען די פּיאָ־נערן פון אַ נייער, אַ באַנייטער אַרבעטער־באַוועגונג. וואָס איז אָבער דאָרט צולעצט פון זיי גופא געוואָרן? וווּ איז זייער געביין אַהינגעקומען? אים האָט זיך נאָר געוואָלט אַ פרעג טון ביים חבר אהרן, איינער פון די שעפער

פון 4־טן אינטערנאַציאָנאַל: „וואָס פאַרא ירושה האָט איר אונז דען גע־לאָזן? — אומגלויבן... מיאוסער פאַראַט... כאָאָס... מיר מוזן אַצינד אַלץ אָנהייבן פון דאָס ניי... מיר, דער נייער דור"...

זיי האָבן נאָך אַלע דעמאָלט אַוודאי געלעבט — מיט פראַזן. דאָס איז זיכער. אָבער חבר אהרן — ווי ס'איז היינט באַוווסט — האָט איינער פון די ערשטע הויך אויסגעשריגן, אַז דער סטאַליניסטישער גאָט איז נאַקעט. דאָס ווערט אים נישט פאַרלייקנט. אָבער ווהין — פרעגט זיך — האָט ער אַליין לסוף זיך דערקייקלט? צום ציוניזם... דעם קרענקלעכן נאַציאָ־נאַליזם...

פּאַריז איז אין זייערע אויגן, אין יענע יאָרן געווען — אַ פּערמאַנענ־טער פאָלקס־יום־טוב. די פייערלעכע פאָלקס־פּראַנט־טעג, מאַסן־שטרייקן, מאַניפעסטאַציעס פון נאַסיאָן ביזן באַסטיל, מיט דער אויפגעהויבענער פויסט... פאַשיסטן, אַנטי־פאַשיסטן... דאָס האָט ער, חבר אהרן, שנאַפּנדיק די לופט אָרום זיך, באַצייטנס דערפילט דעם אָנקום פון גרויסן בייז. אין דער קאַפּיטאַליסטישער וועלט האָט מען נאָך דעמאָלט אַלץ פאַרברענט תבואה, געשאָטן קאַפע אין ים אַריין, געגעבן חזרים צו עסן אָראַנזשן — איינצוהאַלטן די פּרייזן אויפן וועלט־מאַרק; אין דער צייט, ווען דער קרי־זיס אין איראָפּע איז געשטיגן אין גאַלאָפּ; און ביים חבר אהרן איז אַלץ געווען דאָס געפיל, אַז מיר גייען צו אַ נייער קאַטאַסטראָפע. דער פאַר־קריפּלטער סטאַליניסטישער קאָמוניזם האָט אין זייערע אַלעמענס אויגן אויסגעזען — ווי די איינציקע לייזונג. פאַר זיי איז דאָס הערמעטיש־אָפּ־געשלאָסענע רוסלאַנד נאָך אַלץ געווען איינגעהילט אין אַ ראָמאַנטישן שלייער — באַלאַלייקעס... די הוראַ־לידער: „אויב מאָרגן איז קריג"... דער בור־דיאָני־מאַרש... די העראָישע פילמען... דער דניעפּראָסטראָי... דער ווייס־ימ'ישער קאַנאַל, וואָס זיי האָבן אפילו נישט אָנגעהויבן צו וויסן, אַז ער איז געבויט געוואָרן אויף די טויטע גופים פון שקלאַפן.

אַלץ האָט זיך ביי זיי אויסגעמישט אין איין זיסער, פאַרפירערישער ראָמאַנטיק. דער מאַרקסיסטישער זשאַרגאָן, די דיאַלעקטיק זייערע, האָט זיך וווּנדערלעך אַריינגעפּאַסט אין דער אויפגעשטורעמטער צייט: די שער, וואָס עפנט זיך און קען זיך מער נישט פאַרמאַכן; די עקאָנאָמישע קריזיסן, וואָס קומען ציקלענווייז, ביז — קאַטאַסטראָפע פון קאַפּיטאַליזם. אפילו ווייטלעכע אינטעלעקטועלע, קאַבינעט־מענטשן, האָבן געזען די גרויסע לאָגיק אין רוסישן עקספּערימענט. אייניקע האָבן שוין אָבער דעמאָלט צו־ביסלעך גענומען צווייפלען, ווי אַנדריי זשיד, למשל. מ'האָט זיי מיאוס פאַר־שריגן. און ער, חבר אהרן, איז געווען מער פילבאַר ווי אַלע. אַזוי האָט זיך אַרויסגעוויזן. ס'איז שווער געווען צו באַפרייען זיך פון דער מאַרקסיס־טישער דיאַלעקטיק, פּונקט ווי פון דער פרויד'יאַנישער. זיי, די אָרעמע, האָבן אָבער נאָך דעמאָלט פאַקטיש געוווסט שרעקלעך ווייניק וועגן רוס־

לאַנד, אַ חוץ עפּעס וועגן הונגער, נאָכן פּעריאָד פון דער אויפגעצוווּנגע־נער קאָלעקטיוויזאַציע; כאָטש ס׳איז שוין געווען נאָך די אינסצעניזירטע פּראָצעסן, נאָכן אינערלעכן מאָרד־קאַשמאַר פון יאָר 1937. זיי האָבן זיך נאָך אַלץ איינגערעדט — ס׳איז די ירושה פון עבר, דאָס וויכטיקסטע איז — די צוקונפט. די פּאַרטיי האָט געזאָגט: רוסלאַנד איז פאַר די, וואָס האָבן שוין אויסגעקעמפט די רעוואָלוציע, מיר דאַרפן דאָ שטיין אויף דער וואַך. ס׳האָט זיך שוין ביי אייניקע געהאַט אַריינגעכאַפּט אַ שטיקל צווייפל, אָבער מ׳האָט נאָך אַלץ אויסגעפירט דירעקטיוון. קיינער האָט זיך נישט געכאַפּט באַלד, אַז דער בירגער־קריג אין שפּאַניע איז, אייגנטלעך, געווען די גע־נעראַל־רעפּעטיציע פון ביידע צדדים, און באַלד דערנאָך... קיינעם איז שוין נישט געלעגן אין זינען — די מאָסקווער פּראָצעסן. זינאָוויעוו, קאַ־מענעוו, בוכאַרין זענען דאָרט פאַרמשפּט און פאַרשריגן געוואָרן ווי אַמע־ריקאַנער, ווי יאַפּאַנישע, ווי ענגלישע שפּיאָנען. ביי אַנדרע מאַלראָ אין זיין „צייט פון פאַראַכטונג” זאָגט זיך ערגעץ: „אַ לעבן איז נישט קיין סך ווערט, אָבער אַלץ איז ווערט — אַ לעבן”. זיי האָבן דאָרט אַלע בלינד נאָכגערעדט — רעוואָלוציאָנערע יוסטיץ... דערשיסן... ליקווידירן... דאָס וויכטיקסטע זענען — די אינטערעסן פון דער רעוואָלוציע, וואָס גייט זיגרייך פאָרויס... אָבער ווען מ׳וועקט אייך אויף אין פריען באַגינען און מ׳פירט אייך צו דער עקזעקוציע... אָט דעם שוידער האָבן זיי אַביסל שפּעטער אַליין דער־פילט און פאַרשטאַנען. נישט אַלעמאָל רעאַגירט מען באַלד אויף אַ גרויסן שאָק. אַזוי איז אויך דער סטאַלין־היטלער־אָפּמאַך אין יענע טעג ווי פאַר־ביי פאַרן אויער. איינער פון די, וועלכע זענען געקומען אַנצולויפן פון שפּאַ־ניע (און אפשר טאַקע דער חבר בער) האָט אַזוי אַ זאָג געטון, נישט אָן ביטערער איראָניע: „מען מאַכט, ווייזט זיך אַרויס, מלחמות פאַר — ווער־טער... סלאָגאַנען. קאָמוניזם קעגן קאַפּיטאַליזם... מ׳דאַרף ברענגען אין קאָנפליקט ווערטער, כדי צו שיקן מענטשן פאַרגיסן זייער בלוט... אָבער אין תוך נישט מער ווי — ווערטער”...

און אים, דעם חבר אהרן — ווי ס׳איז היינט באַוווּסט — איז דאָ אפשר ס׳ערשטע מאָל אויסגעקומען אַ טראַכט צו טון — די יידן־פראַגע. דאָס וואָרט איז מסתמא אויף זיין צונג נאָך געלעגן אַ פרעמדס, ווייל ס׳האָט אים אַלע יאָרן מאָדנע געגרילצט אין די אויערן, אַרויסגערופן אַ מין איבל. דאָס איז איינס פון די ווערטער־קאָמבינאַציעס, וואָס האָבן אַרויסגערופן אַזויפיל פאַרביטערטע, פּרוכטלאָזע פּאַרטיי־דיסקוסיעס; כאָטש די פראַגע איז דאָך פאַקטיש אויך געווען אין תוך פון אַלע יידישע אַרבעטער־פּאַר־טייען, פון „בונד” ביז די עקסטרעם־לינקע. יעדער איינער האָט געזוכט די לייזונג לויט זיינע טעאָרעטישע באַגרינדונגען. חבר אהרן האָט זיך אפילו דערטראַכט דערצו — דערציילט מען — אַז יעדעס פאָלק, אפילו

יעדע פּאַרטיי, האָט זיך זייער ציוניזם, און קיינער וואַרפט זיי דערפאַר גאַרנישט פאָר.

אַצינד האָט עס דאַניעל קוים אָנגעהויבן צו פאַרשטיין — ס׳איז געלעגן אין זייער הינטערבאַוווסטזיין — די געשיכטע, די טרויעריקע געשיכטע זייערע פון געטאָס, יידן־שחיטות, פאַלשע משיחים, אין בענקשאַפט נאָך גאולה. די פרומע גרייזן האָבן עס יעדן טאָג איבערגעחזרט מיט שעפּטשענדיקע ליפּן אין זייערע תפילות. דאָס אַנטלויפן צו פרעמדע געטער, אידעאָלאָגיעס, האָט לויט זיי נאָך, גאַרנישט געלייזט. דער אַלטער מאַרקסיסט שאַרל ראַפּאָפּאָרט, איינער פון די שענסטע פיגורן פון דער פראַנצויזישער אַרבעטער־באַוועגונג, האָט אין די מלחמה־יאָרן, פאַר זיין טויט, געזאָלט אַ זאָג טון, אַז אויף זיין מצבה וואָלט באַדאַרפט אָנגעשריבן ווערן: „דאָ ליגט אַ ייד, אַ סאָציאַליסט, וואָס האָט געטאָן אַלץ פאַר אַנדערע, אָבער גאַרנישט — פאַר זיין אייגן פאָלק". אָדער אפילו נאָך פריער, די נביאות פון לעאָן בלום אויפן שפּאַלטונג־קאָנגרעס אין טור, אין 1920... ווי אויך אין די זכרונות פון סאָציאַל־רעוואָלוציאָנער, פון מאַרטאָוו, וואָס האָט אַמאָל באַקעמפט דעם „בונד", ווייל ער, דער „בונד", האָט געפאָדערט נישט מער ווי — אַן אָרעמע נאַציאָנאַל־קולטורעלע אויטאָנאָמיע: „דוכט זיך אַז מיר האָבן זיך טועה געווען"... און אָט האָט אים טראָצקי צולעצט, דעם חבר אהרן, נאָך די לאַנגע שמועסן זייערע, אַ פרעג געטון, ווען זיי האָבן זיך שטרענג־קאָנספּיראַטיוו, געטראָפן אין פאָטאָגראַפישן אַנשטאַלט, אין ווערסאַיל: „כ׳בין נייגעריק צו וויסן — האָט ער אים אַ פרעג געטון — ווי עס האַלט דאָרטן, אין דער הסתדרות, מיט דער יידישער אַרבעטערשאַפט אין ארץ ישראל"... אָבער וואָס ווייסן מיר דען היינט וועגן טראָצקין?

מאָדנע, ווי דאָס אַלץ וואָלט אַצינד געווען אַ טייל פון זיינע, דאַניעלס, אייגענע קינדערישע דערמאָנונגען. אָט דיסקוטירן זיי דאָרט, אין די אָנגערויכטעטע קאַפייען און טאַווערנעס, אויפן סען מישעל, אָבער וואָס וויסן זיי וועגן דעם עלטערן דור, וואָס האָט געקעמפט פאָר אונז? פונדעסטוועגן איז ער זיי בלינד נאָכגעגאַנגען, בלינד נאָכגעגאַנגען דאָס זיסע פּאַריזער פאָלקס־מיידל, אַרלעט. ער איז צוריקגעגאַנגען צום אַלטן בעלוויל און האָט אים מער אַזויווי נישט דערקענט. דער אַרבעטער־קוואַרטאַל מיט די שמאָלע געסעלעך און פאַרשטעקטע האָטעלעכלעך, רינט אויס פאַר אונזערע אויגן כמעט. נישט אָן אַביסל פאַרקלעמטער נאָסטאַלגיע שלייכט מען זיך אַמאָל, אין אַן ענגלעכן דעמפּיקן פאַרנאַכט, פאַרביי, דעם בליק פאַרריסן צו די הויכע, ביי־אויסגעוואַקסענע הייזער־בלאָקן. מ׳האָט דאָ טאַקע אַריינגעלאָזן אַ סך זון, לופט און גרינס אין אויפגעריסענעם פינצטערן לאַבירינט פון די געסעלעך — ברייטע אַספאַלט־ברוקן, ס׳בליצן רויטע און גרינע פייערן ביי די פאַרקער־פונקטן, די נעאָנען פאַרבלענדן, סופּער־מאַרקעטן; אָבער עפּעס פילט מען זיך מער נישט אַזוי היימישלעך. אויף די זעלבע ראָגן, ווו ס׳זע־

נען אויסגעוואַקסן און רייסן זיך אין הימל אַריין די פּילשטאָקיקע, גרויע אייזן־בעטאָן קאַסטנס, מיטן קאַלטן בליאַסק פון גלאָז־ווענט, סטיללאָז, אָן אַ ברעקל פאַנטאַזיע, אָן דער ראָמאַנטיק פון פאַרגאַנגענע עפּאָכעס. אין די ערב־מלחמה־יאָרן, האָט אין די פאַרשטעקטע, בלינדע האָטעלן, אין די נידעריקע, אָפּגעקראָכענע מייערלעך, געגעסטיקט אַ יונגער, פריילעכער, הונגעריקער יידישער אָנגעלויף; דאָ האָט געגעסטיקט, אין אַ זייט פון אַ פּאָליצייאיש אויג, אָן אידעאַליסטישע יידישע יוגנט, אַנטרונען פון די שטעט און שטעטלעך אין פּוילן. אין אַ פינצטערן פּאַסאַזש האָט דאָ ערגעץ גערוישט דער אָרעמער, אָרומגעריסענער „בעלווילער אַרבעטער־קלוב". ווי שיין זיי האָבן דעמאָלט געגלויבט! פאַרוואָגלטע, אַרויסגעוואָרפענע אין דער וועלט אַריין אויפן הפקר, אָבער ווי לייכט זיי האָבן געאָטעמט אין דער געשפּאַנטער אַטמאָספער פון הויכע אידעאַלן; אָן אַ שטיקל „פּאַפּיר", אָן אַ פראַנק אין קעשענע. דער טאָטאַלער יושר, האָט זיך זיי געדאַכט, איז בלויז אויף זייער צד. צי דען האָט מען געקענט זיין אַזוי ווייטזעעוודיק, דורכצודרינגען דעם געדיכטן חושך, וואָס האָט זיך באַלד דערנאָך אַראָפּ־געלאָזן אויף זייערע קעפּ?

צופוסנס דער אַלטער קירכע פון מענילמאָנטאַן, (בלויז די קירכע איז ביז היינטיקן טאָג שטיינגעבליבן, נישט גערירט), איז ער דאָ, אין לאַבירינט פון די געסעלעך און הינטער־הויפן, ערב אַלע אונזערע אומגליקן, געקומען אויף דער וועלט; אין אַ שטיבל, וווּ ס'איז אינמיטן העלן טאָג פינצטער געווען, אין נעפּל פון דער געדיכטער פּאַרע, וואָס איז אויפגעגאַנגען פון די צען־פונטיקע פרעס־אייזנס. עופהלעך האָבן זיך קראַנק געריסן אונטערן נידעריקן באַלקן, אין די ענגע שטיבלעך, מיט פאַרנעפּלטע שויבן צו די בלינדע הויפן.

און לסוף — די סאָציאַלע פאַרוואַנדלונג און דעקלאַסירונג פון זיי אַלעמען, ווי דער ברודער מאָריס, אַ שטייגער, מיט זיינע ברייט־צעלייגטע שויי־פענצטער אויף רי דע טירען? צי איז עס, פרעגט זיך, צופעליק? צי איז עס נישט די „איבערגעקערטע פּיראַמידע", וווהין ס'דערפירט אונז אומעטום, און וועגן וועלכער ס'רעדט זיך אין זייערע פאַרגעלטע בראָשורן און ביכלעך?...

קאַפּיטל 18

## רי דע טירען

אָנהייב סעפּטעמבער, ווען ס'שטעלט זיך באַצייטנס דער האַרבסט־סעזאָן, איז די לאַנגע רי דע טירען, ביז ווייט־אַראָפּ, אַרום די געסלעך פון

„פלעצל״, די „מארעי״־געגנט, פארווישט אין א דורכזיכטיקן, קוים־זעבארן נעפל; אלץ קוקט דא נאך אויס ווי אויף אן אלטער גראוויור. א שיפע זון פאלט קרום אויף די אפגעקראכענע מויערן מיט די אלטמאדישע קארניזן, אינקרוסטאציעס פון פארגאנגענע יארהונדערטער. ס׳שטייט שוין באצייטנס דער נייער סעזאן־טומל אין די טיפע הייף, פאר די איינפאר־טויערן. די גאס איז ווידער געדיכט פארשטעלט מיט וואגנס. ס׳איז די „בלויע זאנע״. ס׳דרייען זיך דא ארום די פאליסלייט, האלטן אין איין פארשרייבן פראטאקאלן, פארשטעקן זיי אין די שויבן. די באגלאזטע טירן, די וויטרינעס, זענען פארשטעלט און פארלייגט מיט פרישע שטאפן, מיט פארכאפנדיקע מאדעלער.

די לאנגע, געדרייטע גאס לויפט ביז דער רי דע ריוואלי, צווישן דער אלטער, אמאל אריסטאקראטישער „מארעי״־געגנט. דא ערגעץ האט אמאל דער נאפאלעאנישער גענעראל טירען געהאט שטיין זיין פריוואטהאטעל. ס׳ווערן רעסטאווירט די אמאליקע אפגעשלאסענע פאלאצלעך פון מארקיזן, קעניגלעכע קורטיזאנעס, פארוואנדלט אין מוזייען. די גאס לויפט אין א קרומער ליניע, פאראלעל צום „בולוואר פון פארברעכן״, ווי ער האט זיך גערופן אין פאריקן יארהונדערט; דארט זענען אמאל געדיכט אנגעזעצט געווען איינס לעבן אנדערן די ביסטרא׳ס פארן המון, די בולווארטעאטערן, די בארדעלן. דא ארום באסטיל, ארום פאבור סט. אנטואן, האט דאס פאלק פון פאריז קאנספירירט, איז אויפגעשטאנען קעגן אבסאלוטיזם, קעגן דער מאנארכיע. אבער אין די לעצטע יארן איז די אלטע, היסטארישע גאס אנגעפיקעוועט, טיר־ביי־טיר, טויער־ביי־טויער, מיט יידישע געשעפטן פון קאנפעקציע, אין די טיפע הייף — די אטעליעס.

באלד אין די ערשטע נאך־מלחמה־יארן האבן יידן דערשמעקט — ס׳איז ארץ־ישראל־ערד. מ׳האט דא אין דער געגנט געמומען זוכן מיט ליכט א טיר מיט א פענצטער צו דער גאס. אפילו אין די זייטיקע געסלעך האבן זיי אויפגעהאקט טירן מיט וויסטאוועס. די קליינע פראנצויזישע שפייז־געוועלבלעך, גאלאנטעריי־געוועלבלעך פאר דריי גראשן, אפילו בעקערייען, האבן זיך געשלאסן, זענען דורך די צעטומלטע יידן אפגעקויפט געווארן, צוזאמען מיט די ווענט, פאר שיינע געלטער. די פרייזן האבן געהאלטן אין איין שטייגן. די אלטע פאסאדן זענען געווארן איבערגעווארפן, אפגעפרישט. די רונדע, פעסטע זיילן, ווו ס׳זענען אויך אדורך קוימען־לופטעס — אונטערגעשפארט מיט פעסטע אייזן־בעטאן־קאלאנעס. מ׳האט אראפגעקלאפט דעם טינק פון די סופיטן, געבראכן ווענט פון ענגע, האלב־פינצטערע דירהלעך, וואס זענען פון אומפארגעסלעכע צייטן אן נישט רעמאנטירט געווארן. דעקאראטארן זענען אראפגעקומען, אויסצושטאטן, באפוצן די פאסאדן, די וויטרינעס, אלץ אויף ניי און מאדערן. ס׳האט דארט איינגיכן

פאַרבלאַנקט מיט ניקל, מיט ברייטע, הויכע גלאָז־ווענט, ביזן ערשטן שטאָק אַרויף. אין די טיפע, האַלב־טונקעלע לאָקאַלן האָבן זיך אָנגעצונדן אינמיטן העלן טאָג נעאָן־ליכטער, ווי זונען. די פּאַליצעס — פול באַלייגט מיט באַלן שטאָף, ביז טיף אַראָפּ באַהאָנגען, אויף געשטעלן מיט ראָל־רעדלעך — מיט מענער־און פרויען־קאָנפעקציע. הויכע לאַסט־וועגן זענען כסדר פאַרפאָרן פאַרן הויז, אָפּגעלאַדעוועט באַלן שטאָפן, דירעקט פון די גרויסע טעקסטיל־פאַבריקן, אין רובע, אין טורקואַן, אין ליל, וואָס אין דער נאָרד. די אויס־געוואַשענע שוי־פענצטער זענען דורך די דעקאָראַטאָרן באַשטעלט און באַלייגט געווען מיט מאַנעקינען, אין דער ראַם פון פּיטאָרעסקע סאַלאָן־קליינקייטן, מיט אַלטע יאַגד־ביקסן, און אויסגעשטאָפּטע הינט מיט אַרויס־געשטעקטע ראָזע צונגען, ווי אין די פּאַרצייטישע פּריצישע שלעסער. דאָס אַלץ האָט געשאַפן אַטמאָספער.

— ס׳שמעקט, אויף מיין וואָרט, אַראָפּ!... — איז דער ברודער מאָריס, אַ פּריש־געגאָלטער, מיט אַ בייכל, וואָס האָט זיך אים שוין באַ־צייטנס געשניטן, שטיינגעבליבן פאַר דער שויב פון פאָרנט, זיך מחיה געווען און גאָר אַליין נישט געכאַפּט זיך, אַז — ער רעדט צו זיך אַליין.

דאָס אויג האָט אָנגעקוועלט פון גלאַטיקן שטיקל אַרבעט, דעם האַרבסט־מאַנטל, אין געשפּריצטע קאָלירן, וואָס פאַלט פון די איידעלע אַקסלען ביים שיינעם, שמאָל־איינגעצויגענעם פאַריזער שיקסל, מיטן גע־טאָקטן, לייכט־פאַרריסענעם נעזל, געגאָסן אין ראָזן וואַקס; דער קוים־אָנ־געצייכנטער ביוסט, דאָס שיינע פיסל, וואָס קוקט ממזריש אַפער אַ שטיק העכער פון די קני.

אין דער ראָגאָווער קאַפע, ווו מ׳כאַפּט זיך אַריין מיטאָג־צייט אויף אַ יידישן „אַפּעריטיוו״, ס׳הייסט, אַ קאַפּע־קרעם, האָט איינער, אַן אַלטער, אויסגעקאָכטער סוחר, אַליין אַ וואַרשעווער, געלאָזן ברייט גיין זיין צונג:

— צ׳הערט מענטשן? — האָט זיך דאָ איינער אַרויסגעכאַפּט — און אפשר גאָרנישט נאַריש! — אַז מיטן בלויזן יידישן פאַרמעגן אויף דער גענשע גאַס אין וואַרשע, אָדער די לאָדזשער פּיאָטרקאָווער גאַס, וואָלט מען פאַר דער מלחמה געקענט אָפּקויפן און אויפבויען גאַנץ ארץ ישראל...

— טאַקע, ווו איז עס אַלץ אַהינגעקומען?... — האָט עמיצער באַ־דויערט.

— געגאַנגען צום טייוול... צוזאַמען מיט די יידן...

— אַקעגן וואָס זאָגסטו עס? — האָט מאָריס פּלוצים אומרואיק אַ פרעג געטון.

— טאַקע אַנטקעגן אַזעלכע, ווי דו אויך... רי דע טירען... רי ד׳ אַבו־קיר... די גרויסע בולוואַרן... איר מיינט, טאַקע?...

— הע־הע... אַזוי שלעכט האַלט עס נאָך דערוויל נישט...

— און איך זאָג דיר, אַז מ'קען גאָרנישט וויסן... מיר האָבן שוין אַזוינס אויך געזען...

יעדע געשלאָסענע געזעלשאַפט האָט זיך איר מאָראַל. אַלע קאָמבי־נאַציעס זענען דערלויבט ביי געשעפט־קאָנקורענץ — אַראָפּלאָזן פון די פּרייזן, ביז אונטערן קרן, אַרויסקוועטשן וואָס ביליקערע אַרבעטס־הענט, אָבער ביי זיי, ביי די יידן פון רו דע טירען, איז אַ וואָרט — אַ וואָרט, נאָכמער ווי אַ וועקסל. אַזאַ איינער, וואָס האָלט דאָ נישט קיין וואָרט אין מסחר, מעג באַלד נעמען און איינפּאַקן זיין גאַנץ געוועלבל און אָפּטראָגן זיך. ווער וועט דען וועלן רעדן מיט אים? ווער וועט אים דען געטרויען פון דאַנען ביז אַהער? אויף אים, אויף מאָריסן, האָבן זיי דאָ אַלע געוואָרפן אַן אויג.

אַזוי צעחושט, ווי ער איז, לאָזט זיך מאָריס צוריקגיין צו דער גלאָז־טיר פון זיין געשעפט. די פּאַרקויפערינס ביי אים, צוויי יונגע, געשיקטע מיידלעך, שיינע, פלינקע, און די סעקרעטאַרין־בוכהאַלטערין, מאַדאַם בלאַנש, אַ פרוי אין די פריע דרייסיקער; זי זיצט אַרויפצו, אין דער אָפּגעטיילטער ביורקע, צווישן מילך־ווייסן טעלעפאָן און דעם שענקל טעקעס, פּאַפּיר־לעך, מוסטערן, קאַטאַלאָגן. אַלץ, מוז מען זאָגן, איז אויף איר קאָפּ, אַלץ איז אין אירע שיין־געפלעגטע הענט. ער קומט צולויפן, בליקט שנעל אַדורך די פרימאָרגן־קאָרעספּאָנדענץ, כאַפּט באַלד דעם וואָגן און לויפט, איילט צו קליענטן, צו אַרבעטס־אַרויסנעמער; אָדער ער קלינגט אַרויף אין „הויז" אַריין, צום קאָנטרעמעטער, זאָגט אָן — מאָסן, קאָלירן, שטאָפן, און — בלייבט אומגעריכט מיטן טרייבל אין האַנט, אַ ווילע פאַרקוקט, ווי געשיקט, די מאַדאַם בלאַנש באַוועגט זיך אין דער קליינער ביורקע; ווי פלינק זי באַוועגט אירע שיינע הענט מיט די לאַנגע, ראָזלעכע נעגל. אירע שאַטינע האָר פאַלן כוואַליעסווייז אַרום איר ליכטיקן האַלדז. ער וואָגט נישט צופיל צו פרעגן, נאָר עפּעס ווייס ער, אַז אין איר פאַמיליע־לעבן איז עפּעס אויך נישט אַלץ ווי ס'באַדאַרף צו זיין. ער באַמערקט טיילמאָל אין דער פרי, ווען זי באַווייזט זיך אין דער באַגלאָזטער טיר, מיט איר דיסקרעטן שמייכל, קוים־געצייכנטע בלויע רעדער אונטער די אויגן; אַ קוים־פאַרדעקטער אומעט שוועבט אין איר בליק. זי איז אָבער ביז גאָר צוריקגעהאַלטן, רעדט ווייניק, און אים, מאָריסן, אינטריגירט עס דווקא.

— מאַדאַם בלאַנש... — קען ער אין דער גאַנצער גראַטשקע אַ מאַך־טון — לאָזט איבער, כ'בעט אייך, די אַלע פּאַפּירלעך אויף שפּעטער. קומט, כ'פאַרבעט אייך אויף אַן אַפּעריטיוו...

זי דרייט זיך אָבער אַרויס מיט אַלערליי תירוצים. זי האָלט דיס־טאַנץ. מיט אַזאַ פרוי, באַקלערט ער, וואָלט גוט געווען אין אַ זונטיק אַמאָל אַרויסצופאָרן, אַרויסנעמען זי אין זיין נייעם „פעזשאָ", וואָס ער האָט ערשט נישט לאַנג אויסגעטוישט, אין איינס פון די אָפּגעלעגענע, חנוודיקע וויג־קעלעך אַרום פּאַריז, ביי דער סען. ער ווייס דאָרט אַן ערטעלע, אויף אַ

וועראַנדע איבערן וואַסער. מ׳עסט דאָרט זייער ראַפינירט, ווי די פראַנ־צויזן קענען. ער מעג זיך אויך אַמאָל אַביסל פאַרגעסן, אַרויסרייסן זיך פון דעם אייביקן הו־האַ. ס׳וויבל זיינס, מאַדלען, איז נישט דאָס; נאָר זי איז פאַרפאַרעט מיט די שטאַפן... מיט די מאָדעלער... גייט אַרום פאַר־שליאָכעט ביי די טעפלעך... ער איז אפילו טיילמאָל מקנא דעם יינגערן ברודער, דאַניעלן, דעם לידיקגייער. מילא, זיין שטודירן דאָרט... באשר דער טאַטע האָט איבערגעלאָזן אַן איינגעפונדעוועט הויז, אַ שטיקל פאַר־מעגן. און ער באַטראַכט איצט, אַז סוף כל סוף האָט דער אַלטער אויך, אייגנטלעך, געהאַט אַ נאַריש, פאַרהאַרעוועט לעבן. אָפּגעשפּאַרט אַ גראַשן, איינגעצערט, געקליבן קניפּלעך, קוים געראַטעוועט ס׳לעבן אין די ביטערע מלחמה־יאָרן, און — אַוועקגעפאַלן פון אַ האַרץ־אַטאַק ביי דער מאַשין. ער איז, בנאמנות, מקנא, דעם יונגערן „בראַטשיק״; פליט זיך אַרום אין צע־טרייבערטן „דע שעוואַ״, מיט דער ווילדער שעוועליורע, מיטן קויטיקן ראַנד־בערדל, פאַרטון אין „ראַטעווען די מענטשהייט״... יאָגט זיך אַרום נאָך די שיינע שיקסלעך, און קומט אַהיים צו דער מאַמען, צום גרייטן...

און ביי אים אַליין שניידט זיך שוין באַצייטנס אַ פּליכל; אַ ריין־אויסגעגאָלט, מילך־ווייס פולבלעך פּנים; האָט אַ נערוועזע טבע נאָכאַנאַנד צו וואַרפן דאָס שליסעלע אויפן קייטל, קונציק, אַרום אַ פינגער. און ער באַטראַכט אַזוי — צעגיין זיך אפשר מיטן וויב... פאַרזאָרגן ס׳פאַרגרינטע טעכטערל... אַרויסצאָלן איר אַ היפשע מטבע, און אַ רעד טון מיט בלאַנשן. זי איז אויסגעקאָכט אין געשעפט, מער פון אים אַליין; כאַטש די געשעפטן גייען — ווי אַמאָל, אַביסל ערגער, אַביסל בעסער. ער האָט עס אין דר׳ערד. דערוויל דרייט זיך נאָך אַ גראַשן אין קעשענע.

אַז זיי קומען אַריין, די לייט פון די „קאָמיטעטן״, לאָזט ער זיך אויך דאָרט קאָסטן אַ פאָר פראַנק. מילא. אַ נאָכשלעפעניש פון דער „רעזיסטאַנס״. אין דער קאַפע, וווּ די סוחרים קומען אַריין טרינקען אַ גלעזל, אַרומצו־שמועסן מסחר־באַנק־קרעדיטן, שטאַפן, מאָדעלער, זאָגן זיי אים אַריין אין דער גאַל אַריין, לאַכנדיק ברייט:

— שוין... מעגסט זיך שוין באַלד איינפּאַקן מיט אַלע דיינע גע־שעפטן... די רוסן... ווי ווייט זענען זיי דען, די רוסן?... ביי זיי שפילט אַ ראָלע?...

— און פאַרוואָס עקספּלואַטירט איר אייערע מענטשן?

— אין דער פאַרפוילטער אָרדענונג, טו איך ווי יעדער איינער. אַז זיי וועלן קומען, וועל איך זיי אַליין אַלץ אַוועקגעבן...

מען לאַכט ברייט. ס׳האַלט נאָך, פאַרשטייט זיך, נישט דערביי. ער איז נישט פון די פאַרשלאָפענע. אַ כיטראַק! ער וועט זיכער דער ערשטער אָפּ־טראָגן זיך מיט זיינע פאָר גילדן. ער האָט שוין זיכער זיינע אָפּגעשפאַרטע

פּאַרמעגנס ערגעץ אינוועסטירט, אָדער פּאַרזיכערט אין אויסלענדישע בענק...

אין רובע, אין טורקואַן, אין ליל, די צפונדיקע גרויסע טעקסטיל־פּאַבריק־צענטערן, דאָרט ליגן נישט קיין יידישע קאַפּיטאַלן. דאָרט הערשט דער הויכער פינאַנץ־קאַפּיטאַל. די יידן פון רי טירען זענען אייגנטלעך נאָר די קליינע העכטלעך — אויספּירער, פּאַרמיטלער. זיי כאַפּן פלינק אונטער די נייע מאָדע־אויסשטעלונגען, צו די ווינטער, זומער און האַרבסט־סעזאָנען — וואָס ס׳וועט גיין אויפן מאַרק, די פאַרבן־גאַמע, דעם שניט. אָבער נישט אַלעמאָל גייט עס. ס׳איז אַ קריזיס אין פאַך. דער דורכשניט־לעכער פראַנצויז טוט זיך נישט אָן, אָבער אַ וואָגן דאַרף מען האָבן. מ׳כאַפּט אַרויף אויף זיך אַ בלודזשין. סיי ווי שמירט מען זיך איין אַרום וואָגן.

דער פראַנצויז גייט אָבער אויף דער ערד, רואיק, באַזאָכט, ביי זיך. ער איז נישט אַזוי פלינק, אָבער — סאָליד. ער איז טויזנט מאָל רייכער, פאַרזיכערט פון דור דורות מיט זיינע פּאַרמעגנס, פון די אַלע יידישע דריי־קעפּ, נאָר מ׳זעט עס גאָרנישט אָן ביי אים. ער קען לאַנגזאַם דרייען אַ סיגאַרעטל פון פראָסטן טאַבאַק אין ביבולע־פּאַפּיר, גיין אין האַלץ־טרע־פּעס, טראָגן אַ פּאָר סאַמעטענע הויזן מיט אַ בערעט איבערן אויער.

ווייל דאָס אַלץ דאָ, אויף רי דע טירען, וועט סוף כל סוף אונטער־גיין, צוזאַמען מיט דער גאַנצער קליין־אינדוסטריע, וואָס ווערט סיי ווי אַרויסגעשטויסן דורך די גרויסע טרעסטן. ס׳איז זיכער. צערודערטע יידי־שע געשעפטן, פונקט ווי — אין זייער אייגן משפחה־לעבן. איין זון — אַ דאָקטער, דער אַנדערער — אַ היפּי; שלעפּט זיך ערגעץ אַרום מיט אַ שיקסע. נאָכוואָס דאַרף ער דאָס אַלץ? ליקווידירן! באַצייטנס ליקווידירן! ס׳איז אָבער לייכטער אויפצושטעלן, ווי צו ליקווידירן. ס׳זענען שוין מער באַלד קיין קונים פאַר די געוועלבער אויך נישט פאַראַן. איינער האָט דאָ געוואָלט אַלץ אָפּגעבן פאַר 200 מיליאָן, דערנאָך — פאַר 150, פאַר 80 מיליאָן וואָלט ער שוין אויך אַוועקגעגעבן. און דערווייל פרעסן אויף די הוצאות. די „סעקוריטע סאָסיאַל״, די מיידלעך, די פאַרקויפערינס. ליק־ווידירן דאַרף מען אָנהייבן מיט אַ יאָר פריער, שטילערהייט, די שכנים זאָלן זיך אפילו נישט כאַפּן. מער נישט איינקויפן, נאָר — סאָלדירן, אויס־פאַרקויפן; כאָטש אין לויף פון יאָר פעלן אויס מאָדעלער, פאַרבן, מאָסן, שטאָפן. ווען ער האָט אָבער די 80 מיליאָן קאַסע־געלט, וואָלט ער פון בלויזן פראָצענט געקענט לעבן אָן זאָרגן. און אַזוי, וואָס האָט ער? — ריזיקע הוצאות, וואָס פרעסן אים אויף.

רי דע טירען... די געגנשע גאָס אין וואַרשע, די נאַלעווקעס... די פּיאָטרקאָווער גאַס אין לאָדזש... ווי זיי זאָגן; און עפּעס שרעקט אים, מאָריסן, טאַקע אַלעמאָל, ווען ער גייט זיך אַזוי אַדורך געמיטלעך, כלומרשט,

נישט געאײַלט, אין אַ רואיקער שעה, פון איין עק ביזן אַנדערן. מיר זע־נען דאָ אַרומגעוואַקסן, כאַפּט ער זיך, ווי ווילדע שוואָמען, אַ טיר־ביי־אַ־טיר, אַ שווי־פּענצטער ביי אַ שווי־פּענצטער, צעלייגט מיט שילדן, מיט איינ־פּאַר־טויערן, מיט סקלאַדעס, וואָס ברעכן זיך פון פּאַרטיקע סחורות. די שילדן פון פּאַרנט, צו דער גאַס, טראָגן טאַקע אָפּגעקירצטע, פאַרדרייטע נעמען פון פירמעס, וואָס קלינגען כלומרשט פראַנצויזיש: „וועטמאַקס״... „קאָנפעקסיאָן זשאַק״... אָבער פאַר אַ געניט אויג איז זיך נישט אויסצובאַ־האַלטן. זיי דערשפּירן עס, ווי די הינט. אַט דערציילן זיי אויך וועגן קור־פירסטנדאַם, וועגן דער גרענאַדיר־שטראַסע אין ערב־היטלערישן בערלין. יידישע הייזער... יידישע געשעפטן... וואָס איז דאָרט פאַרבליבן פון דעם אַלעם? ווי דער ייד אין דער קאַפּע האָט זיך דאָרט צעזונגען: „ס׳איז אין פּראַנט, אַז מען וויל. ער ציט זיך פון רי דע טירען, ביזן — שמאָלן פּאַס לאַנד ביים מיטללענדישן ים. דאָרט גייען מיר יעדן טאָג אָפּ אין בלוט. אָבער מירן זיך פון דאָרט מער נישט רירן! ס׳איז דער ביטערער קאַמף, נישט איבערצולעבן מער אַזעלכע פּחדים, וואָס באַפאַלן דיר פּלוצים, אַז דו קוקסט ניכטער אויף דעם אַלעם דאָ אַרום״...

„און טאַקע, אַז מען וויל גוט באַטראַכטן״ — כאַפּט ער זיך, מאָריס — פון וואָס ציען די אַלע יידן חיונה, אויב נישט פון אַט דער גאַס, פון די עטלעכע אַרומיקע גאַסן? רי דע טירען טוט אַן פראַנקרייך. אויף רי די טירען פליסן מיליאַרדן. פון דאַנען ציען זיי, ווי פּיאַווקעס, די אַלע, מיט זייער מויל־מלאכה, מיט זייערע שרייבערייען, מיט זייערע אינסטיטוציעס. און צי וועט עס זיי דען העלפן, די, וואָס רייסן זיך אַריין אין די פּרייע פּראָפעסיעס? אַ שניידערישער דור, וואָס שיקט די קינדער אין די אוניווער־סיטעטן, צו ראַטעווען זיך פון די יידישע פּאַכן; דאָס שניידערישע שלעפּט זיך אָבער נאָך, פון טאַטעס צו זיידעס, די נאָדל אין לאַץ, דער פינגערהוט — אין וועסטל־קעשענע. 80 פּראָצענט האַרץ־קראַנקע, זאָגן די דאָקטוירים, זענען יידישע פּאַציענטן. און ס׳שפּרינגען אים אין מוח צוריק זיינע אייגענע אומרואיקע מחשבות: ער וועט איר איין מאָל אַ זאָג טון: „הערן זי נאָר, באַלטשע... כ׳מיין, בלאַנש... כ׳קען נישט מער... כ׳בין אפילו גרייט צו צעברעכן אַלץ... אויספּאַרקויפן... אַוועק...״ אָבער ס׳רעדט זיך נאָר אַזוי לייכט אָפּ...

און ווען ס׳האָבן זיך אין יענעם טאָג אַראָפּגעלאָזן די צעקאָכטע, עקזאַלטירטע לייט אויף רי דע טירען און געגומען פּאָדערן, אַז יעדער איינער מוז אונטערשטעלן אַ פּלייצע מדינת ישראל, אַז רי דע טירען דאַרף כאַטש געבן אַן אַוויאָן, אַ „מיראַזש״, איז געוואָרן אַ גרויסע מהומה. ס׳איז געווען אין יענע הייסע טעג פון „די זעקס טעג״. מ׳האָט אפילו דערציילט, אַז ראָטשילד אַליין איז אַראָפּגעקומען, זיך באַזעצט ביי איינעם אַ קאָנ־פעקציאָנער אויפן ערשטן שטאָק, אין אַ רחבותדיקן זאַל, פאַררופן צו זיך

איינעם נאָכן אַנדערן די געשעפט־לייט פון דער יידן־גאַס, פאַרקאַכטע אין מסחר. זיי האָבן געהאַט ביי זיך אַ געגויע ליסטע, און אַליין באַשטימט וויפל יעדער קען און דאַרף אַנידערלייגן, אין קאַסע־געלט; ווייל טשעקן טויגן נישט, טשעקן גייען דורך די בענק, די העכערע פינאַנץ־קאָנטראָל; בעסער נישט אויפצורייסן די אויגן ביי די גוים, אפילו ביי די גוטע גוים. שרייען זיי דאָך כסדר, אַז די קאַפּיטאַלן פליסן אַפּ פון לאַנד. אַט איז אַריינגעקומען דער גאָלד, פון נומער 26. אַ נעטער מאַן, נישט קיין נאַר, האָט אַ קליין געשעפטל און אַן אַטעליע אויפן צווייטן שטאָק. אַ קילער ייד, דוכט זיך, אָבער מיט אַ וואַרעם יידיש האַרץ.

— הער גאָלד — האָבן זיי אים געמאָלדן — פון אייך פאַרלאַנגען מיר צוויי מיליאָן פראַנק...

האָט ער אפילו קיין פינטל נישט געטון מיט אַן אויג, געבעטן אַ פּאָר מינוט, און איז באַלד צוריקגעקומען און אַוועקגעלייגט אויפן טיש דאָס געלט, פּינקטלעך פאַרשנירלט אין פּאַקעטן. ער האָט די קבלה כלאחר־יד פאַרשטעקט ביי זיך אין וועסטל־קעשענע, אַ זאָג געטון: „ס׳זאָל זיין צום געזונט״... ווי ביי אַ חולה, און איז אַוועק. אַנדערע זענען אַליין געקומען צולויפן, איינער האָט זיך אפילו צעוויינט, צעשפּיליעט די וועסטן, אַנגעוואָרפן אַ פולן טיש מיט פּאַפּירלעך. זיי האָבן דאָרט געשריגן: „דו וויסטער קאַליקע, דו... דאָס איז ביי דיר געגנוג?... מ׳דאַרף געבן, ס׳זאָל וויי־טון... כ׳וועל דאָס העמד פון זיך אויסטון״...

אָבער מאָריס האָט זיך נישט שטאַרק געאיילט. ווען מ׳האָט אים באַפוילן אַרויפצוקומען. ער האָט צייט. ס׳ברענט נישט. ער האָט וויכטיקערע געשעפטן. מ׳גיט... מ׳האַלט אין איין געבן... יעדער איינער קומט נאָר מיט אַן אויסגעשטרעקטער האַנט. צווייטנס, ער האַלט גאָרנישט, אַז מען מוז זיך דאָרט אַזוי איינעקשענען. מ׳זאָל נאָכגעבן, דורכקומען מיט די אַראַבער. ער האַלט גאָרנישט...

נו־נו, מער האָט נישט געפעלט. ער איז צומאָרגנס אַריין אין דער קאַפע אויפן ראָג, און קיינער האָט זיך דאָרט מער אויף אים נישט אומגעקוקט, אומגעדרייט צו אים מיט די פּלייצעס. ער איז אַריין צום שכן, אַדורכרעדן מכוח אַפּקויפן דאָס קליינע געשעפטל, מיט די ווענט, ווייל יענער האָט געהאַלטן ביים ליקווידירן; זאָגט ער אים, דער שכן, קורץ און שאַרף:

— ס׳געשעפט מיינס וועל איך פאַרקויפן אַ יידן, נישט אייך...

דאָ איז אים שוין ביטער געוואָרן אין דער נאָז. וואָס הייסט? ער איז צעחושט אַריין צו זיך, צוגעזעצט זיך אין אַ ווינקל, וווּ בלאַנש איז פאַרפּאַרעט ביי די געשעפט־ביכער, ביים טעלעפאָן, און — זי קוקט זיך אויף אים גאָרנישט אום אפילו. ער פּרוּווט רעדן צו איר, דערציילן, און זי:

— מעסיע מאַריס, לאָזט מיך, כ׳בעט איין... דער פלאָנטער מיט די נייע מאָדעלער... די שטייערן־דעקלאַראַציעס... כ׳קען דאָ גאָרנישט אַרויס־קריכן...

ביטער. וואָס ווילן זיי אַלע פון אים האָבן? וואָס האָבן זיי זיך אָנגע־זעצט? און דאָ קומען זיי ווידער אַריין — קינדער־קאָלאָניעס... פּרעסע־פּריינט... אַבאָנירן, אַנאָנסירן... ער קוקט אפילו אין דער יידישער צייטונג נישט אַריין, רייסט נישט אַראָפּ דעם באַנדעראָל. זיי קלייבן זיך אָן שטויסנ־ווייז, מען וואַרפט זיי אין מיסט אַריין. ווער האָט דעם קאָפּ דערצו? אָרעמע מחברים שלאָגן אָפּ די שוועלן מיט עפּעס יידישע ביכלעך. ער ווייס גאָר־נישט וואָס זיי ווידער ווילן פון אים. זיי טרייבט ער פּשוט אַדורך. עס דרייט זיך דאָ אויך עפּעס אַ זשורנאַליסט פון יידישן בלאַט; חנפעט, רעדט צו זיינע „נאַציאָנאַלע געפילן״. ער זוכט אוודאי אויך צו פאַרדינען אַ פּאָר פראַנק; פרעגט זיך נאָך וועגן חתונות, בר־מצוות, צו באַשרייבן עס אין בלאַט. און אים קרענקט דער עיקר — דאָס יונגערע ברודערל, דאַניעל. אַזאַ שטיק גאָרנישט! אַ ליידיקגייער! קומט אַלעמאָל צולויפן אין זיין צע־טרייבערטן „דע שעוואָ״, מ׳זאָל אים געבן געלט. און די מאַמע שטעלט זיך נאָך איין פאַר אים. זי בלייבט דערנאָך שטיין פאַר אים מיט רויט־פאַר־שוואָלענע אויגן, די מאַמע:

— ווי איז מיר... — ברעכט זי די הענט, די מאַמע — ביסט, הער איך, אויך קעגן אונזער שטיקל יידיש לאַנד, מאַריסל... זיי מאָרדעווען זיך דאָרט גענוג. מ׳לאָזט אונז דען לעבן?...

וואָס האָט ער צו ענטפערן דער מאַמען? אַ יידענע! אַז זיין קאָפּ איז גאָר פאַרנומען מיט זיינע אייגענע דאגות. מ׳דאַרף זיין פלינק מיט די מאָדעס, מיט די נייע מאָדעלער, וואָס קומען אויף; און איידער מען קוקט זיך נאָך אַרום, פאַרשווינדן זיי. די קאָנקורענץ... אַז מ׳איז אויפן פּלאַץ, נעמט מען טאַקע אַראָפּ די סמעטענע, ווען דער הייסער סעזאָן שטעלט זיך; ווייל איידער וואָס־ווען, איז — אויס סעזאָן, אויס מאָדע.

אַ גאַנצע וואָך איז ער טאַקע קיסר ביי זיך, נאָר אַז ס׳קומט דער זונטיק, האָט ער זיך נישט ווו אַהינצוטון. ער כאַפּט זיך אַליין, אַז ער איז — אַ גאָרנישט, קיינער קוקט זיך אויף אים נישט אום. אַ גאַנצע וואָך איז ער אין רויש פון דער רי דע טירען, ס׳קומט דער זונטיק, איז ער דער אומגליקלעכסטער מענטש. ס׳איז מיט איין מאָל שטיל אַרום אים. ער האָט נישט מיט זיך וואָס צו טון. קיין קאָרטן־שפּילער, ווי אַנדערע, איז ער נישט, איז נישט פאַרקאָכט אין די „פערדלעך״, אין דער „טיערסע״; זעצט ער זיך פונדעסטוועגן צו ביז מיטאָג צו אַ בעלאָט. ער דאַרף דעם רויש פון דער קאַפע, ער זאָל גאָרנישט מער הערן, גאָרנישט מער געדענקען. אָבער הינטער זיינע פּלייצעס שטייט דער וואַרשעווער ייד און פון זיין מויל פאַלן אַלץ די שטעכיקע רייד:

— מען גיט אייך צו עסן דאָס פלייש, נאָכדעם עסט מען אייך אויף מיט די ביינער... דערפאַר זאָג איך — לייגט אָוועק די פאַר גרייצער פאַר אַ זאַך. מיינט נישט, אַז דאָס גאַנצע געלט גייט אַהין. מ׳דאַרף עס האָבן דאָ אויפן אָרט... מ׳דאַרף איינקויפן סחורה...

און אין גאַנצן רויש פון קאָרטן־טישל, עקבערט אים אַלץ: „די גאַנצע חכמה איז שוין נישט אַזויפיל צו פאַרדינען געלט, נאָר ווי אַזוי האַלט מען עס איין, ס׳זאָל דיר נישט צערינען". דער ייד, דער וואַרשעווער, לערנט מיט זיי:

— ביי די ערשטע 100 מיליאָן, איז מען צעטומלט, צעחושט. דערנאָך — נעמט מען דיר צו ס׳געלט. קויפט מען אַ „האָטעל דע פּאַס" פאַר 70 מיליאָן, נעמט דער זשעראַנט צו ס׳געלט. גיי קאָנטראָליר אים דאָרט! די שטייערן פרעסן אויף. ער וואָלט עס שוין פאַרקויפט פאַר אַ העלפט, אָבער ווו נעמט מען אַ קונה?...

אַזוי רעדט ער, דער ייד, מיט דער בייזער צונג הינטער זיינע פּלייצעס. ס׳איז אמת, קיין זאַך איז אין אונזערע צייטן נישט סטאַביל. און ער דערמאָנט זיך דעם אייגענעם טאַטן זיינעם, איידער ער איז אַוועקגעפאַלן אויפן האַרץ־אַטאַק, ווי אַזוי ער האָט זיך נעבעך געבראָכן דעם קאָפּ צו אינוועסטירן די פּאָר אָרעמע פראַנק. כאַ... ברינואַ... דאָס הייזל אויפן דאָרף... שוין נישט געפונען קיין בעסערע אינוועסטיציעס! וואָס וועט ער דען גיין טענהן מיטן פאַרזויערטן ווייב? וואָס פאַרשטייט זי? דאָ טוט איר וויי דאָס, דאָ טוט איר ווייי יענץ. אַנטלויפט ער פון הויז, פונם פאַרזויערטן ווייב, מיטן פאַרגרינטן טעכטערל. ער דערמאָנט זיך, נעפּלדיק, ווי ר׳האָט אָנומלטן, שוין זייער לאַנג, געזען אין יידישן טעאַטער אַ שטיק (פון דעם שלום עליכמען, דוכט זיך), ווי דער ייד, דער שניידער, קריגט אומגעריכט אַריין אַ פּאָר רובל אין דער האַנט אַריין, און ער ליגט אַפּ נעכט און טראַכט אַריין, וואָס ער זאָל טון דערמיט; ווי אַזוי ער זעט שוין זיין גאָלדען אַרומדרייען זיך אין דער באַלעבאַטישקייט, צווישן די הינדעלעך, מיט אַ בינט שליסלען, און שעלטן די דינסטן... און ווי ס׳לאָזט זיך דערנאָך אויס אַ טייך פון אַלע זיינע שיינע חלומות... צי איז ער נישט געגליכן צום יענעם ייד, דעם שניידער?...

דער זונטיקדיקער טאָג! אַלע געוועלב־טירן אויף רי דע טירען זענען פאַרקלאַפּט. אפילו קיין אויטאָס, וואָס פאַרשטעלן געווינלעך די גאַס, די טויערן, די הייף, זעט מען זעלטן. אַך, ווען בלאַנש... און ער כאַפּט זיך — אין ערגעץ קענען נישט די פרויען אַזוי שיין גיין, אָדער — די קונסט זייערע פון עסן, פון זולל וסובה׳ניקעס. אַ פאַלק פון עולם הזה. דאָס רויטע פלייש ווערט ביי זיי ספּעציעל געהאָדעוועט. זיי נוצן אויס פרעמדע דערפינדונגען, און רימען זיך דערמיט, ווי אייגענע. מען גיט דעם טוריסט גאָרנישט און מען נעמט ביי אים צו דאָס געלט. ווייזט זיי נאָר אַ שפּיץ

פון אַ גרינעם דאָלאַר! און מיר... אפילו פון זנות האָבן מיר קיין הנאה נישט. ביי זיי איז זנות אַליין אויך אַן ענין. אַ מעטרעס — כמעט לעגיטים. און טאַקע אַזוי, אפשר גאָרנישט נאַריש; פונקט ווי זיי געניסן לאַנגזאַם, אויף דער צונג אַ גוט גלעזל ווייַן. אַ ייד אָבער געניסט נישט, ער פּטרט אָפּ, טרינקט, צו פאַרגיסן אין זיך דעם וואָרעם, וואָס טאַטשעט אים.

ער איז אַרויס פון דער קאַפע, אַ פאַרטויבטער, פון רויך, פון די געשרייען, אַוועקגעזעצט זיך צום רעדל, געלאָזן האָסטיק דעם מאָטאָר. ער האָט געוווסט ווו מען קען זי געפינען. פאַרן ווייב האָט ער שוין באַצייטנס אָנגעגרייט עפּעס אַ תירוץ. זיך אָפּגעשטעלט ביים טויער, אויפגעהויבן זיך מיט דער ווינדע, און, ווי ביי אַ ייִנגל, האָט אים געקלאַפּט דאָס האַרץ, איידער ער האָט צוגעלייגט דעם פינגער צום גלעקל. געעפנט האָט אים בלאַנש אַליין. זי איז פונדעסטוועגן געווען שמייכלענדיק און — איבעראַשט; ווי זי וואָלט זיך פאַרט געריכט אויף אים. רעדט נישט קיין סך, שמייכלט דין, קוקט אויף אים ווי אויף אַ נאַריש, צעטראָגן ייִנגל. ער פאַרבעט זי מיטצופאָרן אויף דער „גאַרדען־פּאַרטי". זי וואַקלט זיך אַביסל און — פאָרט מיט. זיי זעצן זיך אַריין אין וואָגן, און ער לאָזט זיך אַראָפּ צו די ווייטע פאַרשטעט אַרום פּאַריז. איינער אַ רייכער ייִד האָט דאָרט שטיין אַ הויז מיט אַ גרויסן גאָרטן. דער אַריינפאָר איז פאַרשטעלט מיט אויטאָס, ברייט־פאַררויסענע, פון לעצטן מאָדעל. וועמען באַגעגנט מען דאָ נישט? קאָנפעקציאָנערן פון רי דע טירען, טריקאָ־פאַבריקאַנטן, פוריער־געשעפטסלייט. אַ רייע טישלעך אינמיטן גאָרטן און מען שפּילט אין קאָרטן. מ'שטופּט זיך אַרום בופעט, באַלייגט מיט אַלדאָס גוטס. די גאָמבעס ווערן ביי זיי פעט פון די שטיקער שמאַלץ־הערינג, פון די לעבערלעך. זיי פאַרוואָרפן דעם קאָפּ און לאָזן אַרונטער די קעלישקעס וואָדקאָ. זיי לאָזן זיך דאָ טאַקע שיין קאָסטן אויף כלל־זאַכן, ס'זאָל שטיין באַשריבן אין ייִדישן בלאַט, מיט זייערע נעמען. הינטער זיי איז אויסגעשטיגן דער באַרימטער אינהאָבער פון דער פירמע „טריגאַנאָ", פון אַ גלאַנציקן וואָגן, אין אַ גאַלאַ־אָנצוג מיט זיידענע קלאַפּעס, וואָס איז געהאָנגען אויף אים ווי אויף אַ מאַנעקין. דאָס געעלטערטע ווייב מיטן קורצן קליידל, מיטן צו־שרייענדיקן דעקאָלט, טרעט פון אים נישט אָפּ. ווער ס'איז נאָר אונטערגעקומען — אַ בלימל אין לאַץ, אַ לאָטעריע־צעטל, צו געווינען אַ מנורה, אַ בלוי־ווייס פענדל, — האָט ער געוואָרפן באַנקנאָטן, נישט אומקוקנדיק זיך אפילו. מ'האָט אים פון אַלע זייטן געריסן, געשטעקט הענט, ברייט באַגריסט מיט אַלע אויסגעטראַכטע ערן־טיטלען. ער האָט דערלאַנגט דעם און יענעם צוויי שפּיץ־פינגער, און געגאַנגען צו די קאָרטן־טישלעך, שטייף, ווי אויסגעשטאָפּט. אינמיטן איז אים באַפאַלן דער גליטשיקער רעפּאָרטער, מיט זיסע רייד:

— געשעצטער קאָלעגע... שוין לאַנג נישט געהאַט דעם כבוד...

ער נייגט זיך, און בייגט זיך, חנפעט. ער גייט אים נאָך ביזן בופעט, און יענער הייסט דערלאַנגען אַ שנאַפּס, לעבערלעך, אַ שטיק פּאַרגליווערטע פוס, גאַלער בלע׳ז.

אָבער מאָריס פאַרהאַלט זיך דאָרט נישט לאַנג. ער לאָזט איבער די גאַנצע גראַטשקע, מיט די פייערלעכע רעדעס וועגן „אונזער מדינה", און לאָזט דעם מאָטאָר, קערעוועט זיך אַראָפּ צום רעסטאָראַן, אויף דער טעראַסע, מיט די הענגענדיקע ווערבעס איבערן וואַסערל. ס׳איז שטיל, היימיש, געמיטלעך, מ׳קען זיך אַדורכרעדן מיט בלאַנשן, טאַקע פון האַרצן אַראָפּ...

קאַפּיטל 19

## אין אידעאָלאָגישן נעפּל

די ברייט־צעלייגטע קאַפּיי־טעראַסן און די שמאָלע, קנאָפּ־באַלויכ־טענע ביסטראָ׳ס אויף די ראָגן פון בולוואַר סען־מישעל, סען־זשער־מען־דע־פּרעי, אַרום לוקסעמבורגער גאָרטן, אין לאַטיינישן קוואַר־טאַל, זענען אין יענע טעג כמעט דעם גאַנצן מעת־לעת געשווומען אין וואָרעמען נעפּל, אין רויש, אין סיגאַרעטן־רויך. דורך דער דריי־טיר פון „דע מאַגאָ" איז מען אַן אויפהער אַריין און אַרויס. אין דער סאַמע טיף, ביי דער וואַנט מיט די משונהדיקע, עקסטראַוואַגאַנטע מאָלערייען פון די „אַבסטראַקטע", איז געווען געדיכט אָנגערויכערט, ענג, נישט דורכצושפּאַצירן זיך. די פלינקע גאַרסאָנען האָבן איבער קעפּ צודער־לאַנגט אויף די טאַצן אַפּעריטיוון, קאָקאַ־קאָלאַ, וויסקי, סקאָטש, אויפ־געכאַפּט אין דער לופט דאָס קליינגעלט, צוריקגעוואָרפן אַ רעשט. אַלעמען איבערגעשריגן האָט דער מיטן פייקעלע צווישן די געזונטע ציינער, מיט דער ווילדער, געלער באָרד, לאַנגע קוטשערן, באַשפּריצט מיט ברוינע קלייענדלעך אויפן לענגלעכן פּנים פון אַן אַסקעט; זיכער אַ יידיש יינגל, אַ היפּי, אָדער אַ ביטניק. לויטן אויסזען, האָט ער מסתמא באַדאַרפט צו זיין אַ ווייטער ביאָלאָגישער, גענעטישער איבערוף פון זיינע אבות, פון עפּעס אַן עלטער־זיידן, אַ קרעטשמער, אַן אַרענדאַר, אָדער אַ פאַכטער, אויף די קרייץ־וועגן פון די פאַרצייטישע געדיכטע פוילישע וועלדער, ביי די סלאַווישע טייכן, וווּ זיי זענען אַלע לסוף אויסגעראָטן, אָדער פאַרטריבן געוואָרן.

פונקט ווי דער לעבן אים, מיט אַ בלאָנדלעכער, שטייפער באָרד, ווי דראָטן, אַ ברייט, פויעריש פּנים, גרינלעכע אויגן — אוודאי אַן אָפּ־

שטאַמיקער פון די נאָרמאַנען, צעלטן, צי גאָר פון די וויקינגען. די גלעזלעך סקאָטש און וויסקי האָבן חיה׳ש אויפגעלויכטן זייערע צעטו־מלטע בליקן. פויסטן זענען געפאַלן אויף די נאַקעטע טישלעך, אַז די גלעזער און פלעשלעך זענען אונטערגעשפרונגען. און צווישן דער גאַנ־צער באַנדע — ס׳שמאַלינקע, פאַרגרינטע מיידל, אין די בלודזשינס, אַרלעט. זי איז לאַכנדיק געשפּרונגען איבער טישלעך, אַרומגעפּלאָפּלט מיט איר פויגל־שטימעלע. זי האָט געהאַלטן אין גרייטן עפּעס אַן עקזאַמען און אים קיינמאָל נישט געמאַכט. די ראַב־שוואַרצע שויבערן האָבן זיך פאַנאַנדערגעשאָטן אויף אירע שמאָלע פּלייצקעס, איבערן נידעריקן שטערן. גרויסע, ראָזע ברילן — אויפן קליינעם נעזל; אָבער מיטן פרומען פנימל אירן, האָט זי גיכער אויסגעזען ווי אַ פּאַריזער מי־דינעט, אָדער אַ גריזעט, פון שיינעם 19־טן יאָרהונדערט.

און צווישן די אַלע — דאַניעל, מיטן שוואַרצן ראַנד־בערדל, אַן אָפּשטאַמיקער פון דורות יידישע שניידערס אין די שטעטלעך אַרום לאָדזש; אַ צופיל־נאַכטראַכטערישער. מאָדנע, ווי ער וואָלט דאָ גע־קוקט אויף זיי אַלעמען מיט ווייטע, געשיכטלעכע אויגן, מיטן פאַרשווו־מענעם בליק דערזען עפּעס אַזוינס, וואָס קיינער זעט דאָ נישט. פאַר־וואָס טרייבט עס אים פון זיין צעטראָגענער יידישער היים? ווייל די דע טירען איז — צוריקגאַנג, אונטערגאַנג, פאַרבלענדעניש, סתירה; פּונקט ווי זייערע אַמאָליקע וואַרשעווער נאַלעווקעס דאָרט; זיי זענען אָפּגע־מעקט געוואָרן, אויסגעריסן געוואָרן מיטן וואָרצל, אָן אַ זכר.

ביים יונגוואַרג דאָ, אין מיטן אויפברויז אין לאַטייניישן קוואַר־טאַל אין יענעם הייסן חודש מאַי, איז געווען אַלץ פּאַראַמאָל — אָפּ־לייקענונג; די קאַפּיטאַליסטישע קאָנסומאַציע־געזעלשאַפט, די מאָראַל זייערע, פאַר אַבסאָלוטער פרייהייט. אָבער וואָס מיינט מען שוין דער־מיט, נאָך די אַלע דורותדיקע פרייהייט־קעמפער? זיי האָבן געטראָגן לאַנגע האָר, זיך פאַרלאָזן בערד, אַרומגעגאַנגען אין שמאָלע, צעקנייטשטע הויזן, אין אַ העמדל, געוואַלגערט זיך אין די קאַפייען ביז פאַרטאָג, גערויכערט הערויִן, האַשיש. דאָס האָט זיי אַריינגעוואָרפן אין פאַנ־טאַסטישע וועלטן, צו אַנטלויפן פון דער גרויער רעאַליטעט. היינט — האָבן זיי געטענהט — לעבן מיר, און מאָרגן — אינטערעסירט אונז נישט. זיי זענען קעגן מלחמה, פאַר פרייהייט פון אַלע פעלקער — וויעטנאַם, קאַמבאָדיאַש, די פּאַלעסטינער, נאָר נישט — פאַרן „קאָלאָניאַליסטישן" ישראל; אַלע אַזוי — אַנאַרכיסטן, אַנאַרכאָ־קאָמוניסטן, מאַאָ, טשע־געוואַראַ, קאַסטראָ, טראָצקי, לענין, מאַרקוזע. נישט איינמאָל האָט זיך דאַניעל געקאָכט צווישן היימישע יידן: „מיר זענען קעגן אימפּעריאַליזם, קעגן קאָלאָניאַליזם, און אויך — קעגן די ציוניסטן... פּאַלעסטינע דאַרף, אין בעסטן פאַל, זיין אַ יידיש־אַראַבישע פעדעראַציע, נישט גיין אין

שפּאַן פון אַמעריקאַנער אימפּעריאַליזם״... זיי האָבן אים אַנגעקוקט — מאָדנע, די יידן.

ס׳איז אויך געווען, אַז מ׳וויל, אַ קאָנספּיראַציע פון קליינע קרייז־לעך; „פּאַדפּונקטן״, פּאַראַלן, דעמאָנסטראַציעס, אידעאָלאָגישע וויכוחים. ס׳איז אָבער נישט זיכער, צי זיי האָבן עפּעס געלערנט פון דער גרויסער פּראַקטיק געניטע קאָנספּיראַטאָרן פון פריערדיקן דור. מ׳איז געגאַנגען שטורעמען אַ מיטינג פון די נעאָ־פאַשיסטן. פּאָליציי. קלעפּ. פאַרברענטע אויטאָס, אַרעסטן. אָבער וואָס האָבן זיי דען אַלע געוווּסט, וואָס ער, דאַניעל, ווייסט? — וועגן די שטורמער, די פאַרגייער פון אַ וועלט־פאַרצווייגטער באַוועגונג, קאָנסטאַטאַטאָרן, וואָס האָבן שוין דעמאָלט פאַרגענומען זיך „צו ענדערן דעם גאַנג פון דער געשיכטע״, אָפּוואַרפן דעם סטאַליניסטישן באַנאַפּאַרטיזם. און אים האָט זיך אַלץ אויסגעוויזן, אַז — עפּעס חזרט זיך דאָ איבער.

ס׳איז דאָ ערגעץ געווען אַ דיסקאָטעק, אַ פאַרמאַכטער קלוב פון דזשאַז און... כל נדרי, עקספּערימענטאַלער פילם. ס׳איז געווען אַ שפּרונג אין ווייטע, פאַרקלונגענע וועלטן פון יאַרטויזנטער שפּעטער, אָדער אפשר גאָר — צום אוראַלט. די פאַרוואַנדלונג פון מין מענטש — בלויז אַן עלעקטראָנישער מעכאַניזם. דאָס קאָנסערווירטע ליד פון פאַריזער שאַנסאָ־ניער זשאָרזש בראַסענס, איינטאָניק, אומעטיקלעך, פילאָזאָפיש — אויף די ליפּן פון דער גאַנצער יוגנט — קלינגט אַדורך דעם עטער פון לאַנג־פאַרזונקענע וועלטן. ס׳שווידערט פון דער וויסטער אויסגעשטאָרבנקייט, פון דער מעכאַניזירטער טויטער עקזיסטענץ, ווו ס׳דרייען זיך אַרום שווייגנ־דיקע אויטאָמאַטן, אין אַ לבנהדיקער איינזאַמקייט. יאָ, צו דעם גייען מיר — האָט זיך דאַניעל מיט שוידער דערטראַכט — אין דער ערע פון אויס־וויץ און פון אַטאָמישע קאַטאַסטראָפעס. אַן אַנדערער לעבן אים האָט, האַלב־פאַרשלאָפן, ווי פון דעליריום, סקאַנדירט מאָנאָטאָן:

פּיר פאַרטאָג...
פוסטע גאַסן, פאַרשטעלט
מיט לאַנגע שורות אויסגעלאָשענע אויטאָס,
אויסגעלאָשענע לאַמטערן...
פּיר פאַרטאָג...
דער ריח פון פרישע ברויט, פון אַ בעקערישן קעלער,
דערגייט צו די אָנגעשפּיצטע נאָזלעכער.
אַלץ דרייט זיך פאַרן פוסטן בליק.
פּיר פאַרטאָג...

אַזוי סילאַביזירט ער, דער לאַנג־האָריקער, דער ווילד־פאַרוואַקסע־נער, אין די צעטריבערטע בלודזשינס. ס׳איז די פּאָעזיע פון נעאָנט, פון

אויסגעלאָשענע לבנות. ער איז נאָנט צום טאָג־אויפברוך אָוועק פון זיי, דאַניעל, נישט געדענקט מער, ווי ער פירט דער קליינער אַרלעט ביי אַ האַנט. זי שלעפּט זיך נאָך מיט מידע שפּרייזן, דעם קאָפּ אַנגעלענט אין זיין אַקסל, ווי אַ לונאַטיקערין, און וואַרקעט ווי אַ טייבעלע.

צו שטילן דעם הונגער, נאָך טאָשן־געלט, האָט זיך דאָס יידישע יונגוואַרג פונדעסטוועגן צוריק אַראָפּגעכאַפּט צו די קליינע, פאַרדאַגהטע יידישע טאַטעס, די שניידערס, און דאַניעל — צו דער מאַמען אויף רי דע טירען. דאָס „הויז" האָט, ווי אַלעמאָל, געדרוישט מיט אַרבעט, מיט מסחר, מיט פּרילינג־און האַרבסט־סעזאָנען. דעם עלטערן ברודער, מאַריסן, דעם אַרויפּ־געאַרבעטן קאָפּעקציאָנער, ברייט צעלייגט מיט די שוי־פענצטער אויף דער גאַס, האָט ער מער נישט געוואָלט אַנקוקן, קומען בעטן ביי אים אַ פּאָר פראַנק. ווען נאָר זיי האָבן זיך צוזאַמענגעטראָפן אין הויז ביי דער מאַמען, זענען באַלד אויסגעבראָכן סקאַנדאַלן, און די אַלטע האָט זיי קוים צעריסן.

זיי האָבן אָבער גערעדט מיט האַרץ, די קליינע יידישע טאַטעס, די שניידערס, צו זייערע זינדלעך און טעכטער, געברענגט זיי זייער וויכטיקע ראיות, וואָס זיי האָבן עס אַרויסגעלייענט פון יידישן בלאַט:

— פאַרשעמסט דיין שטאַם, זשאַקעלע... דיין אויסגעקוילעטן שטאַם...

— כ׳לאָך זיך אויס פון אייערע נאַציאָנאַליסטישע, שאָוויניסטישע אידעאָלאָגיעס... — האָבן זיי חוצפּהדיק געענטפערט צו די קליינע טאַטעס — זאָל נאָר קומען די אמתע וועלט־רעוואָלוציע...

— זאָג מיר נאָר, צעלייגער מיינער, און אַז ס׳וועט שוין קומען די וועלט־רעוואָלוציע, וועסטו דען ווערן אויס ייד?...

— באַלד קריכן זיי אַרויס מיט זייער געטאָ... ייד... ייד...

— געדענק, וועסט נאָך אָבער אַמאָל באַדויערן... מ׳האָט שוין אַזוינס אויך געזען...

זיי האָבן זיך אויפגעהויבן, געקלאַפּט מיט די טירן, געלאָזן זיי דאָרט, די קליינע, פאַרהאַרעוועטע טאַטעס, מיט זייערע יידישע קרעכצן וועגן — אויסגעקוילעטן פאָלק... וועגן ישראל...

אָבער דאַניעלן, ווייט נאָכטראַכטנדיק, האָט שטילערהייט געגריזשעט עפּעס אַ וואָרעם. ווו — האָט ער זיך געפרעגט — איז אין דעם גאַנצן פּלאָנטער פאַרט דאָס פּאָזיטיווע? צווישן אַט דער באַנדע האָט אים צוערשט געעפנט די אויגן די טראָצקיסטישע ליגע, דער 4־טער אינטערנאַציאָנאַל, די שאַרפע אָפּלייקענונג פון באַרבאַרישן סטאַליניזם, וואָס האָט נאָך ערשט נישט לאַנג געהאַט באַהערשט די מוחות פון אַ וועלט. אָבער מיט זיין יידישן אַפּענדיסיט האָט ער זיך נאָך אַלץ געוואָרגן. ס׳איז אויך — האָט ער זיך געזאָגט — עפּעס אויפגעקלערט געוואָרן אין דעם נאָטאַן וויינשטאָק׳ס פּאַשקוויל „דער ציוניזם קעגן... ישראל"; ס׳הייסט, די מאַרקסיסטישע אינטערפּרעטאַציע פון דער יידן־פראַגע; זייער פּינקטלעכע ציטאַטן, גע־

שיכטלעכע פּאַראַלעלן און — פֿאַלשע אויספירן. ער האָט עס אָבער דעמאָלט נישט געקענט אַזוי גענוי דערכאַפּן, און — ס'האָט אים נאָכאַנאַנד געעקבערט.

— מיר זענען איבערגעגעסן מיט זייער ציוויליזאַציע... — האָט דער בלוי־אויגיקער, אַן אָפּטשאַמיקער פון נאָרמאַנען, צעלטן, אָדער וויקינגען, געקלאַפּט אין טישל מיט דער רויטער פויסט פון אַ קצב — כ'וועל זיך אין פרילינג אַרויסלאָזן וואַנדערן מיט אַ שיפל איבער די טייכן, פאַרנעמען זיך מיט פיש־פאַנג, באַטראַכטן די בלומען אין זייער בליען, די פייגל — אין זייער פלי, דעם זון־אויפגאַנג, די שטערן אין די נעכט. נאָכוואָס די פליכטן, די אחריות?

— מיר אַנטדעקן דאָ גאַרנישט קיין וועלטן... — דאָס האָט דאַניעל, אַ ביסל שטילער, נאָכטראַכטערישער, געלאָזן הערן זיין וויטן יידישן סקעפּציטיזם — ס'זענען שוין אַזעלכע באַוועגונגען אויך געווען. אַלערליי נזירים־סעקטעס, פון טיפן אַלטערטום, ביז אונזערע טעג. זיי האָבן דאָרט אַמאָל געלעבט פרימיטיוו, ווי אין דער שטיין־תקופה, נאָר צו באַפרידיקן די עלעמענטאַרע אינסטינקטן — שפּייז, סעקס. זיי האָבן אָבער אויך גע־גלויבט, זאָל זיין אין הילצערנע, אָדער שטיינערנע אָפּגעטער. און מיר — אין וואָס גלויבן מיר דען?

— נאָכוואָס דווקא — גלויבן? דער אומגלויבן איז אפשר העכער, ווי דער גלויבן. צו געפינען דעם גייסטיקן גלייכוואָג, זענען — נאַרקאָטיקס. איר האָט אפשר געזען די דראַמע, ווי ס'זיצן האַלב־נאַקעטע נאַרקאָטיקער און פילאָזאָפירן? איינער זאָגט, אַז דאָס לעבן איז שוידערלעך לאַנגווייליק, מען לעבט אין וואַקוּאוּם. אַ ביסעלע פאַרטויבונג מאַכט דאָס לעבן שענער...

— ס'איז זייער נאַריש... — האָט די ווילדע מויד, אַרלעט, זיי אויס־געלאַכט — צו גריבלען זיך, זוכן דעם זין פון לעבן, אַנשטאָט — צו לעבן...

פון אַלע זייערע געדעמפּטע און געדיכטע רעדערייען, איז אים לסוף אומעטיק געוואָרן, דאַניעלן. ר'האָט טאַקע נעפּלדיק פאַרגעדענקט, ווי דער טאַטע זיינער, דער שניידער מיט דער הויכער פּלייצע, אַנגעזאָטלט מיט דער בריל, האָט געפּלעגט אונטערצוברומען אַ יידיש ליד, ביי דער מאַשין:

...שוין נישטאָ דער נעכטן, נאָך נישטאָ דער מאָרגן,
פאַראַנען נאָך אַ שטיקעלע היינט, פאַרשטערט עס נישט מיט זאָרגן...

ס'איז אָן שום ספק געווען עפּעס מיסטישס אין אָט די פאַרצייטיקע, צעטראָגענע יידן — האָט ער זיך דערטראַכט — מיט זייער ווייטער, פרעמ־דער וועלט פון פאַנאַטישער אמונה. און ער האָט זיי נאָך צולעצט איבער־געשריגן מיט אַ מין יידישער עקשנות:

— אין אונזער אורבאַנישער תקופה, האָבן מיר צוויי פאַראַלעלע מאַסן, צוויי באַזונדערע צוגאַנגען אין אָפּשאַצן ווערטן. מיר גלויבן, אַז ס'איז

אַ ריס צווישן דורות, אָבער אין דער אמתן איז עס גאָר — אַ תהום. די נאַרקאָטיק־קולטור, און — די גראַדליניקע. די אַפּאָסטאָלן פון דער נאַר־קאָטיק־קולטור זוכן נאָר פאַרגעסונג, נישט פּראָדוקטיווע שעפערישקייט. וואָס מער געניסן פון היינט, דער נעכטן איז שוין טויט און דער מאָרגן איז נאָך נישט געבוירן געוואָרן. איינע איז — מיסטיציזם, ריטואַל, די צווייטע — אינטעלעקט. איך האַלט פונדעסטוועגן, אַז די נאַרקאָטיק־קולטור איז — הפקרות. אַ צוזאַמענשטויס צווישן אָט די צוויי שיטות איז אומפאַר־מיידלעך.

אים איז אָבער אַלץ עקשנותדיק נאָכגעגאַנגען, אַז אַלץ חזרט זיך דאָ איבער, אפילו — די פאַטאַלע פעלערן. אַז ער האָט זיך אַרומגעקוקט, האָט ער דערזען אַ קרייזל פון כמעט בלויז — יידן, אָדער יידן־אָפּשטאַמיקע; זעלטן־ווען אַ נישט־יידישער סטודענט, פון אַ נישט־יידישן אַרבעטער — איז אָפּגערעדט. אין פאַשיסטישן בלעטל „מיניט", אין די לאָזונגען, צע־שמירט אויף די ווענט פון מעטראָ, אומעטום, האָט זיך טאַקע אָפּט גערעדט — יידן... אומעטום — יידן. אוודאי די יידן — האָט ער זיך צוערשט אַליין נישט געכאַפּט, אַז ער שטעלט זיך דערמיט אויף נייע פּאָזיציעס; ר'איז אפילו שטאָלץ געווען. נאָך דעם צוזאַמענהאַנג מיט די, וואָס מ'רופט און וואָס רופן זיך אַליין — „ציוניסטן", מיט ישראל, מיטן ביטערן קאַמף, וואָס די רעשטלעך יידן־גערעטעוועטע פירן דאָרט, צו עקזיסטירן — מיט דער אַזוי־צעשריגענער אַראַבער־פראַגע — דאָס האָט ער נישט באַנומען. טאַקע, וואָס פאַראַ שייכות? אוי, ווי דער חבר אהרן האָט אים געפעלט! דאָס זענען געווען מענטשן, וואָס זענען אַמאָל געגאַנגען אין קאַמף, ביז זיי האָבן זיך פאַרלוירן אין זייערע אידייאישע זוכענישן, בלאָנדזשענישן, זענען — אַלט געוואָרן. אַראָפּ פון דער אַרענע. און אַ נייע יוגנט, וואָס טרעפט זיי אויס־געליידיקטע, צעבראָכענע. זיי רעדן אַלטע רייד, אַלטע פראַזן און פילן אַליין נישט, ווי קאָמיש זיי זענען.

ס'איז געלעגן אַ טיפער תהום, וואָס די צייט אַליין האָט אויסגעגראָבן צווישן עלטערן און קינדער. אָבער אויסנאַמען זענען פאַרט געווען, און ער, דאַניעל, איז געווען אַ קליינער אויסנאַם. ער איז געווען די בריק פון — נישט קענען לעבן און — נישט וועלן שטאַרבן. די אייגענע חברים זיינע האָבן זיך אָפּט אַביסל געוווּנדערט, ווי שטאַרק באַהאַוונט ער איז געווען אין דעם אַלעם. ווייל אַלץ פון עלטערן דור האָבן זיי אָוועקגעמאַכט מיט דער האַנט — זייער ווילד לשון, זייערע אידייען, וואָס האָבן מער קיין שום האָפּט נישט, זענען פולשטענדיק באַנקראָט. אַראָפּוואַרפן פון זיך אַלץ, אָבער — צי העלפט עס דען? צו וועמען באַלאַנגט ער? ער האָט זיך אויך געכאַפּט, אַז די אַלע פראַנצויזישע ביכער, וואָס ער איז פריער אַזוי פאַרכאַפּט געווען אין זיי, זענען אים פרעמדלעך, מיט זייערע קליינע, נישטיקע פּראָבלעמען און דראַמעס, פון אַנטדעקן אַ נייעם ניואַנס פון ליבע־און סעקס־אינטריגעס. קיין וויכטיקערע פּראָבלעמען האָבן זיי שוין נישט? וואָס פאַראַ אימפּעט

טראַגט אָבער אונז? אַט דער מעלאַנכאָלישער זינגער, דער גאַינסבורג, אַ מענטש פון זיין דור — ס׳זינגט דאָך פּאַקטיש אַרויס פון אים, אין תוך — טיפּע יידישע מעלאַנכאָליע. און ער האָט זיך מיט נייגער גענומען צו־קוקן דאָס יידישע קלאָמערן זיך אין זייער גייסטיקייט, אין זייער טיפער אַרעמקייט, צום גאַנצן מעמד זייערן. ער דערמאָנט זיך, אַז ער האָט אַמולטן געזען אַריינקומען אַן אָרעמען יידישן מחבר, מיט אַ ביכל, צום ברודער זיינעם, צו מאָריסן, אין געשעפט. דער בלייכער יונגערמאַן, מיט אַן אַסקעטיש פּנים, שלעכט אָרומגעגאָלט, מיט אַן אָפּגעריבענער טעקע אונטערן אָרעם, האָט דאָרט עפּעס לאַנג געגראַבלט און אַרויסגעצויגן אַ ביכל, געשטאַמלט: „מ׳האָט מיר געזאָגט, אַז איר זענט אַ ליבהאָבער פון יידישן וואָרט... בין איך אַריינגעקומען״... „יונגערמאַן — האָט זיין ברודער מאָריס ברייט גע־לאַכט, געשאָטן זיך פון געלעכטער — קיין בעסערע געשעפטן האָט איר שוין נישט פאַר מיר?... כ׳האָב איצט קיין צייט נישט... קומט אַריין אַן אַנדערש מאָל...״

דער יונגערמאַן איז, אַ פאַרשעמטער, אַרויס פון געוועלב. דאַניעל האָט אים לאַנג נאָכגעקוקט, ווי ער שטייט מיטן אויפגעשטעלטן קעלנערל, אַ צעטומלטער, און ווייס נישט וווהין צו גיין. צי האָט ווער געקענט דערפילן דעם צער פון אָט די מענטשן, וואָס טראָגן נאָך אַלץ אויף זייערע געהויקערטע פּלייצעס די ציוויליזאַציע פון פריערדיקע דורות?

## קאַפּיטל 20

## „די אַלטע וועלט איז הינטער אונז״...

אין יענע בהלהדיקע מאַי־טעג, אין די אויפגעלויכטענע נעכט אין לאַטיינישן קוואַרטאַל, האָט דאַניעל מער עפּעס קיין חשק נישט געהאַט אומ־צוקערן זיך אין הויז אַריין, צו זייערע יידישע גראַטשקעס דאָרט. ער האָט אַלץ געוואָלט אַנטלויפן פון זיי אַלעמען, פון זיך אַליין און — נישט גע־קענט. ער איז אַרומגעשוווּמען אין אַן עקזאַלטירטן נעפּל, צווישן זיסן וועלט־אונטערגאַנג און — ווייט נאָך אומקלאָרע וועלט־אויסלייזונג. אויף די ווענט פון סאָרבאָנע־הויף, צווישן די אַלטע גאָטישע־ און באַראָק־געביייען, פאַר־וואַנדלט אין אַ לאַגער־ביוואַק פון אַ באַלאַגערונג־אַרמיי, האָט ער דאָרט איבערגעלייענט צווישן די פיל פּאַרפּאַטשקעטע, עקסטראַוואַגאַנטע אויפ־רופן, אויסגעשרייען, משונהדיקע לאָזונגען: „די אַלטע וועלט איז הינטער אונז... כ׳וויל עפּעס אויסשרייען פון זיך, נאָר — כ׳ווייס נישט וואָס״... דאָס האָט זיך מאָדנע אַריינגעפּאַסט אין זיין אייגענעם געמיט. ער האָט געזען

מאַרשירן איבער דער גאַנצער ברייט פון די בולוואַרן אַ נייע, עפּעס קיינ־מאָל נישט־געזעענע יוגנט, ווילד־פּאַרוואַקסן, אַרומגעשליסן, מיט נייע לאָזונגען אין זייער אויפגעריסן מויל, מיט סתירהדיקע אידייען; אָבער מאָדנע באַנג איז אים געוואָרן, ווען ס׳האָט זיך אונטער די אַלטע, הייליקע רויטע פענער מיטאַמאָל אַ גאַס געטון פון זייערע אויפגעריסענע מיילער דער אַלטער „אינטערנאַציאָנאַל״. ער האָט אויפגעציטערט. אַזאַ קראַפט האָט עס נאָך אַלץ פאַרמאָגט, דאָס הייליקע ליד פון הויכן פּאַטאָס, פון די שענסטע האָפענונגען אין אונזער יאָרהונדערט, און — וואָס איז פאַר אונזערע אויגן אַזוי מיאוס פאַראַטן געוואָרן. און פאַרן פאַרשוומענעם בליק איז אים געשטאַנען אַן אַנדער עפּאָכע, אַן ערשט נישט לאַנג אָפּגעפלאַסענע, ווען מאַרטירער האָבן דאָס ליד געטראַגן אויף די באַריקאַדן, זענען אַוועק דערמיט אין די תפיסות, זענען אויפגעשטיגן צום עקזעקוציע סלופּ. ער־געצוווּ האָט די רעוואָלוציע שוין געפוילט, דעגענערירט, און מיר האָבן עס גאַרנישט געוווּסט, אַז ס׳איז אַ רחמנות געווען. ס׳איז אַ צייט — האָט ער זיך געזאָגט — פון בין־השמשות. ס׳קומט אויס נאָר צו פאַרשפּאַרן זיך הינטער טיר און לאָדן. אויב אַזאַ מאַראַלישע געפאַלנקייט, דער עלעמענטאַרער געוויסן איז געוואָרן געשענדעט, אויסגעמעקט, טאָ וועער איז, אייגנטלעך, דער מענטש, וואָס דרייט זיך דאָ אַרום צווישן אונז אַלעמען? ס׳איז אפשר דער קרבן און דער מערדער פון אוישוויץ. אַנטלויפן פונעם אַלטן. גוט! אָבער — וווּהין? ער האָט עס אָבער באַצייטנס דערפילט, אַז אַנטלויפן, איז — נאָר צו אַן אייגן שטיקל לעבן.

ער האָט מער נישט געהאַט קיין פאַרלאַנג אַרויסצוכאַפּן זיך, ווי געוויינלעך, אין די שפּעטע נעכט, דורך די טרעפּ פון דער דינערשאַפט אין אַלטן הויז אויף רי דע טירען, באַזוכט מערסטנס פון יידן, פּאַסאַזשירס, אַרויסכאַפּן זיך צום פאַרשטעקטן, צעראַיעטן, בחורישן צימער, אויף די שפּיץ־פינגער. ר׳איז שוין מער נישט געווען קיין יוגנטלעכער. געוווּג סקאַנדאַלן זענען געווען צוליב אים אין הויז, ווי נאָר די ברידערלעך האָבן זיך צוזאַמענגעטראָפן. בלויז דער מאַמעס שטומער שאָטן — זי האָט אים ווי געטון; דאָס האָט זי אים דאָך קינדוויז באַשיצט, אַרויסגעשלעפּט אים פון אַלע קרענקען. האָט ער ערגעץ אין דער געגנט אָפּגעזוכט אַ מאַנסאַרדע, אַ פאַרשטעקט בוידעם־שטיבל פאַר דער דינערשאַפט, אונטערן סאַמע דאַך. דאָרט האָט ער זיך געפילט מער ביי זיך. אַהין איז אַרלעט אויך שטיל געקומען אַ קלאַפּ טון אין דער טיר, פאַרבלייבן מיט אים איבער נאַכט. אין די בהלהדיקע מאַי־טעג איז זי איינמאָל געקומען, די קליינע, און אים געזאָגט:

— ווייסט וואָס, דאַניעל? כ׳בלייב דאָ דערווייל מיט דיר... כ׳האָב זיי שוין דאָרט אויך געוווּג...

— דיין מאַמע... זי וועט דיך נישט לויפן זוכן אַהער, דיין מאַמע?...

— איז ער געווען מער אומרואיק, ווי זי.

— זי ווייסט סיי־ווי... און איך ווייס אויך, אַז זי האָט אַ פריינד... אַן „אַמי"... — האָט זי אַביסל ציניש געוויזן אירע שיטערע ציינדלעך.

ער האָט זי ס׳ערשטע מאָל אָנגעקוקט — מאָדנע, מיידלעריש־פּלייסיק, מיט אַ יונגן געלעכטער אין די שיטערע ציינדלעך, האָט זי זיך מיט־אַמאָל באַלד גענומען ברענגען אַביסל אין אָרדענונג די צערודערטע, בחורישע נעסט. אויפן קרומען דאַך־שייבל האָט זיך אינגיכן באַוויזן אַ פּאָר־הענגל, אַ פּאָר בילדלעך אויף די קרומע ווענט, דאָס בעטל — פינקטלעך צוגעגלעט, און אויפן טשוואָק — אַ פאַרגעסענע מיידלשע פּיזשאַמע, אַ ראָז נאַכט־העמד, אַ פּאָר טיפע פוטערנע שטעק־לעטשלעך, פאַרוקט אין אַ ווינקל אונטערן בעט. ער האָט אַפילו איינמאָל געפונען אַ צוגעפּרעסט, אויסגעוואַשן העמדל צוקאָפּנס. ער האָט דערפילט אַרום זיך אַ קליינע, פלייסיקע באַלעבאָסטע, אַ פרויען־האַנט, און ס׳איז אים אַביסל וואַרעמער געוואָרן אויף דער נשמה, אין זיין שווער געמיט.

מ׳איז אין די טעג געווען פאַרפּאָרעט, פאַרפּלאָמט, פאַרטון. דאָס וואָכנבלאַט „מאַי 1968" איז דורך דער אָפּגעשליסענער חברה אויסגעליאַרעמט און פאַרקויפט געוואָרן אויף די בולוואַרן, ביי די מעטראָ־איינגענג, אויפן „בולמיש", אין לאַטייניש קוואַרטאַל, אויף די קאַפיי־טעראַסן פון „קאַפּו־לאַד", „דיפּאָן", צווישן אינטערנאַציאָנאַלן סטודענטנוואַרג; שרייענדיקע קעפּ אין רויטער פאַרב, עקסטראַוואַגאַנטע צייכענונגען, פּאָטאָ־רעפּאָרטאַזשן, מאָנטאַזשן. אַ קליינער עקיפּ האָט עס אויסגעפּאַרטיקט. ס׳איז געדרוקט געוואָרן אין אַ קליינער יידישער דרוקעריי אויפן פּאָבור סען־דעני. דער שמאָלער, לאַנגער הויף, פאַרוואַלגערט מיט ריזיקע באַלן פּאַפּיר, הינטער די נידעריקע בלינדע פענצטער, איז געשטאַנען אין געראַש פון די ראָטאַציע־מאַשינען, פון די לינאָטיפּן און פונעם אָפּגעשליסענעם יונגוואַרג, וואָס איז אַלע ווײַלע געקומען אָנצולויפן. דער רעדאַקטאָר דעוואָ, אַ ברייטער, ווי אַ וואַנט־שאַפע, אין סאַמעטענע הויזן, ווי די אַמאָליקע „קאָמפּאַניאָנען", מיט אַ שויבערדיקן באַלזאַק־קאָפּ פון אַן אָפּגעקראָכענעם בלאָנד, פון פאָרנט היפּש אויסגעביסן, איז אַליין געשטאַנען ביי דער „ערשטער", געפּאָרעט זיך מיט פאַרקאַשערטע, האָריקע הענט. דאָס אָפּגעבערענטע ציגאַרל, פאַרשטעקט אין אַ זייט פון די געדיכטע שטרוי־וואָנסן, האָט ער כסדר געצונדן מיט אַן אַלטמאָדישער בריקע, אַ צינד־שטיין און אַ קנויט; אויסגעשריגן די באַפעלן אַרום זיך צו דער חברה פאַרוואַקסענע יונגעלייט, די מיידלעך אין די הויזן, האָט ער מיט זיין טויבן טעמבעראיינע, אין אַ טיכל איבערן קאָפּ ברוינע, געדיכטע קוטשערן, מיט זשאַווער־קלייענדלעך, אַ פאַרשפּיצט נעזל, אַ מיידל פון פּאָבור, האָט מיטן רויטן בלייפעדער דאָ און דאָרט געשטראָכן, פאַריכט די דרוק־גרייזן איבער די לאַנגע קאָרעקטור־בויגנס. פון יענעם עק איז די שמאָלע, פלינקע אַרלעט געקומען אָנצולויפן, און דאַניעל — נאָך איר, מיט שטילערע טריט.

— דעוואָ! — האָט אַרלעט, אַריינפאַלנדיק, געשריגן — ווו איז דע־

וואָ? אַ סקאַנדאַל! די מאַניפעסטאַציע איז אָפּגערופן דורך דער פּאָליציי...
מיר וועלן זיך גיין שלאָגן מיט די פאַשיסטן!...

דעוואָ האָט זיך שווער אומגעדרייט מיטן שויבערדיקן קאָפּ און באַפוילן הייזעריקלעך:

— אַרלעט! צו דער אַרבעט! דער „קאַנאַר" (אַ צייטונג, אין זשאַרגאָן-לשון), מוז נאָך היינט אַרויסגעגעבן ווערן...

אָפּגעזאָגט, האָט ער אַליין אַ כאַפּ געטון די שווערע פאַרמע פון אַ קילאָ 50, אַ פאַרשלאָסענע, און זי געטראָגן אויפן ברייטן מעכטיקן אַקסל, פאַרזיכטיק, מיט בערן-טריט, ביז צו דער אָפּטיילונג פון די מאַשינען. די „אָפּסעט"-מאַשינען פון פּרעציזער דייטשער אויסאַרבעטונג, האָבן פּינקטלעך אויסגעפירט מעכאַניש די גאַנצע פּראָצעדור פון אָפּציען אין עטלעכע פאַרבן גלייכצייטיק; איין פאַרב האָט „געדעקט" די צווייטע. די מאַשין האָט געקנייטשט, איינגעלייגט זיי אין שטויסן, אַרויסגעוואָרפן בערג צייטונגען פון יענער זייט, ביי די איינגעגראָבענע טרעפּלעך. זיי האָבן נאָך שאַרף געשמעקט מיט דער פרישער דרוק-פאַרב.

דער באַלעבאָס, אַ צעשטרייטער ייד, מיט אַ בריל אויף דער שפּיץ נאָז, איז געקומען אָנצולויפן, אַליין צו העלפן אַרויסגעבן. מיט פאַרשמירטע הענט האָט ער געמאָסטן מיטן טיפּאָמעטער, געכאַפּט אין לעצטן מאָמענט אַ מיאוסן גרייז אין די קעפּ און — געהאָלפן פאַרשליסן די פאַרמעס. ער איז דאָ פון דער יונגער חברה באַטראַכט געוואָרן ווי אַן אייגענער, כאָטש ער האָט כסדר געהאַט מיט זיי וויסטע אידעאָלאָגישע דיספּוטן.

— קאַמעראַד דעוואָ — האָט ער געלאַרעמט פון דער טיף האַליע

— דעם הויפּט-קאָפּ — אַ מער „פּעטן כאַראַקטער", ס'זאָל שרייען, דו הערסט?...

דאַניעל האָט זיך זייטיק דורכגעשאַרט די שמאָלע סטעזשקע צווישן די הייסע לינאָטיפּן, ווו ס'האָט אין די קעסלען געקאָכט דער צעלאָזענער בליי. ער האָט געוואַרט ביז אַרלעט וועט זיך דאָרט אָפּפּאַרטיקן. ווי אַ בלייערנער רעגן זענען געפאַלן די מאַטריצן פון אויבן, אין מאַגאַזין, אין די קאַנאַלן אַריין. לעמפּעלעך האָבן געגליט ביי יעדער מאַשין, און די פלינקע פינגער פון אָפּעראַטאָר זענען געפלויגן איבער די קלאַווישן, ווי איבער אַ פּיאַנע. דאַניעל האָט זיך צוריק אומגעקערט, איז אַוועק צוהערן זיך צו די הייסע דיסקוסיעס ביי דער שויבן-וואַנט, אַרויפצו, ביי דער ביוראָקע. דאָרט איז זיך שוין די גאַנצע אָפּגעשליסענע חברה באַצייטנס צונויפגעלאָפן, אַ כאַפּ געבן די פּעק פרישע צייטונגען, צו לאָזן זיך מיט זיי אין גאַס אַריין. די מינוט האָט געברענט. דער בחור מיטן בלאָנדן יעזוס-בערדל האָט געוואָרפן אין דער לופט זיינע בלייכע הענט פון אַן אינטעלעקטואַל:

— די קאָמוניסטישע פּאַרטיי?... כע... כ'קען נישט אַזאַ! זי דאַרף ערשט באַשאַפן ווערן...

— טאָ ווו גרייכן פאַרט די שיינע טראַדיציעס פון דער פראַנצויזי-

שער אַרבעטער־באַוועגונג? מיר זענען נישט די ערשטע און נישט — די לעצטע... — האָט דאַניעל געוואָגט, כאָטש געוויינלעך איז ער געווען צוריק־געהאַלטן; ווייל ער האָט שוין פון לאַנג געפילט, אַז עפּעס שטימט דאָ נישט מיטן אַפּוואַרפן אַלץ.

— אייערע טראַדיציעס... — האָט יענער בייז געלאַכט — דער סטאַ־ליניזם, די קאָנסומאַציע־געזעלשאַפט און אַלדאָס איבעריקע, האָבן גע־בראַכט צו דעגענעראַציע...

ער האָט אים נאָך געהאַט וואָס צו ענטפערן, דאַניעל, דער עיקר — דעם ווייט־אַנצוהערנדיקן: אייערע טראַדיציעס... דעם האָט אים עפּעס קענטלעך און ווייטיקלעך אַ קלונג געטון אין די אויערן. אָבער אַרלעט האָט אים איינמיטן אַ רוף געטון, אַ ציִ געטון נאָך זיך. זי איז געווען אין די שטיף־אַנגעצויגענע בלודזשינס, אַ שמאַלע אין דיך, ווי אַן ערד־בין. ער איז איר שטום נאָכגעגאַנגען, דעם קאָפּ פאַרשטעקט אין די אַקסלען. אין וואָס האָט עס אים דאָ אַלץ אַ דערמאָן געגעבן? אים, וואָס האָט געקוקט מיט געשיכטלעכע אויגן אויף אַלעם. דער פאָלקס־טריבון זשאָרעס... די רוישיקע רעדאַקציע פון דער „הומאַניטע”, דאָ באַלד, אויפן מאָנמאַרטר. פּאַריז, אויגוסט 1914... די קאַפע „קרואַסאַן”... דער אונטערגעשיקטער מערדער, וואָס האָט געשאָסן צו זשאָרעסן דורכן אָפענעם פענצטער... די אויפגעשטורעמטע אַרבעטער־קרייזן, סאָציאַליסטן, אַנאַרכאָ־סינדיקאַליסטן... די פּאָליטישע עמיגראַנטן, לענין, טראָצקי, מאַרטאָוו... דאָס אַלץ איז שוין ווייט־אָפּגעזעצטע געשיכטע. אָבער וואָס — האָט ער זיך איצט געפרעגט — וועט פון דעם דאָזיקן פלאַנטער אַרויסקומען? שוין דעמאָלט האָבן אים געגריזשעט אַזעלכע ווייטע, אומקלאָרע צווייפלען.

און אומגעריכט האָט ער דאָ, אין לאַנגן הויף דערזען דאָס בלאַנדע מיידעלע אַני. עפּעס האָט זי זיך דאָ מיטגעפּאַרעט מיט די אַראָבער ביי זייערס אַ בלעטל, וואָס האָט זיך דאָ געדרוקט. די גרינע פאָן — אויפן פאָדערבלאַט און לאָזונגען — „פּאַלעסטינע וועט זיגן!”... דאָס איז אים שוין פאַרגעקומען מאָדנע. אַרום אירע פאַרקאָשערטע ליפּן איז געווען — פאַרשייטקייט, בלויע רינגען — אונטער די אויגן, וואָס האָבן גיכער אָפּ־געגעבן מיט אומרו. ווי קומט זי דאָ אַהער, די טאָכטער פון די בעלווילער געסעלעך? די חברטע טייבל, ביי וועלכער די קליינע האָט זיך געהאָדע־וועט, פלעגט זיך אַלעמאָל אַרויפכאַפּן צו דער מאַמען אין קיך אַריין, מיט זאַמל־ליסטעס פאַר דער צייטונג, מיט פּעטיציעס אונטערצושרייבן. ביי דער געלעגנהייט האָט ער אָפט געהערט, ווי זי באַקלאָגט זיך:

— ס׳היינטיקע יונגוואַרג, ווייִ איז מיר... מ׳האָט געגוג צרות פון זיי...

אַזוי נאָכטראָכטעריש איז ער געווען, דאַניעל, וועגן גאַנג פון אונ־טערגעוואַקסענעם דור; ווייל ער האָט זי אויך אָפט געפּלעגט צו באַגעג־נען, ס׳בלאַנדע מיידעלע אַני, אין די קאַפייען אויף סען זשערמען דע פּרעי.

אַ יתומה, האָט זי זיך געהאַדעוועט אין אַ יידיש הויז אויפן בעלוויל. טשע־קאָווע — האָט ער זיך געפרעגט — וואָס פאַראַ פאַרוואַנדלונג איז דאָ פאַר־געקומען מיטן בלייכן, מילך־בלאָנדן מיידעלע אַני, פון יתומים־הויז פאַר די קינדער פון דערשאָסענע און דעפאָרטירטע עלטערן ביי דער צענטראַלער קינדער־קאָמיסיע? צווישן די אַרומגעשווירענע, קינדערישע קעפלעך — געדענקט ער — האָבן זיי דעמאָלט אַלע אָנגעקוקט מיט עפּעס אַ פאַר־קלעמטן צער ס׳דערשראָקענע קינד מיטן רויט־פאַרקאָטערטן נעזל. מ׳האָט זי צוריקגעברענגט פון אַ דאָרף אין דער ווייטער סאַרט, ווו זי איז געווען באַהאַלטן ביי אַ פויערים־משפחה. די קליינע האָט אָבער בשום אופן נישט געלאָזן אַראָפּנעמען דאָס צלמל, וואָס האָט זיך געשאָקלט ביי איר אויפן דינעם העלדזל; זי האָט מער קיינעם נישט פאַרמאָגט, האָט זיך, ווי אַ קראַנק קעצל, געטוליעט צו חברטע טייבל, פון דער קינדער־קאָמיסיע.

## קאַפּיטל 21

## ס׳מיידעלע אַני...

קיין אייגענע קינדער האָט זי נישט באַוויזן צו געבוירן, חברטע טייבל; ס׳איז שוין נישט געווען מער קיין צייט און קיין געמיט צו ברענ־גען קינדער אויף דער וועלט. אין יענע יאָרן פון גערעכטן קאַמף פאַר די „זיגנעבדיקע מאָרגנס“, האָט מען זיך נישט געקענט פאַרגינען אַפילו אַ באַשיידן פאַמיליע־גליק; אומלעגאַלע עמיגראַנטן, מ׳האָט זיך געוואַלגערט אין די קליינע, פאַרשטעקטע האָטעלן און פאַרשטיקטע צימערלעך אויפן בעלוויל. דערנאָך — איז שוין געווען אַביסעלע צו שפּעט; נאָך אוישוויץ, נאָך די באַרבאַרישע מענגעלע־עקספּערימענטן... נאָר וואָס איז דען די נפקא־מינה? אַן עלנט יידיש קינד! האָט זי דעמאָלט דער קליינער אַני גע־נומען פאַר אַ העגטל און זי געברענגט צופירן צו זיך אין הויז אַריין; און ס׳איז אַריינגעקומען אַ ליכטיקייט אין זייער באַשיידן דירהלע אויפן הויכן בעלוויל. די צוויי ענגע צימערלעך זענען ווידער דעם גאַנצן טאָג פאַר־וואַלגערט געוואָרן מיטן ביסל „פּאַסאַן“, וואָס דער מאַן אירער האָט אַרויס־געגנומען פון אַ „הויז“ אַרום די גרויסע בולוואַרן. נאָך אַ טאָג אַרבעט, איז מען נאָך דעמאָלט אַלץ אַרומגעלאָפן אויף זיצונגען, פאַרזאַמלונגען, אַקציעס, פאַר די פּרעסע־פריינט, אונטערצושרייבן אַלערליי פּעטיציעס.

נישט מער ווי אַ יאָר 4 איז זי דעמאָלט באַדאַרפט אַלט געווען, די קליינע. חברטע טייבל האָט געצוואָגן און צעקעמט אירע ליכטיק־בלאָנדע הערעלעך, איינגעפלאָכטן אין זיי אַ רויטע שלייף. זי האָט אַליין גענייט פאַר איר קליידעלעך, פאַרטעכלעך, און איז פאַרנאַכט־צייט, ווי אַלע מאַמעס פון קוואַרטאַל, געלאָפן צו דער שולע אָפּוואַרטן ס׳מיידעלע, ווען זי האָט זיך פאַרפלאָמט אַרויסגעשאָטן צוזאַמען מיט אַלע קינדער. די קליינע האָט ביי־נאַכט נאָך אַלץ געשריגן פון שלאָף, איבערגעוועקט זיך, און חברטע טייבל

איז אַראָפּ איינדעקן ס'קינד, באַרואיקן עס. אין איין שרעק, האָט די קליינע אַני עפּעס געפּלאָפּלט, ווי פון שלאָף, אַז זי האָט געזען אין חלום — פּלאַ־מען פון אַ קוימען... ווי מ'האָט זי געטריבן, צוזאַמען מיט אַלע יידן, אין אויוון אַריין... אַז זי איז אַנטלאָפן, צו באַהאַלטן זיך... די אַלטע האָט ס'קינד אַריינגענומען צו זיך אין בעט, צוגעטוליעט עס, געפילט ווי זי שווידערט אין היץ און אין קעלט, די קליינע.

נאָך אין קינדער־הויז אָבער האָט אַני געהאַט מאָדנע גענג, מאָדנע איינפאַלן, געקריגט זיך מיט די קינדער, אַז ס'איז אַ טעות, אירע עלטערן זענען גאָרנישט געווען קיין יידן, נאָר ווען ס'איז געווען דער גרויסער געלויף, בעתן „עקזאָד״, האָט מען זי, אַ פּיצלס, געהאַט פאַרלוירן... אַ סימן, אַז אַלע זענען זיי כמעט שוואַרצינקע, און זי — אַ מילך־בלאָנדע. זי האָט זיך געהאַלטן אין אַ זייט, נישט מיטגעזונגען די לידער וועגן יידישע צרות, יידישע גבורה, יידישע האָפענונגען, וואָס מ'האָט די קינדער פונדעסטוועגן געפּלעגט צו לערנען. זי האָט פאַרביסן די ציינדלעך: ס'איז אַ טעות... — האָט זי געטופּעט מיט די פיסלעך — אירע עלטערן וועלן זי אָפּגעפינען... זיי לעבן...

מ'קען נישט זאָגן, חברטע טייבל, וואָס האָט זיך אין דער פינצטע־רער אָקופּאַציע־צייט מוסר נפש געווען אָפּצוראַטעווען יידישע קינדער פון די גזלנישע הענט אַרויס, האָט אין די נאָך־מלחמה־יאָרן דערלעבט אַ סך נחת פון „אירע״ יתומים. נישט אַנדערש, ס'איז איר בייגעשטאַנען דער הייליקער זכות פון די גאָטספאָרכטיקע אמהות אירע, די גבאיטעס אין אַמאָ־ליקן יידישן כרך לובלין. די ווייבער, פאַרוויקלט אין טונקעלע דערעס, איבער די טשיפּיקעס און ציטער־שפּילקעס, פאַרצויגן די בלוטלאָזע לעפּצן, האָבן געפּלעגט, ס'רוב חול המועד־צייט, אַרומצוגיין איבער די באַלעבאַ־טישע הייזער, צו חשובע באַלעבאַטים, צונויפנעמען אין אַ פאַטשיילע אַ פּאָר גראָשן, צו פירן אונטער דער חופּה אַן אָרעם כלה־מיידל, אַ יתומה, נעבעך; כאָטש חברטע טייבל אַליין האָט זיך שוין דעמאָלט, צו 17 יאָר, נישט געלאָזן פאַרדעקן דעם קאָפּ מיט אַ זיידענעם יונגערמאַן, אַ לערנער; אַראָפּגעוואָרפן פון זיך דאָס צעפּאָרענע שייטל, וואָס די ווייבער אין דער שטרענג־חסידישער משפּחה האָבן זי געוואָלט דערמיט פאַרשלייערן; ווען מ'האָט זי געפירט צו טבילה, אין דער מקווה, האָט זי בשום אופן נישט געלאָזן אָפּשערן אירע לאַנגע, שוואַרצע צעפּ, אָפּגאָלן דעם קאָפּ; אַנטלאָפן, אַרויסגעריסן זיך — צו דער „פרייהייט״... „צו די קעמפנדיקע מאַסן״... איז, ווי דער גאַנצער דור אונזערער, ווייט אַוועק פון יענער אָבערגלויבע־רישער וועלט קאָנסערוואַטיווע אַסקעטן און ווילדע חסידישע פרומאַקעס. ס'איז געווען די גרויסע רעוואָלוציע אין אונזער יידיש לעבן. אָבער פאָרט איז פאַרבליבן אין דער חברטע טייבל עפּעס פונעם זעלבן הייליקן פלאַם זייערן; און אָט דער פלאַם האָט איר אין די שווידערלעכע יאָרן געטריבן צו לויפן אַרויסרייסן יידישע קינדער פון וואָלפס פּיסק אַרויס, פאַרשטעקן

זיי אין ווייטע דערפער, ביי פּויערים, אַריבערשמוגלען זיי אין דער שווייץ; און ווען די מלחמה איז געווען אויס, און זי אַליין איז קוים מיטן לעבן צוריקגעקומען פון אוישוויץ, איז זי ווידער געווען איינע פון די פאַרפלאָמטע טוערינס אין די קינדער־הייזער פון די אָפּגעראַטעוועטע יידישע שפּעטלעך. זיי זענען מיט דער צייט אונטערגעוואַקסן, מ׳האָט געזאָרגט פאַר זיי, דערצויגן זיי אין „גייסט פון פּראָגרעס" און — אויסגעגעבן זיי אין פריידן.

ווי אַן אמתע מחותנתטע, האָט זיך חברטע טייבל געפלעגט מיטצופרייען אויף די חתונות פון „אירע" יתומים. מ׳האָט באַדאַרפט צו זען, ווי פאַרפלאַמט זי פריידט זיך מיט צוזאַמען מיטן יונגוואַרג, פאַרהייבט לייכט ס׳לאַנגע, זיידענע קלייד, און טאַנצט אַנטקעגן חתן־כלה. זיי האָבן עס דאָ גאָרנישט אָנגעהויבן צו וויסן אויך, אַז ס׳איז געווען אַ מצווה־טענצל, ווי זי האָט עס פאַרגעדענקט פון איר פאַרצווייגטער משפּחה אויף די חתונות. אין אירע בוימלדיקע אויגן האָט זיך געטוקט דער פלאַם און דער נחת פון אונזערע הייליקע אמהות.

די חתונות זענען, געווייגלעך, געפּראַוועט געוואָרן אויבן, אין די גרויסע זאַלן פון דער „אָרגאַניזאַציע"; כאָטש אין די מערסטע פאַלן איז דער חתן, אָדער די כלה געווען נישט קיין יידישע, פראַנצויזן, איינמאָל אַפילו אַן אינדאָכינעזער און... אויך אַ שוואַרצער סטודענט פון זאַיר. ס׳איז פונדעסטוועגן געווען אַביסל — מאָדנע. ס׳איז זיך צונויפגעקומען אַ פולער זאַל פון דער פרעמדלעכער משפּחה. מ׳האָט געזונגען פרעמדע לידער, געטאַנצט פרעמדע טענץ, באַגלייט פון אַ טאַם־טאַם, פון גיטאַרעס, פון אַן אַקאָרדעאָן. און ס׳איז דער חברטע טייבל, נאָכן אָפּקילן זיך, מיטאַמאָל דורכגעפלויגן — „ווײ־געשריגן... ווען מיין אונטערגעגאַנגענע משפּחה וואָלט געווען אָנקוקן אַזאַ חתונה"... מ׳איז נאָך אויבן, אין די באַלויכטענע זאַלן, פאַרקאָכט געווען אין די טענץ, אין די געזאַנגען, ווען זי האָט זיך אַ הייב געטון, שטיל אַרויסגעשאַרט זיך, אַרונטער די שטיגן און זיי אַלעמען איבערגעלאָזן דאָרט אין פריילעכן טומל. ס׳איז, אמת, געווען אַ גרויסע פרייד אויסצוגעבן די יתומים; אָבער חברטע טייבל האָבן פּלוצים געדריקט זייער שווערע זאָרגן. „אני... — האָט זי זיך דערמאָנט, און געגומען זי אַרומזוכן — ווו איז זי מיר ווידער ערגעץ אַהינגעקומען, די קליינע?"... ס׳אונטערגעוואַקסענע מיידעלע האָט איר די לעצטע צייט געמאַכט אַביסל אומרואיק. אַזאַ שווער פאַרגעפיל האָט זי שוין דעמאָלט געהאַט. ווײ־ווײ, מיר טוען אַ הייליקע אַרבעט, אָבער אין עפּעס אַ טשאַד פון פּוסטע ווערטער; אַזוי האָט זיך איר געגומען אויסדוכטן. ס׳האַרץ האָט ווי געטון, ווען זי האָט צוגעזען, ווי מען גיט מיט די אייגענע הענט אַוועק די קינדער אונזערע אין דער פרעמד, צו דינען פרעמדע; ס׳הייסט, דינען פרעמדע געטער, עבודה זרה, רחמנא לצלן, ווי אונזערע אָבות וואָלטן געזאָגט...

זי האָט אָבער צוגעזען, מיט גרויס נחת, ווי די קליינע אַני איז אַזוי פאַרקאָכט אין דער פּיאָנערן־אָרגאַניזאַציע, אין די פּאַרטיי־קרייזלעך, ווי

ס׳שיינט אַראָפּ די רויטע באַנד אין אירע בלאָנדן האָר; ווייל אַזוי אויך איז ס׳מיידעלע אומגעריכט געטון אַ וואַקס אונטער, אויף אַ פּאָר שלאַנקע, ראַזע פיס, אין וויגנדיקן גאַנג. דער בלאָנדער קאָפּ אירער האָט זיך איז כוואַליעס צעשאָטן איבער איר פּלייצקע; זי האָט אויפגעמאַכט אַ לאַכנדיק מויל מיט גלייך־צעשטעלטע ציינער, אַז ס׳איז ליכטיק געוואָרן.

צו 15 יאָר איז זי שוין „אַרויסגעגאַנגען" מיט אַ חבר פון ליציי, אַ זון פון קאַטוילישע עלטערן. מ׳האָט אים גערופן פראַנק. זי האָט אין יענעם יאָר געטון אַ שיס ארויף. אירע שלאַנקע פיס זענען געטרעטן אויף הויכע קלעצער. דאָס קרענקלעך־בלאַסע יינגל איז איר לאַנג, פאַרליבט און פאַר־ביסן נאָכגעגאַנגען, און זי האָט אים געמאַכט אַביסעלע אייפערזיכטיק אויך, אַרומגעפלירטעוועט מיט אַנדערע יינגלעך פון ליציי, געלאָזט אים לאַנג וואַרטן פאַרן טויערל, איידער זי איז אַרונטערגעקומען.

אין די צוויי ענגע צימערלעך ביי חברטע טייבל האָט זי זיך פּלוי־צים געגומען פילן פרעמד, מיט זייערע מאָדנע פּירונגען, מאָדנע ביכלעך, מאָדנע צייטונגען, אַ מאָדנע לשון, מיט די פאַרגרייזטע פּאָר פראַנצויזישע ווערטער אין זייער מויל. אַלע צרות קלעפּן זיך צו זיי. די קליינע האָט אָבער באַצייטנס דערפילט — ס׳קען מיט זיי ווידער ווערן געפּערלעך...

ס׳איז אויך געווען ביי דער אונטערגעוואַקסענער יוגנט, אַז מ׳וויל — אינסטינקט. מ׳האָט אַלץ גערעדט און געשריבן, — אינטעגראַציע... פאַר־שווינדן... מאַסקירן זיך... דאָס מסתמא האָט דער קליינער אַני דערנאָך אָוועקגעפירט צווישן די סאַמע פאַרביסענע יידן־שונאים.

ס׳איז געווען אַ דעמאָנסטראַציע ביי מעטראָ שאַראָן, נאָנט פון באַס־טיל. פּאָליציי האָט געעפנט אַ פייער. ס׳זענען געווען געפאַלענע אויך. דאָס יינגל האָט זי פעסט געהאַלטן ביי אַ האַנט און אַרויסגעפירט זי פון פייער. זיי האָבן דערנאָך אַ האַלבע נאַכט געוואַנדערט איבער די קאַפייען, באַרן, ביסטראָ׳ס פון סען־מישעל, צווישן אַן אויפגעבראַזיעטער יוגנט. די גיטאַרעס פון די האַוואַישע אינדזלען, די פּאָפּ־מוזיק, האָבן זיי פאַרשכורט. צווישן דער באַנדע פאַרוואַקסענע היפּיס און מיידלעך אין די הויזן, אין נאַכט־לאָקאַל, האָבן זיי זיך אויסגעמישט צווישן דער קאָלאָניאַלער יוגנט גאַדעלופער, פּאַרטאָריקאַנער, וויעטנאַמער, אַראַבער. איינער פון זיי, אַן אַנדאַלוזער, מיט ברוינע, איידעלע, הייסע הענט, האָט געזונגען שפּאַנישע פלאַמענקאָס, באַ־גלייט זיך אַליין אויף דער גיטאַרע. זיי האָבן הייס דיסקוטירט, אויסגע־לייגט מאָדנע פּלענער פון אויפשטאַנדן, אַפילו האַלד־האַפּן, פאַרכאַפּונגען פון אַוויאָנען און ערובניקעס. אַני האָט זיי צוערשט אָנגעקוקט אַביסעלע דערשראָקן, בלאָזנדיק זייער שיין דעם רויך פון אַ סיגאַרעטל דורך די נאָז־לעכער; און ווי דער רויך וואָלט אַריינגעדרונגען אין די פּאָרן פון איר הויט. זיי זענען דערנאָך אַרויף און אַני איז פאַרבליבן מיט זיי אין דעמ־פּיקן, קליינעם האָטעל־צימער, אויסגעלייגט אויף דר׳ערד, אויפן ברייטן, שמוציקן מאַטראַץ. זי האָט מורא געהאַט אָנצוקוקן זיך אין זשאַווערדיקן

שאַפּע־שפּיגל. זי האָט דערפילט די הייסע הענט פון דעם אַראַבער איבראַהים אַרום איר אָפּגעדעקטן אָרעם. פראַנק האָט זיך געוואָרפן אויף יענעם, און זי האָט הילכיק, שיכורלעך געלאַכט. זי האָט שוין דערנאָך מער נישט געדענקט וואָס ס'איז געשען, אין היץ, אין רויך, אין געטראַנקען. סיי ווי האָט זי שוין דערנאָך פראַנקן מער נישט געזען.

צומאָרגנס, שפּעט אין טאָג אַריין, האָט זיך אַני אויפגעכאַפּט איז דושנעם האָטעל־צימערל אַרום סען־זשערמען דע־פּרעי. זי האָט זיך מיטאַמאָל דערפילט ווי אַ דערוואַקסענע, און האָט דאָסמאָל פעסט באַשלאָסן אינגאַנצן אַרויסצוציען זיך פון דער חברטע טייבל. זי האָט געגרייט עפּעס עקזאַמענס, איז אַוועק אַרבעטן אין אַ קליינער האַנדלס־ביוראָ; פאַרשוווּנדן אין די אָוונטן, אויסגעמישט זיך אין די קליינע, שוואַך־באַלויכטענע באַרן מיט די סטודענטן און אַרבעטסלאָזע פון אַלע קאָנטינענטן און אַלע ראַסן. זי האָט זיך מער כמעט נישט אַרויפגעוויזן אין הויז אַריין אויפן הויכן בעלוויל. זייער זעלטן. חברטע טייבל האָט געהאַט גרויס צער דערפון. „אַ דערוואַקסן מיידל שוין... ווי איז מיר"... ס'האָט געהייסן, אַז זי ווינט פאַר זיך, אַני, אין אַ סטודענטישער מאַנסאַרדע. דער בעלוויל מיטן יידישן טומל, מיט די געדיכטע געזעמלעך יידן זונטיק אין דער פרי אויפן ברייטן בולוואַר — זי איז אַנטלאָפן דערפון, געשראָקן זיך מיט אַ בלינדער שרעק, מיט זייערע געשעפטן און געוועלבלעך. מיט אַזאַ ביטול האָבן זיי אויך גערעדט צווישן זיך, די חברים, וועגן יידן, „וואָס אַלע זענען זיי רייך". אַניק, אַ מילך־בלאָנדע, האָבן זיי עפּעס גאָרנישט חושד געווען צוערשט, און זי האָט גאָר מורא געהאַט אַרויסצוכאַפּן זיך מיט אַ וואָרט. זי האָט אַנטדעקט אין זיך אַ מין זעלבסט־האַס, אַן עגאָפאָביע, און עס אויסגעגאָסן אין שרייבערייען אין די לינגוויסטישע בלעטלעך, וואָס זיי זענען געקומען דרוקן אין דער יידישער דרוקעריי אויפן פאָבור סען־דעני. זי האָט גאָרנישט מער געוואָלט געדענקען ווי חברטע טייבל האָט זי, ווי אַ מאַמע, אויסגעוואַרעמט, ווען זי איז נאָך געווען אַ קליין מיידל אין יתומים־הויז. אין די אויערן האָט איר נאָך אָבער טיילמאָל אַלץ געקלונגען די צעבראָכענע שטימע פון דער מוטער טייבל, אײדער זי האָט דאָס לעצטע מאָל איבערגעלאָזן די אָרעמע, וואַרעמע היים, אין די צוויי ענגע צימערלעך אויפן בעלוויל: „אַני, קינד מײנס... דו זאָלסט אונז אָפּטאָן אַזאַ זאַך?"... און אין אירע אויגן זענען געווען טרערן. זי האָט אָבער געשוויגן, די מויד, גאָרנישט אָנגערופן זיך, אַ קלאַפּ געטאָן מיט דער טיר, און איז אַוועק.

זי איז אין יענע טעג אַרומגעגאַנגען ווי אין אַ וואָלקן, אויסגעמישט זיך אין די קליינע באַרן און ביסטראָ'ס פון סען־מישעל מיט די שוואַרצע, ברוינהויטיקע, געלע, פון אַלע ראַסן און קאָנטינענטן. זי האָט זיך דערפילט, ווי אַן אַנטלאָפענע פון אַ דורכגעפאַלענעם דור, אָן אַ נעכטן, אָן אַ געשיכטע, אַ דור פון שניידערס, וואָס ווערן אומעטום פאַרפאָלגט, אויסגעראָטן, אָדער אויסגעשפּיגן.

קאַפּיטל 22

# דער אַראַבער איבראַהים

אין דעם הייסן זומער 1968 איז שוין אַני מער נישט געווען קיין דערשראָקן מיידעלע. זי איז געשטאַנען אין דער מיט פון פלאַקער אין לאַטיינישן קוואַרטאַל, סטודענטן־קרייזלעך, לינקיסטן פון אַלע שאַטירונגען און טענדענצן. וואָס טומלען זיי דאָרט ווידער אַרום מיט אַן אייגן לאַנד, די ייִדן, אין דער צייט, ווען די אָרעמע אַראַבער, אַראָפּגעיאָגט פון זייער באָדן ?... זי האָט זיך אַפילו אויסגעמישט מיט די דעמאָנסטראַציעס, אונטער די גרינע פענער, מיט דער אַראַבישער האַלבער לבנה, מיט ווילד־אויסגעשריגענע לאָזונגען : „פּאַלעסטינע וועט זיגן !”... ס'איז געווען אין דער לופט : פּאָגראָם... מעסער־שטעכעריי... צווישן אַ המון אַלזשעריאַנער... פּאַלעסטינער... דער בחור מיט די הייסע, איידעלע הענט, איבראַהים, האָט זי שוין מער נישט אָפּגעלאָזן, נאָכן געשלעג מיט פראַנקן. זי איז אים אונטערטעניק נאָכגעגאַנגען, נישט אויפגעהויבן דעם קאָפּ צו עמיצן אַנדערש. אין די קליינע באַרן האָט זי זיך פאַרוויגט מיט דער שטילער מוזיק, אָנגעפּלייצט אין סורדיק, ווי צוגעדושעט ; די מוזיק פון די אַנטילן־אינדזלען, האַוואַישע גיטאַרעס. זי האָט זיך דערזען טאַנצן מיטן לאַנג־האָריקן בחור, מיטן ראַנד־בערדל, אין אַ טשאַ־טשאַ־טשאַ, אונטער די פאַרשטעלטע ליכטער ; און מ'וויס נישט פאַרוואָס, נאָר דער בחור האָט פּלוצים גערערט צו איר אַ פּאָר ווערטער... ייִדיש. ס'איז געווען דאַניעל. ווי ער וואָלט זי אומעטום נאָכגעגאַנגען, צו זען איר אייגענע פאַרוואַנדלונג. זי האָט אים אויך עפּעס נעפּלדיק פאַרגעדענקט, פון וואַנען ? — אפשר פון דער אָרעמער צוגאָב־שול אויפן בולוואַר בעלוויל, צווישן די אָרעמע קינדער פון ייִדישע שניידערס. און זי האָט זיך באַלד שאַרף אָפּגעדרייט פון אים ; ס'האָבן זיך אויפגעוועקט אין איר ווייטע, אומקלאָרע דערמאָנונגען, און — זי האָט זיך דערשראָקן. יענער איז אָבער אַלץ צוגעשטאַנען, געקוקט אויף איר האַלב־שמייכלענדיק, האָט אויסגעזען צו ווען זי אַרויספירן פון דאַנען. זי האָט געזוכט מיטן פאַרנעפּלטן בליק איבראַהימען, און — איז אַנטלאָפן.

זי איז אים אַוועק זוכן, איבראַהימען ; נאָך די געשלעגן אין דער נאַכט, פּלאַס אָדעאָן, איז זי זיכער געווען, אַז ער איז אַרעסטירט. מ'האָט אַרום איר אַלץ געהערט רעדן וועגן דער מלחמה אין ישראל, אַז די ייִדישע ייִנגלעך שלאָגן זיך דאָרט העלדיש. ווי קומט עס ? זי האָט עס נישט געקענט פאַרשטיין. זי האָט נאָר געזען פאַר זיך — די מאָגערע, קליינע ייִדישע שניידערס פון בעלוויל, מיט זייערע דאַרע הענט און הויכע פּלייצעס. די ראַדיאָס, די בלעטלעך האָבן געשריגן היסטעריש, און ס'האָט זי נאָכגעגאַנד

פאַרפאַלגט. אומגעריכט האָט זי זיך איינמאָל דערזען אויסגעמישט, אויפן מיטן ברוק, בולוואַר סען־מישעל, אין אַ מאַניפעסטאַציע פון יידישע סטו־דענטן. זי האָט זיך באַלד מיט פחד אָפּגעדרייט. אין באַר, פלאַס אָדעאָן, האָבן מאַרקסיסטן, אָדער טראָצקיסטן, גערעדט אין אַ געוויסן זין מיט באַ־וווּנדערונג פון דער יונגער ישראל־אַרמיי; אָבער זיי זענען באַלד דערנאָך אַרויס מיט מאָדנע טעאָריעס וועגן אַ פעדעראַציע פון אַלע געמיינשאַפטן אין פאַלעסטינע. ערגעץ טיף אין זיך האָט זי זיך ווי אין עפּעס דער־מאָנט — ווייניק האָט זי זיך אָנגעהערט אין הויז ביי חברטע טעמערל, ווי העלדיש די יידישע ווידערשטענדלער האָבן זיך געשלאָגן קעגן נאַצי?... די יידן פון די אינטערנאַציאָנאַלע בריגאַדעס אין שפּאַניע... די יידן פון דער מאַנוכיאַן־באַטשאַוו-גרופּע... אָבער דאָס זשומען פון די האָוואַישע גיטאַרעס האָט פאַרטויבט, צוזאַמען מיט די דיסקוסיעס, די רייסערייען. דער טראַפּישער ראַם פון די אַנטילן האָט שווער געמאַכט דעם מוח, אַריינגע־וואָרפן אין אַ מין עקסטאַטישער פייערלעכקייט.

זי האָט שוין דעמאָלט אַ שטיקל צייט געוווינט מיטן אַראַבער אַי־בראַהים אין אַ קליינעם האָטעל; אַ שלאַנק ייִנגל מיט הייסע, איידעלע הענט און הייסע אויגן. ער איז אָפט פאַרשוווּנדן, אָנגעזאָגט איר נישט צו גיין אין די ביסטראָ׳ס, און — אומגעריכט צוריק באַוויזן זיך. ער האָט זי איינמאָל אַפילו געזאָגט:

— מיין קליינע אַני, דאַרפסט נישט מער גיין אין דער ביוראָ... מיר וועלן דיר שוין פאַרשאַפן אַרבעט...

זי האָט גאָר מורא געהאַט איבערצופרעגן — ווער איז דער „מיר"? וווּהין ער פאַרשווינדט? פון וואַנען האָט ער אַזויפיל געלט? זי האָט אויך באַמערקט ביי אים אַ קליינעם רעוואָלווער, און — ווי לייכט ער פאַלט אַריין אין אַ ווילדן גרימצאָרן. ווען ער האָט זיך צוריק באַוויזן, האָבן זיי דעם אָוונט פאַרברענגט אין באַר „ריוו ד׳אַזיר", צווישן די גאַדעלופער און מו־לאַטן. מ׳האָט געטאַנצט דעם רומבאַ־טאַנץ. ס׳האָט געפיבערט אין זייערע אויגן דער ווילדער סעקסועלער הונגער; ווי ס׳וואָלט אַראָפּגעפאַלן איבער זיי אַ טראָפּישע נאַכט. מ׳האָט געזופט עפּעס אַ געטראַנק, געשטעלט אויף קרייטעכצער, און זי האָט זיך דערפילט אַזוי לייכט ווי אַ פעדערל, איז גע־זונקען אין אַ זיסן קאַשמאַר, האַלב אין וואַך, האַלב אין דרימל.

ס׳איז געווען אין יענע הייסע מאַי־טעג. ס׳האָט געבושעוועט דער רעוואָלט פון דער יוגנט אין די ליצייען, אין די אוניווערסיטעטן, אין די אָנגערויכערטע קעלער־בוכהאַנדלונגען פון סען־מישעל, צווישן די לאַנג־האָריקע לינקיסטן, אין געטומל פון דער פּאָפּ־מוזיק. איבראַהים האָט זי איינמאָל אַוועקגעפירט אויפן פאָבור סען־דעני, צום שמאָלן הויף מיט די בלוי־פאַרשמירטע שויבן פון אַטעליעס, פאַבריקן, אין דער קליינער זעצע־ריי, וווּ ס׳זענען געדרוקט געוואָרן יידישע צייטונגען, יידישע ביכער און אויך די בלעטלעך פון די לינקיסטן, מיט די שרייענדיקע קעפּ. און דאָרט

טאַקע האָט זי אים ווידער באַגעגנט, דאָס יידישע ייִנגל פון בעלוויל, דאַ־ביעלן.

— ווּעסט דאָ אויך טרעפן די... אייעריקע... — האָט זי איבראַהים איינגערוימט, און ס׳האָט געשפּילט עפּעס אַ כיטרע, זויער שמייכעלע אונ־טער זיין שאַרפער וואָנץ.

טיף אין דער ביסטראָ, אַריינגעשטופּט צווישן פּרוכטן־סקלאַדעס, יאַטקעס, אין הינטערשטן שמאָלן, פינצטערלעכן ווינקל, איז געווען געדיכט אַרומגעזעצט. דער באַלעבאָס פון דער קליינער דרוקעריי, אין אַ צע־כראַסטעטע העמדל, מיט דער בריל אויף דער שפּיץ נאָז, אָן אייגענער צווישן זיי אַלע, האָט געצאָלט די טורניי פאַר אַלעמען, און — מ׳האָט זיך געריסן הויך אויפן קול. מ׳וויסט נישט ווי אַזוי ס׳האָבן געקלעפּט צו אים די אַלע יונגע, די עקסטראַוואַגאַנטע, מיטן סיגאַרעטל אין מויל. זיי האָבן אים נישט גע׳דו׳צט. אָני האָט זיך דערפילט — מאָדנע. ס׳איז דאָ אַלץ עפּעס געווען אין גייסט פון די נייע ווינטן, וואָס האָבן געבלאָזן, כאָטש דאָס נייע מיטן אייביק־אַלטן אַרום האָט זיך אויסגעמישט אין אַ ראָמאַנטישן שימער, מיטן פּאַטין, וואָס האָט באַדעקט די הייזער פון דעם קוואַרטאַל פון אַלטערטימ־לעכן פּאַריז.

די שמאָלע פּאַבור סען־דעני, געבויט מיט יאָרהונדערטער צוריק, נישט פאַרן געדיכטן פאַרקער פון אויטאָס, לאַסט־וועגן, איז ביז אַרויף פאַר־שטעלט געווען. אַהער זענען פאַרפאָרן שווערע לאַסט־וועגן אָפּלאָדן זייטן פליישׁ פון אָקסן, פערד, חזירים, הירשן מיט צווייגן־הערנער, ווילדע חזירים מיט פאַרבלוטיקטע פּיסקעס; די זייטן פלייש, אויף די האָקעס, צעהאַנגען אין ריזיקע אייז־קאַסטנס. קוישן גרינוואַרג, קאַסטנס פּרוכטן, באַליעס מיט אַלערליי פישוואַרג און שרצים פון די ים־ברעגן, קעזן און כלערליי מילכוואַרג, די שפע פון דער פעטער נאָרמאַנדיע, פון די דרום־פּראָווינצן, „אויפן פּריז פון די האַלעס". נישט אומזיסט הייבט זיך אויף אין די הייסע מיט־זומער־טעג פון ברוק אַ דינער נעפּל פון געמישטע אײדעלע אַראָ־מאַטן און — פאַרהאַקט דעם אָטעם מיט פאַרדומפּענע, צוגעפוילטע ריחות. מ׳שפּאַרט זיך דאָ קוים אַדורך די ענגע טראָטוואַרן. ס׳מאַכן זיך אויף די הינטערשטע טירן פון ריזיקע לאַסט־וואַגאָנעס און מען האַלט אין איין אַראָפּלאָדן אין די טיפע געוועלבן, אין די טיפע הייף.

אין לאַנגן, שמאָלן, טונקעלן הויף, אין רויש פון ביוראָען, פאַבריקן מיט בלוי־פאַרשמירטע שויבן, אין דער דרוקעריי, ווו ס׳בלענדן דעם גאַנצן טאָג אַרונטערגעלאָזענע לעמפּ, זעט עפּעס דאָ אַלץ אויס נישט רעאַל, ווי ס׳וואָלטן זיך דאָ אַרומגעדרייט פאַנטאָמען פון פאַרגאַנגענע יאָרהונדערטער, אין גייסט פון די אַלטע געביידן מיט די אָפּגעקראָכענע אינקרוסטאַציעס. ווי אין אַלע צייטן, שטייען נאָך אַלץ יונגע, שיינע זונות ביי די טויערן, ביי די האָטעל־טירן, מיט די שמאָלע טרעפּלעך צו די אַרויפגעגנג, און שמייכלען צו די פאַרביייגייער. די מאַסיווע מויערן און שטאָט־טויערן, וואָס האָבן זיך

אין ווייטן עבר יעדן אָוונט פאַרמאַכט פאַר פרעמדע אַריינדרינגלער, הויערן נאָך אַלץ איבער אַלעמען. אַהער פלעגן פאַרצייטנס אָנפאָרן פיאַקערס מיט הויכע רעדער, קאַרעטן, קאַלעשעס מיט פאַרצויגענע פאַרהענגלעך, פון פעאָדאַלן און מאַרקיזן. „אָנצושטאָפּן דעם מאָגן פון פאַריז", ווערט דאָ דאָס אויג פאַרכאַפּט פון די אָפּגעשונדענע אָקסן, ווילדע חזירים, פאַרביקע פייגל, פאַזאַנען מיט מולטי־קאָלירטע פעדערן, ווילדע קאַטשקעס, אַראָפּגעשאָסן אין די פייכטע וועלדער, איבער די פאַרוואַקסענע סאַזשלקעס; די טרויבן, אויסגעוואַרעמט אויף די שיפּועים פון די דרום־פּראָווינצן, אָנגעגאָסן מיט דער הייסער דרום־זון; געדיכט־אָפּגעשטאַנענע ווייַנען אין די שטאָק־הויכע גלאָז־וויטרינעס, און אין דער מיט פון דעם גאַנצן עולם הזה־געגנוס — יונג פרויען־לייב, צום קויפן.

ס'איז שוין באַלד שווער געווען צו אונטערשיידן די מיידלעך אין די מיני־זשיפּן, צעשטעלט ביי די שמאָלע האָטעל־אַרויפגענג, צו וועלכער קאַטעגאָריע זיי געהערן; ווייל די זעלבע מיני־מיידלעך פון די לינקיסטן, אָדער אין איינגעשטייפטע הויזן, אויסגערונדיקטע, זענען כסדר געקומען אין טיפן הויף אַריין, צו דער קליינער, פאַרשטויבטער דרוקעריי אין דער נידער, מיט די בלוי־פאַרשמירטע שויבן. זיי האָבן אויסגעשריגן די שרייענדיקע בלעטער, מיט די שרייענדיקע קעפּ, שרייענדיקע קאַריקאַטורן, קעגן דער דעגענערירטער קאַפּיטאַליסטישער קאָנסומאַציע־געזעלשאַפט. זיי האָבן זיך געזען ווי די יורשים און שטורמער פון אַ פאַרממזרטער ציוויליזאַציע, וואָס מוז אונטערגיין.

ס'פאַרברוינטע מיידל פון די קאָלאָניעס, מיט אַ קאָפּ פעך־שוואַרצע קרייזלעך, ווי אַ סטויג היי, אָדער אַ נעסט פון באַטשאַנעס אויף די דאָרפישע סטרעכעס, איז געווען אין דער מיט פון די הייסע גערעדערייען אין פינצטערן ווינקל, אין הינטער־שטיבל פון דער ביסטראָ; אוודאי אַ ווייטער אָפּשטאַם פון אַן אַפריקאַנער פאַפּואַסן־שבט. אירע אור־זיידעס זענען אַמאָל געבערענגט געוואָרן, ווי די פי, געשמידט אין קייטן, אויפן דעק פון שקלאַפן־שיפן, צו די ברעגן פון ניו־אָרלעאַן אין קענטאַקי, צו האָרעווען אונטער דער הייסער זון, אויף די בוימוואָל־פּלאַנטאַציעס, צו די ברעגן פון קובאַ, מאַרטיניק, גאַדעלופּ, די טראָפּישע אינדזלען אויפן קאַראַיבישן ים; דאָרט, ווו ס'האָבן אַמאָל געלאַנדעט די קאָלאָניאַלע רויבער, די פראַנצויזישע, ענגלישע, שפּאַנישע, פּאָרטוגעזישע מאַטראָסן, און געלאָזן נאָך זיך אַ פאַרממזרטן מולאַטן און־מעטיסן־געמיש. ס'שמאָלע מיידל אויף די שלאַנקע פיס, מיט דער הויט פון בראָנדז, האָט אויפגעמאַכט אַ מויל שיינגעשניטענע ציינער צווישן דיקלעכע ליפּן:

— די שקלאַפעריי, מיין אַלטער — האָט זי אים בישט „געדוצט" — עקזיסטירט נאָך ביז היינט צו טאָג. זי האָט נאָר געענדערט די מעטאָדן, אָבער מיר זענען פאַרבליבן שקלאַפן פון דער געזעלשאַפט... די געשיכטע

איז זיך נוקם און אַלץ וועט אָפּגעצאָלט ווערן דורך דער אומברחמנותדיקער רעוואָלוציע, וואָס גייט... וואָס דערנענטערט זיך...

— צי זענען עס נישט די קאָמפּלעקסן פון אַ פאַרשעמטער ראַסע, אָדער פון אַ סעפּאַראַטיסטישער קאָלאָניאַלער באַוועגונג?

— נאַציע... פעלקער... ראַסן... מיר לאַכן זיך אויס פון אָט די באַגריפן אייערע. די יונגע רעוואָלוציע פון אַלע אונטערדריקטע, וואָס שפּאַנט, וועט אַלץ אַראָפּשווענקען...

ווי פונם יונגן מיידל וואָלט אַרויסגערעדט דער דזשונגל. דעם דזשונגל איז סיי ווי געווען צו פילן צווישן די הויכע, אַלטע מויערן פון דער ענגער גאַס; צווישן אָט די ענגע מויערן, וואָס זענען מיט יאָרהונדערטער פריער יעדע נאַכט אָפּגעשלאָסן געוואָרן, אין אימה פאַר באַרבאַרישע אַריינדרינגלער. אויף די טורעמלעך האָבן געוואַכט די נאַכט-וועכטער, מיטן אַלאַרם־טראָמפּייט. דער דזשונגל איז דאָ געווען אין די קליינע ביסטראָ׳ס, צווישן די יונגעלייט מיט די הייסע אויגן, די מיידלעך אויף די הויכע אָפּצאַסן, און שלאַנקע, אָפּגעדעקטע פיס. ס׳האָט זיך דאָ געפילט — אַן אינטערנאַציאָנאַלע קאָנספּיראַציע, פון פאַרשטעקטע רעוואָלווערן אין די גאַרטלען, פלאַסטיק־אויפרייסן, פאַרכאַפּן ערובניקעס, אויסגעמישט מיטן קו־האַנדל פון יונגע זונות ביי די טרעפּלעך פון די אַלטע האָטעלן.

ביי דער זייט פון בלאָנדן מיידל אַני, האָט דער אַראַבער איבראַהים געקלאַפּט מיט דער פויסט אין טישל אַריין:

— ווערטער, וואָס האָבן נישט קיין שום דעקונג... זיי וואַרפן שטיינער, נישט קיין גראַנאַטן... זיי מיינען בלויז, אַז זיי מאַכן רעוואָלוציע...

— אָבער דערפון שאַפט זיך אַ רעוואָלוציאָנערע סיטואַציע... — איז דער פּאַטראָן פון דער קליינער דרוקעריי צוגעשטאַנען — דאָס באַווייזן זיך פון אַרבעטער אין לאַטיינישן קוואַרטאַל... די שטרייקן...

— מ׳דאַרף דעם סאָרבאָנע־הויף פאַרוואַנדלען אין אַ פעסטונג, און דאָ וועט זיך אָנהייבן די אמתע שלאַכט מיטן רעזשים. דאָ וועט דורכגעבראָכן ווערן אַ שפּאַלט אין דער פאַרפוילטער קאָנסומאַציע־געזעלשאַפט, דאָ וועט קומען די קאָאָרדינירטע אַקציע פון אינטעלעקטועלע מיט די אַרבעטער פון די „רענאָ״־פאַבריקן. דאָ וועט רעאַליזירט ווערן דער כלומרשטער בירגער־קריג אין אַן אמתן בירגער־קריג...

און ווי נאָר ס׳איז, געוויינלעך, געקומען צו רייד וועגן ישראל... ציוניסטן... האָט זיך אַני פאַררוקט הינטער אַלעמענס פּלייצעס. איבראַהים האָט זיך אָנגעגאָסן מיט בראַנדיקע קאָלירן:

— מיר קענען נישט טאָלערירן קיין פרעמדן קערפּער אין דער מיט פון דער אַראַבישער ציוויליזאַציע... די ציוניסטישע ראַסיסטן האָבן פאַרטריבן דאָס פּאַלעסטינער פאָלק פון זיין ערד...

די קליינע האָט פאַרמאַכט די אויגן. ס׳איז נאָך אַלץ געווען אין איר אַ געפיל פון שעמען זיך פאַר חברטע טייבל. צי זענען זיי טאָקע אַזעלכע?

— האָט זי זיך געפּרעגט מיט שרעק. אָבער אין דער מיט האָט זיך איבראַהים אַ הייב געטון, זי מיטגערופן באַפעלעריש און זי איז אים בלינדערהייט נאָכגעגאַנגען.

זיי האָבן נאָך לאַנג געוואַנדערט צווישן די ענגע גאַסן אַרום אַדעאָן, פאַרוויגט זיך אין די קליינע, פאַרדעכטיקע בארן מיט ציגיינער־מוזיק. ער האָט זי פעסט געהאַלטן אַרום דער טאַליע; האָט באַשטעלט די קליינע גלעזעלעך, וואָס האָבן אָנגעצונדן דאָס בלוט. ער האָט געחלומט וועגן אַבסורדאַלע מלחמות, רעוואָלוציעס, פּוטשן, אין ווענעזועלאַ, באָליוויע, פּאַלעסטינע. לסוף זענען זיי אָפּגעשטיגן אויפן באַל, פּלאַס דעז עקאָל, לעבן דער בוכהאַנדלונג פון „מאַספּעראָ״. מ׳האָט דאָרט אַרום די שענק־טישן געזונגען אַלטע פראַנצויזישע וויין־לידער וועגן צעהוליעטע מאַטראָסן:

פאַסאָן פאַר פאַרי,
ווידאָן לע בוטעיע...
(פאַרבייפאַרנדיק פאַריז,
אויסליידיקנדיק די פלעשער...).

איבראַהים האָט געוואָרפן אויפן שענק־טיש באַנקנאָטן, נאָכלאַזיק פאַרשטעקט דאָס קליינגעלט אין אויבערשטן קעשענקעלע; און אַני איז אים אַלץ נאָכגעגאַנגען בלינדערהייט, ס׳דערשראָקענע יידישע מיידל, איידער ער איז צום לעצטן מאָל פאַרשוווּנדן.

## קאַפּיטל 23

## צוריק צום אַלטן בעלוויל

באַוויזן צוריק האָט ער זיך אומגעריכט, אין יענעם מיטן הייסן זומער, אין די אויפגעלויכטענע נעכט פון לאַטיינישן קוואַרטאַל. עפּעס האָט ער זי אָנגעקוקט מיט חשד, און זיינע הייסע אויגן האָבן געשפּריצט מיט פייער. ער האָט זי שוין נישט אָפּגעלאָזן. מ׳האָט געוואַנדערט פון איין באַר אין אַנדערן ביז שפּעט, געשלאָפן ביזן האַלבן טאָג. פאַרנאַכט האָט ער זי אַראָפּ־געפירט פון האָטעל צום קאָנטואַר פון די אינדאָכינעזער. ס׳איז געווען הייס. צווישן פּאַלמען־בלעטער האָבן שטיל געראַשט ווענטילאַטאָרן. אַני האָט געהאַט דעם איינדרוק צו געפינען זיך אין אַ פּאָרט־קנייפּע פון עפּעס אַן אַפריקאַנער קאָלאָניע, אין אַ טראָפּישן דרום־שטאָט. ס׳לאַכנדיקע נעגער־מיידל מיט די בוימלדיק־אויסגערונדיקטע אויגן, אונטער אַ וואַלד לעקע־לעך, האָט כסדר צוגעגאָסן אין די הויכע קופּליעס. דאָס דייטשע מיידל, די

מולאַטקע מיט דער מאַטער הויט, אַפּגעשאָסענעם מאַדנעם בלאַנד, מיט די דיקלעכע ליפּן, צעשוואומענער נאָז — אַ זכר פון דער אַמעריקאַנער־נעגערישער אָקופּאַציע־אַרמיי אין דייטשלאַנד — האָט געשטשירעט די לאַנגע, פּערדישע ציינער און געוואָרפן זיך יעדן בחור אין די אָרעמס. דאָס האָט אַנין אויך אויסגעוויזן ווי — אַן אַבסורד, פּונקט ווי זי אַליין האָט זיך געזען — ווי אַן אַבסורד; אַן אָפּשטאָמיקע פון יידישע שניידער־עמיגראַנטן, אַנטלאָפענע פון פּוילן, אין יענע יאָרן פון אַנטיסעמיטיזם, פּאַשיזם, אַרויס־געוואָרפן אויף די וועלט־מערק, צו שפּאָט און צו אומקום. זי האָט פאַר־מאַכט די אויגן, און אַלץ געוואָלט אַנטלויפן — פון זיך אַליין.

און דווקא אַהין האָט ער זי געפירט, איבראַהים, צום אַלטן בעלוויל. די זעלבע שמאָלע געסעלעך אַרום בולוואַר בעלוויל — דאָרט, ווו אין די קליינע, שמוציקע האָטעלן האָט אין די 20־ער און 30־ער יאָרן, ביז דער מלחמה, געגעסטיקט די אַנגעלאָפענע יונגע יידישע עמיגראַציע פון פּוילן, זענען איצט געקומען אייננעסטיקן זיך די צפון־אַפריקאַנער יידישע פּלי־טים, ווי אין אַ היימישער „קאַזבאַ"; פון מאַראָק, פון טוניס, פון אַלזשעריע. די קליינע, היימישע יידישע רעסטאָראַנען, די כשרע יאַטקעס, די בעקערייען, שפּייז־געוועלבלעך, אפילו די ברייט־צעלייגטע יידישע קאַפע פון יאָסל וואַרשעווער, „דאָס ליכט פון בעלוויל", אויפן ברייטן בולוואַר, זענען אַלע איינגעהאַנדלט געוואָרן דורך יידן, אָדער אַראַבער. זיי ראַיען זיך זייט ביי זייט, מ'האַנדלט אונטער צוביסלעך, מען לעבט אפילו אין גוט־שכנהשאַפט. די אַלטע האָטעלן זענען אָנגעפּילט מיט אַראַבישע שוואַרץ־אַרבעטער, טאָג־לוינער, ביי בוי, ביי דער מעטראָ, ביי דער קאַנאַליזאַציע, מיסט־ריי־ניקער, אין די שעכט־הייזער פון לאַ־ווילעט. זיי פּאַקן זיך דאָרט אַן יעדע נאַכט בינטלעכוויז, צו צען־פופצן אין אַ צימערל. זונטיק אין דער פרי דרייט זיך אַ קונה אין די אַלטוואַרג געוועלבלעך פון סאָלדן, אין די מייער־לעך, וואָס מ'גייט אינגיכן אַלע אַראָפּרוימען. די אַראַבער פון די וואַנצן־האָטעלן דינגען זיך לאַנג אַרום; די קליינע געוועלב־לייט קענען זיך שוין אויף זייער פאַרגרייזט לשון, לויבן אָפּ אין טאָג אַריין די פאַרלעגענע סחורות.

באַלד אונטערן האָטעל רוישט ביז שפּעט די קאַפע־ביסטראָ „שע־כאַרעזאַדע". די אַראַבישע אותיות אויף דער שילד, פון רויטע לעמפּעלעך, צינדן זיך און לעשן זיך כסדר. דער אַריינגאַנג איז ראַג רי דע ל'אָריאַן, דורך דער האַלב־רונדער טיר, פאַרשטעלט מיט אַ פאָרהאַנג פון קרעלן־צעפּ, אויפן אָריענטאַלישן שטייגער. אין אַ זייט, לעבן קליינעם קוואַרטאַל־סינעמאַ, הילכט אַרויס די שלשלתדיקע אַראַבישע נגינה, אַ מין חזנות. פון נידעריקן סופיט הענגען אַרונטער די לעמפּ מיט גרעל־רויטע אַבאַזשורן. די טישלעך, ביז טיף אַראָפּ — באַשטעלט און באַזעצט. מ'שפּילט אין ביינדלעך, אין בעזש־פעזש, אין קאָרטן, מ'רויכערט אויך נאַרגילעס. ס'איז שוואַרץ פון רויך פון סיגאַרעטן און פון די שווערע ריחות פון צוגעלעגן, געבראָטן שעפּסן־פלייש.

צו אַט דעם האָטעל מיטן אָפּגעקראַכענעם פֿאַסאַד, מיט די שמאָלע שטיגן צו דער גאַס, איז איבראַהים שפּעט אין אָוונט פֿאַרפֿאָרן אין זיין אָפּגענוצטן „פּעזשאָ", און געפֿירט נאָך זיך דער קלײנער אַני, אַרויף מיט די אָפּגעטראָטענע שטיגן, ביזן לעצטן שטאָק. ער האָט זי פֿעסט געהאַלטן ביי דער טאַליע, זי זאָל זיך נישט אַראָפּגליטשן. זי איז געווען האַלב־שיכור־לעך, אָדער פֿאַרטשאַדעט, מיט בלויע רינגען אונטער די אויגן. זי האָט מער נישט געדענקט ווי אַזוי זי איז געקומען אַהער.

שפּעט אין טאָג אַרײַן האָט זי אויפֿגעמאַכט אַ פֿאַרפֿראָשעט אויג און זיך דערזען אין אַ ברייט, אַלטמאָדיש, צעקנאָדערט בעט. האָט קיינעם מער נישט געפֿונען לעבן זיך. מיט איין שפּרונג איז זי אַראָפּ, אַ פֿאַרשאָר געטון דאָס ברודיקע פֿאָרהענגל און אַראָפּגעקוקט דורכן פֿענצטער פֿון זעקסטן שטאָק צו דער גאַס. זי האָט מיטאַמאָל דערקענט דעם היימישן בולוואַר בעלוויל. דאָ, קעגנאיבער, האָט זי די מוטער טײַבל, געדענקט זי, געפֿלעגט צו פֿירן ביי אַ הענטל אין דער צוגאָב־שול, דאָנערשטיק און זונטיק — אין דער אָרעמער יידישער צוגאָב־שול. ס'האַרץ איז איר אָנטפֿאַלן. מאָדנע, און זי האָט דאָך כסדר געוואָלט אַנטלױפֿן פֿון זיי, מיט זייערע גע־רודערן, וואָס זיי מאַכן אָן, אין דער וועלט־פּרעסע, אין ראַדיאָ, אין טעלע־וויזיע; מ'האַלט אין איין רעדן וועגן זיי. כאָטש זי האָט זיי, דאַכט זיך, געקענט אַזוי גוט, האָט זי אַליין שוין אָנגעהויבן גלויבן אין דעם אַלעם, וואָס מ'שרייבט און מ'דערציילט זיך אָן וועגן יידן. ווער זענען זיי? איז עס טאַקע אַלץ אמת?

ס'איז אין דעם זומער אויך אין דעם קוואַרטאַל געווען אַ גרויסע שפּאַנונג. געדיכט־אָנגעפּאָרענע פּאָליציי־קעטשלעך האָבן נאָכאַנאַנד באַ־וואַכט די ראָגן, די מעטראָ־איינגענג; כאָטש יידן און אַראַבער האָבן דאָ געוויינלעך געלעבט אין גוטער שכנות. זיי האָבן דאָך אַלע גערעדט דאָס זעלבע לשון פֿון די „קאַזבאַס", געשפּאַרט זיך אין די זעלבע געוועלבלעך פֿון קוסקוס, קאַבאַק, פּערדישע אַרבעס, זיסע געבעקסן, וואָס ס'רינט פֿון זיי האָניק און בוימל. אַצינד איז די עדה צעטיילט געווען, אויף מעסער־שטעך; דער קאַמף איז דערוויל אָנגעגאַנגען אויף די פּלויטן, מויערן און אין די לאַנגע מעטראָ־קאָרידאָרן, מיט אויפֿשריפֿטן און לאָזונגען, געשריבן דורך אומגעזעענע הענט, מיט גרויסע, רויטע אותיות, אין פֿראַנצויזיש, אַראַביש — „פּאַלעסטינע וועט זיגן"... „ציוניזם־ראַסיזם", אָדער „אַראַפֿאַט־ס. ס.". ס'איז אַ מורא געווען אַדורכצוגיין די געסלעך.

פֿאַרן ביליקן שאַפֿע־שפּיגל האָט זיך אַני מיטאַמאָל דערזען האַלב־אָנטבלויזט, דערפֿילט ווי אַ שוידער לויפֿט איר דורך איבערן רוקן. זי האָט צוגעלעגט דאָס פֿענצטער, געזען ווי אונטן קלייבן זיך פֿינצטערע געזעמלעך ביי די געוועלבער, ביי דער ביסטראָ „שעכאַרעזאָדע" מיט די פֿײַער־דיקע לעמפּעלעך, וואָס צינדן זיך און לעשן זיך, ביים קוואַרטאַל־סינעמאָ, ביים איינגאַנג צו די קליינע האָטעלן. פּונקט קעגנאיבער, אין אָפֿענעם הויפֿל פֿון אַ שלאָסער־וואַרשטאַט, זענען עטלעכע אַראַבער געשטאַנען און גע־

שאַרפֿט מעסערס אויף אַ שלייפֿשטיין. די פֿונקען זענען געשפּרונגען, און אויך אין זייערע הייסע אויגן — פֿונקען. אַ פּאָר טריט ווייטער, אין דער יידישער יאַטקע מיטן געלן מגן־דוד אויף די שויבן, מיט דער אויפֿשריפֿט „כשר", זענען פֿון פֿאָרנט געשטאַנען דריי פֿעסטע יידישע בחורים אין קאַ־פּעלעך, אין פֿאַרבלוטיקטע פֿאַרטוכער, די אַרבל פֿאַרקאַשערט, און געשניטן שטיקער פֿון צעפֿערטלטן אָקס, מיט לאַנגע, שאַרפֿע מעסערס. מ׳האָט זיך איבערגעווערטלט. ס׳זענען געפֿלויגן שאַרפֿע רייד אין אַראַביש צום הויפֿל פֿון שלאָסער־וואַרשטאַט. פּאָליציי, אין זייערע קאַסקן, מיט די קורצע ביקסן אויפֿן אַקסל, זענען פּלוצים געהאַט אָנגעפֿאַרן, ווי אַ ווינט, אין די לאַנגע, שוואַרצע קעטשלעך, אויפֿן ראָג, פּאַטרולירט אין מיטן גאַס, אָפּגעשטעלט, לעגיטימירט, באַטאַפּט יעדן פֿאַרבייגייער פֿון קאָפּ ביז פֿיס.

אָני איז צו און געפּרוווט אויפֿשפּאַרן דאָס דינע טירל, אָבער ס׳איז געווען פֿאַרשלאָסן פֿון יענער זייט. זי האָט געפּרוווט קלאַפּן, רופֿן, אָבער אין פּוסטן קאָרידאָר האָט זיך נישט געהערט קיין שום גערויש; איז זי צוריקגעלאָפֿן צום פֿענצטער, עמיצן רופֿן, אַרונטערגעקוקט צו דער גאַס, שוואַרץ פֿון אַן אָנגעלויף. די אַנגסט האָט זיך ביי איר אַ שלענגל געטון דורכן רוקן; אַן אַנגסט, וואָס גיט זיך אוודאי איבער ביאָלאָגיש, דורך דורות — פּאָגראָם... זי האָט געזען ווי מען ברעכט אונטן שויבן, מען האַקט טירן, געהערט אַ פּייפֿעריי; די פֿאַרשטיקטע קולות פֿליסן אָפּ, אַ ווילד געלויף, און אין דער מיט פֿון אַלעם — אַ בליץ פֿון געשאַרפֿטע מעסערס. מיטן גאַנצן כוח האָט זי זיך אַ וואָרף געטון און גענומען רייסן דאָס דינע טירל, ביז ס׳האָט נאָכגעגעבן. און איידער זי האָט זיך אומגעדרייט צו די פֿינצטערע טרעפּ, האָט זי דערפֿילט אַ שווערע האַנט אויפֿן אַקסל.

— אַנטלויפֿסט?!... — איז זי געשטאַנען פּנים אל פּנים מיט איבראַ־הימען, די רציחה־פֿייערלעך האָבן אַרויסגעזעצט פֿון זיינע אויגן.

— האָסט די טיר פֿאַרשלאָסן... כ׳האָב מורא... — האָט זי געשטאַמלט.

מיטן גאַנצן כוח האָט ער זי צוריקגעשטופּט צום פֿינצטערלעכן, לאַנגן קאָרידאָר, אומפֿאַרשעמט זי געפּאַטשט, געשלעפּט זי ביי די לאַנגע האָר, ווי מען שלעפּט אַ זעקל מעל, און אַ וואָרף געטון זי אינמיטן צימער. זי האָט געוואָלט שרייען, אויפֿרייסן זיך, אָבער ס׳געשריי איז איר שטעקן־געבליבן אין דער קעל. זי האָט גאָר מורא געהאַט, אַז ס׳וועט אים נאָך וויל־דער מאַכן, דערבליקט דאָס שפּרינג־מעסער, פֿאַרשטעקט ביי אים אין גאַרטל.

ווי לאַנג זי איז ליגן געבליבן אין צעראַיעטן בעט, אַ שויבערדיקע, האָט זי שוין דערנאָך נישט געדענקט. אפֿילו וויינען האָט זי נישט געקענט. זי האָט נאָר געהערט, ווי ער קלאַפּט אין די טירן פֿון קאָרידאָר, ווי ער פּאָרעט זיך איבער דער וואַליזע אונטערן בעט, לויפֿט אַריין, לויפֿט אַרויס. און ווען ס׳איז אַוועק אַ היפּשע ווילע און ער איז מער נישט געווען, האָט זי פֿלינק אַ שפּרונג געטון צום טירל, אַ וואָרף געטון זיך איבער די שטיגן, ביז אַראָפּ.

ס׳איז שוין געווען אָוונט, ווען זי האָט זיך אַרומגעקוקט, אַ לויף

אַריבער געטון דעם בולוואַר, פאַרהילט אין שאַלעכל, ביז צו דער קאַפּע „דאָס ליכט פון בעלוויל". פּאָליציי־וואַגנס האָבן נאָך אַלץ אָפּגעשלאָסן די געסעלעך. אויף די ראָגן האָט זיך נאָך אַלץ געקליבן אַ המון. פּייפלעך האָבן געשניטן די לופט. צו וועמען לויפן? וווהין לויפן? די געסעלעך צום הויכן בעלוויל, באַרג־אַרויף, האָט זי גוט פאַרגעדענקט. דאָ באַלד פאַרדרייט מען זיך, מיט די הענגענדיקע שטיגן, צו רי ווילאַן. דאָרט האַלט זיך אוודאי ערגעץ אויף די געעלטערטע מוטער טייבל. שוין אַזוי לאַנג, אַז זי איז דאָרט נישט געווען. טאַקע, וואָס וועט זי איר זאָגן? — האָט זי ס׳ערשטע מאָל אַ טראַכט געטון. כאָטש זי האָט קליינערהייט געקלאַפּט מיט די פויסט־לעך, נישט געלאָזן אַראָפּנעמען פון זיך דאָס צלמל, זענען איר, אין ווילדן געלויף דורך די געסעלעך, אַרויסגעשווומען פון דער האַלבער פאַרגעסנ־קייט, פּנימער, קענטלעכע פּנימער; ווען מ׳האָט זי, אַ קליינינקע, געהאַט אוועקגעפירט אין אַ וויטן דאָרף אין דער סאַרט; ווען מ׳האָט זי צוריקגע־ברענגט אין קינדער־הויז. ווי האָבן זיי אויסגעזען, אירע טאַטע־מאַמע, וואָס מ׳האָט זיי אַרעסטירט אין דער ווידערשטאַנד, געפּייניקט, דעפּאָרטירט קיין אוישוויץ, פאַרברענט אין די קרעמאַטאָריעס? יידן... ס׳איז מאָדנע גע־ווען צו טראַכטן, אַז זי האָט פאָרט אַ שייכות צו אָט די יידן, און — איז צוריקגעלאָפן צו זיי...

קאַפּיטל 24

## יידישע קאָמפּלעקסן

אין אַזאַ דעמפּיקן אָוונט האָט אים, דאַניעלן, אַרלעט געפירט נאָך זיך. זיי זענען געגאַנגען איבערן רוישיקן בולוואַר, דורך די זעלבע גאַסן אויפן מאָנמאַרטר, ווו זשאַרעס איז אַמאָל געטרעטן. איר מאָגער, וואַרעם הענטל איז געלעגן אין זיין האַנט. זי האָט זיך געטוליעט צו אים, ווי ס׳טוליען זיך אומעטום די אונטערגעוואַקסענע קינדער פון פּאַריז. כאָטש ער האָט געפילט, אַז לאַנג וועט אפשר די אידיליע אויך נישט דויערן.

אין מיטן הייסן זומער איז אַלץ אין שטאָט געווען אָפּגעשטעלט. נישט קיין מעטראָ, נישט קיין אויטאָבוס. אַלץ האָט געשטרייקט. באַגינען האָט זיך אַרלעט אויפגעריסן פון נידעריקן אויפליייג־בעטל אין זיין מאַנסאַרדע; מיטן פייכטן לעקעלע איבערן נידעריקן שטערן, אין איינגעצויגענעם זשאַ־קעטל, האָט זי זיך, אַזוי ווי צום לעצטן מאָל, אַ באַטראַכט געטון אין בי־ליקן וואַנט־שפּיגעלע, געלאָזן אים אַ קילן קוש און אַראָפּגעלאָזן זיך פון די זעקס שטאָק שטיגן. זי האָט זיך געאײַלט. זי האָט אומבאַדינגט געוואָלט דערקריגן זיך צו דער ביוראָ, ווו זי האָט אַ שטיקל צייט געאַרבעט, אויף דער

ווייטלעכער פֿאַרשטאָט. זי איז אַרונטער צו דער אויטאָבוסן־סטאַציע, שטייג־געבליבן אויפֿן ראַג, ביים אָפּשטעל, אַרום דער פֿאַרמאַכטער מעטראָ מיט די צעשוואָמענע פֿייערן אין באַגינען. פֿאַרוויקלטע אַרבעטס־לייט האָבן פֿאַר־בייגעאיילט, מאָטאָציקלעטן האָבן דורכגערוישט די גאַס. אַ יונג, מיט אַ טשופּרינע אין ווינט, אין אַ לעדערנער וועסט, האָט סטאָפּירט האַרט ביים סאַמע טראָטואַר:

— כ׳נעם אייך מיט, מאַדמואַזעל?... — האָט ער, לאַכנדיק, געוויזן איר צום הינטערשטן זיץ.

אַ רגע האָט זי זיך, שמייכלענדיק, געוואַקלט און — איינגעוויליקט. דער יונג מיט דער טשופּרינע האָט זי געהאָלפֿן אַרויפֿקריכן. אַרלעט האָט זיך איי׳נגעקלאַמערט מיט ביידע הענט אינם יונג׳ס מעכטיקער ברוסט. דורכשניידנדיק האַסטיק אַ האַלבן קרייז, האָט דער מאָטאָציקל שנעל אַוועקגערוישט אַראָפּ־גאַס.

אַזוי — איין פֿרימאָרגן, נאָך אַ פֿרימאָרגן. און איינמאָל איז זי אינגאַנצן נישט אַרויפֿגעקומען אין אָוונט נעכטיקן צו דאַניעלן אין דער מאַנסאַרדע. פּונקט ווי דאָס פֿייגעלע איז אַריינגעפֿלויגן, אַזוי איז עס אַרויסגעפֿלויגן. ער האָט געוואַרט אויף איר איין אָוונט, נאָך אַן אָוונט, און — זי איז נישט געקומען. ער איז געווען אויפֿגעשפּיצט, צו דערהערן אירע דראָבנע טריטלעך, איר שטי׳לן פֿאַרזיכטיקן קלאַפּ אין דער טיר. און ס׳איז צום ערשטן מאָל, הענגען געבליבן אַ שווערע ליידיקייט אונטערן קרומען דאַך.

ס׳האָט אים אין דעם אָוונט אַרויסגעטריבן. ער האָט זיך צעחושט צוריק אַראָפּגעלאָזן פֿון די אַלטע שטיגן, איז אַוועק צופֿוס בלאָנדזשען איבער די בריקן פֿון דער סען, צום לאַטיינישן קוואַרטאַל. אפֿשר וועט ער זי געפֿינען אין די קאַפֿייען? אָבער ער האָט זי אין דעם אָוונט אין ערגעץ נישט געפֿונען, אפֿילו נישט אין דער ראָגאָווער קאַפֿע „אַ לאַ סאָרבאָן״, פּלאַס אָדעאָן, קעגנאיבערן דאַנטאָן־דענקמאָל, ווו ס׳איז אַלעמאָל פֿול מיט חברה. אויף רי דאַנטאָן, אין „מעזאָן דע לאַ שימי״, איז ער פֿאַרביי און געזען ווי אַלע ליכטער זענען דאָרט אָנגעצונדן. אַזוי איז ער אומגעריכט אַריינגעפֿאַלן און אָנגעטראָפֿן — אַ הייסע דעבאַטע. ער האָט זיי באַלד דער־קענט, די צעקאָכטע יידישע סטודענטן און אינטעלעקטועלע, כאָטש צופֿיל אויסגעמישט האָט ער זיך נישט מיט זיי. זיי זענען געווען קנאים, ווילד־פֿאַרביסענע. זייערע אַרגומענטן, דוכט זיך, לאָגישע, האָבן אים אומעטיק געמאַכט.

איבערן זאַל איז געשטאַנען אַ נעפּל פֿון סיגאַרעטן־רויך. אין היץ פֿון דיסקוסיעס, איז דאָרט שיער נישט דערגאַנגען צו אַ געשלעג. אַרום דער טריבונע, אַרום די צערוקטע בענק און שטולן, האָט זיך געזאַמלט אַן עולם, מערסטנס בערדיקע יונגעלייט, מיידלעך אין בלודזשינס, מיט גילדערנע מגן־דודלעך, אָדער קמיאות אויף די העלדזער. ער האָט זיך אַ רגע איינגע־הערט אין זייערע הייסע רייד. „וואָס דרייען זיי דאָרט ווידער אַ קאָפּ מיט

זייערע יידישע פּראָבלעמען?״... — האָט דאַניעל אַ פרעג געטון עמיצן ביי דער זייט, און — זיך אַליין. איינער, די ברילן פאַרלאָפן אין נעפּל, האָט געוואָרפן צום עולם:

„דער מאַרקסיזם און די נאַציאָנאַלע פראַגע״... סטאַלינס טרויעריק־באַרימטע בראָשור, איז זינט 1913 באַטראַכט געוואָרן ווי אַ מין וואַנגעליע...

— און איר האָט אין דער וואַנגעליע בלינד געגלויבט!... — האָט זיך געריסן צו אים אַ היסטעריש מיידל, מיט אַ פּאָר גרויסע, ראָזע ברילן, אין הויזן.

— ליידער, ערשט אין די לעצטע יאָרן, האָט מען זיך געכאַפּט, אַז מען דאַרף רעווידירן די טעזן, די הנהגות און אויספּירן, און מ׳האָט זיך מיטאַמאָל געכאַפּט אויף אָן אַ שיעור פּשוטע פעלשונגען, און עמי־הארצותן, אויסגעהוילטע ווערטער־באַגריפן, הינטער וועלכע ס׳שטייט גאָרנישט...

— אַלע צרות הייבן זיך אפשר אָן פון אָט דער דילעטאַנטישער בראָשור...

— פאַרשטייט זיך, אַז מיר שטעלן היינט אונטער אַ צווייפל סטאַ־לינס דעפיניציע פון נאַציע, פון — „אַ סטאַבילער געמיינשאַפט, היסטאָריש אַנטוויקלט דורך געמיינזאַמקייט פון שפּראַך, טעריטאָריע, עקאָנאָמיק, פּסי־כאָלאָגישע קאָנסטיטוציע״. פאָלק, לויט אים, איז אַ היסטאָרישער באַגריף, פאַרבונדן מיט אַ געוויסער עפּאָכע, מיטן אויפקום פון קאַפּיטאַליזם. ער שרייבט דאָרט אפילו, אַז דער בורזשואַזיע האָט זיך טיילמאָל איינגעגעבן אַריינצוציען דעם פּראָלעטאַריאַט אין דער נאַציאָנאַלער באַוועגונג. זיין דעפיניציע באַגרענעצט זיך אָבער בלויז מיט דער קאַפּיטאַליסטישער עפּאָכע, אין דער צייט, ווען די נאַציעס האָבן שוין עקזיסטירט לאַנג פאַרן קאַפּיטאַליזם. זיין באַהויפּטונג, אַז אויב עס פעלט איינע פון די 4 אַטריבוטן, קענען מיר נישט באַטראַכט ווערן ווי אַ נאַציע, איז אויך אַנטי־דיאַלעקטיש. ער שאַצט אונטער די פאַקטאָרן פון גייסטיקע עלעמענטן אין דער פאָרמאַ־ציע און כאַראַקטער פון דער נאַציע.

— פון ווען אָן זענען מיר, יידן, אַ נאַציע? — האָט די טראַציקע שטים דערווידערט, — ווייל לויט די באַקאַנטע טעזן...

— נאַציע איז אַ היסטאָרישע געמיינשאַפט פון פעלקערשאַפטן, קלאַסן, קאָנסטיטואירט דורך פאַקטאָרן, ווי: געמיינזאַמקייט פון שפּראַך, קולטור, טראַדיציע, רעליגיע. ס׳איז אָבער נישט דורכאויס נויטיק זיי זאָלן לעבן אויף איין טעריטאָריע.

— אָט די טעאָריעס האָבן עס אייך געפירט אַריינצורייסן זיך אין פרעמדע, אַראַבישע טעריטאָריעס, פאַרטרייבן די איינגעזעסענע, אַרטיקע באַפעלקערונג...

דאָס האָט אַלץ דער, מיטן נאַקעטן פּראָפעסאָרן־שאַרבן, מיט דער שאַרפער בריל, נאָכאַנאַנד אַטאַקירט. אָבער יענער האָט זיך נישט פאַרלוירן:

— די באַדינגונגען פון יידישן פאָלק זענען, אמת, פול מיט סתירות

און טראַנספאָרמאַציעס. דאָס ענדערט אָבער אויף אַ האָר נישט אונזערע עקזיסטענץ־רעכט אין אַלטן ארץ ישראל.

— ס'איז נאָך אפילו ביז היינט דאָרט נישט געפונען געוואָרן קיין אַלגעמיין־אָנגענומענע פאָרמול: ווער איז אַ ייד? אַסימילירטע יידן באַטראַכטן זיך, למשל, ווי לעגיטימע אָנגעהעריקע צו אַנדערע נאַציעס.

— מדינת ישראל איז דער היסטאָרישער צובונד זייט 4 טויזנט יאָר צו ארץ־ישראל פון יידישן פאָלק. זיי זאָגן — באַפרייען דעם ייד פון זיין יידישן מצב. דאָס מיינט דאָך אָבער פשוט: אַסימילאַציע, אויפלייזונג. די גאַנצע יידישע געשיכטע שטייט אונטערן חותם פון אָט די צוויי גרונט־טענדענצן: פאַרשווינדן, אָדער אויפהאַלטן אונזער אויטענטישע נאַציאָנאַלע באַזונדערקייט. אין אונזער עקשנות, צו וואָס האָבן זיי אונז דערפירט, די פעלקער? צו דער אויסראָטונג פון מיליאָנען יידן, דורכן היטלערישן באַרבאַר, צו דער „ענדלייזונג" פון יידישן פראָבלעם אין די א.ג. סאָציאַליסטישע לענדער. קען מען דען פאַרשטעלן זיך מער ציניש, ברוטאַלער זייער זאָג: אַסימילירט זיך, באַפרייט זיך פון אייער יידישקייט, כדי איר זאָלט ווערן פריי?... ביז די האַק האָט זיך דאָרט אַראָפּגעלאָזן אויף די קעפּ פון יידישן גייסט...

אומגעריכט איז דער פּראָפעסאָר מיט דער שאַרפער בריל אַרויפגעשפרונגען, אַ כאַפּ געטון דעם הויך־שפּרעכער פון יענעמס האַנט און איבערן לאַנגן, שמאָלן זאַל האָט געדונערט אַן איינגעשפּאַרטע שטים:

— אָבער די עמיגראַציע פון יידן אין פּאַלעסטינע שאַפט אַ שווער פּראָבלעם, אַ פאַרשאַרפטע פּאָליטישע סטרוקטור, וואָס היסטאָריש, אין איר איצטיקער פאָרם, שטעלט זי פאָר מיט זיך אַן אַנגריף אויף די רעכט פון די אַראַבישע פעלקער... דער בלויזער באַגריף — יידיש פאָלק! וויפל אַספּעקטן פון יידישקייט! וואָס מיינט מען עס — אַ ייד לויט דער נאַציאָנאַליטעט? דאָס איז — אַבסורד! פּונקט, ווי איר רעדט וועגן יידישער קולטור, יידישער שפּראַך. אָבער די קולטור איז נישט שייך די אַנדערע פּראַקציעס פון יידן, פון ספּרדישן און זשודעאָ־אַראַבישן אָפּשטאַם אַרום מיטללענדישן ים. עס דרינגט אויך אַרויס פון אייער לאָגיק, אַז נישט־אַסימילאַציע איז אַ פליכט, אַז יידן מוזן עקזיסטירן. און פאַרוואָס מוז דווקא אַסימילאַציע זיין נישט מער ווי אויבערפלעכלעך? דאָס איז דאָך אויך אַן אַרגומענט פון די אַנטיסעמיטן. איר ווילט זיך איבערפּלאַנצן אויף אַ פרעמדן באָדן און איר רופט עס: היסטאָריש פאָטערלאַנד פון יידן. דאָס איז קאָלאָניאַליזם! נישט אומזיסט שפּאַרט זיך אַן ישראל אויפן אימפּעריאַליזם. צי האָט עס נישט געבראַכט דערצו, אַז מ'זאָל אייך פיינט קריגן אפילו אין די סאָציאַליסטישע לענדער?...

אַ פייפעריי איבערן זאַל. בענקלעך זענען געפלויגן. מ'האָט זיך געוואָרפן אויף אים און אַראָפּגעשלעפּט אים פון דער טריבונע, אַ צעשויבערטן. די בריל האָט ער פאַרלוירן אין געדראַנג פון הענט און פיס.

מער האָט ער נישט געקענט, דאַניעל. ער איז ווידער אַוועק אין

דער לעבלעכער נאַכט בלאַנדזשען איבער די בריקן פון דער סען, אין ווייכן, וואַרעמען נעפּל, וואָס האָט זיך אַראָפּגעלאָזן, דער קאָפּ — אין פיבערן. פון דעם אַלעם איז אים גאָרנישט קלאָרער געוואָרן. און מ׳ווייס נישט פאַר־וואָס ער האָט זיך מיטאַמאָל דערמאָנט אינם צעשראָקענעם מיידל פון פּוילן, עסטושיאַ, וואָס האָט זיך אויפגעהאַלטן ביי זיי אין הויז און די מאַמע האָט זיך אַזוי אַריינגעפרייט אין איר, געהיטן זי פון אַ בייז אויג; און — די אַנגעלאָפענע יונגעלייט, דער אַבראַשקע, ביז — זיי זענען אַלע פאַר־שווונדן און איבערגעלאָזן נאָך זיך אַן אומבאַשטימטע בענקשאַפט. זיי זענען דורך אַלע שפּאַרעס אַנטרונען פון זייער „סאָציאַליסטיש היימלאַנד" דאָרט, דרייען זיי זיך אַרום איבער די וועלט־שטעט, ווי אויפן עולם התוהו. דאָס האָט זיי דער פאַרקריפּלטער „סאָציאַליזם" זייערער אַזוי פאַרטריבן, אויפן הפקר. טאָ וואָס פאַרא גאַראַנטיעס, פרעגט זיך, האָבן מיר דאָ? אין זייער גאַנצן יוגנטלעכן אַרומפלאַטערן, איז עפּעס פאַרט אַ רחמנות געווען אויף זיי. יונגע מענטשן אין זיין עלטער — אָן אַ היים, וועלט־בירגער. צי לעבן זיי נישט דורך עפּעס ענלעכ׳ס, ווי די צעחושטע עמיגראַנטן אין די אָנהייב צוואַנציקער יאָרן, ווען זיי זענען פאַרוואָגלט געוואָרן אַהער, אויפן ווילד־פרעמדן, קאָסמאָפּאָליטישן וועלט־יאַריד? דעמאָלט זענען זיינע עלטערן אַנטלאָפן פון פּאַשיזם, פון נויט, אָבער מיטן טיפן גלויבן נאָך אַמאָל אומצוקערן זיך אַהיים, אין אַ באַפרייט לאַנד. אַצינד לויפן זיי — פון זייער באַפרייט פּוילן, פון זייער „סאָציאַליזם" דאָרט. צי איז עס נישט די גרויסע טראַגעדיע פון אונזער דור? צי איז עס נישט עפּעס גורלדיק געמיינזאַמס? ער, דאַניעל, פאַרמאָגט פונדעסטוועגן דעם אַלטן בעלוויל... — האָט ער זיך געטרייסט — דאָרט איז ער דאָך געבוירן. קיינער קען עס ביי אים נישט אַוועקנעמען. כאָטש איינער, אַ פּראָנסואַ דיפאָן, האָט אים איינמאָל, נאָך אין ליצֵיי, ביי אַ נאַרישער דיסקוסיע, פּלוצים אַ וואָרף געטון: „אוודאי, איר... די אייעריקע... איר מיינט, אַז איר זענט אומעטום — ביי זיך... איר זענט אַלעמאָל די גערעכטע"... און אָט קלינגען אין אונזערע טעג כמעט די זעלבע אַרגומענטן, געוואָרפן פון אַזאַ גרויסן „ליבעראַל" ווי דע־גאָל אַליין: „פאָלק פון דאָמינאַנטערן... זיכער אין זיך אַליין"... אַ יינגל נאָך, האָט עס אים דעמאָלט זייער אויפגערודערט, ער איז בלייך געוואָרן ווי די וואַנט און זיך געוואָרפן אויף יענעם מיט די פויסטן. די חברים האָבן זיי קוים צעריסן, אַריינגעלייגט זיך, מ׳זאָל זיך איבערבעטן, אַז יענער בעט מחילה. ס׳האָט זיך ביי אים נאָר אַרויסגעכאַפּט, מ׳זאָל אַריין אין דער קאָפּע „באַגיסן". אָבער עפּעס אַ פּאַסקודנע געפיל איז אים לאַנג נאָך דעם אַלעמען פאַרט פאַרבליבן. דאָס אַלץ אייגנטלעך — האָט ער באַטראַכט טיפער — האָט דאָך דערפירט צו אוישוויץ. דערפאַר אויך האָבן די יונגע, פאַרוואַקסענע חברה, פאַרקאַכט אין טראָצקיזם, גע־עפנט פאַר אים אַ נייע, ליבטיקע שפּאַרע, קאָסמאָפּאָליטישע האָריזאָנטן פון פרייען מענטש, אָן שום פאַראורטיילן, אַז אַזוינס זאָל מער קיינמאָל נישט געשען. אַזוי האָט זיך אים צוערשט געדאַכט. דערפאַר אויך האָט עס

אים אומגעריכט צוריקגעפירט און ער איז צוריקגעגאַנגען צום אַלטן בעל־וויל פון זיינע ווייטע קינדער־יאָרן, און ער האָט אויך אַנטדעקט, אַז יענע, די ערשטע, די פאַרגייער, מיט טראָצקין גופא, האָבן אויך אייגנטלעך, גע־ליטן פון די זעלבע יידישע קאָמפּלעקסן, כאָטש זיי האָבן עס שאַרף אָפּגע־לייקנט, פאַרוואַרפן, פשוט אויסבאַהאַלטן; טראָצקי אַליין איז, סוף כל סוף, אַז מ׳באַטראַכט גוט, געפאַלן אַ קרבן ווי... אַ ייד. ווייל סטאַלין, ווי ס׳איז צו פאַרשטיין היינט, האָט טיף פיינט געהאַט דעם יידישן שאַרפן מוח, דעם יידישן זשעני, דעם אינטעליגענט בכלל. כאָטש מען באַמיט זיך נאָך אַלץ עס צו פאַרטושן מיט אַלערליי טעאָריעס, אויסריידן, אַז סטאַלין האָט בכלל געמאָרדעט די, וואָס זענען גייסטיק געשטאַנען העכער פון אים. דאָס איז אויך אמת. אָבער טראָצקי׳ס יידישער זשעני האָט דעם אַזיאַטישן כאַם, סטאַלינען, געשטאָכן. טאַקע אַזוי, נעם און פאַרגלייך סטאַלינען מיט טראָצ־קין... נישטאָ וואָס ס׳זאָל לאַכן. אויב אַזוי האָט ער דאָך אַליין עפּעס גע־מיינזאַמס מיט אָט די אויסגעוואָרצלטע, פאַרטריבענע יונגע מענטשן פון זייער היים. טאָ ווו איז דער אויסוועג? מיט אַזעלכע מאָדנע פּחדים איז ער דעמאָלט אַרומגעגאַנגען, דאַניעל.

ס׳איז שוין געווען שפּעט, ווען ער איז אַרויף די אַלטע שטיגן צו דער מאַנסאַרדע, און — אָט לייכט זיך דאָרט פּלוצים אינעווייניק. אַרלעט האָט, ווי געווײנלעך, אַ נעם געטון דעם גרויסן שליסל פון אונטערן דיוואַ־ניק ביי דער טיר. אַזוי האָט זי זיך צוריק אַריינגעשטעלט, נאָך אַ טאָג דריי־פיר. זי איז אין דעם אָוונט געווען צערטלעכער ווי אַלעמאָל צו אים, און האָט עס אים אָפן, זייער קינדיש־נאַיוו און... ציניש־קאַלט מודה געווען, אַז זי „האָט געמאַכט ליבע" מיט זשאָרזשן, און אין בלאָסן שמייכל, גע־וויזן אירע שיטערע ציינדלעך.

— זיי מיר מוחל... — האָט זי געקושט זיינע בלייכע, נערוועזע הענט.

— נאָכוואָס?... — האָט ער אַרויסגעריסן די האַנט און לייכט, מיט עפּעס אַ יידישן ביטול, אַוועקגעמאַכט — ביסט, נאָך אַלעמען, פריי... מיר זענען אַלע פריי...

— כ׳האָב אים נישט ליב, נאָר ווייסט, מ׳האָט געטרונקען ביז פאַר־טאָג... ער האָט אַזעלכע מאָגערע, הייסע הענט און זויגט זיך איין ווי אַ פּיאַווקע. כ׳בין אַנטלאָפן, און ער האָט מיך אומעטום אויפגעזוכט.

ער האָט נישט געענטפערט. זיין שמאָלע פּלייצע איז געווען אומגע־דרייט צו איר, טראַציק, גלייכגילטיק. ער האָט זיך לסוף אומגעדרייט, בלאָזנדיק דעם רויך פון סיגאַרעטל:

— דיין מאַמע „מאַכט" אויך ליבע מיט אַן אַנדערן... אָן ליבע... ווען כ׳בין אויף דיין פאַטערס אָרט, וואָלט איך זי דורכגעטריבן. — און ער האָט זיך אַ רגע פאַרטראַכט — ביי אונז איז פונדעסטוועגן ס׳משפּחה־לעבן ריין. (טהרת המשפּחה). אפשר זענען מיר אויך דערמיט פאַרעלטערט, צוריקגעשטאַנען? כ׳ווייס שוין אַליין נישט...

— ווּעסטו מיך אויך פאַרטרייבן? — און ס׳האָט דערבײַ אַ קליינע טרער אַ פינקל געטון אין איר אויג.

— איבעריקנס... — האָט ער אַוועקגעשמיסן דאָס סיגאַרעטל — וואָס פאַרא ראָלע שפּילט עס דען?...

און ער האָט זי אָנגענומען ביי אַ שפּיץ גאָמבקע. זי האָט זיך נישט אָפּגעקערט, געוואָרפן זיך אויף זיין האַלדז. ער האָט זי לייכט אָפּגעשטויסן, און זי האָט זיך אַלץ מער געטוליעט צו אים.

אויסגעשעפּט, האָט ער דערנאָך מער נישט געפילט, ווי ער איז ליגן געבליבן אויף איר נאַקעטן אָרעם.

ער האָט אויפגעמאַכט די אויגן, ווען די פייגעלעך צווישן די פאַר־קאַפּטשעטע קוימענס, פון די פאַריזער דעכער האָבן פריילעך אַרומגעפלאָפּלט אין באַגינען. אין מויל איז אים געווען אָפּגעזעצט אַ האַרבע ביטערניש. עפּעס האָט ער זיך פלוצים דערמאָנט, האָט בלינד אויסגעשטרעקט אַ האַנט, אָבער זי איז מער נישט געווען לעבן אים, די קליינע. ס׳האָט אים אפילו מער נישט געאַרט.

זי איז נאָך עטלעכע מאָל געקומען צו אים, אויף די שפּיץ פינגער אַרויפגעכאַפּט זיך ביזן זעקסטן שטאָק, שטיל אַ גראָבל געטון אין דער טיר, און ער איז פונדעסטוועגן ווידער, מיט פלאַטער, געלאָפן זי אויפמאַכן. זי האָט דאָרט איינמאָל עפּעס לאַנג גענישטערט אין זיין צערודערטער ביבליאָטעק, צווישן די צעשאָטענע ביכלעך און צייטשריפטן.

— זאָג, דאַניעל — האָט זי פלוצים אַ פרעג געטון — און ישראל, זע איך, אינטערעסירט דיך אינגאַנצן נישט? קענסט כאָטש העברעאיש?... מ׳קומט אַהין, כ׳ווייס, צו פאַרשטענדיקן זיך מיט עמיצן...

— כ׳טראַכט גאָרנישט דערפון, צו פאָרן אַהין. וואָס פאַלט דיר איין?

— זאָג, פאַרוואָס, דאַניעל?... קום, וואָס אַרט דיך?...

זי האָט אים אוודאי נישט אַלץ געזאָגט, די קליינע. דאָס איז שוין גע־ווען אין איר טבע — אויסבאַהאַלטן, מאַכן אים קליינע סיורפּריזן.

— ביסט נישט מער בייז אויף מיר? — האָט זי זיך געטוליעט צו אים פאַרן אַוועקגיין — כ׳וועל קומען זוכן מיין שלאָפראָק, מיינע שטוב־לעטשלעך און די איבעריקע קלייניקייטן... ווּעסט וואַרטן אויף מיר?

און ער האָט ווידער דערכאַפּט, דוכט זיך, אַ טרער אין איר אויג. אַזוי זענען זיי אַלע, האָט ער זיך דערנאָך געזאָגט, ס׳קומט אַ מאָמענט, ווען דאָס געוויסן... אויף אַ נאַרישן פאַראַט האָט ער זיך נאָך געקענט ריכטן, אָבער — ווער וואָלט זיך עס געקענט פאַרשטעלן?... זי איז געווען ווי אַ ווינטל — אָט איז זי דאָ און אָט פאַרשווינדט זי. אין דעם אָוונט האָט זי זיך מאָדנע געקלעפּט צו אים:

— זאָג, — איז זי ווידער צוגעשטאַנען — און איזראַעל... ס׳ציט דיך גאָרנישט אַ פאָר צו געבן... כאָטש ווייסט, זיי אונטערדריקן אַזוי גרויזאַם דאָס פאַלעסטינער פאָלק... האָסט דאָרט אוודאי קרובים... אוי, כ׳וואָלט אַזוי געוואָלט...

ער האָט זי אָנגעקוקט מאָדנע און — נישט פאַרשטאַנען.

— ס׳איז אמת, די מאַמע מיינע זאָגט, אַז דאָרט זענען פאַראַן עפּעס קרובים. און איינע אַ מיידל, וואָס איז געווען ביי אונז... געדענקסט מסתּמא, אויפן דאָרף...

און ס׳איז אים גאָרנישט איינגעפאַלן, אַ טראַכט צו טון — נאָכוואָס עפּעס איר צופיל נאָכפרעגן זיך?

## קאַפּיטל 25

# צו די גריכישע דרום - פיאָרדן

ס׳איז שוין, איידער וואָס, געווען מיט־זומער, און מ׳האָט באַדאַרפט אַ טראַכט טון — וווהין לאָזט מען זיך ווידער אַרויס וואַנדערן?

איין זומער האָבן זיי זיך, ווי די וואַנדער־פייגל, אַוועקגעלאָזן ערגעץ אין די צפון־לענדער, מיטן צעטרייבערטן „דע שעוואָ״, מיט גרויס סכנות נפשות, אויף די פאַרפאַקטע אויטאָסטראַדעס. איבער דער בריק פון רהיין, אין קעלן, געהיט פון מאַסיוון געץ, פון פרידריך דעם גרויסן, אויפן פאַר־גרינטן פערד, האָבן זיי, מיט אַ ביסל חידוש, באַטראַכט די גערמאַנישע „געשיכטע״, די אָנגעבלאָזענע העלדישקייטן זייערע, וואָס די צייט אַליין האָט זיי פאַרגעסן און אויסגעלאַכט; דערטרייסלט זיך ביז אַמסטערדאַם, ביז קאָפּענהאַגען, אפילו אָנגעשפּאַרט ביז שטאָקהאָלם, האָבן זיי זיך אומעטום אויסגעמישט מיטן אינטערנאַציאָנאַל לאַנגהאַריקע, אָפּגעשליסענע היפּיס און ביטניקס; געפּלאָנטערט זיך אין די שמאָלע גאַסן, צווישן די טויטע, פאַרגליווערטע דענקמעלער פון קעניגן, ריטער, וויקינגען, באַדעקט מיט אויפשריפטן פון פאַרגעסענע מלחמות, בלוט־פאַרגיסונגען פון וועלט־פאַר־כאַפּערישע באַרבאַרן. אויף די מאַרקט־פּלעצער, צופוסנס די שווערע, גאָטיש־פאַרריסענע דאָמ׳ען, קאַטעדראַלן, מיט די שפּיצן־קופּאָלן פאַרשטאָכן אין בלאָסן, צפונדיקן הימל־אַריין, ווי בבל־טורעמס, האָט געווימלט אַן אינ־טערנאַציאָנאַל פון אַ רעוואָלטירטער יוגנט. זיי זענען דאָ אָנגעפלויגן ווי די הפקרע טויבן, צעזעצט אויף די טרעפּ, אין זייער אָפּגעריסענעם הילוך. אַן אַרמיי ווידערשפּענדיקע צו דער קנאה־שנאה־געשיכטע פון פאַרגעסענע, אויסגעלאַכטע וועלט־דעראָבערער. די צפונדיקע אימפּעריעס ליגן אויסגע־לאָשענע, פאַרגליווערט, ווי פאַרגליווערט ס׳איז ביי די ברעג־וואַסערן פון באַלטיק די קריגס־זעגל־שיף „וואַזאַ״, וואָס איז עטלעכע הונדערט יאָר געלעגן אויפן גרונט פון ים און מ׳האָט זי פון דאָרט אַרויסגעצויגן. ווי קינדער־שפּילצייג זעען היינט אויס די בראַנדזענע קאַנאָנדלעך. אַרום — וואַסערדיקע בליקן פון שטילע מענטשן און היפּיס. אַן עראָטישער דזשונגל־געשריי פון אַלערליי ראָסן אַרום די ראַיענדיקע סעקס־שאָפּן אין די שמור־

ציקע געסעלעך, אַרום „האָטעל אַטען". דאָס צפונדיקע וועגעדיק און — אַן אינטערנאַציאָנאַלער פעסטיוואַל אין די שמאָלע געסלעך, צווישן זונות און דעגענעראַטן, מיט בלויע בליקן פון אונטערן נידעריקן שטערן. זיי וואַלגערן זיך אויף די טראָטואַרן, וואָס פירן צום הויף־פּאַרריסענעם, פינצטערן, רויט־ציגלדיקן ראַטהויז, צוזאַמען מיט די אָנפליענדיקע טויבן פון די טורעמלעך.

שפּעט נאָך האַלבער נאַכט האָט מען זיך אומגעקערט צום האָטעל „מולען רוזש", אַ שלעכטע נאָכמאַכונג פון האַלב־נאַכטיקן פּאַריזער „פּיגאַל". פיר צעשאָקלטע בעטן זענען געווען אין צימער אונטערן נידעריקן דאַך, וואָס איז געהאָנגען ווי אַ פויגל־נעסט צווישן די שמאָלע, הויכע הייזער, אַריינגעשפּאַרט איינס אין אַנדערן. אַרויפגעקלעטערט די שווינדל־טרעפּלעך, ווי צו אַ טויבן־שלאַק, זענען זיי דאָרט געווען אפשר זאַלבעצענט אונטערן דאַך. מ'האָט נאָך אַלץ געזונגען מיט באַנומענע קולות, באַגלייט פון אַ גי־טאַרע. אונטן, אויפן מאַרקט־פּלאַץ, האָט נאָך ביז שפּעט, ביזן האָנען־קריי, גערוישט דער קאַרנאַוואַל, צווישן אויפגעשאָסענע פייערווערק און רוישיקע נעאָן־ליכטער.

צוריקגעקערט קיין פּאַריז, האָט דאַניעל אַרומגעבלאָנדזשעט ווי אין אַ תוהו ובוהו. די שטאָט איז געווען מיט־זומערדיק אויסגעליידיקט. ער איז אַרויף צו דער מאַמען אין שטוב. קיינער איז דאָרט נישט געווען. די מאַשינען זענען געשטאַנען איבערגעדעקט. אין טעלעוויזיע־אַפּאַראַט, האָט ער גע־הערט דאָס מעלאַנכאָלישע געזאַנג פון דעם יידן־אַפּשטאַמיקן, סערזש גאַינסבורג, ווי ער סקאַנדירט, אין האַלב־דערשטיקטע טענער:

אַ־קאַר־דע,
אַ־קאַר־דע,
אַקאָרדעאָן...

און האָט זיך געכאַפּט, אַז פון דעם בחור מיט די לאַנגע פּאַוואַריטן, אויסגעשרויפטע, האַלב־צוגעלעגטע אויגן, אַסקעטיש־לאַנגן פּנים, זינגט גאָר אַרויס אַ מאָדנע — יידישע נאָסטאַלגיע, אַ מין חסידישע דבקות. צי האָבן זיי עס כאָטש דערכאַפּט? און נאָך האָט ער אַרויסגעפילט — דעם אַטאָם־אַנגסט פון אַן אונטערגייענדיקער ציוויליזאַציע, וואָס הענגט איבער אונזערע קעפּ. די טעלעוויזיע־ציוויליזאַציע... דאָס בלוי־פּאַרהילטע ליכט פון הינטער אַלע אַראָפּגעלאָזענע שטאָרן, אָוונט־צייט, אין די וואָלקן־קראַ־צער־שטעט, אין נעפּל פון פּאָלוציעס, גאַזן און רויכן. זיי פּאַרסמען די לופט. דער אָפּפאַל פון כעמישע שטאָפן פּאַראומרייניקט די טייכן, די ימען, עס שטאַרבן די פיש. זיי פּאַרדאַרבן די נוצלעכע וואַסער־שטאָפן. די אויטאָס, די פּאַבריק־רויכן שלינגען איין דעם זויערשטאָף, פילן אָן די לופט מיט שוועבל־זויער. ווו אַנטלויפט מען דערפון? דאָס אַלץ האָט ער אַרויסגעפילט

פון זיין מעלאַנכאָלישן געזאַנג. דאָס פראַנצויזישע מיידל, ווידער, זשיליעט גרעקאָ, אויך זי האָט אים אין איר רעציטאַטיוו, מיט האַלב צוגעלענטע אויגן, דערפילט, אימיטירט, סילאַביזירט:

אָן דאַנסע לאַ זשאַוואַנעזע...
(מ׳טאַנצט דעם זשאַוואַ־טאַנץ).

ס׳בלאַסע ליכט, דאָס לבנה־בלאַסע געזאַנג אין פאַרשטיקטע טענער, האָט טאַקע דערמאָנט — די לבנה־גייערס, פון פאַרקלונגענע, פוסטע קאָסמישע רוימען, ביז — אַטאָמישן קראַכן פון אונזער פּלאַנעט. ס׳האָט אויפגעוועקט די פּאַניק, די אַנגסט, ווען מאַסקירטע לייט וואַקסן אויס מיט אויסגעשטרעקטע פּיסטאָלעטן אין אַוויאָנען. אַזוי אויך שטייען די מאַכטגיריקע הערשער אָנגעגורט מיט זייערע מעגאַטאָן־מאָרד־כלים קעגן איינאַנדער. זיי רעדן וועגן אינטערנאַציאָנאַליזם, סאָציאַליזם, און שפּיאָנירן ראַפינירט יעדן שפּאָן פון זייער פאַרכאַפּטן באָדן, אין דער עפּאָכע פון אַ באַפעלקערונג־עקספּלאָזיע, אין דער צייט, ווען צוויי־דריטל פון דער מענטשהייט הונגערט. איז דאָך דאָס 19־טע יאָרהונדערט געווען אַ גליקלעכער יאָרהונדערט — די ראָמאַנטיק, די גרויסע אילוזאָרישע האָפענונגען פון מאַרקסיסטן, זייערע מפרשים, אפילו פון די רעוויזיאָניסטן. זיי האָבן גאָרנישט געוווסט, ווי גאַנץ, גליקלעך זיי זענען, אין זייער נאַיוון גלויבן. און אָט הענגט די צבועקישע, אַטאָמישע קאַטאַסטראָפע איבער אונזערע קעפּ. זי קען אונז צוריקפירן צום נעאַנט. פאַרבלייבן וועט אָבער דאָס פלאַדיען זיך פון שרצימוואָרג, פון אינזעקטן, אין די פלאַכע וואַסערן ביי די וואַרעמע דרום־ימ׳ען. ווייל אין די פלאַכע וואַסערן ביי די וואַרעמע ימ׳ען האָט זיך אוודאי אונזער לעבן אָנגעהויבן ווידמען, צוזאַמען מיטן שרצימוואָרג; אַ סימן, אַז ס׳ציט אונז נאָך היינט צו זיינע ברעגן, צו די פליאַזשעס; כאָטש אַלץ איז דאָרט קולטיווירט, פילט מען נאָך דאָרט דעם בראשית. וואָס פאַראַ ראַפינירט לעבן דער מענטש האָט אַנטוויקלט מיט זיינע טעכנישע וווּנדער־אויפטוען; און דער מענטש אַליין איז נאָך אַלץ אַ מקורב צום שרץ. ביי זיינע ברעגן זענען אויפגעשטיגן בבל־טורעמס, אינטערנאַציאָנאַלע לוקסוס־האָטעלן פון גלאָז, בעטאָן, נעאָנען; אָבער פונקט ווי ביים בבל־טורעם, איז דאָס לשון פון די מענטשן צעמישט געוואָרן. מ׳ווייל זיך גאָרנישט פאַרשטיין. דאָרט ווימלט אויך שיין, געפלעגט פרויען־לייב, וואָס פירט ווידער צום בראשית, צו אור־אינסטינקטן, צום פלאַדיען זיך פון מינים. ווי די אָרביטע וואָלט אָפּגענויגט אין איר אייביקן אַרומקרייזן, ווי די גראַוויטאַציע וואָלט זיך פאַרענדערט.

און דאַניעל האָט זיך דערפילט, ווי אַ טייל פון דער אונטערגייענדיקער ציוויליזאַציע. ער וויל אַנטלויפן און — קען נישט. פונקט ווי ער וויל אַוועק פון זיין מאָמעס אונטערגייענדיקער וועלט, איר יידישע וועלט פון פאַרשטויבטע ביכלעך, וואָס וואַלגערן זיך ערגעץ אין שטוב, אויף אַ פּאַ־

ליצע. אַזוי האָט ער זיך אין אָוונט ווידער דערזען פֿאַרבלאָנדזשעט אויפֿן בולוואַר סען־זשערמען דע פּרעי, צווישן די רוישיקע קאַפֿייען און ביסטראָ׳ס.

דאָס מאָל האָט אַרלעט געהאַט עפּעס אַ פּאַרטיקן פּלאַן, סיורפּריז, וואָס זי האָט נישט געוואָלט אויסזאָגן און האָט מיטגעשלעפּט אַ גאַנצע באַנדע. די אַוואַנטורע האָט זיך ווידער אָנגעהויבן מיטן צעטרייבערטן „דע שעוואָ״; זיי האָבן די שברי־כּלי געהאַט אײַנגעהאַנדלט אין אַ גאַראַזש, אַרום סענטואַן, די פּליי־מאַרשע, פּאַר קליינע געלטער; אָפּגעמאַליעוועט אים מיט מיתה־משונה־קאָלירן, באַמאָלט מיט לאָזונגען, האָבן זיי זיך אין מיטן יולי אַרויסגעלאָזן אין דער ווייטער רייזע זאַלבעפֿינפֿט. אין מיטן וועג זענען צוויי פֿון זיי באַלד אַוועקגעפֿאַלן. פֿאַרבליבן זענען צולעצט ביידע יידישע בחורימלעך, דאַניעל און מאַרסעל, מיט זיין אָנגעהאָנגענער גיטאַרע, און — אַרלעט. דאָס האָט זי זיי אַלע פֿאַרדרייט דעם קאָפּ. אַזאַ כּוח האָט זי געהאַט ס׳קליינע פֿאַריזער ווילדלעכע מיידל. דאָס האָט זי באַשלאָסן, אַז מיטן אָפּגענוצטן „דע שעוואָ״ מוזן זיי זיך אומבאַדינגט דערקריגן ביז פּירעי, ביז די גריכישע אײַנגוסן, ביי די דרום־פּיאָרדן, די זוניקע אינדזעלעך אויפֿן עגייאישן ים.

באַלד אויפֿן דריטן טאָג זענען זיי אָבער שטעקן־געבליבן מיט דער מאַשין אויף יענער זייט טונעל פֿון וואַל ד׳אַאָסט, אין איטאַליע, אויף דער ברייטער, זוניקער אויטאָסטראַדע. אַ פּאָרנטיק ראָד האָט געפּלאַצט; דערנאָך האָט דער מאָטאָר געגומען הייזעריק כאָרכלען. ס׳איז מיטאַמאָל אַרויס אַ פּלאַם, און — ער איז אינגאַנצן שטיל געבליבן. זיי האָבן געפּרוווט צו גראַבלען זיך אין די אינגעווײדן און האָבן זיך, אַביסל צעטומלט, אײַנגעהאָרכט אין איר, ווי אין אַ גוסס. דעם וואָגן האָבן זיי קוים דערשלעפּט שיינע עטלעכע קילאָמעטער, ביז אַ גאַראַזש, אַ בענזין־סטאַציע אין מיטן וועג. דאָרט האָט מען זיי אָבער באַלד גע׳עהצט, אַז ס׳איז אַ שאָד די טרחה. האָבן זיי דעם צעטרייבערטן וואָגן איבערגעלאָזן אויפֿן פֿאַרוואַלגערטן פּלאַץ, באַלייגט מיט נאָך פֿיל אַלטע, פֿאַרזשאַווערטע מאַשינען; האָבן, אויספּייפּנדיק אַ לידל פֿון אַנרי מאַסיאַס, וועגן די שיינע טעכטער פֿון זיין לאַנד, אַ נעם געטון די רוקזעק אויף די פּלייצעס און אַוועקגעלאָזן זיך וואַנדערן צופֿוס.

איין נאַכט זענען זיי אָפּגעשטיגן אין אַן „אָבערזש״, איין נאַכט — אונטערן אויסגעשטערנטן הימל, פֿאַרשטעקט אין די שלאָפֿזעק, און אין דער פֿרי ווייטער אַרויסגעלאָזן זיך אויף די שאָסייען, אונטערצוכאַפּן אַ „טרעמפּ״. אין די זומער־חדשים זענען אַלע וועגן און אויטאָסטראַדעס באַלייגט מיט אָט דער ווילדלעכער, פֿאַרוואַקסענער חברה וואַנדערער. זיי וואַרטן לאַנג, מיט אַן אויפֿגעהויבענער האַנט, אויף אַן „אויטאָ־סטאָפּ״. ס׳איז אָבער נישט אַלעמאָל אַזוי לייכט, כאָטש פֿון אומעטום ציען קאַראַוואַנען־וואָגנס, עלעגאַנטע „פֿאָלקס־וואַגנס״, „רענאָ׳ס״, „פּעזשאָ׳ס״, אויך אַלטע „פֿאָרדן״ און קליינע איטאַליענישע „פֿיאַט׳לעך״. מען ציט צו די קורערטער ביים אַדריאַטיק, צו די באַלקאַנישע ברעגן. די חברה האָט זיך פֿאַרשטעקט ביים וועג, אַרויסגעשטעלט אַרלעטן, אין די בלודזשינס, מיטן אײַנגעשטייפּטן קאָרסאַזש,

די ראַב־שוואַרצע קוטשערן אין ווינט, די גרויסע ראָזע ברילן איבערן חנווּ־דיקן נעזל, זי זאָל שטיין אויפן שאָסיי מיט אַן אויפגעהויבענער האַנט צו די פאַרבייפאָרנדיקע וואַגנס. אַ מיטליאָריקער מאַן, מיט געדיכטע, גרויע וואָנסן, האָט זיך יאָ פאַרהאַלטן, אָבער ווען ביידע ייִנגלעך זענען באַלד דער־נאָך אומגעריכט אויסגעוואַקסן, האָט זיך יענער שנעל אָפּגעטראָגן.

ס'האָט זיך פונדעסטוועגן איינגעגעבן עטלעכע מאָל מיטצוכאַפּן אין אָפּענע לאַסט־וועגן פון וועג־אַרבעטער. ערשט די אַנדערע וואָך האָבן זיי זיך דערשלאָגן ביז צו די גריכישע אייִנגוסן. פון דאָרט האָט מען זיך געטרייסלט אין אַ קליינעם דאַמפּער, ביזן האַלב־ווילדן אינדזל אויפן עגייאישן ים. ווייסע הייזלעך און אַלטע רואינען זענען געלעגן אויסגעשאָטן אויפן באַרג. אונטן, אין פישער־פּאָרט, האָט זיך געראַיעט אַ פאַרביקער עולם — מאַטראָסן, הענדלער, האַלב־נאַקעטע טוריסטן. אין די ביידלעך ביים ברעג האָט מען געקענט איבערנעכטיקן. מ'האָט געגעסן געפּרעגלטע פיש, נאָר וואָס פון דער נעץ, פאַר שפּאָט־ביליק, געבריט זיך אין די דינע זאַמדן, צווישן פעלזן און גרינע וואַסערן, צווישן אַן אָנגעלאָפענעם אינטערנאַציאָנאַל יונגוואַרג.

מיטן אַנדערן, מיט מאַרסעלן, מיט דער גיטאַרע, מיט די אָנגעזעצטע ייִנגלשע בלעטערלעך אויפן רונדן פּנים, איז אויך אינגיכן אויסגעקומען צו צעשיידן זיך. ער איז אַוועק; כאָטש ער האָט אַזוי שיין גערעדט וועגן פּאַ־ליגאַמיע, האָט אים פאַרדראָסן, וואָס דאַניעל פאַרוואָרפט אַ האַנט אויף אַרלעט'ס שמאָלע, איידעלע אַקסלען, טוט זי פלינק אַ כאַפּ, ווי אַ פעדערל, און אַנטלויפט מיט איר, אונטערצוטונקען זיך אין וואַסער. זיי שווימען ווייט אָפּ פון ברעג, און פון ווי ווייט הילכט זייער פריידיקער עכאָ. אים, מאַרסעלן, האָט אַרלעט אַביסל פריער געמאָלדן מיט אַ לאַכעלע: „גיי... כ'האָב דיך מער נישט ליב"... דער איבערגעוואַקסענער בחור האָט לאַנג געפּייפט עפּעס אַ צו־ להכעיסדיק לידל, געבלאָנדזשעט איבער די סטרונעס פון זיין גיטאַרע, און אין דער פרי האָבן זיי אים מער נישט געפונען.

אַזוי זענען זיי פאַרבליבן זאַלבערצווייט. מ'האָט זיך נישט געאיילט. די וואַקאַציעס אויפן פאַקולטעט אין פּאַריז ציען זיך לאַנג, ביזן טיפן אָקטאָבער. אַרומגעפּלאָנטערט עטלעכע טעג ביים וואַרעמען ים־ברעג, צווישן די גרין־וואַסערדיקע פיאָרדן, האָט אים אַרלעט פּלוצים אַ זאָג געטון:

— ווייסט וואָס, דאַניעל... — האָט זי זיך אַ טוליע געטון צו אים, ווי אַ קעצל — ס'ווערט דאָ לאַנגווייליק. מירן אפשר גאָר פאָרן פאַרענדיקן די וואַקאַנסן — אין ישראל...

ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז זי איז געווען פיל מער באַהאַוונט אין די אַלע לינקע באַוועגונגען אין ישראל, די שפּאַלטונגען, די פאַראייניקונגען, און וואָס דאָרט טוט זיך אַלץ אָפּ.

— וואָס איז דיר פּלוצים איינגעפאַלן? — איז ער געווען פאַרחידושט, און האָט זיך אין עפּעס דערמאַנט.

— פאָרסט מיט? — האָט זי קורץ אַ פרעג געטון.

— זיי אינטערעסירן מיך איבערהויפּט נישט...

— טאָ וואָסזשע... — איז זי געווען זייער פאַרוווּנדערט — דאָרט זענען דאָך די אייעריקע... דאָרט איז אפילו פאַראַן דער „מצפן"... די נייע לינקע...

— דו — אויך?... מיט זייער נאַציאָנאַליזם דאָרט... מיר זענען בירגער פון דער וועלט...

זי איז געווען ברוגז. ער האָט נאָך דאָרט עפּעס געפּרוווט אַ רעד טון צו איר, אָבער זי האָט זיך אָפּגעדרייט. ער האָט זי געוואָלט אַ כאַפּ טון, אָוועקטראָגן צום וואַסער, אָבער זי האָט זיך פלינק אַרויסגעגליטשט פון אים. אין אָוונט, אין פישער־הייזל, האָט זי זיך פאַרקליבן אין אַן אַנדער ווינקל, צווישן אַ גאַנצער באַנדע. זיי זענען פון ערגעץ געקומען אַנצוציען, אויפגעהויבן אַ טומל, געזונגען מיט באַנומענע קולות. און אַרלעט — צווישן זיי. דאַניעל איז לאַנג געלעגן אין זיין ווינקל, אומגעדרייט צו דער וואַנט, אַריינגעטראַכט און — נישט געקענט פאַרשטיין. די ספקות האָבן אים ווידער געגריזשעט.

ווען ער האָט זיך אויפגעכאַפּט צומאָרגנס באַגינען, איז די באַנדע שוין אויך מער נישט געווען. ער איז אַרויס אויפן פייכטן זאַמד. דער טוי האָט נאָך באַדעקט די פעלדזן. די שאַרפע זון איז נאָך געהאַנגען ווי אַ פייערדיקער קאָפּ צווישן די שפּיציקע סקאַלעס און ווייסע הייזלעך אויפן קאַרק פון די בערג, צווישן די רואינען. ער האָט אַראָפּגעקוקט צום פישער־ברעג. דאָרט האָט זיך, ווי נעכטן, געראַיעט מיט מאַטראַסן, הענדלער, צווישן אַ פאַרביקן המון, געהערט דעם שאַרפן גערויש פון די מאָטאָר־שיפלעך, וואָס שניידן די גרינלעכע וואַסערן צום קאָנטינענט. ער איז אַ לויף געטון, אויפגעכאַפּט פון ווייטן ווי עמיץ פאָכעט מיט אַ טיכל, מיט דער האַנט, אָבער ער איז נישט געווען זיכער, צי ס׳איז טאַקע אַרלעט. צום ערשטן מאָל איז אים אַזוי באַנג געווען ס׳קליינע, נאַרישע, ווילדלעכע פאַריזער מיידל. דעם גאַנצן איבעריקן טאָג האָט ער זיך איינער אַליין אַרומגעדרייט אויף דער פּליאַזשע. פון דער גאַנצער באַנדע איז ער פאַרבליבן איינער אַליין.

אין קליינעם פּאָרט האָט ער זיך נאָכגעפרעגט און איז געוווּיר געוואָרן, אַז דאָ פאַרהאַלטן זיך אָפּט קליין־טאָנאַזשיקע שיפן; זיי קומען אָנצוציען פון מאַרסעיל, פון גענואַ, אויפן וועג קיין ציפּערן, פון דאָרט — אפילו קיין חיפה. און ער האָט באַלד אַ טראַכט געטון, — ווייל זי האָט אַנומלטן עפּעס געפּלאַפּלט — די קליינע האָט אוודאי גענומען דעם דאַמפּער ביז פּירעי, קיין אַטען, און פון דאָרט, מיטן אַוויאָן — קיין לוד.

אַזוי האָט עס דאַניעלן אין יענעם זומער, אומגעריכט און נאַריש, פאַרפירט, נאָכצולויפן דאָס ווילדלעכע פאַריזער מיידל, אַרלעטן, אַזש ביז צום וואַדי הביטניקים, ביים בלויען ברעג, אין אילת. ווייל ער האָט מיטאַמאָל דערפילט, אַז ער האָט זי פאָרט אַביסל ליב, נאָכדעם ווי זי איז אים אויסגערונען פון אונטער דער האַנט, די נאַרישע ציג...

## קאפיטל 26

# אין וואַדי הביטניקים

דאָס יינגל האָט געפיבערט. מיט אָפענע אויגן איז דאַניעל געלעגן אין בעדואינער־ביידל פון קעמל־פעל, צופוסנס פון באַרג מצדה. די נעכט אין נגב זענען קילע. אַרויפגעצויגן דעם גראָבן סוועטער, וואָס די גוטע מאַמע זיינע האָט אים אין לעצטן מאָמענט אַריינגעפּאַקט, האָט ער נאָך אַלץ געשוידערט מיט די ציינער; נישט אַזוי צוליב דער ביינאַכטיקער קעלט; ווייל ס׳האָט אים פלוצים אַ הייב געטון — „אַזוי, הייסט עס... אַז די קליינע אַרלעט... ווער זאָל זיך עס געוועזן ריכטן?״... און ער האָט זיך עס אַלץ נישט געקענט שענקען. ער האָט פאַרהויבן אַ שפּאַלט, אַרויסגעשטעקט דעם קאָפּ און באַטראַכט מיט חידוש דעם טיפן הימל איבער דער וויסטע, די גרויסע שטערן, ווי אָנגעגאָסענע הענגלעך וויינטרויבן, דעם שאַרפן האָרן פון דער האַלבער לבנה, די דראָענדיקע אדום, אָדער מואב־בערג אויף יענער זייט דרומדיקן צונג פון ים־המלח. פּונקט אַזוי אומגעריכט ווי די נאַכט איז אַראָפּ־געפאַלן, אַזוי פלוצים האָט פון הינטער די בערג אויפגעטויכט די מאָרגן־זריחה. אין דער טיפער נאַכט האָט דאָס אויער, דוכט זיך, אויפגעכאַפּט ווייטע, פאַרדעכטיקע געראַוישן; אָבער אין שטילן באַגינען — קיין שום שאָרך נישט. גרויסע, גרויע פוכיקע פייגל זענען געהאָנגען אין לויטערן אוויר, ווי פאַרחלשט, און לאַנגזאַם, געלאָזן זיך אַראָפּפאַלן צום שטילן, נאַקעטן באַרג־רוקן, וווּ קיין שום גרעזל וואַקסט נישט. ס׳איז אַזוי שטיל אין ליידיקן, קלינגענדיקן חלל, אַז דער מינדסטער עכאָ פון אַ פאַלנדיקן שטיין ערגעץ הילכט ווייט אָפּ אין דער גאָרער אויסגעשטאָרבנקייט. ערשט איצט איז בולטער געוועזן צו זען, ווי פון דער זייט ים, אין דער נידער, איז דער פעלדז־באַרג אומצוטריטלעך, האַקט זיך שאַרף אָפּ, אַז מ׳דאַרף פאַר־רייסן דעם קאָפּ אַרויפצוקוקן. אויפן פלאַכן, רויטלעכן נובישן זאַמד־שטיין, אָדער רויטן סלע־פעלדז — די רעשטלעך פון הורדוס־פּאַלאַץ, פון די באַ־לאַגערטע קעמפער, פון די פּאַרצייטיקע איסיים־סעקטעס.

מאָדנע, אַלץ איז דאָ ביי זיי איינגעהילט אין לעבעדיקע לעגענדע. ווייט אין ברענענדיקן מדבר הייבט זיך אַרויס פון נידעריקסטן אָרט אין דער וועלט, די שפלה, דער פעלדז, אויף וועלכן ס׳איז זיך פאַרלאָפן אַ שטיק פון זייער העראָישן ווידערשטאַנד קעגן אַ גאַנצער אימפּעריע. צי איז עס נישט סימבאָליש? אָט דערציילן זיי אויך, אַז צווישן די בערג, טאָלן, אָפּ־האַנגען, תהומען, האָבן זיי ערשט נישט לאַנג צוריק, געלויערט, די בריי־טישע פּאָליציי, די אַראַבישע רוצחים. אַהער האָבן זיך די אומלעגאַלע פלמ״ח־יינגלעך דורכגעשמוגלט, דורכצופירן געהיימע מיליטערישע איבונ־גען. זיי זענען דורכן מדבר געקומען צערייטן אויף קעמלען, אין די גרויסע

וואַסער־קאַנען האָבן זיי אין די טאָפּלטע דנאָען געהאַט פאַרשטעקט טיילן פון געווער. אין ווינט, אין היץ, פלעגן זיי זיך אויך צומאָל דורכרייסן אַהער מיט אַ שיפל פון צפון, איבערן ים המלח; געקלעטערט אויפן „שלאַנגען־שטעג", די סטעזשקעס אויפן באַרג, איבער אָפּגרונטן, אין די קילע פאַר־טאָג־שעהן. ביי יאָזעפוס פלאַוויוס, אין זיין „יידישע מלחמות", האָט ער טאַקע ערגעץ ווו געלייענט וועגן אָט די „שלאַנגען־שטעגן", וואָס איבער זיי האָבן געקלעטערט די לעצטע קעמפער פון מצדה, איידער זיי האָבן זיך, איינער דעם אַנדערן, דערשטאָכן מיט דער שפּיז, נישט אַריינצופאַלן אין די הענט פון די רוימישע באַדריקער. די רוימישע לעגיאָנען האָבן דאָ אַנגעשאָטן הויכע זאַמד־וואַלן; געשטורעמט די פעסטונג מיט זייערע קאַטאַפּולטן, די שטיינער־שליידערער. און ווידער איז — בראשיתדיקע אור־פּראַכט. ביי די קוואַלן פון „חמי זוהר", אין עין־בוקק, איז דעם גאַנצן ווינטער פול מיט טוריסטן, מיט היפּיס און ביטניקס. מ'קומט זיך באָדן אין די הייסע שוועבל־קוואַלן; און אין די בעדואינער־ביידלעך, צופוסנס פון מצדה — די פאַרוואַקסענע היפּיס און ביטניקס פון אַלע עקן וועלט; אַ צוזאַמענטרעף פון אוראַלט מיטן היינט.

ס'איז געווען אַזוי: מיט אַן אָוונט פריער זענען זיי דאָ ביידע שטעקן־געבליבן אונטערוועגס; דער יונגער אינזשיניער מיט די אַראָפּהענגענדיקע בלאָנדע וואָנסן איבער די זאַפטיקע ליפּן, יגאל, האָט האַסטיק פאַרהאַלטן דעם פאַרשטויבטן דזשיפּ, אַ ביסל צעשטרייט אַרומגעקוקט זיך, און לסוף אַראָפּגעדרייט מיטן אַלטן גריבערדיקן ענגלישן וועג, צו די אויפגעשטעלטע ביידלעך פון די ביטניקס; און אים, דאַניעלן, האָט ער צוגעוואָרפן, מיט אַ קלוגן שמייכל: „מירן זיך דאָ פאַרשטעקן ערגעץ, חביבי... ביינאַכט איז גלייכער, דערווייל, נישט צו לאָזן זיך דורכן נגב"... נישט קיין געווינלע־כער בחור, אַ סאַברע. לאַכט זיך אויס פון די אַלע געפאַרן, קען יעדעס ווינקעלע פון לאַנד, קען געגנוי די פּראָבלעמען פון די „נייע לינקע", וואָס טומלען דאָרט אַרום אין די וועלט־שטעט, פון היגן רק"ח, מק"י, „עולם הזה", אפילו פון „מצפן". דאָס איז ער אַרומגעפלויגן מיטן דזשיפּ פון איין בוי־שטעלע צו דער אַנדערער איבערן לאַנד, און אים, דאַניעלן, האָט ער, שניידנדיק דעם וועג צוריק צום צפון, אויפגענומען מיט זיך אויפן ברעג, אין אילת. דאָס וואָס דאַניעל האָט דאָ אין די פּאָר וואָכן געזען און איינגע־זאַפּט, איז אים נאָכגעגאַנגען, פאַרפאָלגט, אויסגעמישט זיך אין עפּעס אַ נעפּלדיקער אַנונג פון זיינע ווייטע אבות, ביי די סלאַווישע טייכן; כאָטש ער האָט אַזוי ווייניק געוווּסט וועגן זיי. טאַקע, נאָכוואָס — האָט ער זיך דערטראַכט — פּלאָנטערן זיך דאָרט, אין די אַנגערויכערטע קאַפּייען, אין לאַטייניטשן קוואַרטאַל, אין דער צייט, ווען זיי דאָ... אין זייער ביטערן געראַנגל... די פּרוכטלאָזע דיסקוסיעס... די קליינע, פאַרגרינטע אַרלעט, וואָס ער איז אַזש ביז אַהער געלאָפן זי דאָ ערגעץ אויפזוכן... און וואָס האָט זיך אַרויסגעשטעלט? אוי, ווי ס'געוויסן האָט אים געפּייניקט.

ווייל ער האָט זיך דעמאָלט אויפגעזעצט אויף דער קליין־טאַנאַזשיקער

איטאַליענישער שיף, וואָס האָט אויפן אַנדערן טאָג געאַנקערט אין פּאַרלוי־רענעם פּאָרט פון גריכישן אינדזל, און צום ערשטן מאָל אַרונטער אויפן לאַנד, אין חיפה. דאָ זענען נאָך געשטאַנען די הייסע, מיט־זומער־טעג. ווהין לויפט מען זי דאָ ערגעץ אויפזוכן? זי האָט אים פאַרדראָסן און ווי געטון, די קליינע. אָהאָ, זיי זענען אָבער אַלע כיטרע; זי האָט אָבער געוווּסט, אַז ער וועט זי לויפן אַהער אויפזוכן; שלעפּט זיך אוודאי אַרום, האָט ער זיך צוערשט געזאָגט, מיט דער באַנדע איבער די „אָבערזשן", אין די קי־בוצים, אָדער אויפן ברעג, אין אילת. דאָרט, האָט ער געוווּסט, איז אַן אָב־געלויף פון היפּיס. אָבער וואָס טוט ער דאָ? צי אינטערעסירט אים דען זייער גאַנצער ציוניסטישער טאַראַראַם? די פּאָר יידישע ווערטער אין דער היים ביי דער מאַמען, זענען אים דאָ פונדעסטוועגן גאַנץ גוט צונוץ גע־קומען. נאָכגעפרעגט זיך, דערפרעגט זיך, האָט ער זיך דערפילט מאָדנע, צו שפּרייזן איבערן לענדל, וואָס איז דאָרט, אין פאַריז, ביי אַלעמען אויף די צינגער, אין דער פּרעסע, אויף די מיטינגען; וואָס ווערט אַזויפיל גע־זידלט, באַשפּיגן, פון רעכטס ביז לינקס. און ער האָט זיך באַלד געזאָגט: שאַדט נישט, מ'דאַרף עס אַליין אָנקוקן מיט די אייגענע אויגן.

אין קיבוץ, ביי דער מאַמעס קוזינע, האָט ער זיך פאַרהאַלטן נישט מער ווי איבער נאַכט. ווייל איידער ער האָט זיך אַראָפּגעלאָזן קיין אילת, אויפצוזוכן דאָרט אַרלעטן, האָט ער זיך דערפרעגט, אָפּגעשטיגן צפונדיק פון באר שבע, געשפּאַנט אין די זאַמדן, צווישן פרדסים, צעאַקערטע פעלדער, צוגעקוקט זיך נייגעריק, ווי די פלייסיקע לייט, אין קורצע הויזלעך, מיטן קאַמישן טעמבעל־היטל איבער די אויגן, פירן טראַקטאָרן, קריכן אויף עלעקטרישע סלופּעס פון הויכער שפּאַנונג, שלעפּן געהילץ, שטיינער צו אַ הויכן בנין, גראָבן קאַנאַליזאַציע־טראַנשייען. צוויי יונגע לערערינס מיט ברייטע שטרוי־היט, באַגלייטן אַ קלאַס קינדערלעך, און אין זייער מויל איז עפּעס אַזאַ נאַגנדיק פרילינג־ליד. ער האָט זיך נאָר געפרעגט מיט חידוש, צי די אַלע זענען טאַקע — יידן? ער איז דערנאָך געזעסן אין נידעריקן צריף, ביי דער מאַמעס קוזינקע. און דער עלטערער ברודער אירער, דאָס איז טאַקע — דער זעלבער חבר אהרן, וואָס איז שוין פאַר אים... אַ לעגענדע. די מאַמע, געדענקט ער, פלעגט אַלעמאָל רעדן וועגן פעטערס יינגערער טאָכטער, דבורל; האָט זיך געראַטעוועט אין רוסלאַנד מלחמה־צייט, געוואָלגערט זיך אין די דייטשע פליטים־לאַגערן, איז מיטן „עקזאָדוס" אַוועק צו די ברעגן „פון אייגענעם לאַנד". איינפאַכע לייט, פּונקט ווי חבר אהרן. ער האָט אַנגעקוקט איר צעאַקערט פּנים, פון דער זון, צי פון שווערער פּראַצע, זי איז געווען זייער פאַרפּלאָנטערט, איז געלאָפן אָנשטעלן און אָנברענגען אויפן טיש פּרוכטן, עוגה, געלאָפן אויפקאָכן אין עלעקטרישן טשייניק קאַווע, געפּרייט מיט אַ פּשוטער פרייד; געהאַלטן אין איין נאָכ־פרעגן זיך, וואָס די מאַמע מאַכט, וואָס מען הערט אין דער היים? דאַניעל האָט נאָך אין זינען געהאַט באַלד אַ פרעג צו טון וועגן ברודער אירן, וועגן אהרנען, נאָר ער איז נאָך געווען אַביסל צעטראָגן; און ווען ער ווייסט

נאָך, אַז עסטושיאַ... ס׳מיידעלע פון פוילן... נאָר וועגן איר האָט ער זיך דערוווסט אַ סך שפּעטער, פּונקט ווי וועגן דער פאַרוואַנדלונג פון אהרנען.

פאַרנאַכט איז אָריינגעקומען דער מאַן, ווייס־פאַרשטויבט, אין שווערע שיך, אין אַ קורץ, דורכגעשווייסט העמדל. ס׳זענען געקומען צולויפן די קינדער. דאַניעל האָט נייגעריק באַטראַכט די פאַרברוינטע חברה, מיט די הייסע אויגן אונטערן לאָק; רעדן עפּעס אַ לשון, וואָס קלינגט אין זיינע אויערן פונדעסטוועגן נישט אינגאַנצן פרעמד. וואָס וויל מען פון זיי? — האָט ער זיך צום ערשטן מאָל געפרעגט. שטילע אַרבעט־לייט, קלאָמערן שוין דאָ, אין הייסן נגב, יאָרן לאַנג; האָבן מיט גרויס מי און מאַטער אויס־געבויט זיך אַ קאָלעקטיווע היים, אויפגעהאָדעוועט, נאָך אַזאַ וויסטן חורבן, אַ משפּחה, קינדער, באַלד וועלן אויך זיין מסתמא אייניקלעך; עסן אַלע בייזאַמען אין חדר־האוכל. אַן אָרעם, באַשיידן לעבן. אויב מ׳רעדט שוין דאָרט יאָ וועגן סאָציאַליזם...

און ער אַליין האָט נאָך, אַביסל פריער, עפּעס געשטאָמלט מיט זיינע קאַרגע יידישע ווערטער וועגן — קאָלאָניאַליזם... אימפּעריאַליזם... אַגרע־סיע... פאַרכאַפּן פרעמדע ערד... זיי האָבן אים אויסגעהערט שטיל, פאַר־שעמט, געשמייכלט פאַרלעגן, גאַרנישט געענטפערט. ערשט דערנאָך האָט ער זיך געזאָגט, מיט באַדויער, אַז ער האָט זיי אפשר נישט באַדאַרפט צו באַ־אומראַיקן מיט זיינע זייער וויכטיקע אַרגומענטן, געבערענגט פון די אָנגעַ־רויכערטע קאַפייען אויפן סען־מישעל, אין פאַריז. דאָרט ביי זיי, זענען דאָך די העגט ווייסע, ווייכע, נישט קיין אַרבעטס־הענט. זיי קומען כמעט אַלע פון רייכע, וואַרעמע היימען, וואָס די טאַטעס, די שניידערס, האָבן מיט זייער האָרעוואַניע, אויפגעשטעלט. „איר... די אייעריקע״... — האָט ער זיך פלוצים דערמאָנט, ווי אַרלעט האָט אים דאָרט אַנומלט אַ וואָרף געטון, אין שפּאַס. איז זי, הייסט עס, אפשר קלוגער פון אים, כיטרער — אוודאי; שלעפּט זיך דאָרט מסתמא אַרום מיט דער באַנדע ביים ים, אין אילת. אָבער נאָכוואָס האָט זי זיך פלוצים אויפגעהויבן און אַנטלאָפן, אַזוי געהיים? און ס׳האָט אים ווידער אַ שאַרפן ברי געטון, שויך, באַלד, צו לויפן זי אויפזוכן, דער מויד.

אין אויטאָבוס, מיט וועלכן ער האָט זיך צומאָרגנס געטרייסלט אַראָפּ־נגב, צום וויטן דרום, איז ער געזעסן אַנגעלענט אין דער שויב, און אין גאַלדיקן נאָכמיטאָג געזען, אין אַ וואָלקן שטויב, ווי אין אַ מיראַזש, אַוועק־שווימען אַ צעשראָקענעם הירש אין דער ווייטער וויסטעניש; האָט געזען דעם אויסגעשניטענעם סילועט פון אַ שטומען, געדולדיקן קעמל, צופוסנס די געצעלטן פון אַ בעדואינער־לאַגער, צווישן שפּעסן־סטאַדעס.

אַ פּאָר טעג האָט ער זיך נאָך דאָרט אַרומגעדרייט, אין אויפגעהויבע־נעם זאַמד, צווישן נישט־פאַרענדיקטע געביידן, דורכגעשניטענע שאָסייען אין דער וויסטעניש; אַרומגעקראָכן אין דינעם זאַמד, ביים ברעג, אויף די בערגלעך, ווו ס׳זענען צעלייגט געווען די צעלטן פון די פאַרוואַקסענע, האַלב־נאַקעטע היפּיס, ביטניקס, מיט זייערע צעקנייטשטע קאָווּבאָי־היט,

אָדער קאָמישע מיצלעך. איינער האָט דאָרט געגרימפּלט מאָנאָטאָן אויף אַ צעסטראָיעטער גיטאַרע. צווישן די געזעמלעך פאַרוואַקסענע לייט, אין וואַדי הביטניקים, איז שווער געווען צו אונטערשיידן די זכרים פון די ווייבסלייט. זיי זענען כסדר געקומען אָנצוציען מיט „טרעמפּס", באַלאָדן מיט רוקזעק, געשאַרעוועט מיט די באַטשוועקעטע שיך. צעזעצט אַרום שייטער, ווו אַ דין רויכל האָט זיך אין אַ גלייכער ליניע געצויגן צום אייביק־בלויען הימל, האָבן זיי הייס דיסקוטירט, געלאַכט, פאַרחושטע, אוודאי פון האַשיש. זיי האָבן זיך אויך געוואַלגערט אין די ברעג־ביסטראָ׳ס. אַ געמיש פון שפּראַכן, אָן ערב רב פון אויסטערלישע אידייען, וועלט־שיטות. זיי זענען אַלע אַנט־לאָפן פון דער „בירגערלעכער צופרידנקייט... פון פאַרפוילטן קאַפּיטאַליזם, וואָס דינט דעם דאָלאַר"... אין דער ביסטראָ „ניצה" זענען זיי געווען געדיכט אַרומגעזעצט. אַ מיידל פון אַ קאַווע־קאָליר, קוקט פאַר זיך, ווי פאַרשטיינערט. זי האָט געלערנט ביאָלאָגיע, פּסיכאָלאָגיע; אַצינד זיצט זי אויפן ברעג, אין וואַדי הביטניקים, און קנעט סקולפּטורן פון פּלאַסטעלין, עפּעס קראַנקהאַפטע פיגורן. פלאַטערלעך זשומען אַרום, גרינע פליגן — אויף די קאָנסערוון־שאַכטלעך, וואָס וואַלגערן זיך אומעטום. איינער, אַ היפּי־פילאָזאָף, גלייכ־גילטיק צו דער פּאָליטיק, וויל לעבן ווי אַ פּרימיטיווער מענטש, לאָזט פאַלן:

— זיי אַרבעטן דאָ — זאָגט ער — צופיל, פאַרשווענדן צופיל ענער־גיע... צופיל אויטאָס, צופיל הייזער, צופיל מענטשן...

און — די ליכטיקע נעכט אין וואַדי. פון ברעג דערגייט אַ מיידלשער קוויטש. אַ שייטער פלאַקערט. אָן עקסטאַטישער טאַנץ, צום פייקלען, אַ בויך־טאַנץ, און זיי סקאַנדירן: „יעהאָוואַ, זיי גנעדיק צו אונז"... דער כהן גדול, ווי אַ מכשף, זינגט אַ הימן צום שטן. די נאַקעטע, אויסגעצערטע גופים פירן אויס אַקראָבאַטישע טענץ, און אפשר — סעקסועלע אָרגיעס, פאַרטשאַדעט פון נאַרקאָטיק. זיי האָבן זיך נאָר וואָס אומגעקערט פון דעם וואָדסטאָק־פעסטיוואַל אין ענגלאַנד.

אַ העל־בלאָנד שוועדיש מיידל טוליעט זיך צום בחור מיטן צע־קנייטשטן קאַפּעליושל אויף די צעפּלאָשעטע האָר. די אויגן פאַרלאָפן אין קראַנקן עקסטאַז, מאַכט ער דעם אויספיר:

— צי דאַרף מען דערשטיקן אין זיך דאָס נאַטירלעכע?...

זיי זענען אַוועק פון דער איבערגעפרעסענער וועלט. אַסקעטן, מיט דער נעגאַציע צו אַלע הייליקייטן. ווו איז דער סוף פון זייער וואַנדערונג? — האָט זיך דאַניעל געפרעגט. ער האָט ביי דעם, ביי יענעם, געפּרוווט עפּעס געוווּיר ווערן און — דער קליינער אַרלעט אין ערגעץ נישט געפונען. ער האָט זיך שוין געוואָלט אויפהייבן און צוריקפאָרן. אַראָפּגעלאָזן זיך אין דער נידער, צום ברעג, האָט ער צענומען די קרעלן־צעפּ און אַריינגעשטעקט דעם קאָפּ אין קליינעם באַר „ניצה", צונויפגעשלאָגן פון ברעטער און אַלטע בלעכן. ס׳איז דאָרט געווען האַלב־פינצטערלעך פון די פאַרקאָפּטשעטע, פאַרשטעלטע לעמפּלעך אין רער־אַבאַזשורן פון אויסגעשאָסענע אַרטילע־ריע קוילן. זיי זענען אַרונטערגעהאָנגען פון אויבן, נידעריק איבער די

טישלעך, איבערן ברייטן טומבאַנק, צעלייגט אין דער סאַמע ברייט. ער האָט איינגעאָטעמט די שאַרפע ריחות פון וויסקי, סקאָטש, מזרחדיקע געווירצן, אָדער געברענטע קרייטעכצער. צוויי גיטאַרעס האָבן אין דער טיף געברענצלט די זעלבע איינטאָניקע פּאָפּ-לידער, און אַ כאָרכלענדיקע שטים האָט זיי באַגלייט. ער האָט באַלד דערפילט אַ האַנט אויפן אַקסל פון איינעם מיט קרומע, פּוכיקע פאַוואָריטן אַריינגעשניטן אין די מאָגערע באַקן:

— צאָלסט אַ קאָניאַק?

פון וואַנען האָט יענער באַלד געוווסט צו ווענדן זיך צו אים אין פראַנצויזיש? ס׳איז געווען אַביסל חשודיק. אפשר ווייסט ער עפּעס וועגן אַרלעטן? ביים טומבאַנק האָט ער דעם באַרמאַן באַלד דערקענט — פון די „פּיע נואַר", פון די אַלזשיריאַנער פּליטים; מיט אַ האַנטעכל אויפן אָרעם, ווי די פּאַריזער גאַרסאָנען, האָט ער געהאַלטן אין אָנגיסן עפּעס אַ גרינע פליסיקייט פון אַ לאַנגער פלאַש מיט אַ שמאָל העלדזל.

— וואָס הערט מען עפּעס אויפן בולמיש?... — האָט ער זיך באַלד היימיש נאָכגעפרעגט, מיט אַ זיסן שמייכל און אַנטפּלעקט אַ מויל גאָלדענע ציינער אונטערן וואָנסעלע.

— כ׳זוך דאָ אַרום איינע... אַ פּאַריזערין...

— ווי — מאַכט ער — רופט מען זי?

— אַרלעט... די קליינע אַרלעט...

— היי, קלאָדין, ווייסט נישט ווו די אַרלעט איז ערגעץ אַוועקגעקומען?

— האָט ער אַריינגעשריגן אין האַלבן טונקל פון באַראַקל.

אין האַלבן טונקל, האָט ער ערשט איצט דערזען, ווי זיי זענען דאָרט געווען אויסגעזעצט אויף דר׳ערד, אַרום די ווענט. דאַניעל האָט זיך אַראָפּגעלאָזן דערלעבן, ביים טישל, אַרויסגעקוקט און דערזען, ווי הינטערן אָפּגעשפּאַרטן שייבל, אין דער חמימה, רוישט אין דער נידער דער קליינער פּאָרט. עטלעכע שיפן זענען אין דעם פרימאָרגן געקומען אָנצוציען פון מרחקים, פאַראַנקערט צום ברעג פון אילת און זשומען די קליינע פּאָליציי-מאָטאָר-שיפלעך. שווערע לאַסט-מאַשינעס וואַרטן שוין ביים ברעג-טראָטואַר, ביים מאָל, און דורכן בריקל, פאַרוואָרפן צו די שיפן, שלעפּט מען זעק, קאַסטנס; הויך איבער זייערע קעפּ גרילצט די הייב-מאַשין, די גרי, מיט די שווער-געלאָדענע פּעק. דאָס פלאַכע הייזל פון דער ברעג-פּאָליציי איז פאַרשפּינט אין אַנטענעס, באַלאַגערט פון פרעמדע און אייגענע מאַטראָסן. אַן אָנגעלויף. און איידער ער רייסט אָפּ דעם בליק, איז שוין יענער דאָ צוריק.

— אַרלעטן זוכסטו?... די פון „בולמיש"... קענסט זי גוט אַרומזוכן... זי זאָל זיך אייערנעכטן האָבן מיטגעכאַפּט מיט אַ „טרעמפּ"... מען שמועסט אפילו...

ער האָט שוין נישט באַוויזן צו דערהערן מער, ווי אַלע שטופּן זיי זיך צו דער טיר, דורך די פאַרהויבענע קרעלן-צעפּ. פון דער טראַנספּאָרט-שיף „אופיר", שלעפּן זיי דאָרט פון בריקל אַ פאַרבלוטיקטן מאַטראָס. ער

רייסט זיך פון זייערע הענט, זידלט זיך. קענטיק אויך אַן אייגענער, פון די צפון־אַפריקאַנער עדות. ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ר'האָט געהאַט פאַרשטעקט ביי זיך אין דער קאַבינע קאָנטראַבאַנדע, פון וויטן מזרח. ווער ווייס, אפשר אַפּיום אויך. ער ווילדעוועט, האָט אויסגעהאַקט מיטן לאַנגן, שפּיציקן קאָפּ אויפן קורצן, קרעמפּן האַלדז, אַ שויב אין דער קליינער געביידע. ס'בלוט רינט אים איבערן פּנים. פאַרן בריקל פליט באַלד אָן אַ קעטשל פּאָליציי. דער אינספּעקטאָר רעדט צו אים זייער געלאַסענע דיי־בורים, אָבער יענער וואַרפט זיך אויף אים מיט די פויסטן. עס טוען אַ שפּרונג צו פון דער זייט צוויי הויכע, פעסטע שוטרים און וואַרפן אים אַרויף קייטעלעך אויף די הענט. ער בלוטיקט און ריטשעט, ווי אַ געקוילע־טער, ווען זיי פירן אים צו דער פּאָליציי־געביידע.

אויך ביי דער חברה דאָ האָבן זיך אַ ביסל געטון די פויסטן. איינער, מיט ווילדע קוטשערן איבער די אויגן, האָט אַ שליידער געטון די גיטאַרע אויף דר'ערד, אַז אַלע סטרונעס האָבן אָפּגעגעבן מיט אַ פאַרשטאַרבענעם עכאָ. דער באַרמאַן שטייט אין דער טיר, אַ צעכראַסטעטער, און ס'רייסן זיך פון זיין גאָרגל פאַרשטיקטע זידלערייען, מסתמא אין דזשודעאָ־אַראַביש.

און דאַניעל, ווי אויף אים וואָלט עס קיין שום איינדרוק מער נישט געמאַכט; זופּט געלאַסן דורכן שטרויעלע דעם קאַלטן „מיץ". ער זיצט, צוגעקלעפּט דעם שטערן צום שייבל, און זעט ווי ס'מיניען זיך די גרינ־בלויע וואַסערן פון איינגוס, וואָס ביי זיינע ברעגן ליגט צעשאָטן סיי אילת, סיי עקבה, וואָס אין יאַרדאַניע, אַ טריט פון דאַנען. פון צייט צו צייט וואַרפט ער נאָר אַ בליק הינטער זיך, מיט אַ ביסל חשד, באַטראַכט זיי, די אַלע פאַרוואָקסענע לייט פון באַר. ס'זשומען דאָ ענלעכע רייד, ווי אין די ביסטראָ'ס און באַרן און אויף די טעראַסן פון די רוישיקע קאַפייען אין לאַטייניש קוואַרטאַל, נאָר עפּעס מער פאַרשטיקט, מיט אַנצוהערעניש. און ער טראַכט אַלץ ביי זיך: נאָכוואָס איז זי פּלוצים פון גריכישן ברעג געלאָפן אַהער?... נאָכוואָס האָט זי דעמאָלט אַ זאָג געטון...

— דאָ איז געווען אַן אַבלאַווע... — האָבן זיי אים לסוף שטיל איינגע־רוימט — זיי פאַלן דאָ אומגעריכט אַריין, די פּאָליציי... קענסט זי, דער קליינער? פון וואַנען קענסטו זי?...

— דאַרפסט עס וויסן? — איז אים פּלוצים באַפאַלן אַ כעס, אויף זיי און אויף זיך אַליין אויך — זאָג מיר בעסער, ווו איז זי פאַרפאַלן געוואָרן, די מויד?...

און ער האָט זיך מיטאַמאָל דערמאָנט אַ קלייניקייט — ווי זי האָט זיך אין לעצטן טאָג מער נישט געלאָזן צורירן צום קליינעם ביוסט. ער איז ביי איר געווען ווי אַנגעשוואָלן, ווען זי האָט אַרויפגעצויגן ס'קליידל. זי האָט אויך פּלוצים געהאַט אַרויפגעצויגן אויף זיך עפּעס אַ בלאָנדן פּאַרוק, ווי ס'איז די מאָדע, אין געלעכטער כלומרשט. און וואָס האָט זי געהאַט צונויפגערעדט זיך מיט דער פרעמדער, אויסגעוואַקסענע באַנדע אין באַראַק? ווער זענען זיי? צי איז זייער באַגעגעניש, פרעגט זיך, געווען

אַ צופעליקע? אַלע חשדים זענען ביי אים אויפגעקומען. און דאָ הערט ער וועגן אַן אויפרייס אין ירושלים, און אַז מ׳האָט זיי פאַרהאַלטן. ווען? ער האָט אַריינגעקוקט אין דער צייטונג, און ס׳האָט אים פּלוצים שטאַרק פאַרדראָסן, וואָס ער פאַרשטייט נישט זייער לשון.

דעם גאַנצן איבעריקן טאָג האָט ער זיך אַרומגעדרייט ווי צעחושט; געזען ווי ס׳צייכענען זיך אָן קאָנטורן פון גאַסן און פלעצער. אין קלאָרן, דורכזיכטיקן אוויר, וואָס גיסט זיך מילד אין די לונגען, טראָגט זיך מיטן ווינטל דער אַראָמאַט פון צימערינג, פון נעגעלעך, פון אַראַשידן-בוימל, פון די געלאַדענע שיפן, וואָר קומען אַנצוציען פון ווייטע מדינות; אַ שטאָט אין וויסטן מדבר, וואָס האָט אויפגעהאַקט אַ פענצטער צו דער וועלט.

טאַקע אין זעלבן באַר „ניצה" האָט זיך צוגעזעצט צו זיין טיש דער אינזשיניער יגאל. זיין דזשיפּ האָט געוואַרט פאַר די טרעפּלעך אין דרויסן. ער האָט גערעדט, האָט זיך אַרויסגעוויזן, נישט שלעכט פראַנצויזיש, מיט אַ לייכטן דייטשן אַקצענט, אָבער געטרונקען פון דער הויכער קופּליע ביר האָט ער ווי אַן אמתער יעקע; אָפּגעווישט די וואָנסן, האָט ער צוריק פאַר־שטעקט דאָס פייקעלע צווישן די שטאַרקע ציינער. טאַקע ביי יגאלן האָט ער געוואָלט געוויר ווערן:

— ווי רופן זיי זיך, די מיידלעך, וואָס מ׳האָט זיי פאַרהאַלטן?

— דאָס זאָגן זיי נישט, געוויינלעך, נאָר — איינע אַ פראַנצויזיש מיידל...

איז ביי דאַניעלן דער חשד מאָדנע קלאָר געוואָרן, און ס׳האָט אים פאַרקלעמט אַ שווער שולד-געפיל — ווען זענען זיי דאָ געגאַנגען אומ־ברענגען? אַזעלכע קינדער, ווי ביי דער קוזינע אין קיבוץ?... די, וואָס האָבן זיך געראַטעוועט פון אַלע פייערן?... אַזאַ מויד, וואָס וואַלגערט זיך אין אַלע בעטן... דאָס אַלץ האָט ער נישט געזאָגט יגאלן; ער האָט שווער אַראָפּגע־לאָזן דעם קאָפּ, געהערט איבער זיך זיינע שטילע, פאַרביסענע רייד.

— קענסט זי? — האָט יגאל פּלוצים געפרעגט.

— ווען? — האָט ער זיך ווי אויפגעכאַפּט, דאַניעל.

— ס׳מיידל, די פראַנצויזישע... וואָס מ׳האָט זי געכאַפּט אין ירושלים...

— אַזוי? זיצט זי טאַקע?...

— די־אַ לייט... — האָט יגאל גערעדט זייער באַזאַכט — זיי מיינען, אַז מיר האָבן שוין פאַרגעסן... די טעלעוויזיע האָט באַוויזן זייער גאַרדעראָבע, ווו זיי האָבן פאַרשטעקט דעם אויפרייס-מאַטעריאַל, אין די שיך־אָפּצאַסן, אין ביוסטנהאַלטער...

און אַביסל פריער איז נאָך דאַניעל אַרויס מיט זיינע אַרגומענטן:

— די אונטערדריקטע אַראַבער... די פאַרטריבענע פּאַלעסטינער...

— צוקלעפּן עטיקעטן פון מאַרקסיזם, איז לייכט... — יגאל האָט גערעדט געלאַסן, און ס׳איז פונדעסטוועגן געווען אַ פאַרהוילענער פלאַם אין זיינע געלאַסענע רייד — אויב אַזוי, באַדאַרף מען כאַטש די געשיכטע

פון אַלע פעלקער, קודם פון די, וואָס קומען אונז לערנען יושר, זאָגן מוסר, איבערגעשריבן ווערן אין דעם ליכט. די געשיכטע פון מאָרד איבער פעלקער, גאַנצע ציוויליזאַציעס, כמעט ביזן היינטיקן טאָג, איז אין אַפריקע, אין די אַמעריקעס, קוים אַלט אַ פּאָר הונדערט יאָר. דער קאָלאָניאַלער רויב פון די רוסישע צאַרן איז נאָך אפילו קיין גאַנצע הונדערט יאָר נישט אַלט, און האָט זיך נאָך ביזן היינטיקן טאָג נישט אָפּגעשטעלט. די קרבנות פון גענאָסיד זענען מיר. יאָרהונדערטער זענען מיר געזונקען אין טיפן שלומער, צווישן געטאָ־ווענט. די פרומע גרייזן האָבן געהאָפּט אויף עפּעס אַ משיח, און ער איז נאָך ביזן היינטיקן טאָג נישט געקומען. מיר האָבן עקזיסטירט אין אַ רעלאַטיווער רו, ווי ס'האָט זיך ביי אונז ערגעץ אויסגעדריקט אַ היסטאָריקער, ס'הייסט — צווישן איין פּאָגראָם און אַנדערן. מיר האָבן עס פאַרשטאַנען. מיר האָבן דאָ פאַרגאָסן און פאַרגיסן נאָך אונזער בלוט און שוויס! דער האַס פון מאָרד קוקט נאָך אַלץ אַרויס פון זייערע אַלעמענס אויגן. ס'איז אפשר די אַלטע נקמת הדם. די אַזוי גערופענע מאַרקסיסטן האָבן עס גערופן און רופן עס נאָך — רעוואָלוציע, און מיר — פּאָגראָם...

און דאַניעל האָט אַלץ געשוויגן אַ שווער שוויגן...

## קאַפּיטל 27

# די דיסקרעטע אויספאָרשונג

— ווי ווייניק, נאָך אַלעמען, איר האָט דאָרט געלערנט פון דער געשיכטע אונזערער — האָט יגאל נאָך לסוף זיך אָפּגערופן — שוין נישט רעדנדיק... נאָר כאָטש די נישט־ווייטע געשיכטע פון אונזער אומקום. ס'איז אמת, אַז ערשט דער אייכמאַן־פּראָצעס פון דעם אַרכי־מערדער, האָט זיי אויך דאָ, די סאַברעס, אַביסל אויפגעמאַכט די אויגן. ס'איז איין פּראָנט, חביבי! די וועלט לאַכט זיך גאַנץ שיין אויס, ווען מ'פירט אונז צו די גאַזקאַמערן, ווען מ'וואַרפט אונז אַריין אין ים. ס'איז אפשר אויך די רשעות פון גלייכגילט, פון פחדנות.

טאַקע, וואָס האָט ער דען אינגאַנצן געוווּסט, דאַניעל, וועגן ביסל יידישקייט ביי זיי אין הויז? פריער האָבן זיי אַרומגעטומלט מיט די יידישע בראָשורן, מיט די יידישע צייטונגען. זי איז אפילו פרומלעכער געוואָרן, די מאַמע, נאָכן אַלטנס טויט; האָט זיך גענומען איינצוהיטן אין איר אָפּגעזונדערט ווינקעלע דעם פּרייטיק־צונאַכטס; מ'וויס נישט פאַרוואָס ס'איז צוריקגעקומען צו דער מוטער. האָט דעם גאַנצן ערב שבת געקאָכט, געבאַקן, פאַרהאַקט די טירן צו די ווייטערע שטובן, וווּ ס'האָט דאָרט וואַכעדיק גערוישט די קאָנפעקציע־אַטעליע, פאַרקליבן זיך אין קיך. דאָ איז געווען די

רו פון שבת. דער טיש — פאַרשפּרייט מיט אַ ווייס טישטוך. די שבת־ליכטלעך האָבן געפלעמלט, געטוקט זיך. אונטערן צוועלכל — אַ פּאָר דאַרע חלהלעך, וואָס זי האָט איינגעהאַנדלט אין דער יידישער בעקעריי אויף רי דע ראָזיע, אויפן „פּלעצל". אַ פּולמיסעק געפילטע פיש. אָבער קיינער איז נישט געקומען צו איר שבתדיקן טיש. דער טאַטע האָט מער נישט געלעבט. די זין האָבן אין ערשטן יאָר נאָך געפּלעגט אונטערצוזיצן אַביסל, האָבן נישט געוואָגט צו פאַרויכערן אַ סיגאַרעט ביים שבתדיקן טיש. ס'האָט זיי אונטערגעהויבן, אָפּצוטראָגן זיך. אַצינד האָבן די זין מער נישט אַריינגעשמעקט צו איר אין קיכל, ווו די מוטער האָט אויפגעהיט איר ביסל יידישקייט. אין די וויטערע שטיבן האָט זיך אין דעם פּרייטיק־צונאַכטס נאָך דאָרט אַלץ געקאָכט. ס'איז געווען אין סאַמע ברען פון סעזאָן. מ'האָט געאַרבעט איבערשטונדן, געטראַסקעט מיט די מאַשינען, געשניטן באַלן שטאָף, געפּרעסט, אַרויף און אַראָפּגעטראָגן פּעק. דער טעלעפאָן האָט פאַרגלישעט די אויערן. מ'האָט דאָרט געליאַרעמט מיט וואָכעדיקע קולות. די מאַמע הינדל האָט זיך דערפילט ווי אַן איבעריקע, ווי אַן איבערגעבליבענע פון אַ וועלט, וואָס איז אונטערגעגאַנגען. זי איז פאַרבליבן זיצן ביי די האַלב־אויסגעברענטע ליכטלעך, און אַזאַ שטילער צער ווי ס'איז געווען צו זען אויף איר, מיט איר שפּיצן־שאַל, פאַרוואָרפן אויפן אַקסל. איינע אַליין, ביים פאַרשעמטן שבתדיקן טיש.

דאָס אַלץ האָט ער זיך דערמאָנט אין דער רגע, דאַניעל, ווען זיי זענען שטיינגעבליבן אין דער וווּנדערלעכער מאָרגן־זריחה, צופוסנס פון באַרג מצדה; ער האָט זיך דערפילט, ווי פאַרשעמט. טאַקע, נאָך אַ פאַריזער צעלאָזן מיידל איז ער געקומען נאָכצולויפן, און זיי — זיי גייען דאָ יעדן טאָג אָפּ אין בלוט, ביים סועץ... אין גולן... כאָטש ער האָט זיך נאָך אַלץ גע'עקשנט, נישט געוואָלט לאָזן זיך אַרונטערפאַלן אונטערן שטראָם איינדרוקן, וואָס האָבן אים אין די עטלעכע טעג אַרומדרייען זיך איבערן לענדל, באַהערשט, פאַרפאַלגט, געמאַטערט דאָס קראַנקע געוויסן זיינס. ווען ער האָט זיך אומגעדרייט, איז געשטאַנען הינטער אים יגאל; יענער האָט שטיל, ווי פאַרשעמט, געשמייכלט אין די געדיכטע, בלאָנדע וואָנסן אַריין, וואָס האָבן פאַרדעקט זיינע זאַפטיקע ליפּן.

— ס'איז צייט צו רירן! — האָט ער אים צוגעוואָרפן.

— כ'וואָלט זי נאָך פונדעסטוועגן געוואָלט איינמאָל אָנקוקן, דער מויד... אַ פרעג טאָן ביי איר...

— כ'ווייס נישט, צי ס'איז טאַקע נויטיק... און אפשר... מירן נאָך זען...

אַזוי האָט ער אים אַ זאָג געטון, יגאל, און ס'איז, דוכט זיך, געווען אַ ביסעלע חשד אויך אין זיין בליק. זיין קורץ פּייקעלע האָט אַרויסגעלאָזן קליינע, האַסטיקע רויכלעך. מיט קרומע שפּרייזן, ווי די לייט פון ים, איז ער אַוועק גראַבלען זיך אין די אינגעווײדן פון דזשיפּ, לאָזנדיק וואָס אַמאָל מער האַסטיקער אויפגיין הינטער זיך דאָס רויכל. ער האָט שוין, הייסט עס,

געוווסט וועגן דער גאַנצער אַוואַנטורע, וואָס האָט אים, דעם אַביסל צעחושטן, אָפּגעפרעמדטן, אייביקן סטודענט פון פּאַריז, געברענגט אַהער, צו די ברעגן פון לאַנד. הינטערווייִלעכטס, האָט ער אים נאָך צוגעוואָרפן:

— אויב קענסטו זיך אַביסל אויס אין אונזער געשיכטע, דאַרפסטו זיך אפשר דערמאָנען — פּונקט ווי דער מלך שאול איז אַוועק זוכן די אייזעלינען פון זיין טאַטן און — געפונען די קעניגלעכע קרוין, אַזוי קען אַמאָל געשען מיט דיר — ביסט געלאָפן זוכן אַ נאַריש פראַנצויזיש מיידל פון סען־זשערמען־דע־פּרעי, און — האָסט געפונען זיך אַליין. ווייל מ׳אַנטלויפט נישט, זעסטו דאָך...

ס׳איז געווען אַביסל אמת אויך. ערשט דער חבר אהרן, וואָס ער האָט דאָ דערנאָך אָפּגעזוכט, האָט עס אים אינגאַנצן קלאָר געמאַכט. זיי האָבן איבערגעלאָזן דעם באַרג מצדה, די שפלה אונטערן ים־פלאַך, און צוריק אויפגעהויבן זיך לענגאויס די מואב־אָדער אדום־בערג, צפונדיק, צו די בערג פון יהודה און שומרון. דער יונגער אינזשיניער איז געזעסןביים רעדל פון דזשיפּ, און זיין בלאָנדער לאָק איז אים געפאַלן איבערן שטערן, האָט זיך געווינטלט אין צוג־ווינט פון געפלאַצטן צעלולאָיד־שייבל. ער האָט לאַנג געשוויגן. זיי האָבן געשניטן דעם וועג צום צפון איבערן נייעם „כביש פון גבורה״. פאָרן מיטן אונטערגעשווענקטן שאָסיי, אויף די הויכקייטן פון נגב, איז געווען געפערלעך. די טבת־וואַסערן האָבן דאָ ווינטער־צייט געהאַט אַ פליייק געטון פון די וואַדיס, און מ׳האָט נאָך די אויסגעביסענע שטיקער כביש נישט באַוויזן צורעכט צו מאַכן. צוגעלענט די אויגן פון דער גרויסער בלענדעניש, אָנגעשפּאַרט אין שייבל, האָט דאַניעל באַטראַכט — טאַקע, ווי אַזוי פאַרבינדט מען ביידע עקן, נישט אַריינצופאַלן פון איין עקסטרעם אין אַנדערן? ס׳דאַרף, אויב אַזוי, אפשר אויפסניי דעפינירט ווערן — וואָס מיינט מען אַזוינס אין תוך — ציוניזם, פונקט ווי סאָציאַליזם — אין אונזערע טעג? אַזאַ צעמישונג פון באַגריפן, אַז אַנטוווערטונג פון אידייען, האָט נאָר דער טייוול אַליין געקענט צוטראַכטן. ס׳רעדט זיך נאָר אַזוי אָפּ. צי האָבן זיי דען מיט אַ דור פריער נישט געקעמפט אויך פאַרן ייד, פונקט ווי פאַרן מענטש פון אַלע פעלקער? אָבער וואָס שייך יידן, איז ער שוין מער נישט אַזוי זיכער געווען. מען קוקט זיך דאָ אַרום — אָט די פאַרברוינטע, פשוטע יינגלעך, פאַרשטויבט, אָנגעטון אין כאַקי, זיי האָבן דאָ אַלץ אַליין מיט זייער לעבן באַצאָלט. זיי זענען אים פרעמדלעך, און עפּעס אַ געשיכטלעכער מוז מאַכט זיי דיר פאַרט אייגן; און ווי יגאל וואָלט שטיל, כיטרע, מיטן קוים־מערקבאָרן שמייכעלע, אַריינגעקוקט אין זיין טראַכטן:

— אונזער אַלטוואַרג פלאַפּלט נאָך אַלץ, מיט הויכער פאַטעטיק, מיט מליצה — ציונות! זאָלן זיך דאָרט היסטאָריקער גריבלען, מאַכן געשיכטלעכע פאַראַלעלן, פאַר אונז — כ׳מיין פאַר דיר אויך, נישט אַזוי? — איז עס — די נאַקעטע רעאַליטעט. קיין אַנדער רעאַליטעט פאַרמאָגן מיר נישט אין ערגעץ. דאָס האָבן מיר פאַרשטאַנען פון דער גאַנצער ירושה. ס׳איז, גלויב מיר — אַ סך. ביסט נישט דער ערשטער, וואָס פאַלט דאָ אַריין און

פאַרשטייט דאָ גאָרנישט, אַז ס'איז אַזש אַ רחמנות. אוי, ווי איר פאַרשטייט נאָך אַלץ נישט...

— אָבער — האָט דאַניעל געפּרוווט צו דערוווידערן — דער נייער קלאַס. זיי וועלן זיין די מאָרגנדיקע הערשער אין לאַנד. זיי זענען עס אפשר שוין היינט. זייערע פּלענער פון פאַרכאַפּן, פון קאָלאָניזירן, פון באַזעצן... פאַר זיי האָב איך מורא, פּונקט ווי פאַר דער דעגענערירטער סאָוויעטישער ביוראָקראַטיע, פאַר די פאַרשטעלטע רוסישע שאָוויניסטן. זיי האָבן דאָרט טאַקע דערפירט צום טערמידאָר. ס'הייסט, פּאַקטיש — צו דער קאָנטער־רעוואָלוציע, ביזן נעאָ־אימפּעריאַליזם...

— ס'איז אמת, די רעשטלעך פון דער אַלטער חלוצישער גוואַרדיע רוקן זיך ביסלעכווייז אָפּ אין שאָטן, וועלן מוזן פאַרשווינדן, אָבער דער קאַמף פאַרן לעבן, חביבי, שטעלט זיך נישט אָפּ. אויבנאויפיק זענען דאָ, דוכט זיך, אַלע אַלטע וויכוחים דערפירט געוואָרן ביזן ברענפּונקט, אָבער נייע אינערלעכע שטרייטן הענגען שוין אין דער לופט. מיר קלאַמערן זיך צו אָט דער אָרעמער, פאַרברענטער ערד, אָבער די וועלט פאַרגינט אונז דאָס אויך נישט, דאָס שטיקל פּאַסיקל ביים ים, ווייל מיר ליגן נישט מער אונטער זייערע שטיוול, ווייל מיר קומען נישט מער צו זיי ווי שתדלנים, אויסצובעטלען אַ קליין ביסל רעכט צום לעבן, נאָר קעמפן אַליין פאַר אונזערע רעכט...

— אָבער דער ביוראָקראַט, דער פונקציאָנאַר, זיי ווערן ביסלעכווייז קלאַס, נייער קלאַס.

— אין אַ צייט פון געפאַר, איז ביי אונז, אַז מ'וויל, בורגפרידן צווישן קלאַסן, אָבער נישט אויף אייביק. אפילו מיט די קיבוצים ביי אונז איז, מיינסטו, אַזוי איינפאַך? סיי ווי דאַרפן אַלע ווערטן אויפסניי איבערקאָנטראָלירט ווערן. אָבער אין אַ צעטומלטער צייט פון קאָנפוזיע, זוך נישט קיין קלאָרע וועגן און לייזונגען. מ'דאַרף איבערוואַרטן דעם שטורעם. דערפאַר אויך אַזאַ בלבול־המוחות אין אַלע ניואַנסן פון דער אַרבעטער־באַוועגונג. דער גרויסער פאַראַט גייט אונז נאָך. די גרויסע אָקטאָבער־רעוואָלוציע איז שוין זייער לאַנג פאַראַלטן געוואָרן. אפשר וועט אַמאָל די יוגנט...

— ס'איז אמת — איז דאַניעל מסכים געווען — מיר האָבן באַקומען מיט אַ מעסער אין רוקן פון אַזאַ צד, וואָס מיר וואָלטן זיך קיינמאָל נישט געריכט. די שמוציקע אַנטיסעמיטישע כוואַליע האָט אַלץ פאַרגאָסן. כ'הייב שוין אָן צו צווייפלען — אפשר איז דער אינטערנאַציאָנאַליזם — אויך אַ פּוסטע פראַזע...

איידער דער דזשיפּ האָט זיך אַרויפגעדראַפּעט צום באַרג־שפּיץ מצפּה רמון, צו דער קאַפּע אין פאַרלוירענעם מדבר, „מפגש נבטים״ („באַגעגעניש פון די נאַבאַטן״, דער שבט, וואָס האָט אין די אוראַלטע צייטן באַוווינט דעם נגב), האָט ער זיך לאַנג געדרייט, ווי אַ שרויף, דורכן שטייסל, דעם מכתש. דער דזשיפּ האָט געקלעפּט האַרט צום באַרג פון רויטלעכן,

אויסגעביסענעם נובישן געשטיין, האָט שווער אונטערגעקרעכצט ביים נעמען אַ נייע הויכקייט, אַז ס'איז געווען אַ קאַפּ־שווינדלעניש אַראָפּ־צוקוקן אין די תהומען. ווי אויף דער האַנט־פלאַך, האָבן זיך אין די טיפע טאָלן געצייכנט די פאַרבייגן פון געשלענגלטן כביש. גאַנץ אויבן, ביי דער קאַפּע „מפגש נבטים", האָבן זיי זיך האַסטיק פאַרהאַלטן. דאָ איז געווען ווי אַ קליינער אָאַזיס אין דער מיט פון דער שממה, פון מדבר. ס'איז דאָרט מיטאַמאָל געווען טומלדיק. ס'זענען געווען אָנגעשטעלט אויטאָס, לאַסט־מאַשינען, האַרט ביי די באַריערן צום תהום אונטן. דאָ איז געווען דאָס אָפּרו־אָרט פאַר אַלע וועג־שאָפערן. זיי האָבן געפירט שווערן טראַנספּאָרט פון צפון צום גאַנצן דרום־ראַיאָן, קיין דימונה, תמנה, ביז אילת, און — צוריק. די קאַפּע, געשניטן אין מדבר־שטיין, איז אינעווייניק, אונטערן געוועלבטן סופיט, געשווומען אין אַ וואַרעמען נעפּל. די צווײ היפּי־מיידלעך, וואָס יגאל האָט נאָך באַוויזן אויפצונעמען זיי אויפן כביש ביי גרופית, האָבן זיך געוואַרעמט ביים עלעקטרישן אויוון אין דער מיט פון לאַנגן זאַל; אַרונטערגענומען די שווערע שיך, פונאַנדערגעלאָזן די פלאַקס־בלאָנדע האָר. זיי האָבן אויך גערעדט אַ פּאָר ווערטער עברית און נאָכמער געלאַכט; נישט קיין יידישע, האָלענדערינס, אָדער נאָרוועגערינס. יגאל האָט זיי באַ־טראַכט פון דער זייט, געפּרוווט אַ רעד טון מיט זיי, צוגערוקט זיין שטול נענטער, געפּרוווט אויפצוכאַפּן אַ וואָרט. אפשר ווייסן זיי עפּעס פון דער באַנדע? ס'איז געווען אַרויסצופילן פון זיין בליק: כבדהו וחשדהו. ביים טעפּעלע קאַפּע איז מען זיך נאָך לאַנג פאַרזעסן.

דעם גאַנצן איבעריקן טאָג האָט דער דזשיפּ דערנאָך זיך געדראַפּעט צו די הויכקייטן פון חברון. ס'איז שוין געווען גוט פינצטער, ווייל זיי זע־נען צוריק אַריין אין אַ וואָלקן, וואָס איז געהאַנגען איבער די הויכענישן פון חברון. דורך די צעשמירטע פייערן האָט זיך קוים געצייכנט דער סילועט פון אַ מעטשעט־טורעמל, אַ קעמל איז געדולדיק געשטאַנען אינמיטן שוק און געלאָזן גיסן אויף זיך דעם לבנה־רעגן. דער קליינער טראַנזיסטאָר האָט אומגעריכט אָנגעבראַכט אַ מיש־מאַש פון אַראַבישע גאַרגל־קולות, דזשאַז־מוזיק. זיי זענען אָפּגעשטיגן און זיך פאַרהאַלטן אין קאַפּע־רעסטאָראַן, די מסעדה, אַרום אַלטן שוק אין חברון, אַ טריט פון דער מערת־המכפּלה. דאָ האָט זיך יעדע פּאָר שעה געטוישט די גרענעץ־פּאַטרול, אין די געפלעקטע פאַראַשוטיסטן־אוניפאָרמען, אין די גרינע בערעטן, געשיקט פון גאַרני־זאָן אין אויבערשטן טייל שטאָט. אַ געדעקטער דזשיפּ איז אין שפּעטן נאָכ־מיטאָג האַסטיק פאַרפאָרן הינטעווײלעכטס, און די זעקס חיילים זענען, איינס הינטערן אַנדערן, געשפּרונגען גלייך צו דער הויכער טעראַסע, פאַר־שפּינט אין קריכנדיקע בלעטער פון אַלטן פייגנבוים פאַר די טרעפּלעך.

— חברה מכּקים! — האָט דער סערזשאַנט אין דער געפלעקטער פאַראַשוטיסטן־אוניפאָרם, דער גרינער בערעט אָנגערוקט אין אַ זייט פון געקרויזטן קאָפּ, אַ יידישער פּאַלאַש, פון די אַריבערגעקומענע פון עטיאָפּיע, ווי געשניטן אין שוואַרצן עבען־האָלץ, געבלענדט מיט זיינע ווייסע ציינער

אונטערן קאַסק; ער האָט נישט אָפּגעריסן דעם איידעלן אויער־מושל פון קליינעם, דראָטלאָזן אַפּאַראַט מיט דער אָנגעשפּיצטער אַנטענע.

פון די נאַקעטע טישלעך האָבן זיך די זעקס חיילים פון דער פריער־דיקער וואַך האַסטיק אַ הייב געטון, פאַרשפּיליעט די קוילן־פּאַסן, געכאַפּט אויף זיך די רוקזעק, צוגעטרעטן די סיגאַרעטן־עקלעך, האָבן זיי נאָכגע־קלונגען מיט די „עוזי'ס" אין די אָנגעהאָנגענע קאַסקן און פעלד־פלאַשן. אונטערן געוועלב האָבן אין דער פּלוצים אָנגעפאַלענער חשכות פון דרויסן, שוין געברענט די נאַקעטע זשאַרוועקעס. ס'האָט דאָ גיכער טאַקע אויסגע־קוקט ווי אַ קאַזאַרמע. די פענצטער אין אַלטן אַראַבישן הויז זענען געווען געדיכט פאַרקראַטעוועט. דאָס הויז פון דיקע, נאַקעטע ווענט, אין גע־שניטענע שטיינער, איז געווען געבויט ווי אַ פעסטונג. אַהער, אין קוואַרטאַל אַרום שוק, האָבן זיך פאַרקליבן די עטלעכע יידישע משפחות, אַלטע ירושלימער תושבים פון מאה שערים, ניצול־געוואָרענע פון חברון נאָכן אַראַבישן פּאָגראָם אין 1929. זיי האָבן זיך פאַרעקשנט דווקא אומצוקערן זיך קיין חברון, אויפצובויען אַ נייעם קוואַרטאַל אין אויבערשטן טייל שטאָט. ס'האָט נישט געהאָלפן, וואָס מ'האָט זיי געוואָרנט, אַז ס'איז גע־פערלעך. די יידן פון מאה שערים האָבן, ווי דער שטייגער, קיינעם נישט געהאָרכט, געטענהט, אַז — השם יתברך וועט העלפן. זיי האָבן דאָ אָנגע־שלאָגן מאַסיווע מזוזות אויף די ביישטידלען פון אַלע טירן, געדאַוונט בציבור אין אַ מנין אין הינטערשטן שטיבל פון דער מסעדה. זיי האָבן שוין עפּעס געמסחרט אויך, פאַרלייגט וואַרשטאַטלעך, געפאָרן הין און צוריק איבער די שטחים אין אַן אַלטן „קאַטר שעוואָ", אויף מאָטאָציקלעטן, די צעשויבערטע בערד — אין ווינט.

הינטערן טומבאַנק האָבן זיך פלייסיק אַרומגעפּאָרעט ביים סערווערן צוויי שיינע יידישע טעכטער, מיט טיכלעך חנוודיק אַרומגעבונדן די האָר, אין לאַנגע קליידער, כמעט ביז די טריט. דער יידישער פאַלאַש, פון עטיאָ־פּיע, דער סערזשאַנט, האָט ביי יעדער פאַטרול־וואַכטע, אין שפּאַס, געשדכנט זיך, געפלירטעוועט מיטן ראָזן, בלאָנדן מיידל, תמר, נאָך כמעט אַ קינד. זי האָט געהאַט ווייכע, גרינלעכע סאַרנע־אויגן. ער האָט באַשטעלט אַ קאָ־ניאַק, נאָך איינעם, געלאַכט מיט זיינע ווייסע ציינער, די לאַנגע פיס גע־לאָזן נאָכהענגען אויפן זעסל, לאַנגזאַם געזופט, פאַררויכערט איין סיגאַרעטל נאָכן אַנדערן, נישט אויפגעהערט צו שיטן זיך פון געלעכטער. שווענקענדיק די גלעזער ביים צינק־אָפּגוס, האָט דאָס קליינע מיידל שעמעוודיק פון מאָל צו מאָל אויפגעהויבן די אויגן, מיטגעלאַכט. זי האָט זיך איינגעקוקט אין געזונטן חייל מיט עפּעס אַ פרעמדן חידוש. דאָס דינע וואָנסעלע אויף דער אויבערשטער דיקלעכער ליפּ ביי אים איז נאָך געלעגן ווי אַ פּוך. אַ שלאַנק ייִנגל, פון אַ יאָר ניינצן, ווי ער אַליין וואָלט געווען געשניטן אין באַזאַלט, וואָס מען שניידט אַרויס פון די אַרומיקע בערג. זיין האַרטע־לעכער עברית איז נאָך געווען דורכגעפלאָכטן מיט אַ סך פרעמדע ווערטער. ער האָט שוין אפילו גערעדט אַ פּאָר יידישע ווערטער אויך; אָבער גערעדט

האָט ער צום מיידל, וואָס מיטן פרישן טוי אין אירע טויבן־אויגן, אין אַ ווייך שיר־השירים־לשון:

— בחיי, תמר... — האָט ער גערעדט צום מיידל מיט אַ סך האַרץ — שחור אני, ונוות בנות ירושלים...

און ער איז באַלד ווידער אַנטלאָפֿן, אַרויסצובאַגלייטן די חברה, אויף דער טעראַסע. דער דזשיפּ האָט זיך דאָרט אַ שאַרפֿן קער געטון, איבערגעלאָזן נאָך זיך אַ מוטנע רויכל און איז פֿאַרשוווּנדן הינטער דער פּאַלמען־אַליי. אַן אַלטער אַראַבער מיט אַ זילבערן שפּיץ־בערדל, די אַבאַיע איבער די אויגן, האָט זיך דורכגעשאָקלט האַרט ביי די ווענט פֿון שמאָלן געסל אויף אַ קליין אייזעלע, לאָזנדיק די באָרוועסע פיס נאָכהענגען כמעט ביז דר׳ערד. הינטער אים זענען ווי מיטגעשוווּמען צוויי פֿאַרהילטע פרויען, אין שוואַרצן, ווי פֿאַנטאָמען, מיט קוישן און זעק אויף די קעפּ. פֿאַרנאַכט־צייט האָט זיך פֿון אַ ווינקל, הינטער די בערג, ווידער דורכגעריסן די זון, אין פֿלאַקער פֿון שקיעה. די אַלטע, אָפּגעקראָכענע הייזער אַרום שוק זענען געשטאַנען אָפּגעגאָסן אין אַ העלישער קופּער־שיין. פֿון אונטער די אָפּדעכ־לעך זענען אַרויסגעלאָפֿן אַ כמאַרע קליינע באָרוועסע אַראַבישע יינגלעך, אָפּצוואַרטן און צו באַפֿאַלן ביי די טירן פֿון דער ייִדישער מסעדה די טוריסטן, אַנצובאָטן זיי, נישט אָפּצוטשעפּען זיך, סוווענירן — פֿאַרביקע קאַרטלעך פֿון דער מערת המכפלה, פֿון יד אבשלום, אייזעלעך און קעמלען, געשניטן אין האַרטן האָלץ פֿון אַלטע איילבירטן. דערווייל האָט איינער פֿון די חיילים אַ שאָס אַרויף געטון אַ באַלעם, וואָס האָט זיך אים געפּלאָנטערט אונטער די פיס; און די אַראַבישע יינגלעך האָבן פֿאַרגעסן אין זייער האַנדל, זענען אַלע אַ לויף געגעבן נאָכן באַלעם. זיי האָבן אים צוריקגעשאָסן, און דער חייל האָט ווידער צוריקגעשאָסן. ביז ס׳איז אויסגעוואַקסן אַ קליינער, פריילעכער פוסבאַל־עקיפ אויפֿן מיטן פּלאַץ פֿון שוק. אַלע אַרום האָבן זיך געווילט.

מיטן געטוישטן פּאַטרול, איז דער סערזשאַנט, דער פּאַלאַש צוריק־געקומען. די נאַכט איז שוין געווען אַראָפּגעפֿאַלן. יגאל און דאַניעל זע־נען נאָך, ביי זייער קאַלטן מיץ, אַלץ פֿאַרטון געווען אין דיסקוסיעס און זיך נישט אומגעקוקט צו דער פֿונאַנדערגעזעצטער באַנדע אַנגעפּאַרענע אַמעריקאַנער ייִדישע טוריסטן. די מיידלעך האָבן זיי פּלייסיק באַדינט. אין דער צוגעפּאַלענער נאַכט, האָט דער שאָפֿער זייערער מיטן גיד זיך אין ערגעץ נישט געוואָלט מער רירן. אַ ווילע איז געווען אומהיימלעך. זיי זענען צו און אומרואיק באַטראַכט די געדיכט־פֿאַרקראַטעוועטע פענצטער. אָבער ווען זיי האָבן דערזען אַריינשיטן זיך די געטוישטע גרענעץ־וואַך, האָבן זיי אַראָפּגעוואָרפֿן פֿון זיך די אויבער־מלבושים. די ווייבער האָבן באַ־לייגט די שפּיגלען, צורעכט געמאַכט די קאַליע געוואָרענע פריזורן. די מיידלעך פֿון הינטערן טומבאַנק האָבן דערווייל צודערלאַנגט הייסע גלעז־לעך טיי, גראָגן, היימישע טעלער קרופּניק. איינער, אין אַ גרין, ממזריש

קאַפּעליושל, האָט זיך עפּעס געוויצלט אין אַ גאַרגלדיקן ענגליש, אַוועק־געשטעלט אויפֿן טיש אַ קעשענע־טראַנזיסטאָר, מיט אַן אַנטענע. דאָס קעסטעלע האָט פּלוצים צעטראָגן איבער דער קאַפּע־האַליע אַראַבישע שלשלתדיקע קולות, דזשאַז, אַז ביי די חיילים האָבן זיך גענומען הייבן די פּיס. מ׳האָט זיי פֿאַרבעטן אויסצוטרינקען אַ גלעזל דזשין, און זיי האָבן נישט אָפּגעזאָגט.

אָבער ווען ס׳האָט זיך פּלוצים אָפּגעריסן אַ שיסעריי האַרט הינטער די פֿאַרקראַטעוועטע פֿענצטער, האָט זיך ס׳ליכט אויסגעלאָשן, די ווייבער האָבן אַרויסגעלאָזן אַ קוויטש. אַלע זענען צוגעפֿאַלן צו דער ערד, הינטער די דיקע ווענט. די חיילים האָבן אויפֿגעריסן אַ הינטער־טיר און פֿאַר די טרעפּלעך, אויף דער טעראַסע, האָט גענומען שטעפּן אַ קליינער קוילנ־וואַרפֿער. די „עוזי׳ס״ האָבן געבילט. איבערן פֿינצטערן שוק — אַ גע־לויף פֿון טריט.

דאָס ליכט האָבן זיי מער נישט אָנגעצונדן. ביידע, דאַניעל און דער אינזשיניער יגאל, האָבן דאָ ערגעץ אַבי־ווי איבערגעשווידערט די נאַכט, אויף די האַרטע בענק. און אין באַגינען זענען זיי אַרויס, אָן איין וואָרט. אין דזשיפּ, האָבן זיי אַלץ מער געשניטן דעם וועג צום צפֿון, לענגאויס דער יאַרדאַנישער גרענעץ, צווישן פֿאַרגליווערטע ווולקאַן־בערג פֿון דער פֿרע־היסטאָריע. „צי געגנוגט דען נישט פֿאַר אַלעמען?... — האָט זיך דאַניעל געפֿרעגט — די וויסטע ערד טראָגט דאָ אין זיך אפֿשר גרויסע שעפֿערישע סודות. אַאַזיסן צעוואָרפֿן דאָ און דאָרט. באַוואָפֿנטע יינגלעך און מיידלעך פֿליען אָן אין די דזשיפּן. זיי פֿאַרבעטן אייך צום אָרעמען מאַלצייט אין חדר־האוכל. זיי זינגען לידער וועגן געפֿונענעם וואַסער, וועגן נייעם כביש פֿון גבורה צווישן גראַניט און באַזאַלט־בערג. פּיאָנערן! אַ נערוועזער טעמפּאָ, ווי דאָרט, אַמאָל, ביי די גאָלד־אָדערן און נאַפֿט־קוואַלן אין די אַמעריקעס, וווּ שטעט זענען אויפֿגעשטאַנען איבער נאַכט. ס׳איז אַ גוטע זון, וואָס מאַכט געדייען פּרוכטן און גרינסן. די ערד ליגט אין חלשות, נאָך אַ ביסל וואַסער. אַ פֿאָלק פֿון אינטעליגענטן, וואָס איינער האָט געוואָלט זיין קליגער פֿון אַנדערן, האָט אָנגעטון אַרבעטס־קליידער, האָט דערפֿילט אייגענע ערד אונטער די פֿיס. אין זייער מויל איז עס נישט קיין פּראָזע. זיי באַשאַפֿן לעבעדיקע פֿאַקטן, און מיט לעבעדיקע פֿאַקטן מוז זיך די וועלט רעכענען. ווער ווייס וואָגן צו קומען וואַרפֿן אַ שטיין אין די, וואָס בויען, אַקערן און זייען מיטן שווייס און בלוט?״

אַזוי האָט ער זיך שטילערהייט געזאָגט, דאַניעל, כאָטש ס׳מויל איז אים געווען פֿאַרשלאָסן. און ווי יגאל וואָלט זיך אַלץ אונטערגעהערט אין זיינע מחשבות:

— זעסט — האָט ער אים געוויזן — איבער די אַראָפּהאַנגען פֿון באַרג האָט מען ערשט דאָ נישט לאַנג צוריק געטרייסלט זיך מיט אייזעלעך, ביז ס׳איז דורכגעבראָכן געוואָרן דער וועג. ס׳איז נישט גענוג געווען פֿאַרן

אַנהאַלט־פּונקט אין פּוסטן שטח. כ'בין געשטאַנען אויפן שפּיץ באַרג און באַטראַכט מיטן בינאָקל, און אויסגעאַרבעט דעם פּלאַן פאַרן וועג, וואָס שרויפט זיך אַרויף צו די אָפּהאַנגען. דער קאָמאַנדיר פון דער צפון־אַרמיי האָט צופרידן געבורטשעט אין די ברוינלעכע וואָנסן: „דאָס איז סטראַטע־גיע"... די גאַנצע געגנט, צווישן פעלדזן און תהומען, האָט דאָ געשווינבלט מיט די „אַל פאַטאַך". מיר האָבן דורכגעבראָכן דעם וועג אין די בערג אונטער אַ באַשיסונג, דעראָבערט, באַצאָלט טייערע קרבנות. דאָ האָבן זיי געהאַט אָנגעקעשטעלט זייערע רוסישע „קאַטיושעס", באַשאָסן די ישובים אין טאָל. איז מען געקומען מיט שווערע טראַקטאָרן, קאָמפּרעסאָרס. אַ האַלבער מיליאָן קוב־מעטער שטיין איז אויפגעריסן געוואָרן. מ'האָט זיך פאַראויסגערוקט מעטער נאָך מעטער. איין טראַקטאָר איז אַרויף אויף אַ מינע, אָבער מ'האָט דעם באַרג גענומען.

יגאל האָט פּלוצים סטאָפּירט ביי אַ הויז, איינגעטונקט אין נידעריקע, קרומלעכע אַקאַציעס און אָליוון־ביימלעך. ער איז דער ערשטער אַרויף די טרעפּלעך און שאַרף אַ קלונג געטון. אויפגעמאַכט די טיר האָט אַ מיידל אין בלודזשינס, אַ לאַכנדיקע, מיט אַ געקרויזטן קאָפּ, ווי ביי אַ שעפּס.

— זיי וואַרטן... — האָט זי אים אַ מורמל געטון, און ברייט אויפ־געמאַכט די טיר.

אַן אַראַביש הויז מיט האַלב־רונדיקע פענצטער, אַ קילקייט האָט געצויגן צווישן די דיקע ווענט. די צוויי בחורים אויף דער נידעריקער סאָפע, ווי זיי וואָלטן אויף זיי געוואַרט. דאָס מיידל איז דערווייל געלאָפן אָנשטעלן אויפן טיש פלעשלעך מיץ, קאָניאַק, געברענגט אַראָמאַטישע קאַפע אין קליינע טעפּעלעך. ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אַלע רעדן דאָ פראַנצויזיש און אַפילו אַביסל — יידיש. דער העכערער, אַ שוואַרצער בחור, אין אַ העמדל, מיט אַן אָפן האַרץ, האָט פּלוצים גערעדט עפּעס אַזוי היימיש וועגן סען־מישעל, ווי ער וואָלט זיך נעכטן פון דאָרט אומגעקערט:

— כ'וויל זיי פאַרשטיין, די „נייע לינקע" אייערע... צעברעכן אַלץ איז זייער לייכט און — וואָס ווייטער?

דער אַנדערער, אַ נידעריקער, אַ ברייטער, די קורצזיכטיקע אויגן אונטער דיקלעכע גלעזער, האָט שיעור צעשפּאַרט דאָס לייכטע רעקל פון טוועד, אָבער ס'איז גלייך געווען צו מערקן אין אים — דעם סאָלדאַט. ער האָט אַריינגעוואָרפן ווי פון דער זייט:

— דאָס מיידל, די אָרלעט, האָט זיך אַרויסגעוויזן גאָר אַ פילאָסאָפין... זי רעדט פאַר פייער און פאַר וואַסער... ווײַנט... ספּאַזמירט... ווער, כ'בעט אייך, האָט זי געקענט שיקן אונז אין אַזאַ מיסיע?

און, כמעט פריילעך, אָנגעקלאַפּט די גלעזלעך קאָניאַק; אָבער ביי דאַניעלן האָט אַ ציטער געטון אַ ברעם, אַן אויג האָט אים געוואַסערט; און ס'איז אים נאָך דערווייל גאַרנישט איינגעפאַלן, אַ פרעג טוענדיק:

— אזוי, איר ווייסט... איר האָט שוין אוודאי געלייענט אין די צייטונ־גען...

— געלייענט... — האָט דאָס מיידל (אסנת, האָט זי זיך פאַרגעשטעלט) געלאַכט, שיין געטרייסלט מיט דער גריווע פון אַ שעפּס — און נישט בלויז געלייענט... זי געפינט זיך דאָ ערגעץ... אויף אַן אויספאָרשונג...

אין דער צייט, ווען יגאל האָט זיך דאָ נישט אָפּגערופן מיט קיין איין וואָרט, איז געווען אויסגעלייגט אין דער טיפער שטול, ווי אונטערגעדרעמלט, און זיין פייקעלע האָט אַרויסגעלאָזן קליינע רויכלעך.

— מיר וואָלטן אָבער געוואָלט וויסן אַביסל מער. זי רופט זיך טאַקע אַרלעט, ווי זי זאָגט? איר דאַרפט זי דאָך קענען אַביסל נענטער... ווער, לויט אייך, האָט זי געשיקט צו אונז מיט אַזאַ מיסיע?...

דאָ איז ער שוין געוואָרן אינגאַנצן מבולבל, דאַניעל, געכאַפּט אפילו דיסקרעט אַ בליק צי די פענצטער, טיף איינגעפּאַסט אין די דיקע מויערן־ווענט פון געטעסעטן שטיין, זענען נישט פאַרקראַטעוועט, אָבער — ניין. ער האָט זיי באַטראַכט, די מענטשן — דוכט זיך, פשוטע יידישע בחורים, אַ מיידל אין בלודזשינס. און פלוצים האָט עס אים אויך דערמאָנט אין דעם, וואָס ער האָט זיך אַזויפיל אָנגעלייענט און אָנגעהערט, וועגן אַזעלכע ראַפי־נירטע אויספאָרשונגען אין די סאָוויעטישע פּאָליציי־אָרגאַנען. אפשר וועלן זיי אים דאָ פייניקן אויך! נישט לאָזן שלאָפן, אַריינלייכטן אים מיט שאַרף עלעקטריש ליכט אין די אויגן, צווינגען זיך „מודה" צו זיין אין פאַר־ברעכנס, וואָס ער איז נישט באַגאַנגען, פאַרשיקן אים אין אלדי שוואַרץ יאָר. נאָר מאָדנע, קיין שום פחד איז אים נישט באַפאַלן. פאַרקערט, ער האָט זיך גאָר געפילט היימיש צווישן זיי, האָט אפילו זייער האַסטיק אויסגע־שטרעקט די האַנט אויסצוזופּן דאָס רעשט פונם גלעזל, פאַררויכערט, טיף פאַרצויגן דעם רויך און אָפּגערופן זיך:

— כ'פאַרשטיי שוין... ווער זאָל זיך עס געווען ריכטן?!... — און זיינע פויסטן האָבן זיך אָנגעגאָסן מיט בלוט — ברענגט זי מיר אַהער!... כ'וועל איר ווייזן, דער מויד!...

נאָר די לייט זענען גאָרנישט געווען איבעראַשט. דער שוואַרצער בחור האָט נאָר אַ פרעג געטון ביי אים, זייער רואיק:

— און איר... צי האָט איר נישט באַקומען וועלכע ס'איז אינסטרוק־ציעס? מיר האָבן שוין דאָ מיט אַזעלכע אויך געהאַט די געלעגנהייט...

האָט זיך דאַניעל אפילו אויף אַ האָר מער נישט דערפילט דערשראָקן, נישט באַליידיקט, נאָר — מיט איינגעהאַלטענער רואיקייט:

— יאָ, כ'האָב באַקומען אינסטרוקציעס פון מיינע נאַרישע סענטי־מענטן, נאָכצולויפן דאָס נאַרישע פאַריזער מיידל... זי האָט זיך דאָרט פלו־צים אויפגעהויבן און אָפּגעטראָגן זיך מיט דער גאַנצער באַנדע. בין איך

געלאָפן זי אויפזוכן. אַז נישט, וואָלט מיר אפשר, דעם אמת געזאָגט, גאָרנישט איינגעפאַלן צו קומען צו אייך דאָ...

— ס׳הייסט, צו אונז — די „נעאָ־אימפעריאַליסטן״... צו די לעבן־געבליבענע על פּי נס פון אוישוויץ... צו דער „אימפעריע״, וואָס שפּרייט זיך אויס לענגאויס דעם שמאָלן פּאַס זאַמדן, בערג, ווּיסטענישן... האָסטו אַמאָל געזען אין דער טעלעוויזיע דעם צעבושעוועטן המון אין קאַירא, אין עזה, מיט זייערע היסטערישע געשרייען, אַריינצוװאַרפן אונז אין ים אַריין? האָסטו בכלל געהערט וועגן אוישוויץ? האָסט זיך אפשר אַביסל געוווּנדערט אין די 6 טעג, און דעם 7־טן טאָג האָסטו זיך ווידער אומגעקערט צו די ספקות. קום, וועסטו זען די געוועזענע פּאָזיציעס פון שונא. יאָרן לאַנג האָבן מיר געלעבט אין שאָטן פון האַרמאַטן, „קאַטיושעס״, „מיגן״, „טופּאָ־לעווס״ אויף די עולים־שטעטלעך און קיבוצים, ווו עס לעבן און אַרבעטן פּליטיק מענטשן מיט אויסגעברענטע נומערן פון אוישוויץ אין זייערע לייבער... נישקשה, מיר האָבן אַ גוטן זכרון.

— פאַרוואָס — האָט דאַניעל געוואָגט — נאָר קוקן איינזייטיק?

— דאָס איז די קרענק פון פיל יידישע אינטעלעקטועלע ביי אייך. זיי זענען טרעגער פון אידייען פון „וועלט־בירגערשאַפט״, גרייט צו באַ־גריסן יעדע נאַציאָנאַלע באַוועגונג פון אַנדערע פעלקער, אָבער וואָס שייך יידן האָבן זיי נאָר ביטול. מיר הערן אָבער געענוי אין די זידלערייען פון די אַזוי־גערופענע מאַרקסיסטן־לעניניסטן דעם ווידערקלאַנג פון קירכלעכן אַנטיסעמיטיזם, פון אינקוויזיציע, פון בלוט־בלבולים, פון אוישוויץ. די זעלבע אינקוויזיטאָרן האָבן אָוועקגעשטעלט לענגאויס אונזערע גרענעצן האַרמאַטן, טאַנקן, ראַקעטן. זאָגסט, ס׳עקזיסטירט נישט קיין יידיש פאָלק, אָבער פאַר אַלע אַנדערע זענען מיר — יידן. ס׳איז ביי אייך אַן אידעאָלאָגישע צעטומלעניש, און אָט ווו איר האָט דערפירט — צו קומען מאָרדן אייגענע ברידער... איז עס ריכטיק, זאָג דו אַליין?...

— מען דאַרף אפשר געפינען אַ וועג צו פאַרשטענדיקונג.

— ריכטיק. אָט רעדט ביי אונז „עולם הזה־כוח חדש״, דער „מצפּן״, וועגן עפּעס אַ כנעניש־פּאַלעסטינער אידעאָלאָגיע. זיי רופן מ׳זאָל אָנער־קענען די נאַציאָנאַלע רעכט פון „פּאַלעסטינער פאָלק״, אין דער צייט ווען מיר זענען נאָך דורך קיינעם פון די אַראַבער נישט אָנערקענט געוואָרן. לויטן „מצפּן״, זענען זיי די סאַמע „פּראָגרעסיווע כוחות״ פון אַראַבישן פאָלק. איינעם פון „מצפּן״ האָט זיך אפילו איינגעגעבן צו קומען אין געהיים קיין ביירוט, צו טרעפן זיך מיט די פירער פון זייער „פאָלקס־פראָנט״. וואָס ווייזט זיך אָבער אַרויס? זיי ווייסן כמעט גאָרנישט וועגן אונזער ווירקלעכקייט, און זיי ווילן עס גאָרנישט וויסן אויך. ס׳איז — זאָגן זיי — נישטאָ קיין ישראל־פאָלק, נאָר — אַ באַנדע יידן פון מאַראָקאָ, רוסלאַנד, אַמעריקע, פראַנקרייך, צונויפגעשלעפּט אַהער דורכן „ציוניסטישן שווינדל״.

זייער ציל איז די סעקולערע דעמאָקראַטישע פּאַלעסטינער מדינה, ווו יידן וועלן אויך קענען לעבן. האָט ער זיי דאָרט געפרעגט: זעט איר באמת אַ מעגלעכקייט צו עפענען אַ דיאַלאָג? האָבן זיי געשריגן: „קיינמאָל אין לעבן וועלן מיר נישט רעדן מיט די ישראלים. דאָס איינציקע, וואָס זיי קענען טון, איז אַוועק פון דער „ציוניסטישער מדינה”. הייסט עס, אַז זיי באַהאַלטן זיך אונטער אַ כלומרשט מאַרקסיסטיש־לעניניסטישער מאַסקע, כדי צו געווינען די סימפּאַטיע פון די לינקע קרייזן אין דער וועלט. און אַט די דעמאַגאָגיע חזרט איר כסדר איבער אין די קאַפּייען אויפן סען־מישעל ביי אייך...

און דאַניעל האָט זיך טאַקע דערמאָנט אין זייערע לאָזונגען, אין די טעג פון די באַריקאַדן אויפן סען־מישעל, ווען עס איז פאַרקאַפּט געוואָרן דער הויף פון דער סאָרבאָנע; און ער האָט אויך דאָ צווישן זיי, געשוויגן אַ שווער שוויגן. ער האָט נאָר אַ פּיר געטון די האַנט איבערן נידעריקן שויבערל און געפילט ממש — ער ווערט גרוי.

אוי, ווי דער חבר אהרן האָט אים אַצינד אויסגעפּעלט.

# פערטער טייל

# אין די שפּורן פון חבר אהרן

קאַפּיטל 28

# אַ קיבוץ אין נגב

טשעקאַווע — האָט זיך דאַניעל אינמיטן דערינען אַ פּרעג געטון — ווו איז ער אַצינד, דער חבר אהרן? ער דאַרף זיך דאָ נאָך אוודאי ערגעץ־ווו אויפצוהאַלטן. ביי אים וואָלט ער געוואָלט אַצינד אַ פרעג טון, ווי אַזוי ער איז דערגאַנגען — ביז אַהער? און ער איז אַוועק אין זיינע שפּורן.

ווייל מיטן חבר אהרן איז דערנאָך אַזוי געווען: קוים דערטראָגן ס'נאַקעטע בינטל ביינער, האָט ער זיך נאָך די אומקום־יאָרן אַרומגעדרייט אין צעטומלטן יידישן פּאַריז, ווי אויפן עולם התוהו. ניין, ער האָט זיך פונדעסטוועגן נישט געריכט, אַז פון אַלע זיינע ביטערע פאַרגעפּילן, זאָל זיך אויסלאָזן נאָך פינצטערער, ווי ער האָט זיך פאָרגעשטעלט. ווי דער בלוט־אָפּפלוס פון פאָלק וואָלט געלעגן אויף זיין אייגענעם געוויסן; ווי ער וואָלט אַריינגעלעבט אין אַ פרעמדן דור אַריין. אין זיין צייט האָבן די חברים אָנגעפילט די תפיסות, זענען געפאַלן אין ביטערן קאַמף, אָבער גאַנץ און אומגעבראָכן אין זייער גלויבן. אים איז באַשערט געווען שטיינ־צובלייבן אַן איינזאַמער, צווישן אַלע מעכטיקע צוגווינטן פון דער געשיכטע, אין אַ ציניש־נאַקעטער וועלט. אַרום אים זענען אויפגעשטאַנען ווילדע פריידיקער. זיי האָבן געליאַרעמט: „אונזער גאַנצע וועלטלעכקייט איז באַנקראָט... לאָמיר זיך אומקערן צום אַלטן גאָט פון אונזערע אבות". ער האָט דעם דאָזיקן געדאַנק נישט געוואָלט נאָכגעבן. „סאָציאַליזם און — צוריק אין שול אַריין", ווי אין פּרצ'עס „ביינאַכט אויפן אַלטן מאַרק"? עפּעס ענלעכס האָבן מיר שוין אַמאָל איבעגעלעבט. מ'דאַרף נאָר אַרויסציען דערפון די ריכטיקע לערע, אין אַ וועלט, וואָס איז צוריק — דזשונגל. אַזוי צערודערט איז ער דעמאָלט אַרומגעגאַנגען.

אַן עלנטער מענטש, זוכט מען ווו צוצוטוליען זיך. ס'איז געווען אַ גאָרן־שטיבל, ווו ער האָט זיך אַמאָל אַרויפגעכאַפּט, צו אַ באַקאַנטער חברטע, פונקט אַזוי עלנט, ווי ער אין דער פרעמד. זי האָט דאָרט אָפּגעקאָכט אַביסל היימיש עסן. די געעלטערטע חברטעס, מיט אַ סטאַזש אין דער „באַוועגונג", האָבן צוביסלעך געקלעפּט צו אים. אָבער לאַנג האָט ער ביי זיי נישט געהויזט. אַלע יאָרן אַ פּראָפעסיאָנעלער רעוואָלוציאָנער, האָט

ער קיינמאָל קיין מעגלעכקייט און קיין געדולד נישט געהאַט צוצובינדן זיך צו אַ משפחה־לעבן, כאָטש ער האָט געבענקט דערצו. אומעטום, ווו ער האָט זיך נאָר אַרומגעוואַלגערט, האָט ער געלאָזן הינטער זיך קורצע, אומעטיקע דערמאָנונגען; ווייל ער האָט געוווסט, אַז לאַנג קען עס סיי־ווי נישט דויערן, אָדער ער וועט אַריינפאַלן אין תפיסה, אָדער די „באַוועגונג" וועט אים ווידער ערגעץ שיקן אויף געפערלעכע פּאָזיציעס, אויף נע ונד. אין יענע „פּוילישע יאָרן" איז אַמאָל דערגאַנגען אַ בריוול, אַ „וואָלוווקע", ערגעץ־ווו אין אַ תפיסה אַריין. נאָר פאַר דער חברטע מרים, די נייטאָרין פון שעדלעץ, האָט אים זייער וויי־געטון. ער האָט זי אפילו דעמאָלט געזאָלט אַריבערנעמען קיין פּאַריז, און — נישט באַוויזן, ביז דער שטורעם האָט דאָרט אַלץ פאַרשווענקט. זי איז אים נענטער געווען, ווי די אַלע צופעליקע חברטעס, וואָס האָבן אַמאָל געקרייצט זיינע וועגן. זי האָט אים דאָרט, איינ־מאָל, געדענקט זיך, שטיל, פאַרשעמט אַ זאָג געטון: „וואָס פאַרבלייבט דען נאָך אַ מענטש ?... אַ שטיקל קינד"... דאָס האָט ער לאַנג דערנאָך געדענקט. אין דער פינצטער, ביינאַכט, האָט זיך נישט איינמאָל אַזוי בולט אַרויס־געשניטן איר סילועט, אַן ערלעך, פּשוט מיידל פון פאָלק, אַביסל אַ פאַר־פּויערישטע, מיט ראָזע באַקן. ווייל די, וואָס ער האָט צום לעצטן מאָל פאַרבלאָנדזשעט צו איר אויפן גאָרן־שטיבל, איז געווען אַן עלטער, פאַרבי־טערט מיידל. זי האָט אים דענערווירט מיט די הויכע פראַזן וועגן דער „רעוואָלוציע, וואָס שטייט שוין ביי דער טיר"... כ'ווייס, מסתמא איז זי אויך בייז געווען, וואָס ער רעדט אַמאָל אויס אַ וואָרט מיט אַן אַנדער ווייבל. צו דעם איז ער נישט געוווינט געווען, און ער האָט זיך באַצייטנס מער נישט אַרויפגעוויזן צו איר. ער האָט זיי געקענט, די געעלטערטע חברטעס, מיט אַ פול מויל „סאָציאַליזם", „פרייע ליבע", און ס'ווייזט זיך לסוף אַרויס, אַז זיי זענען גאָר בייזע, קליינבירגערלעכע יידענעס...

אַ סך מאָל איז אים אויך געקומען אויפן זינען, אַז ער האָט אים אפשר נישט באַדאַרפט איבערצולאָזן, חבר קראָקעווער, אין דעם מענטשן־דזשונגל, וואָס האָט זיך אַראָפּגעלאָזן אויף אייראָפּע; ער האָט אפשר באַ־דאַרפט מיטצולויפן מיט אים. אַלערליי אַלטע בענקשאַפטן זענען אים לאַנג נאָכגעגאַנגען, דעם חבר אהרן; און די בענקשאַפטן האָבן אים אפשר אויך פאַרפירט, נאָכצוגיין דעם שטראָם יידן, וואָס האָט אין יענע טעג געצויגן צו די ווייטע ברעגן, צום לאַנד פון אַנטרינונג. פון מאַרסעיל זענען שוין דעמאָלט אָפּגעגאַנגען שיפן מיט אומלעגאַלע עולים, פון די לאַגערן אין דייטשלאַנד; אָפּגעראַטעוועטע קינדער מיט זייערע מדריכים. זיי האָבן זיך געשלייכט דורך די נעכט פאַרביי די פּאָרטן, מיט אויסגעלאָשענע פייערן, ביז צו די ישראל־ברעגן. האָט ער איינמאָל געוואָרפן פאַריז און מיטגע־כאַפּט זיך ביז די דרום־ברעגן. אַרום אים האָט די יונגע חברה אויפן גאַנצן וועג געשפּילט אויף מויל־האַרמאָניקעס, געזונגען לידער וועגן אַביסל שאָטן, וועגן אָפּגעפונענעם וואַסער, וועגן ים כנרת. צוגעשפּאַרט אין אַ ווינקל וואַגאָן, האָט ער לאַנג געצויגן סיגאַרעטלעך. ער האָט געוווסט, אַז דאָס

איז שוין אפשר די לעצטע רייזע, נאָך אַזויפיל וואָגלענישן אין זיין העראָישן לעבן. די שויבן האָבן זיך געטרייסלט. דורך די שפּאַרעס האָט געצויגן אַ דינע קעלט. אין פאַרטונקלטן וואַגאָן זענען זיי דאָרט אַלע אַוועקגעפאַלן, פאַרוואָרפן איינס אויפן אַנדערן די קעפּ. ווען ער האָט אויפגעמאַכט די אויגן, האָט ער דערזען, ווי דער דרויסן דעקט זיך אָפּ פון דער לעבלעכער דרום־נאַכט. עס שיילן זיך אַרויס בריקן, וויאַדוקטן, פּאַלמעס. ס׳טוט אַ פלי פאַרביי אַ נעפּלדיקער, אומענדלעכער פּליין, גרינע, רויטע פייערלעך דרייען זיך אין אַ קרייז. דורך דער אַראָפּגעלאָזענער שויב טוט אַ ווייע אַ שאַרפער ריח פון ים. ס׳איז געווען, ווי זיי וואָלטן מיטאַמאָל שוין דערזען די ברעגן, וווהין זיי ציען. קינדערישע שטימעלעך הילכן. אומגעוויינלעכס איז געווען אין דער לופט פון דער מילדער, פאַרביקער דרום־שטאָט, אַרום אַלטן פּאָרט, אַרום די אַנקער־טראָטואַרן, אַרום די טראַנספּאָרט־אַנגאַרן. אַלע באַריערן זענען געווען דורכגעבראָכן. פאַרנאַכט, אין פלאַמיקן זונפאַרגאַנג, האָט פּלוצים אַ בלענד געטון אַ בלוי־ווייסע פאָן אויפן קוימען פון אַ קליינעם דאַמפער. מיטגעשפּאַרט האָט זיך אַ מאַסע, פּנימער, וואָס ער האָט באַשטימט שוין ערגעץ־ווו געזען, אויף אַלע זיינע וואַנדערונגען, אַלע — באַלאָדן מיט פּעק, מיט וואַליזעס. אַ פּאָלק האָט געשפּאַרט צו די באָרטן פון קליין־טאָנאַזשיקן שיפל, אַן אַלטער דאַמפער, פריש־איבערגעפאַרבט, צווישן פריילעכן פליגל־געפּאָך פון ווייסע מעוועס. די פּאָרענטשעס פון אויבערשטן דעק זענען שוין געווען פול באַלייגט. מיידלשע טיכלעך האָבן געפאָכעט; געלעכטערן, געזאַנג און געוויינען האָבן זיך אויסגעמישט; ס׳איז געווען איידער דאָס שיפל האָט זיך לאַנגזאַם גענומען אָפּרייסן פון ברעג.

אַזוי ווייט האָט אים די בענקשאַפט פאַרפירט, דעם חבר אהרן, ביז צו די ברעגן, ווו די רעשטלעך יידן ציען, און — ווייל דאָרט האָט ער אויך אומגעריכט אָפּגעפונען אין קיבוץ פון נגב דאָס איינציקע אָפּגעראַטעוועטע שוועסטערל זיינס, דבורל.

ס׳קלענערע שוועסטערל דבורל האָט דעם עלטסטן ברודער, אהרנען, כמעט ווי נישט געדענקט פון דער היים. ער איז מיט יאָרן צוריק געהאַט אַוועק, אַנטלאָפן, אַ ייִנגל נאָך, צוזאַמען מיט דער באָרוועסער רויטער אַרמיי, וואָס האָט אַ שפּאַר־געטון ביז צו זייערע מקומות, אַרום בוג. יאָרן האָט ער זיך אַרומגעוואַלגערט אין דער פרעמד; האָט זיך נאָך איין מאָל באַוויזן אומגעריכט אין דער היים, אַ פּאַרטייעטער, הינטער פאַרמאַכטע לאָדן; איז אָפּגעווען אין שטוב אַ טאָג־צוויי און איז ווידער פאַרפאַלן געוואָרן. מ׳איז באַלד דערנאָך, אין מיטן נאַכט, געקומען אים זוכן. די פּאָליציי האָט לאַנג אַרומגענישטערט, איבערגעדרייט די שטוב. פון צייט צו צייט האָבן פאַרבלאָנדזשעט פון אים קורצע בריוועלעך, מיט אַ סך שטעמפּלען, פאַרפּאַטשקעט פון דער צענזור אין די תפיסות, ווו ער איז אָפּגעזעסן יאָרן. מ׳האָט צווישן יונגוואַרג גערעדט וועגן אים מיט האַלבע ווערטער, מיט רמזים,

און ס׳קליינע מיידל דבורל איז נישט ווייניק שטאָלץ געווען מיט איר עלטערן ברודער, חבר אהרן.

אין ווייטן אָרענבורג, אויפן אוראַל, דאָרט האָט ס׳קליינע, פאַר־בלאָנדזשעטע מיידל געאַרבעט גאַנצע פיר יאָר אין שניידער־זאַוואָד א. נ. פון דימיטראָוו, ביים נייען סאָלדאַטסקע שינעלן. ערשט אין 1946 האָט זי זיך, צוזאַמען מיטן שטראָם „ביעזשענצעס״, אומגעקערט מיט די פול־גע־פּאַקטע עשאַלאָנען קיין נידערשלעזיע, אין פּוילן. פאַר דער צייט האָט זיך אויף די געדיכטע זאַמל־פּונקטן אָפּגעזוכט אַ ייִנגל פון די היימישע ווייס־רוסישע קאַנטן, און זיי זענען געגאַנגען ווײַנען צוזאַמען. ס׳איז געווען נאָך דער שחיטה אין קעלץ, ווען מ׳איז געלאָפן איבער גרענעצן, אין די די. פּי. לאַגערן אין דייטשלאַנד; פון דאָרט זענען שוין געגאַנגען געהיימע טראַנס־פּאָרטן מיט די אומלעגאַלע שיפלעך, דורכצוגליטשן זיך צו די באַוואַכטע ארץ־ישראל־ברעגן. דער מאַן אירער, דוד, אַ נידעריקער, פעסטער בחור פון אַ שטעטל אַרום די ביאַלאָוועזשער וועלדער, איז געווען שווערלעך אויף דער צונג, ווי ס׳גיבן זיך אויס די האַלב־דאָרפישע לייט. אין דער היים האָט ער ווינטער געאַרבעט ביים גרויזווען ס׳געהילץ פון די וועלדער. אין ראַטנפאַרבאַנד איז ער אַוועק אין אַ קאָלכאָז. אין די טומלדיקע זאַמל־לאַגערן אַרום חיפה, אין דער מעברה, האָט ער אויך לאַנג נישט געקענט איינזיצן. ער האָט זיך באַלד אויפגעהויבן און איז מיט געלאַסענע, געזעצטע טריט אַוועק אין קיבוץ, אין נגב. ער האָט זיך אויסגעטויגט צו אַלע שווערע אַרבעטן, צו פערד, צו מויל־אייזלען, צו קי, צו אַקערן, צו זייען, אפילו צו אַ טראַקטאָר. דבורל איז געווען פאַרפאַרעט אין הינער־לול, אין קינדער־הויז, אין פעלד. מ׳האָט זיי צוגעטיילט אַ צריפל, אַ ראַדיאָ, ביכער, אַן עלעקטרישן טיי־טשייניק. די צוויי קינדערלעך האָבן זיך, ווי קרוליקלעך, געהאָדעוועט מיטן קיבוץ־קליינוואַרג אין קינדער־הויז. פון דער הייסער זון, פון די ווינטן האָט דבורל פרי באַקומען אַ געקנייטשטן שטערן, אַ פאַרבראַנדזטע, פאַרהאַרטעוועטע הויט. אירע האָר זענען געוואָרן אָפּגעשאָסן פון דער זון. זי איז געווען אַן איינפאַכע, מיט אַן אָפן געלעכטער, וואָס האָט אָפּגעדעקט אירע שיטערע ציין, ס׳פּנים באַזעצט מיט קלייענדלעך, מיט אָפּ־געהאַרעוועטע הענט. אין קיבוץ האָבן זי אַלע גערן געהאַט.

ווען די אויפגעהעצטע אַראַבער פון די דערפלעך, פון די בערג־נעסטן, האָבן גענומען באַשיסן דעם קיבוץ, האָט דוד שווייגנדיק אַ נעם געטון דעם צוגעטיילטן סטען און איז אַוועק מיט געלאַסענע טריט. ער איז אַוועק, און לאַנגע וואָכן נישט צוריקגעוויזן זיך. דבורל האָט זיך מיט די פּיצלעך פון קינדער־הויז, מיט די דערציערינס, פאַרשטעקט אין בעטאָן־בונקער. זי האָט זיי געהיטן, די יונגע שוועלבעלעך, ווי אַן אויג אין קאָפּ. זי האָט גוט געדענקט, וואָס ס׳איז דאָרט, אין דער אַלטער היים,געטון גע־וואָרן צו יידישע קינדער דורך די רוצחים.

אפילו דערנאָך, ווען ס׳האָט זיך איינגעשטילט, ווען דוד איז שווייגנ־דיק צוריקגעקומען, מיט דער פאַרשטייפּטער ביקס, מיט די בלאָנדלעכע

ווילדע וואָנסן, האָבן זיי נאָך געהאַט גענוג צרות פון די קינדערלעך. ס׳איז אַרומגעגאַנגען אַן עפּידעמיע פון מאָזלען. די מאַמעס פון קיבוץ האָבן גאַנצע נעכט באַלאַגערט די טירן פון קינדער־הויז. דבורל האָט זיך קוים געהאַלטן אויף די פיס. אין חדר־האוכל האָט מען גענעסן אַבי־ווי. דעם שבת־דיקן טאָג האָט מען זיך אָפּגערוט אין צריפל. די קינדער זענען געקומען צולויפן, האָבן אָנגעפּילט מיט אַ פריילעכער זשומעריי די צימערלעך. ס׳איז געווען, ווי זיי וואָלטן צוריקגעפונען די פּראָווינצער געמיטלעכקייט פון שטעטל, ווייט פון אַ באַן; ווו ס׳איז געוואַקסן אַ געזונטע יוגנט; וווהין די אידייען פון די גרויסע שטעט האָבן אָנגעווייעט אַביסל פּאַרשפּעטיקט, און ס׳האָט קיינעם, חלילה, גאָרנישט געשאַדט. מ׳האָט זיי דאָ גערן געהאַט. שטילע, אַרבעטזאַמע מענטשן. ס׳האָט זיי נישט געטראָגן אין די גרויסע שטעט אַריין.

ווען דבורל האָט באַקומען דאָס בריוול פון ברודער אהרן, אַז ער וועט זיך אוודאי אַראָפּכאַפּן צו זיי, האָט זי זיך צום ערשטן מאָל געוואָרפן צום ביליקן וואַנט־שפּיגעלע. זינט דעם קימפּעט מיטן אַנדערן קינד, אַ ייִנגעלע, האָבן זיך איר עטלעכע פאַדערשטע ציין גענומען שאָקלען. זי האָט לויז געמאַכט דאָס געבלימלטע קאָפּ־טיכל און אַ באַרג ברוינלעכע האָר האָט זיך צעשאָטן אויף אירע ברייטע דאָרפישע אַקסלען. זי איז באַלד אַוועקגעלאָפן באַקן אַ עוגה, איז אַרומגעלאָפן איבער די צריפים און אַלעמען, אַ פאַרפלאַמטע, אָנגעזאָגט וועגן איר ליבן גאַסט, וואָס קומט מיט דער שיף „קדמה״.

ס׳איז געווען אַ מאָדנע באַגעגעניש, נאָך אַזויפיל יאָרן. זי האָט זיך באַפרייט אין דעם טאָג פון דער אַרבעט, כאָטש די אַרבעט האָט געברענט אין פּרדס, אין כרם. זי האָט אויסגעפּוצטביידע קינדערלעך. ס׳ייִנגערע, חיימקען, האָט זי אָנגעטון אינגאַנצן אין ווייסן, פאַרקעמט אים דעם בלאָנדן, טראַציקן לאָק; ס׳מיידעלע, רייזעלע, האָט זי אַריינגעפלאָכטן אַ בלויע סטענגע אין די האָר; און מיט ביידע קינדער ביי דער האַנט, אַראָפּגעפאָרן קיין חיפה, צום פּאָרט.

לאַנג און געדולדיק, ווי אַ פויערטע, האָט זי פון באַגינען אָן געוואַרט מיט אַ זיס האַרצקלאַפּעניש, די שיף זאָל זיך דערנענטערן צום ברעג. ס׳איז געווען אַ שיף מיט עולים. ערשט אין דער פרי האָט זי זיך דערנענטערט צום ברעג. אַלעמאָל, ווען איר איז אויסגעקומען צו זיין אין פּאָרט פון חיפה, האָט דבורל דערפילט אַ טיפן ציטער — די בלויע, ווייטע האָריזאָנטן האָבן ערגעץ פאַרבאָרגן די ווייטע, אונטערגעגאַנגענע היים. זי האָט פעסט געהאַלטן די קינדער ביי די הענטלעך, געזוכט צווישן די פּנימער אויפן אויבערשטן דעק, צו דערקענען אהרנען. די שיף־פּאַרענטשעס זענען געדיכט באַקלעפּט געווען מיט אַ בונטן עולם. מ׳האָט געפאָכעט מיט די הענט, איבערגערופן זיך. אַנדערע האָבן געווישט די אויגן. מיט ביידע קינדער ביי די הענט, האָט זי זיך קוים דורכגעשטופּט די באַריערע.

— ווו איז דער דוד? (דער פעטער) — האָבן די קינדער ביי איר געמאָנט, און זי האָט זיי פאַרזיכערט:

— דאָרט אויבן... באַלד קומט ער אַרונטער...

אַ קליינע, צעשטויסענע וואַליזע, נישט מער, האָט ער געהאַט מיט זיך. ער איז שטיינגעבליבן קעגנאיבער זיי; גיכער מיטן אינסטינקט האָבן זיי זיך דערקענט, געוואָרפן זיך קושן. ס׳איז געווען, ווי אַ קינדערישער חלום וואָלט פלוצים געוואָרן וואָר; ער האָט געטראָגן ס׳ייִנגעלע, חיימקען, און רייזעלען האָט זי געפירט ביי אַ הענטל. זיי זענען געגאַנגען איבערן ברייטן, זוניקן דוד המלך־בולוואַר, צוגעזעצט זיך אַ ווייל ביי אַ שאָטנדיק אָפּדעכל, ביי אַ קאַפע, ביז דער אויטאָבוס וועט אָנפאָרן.

— דבורל... — האָט ער געשטאַמלט — ס׳איז גוט, וואָס מען זעט זיך כאָטש, דבורל...

זיי האָבן באַלד געאײַלט צו דער אויטאָבוס־סטאַציע, אָנצוקומען, איידער ס׳פאַלט צו די נאַכט, אין ווייטלעכן קיבוץ אַריין. אַן ערך דריי־פיר שעה איז געווען צו טרייסלען זיך אין פול־געפּאַקטן אויטאָבוס, ביזן קיבוץ אין נגב. ער איז געזעסן, דעם קאָפּ אָנגעלענט אין דער שויב, די מידע אויגן האַלב־פאַרשלאָסן, פון צופיל ליכט, אָבער ער האָט גיריק געשלונגען אַלץ — ס׳גרינס, די פעלדזן, די נייע שכונות אויף די בערגלעך, די געפלאַסטערטע שאָסייען. ס׳איז דאָ עפּעס אויפגעטון געוואָרן — האָט ער באַטראַכט — וואָס טויגן מיר די אַלע קריגערייען און די טעאָריעס... יאָ געערעכט, נישט גערעכט... מיר זענען אָבער אַלעמאָל גערעכט געווען... ער האָט זיך נאָך אַלץ טשעקאַווע איינגעקוקט אין שוועסטערל מיטביידע קינדער ביי דער זייט. ס׳איז געווען אַ גוטע תמימות אין איר פּנים, ווי ביי אַ שעפּס, ווי ביי דער מאַמען זייערער. ווייניק צרות האָט ער זיי דאָרט אָנגעטון, ווען ער האָט געפּלאַמט מיט די געהיימע בראָשורן?... און ס׳שוועס־טערל האָט ער איבערגעלאָזן נאָך גאָר אַ פּיצל.

דורך די געדיכטע ציפּרעסן־און עקאַליפּטוס־אַלייען האָט אים דבורל אין שפּעטן האַלבן טאָג געפירט צו זייער צריפל. זי איז באַלד געלאָפן אָנ־זאָגן דודן. ער איז געווען אין שטאַל. אַ מיטלוווקסיקער, אַ קרעמפּער, מיטן בלאָנדן לאָק אין די אויגן, מיט צעפּלאַשעטע וואָנסן, איז דוד פּאַוואָליע געקומען צוגיין, אָפּגעריבן די פיס אין טרעטער, איז אַריין און אהרונען דערלאַנגט אַ שווערע, פעסטע האַנט מיט אַ „שלום״. אהרון האָט מיט אַ סך גערירטקייט, פאַרטראָגן גערדריקט די אויסגעהאָרעוועטע האַנט. דער וואָרעמער שמייכל האָט זיך אַוועקגעלייגט צווישן די טיפע קאַרבן אויף זיינע אַש־גרויע באַקן:

— אַזוי... כ׳האָב נחת... צו דריקן אַן אַרבעטער־האַנט...

דוד האָט מער נישט געפונען קיין רייד. האָט זיך נאָך אַ פּאָר מאָל אַ דריי געטון איבערן צריף, געקייט אַ שטרויעלע צווישן די ציינער, אַנט־שולדיקט זיך און איז פּאַמעלעך צוריק אַוועק אין שטאַל אַריין. אהרון האָט זיך צוגעלענט אין דער ליג־שטול אויף דער קליינער ווערענדע. שפּעט

נאָכמיטאָג איז דאָ געווען שאָטנדיק. די לויטערע לופט האָט געזשומעט. צווישן די אַלייען, אויף די בערגלעך, איז דער הייסער אַרבעטס־טאָג שוין באַלד געגאַנגען צום סוף. און ער האָט אַלץ געפילט אַרום זיך דער שוועס־טערס פּאָרען זיך אין דער קליינער באַלעבאַטישקייט. זי האָט נישט גע־ווּסט מיט וואָס פריער אים מהנה צו זיין; האָט אים דערלאַנגט פּרוכטן־זאַפט, מאַנדאַרינען, נאָר וואָס פון בוים. קיינער האָט קיינמאָל אַזוי צערטלעך נישט געפּלאַטערט אַרום אים. אַזוי, אַ לעבן אָפּגעטומלט. מיר האָבן זיי, הייסט עס, נישט געזען, נישט געוואָלט זען, די פּשוטע שטרעבונגען פון פּאָלק. און דאָרט... וואָס איז פון אַלעם געבליבן דאָרט? אַ ווינט... אַ רויך...

איבערגעשלאָפן אַ נאַכט, האָט ער זיך באַלד אין דער פרי אויפגעריסן. זיי וועלן דאָ אוודאי געוויר ווערן, די לייט פון קיבוץ, קומען צו אים, אויס־פרעגן זיך, פאַרפירן אפשר דיסקוסיעס. וואָס האָט ער זיי דען צו זאָגן? ער האָט זיך נאָך אַרומגעדרייט, באַקוקט די באַלעבאַטישקייט, דעם ווייטן אויסבליק פון דער וויסטעניש, וואָס לעבט אויף פון מענטשלעכער מי. פאַרנאַכט איז דבורל אַריינגעפאַלן צוריק פון דער אַרבעט. זי איז שוין גע־ווען ביי די קינדער אויך. זיי האָבן געקושט דער מוטער און די דערציערינס האָבן זיך געקליבן זיי צו לייגן אין די בעטלעך. דערנאָך זענען די עלטערן רואיקער, וואַשן זיך איין, נעמען אַ דוש, ציען אַרויף אַ ריין העמדל און גייען מיט די סטעזשקעס אין בלוי־אָנגעפאַלענעם אָוונט צום חדר־האוכל. די סטעזשקעס דרייען זיך צווישן די קוסטן־אַלייען, צום פּלאַץ, ווו ס׳הייבט זיך אויף דער וואַסער־טורעם, ווו ס׳פּאָרן זיך צונויף די טראַקטאָרן, דער קאָמביין, די עטלעכע דזשיפּן. אין דער לאַנגער געביידע מיט דער שורה צעעפנטע פענצטער איז ליכטיק, טומלדיק.

ער זיצט ביי דער זייט פון דבורלען, פון דודן, און ס׳פּנים פלאַמט אים. ער עסט זייער ברויט! ער פילט אויף זיך די נייגעריקע בליקן. מסתמא ווייסן זיי שוין עפּעס. אָבער וואָס ווייסן זיי דען? אפילו דבורל ווייסט אַזוי ווייניק פון זיין שטורמיש לעבן, פון זיינע ראַנגלענישן מיט אַנדערע און מיט זיך אַליין. און ער האָט פּלוצים געהאַט אַ שטאַרקן פאַרלאַנג צו פאַר־ענטפערן זיך פאַר זיי. ער איז אַרויס. די טעראַסע האָט דאָמינירט די טאָלן. דער ים, האָט מען געפילט, איז געווען ערגעץ נאָנט, דאָרט ווו עס גליען די פייערלעך פון פיינטלעכן עזה. אַ לינד ווינטל האָט, נאָכן חמימהדיקן טאָג, געצויגן פון דאָרט. ער איז אַוועק נאָך זיי צום צריף. ער האָט בלויז באַוויזן אַ דריק צו טון די האַנט פון דעם, פון יענעם. פריינטלעכע פאַר־בראָנדזטע פּנימער, צעאַקערטע פון זון, פון ווינטן, פון שווערער אַרבעט, טייל פאַרגרויטע קעפּ. זיי זענען, די עלטערע, מיט יאָרן צוריק אַראָפּגעקומען אַהער, אויפן נאַקעטן פעלדז, אין דער וויסטעניש; דאָרט, אין גליל, זענען צוערשט געווען זומפּן, מאַלאַריע, פרעמדע, פיינטלעכע אַראַבישע נעסטן אין די בערג־שפּאַלטן, אין די טאָלן; אַ כיטרער קאָלאָניאַלער אָקופּאַנט. די זעלבע פאַרביסענע עקשנות, האָט ער באַטראַכט, וואָס האָט אונז אַמאָל געהאָלפן אויסצוהאַלטן תפיסות, קלעפּ, הונגער־שטרייקן, קאָנצענטראַציע־

לאַגערן, פּיזישע און מאָראַלישע ווייטיקן — די זעלבע עקשנות, אייגנטלעך, איז דאָ, בייצוקומען אַלע ביטערע שוועריקייטן; און זיי האָבן אויסגעהאַלטן! זיי האָבן געוואונען דאָס רעכט צו לעבן אונטער אַן אייגן שטיקל הימל, באַ־אַרבעטן מיט בלוט און שווייס דאָס זאַמדיקע און פעלזיקע שטיקל באָדן. קיינער קען עס שוין ביי זיי נישט אַוועקנעמען. פאַרשרייען זיי איז — נישט ערלעך. מיר האָבן דאָך אויך געמיינט אויסצוקעמפן דאָס לעבן אויף דער ערד, ווי גלייכע מיט גלייכע; אָבער אַז מען נעמט דאָס אַוועק, מען באַ־טראַכט דיר ווי אַ בירגער פון אַ נידעריקער מדרגה — האָבן מיר, הייסט עס, געזייט שטורעם און געשניטן — ווינט. גיי גיב עס צו פאַרשטיין ס׳קליינע שוועסטערל. זי קומט אַריין, אַן אַנגעבלענדטע. ווי מיד זי איז. באַלד באַגינען דאַרף זי זיך ווידער אויפרייסן צו אַ נייעם טאָג מי.

— ס׳געלעגער — זאָגט זי שטיל — איז גרייט. גיי לייג זיך, אהרן.

ער קוקט אויף איר מיט וואַרעמקייט פון אונטער די פאַרהויכטע ברילן.

— כ׳וועל זיך אפשר — זאָגט ער — אויף אַ פּאָר טעג אַראָפּכאַפּן קיין תל אביב. חברים... באַקאַנטע פון אַמאָל...

— וואָס איז די אײַלעניש? די חברים האָבן מיר געזאָגט... האָסט זיך נישט וואָס צו אײַלן... זיי האָבן געהערט, זאָגן זיי, וועגן דיר...

פאַרוואָס קומט אים אַזויפיל פּשוטע פריינטלעכקייט? ער זעצט זיך צוגלייך מיט אַלעמען צום פּראָסטן היימישן טיש. ער עסט מיט זיי דאָס אָרעמע ברויט. אפנים, אַז דער אמתער גייסט פון קאָלעקטיוויזם שטעקט ערגעץ טיף אין אונז, פון אונזער יידישן דור, כ׳ווייס, מסתמא נאָך פון יענע אומרואיקע גייסטער, די נביאים. זיי האָבן זיך דאָ אַמאָל אַרומגעדרייט צווישן אָרעמען אַרבעטער־פּאָלק, די פישער, די טעפּער, די פּויערים פון גליל, געפּרעדיקט, אין יענע באַרבאַרישע צייטן, ליבע פון מענטש צו מענטש, שלום. צי האָט זי דען געקענט, ס׳שוועסטערל, אַלץ אַרויסלייענען פון זיין פאַרלאָפּענעם בליק? — האַס, גרויל, פאַרביטערונג, דאָס וועלן אויפעסן איינער דעם אַנדערן. און ער האָט זיך מיטאַמאָל דערפילט קליין קעגנאיבער אַט די פּשוטע לייט, וואָס קעמפן יעדן טאָג פאַר אַ ביסל גרינס, פאַר אַ שטיקל שאָטן, פאַר אַ ביסן ברויט, פאַר אַ טראָפּן וואַסער. נאָך עטלעכע טעג אַרומדרייען זיך אין אָט דעם פּלייסיקן בינשטאָק, וווּ אַלץ אַר־בעט, אַלע זענען פאַרזאָרגט וועגן דער עפּידעמיע צווישן די הינדעלעך אין לול, וועגן קאָקלוש, וואָס פאַנעוועט ביי די קינדערלעך, האָט עס אים שוין אונטערגעהויבן. דבורל איז שטיינגעבליבן מיט אירע רויטע אָנגע־דראָלענע הענט, און גאָרנישט געוווּסט ווי אַזוי צו פאַרהאַלטן אים, כאָטש איבער שבת. זי האָט געזען, ווי ער איז אומרואיק, שלאָפט שלעכט ביינאַכט, הייבט זיך אויף, קריכט אַרום אויף די שפּיצן פינגער, גייט אַרויס אויף דער וועראַנדע, זיצט און רויכערט.

— אין שטאָט איז אַזאַ שטיקעניש... — האָט זי זיך געבעטן — בלייב

נאָך דאָ, אהרן. פּרייטיק־צונאַכטס האָבן מיר אַ נשף. וועסט זען, ווי די קינדערלעך טאַנצן, וועסט הערן ווי שיין זיי זינגען, ווי זיי שפּילן אויפן חליל... ס׳אַ נחת אָנצוקוקן...

קאַפּיטל 29

# דער פיבער פון אַ פאַלק

באַלד באַגינען האָט אהרן גענומען דעם אויטאָבוס, וואָס לויפט דאָ פאַרביי איין מאָל אין טאָג, און איז אָפּגעשטיגן אין תל אביב, ביי דער תחנה מרכזית. ער האָט געזען אַ פאַרפאַרעטן עולם, לויפן, שמייען, זוכן פּרנסה צווישן די אָנגעהויפטע, פאַרפּאַטשקעטע געוועלבלעך, רחוב לי־ליענבלום, רחוב אלנבי — די נאַלעווקעס... ס׳שטעטל מיטן מאַרק קראָמען אין אַ יריד־טאָג... ער האָט זיך דערפּרעגט ביז רחוב יפו, נאָנט צום אַמאַליקן אַראַבישן פּערטל, לאַנג געבלאָנדזשעט צו געפינען די רעדאַקציע פון די „אַמאַליקע״. טשעקאַווע, האָט ער זיך געזאָגט, וואָס זיי האָבן נאָך אַצינד צו זאָגן? אַ מאַן אין דיקלעכע ברילן אויף אַ היפּשלעכער נאָז האָט אים נאָנט אַ באַקוק געטון, זיך לסוף געכאַפּט:

— אַהאַ, חבר אהרן... געהערט, געהערט...

אין שמאָלן, שטויביקן רעדאַקציע־צימערל, פול אָנגעוואָרפן מיט צייטונגען, אויף די טישן, אויף דר׳ערד, זענען זיך צונויפגעקומען אַ פּאָר יונגעלייט פון דער זייטיקער נידעריקער טיר, פון דער דרוקעריי. מ׳איז געזעסן אויף די אָנגעוואָרפענע פּעק צייטונגען, אויף אַ טאַבורעטקע, וואָס האָט געקרעכצט, מ׳האָט גערויכערט. אהרן האָט געוואָלט ביי זיי וויסן:

— צי דערשאַצט איר כאָטש ס׳געמיט פון די אַלע אָפּגעראַטעוועטע פון אוישוויץ, וואָס קומען אַהער, ווי צו אַ לעצטן האָפן?...

אַלע כמעט — געוועזענע, השומר הצעירניקעס, אפילו קיבוצניקעס, האָבן זיי אויפגעזונגען דאָס אַלטע לידל, די אַלטע טעאָריעס וועגן „קאַמף אויפן אָרט״, „צוזאַמען מיטן נישט־יידישן פּראָלעטאַריאַט״... אהרן האָט גע־הערט און מער גאָרנישט געהאַט זיי וואָס צו זאָגן. ער האָט זיך לסוף אויפ־געהויבן, איז אַרונטער, נאָכמער אומעטיק ווי פריער, געלאָזן זיך שווימען צווישן פאַרביקן המון פון די געסלעך אַרום שוק הכרמל, דאָ באַלד דער־לעבן; ער האָט געהאַט אַ פאַרלאַנג, אויסצומישן זיך, מ׳זאָל אים מער נישט קענען; געפילט אין דעם אַלעם דאָ דעם פיבער, נאָך דער פאַרלענדונג, צוריק אויפצובויען אַן אייגן שטיקל לעבן, אויף דער ערד. ער איז געקו־מען ווי אַ פרעמדער, אַ זייטיקער, און ביי זיך האָט ער אַלץ געפילט, אַז ער איז נישט אינגאַנצן אין אָרדענונג מיטן אייגענעם געוויסן. צוגעקוקט

זיך צו דער יוגנט, געזונטע יידישע זין און טעכטער, אין מיליטערישער אוניפאָרם. ער איז גאָרנישט געווױנט געוועזן צו זען אַזאַ זיכערן גאַנג. זיי טראָגן דעם גורל. אַ סאָלדאַט מיט אַ שוואַרץ שױבערל פון אונטער דער קעפּי, דריקט פעסט צו זיך דעם „עוזי" מיטן קוילן־מאַגאַזין. און ער האָט זיך דערמאָנט: זיי טאַקע האָט ער געמיינט, דער נאַצי־מאָנסטער — אויסצוראָטן די געזונטע זריעה פון פאָלק; די שיינע יוגנט פון די שטעט און שטעטלעך אין פּױלן, מיט די פעסטע מוסקולן, אָן שום אויסוועג, אין בענקשאַפט נאָך אַרבעט, פריי צו זיין — זיי זענען אויסגעראָטן געוואָרן, און מיט זייער אַש און געביין זענען באַפרוכפּערט די פאַרשאָלטענע סלאַ־ווישע קאַרטאָפל־פעלדער. אין די אונטערהאַנדלונגען מיטן בודאַפּעשטער ראש־הקהל, אויסצוטוישן יידן, וואַרפן זיי צו, די אויסוואורפן: „מיר וועלן אייך אויסליפערן געבורט־פעאיקע יונגע מענטשן". וויי־ווי, זייער ביאָלאָ־גישער פסק־דין אויף אונזער לייב־און־לעבן, אויף אונזער עקזיסטענץ! אפשר קוקט אויף אונז אויך אַזוי די וועלט? אָט די שיינע, יונגע פּרויען, וואָס טראָגן אין זייער שויס די פּאָטענץ פון ראַזע געזונטע קינדערלעך...

די ליפּן פאַרשלאָסן, פילט ער, ווי דער אַלטער, ביטערער פּאַרטיי־האָס צערינט. ער פילט אויפגיין אין זיך אַן אויסגעליטענע אַלטע וואַרעמ־קייט פון יענער באַדנלאָזער יוגנט, וואָס האָט דאָרט אַמאָל, ביי די סלאַווישע טייכן, געלעבט מער מיט וויזיעס, ווי מיט דער רעאַליטעט. ער זיצט אונטער אַן אָפּדעכל, ביי אַ קאַפע. אַרום פלייצט דער בולוואַר מיט המונים. מ׳דאַרף זיך נישט היטן מיט אַ העכער וואָרט, מ׳דאַרף נישט ציטערן פאַר פאַרהוילע־נע בליקן, וואָס לויערן דאָ ערגעץ פון הינטער אַ ראָג. יאָרנלאַנג האָט ער געלעבט מיטן אינסטינקט פון קאָנספּיראַציע, ביז ס׳איז געוואָרן ביי אים אַ צווייטע נאַטור. דער מאַן קעגנאיבער האַלט פאַרשטעקט אַן אָפּגעביסענע לולקע צווישן די פאַרביטערטע ליפּן. זיין פּנים, אויסגעטרוקנט, קופּערן, שלעכט־ראַזירט, צעאַקערט פון קנייטשן, מיט אַן איבערבלייב פון אַ לייבן־טשופרינע; ווי אַ פאַרגעסענער טעאַטער־רעקוויזיט פון אַ לאַנג־אָפּגעשפּילט טעאַטער־שטיק. סטאַטיסטן... סטאַטיסטן זענען מיר אַלע געווען — נישט מער. אויף יעדנס פּנים, אויסגעשמיסן פון זון, פון ווינטן, ליגט איינגעפרעגט די געשיכטע פון אַ דור. זיי זענען דאָ באַוווּלטע און — דעראָבערער, אויסגעשפּיגענע און — קאָלאָניזאַטאָרן, שקלאַפן און — באַצווינגער, טרוימער און — ביזן מינדסטן פּרט רעאַלע כיטראַקעס. זיי זענען גרייט אָוועקצוגעבן ס׳לעבן און — לייכט צו מאָרד. זייערע שווערע הענט, וואָס קענען קיין פליג נישט צעקוועטשן, זענען גרייט צו ווערן פויסטן. זיי קענען בעטן און — האַרט און ביטער באַפעלן. זיי האָבן אַלע בריקן הינטער זיך פאַרברענט. ס׳איז דער בונט פון אייביק־באַשפּיגענע און שוואַכע. זיי וועלן טרעטן איינס אויף ס׳אַנדערע, אָבער זיי וועלן אַדורך. „אַן אייגן שטיקל לאַנד דערלאַנגט מען קיינעם נישט אויף אַ זילבערנער טאַץ"... — זיי האָבן עס פאַרשטאַנען, אַהאַ, נאָך ווי! אַלע פראַזן ווערן בטל אין הייסן, דורכ־געליטענעם בליק זייערן. מ׳וועט זיי מיט קיין שום פראַזן מער נישט פאַר־

פירן. די שוידערלעכע געטאָ־און לאַגער־וואָר רינט, ווי אַ סם, אין זייערע אָדערן. זיי זענען אימון. זייער אָרגאַניזם וועט שוין אויסהאַלטן. לאָזט זיי! זיי האָבן מקריב געווען זיך אַליין פאַר אַנדערע, און מ׳האָט זיי שיין „אָפּגעדאַנקט” דערפאַר — קאָסמאָפּאָליטן... אַן פּאַספּאַרטיקע בראָדיאַגעס... לסוף אַרויסגעטריבן זיי אויפן הפקר, אַן אַ שטיקל פּאַפּיר, אַן שום בירגעשאַפט.

דאָ האָט אים אויך דער צופאַל צוזאַמענגעפירט אין דער קאַפּע מיט בערעלען, פון וואַרשעווער לעדער־פאַראיין, דעם חבר פון תפיסות. ער האָט געטראָגן אַן אָפּגעריבענע שאָפערן־וועסט. „פון וואַנען ביסטו אַראָפּגעפאַלן אַהער, אהרן?... אַ כאַליערע... כ׳לאָז דיר שוין נישט אָפּ”... ווי מענטשן האָט עס אין די יאָרן פאַרפירט — אַ „קאָמאַנדיראָווקע” אין דאָנבאַסער קוילנגרובן... מאָבילליזירט, פאַרווונדעט הינטער קיעוו, שפּיטאָלן, דער גאַנג ביז בערלין... די צוריקוואַנדערונג דורך פּוילן, די מעפּילים־שיפלעך, די מלחמה אין נגב. דאָ האָט ער זיך צולעצט אַריינבאַקומען אין דער „אגד”־אויטאָבוסן־קאָמפּאַניע. ער ווייזט אים דעם נאַגאַן. ער באַגלייט אַן עקספּעדיציע ביז אילת.

— אַ כאַליערע... פאַרסט מיט מיר, אהרן...

און ער דערציילט אים, ווי ער איז דאָ אַריינגעפאַלן באַלד אין אָנהייב:

— כ׳האָב עס, ברודער, באַלד פאַרשטאַנען. ס׳איז געווען יענער אַמאָליקער פלאָם. וואָס האָט די מענטשן געפירט אין שלאַכט אַריין. ווו, האָב איך געטראַכט, נעמט מען זיי דאָ אַהער, די אַמאָליקע יוגנט אונזערע? דאָסמאָל האָבן זיי זיך געשלאָגן פאַר זיך. מיר האָבן געוווּסט, אַז נישט קעגן די אָרעמע אַראַבישע טייוולאָנים שלאָגן מיר זיך. הינטער זיי זענען געשטאַנען, און שטייען נאָך, אַלע אונזערע אַלטע ראַסן־און קלאַסן־שונאים, אַראַבישע פעאָדאַלן, נאַציס, פוילישע און אוקראַאינישע פּאָגראָמשטשיקעס, די ענגלישע און רוסישע קאָלאָניאַליסטן...

— מ׳האָט אונז אָבער אַלעמאָל געשראָקן מיטן וואָרט — נאַציאָנאַל...

— האָט אהרן עפּעס אַזוי ווי געלאַכט, הארב, ביטערלעך און אַרום די נאָז־פליגלען האָבן זיך איינגעגראָבן שאַרפער די קנייטשן — פון נאַציאָנאַל ביז נאַציאָנאַליזם איז אָבער אַ קליינער שריט... אַזוי קען זיך דוכטן...

— כ׳וויל דיך עפּעס פרעגן — צי האָסטו אָט דעם קליינעם שריט אַלעמאָל געגוי קאָנטראָלירט, דאָרט, ביי זיי, צווישן די פּאָליאַקן, אוקראַאינער, רוסן?

— ס׳איז אמת. איך האָב עס דווקא יאָ קאָנטראָלירט, אָבער ס׳איז שוין געווען צו שפּעט...

— דאָ, חביבי, וועלן מיר עס אַליין קאָנטראָלירן, צווישן אייגענע. מיר האָבן, זאָלסטו וויסן זיין, אַ סך יאָרן אָוועקגעגעבן די ציוניסטן אַזוינס, וואָס מיר האָבן זיי אפשר נישט באַדאַרפט אָוועקגעבן. כ׳מיין, דעם פשוטן געפיל פון היים. אונז האָט מען אָבער פשוט אָפּגענאַרט, ווייל ביי אַלע אַנדערע איז קאַמף פאַרן סאָציאַליזם געווען פאַר אַלעם — היים. און מיר...

מיר זענען פאַרבליבן היימלאָז... ביז מ׳האָט אונז אויסגעקוילעט, די רעשט־לעך פאַרטריבן. אָבער לויט מיר נאָך, איז נישט מעגלעך, אַז יענער גרויסער דור זאָל האָבן אומזיסט געפאַלן אויף די באַריקאַדן פון דער געשיכטע...

אַ גאַנץ לעבן פּאַליטיש־פאַרפאַלגט, האָט חבר אהרן אַרום זיך גע־זען אַ העכערע קאַטעגאָריע אויסגעוואָרצלטע, וואָס די טיראַניע זאָגט זיי אָפּ דאָס רעכט צו לעבן. הפקר, אויסערן געזעץ, אָן שום שוץ, און דער בלויזער נאָמען זייערער איז אַ מין זידלוואָרט.

— איך באַקלאָג זיך נישט, בערעלע, צו טראָגן אָט די שווערע לאַסט אויף מיינע פּלייצעס, אויך ווי אַ ייד. די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג האָט מיך זייער יונג געלערנט, אַז עס גייט אין געוויסנהאַפטן נאָכגיין דער געשיכטע. וואָס מער איך טראַכט זיך אַריין, אַלץ מער זע איך איין דעם טיפן אמת דערין — קעמפן קעגן אַלץ, וואָס פאַרמינערט דעם מענטש...

— וואָס ווייסטו, אהרן, וואָס ווייסטו ?... — האָט בערעלע זיך פאַר־כליניעט — אין יענע טעג, ווען אין צפון פון תל אביב, אַרום ירקון, האָט דער הימל געפלאַקערט... אין געדיכטן חושך, האָט מען נאָר געזען פאַר־בייפליען די צעלעכערטע אויטאָס, די דזשיפּס, אַ ווילד געלויף אַראָפּ רחוב דיזנגוף. מ׳האָט געצויגן אין דער ריכטונג פון יפו. ס׳האָט געברענט אַ שורה הייזער אויפן בערגל. ערגעץ נאָנט האָט געשטעפּט אַ קוילנוואַרפער. נאָך איידער ס׳איז טאָג געוואָרן, האָט זיך די ראַיענדיקע מאַסע, פון הינטער ווענט, פון הינטער יעדן שטיין, דערקריגן ביז יפו. די גרויסע ענגלישע פּאָליציי־קאַזאַרמע, די משטרה, איז שוין געווען אין די הענט פון דער „הגנה״. כ׳האָב זיך דערזען ביי אַ שמאָלער, געדרייטער טרעפּ, כ׳בין אַרויף, אַ ריס געטון די טיר. זי האָט שווערלעך נאָכגעגעבן. זיי זענען אַנטלאָפן. די הויכע קרוגן זענען נאָך געווען אָנגעפילט מיט וואַסער. די פאַר־האַנגען זענען געווען געדיכט פאַרצויגן איבערן שמאָלן, האַלב־רונדן פענצטער. דער ים אין דער נידער האָט זיך געררויכערט אין פרימאָרגן. כ׳האָב זיך געכאַפּט, אַז דער שווערער פרענט וואַרפט זיך נאָך אַלץ אין מיינע הענט. אויב דער אַראַבער וועט זיך צוריקקערן, וועלן מיר אַלע גע־וואָרפן ווערן אין ים אַריין. כ׳בין אַוועקגעפאַלן, ווי לאַנג כ׳בין אַזוי אָפּ־געשלאָפן, האָב איך מער נישט געדענקט. ס׳איז געווען אַרום שטיל, פאַר־דעכטיק־שטיל. כ׳בין אַוועק נאָך אַמאָל פּרווון די טיר. זי איז געווען פאַר־העמערט פון אינעווייניק. כ׳האָב אַראָפּגעקוקט. איבער רחוב יפו־תל־אביב האָבן זיך געטראָגן געדיכטע רויכן. דזשיפּן און מיליטערישע לאַסט־וועגן האָבן פאַרבייגערוישט דעם שאָסיי, ווייט אַראָפּ. און כ׳האָב זיך גע־זאָגט : פון דאַנען, בערעלע, רירט מען זיך שוין נישט מער...

ס׳איז קיין סך צייט נישט געווען. ער האָט אהרנען באַלד אַריינגע־פּאַקט אין אויטאָבוס, וואָס האָט געוואָרט דערלעבן, אַליין אַוועקגעזעצט זיך ביים רעדל און אַוועקגעטרייסלט זיך, מיט דער גאַנצער חברה, איבער די ברוקן, אַרויס פון תל אביב, איבער די נייע כבישים, ביז באר שבע, אויף דער שוועל פון דער גרויסער וויסטע.

ביי דער קאָפּע „אשל" איז מען אָפּגעשטיגן. דאָרט האָט געוואַרט אויף זיי די באַנדע זשורנאַליסטן, פאָטאָ־רעפּאָרטערן, עטלעכע מיידלעך אין הויזן, מיט טיכלעך אויף די קעפּ. זיי האָבן אים אַרומגערינגלט:

— מה קרה, בערעלע?

— מען פאָרט היינט נישט, חברה.

— וואָסי געשען?

— איידער וואָס־ווען, פאַלט צו די נאַכט. ביינאַכט פאָרט מען נישט דורכן נגב... — האָט זיך אַ טאָפּ געטון ביים נאַגאַן אונטער דער וועסט — מאָרגן, אם ירצה השם, כעלות השחר.

די פריילעכע באַנדע איז דאָרט געווען איינקוואַרטירט אין דער אכסניה, אויפן ערשטן שטאָק. מיטן צופאַלן פון אָוונט, האָבן זיך אָנגעצונדן די שוי־פענצטער, די סינעמאַ־רעקלאַמעס, די קאַפייען. ס'איז געווען אַ לעבעדיק געגיי פון יידן, פוילישע, רומענישע, אונגאַרישע, צפון־אַפריקאַנער. די חורבות פון דער קליינער אַראַבישער שטאָט, ווייט אַרויסגערוקט אין דער שממה, זענען פאַר די עטלעכע יאָר געווען אויסגעריכט, איבערגעבויט, באַזעצט. די גאַנצע שטאָט איז באַדעקט געווען מיט בוי־שטעלעס, מיט רושטאַוואַניעס. אומעטום — פריילעכע געזעמלעך, אַקאָרדעאָן־מוזיק, פאַר־בענקטע פאַסטוך־פייפלעך.

באַלד באַגינען האָט מען אַרויסגעריכט. דער סטעפּ האָט זיך אָפּ־געדעקט, פון האָריזאָנט ביז האָריזאָנט, אַ נאַקעטער, מיט פאַרברענטע ווילדע קרייטעכצער אויף דער צעשפּאָלטענער, דורשטיקער ערד. דער שמאָלער פאַס כביש האָט זיך געדרייט אַרויף, אַרויף. ווי אין אַ טומאַן, איז געהאַנגען די אומברחמנותדיקע זון. אפילו די גרויע, פּוכיקע רויב־פייגל זענען געוואָרן זעלטענער, האָבן, ווי די מעוועס נאָך אַ שיף, געלאָזן זיך נאָכן שטויביקן רויכל פון אויטאָבוס. ס'איז געלאָזן געוואָרן אין גאַנג דער ראַדיאָ־הילכער. אין רויש פון דער מאַשין, האָבן אָנגעפּלייצט איינטאָניקע, שלשלת־דיקע אַראַבישע געזאַנגען, מעלאָפּייען. זיי זענען אוודאי געקומען פון איבער די נאָענטע גרענעצן, פון מזרח. דאָס מיידל אין די הויזן, יפה, איז געשפּרונ־גען איבער קני און אַקסלען, צו בערעלע שאָפער. זי האָט דאָרט אויסגעַ־שאַלטעט דעם קאָנטאַקט, פאַרקליבן זיך אין אַ ווינקל אויף די טרעפּלעך און אַריינגעזונגען אין הילכער מיט אַ דין, ציטערדיק שטימעלע. מאָדנע לידער. דעם קאָפּ אָנגעשפּאַרט אין דער ציטערדיקער שויב, האָט אהרן זיי געהערט אין פאַרטראַכטקייט, ווי פון זייער ווייט. לידער וועגן געפונענעם וואַסער... וועגן אַן אייזעלע אויף אַ שמאָלן באַרג־שטעג... וועגן אַ ביסל שאָטן און פרישע רעגן־טראָפּנס אויפן קאָפּ...

ערשט איצט האָט מען זיך געכאַפּט, אַז דער דזשיפּ מיט די דריי סאָלדאַטן באַגלייטן דעם אויטאָבוס דעם גאַנצן וועג פון באר שבע. דער קוילן־וואַרפער, וואָס ווערט ביים לאָזן אים אין גאַנג, געקילט דורכן לופט־שטראָם פון די לעכעלעך אין דער לופע, איז צוגעפּעסטיקט פון פאָרנט. זיי

פליען אין אַ זיג־זאַג, אין שטויב, קוקן זיך אום, מאַכן עפּעס צייכנס צום שאָפער, און פליען ווייטער.

און אָט — ביים זייט כביש שטייט אַ מיידל, אַ סאָלדאַט, מיט אַ ביקס און מיט אַ קינד אין די אָרעמס. דאָס ברעטל דעלעבן מיט דער אויפשריפט: כפר מנוחה, ווייזט מיט דער פייל צום שטעג, צו אַ קליינעם אַאָזיס אין דער וויסטעניש. דאָס מידע אויג פרישט זיך אָפּ מיט אַ גרינעם פלעק — ציפּרעסן, קוסטעס, שטעכיקע סאַברעס, צעשניטענע גערטנער, בייטן. ס׳דרייען זיך וואַסער־שפּריצן; ביידלעך אין שאָטן, אַ וואַסער־טורעם. ס׳מיידל מיט דער ביקס און מיטן קינד אין די אָרעמס. פירט זי נאָך זיך צו די אָפענע טירן אויפן פּלאַץ, צום חדר האוכל.

— די פּאָסט האָסטו געבראַכט? — פרעגט זי ביי בערעלע שאָפער.

אָפּגעשטעקט איר דאָס פּאַקעטל, האָט ער זיך דערווייל אַריינגע־פרייט אין בלאָנדן קינד אויף איר אָרעם, אַ כאַפּ געטון עס אויף די הענט, געהויבן עס אין דער לופטן. ס׳קינד האָט געלאַכט מיטן מילך־ציינדעלע, פאַרגאַנגען זיך. אויף דער וועראַנדע, אין שאָטן פון אַ ציפּרעס, ביי אַ קאַלטן טרונק, צווישן דער פריילעכער חברה, האָט זיך אהרן ווי אויפגע־כאַפּט. סאָלדאַטן און — קינדערלעך. זיי שיידן זיך נישט מיט דער ביקס, מיטן נאַגאַן ביי דער זייט. עקספּערימענטירן דעם באָדן, רייניקן אים אָפּ פון געשטיין, וואַשן דעם זאַמד. די שטיינער צוימען אָרום דאָס באַאַרבעטע שטיקל באָדן. אָן אַאָזיס אין דער מיט פון פאַרשטיינערטע, פאַרקוילטע, אויסגעלאָשענע ווולקאַן־בערג. אַ פּאָר שעפּסן, אַ פּאָר ציגן, אַ קו, אַן אייזעלע, אַ וואַסער־רער, אַ שטיין־בעקן, אַ רעזערוואַר צונויפצוזאַמלען די האַסטיקע ווינטער־רעגנס; אַ שווערלעך לעבן, וואָס גייט אויף מיט ביטערן שוויס, אָבער ווונדערלעך אונטער דער הייסער זון פון נגב. אין אַ זייט פון כביש — אַן איבערגעקערטער סקעלעט פון אַ פאַרברענטן אויטאָקאַר. דאָ איז עס געשען! דאָ זענען זיי, ווי די מייז, געקומען צו־שלייכן פון הינטער די בערגלעך, פון הינטער די פעלדזן, מיט מעסערס צווישן די ציין. טויט, אומקום. און צומאַרגנס זענען ווידער דאָ געלאָפן אויטאָבוסן, דזשיפּן מיט באַוואָפנטע ייִנגלעך. מ׳האָט ווידער פאַראַקערט די אוראַלטע ערד. קיין שום מורא, קיין שום קראַפט שטעלט זיי נישט אָפּ צו פאַראַקערן, אויפצורייסן דעם פּרעהיסטאָרישן באָדן; מיט דער ביקס און מיטן קינד אין די אָרעמס. זיי ווועלן שוין דאָ זיכער פאַרבלייבן.

און בערעלע שאָפער, ביים רעדל, איז אַלץ טיפער אַוועק צום דרום. „דרומה... דרומה...״ — האָט ס׳מיידל אין די הויזן, יפה, אַריינגעזונגען אין הויך־שפּרעכער. ס׳איז נאָך אַלץ געווען גרויסער טאָג. די האַנט פון מענטש איז אַדורך די וויסטעניש — דער גלאַטיקער כביש, די אָפּגעקאַלכטע צע־מענט־פּעסער, די וועג־צייכנס ביי די שאַרפע אָפּריסן, ביי די שאַרפע פאַרדרייען. ס׳האָבן זיך צוריק באַוויזן די פייגל. מ׳האָט שוין דערפילט ציען אַ לינדערן ווינט. דער ים איז געווען נאָענט. מיטן אויפפלאַמען פון די ליכטיקע גרויסע שטערן, האָט מען זיך דערנעענטערט צו דער שטאָט ביים

ים־סוף. רושטאָוואַניעס, סילועטן פון געביייען, באַראַקן, ליכט־רעפלעקטאָרן. דער ים איז געלעגן אין דער נידער, אַ פאַרהוילענער. ביי די הויכע טרעפּ־לעך האָט מען זיך פאַרהאַלטן. ס׳איז געווען די פריילעכע קאַפּע „אופיר״, ביים פּאָרט. בערעלע, מיטן נאַגאַן אין פּאַס, איז אַרומגעשוווּמען צווישן די טישלעך, פריילעך אַרומגעפּלאַפּלט און געטשעפּעט מיט אַלע באַר־מיידלעך. ביידע פול־באַזעצטע זאַלן זענען געשווּמען אין רעש פון מאַט־ראָסן, סאָלדאַטן, פּאָליציי־לייט, פישער, קיבוצניקעס. ס׳איז געזעסן דער מיטלוואָקסיקער, קרעמפּער קאַפּיטאַן פון דער פראַנצויזישער האַנדלס־שיף „לאַ מועט״ (די מעווע). הינטערן פענצטער — אַ הייסע נאָוועמבער־נאַכט, אַן לבנה־סערפּ. מ׳האָט געפילט דעם הייסן ווינט פון מדבריות. אַקאַבאַ, דער יאַרדאַנישער ברעג, איז געלעגן ערגעץ זייער נאָנט, האָט געגליט אין פייערלעך. דער הויכער, רויטער קאַפּע־מאַן הינטערן טומבאַנק, ווי די קאַפּע־לייט אין אַלע פּאָרטן אין דער וועלט, איז אַרומגעלאָפן, מיט זיינע האָריקע הענט אַליין אַראָפּגערוימט פון די טישן, דערלאַנגט און צו־ריקגעלאָפן סודען זיך מיט די משטרה־לייט, צעזעצט אויף די הויכע באַר־זעסלעך, די נאַגאַנעס ביי דער זייט, מיט פאַרשאַרצטע אַרבל, די קעפּי׳ס ווילעריש פאַררוקט איבערן שטערן. זיי האָבן לאַנגזאַם געזופּט פון די קליינע גלעזעלעך און זייטיק אַרומגעבליקט דעם זאַל. דער דזשיפּ זייערער האָט געוואַרט ביי די טרעפּלעך.

פאַרנאַכט איז אהרן ווידער געגאַנגען איבערן שמאָלן, געפלאַסטערטן שטעג פון קיבוץ. די בערג אויפן האָריזאָנט פון מיטעלן נגב זענען געוואָרן ברוינלעך, ווי באַשאָטן מיט בשמים. מער ווי די מידקייט, האָט ער געטראָגן אויף זיך, ווי אַ משא, דאָס שולד־געפיל. וואָס וועט ער איר זאָגן, דבורלען? זי מיינט אוודאי, אַז ער האָט אין זיין לעבן אויפגעטון — כ׳ווייס וואָס, נישט צו באַגרייפן פאַר איר איינפאַכן ווייבערישן שכל. וואָס פאַראַ העלד בין איך דען? זי איז אין דער אמתן מער העלד פון מיר. זי ווייס עס אפילו נישט.

ער איז פאַרביי די ליכטיקע פענצטער פון חדר־האוכל און האָט עפּעס נישט געוואָגט מער איבערצוטרעטן די שוועל, אַוועקצוזעצן זיך עסן פון זייער שווער־פאַרהאָרעוועט ברויט. דורך די זייטיקע סטעזשקעס איז ער אַראָפּ צום צריף. די טיר איז געשטאַנען האַלב־אָפּגעלענט, אָבער קיינער איז אויף דער שוועל נישט געווען, נישט דבורל, נישט דוד. האָט ער זיך שווער אַראָפּגעלאָזן אויפן דאַרן בעטל, ס׳ליכט נישט אָנגעצונדן. הינטער די ווענט איז נאָך אויפגעגאַנגען דאָס פריילעכע גערויש פון די קינדער. אַ מויל־האַרמאָניקע אין טאָל האָט געזעגט דאָס ליד וועגן בלויען כנרת. אַ ווייטע, קיינמאָל נישט געאָנטע בענקשאַפט האָט אים געוואָרגן. ווען דבורל איז אַריין, און אויפגעדרייט דאָס ליכט, האָט זי דערזען אהרנען זיצן, דעם קאָפּ אַריינגענומען צווישן די הענט.

— ווען ביסטו געקומען? אַבי כ'האָב געמיינט... פאַרוואָס ביסטו נישט אַריין אין חדר־האוכל?

— די קינדערלעך שלאָפן שוין? כ'האָב זיי עפּעס מיטגעבראַכט פון אילת.

ער איז געשטאַנען האַלב אומגעדרייט, מיט דער הויכער פּלייצע, צום פענצטער, פאַרוויקלט אין רויך פון סיגאַרעטל אויף זיינע דינע, איינגעפאַלענע ליפּן.

— פאַר נאָך נישט אַוועק, אהרן... — האָט זי אין זיין אומרו דערפילט דעם באַשלוס זיינעם, אַז עפּעס שטיקט אים.

— כ'פאָר נישט... נישטאָ מער וווהין צו פאָרן... ווו איז ערגעץ דוד?

— ער איז היינט אויף שמירה. איז אַוועק נאָכן סטען. ער וועט צוריקזיין האַלבע נאַכט, ביי דער אָפּוועקסלונג.

— אַזוי? מ'היט!... — האָט ער געזאָגט, ווי פאַר זיך.

זי איז אַוועק אין אַנדערן חדרל, פאַרצויגן די פאָרהאַנגען, איז געלאָפן און געברענגט דאָס אָוונט־עסן פון קיך, האָט אויפגעקאָכט אַ גלאָז טיי, אָנגעשטעלט פול דעם טיש און אַלץ נישט געפונען קיין מינוט אַוועקצוזעצן זיך, געשראָקן זיך צו הערן דאָס, פאַר וועלכן זי האָט אַזוי מורא געהאַט. זי איז מיטן טאָג נישט אויסגעקומען; געוואַשן, געראַמט, געלאָפן אין לול, צום קינדער־הויז, אין פעלד. אירע הענט זענען, מידע, געלעגן אויפן טיש. ער האָט פון דער זייט אַ בליק געטון אויף זיינע אייגענע פאַרוויכטע הענט. ברייטע האַנט־פלאַכן. זיי וואָלטן געקענט ציען אַ דראָטווע, פירן אַ הובל, האַלטן אַ רידל. זיי זענען דורך די יאָרן פון וואַלגערן זיך אין תפיסות, אויף פאַרטיי־שליחותן, אין דער פרוכטלאָזער עמיגראַציע, ווייס און אויסגעאיידלט געוואָרן. די דראָטענע ברילן, די פאַרגרויטע שלייפן, נישט פון אַן אינטעליגענט — האָבן גיכער אויסגעגעבן אין אים אַ בעל־מלאכה, איידער אַ פונקציאָנאַר; אַ לעבן אָפּגעוואַלגערט אין די פאַררויכערטע פאַרטיי־לאָקאַלן, אָפּגעוווינט פון פיזישער אַרבעט, האָט עס אים אָבער נאָכאַנאַנד צוריקגעצויגן. ס'לעבן פירט אָפּט אומגעריכט אַוועק אַ מענטש פון דעם אַלעם, צו וועלכן ער איז אין דער אמתן געווען באַרופן. ער געדענקט ס'ערשטע מאָל, ווען מ'האָט אים אָפּגעריסן פון דער שטעפּערמאַשין, האָט ער זיך דערפילט ווי אַ שוואַכער שווימער, ווייט פון ברעג, אין טיפע וואַסערן.

ס'שוועסטערל איז געזעסן קעגנאיבער, די מידע הענט אַנגעלענט. די הענט פון דער מאַמען! — האָט ער זיך געכאַפּט. זי האָט זיך, נעבעך, שטאַרק געפּלעגט צו מאַטערן אין דער אָרעמער באַלעבאַטישקייט, די מאַמע. זיבן מיילער זענען געגאַנגען צום טיש, און פון וואָס, מ'שטיינסגעזאָגט, האָט מען געצויגן די ביטערע חיונה? פון אַ וואַרשטאַטל, פון אַ געוועלבל. ער האָט זיך געפילט פאַרשעמט פאַר די אויסגעהאַרעוועטע הענט. ער האָט זיי אַמאָל פאַראורטיילט, די פשוטע מענטשן פון פאָלק, האָט זיי צוגעקלעפּט אַלערליי עטיקעטן און פראַזן — קליינבירגער... מיטל־קלאַס... נישט־קאַנס־

טרוקטיווע עלעמענטן... אַז זיי מוזן פאַרשווינדן... זיי זענען טאַקע טרויעריק פאַרשוווּנדן! וואָס האָבן זיי דען פאַרלאַנגט, די הענט? זיי האָבן געבענקט נאָך ערלעכער מי.

אין דער צייט, ווען דבורל האָט גאָר געהאַט אַ געפיל אַזוי־ווי צו פאַרענטפערן זיך — כ׳ווייס, קליינע אומאָנגענעמלעכקייטן, פאַרביטערונג איבער נאַרישקייטן. אַזוי איז, אַז מ׳באַגעגנט זיך יעדן טאָג אויף דער זעלבער סטעזשקע, ביי דער זעלבער אַרבעט, ביים זעלביקן טיש אין חדר־האוכל. ס׳איז איר אוודאי אויך נאָכגעגאַנגען די קלעמעניש, ווען ס׳מיידעלע איז דאָ געבוירן געוואָרן און מ׳האָט עס ביי איר באַלד אַוועקגענומען אין קינדער־הויז. פרעמדע הענט האָבן ס׳קינד געוואַשן, אָנגעהאָדעוועט. שפּעטער האָט זי זיך געדרייט הינטער די פענצטער פון קינדער־הויז. זי האָט געהערט די נאַר־וואָס געבוירענע וויינען, און פון אַלע געוויינען, האָט זי אַזוי שטאַרק דערקענט ס׳געוויין פון איר עופהלע. מ׳האָט דאַרט די קינדער געבאָדן, איבערגעטון די העמדעלעך, געלייגט זיי שלאָפן, פאַרוויגט. זי האָט זיך דעמאָלט קוים איינגעבעטן צו אַרבעטן אין קינדער־הויז. זי האָט געוויינט אין די נעכט, און דוד, אָפּגעמאַטערט פון אַ טאָג האַרעוואַניע, איז געלעגן אומגעדרייט צו דער וואַנט. כ׳ווייס, אפשר איז זי עמיצן גראָב־פאַרגעקומען? די קליינע פאַרדרוסן האָבן ערגעץ ווו געגנאַגט ביים האַרץ. פאַרן ברודער אהרן האָט זי זיך געשעמט אַראָפּצורעדן זיך. אהרן... ער האָט אוודאי וויכטיקערע זאַכן אויפן קאָפּ. דער פאַרזיצער פון מזכירות האָט מאָדנע אַ קוק געטון אויף איר, ווען זי האָט אים דערציילט, אַז איר ברודער אהרן איז געקומען.

— אַהאַ, דיין ברודער אהרן... מיר האָבן געהערט... געהערט...

און זי האָט גאָר אויף אַזויפיל נישט געוווּסט. זי האָט אים אָנגעקוקט, ווי צום סאַמע ערשטן מאָל. ער איז געזעסן אומגעדרייט, פאַרקוקט אין דער פינצטערער שויב. זי האָט פּלוצים געהאַט אַ פאַרלאַנג צו פאַרענטפערן זיך. דער אומרו אין איר איז געוואַקסן.

— טרינק, אהרן — האָט זי אים צוגערוקט דאָס אויסגעקילטע גלאָז טיי — כ׳ווייס, אפשר געפעלט דיר נישט ביי אונז... מיר זענען שוין דאָ צוגעוווינט, און די קינדערלעך, זאָלן געזונט זיין... מ׳אַרבעט און — שוין. אוודאי, ווען כ׳וואָלט געוווינט אין שטאָט, וואָלט איך דיר אַנדערש אויפגענומען אין מיין הויז. אָבער מיר פאַרמאָגן גאָרנישט און זענען צופרידן. ווען זאָלסט וויסן ווי ס׳האָט אים געצויגן צו אַזאַ לעבן, דודן...

זיין פּנים האָט אויפגעלויכטן פון צעקרומטן שמייכל:

— פאַרענטפערסט זיך, שוועסטערל... ביסט מיר גאָרנישט שולדיק. פאַרקערט, כ׳בין דיר אפשר אַ סך מער שולדיק. פאַר אַלעם, אפילו פאַרן שטויב אויף מיינע קליידער, פאַר דער סטעזשקע, וואָס פירט צו דיין צריפל, און מיינע פיס טרעטן אויף זיי...

האָט זי זיך דערשראָקן פאַר אַזעלכע רייד:

— מיר זענען פּשוטע לייט... — האָט זי געקוקט אַראָפּ, אין איר

מויל, האַלב־אָפן — דער מאַמעס שיטערע ציינער, צווישן דיקלעכע ליפּן — אפשר געדענקסטו, ווי די מאַמע האָט אונז פּרייטיק פאַרנאַכט געפּלעגט צו צוואָגן די קעפּלעך ?... ווי פאַרהאַרעוועט זי איז נישט געווען אַ גאַנצע וואָך... כ׳האָב דיר נישט דערציילט, ווי די מאַמע איז אומגעקומען... ווען מ׳לאָזט אונז, וואָלטן מיר שוין אַזוי אָפּגעלעבט אין שטעטל. דאָרט זענען געווען קאַרטאָפל־פעלדער, גרינס, אַזויפיל גרינס... דאָ חלשט מען נאָך אַביסל גרינס. מען וואַשט דעם זאַמד, די שטיינדעלעך, ס׳איז אָבער אייגנס...

— מיט פּשוטע ווערטער, האָסטו מיר אַלץ געזאָגט, שוועסטערל — האָט ער טיף פאַרצויגן, זיך פאַרהוסט — האַלטסט מיך פאַר אַ הייליקן אפשר... ביסט הייליקער פון מיר. מיט דיינע אויסגעהאָרעוועטע הענט... דו און דוד... ווען דו ווייסט ווי מיר טוט וויי. אַ גאַנץ לעבן האָב איך גע־זוכט, און דו מיט דודן האָבן עס פּשוט, אָן גריבלענישן, געפונען. כ׳בין אייך מקנא.

— כ׳גיי דיר בעטן ס׳בעט, אהרן... — האָט זי זיך האַסטיק אויפ־געריסן, געלאָפן אין אַנדערן חדרל, ער זאָל נישט דערכאַפּן דעם פייכטן גלאַנץ אין אירע אויגן.

## קאַפּיטל 30

# די ותיקים

און נישט בלויז — בערעלע שאָפער, אַן אייגענער יאָט פון וואַר־שעווער „מורדזשעל״ (מוראַנאָווער ראַיאָן), וואָס האָט אים, אהרנען, אַזוי האַרציק באַגעגנט. אומגעריכט, איז דאָ אויסגעקומען אָנצוטרעפן מענטשן, וואָס ער האָט שוין גאָר לאַנג געהאַט פאַגעסן אין זייער עקזיסטענץ אפילו. אין מוח ביי אים האָבן זיך אַ מיש געטון — שטעט, שטעטלעך, יאַווקעס, פאַראַלן... קאָמישע, טראַגי־קאָמישע סיטואַציעס פון זיין אַמאָליקן אַרומ־שלעפן זיך אונטערוועגנס, מיט באַנען און מיט פויערישע פורלעך, ווען ער איז נאָך געווען אַן „אָקרענגאָוויעץ״, אַ ראַיאָן־פונקציאָנאַר; געוואַלגערט זיך אין כאַטעס, אין שטעלער, אויף בוידעמס, אין געיעג מיט די שפּיצלעס, וואָס האָבן אומעטום געלויערט אויף אים. אויף די אומלעגאַלע דירות, פאַרשטעקט אין הינטער־הויפן, אין וואַרשע, האָט ער זיך אין די לעצטע יאָרן אויפגעהאַלטן ביי אַרונטערגעלאָזענע שטאַרן. ס׳זענען, אין שטרענגס־טער קאָנספּיראַציע, אָפט געשיקט געוואָרן צו אים פאַרבינדונגס־קוריערן פון די פּראָפ. פאַראיינען, אין שייכות מיט פאַרביסענע שטרייקן, פּאַרטיי־„באַיוווקעס״, פון „יידישן ביוראָ״, מיט אַלערליי מיסיעס. אַזויפיל טייערע חברים זענען פאַר דער צייט פאַרשוואונדן, אומגעקומען, אָן אַ שפּור, אָבער

איי‌ניקע האָבן פּאַרט איבערגעלעבט. זיי האָבן דורכגעמאַכט אַלערליי גלגולים, געראַטעוועט דורך נסים דאָס בינטל ביינער אין רוסלאַנד, אין גרויסן כאַאָס, דער עיקר — פון דעם גרויזאַמען יאָר 1937, פון סטאַליניש‌ן ווילדן, משוגענעם טעראָר. און אַט זענען זיי דאָ אומגעריכט קאַפּויער געקומען; טייל זענען שוין דאָ געווען אַלטע תושבים, ותיקים, פון די ערב־מלחמה־יאָרן, אָדער אַריבערגעקומען אַהער מיט דער פּוילישער אַנדערס־אַרמיי פון רוסלאַנד, דורך איראַן; מיט די אומלעגאַלע עולים־שיפלעך, מיטן „עקזאָדוס״. זיי זענען שוין דאָ געזעסן אויף אַלערליי פּאָסטנס און אַמטן.

דער גרעלער, צפורהן, האָט ער נאָך זייער גענוי געדענקט פון עפּעס אַ קאָנספּיראַטיוון צוזאַמענטרעף פון פּראָווינצער טוער; אַ מיידל, אַ ברען, פון אַ קליין שטעטל הינטער ביאַליסטאָק. און אַט איז זי גאָר מגולגל געוואָרן אין לאַנד אין אַ וויכטיקער פּערזאָן, אין „ועד הפועל״, אין מועצת הפועלות, אין דער הסתדרות, אָדער אין „קרעמל״, ווי זיי רופן עס דאָ. זי האָט אים אומגעריכט באַגעגנט אין די לאַנגע קאָרידאָרן, פאַרפּאַלן צו ווערן, ווו ער איז געקומען נאָכפרעגן זיך ביי אַלטע באַקאַנטע, מכוח באַזעצן זיך אין קיבוץ. זי האָט זיך אַ רגע איינגעקוקט אין חבר אהרן, מיט זיין היפּש אויסגעבייסענער שעוועליורע, אינגאַנצן גרוי, און האָט זיך עפּעס מאָדנע וואָרעם צעשמייכלט און אים באַלד אויפן אָרט דערמאָנט:

— שוין יאָרן, אַה?... געדענקט איר כאַטש, חבר אהרן? — האָט זי אים היימיש געגעבן אָנגערופן ביים נאָמען — מילע 23... דאָס בוידעם־שטיבל... געווען צייטן, אַה?... און אַט זענען מיר דאָ קאַפּויער געקומען.

זי האָט זייער שטאַרק פאַרלאַנגט, ער זאָל זיך אַמאָל אַריינכאַפּן צו איר אין הויז. אַזעלכע פאַרבעטעניש‌ן האָט ער געהט פון אַלע זייטן. ער האָט זיי נאָך אַלץ אינטריגירט. זיין פּשוטער „חבר אהרן״, וואָס איז אים נאָכגעגאַנגען. עפּעס האָבן זיי נאָך אַלץ געפּרוווט געוויר צו ווערן ביי אים, נישט אָן אַ ביסל זייטיקן חשד. איין זאַך האָט ער דאָ באַלד געכאַפּט — די קאָאָפּעראַציע, ווי זיי רופן עס, די הסתדרות... ס׳איז צו פאַרשטיין, אַ ניי לענדל, איז ווער עס קומט פריער, באַזעצט אַ וויכטיקן אַמט; און אַז דאָ מוז מען אומבאַדינגט געהערן צו עפּעס אַ חברה, אַ כנופיה, האָבן אָן אָנשפּאַר הינטער די פּלייצעס. זיי רופן עס — די פּאַרטיי. נו יאָ, דער פּאַרטיי־שליסל! די פּאַרטיי פון מאַכט. כאָטש די גאַנצע אידעאָלאָגישע אונטערשיידן זייערע איז שווער געווען אַזוי גענוי צו דעשיפרירן. און ער האָט זיך אַ רגע דערשראָקן — טאַקע כמעט אַזוי ווי דאָרט, אין רוסלאַנד — דאָס פּאַר־טיי־ביכל, דאָס „פּרנסה־ביכל״, ווי זיי האָבן עס שטיל גערופן. קענטלעכע מעטאָדן, כאָטש נישט מיט אַזאַ ווילדער רשעות, נאָר דאָך... עפּעס האָבן זיי זיך פּאַרט אָפּגעלערנט.

דאָס הויז ביי צפורהן, אין דער שטילער, ביימערדיקער גאַס רחוב חובבי ציון, האָט זיך מיט דער צייט פאַרוואַנדלט אין אַ מין סאַלאָן פאַר געקליבענע. אַן ענג אָפּגעשלאָסענער קרייז. דאָס האָט חבר אהרן באַלד דערכאַפּט מיט זיין פאַרשפּיצטן חוש. די באַלעבאָסטע פון הויז איז נאָך

דעמאָלט געווען פאַרכאָפּנדיק מיט איר הויך־אויפגעטורעמטן, העליש־רויטן קאָפּ, ווי געגאָסן פון בראָנדז, ווי אַ שיינער האָן, וואָס טרייסלט מיט זיינע פייערדיקע, פילפאַרביקע פעדערן. זי האָט זיך אויך געוווסט אַנצוטון באַשיידן, אָבער מיט געשמאַק. איר האָבן זייער געקליידט די טונקעלע בלוזעס מיט די אָריענטאַלישע אויסנייעכצן. האָט ווייניק גערעדט, דיסקרעט געשמייכלט. זי האָט אָבער אַלעמאָל געהאַט אַ נייעם „האָבי״, אַ מין ליידנשאַפט, האָט, למשל, גאָר געגומען אונטער אירע פליגל די יונגע ישראל־קונסט, די עקספּערימענטאַלע, וואָס זוכן צו אַנטדעקן דאָס באַזונדערע פון אונזער ישראל־גייסט, ישראל־טיפּאַזש, ישראל־לאַנדשאַפט, און אויך, פאַרשטייט זיך — די אַבסטראַקטע, וואָס האָבן אַזוי פאַרכאַפּט דער יוגנט. דער עיקר טאַקע די ניי־לינקס־געשטימטע. אין הויכן אַמט, אין „ועד הפועל״, צווישן די אַלע טוערס, מאַכערס, שליחים, איז דאָס געווען איר באַזונדער געביט. מוזייען... סובסידיעס... פאַרבינדונגען מיט אויסלאַנד, מיטן וועלט־יידנטום. זי איז טאַקע אויך פון צייט צו צייט געפאָרן קיין איראָפּע, קיין אַמעריקע, אין שייכות מיט קולטור־ענינים. די פּרעסע האָט אָפט דערמאָנט איר נאָמען. די ווענט אין איר הויז זענען באַדעקט געווען מיט בילדער, לייוונטן, אַ געמיש פון אַלע „שולן״, אַלע פאָרמען, אַלע פּאַלעטעס. ס׳האָבן זיך באַזונדער געוואָרפן אין די אויגן די פּאָרטרעטן פון איר גופא, מיטן רויטן, פאַרכאַפּנדיקן, הויך־אויפגעטורעמטן קאָפּ. די ביבליאָטעק־וואַנט איז געווען צו ענג, די מערסטע ביכער — דעדיקירט פון באַרימטע מחברים, קונסט־אַלבומען. געקומען זענען די, וואָס זענען אַלעמאָל צווישן צוויי פליען „צום וועלט־יידנטום״, אָדער אין דיפּלאָמאַטישע מיסיעס. ס׳איז געקומען דער חבר הכנסת, אַ שטיקל שרייער, אַ שטיקל שטאַמלער, אַ שליח פון ועד העולמי. מ׳האָט שטיל געשמועסט, אַז דאָס לאָזט ער שרייבן פאַר זיך די אַלע זייער וויכטיקע מאמרים. דעם מאַן צפורה׳ס, אַ שטילער מענטש, אַן אַגראָנאָם, האָט ער געמאַכט אומגעשיקטע קאָמפּלימענטן, אַז ער ווייסט גאָר אַליין נישט, וואָס פאַראַ שטיק אוצר פאַר אַ ווייב ער פאַרמאָגט. דעם חבר אהרן, וואָס איז דאַ געזעסן אין אַ ווינקל, האָט צפורה עפּעס אַ מורמל געטון אין זיין אויער, און יענער האָט אים פּלוצים אָנגעקוקט מיט חוצפּה און אַ וואָרף געטון:

— ס׳איז צייט, אַז איר אַלע זאָלט זיך לערנען אַ קאַפּיטל ציוניזם...

און ווען דער חבר אהרן האָט אים זייער אומגעריכט געענטפערט:

— וואָס מיינט מען דען ציוניזם אין אונזערע טעג ?... ווייל אַלץ דאַרף אפשר אויפסניי דעפינירט ווערן... — האָט אים אהרן געענטפערט — צי קען מען היינט קומען מיט טענות, פאַרוואָס די מערסטע באַוועגונגען צווישן יידן אין יענע יאָרן האָבן אויסגעקליבן דעם נישט־ציוניסטישן „ציוניזם״ ? אין דער צייט ווען אָרום אונז האָט געברויזט אַ טיף־פאַרוואָרצלט טויזנט־יאָריק יידיש לעבן אין איראָפּע, נאָך אַזויפיל גילגולים פון גוטס און פון שלעכטס, צוזאַמען מיט אַנדערע פעלקער. מ׳קען זאָגן, ווי אין אַ מין רולעטקע־שפּיל, איז געשטעלט געוואָרן אין קאָן אונזער

באַציאָנאַל לעבן, אויף פאַרשיידענע קאָרטן. צי קען מען היינט פאָרוואַרפן די אָדער יענע פאַרטיי, אַז זי איז געווען בלינד און נישט געזען וווהין מיר גייען? דאָס וואָלט אויך געהייסן אַלע יידן אין דער יידישער צעשפרייטקייט באַפעלן, פון היינט אויף מאָרגן, איינפּאַקן די פעקלעך און פאָרן קיין ישראל. די וועלט איז פונדעסטוועגן נישט בלויז כולו חייב. צו פאַראורטיילן די גאַנצע גוישע וועלט איז אַן אַבסורד און איז געפערלעך פאַר ישראל גופא. צי דאַרף דער דעמאַגאָגישער, נישט ערלעכער געשריי: אַנטי־סאָוויעטיזם, פאַראַפראַזירט ווערן, אין אַ נישט ערלעכן געשריי: אַנטי־ישראַליזם? ס'איז אַמאָל געווען אַזאַ מין זאַך, וואָס האָט זיך גערופן קאָמ.־(קאָמוניסטישע) גאווה. צי דאַרף עס פאַרוואַנדלט ווערן אין ציון־(ציוניסטישע) גאווה? סוף כל סוף זענען מיר נישט בעסער און נישט ערגער פון אַנדערע פעלקער...

איז יענער ווי פאַרשטומט געוואָרן און זיך שאַרף אָפּגעדרייט. ער האָט אַלעמאָל אָנגעבערענגט מיט זיך טומל, רעש, געוואַלדיקע פּלענער צו רעאַליזירן. אין קליינעם סאַלאָן, אויף דער נידעריקער סאָפע, ביים נידעריקן טיש, איז מען אין אָוונט געזעסן, געטרונקען שטאַרק־פאַרבריטע, אַראָמאַטישע קאַפע, צוגעזופּט די קליינע גלעזלעך פון זייער פּיקאַנטע אויסלענדישע קאָניאַקן, צוגעביסן עוגה, קליינע קאָטלעטלעך פון הינדיקפלייש, וואָס די באַלעבאָסטע פון הויז האָט מיט אַזויפיל חן סערווירט. דער איבערגעוואַקסענער ייד, אַ ירושלימער געבוירענער, טאַקע אַן אָפּשטאַמיקער פון די אַלטע חובבי ציון, האָט גערעדט אַ היימישן יידיש און איז דערפאַר געווען אַן אָפּטער שליח צום אַמעריקאַנער יידנטום. ער האָט דאָ געהאַט שטילע אַרומרעדענישן מיטן חבר־הכנסת, וואָס האָט גערעדט מיט אַ סך קאָמעצן און — הויכע פראַזן.

— ס'איז צו מערקן — האָט זיך חבר אהרן געכאַפּט — אַז אויך דאָ איז אויסגעוואַקסן אַ באַזונדערער שיכט, אַן אויבערשטער, אַ הערשנדיקער, אַ מאַכט־שיכט, מיט אַלע הינטערקוליסן־אינטריגעס. ס'איז, אמת, אַ גרויסער עול איז געפאַלן אויף זיי מיטן אָנפּליסן פון די עליות.

און דאָ — האַלבע רייד... האַלבע טענער... אָט פליסט אין לאַנד אַריין אַ יידיש־רעדנדיקע עליה. מ'דאַרף זיי אַבסאָרבירן, קליטה, פיזישע און... גייסטיקע. אַ נייע מין ווונטש איז דאָ געווען: „איר זאָלט האָבן אַ לייכטע קליטה"... גאָט מיינער, וויפל פּראָבלעמען דאָס קליינע לענדל פאַרמאָגט אַלץ. מ'דאַרף קענען לאַווירן צווישן די פאַרביסענע, די קנאים. מ'האָט אים דאָ, דעם חבר הכנסת, אַוועקגעשטעלט ביי אַן אָפּשניט, וואָס זעט אויס צו זיין באַזונדערס וויכטיק. דער „פאַרטיי־שליסל", דער אינערלעכער אַפּאַראַט, האָט אים אפילו אַ שטיקל צייט אַוועקגעשטעלט ווי אַ וויצע־מיניסטער פון... פינאַנץ. מ'האָט געמיינט ער טויג צו עפּעס. זיי האָבן איבגיכן איינגעזען, אַז אַ חוץ חוצפה, דאַרף מען זיך אויך קענען אין די ציפערן, האָבן עפּעס אין קאָפּ; און דער זעלבער „פאַרטיי־שליסל" האָט אים געשיקט דאָרט, ווו מ'דאַרף בלויז רעדן. און צו דעם האָט ער זיך טאַקע

בעסער אויסגעטויגט. געמאַכטער פאַטאָס... אַ וואָרף טון די שעוועליורע... שטאַרקע פראַזן. כאַטש אַביסל אונטערגעשטאַמלט...

— וויכטיקע זאַכן דורכצושמועסן... — האָט ער געלאָזן פאַלן — זיי פאַרשאַפן אונז אַ סך זאָרגן. אַ דירה, אַ שטיקל אַנהאַלט, אַביסל ביטוח לאומי, מילא... אָבער די יידן קומען מיט חוצפה...

— זיי זענען אפשר נישט אומגערעכט — האָט זי, צפורה, ווי אַמאָל, געפרוווט אַ שימער טון מיט איר רויטן (צוגעפאַרבטן) קאָפּ אירן — פאַר־געסט נישט, דאָרט איז זייער יידיש וואָרט דערשטיקט געוואָרן. מ׳האָט זיי געקוילעט דערפאַר... וואָס ווילסטו?

ער קייט געשמאַק, די באַקן רויטלען זיך אַזש ביי אים. מ׳איז דע־מאָקראַטן, מען רעדט וועגן סאָציאַליזם. כ׳ווייס, מסתמא שפילן דאָ אַ ראָלע אַלטע ליידנשאַפטן אויך. אפילו אין דער אַנוועזנהייט פון מאַן, דערלויבט ער זיך אַמאָל:

— אַי, צפורה, צפורה... אַ שאָד וואָס מיר זענען נישט כאָטש מיט אַ צוואַנציק יאָר יינגער...

— אייך ליגן נאָך אין זינען אַזעלכע נאַרישקייטן... — לאַכט זי שיין, אַז ס׳מערקן זיך נאָך אירע אַמאָליקע חן־גריבעלעך.

און וויגט זיך אַוועק איבערן קליינעם סאַלאָן אויף אירע שלאַנקע פיס, דעם רויטן קאָפּ הויך איבערן הויכן האַלדז, ווי אַ שיינער האָן. כאָטש די בלויליכע אָדערן אויפן האַלדז זענען זיך בולטער אָן. די מאָסאַזשן ברענגען שוין נישט אַלעמאָל די געהעריקע רעזולטאַטן.

ביי זיך אין סניף איז ער באַלעבאָס. זיי דרייען זיך דאָרט אַלע אַרום אים, אין דער קליינער פאַרטיי־פעסטונג, הינטער אַ שטרענג־אָפּגעשלאָסע־נער טיר, וואָס נישט יעדן איז דערלויבט אַ קלאַפּ צו טון אין איר.

ס׳טרעפט אָבער, אַז אַן אַלטער קיבוצניק, אין קאַלך־פאַרשפריצטע הויזן, אין שווערע שיך, דאָס קאָמישע טעמבעל־מיצל איבער די אויגן, מיט דער צעריבענער טעקע אונטערן אָרעם, פאַרבלאָנדזשעט אַמאָל אין שטאָט אַריין. ער קומט אין סניף, אין דער צענטראַלע, צו דערליידיקן, דורכצו־שמועסן אייניקע וויכטיקע ענינים; און בלייבט דאָרט אומגעריכט, פאַר־אינטריגירט שטיין און קוקט זיך צו — עפעס מאָדנע סאָרט לייט, זעט ער, פאַרען זיך דאָ אַרום אין די ביוראָען, אין די אָפּטיילונגען. זיי קוקן דיר אַן פרעמד. ווער זענען זיי? פון וואַנען האָבן זיי זיך דערנומען? זיי רעדן ברייט, מיט זעלבסט־זיכערקייט, אָבער אַלע קוקן זיי מיט אומרו צו דער פאַרמאַכטער טיר, הינטער וועלכער ס׳זיצט דער שעף, דער כנסת־דעפּוטאַט, דער פאַרשטייער פון איחוד עולמי. ער פליט אַ גאַנץ קיילעכדיק יאָר אַרום איבער לענדער און קאָנטינענטן. ער איז שטענדיק צווישן צוויי אַוויאָנען. אונטער זיין דיקטאַט פירט זיך כמעט אַ גאַנץ מלכות: שליחים, פקידים, אַן אַ שיעור סעקרעטאַרן פון אָפּטיילונגען, אַ וועלט־קאָרעספּאָנדענץ מיט די תפוצות. זייער וויכטיקע ענינים פון חינוך, פון העברעאיזירן דעם גלות. דאָ דרייט זיך אַרום אַן אַנגעלאָפענער ערב־רב ביוראָ־מייז. ס׳הייסט

— גיט דער קיבוצניק מיט די אָפּגעהאַרטעוועטע, פאַרהאָרעוועטע הענט, אַ ווייטן טראַכט — ווי נאָר די־אַ דערשמעקן מאַכט. די הויט ברענט אויף אים. ער האָט נאָך צו דערליידיקן אַזויפיל זאַכן אין שטאָט. ער דאַרף נויטיק צום חבר היינטער דער פאַרהאַקטער טיר, און יענער לאָזט אויף זיך לאַנג וואַרטן. מ׳טרינקט דאָרט טיי. ער איז פאַרנומען מיט זייער וויכ־טיקע אַרומרעדעניש דורכן טעלעפאָן. ווער איז ער, דער ייד, וויל ער וויסן? און ער דערמאָנט זיך — אין שטעטל האָט אַזאַ איינער אַמאָל אוודאי געהאַלטן פאַטעטישע רעדעס, געבערענגט ציטאַטן פון בראַשורן, און דאָ איז ער דעלעגאַט צו וועלט־צוזאַמענפאָרן, איז כולו „וועלט־פּראָבלעמען״, „פאַראייניקונג״, „פּלאַטפאָרמע״, „יסודות, טעזיסן״. ער פאַרשטאַמלט זיך אַביסל, מ׳זאָל זען, ס׳איז נישט זיין שטייגער צו זיין גלאַטיק, באַנאַל. ער דעמיסיאָנירט און לאָזט זיך לאַנג נישט בעטן צוריקצוקומען. ער פּאָרט אין מרחקים, צו ברענגען „דאָס וואָרט פון דער באַוועגונג״. ער ווייסט ווו אַנצוטאַפּן יידן מיט געלט. סיסטעמאַטיש, סאָליד, נישט געכאַפּט. ער האָט זיך אַ ביסל געעלטערט, אָבער נישט געענדערט. דער זעלבער אויגן־פינקל פון אונטער דער דיקלעכער בריל, די זיכערקייט, אַז מען רעפּרעזענטירט „דעם אומפאַרמיידלעכן גאַנג פון דער געשיכטע״. ס׳איז נאָך אַ חידוש — טראַכט דער קיבוצניק — וואָס אין לאַנד ווערן אויפגעטון ממש ווונדערלעכע זאַכן, און דאָ, אין די ביוראָען, אין די אַמטן זיצן אָפּט קליינע, זלאַבנע מענטשן, ביוראָקראַטן, קאַריעריסטן, כיטראַקעס, חונפים. פון וואַנען האָבן זיי זיך צו אונז דערנומען? זיי רינגלען זיך אַרום מיט נאָך אַזעלכע, ווי זיי.

איינער אַזאַ האָט זיך אוודאי נאָך דער מלחמה אומגעקערט פון רוס־לאַנד, און דערשלאָגן זיך צו זיין דער נאָענטסטער פאַרטרויאונג־מענטש פון שעף אַליין, מיט שטילע טריט געדרייט אַרום זיין פאַרמאַכטער טיר. היינטער זיינע פּלייצעס האָט מען געמורמלט. מ׳האָט געמורמלט פאַרשיידנס. אַזוי ווי דער שעף איז אָפּט געווען אויף וועלט־רייזעס, איז דעמאָלט אַלץ געלעגן אין זיין האַנט. כאַטש אַזוי — אַ גאַנץ צוגעלאָזענער, אויסער די אַמט־שעהן, האָט ער זיך געקענט צוזעצן מיט אייך ביי אַ קאַפע, פאַרציען אַ ביליקן „דובק״־סיגאַרעטל, און אומקערן זיך אַלעמאָל צום זעלבן:

— וואָס ווייסט איר דען?!... איר ווייסט דאָ גאָרנישט... אַלע ענקאַ־ווערדיסטן האָבן דאָרט געזען, אַז „דער קעניג איז נאַקעט״, אָבער זיי האָבן אים געלעקט און געחנפעט... אַז אַלע זענען מיר — שפּיאָנען, סאַבאָטאַזשני־קעס... אַז נישט, האָבן זיי אַליין באַדאַרפט אַריינגעוואָרפן ווערן אין דער גרויסער, גרויער מענטשן־אומקום־מאַסע, וואָס האָט געצויגן אין די סטאַ־ליפּין־וואַגאָנעס קיין סיביר...

אָבער אין די אַמט־שעהן קען ער אייך נישט. ער איז האַרט, אומברחמנותדיק. נאָר אָנקוקנדיק דעם חבר אהרן, האָט ער זיך גאָרנישט געקענט אָפּוווּנדערן:

— איר אויך, חבר אהרן... זענט איר אויך געקומען אין „אימפּעריאַ־ליסטיש־קאָלאָניאַלן ישראל״?...

ס'איז געווען פּאַסקודנע שאַדנפרייד אין זיין זאָג. וואָס האָט ער אים דען געהאַט צו ענטפערן דערויף? ווי פאַרשעמט, געבליקט פון אונטער די דראָטענע ברילן. ער האָט אים אַ סך געהאַט וואָס צו ענטפערן, אָבער — נאָכוואָס? אַזעלכע, ווי ער, האָט ער גוט געקענט; האָט זיי אומעטום געזען, די פלינקע יונגעלייט, אונטער אַלע קלימאַטן און רעזשימען. זיי פּאַסן זיך אומעטום שנעל צו און — זענען פון אויבן. דאָ אָבער האָט ער געזוכט אַלע ווייטע צוזאַמענהאַנגען, אין ביטערן קאַמף פאַר עקזיסטענץ, וואָס זיי פירן דאָ.

— מאָדנע — האָט ער זיך אָפּגערופן — פאַרוואָס, וויל איך וויסן, איז דער ציוניזם אַלע יאָרן ביי אונז אַזוי באַקעמפט געוואָרן? ווו ליגט די גרויסע איררעאַציאָנעלע קראַפט אונזערע?

— ס'איז פשוט — האָט יענער ברייט געלאַכט — ווייל נאָכן גרויסן בלוט־אָפּפלוס, האָבן זיך אַלע פּאָטענציעלע פאָלקס־כוחות צוזאַמענגעגאָסן.

— דער שלעכט־אויסגעטייטשטער ציוניזם — אויך ביי ציוניסטן גופא. האָט דאָך יעדע ריכטונג פאַרט געהאַט איר באַרעכטיקטע לאָגיק פון דער „לייזונג". ס'הייסט איר „ציוניזם"...

חבר אהרן איז נאָך דעמאָלט גרייט געווען אַלץ צו באַרעכטיקן. וואָס זיי האָבן דאָ אַלץ באַוויזן אויפצוטון! ס'איז פאַרט דער אָפּשפּראָץ פון יענע געזונטע, פּראָסטע, גוטמוטיקע, ערלעכע יידן, פון ליטע, פון פוילן, פון ווייסרוסלאַנד; די געזונטע וואַלד־העקערס און פליטן־טרייבערס פון ווייסרוסלאַנד; די שטאַרקע, קנאָכיקע יידן פון די פּאָליעסער בלאָטיקע מקומות, די גוטמוטיקע, פּראָסטלעכע עמי־הארצים פון אוקראַינע און בעסעראַביע; די פלינקע מאַרק־הענדלער, גאַרבערס, סעדער־יידן פון קרוין־פוילן; די כיטרע יידן אין די רבנישע קאַפּעלאַטשן פון גאַליציע. וויפל כוח, ענערגיע די אַלע יידן האָבן דאָרט געלאָזן הינטער זיך. אָט דער אָפּשפּראָץ פון פאָלק, דאָס יונגוואַרג, האָט זיך אַ וואָרף געטון צום זאַמדיקן, פאַרשטייניקטן שטיקל באָדן. אויסגעטון פון זיך די אינערציע פון קאַלטע ווינטערס, מילדע זומערס און — געוואָרן אָריענטאַליער, אין דער וויסטע פון נגב, ביי די ברעגן פון די וואַרעמע ימען, אין דער לופט, אין די טיפע מקורות־ברונעמער, צו זוכן אַ טראָפּן וואַסער, אַ טראָפּן נאַפט, אַ ביסל שאָטן פון אַ פאַרפּלאַנצטן בוים. זיי וויגן זיך מיט קרומע פיס פון מאַטראָסן אויף די שיפן, אין שיפלעך פון פישפאַנג, איבער די ווייטע אָקעאַנען.

— ס'איז אפשר מער ווי ציוניזם — איז דער חבר אהרן געקומען צום אויספיר — אין אַ וועלט, ווו די פעלקער־עקספּלאָזיע רוקט זיך אָן אויפן האָריזאָנט, ווי אַ פינצטערע כמאַרע, ווען צוויי־דריטל פון דער מענטשהייט הונגערט, דאַרף מען זיין גרייט צו פאַרטיידיקן זיך. ווייל די עקספּלאָזיע פון פעלקער־מאַסן איז אפשר דער תוך פון אַלץ, איבער אַלע פּאָליטישע אידעאָלאָגיעס. צו אַזאַ אויספיר מוז מען אפשר קומען. ס'איז דער קאָסמישער קאַמף אין דער נאַטור, צווישן צמחים און באַשעפענישן, צווישן ווירוסן און קעמערלעך, פאַר אַ ברעקל זון און שפּייז. דאָס קלענסטע שטויבע־

לע פון דער מאַטעריע, דער קלענסטער זאַמען, וואָס אַרבעט אין דער פינצטער, אין דער שטיל פון אוראַלט, פון דער פּרעהיסטאָריע, איז נענטער צו דער נאַטור און קלוגער פונם מענטש, מיט אַלע זיינע קאַלקולאַציעס. ווייל די וואָס האָבן איבערגעלעבט די שווידערלעכע פאַר יאָר אין רוסלאַנד — האָט ער זיך געכאַפּט — האָבן צובאַקומען, קען מען זאָגן, אַ נייעם, זיבעטן חוש, אַן אינסטינקט, אפילו צו טרעטן אויף טויט און אויף לעבעדיק. זיי זענען מיטגעשלעפּט געוואָרן מיטן שטראָם פון דער אומלעגאַלער עליה, אין די אַלטע שיפלעך, צו די ארץ ישראל־ברעגן. זיי האָבן געזען דעם מענטש אומעטום — אין געטאָ... אויף יענער זייט בוג, אין ביאַליסטאָק... אין הונגעריקן רוסישן קאַלכאָז... אין נייעם פּוילן... פון קעלץ־פּאָגראָמען. אין די דייטשע פּליטים־לאַגערן. מ׳איז געוואָרן צו אַלעם סקעפּטיש. דער עיקר, זיי האָבן איבערגעלעבט. דאָ האָט מען זיך צוערשט געוואַלגערט אין די בתי־עולים. הינטער די דינע ווענטלעך פון צריף האָט גערוישט דער כביש פון שווערע לאַסט־וועגן מיטן שארית־הפליטה־יונגוואַרג. זיי האָבן נאָך געטראָגן צעקנייטשטע ציווילע בגדים, קאַפּעלושן, אפילו קראַוואַטן. אונטער אָט דעם בלויען הימל איז ווידער געהאָנגען די געפאַר אומצוקומען. דאָרט איז געווען — דער נאַצי, דער פּאָליאַק, וואָס טראָגט אַ מעסער אונ־טער דער פּאָלע. פון דאַנען — האָבן זיי אַלע געוווסט — רירט מען זיך שוין נישט!

ס׳איז געווען אין דער לופט. עפּעס ענלעכס ווי אין דער ווייטער אַמעריקאַנער „ווועסט״, ווהין אַוואַנטוריסטן זענען געלאָפן זוכן גאָלד־גרובן, נאַפט־גרובן, ווו ריזיקע שטעט זענען אויפגעשטאַנען איבער נאַכט, ביי די גאָלד־אָדערן. קאַלאַנען, קאַוובאָיען. ס׳האָט דאָ נאָר געפעלט דאָס ווילדע פערד, דער נאַגאַן ביי דער זייט און דאָס בייטשל. אין די קליינע קאַפּייען אויפן הירקון האָט זיך געראַיעט אַן אַנגעלאָפענער עולם. ס׳האָבן זיך דאָרט אויפגעמאַכט פאַרדעכטיקע, האַלב־נאַכטיקע באַרן, מיט רויט, פאַרשטעלט ליכט. די משטרה־קעטשלעך זענען דאָרט אומגעריכט געטון אַ פאַר־אָן. אַ גערויש, אַ באַוועגונג, ווי אין אַ מיליאָנען־שטאָט.

ס׳איז אויך געווען באַלד צו דערכאַפּן די פלינקע יונגעלייט. זיי זענען געלאָפן מיט די טעקעס אונטערן אָרעם, אין זייער מויל — אַ פרעמדער, האַרטלעכער עברית, מיט די נאָז־קלאַנגען, ותיקים, אויף זי־כערע פּאָסטנס. מילא, זיי האָבן זיך אַרויסגעוויזן פאַר די קלוגערע. אַזוי קלוג האָט מען נישט געקענט זיין. מ׳האָט אַמאָל געקוקט אויף זיי מיט ביטול. זיי האָבן געלעבט עפּעס אַ נישט־דאָ׳איק לעבן, גערעדט מיט שווע־רע, ווייטע, פרעמדע ווערטער. אפילו די „התקוה״ האָט געקלונגען אין די אויערן, ווי אַ לידל פון ביליקן עקסטאַז.

אימה, גרויל האָבן אונז מיט איין מאָל וואַך געמאַכט. הייסט עס, אַז די וואָרענונגען, וואָס זענען ווי פאַרבייגעלאָפן דורכן אויער, זענען נישט געווען סתם אַזוי. דאָ איבעראַשט מען מער קיינעם נישט. דאָ דאַרף מען זיך אַליין פאַרטיידיקן, אַנישט ווערט מען צעריבן אונטער די פיס. אַלע

שיינע טעאָריעס, אַלע שיינע דיסקוסיעס פון דאָרט, פון אַמאָל, פאַלן זיך דאָ פאַנאַנדער אין שטויב. דאָ גייען אַרום מענטשן, נאַקעטע, אָן אַ נעכטן. זיי האָבן געלאָזן הינטער זיך פאַרברענטע הימען, פאַרברענטע בריקן. קיין איין פאָרט האָט זיי אין ערגעץ נישט געלאָזן פאַראַנקערן. זיי גייען דאָ אַרום אויפן האַרטן, פעלזיקן, זאַמדיקן באָדן. זיי זוכן אַ ביסל שאָטן אין דער ברענענדיקער היץ, אַ דאַך איבערן קאָפּ. ס׳איז ווילדער, פּרע־היסטאָרישער, אוראַלטער קאַמף פאַר זיין, פאַר אַ נאָרע, פאַר אַ ביסל וואַסער, פאַר שפּייז, פאַר אַ זי.

ווידער לויפן אין דער וועלט אַריין... — האָט אהרן קיל באַטראַכט — ניין, ס׳איז נישט געווען מער פאַר זיינע כוחות, און אוודאי נישט פאַר זיין שוועכער געמיט.

## קאַפּיטל 31

# אַ נאַכט פון חג הכרמים

אַזוי פאַרוווּנדערט, אויפגערודערט איז דאַניעל דעמאַלט שטיינ־געבליבן, פאַרשעמט — פאַר זיך אַליין; און דאָ לאָזן זיי אים גאָר אַזוי פּשוט אַוועקגיין, נאָך דער דיסקרעטער, כמעט פריינטלעכער אויספאָרשונג; אַלץ צוליבן נאַרישן, כיטרן פאַריזער מיידל אַרלעט. זי האָט נישט געוווּסט, אַז מערדער שיקן איר? וועמען איז זי געגאַנגען אומברענגען? צוליב וואָס פאַראַ פאַלשע לאָזונגען? אָבער די לייט דאָ — ווו שטעקט פאָרט זייער פלעגמאַטישער, אָבער מאָדנער כוח, צו טרעטן אַזוי זיכער, רואיק און פעסט אויף אָט דער פאַרברענטער ערד?

אויך דאָס איז אים באַשערט געווען. ווי אַ בלינדע האַנט וואָלט אים אַנגענומען און געפירט ביז אַהער: קום און זע אַליין... וווהין גייסטו, דאַניעל?... — האָט ער זיך צום ערשטן מאָל אַ פרעג געטון. דאָס האָט אים יגאל באַלד דערנאָך אַ רוף געטון צום דזשיפּ און זיי זענען געפאָרן. אויפן גאַנצן וועג האָבן זיי מער קיין איין וואָרט נישט אויסגערעדט, יע־דער איינער פאַרטון אין זיינע מחשבות. די צייטונגען, האָט אים יגאל פריער באַוויזן, זענען פול מיט דער אויספאָרשונג פון די דיווערסאַנטן, און מיטן פראַנצויזישן מיידל, וואָס האָט אַריינגעשמוגלט אויפרייס־מאַטע־ריאַל. די געריכט־געביידע איז געווען באַלאַגערט פון מענטשן און פון אַ פאַרשטאַרקטער פּאָליציי־וואַך. מ׳האָט געשריגן: „אַ חרפה!״. זשור־נאַליסטן, ראַדיאָ־און טעלעוויזיע־פאָטאָגראַפן. עטלעכע „מצפן״־לייט האָבן געטיילט בלעטלעך, אַז די רעגירונג זוכט צו ליקווידירן די לינקע אָרגאַ־ניזאַציעס. אין לעצטן מאָמענט האָט אים יגאל אַריינגעשטופּט אין האַנט

עפּעס אַ פּאַפּירל און די וואָך האָט זיי דורכגעלאָזן. אין נישט גרויסן זאַל האָט מען די באַשולדיקטע אַריינגעפירט דורך אַ זייטיקער טיר. דריי אַראַ־בער, אַ צעשראָקן יידיש יינגל. דערנאָך האָט דאַניעל פּלוצים דערזען צווישן זיי — אַרלעטן. אַ בלייכע, די אויגן רויט־פאַרשוואָלן, מיטן אָפּגעצויגענעם גרעקל, ווי דאָרט, אין די קאַפּייען אויפן סען־מישעל. ער האָט געוואָלט אַ געשריי טון, נאָר ס׳געשריי איז אים שטעקן־געבליבן אין האַלדז. ער האָט זיך אַראָפּגעלאָזן, פאַרשטעלט פון פּלייצעס. ער האָט זיך געשעמט. אים האָט זיך געדוכט, אַז אַלע קוקן אין זיין זייט. זי צינדט אָן איין סיגאַרעטל נאָכן אַנדערן, שלינגט איין גיריק דעם רויך. די אַראַבער — דערצויגענע אין ישראל — סטודענטן פון ירושלימער אוניווערזיטעט; אַזעלכע דרייען זיך אויך דאָרט אַרום, אויפן סען־מישעל; זיי גריזשען, ווי ווערים, צווישן דער אָנגעלאָפענער רעוואָלטירטער יוגנט, וואָס קען אונז נישט און וויל אונז נישט קענען; אפילו די, וואָס קומען אַרויס פון אונזער אייגענער אויס־געוואָרצלטער אָרעמקייט, ווי דאָס מיידעלע אַני. די געריכט־פאַרהאַנדלונ־גען זענען פּראָצעדוראַלע. דער פּראָקוראָר פאָדערט דערוויל פאַרלענגערן דעם אַרעסט. דער באַשולדיקונג־אַקט גיט איבער פּרטים, וואָס שוידערן אויף. דווקא דאָס יידישע יינגל האָט „אונטערגענומען אָן אַקציע, וואָס זאָל ברענגען אַ רעוואָלוציאָנערע ענדערונג פון רעזשים״... די אונטערערדי־שע מאַרקסיסטישע אָרגאַניזאַציע... זיי שעמען זיך גאָרנישט מיט אַזאַ ביי־ליקער פּראַזעאָלאָגיע, וואָס איז שוין אומעטום אויסגעלאַכט. דורך גריכנ־לאַנד, איז ער אַריבער קיין סיריע, און דאָרט האָט מען אים אויסגעבילדעט דורכצופירן דיווערסיע־אַקטן, געאיבט זיך צו באַנוצן אויפרייס־מאַטעריאַל אויף באַזעס פון צה״ל; האָבן באַקומען אָנווייזונגען, אָפּגערעדטע צייכנס אין ראַדיאָ פון דמשק, אין דער ענגלישער אוידיציע, וועגן פאַרשטעקן געווער און אַמוניציע...

ס׳האָט זיך אויפגעשטעלט די פאַרטיידיקערין, אַ קליינע, זשוואַווע פרוי, אַ מיטגליד פון רק״ח. זי דערקלערט צוערשט, אַז זי האָט ליב איר פאָטערלאַנד, ישראל, אָבער זי גלויבט נישט אין ציוניזם. דאָס פאַרטיידיקט זי דעם יידישן בחור, וואָס האָט צוליב „פּאַציפיסטישע״ מאָטיוון, זיך אָפּ־געזאָגט צו דינען אין דער „אָקופּאַציע־אַרמיי״ פון ישראל... ישראל, זאָגט זי, דאַרף פאַרלאָזן אַלע שטחים. ביי איר זענען די אַראַבער נישט קיין דיווערסאַנטן, נאָר „ווידערשטענדלער״.

— מיר טאָרן זיך נישט פאַרגלייכן — רופט זי אויס — צו דער בריטישער מאַנדאַט־מאַכט, וואָס האָט געהאַנגען אצ״ל־קעמפער...

— אָבער אצ״ל האָט נישט געמאָרדעט קיין פרויען און קינדער... — ענטפערט איר שאַרף דער ריכטער.

זי האָט רויטלעכע קאַשטאַן־האָר, געפלעגטע, אונטערגעפירט די בלויע אויגן, אָנגעטון עלעגאַנט. רעדט פּערפעקט העברעאיש און אַראַביש. זי ברענגט אַלעמען אַרויס פון געדולד, גייט אויף די נערוון מיט אירע גלאַטע, געשיקטע ריידעלעך.

דאַניעל האָט זיך פאַרשטעלט דאָס פּנים מיט די הענט און אַ גרויסע חרפּה האָט געברענט אין זיין לייב. ער האָט געזוכט יגאלן לעבן זיך, אָבער ער איז פּלוצים מער נישט געווען. האָט ער זיך אויפגעהויבן און זייטיק אַרויסגעשאַרט זיך פון געריכט־זאַל. אין דער בלענדיקייט פון טאָג, האָט ער נישט געזען פאַר זיך מער וווהין צו גיין. אויפן טראָטואַר, פאַר אים, האָט אַ יונגע מאַמע געפירט אַ קינדער־וועגעלע. ס׳קינד האָט געלאַכט מיטן מילך־ציינדעלע, מיט די חן־גריבעלעך אין פולן פּנימל. ער האָט דער יונגער מוטער מיטן קינדער־וועגעלע לאַנג און פאַרטראַכט נאָכגעקוקט, און האָט זיך קעגן זיי אויך געפילט פאַרשולדיקט.

אַרומגעדרייט זיך אין תל־אביב, אַרום די קאַפייען אויף רחוב דיזנגוף, איז ער אומגעריכט, מיט צופאַלן פון אָוונט, אַריינגעפאַלן אויף דער אויסשטעלונג „נאַקעטקייט״ אין קינסטלער־הויז, רחוב אלחריזי. אויף דער נידעריקער עסטראַדע, אין פּסיכאָדעלישע ליכט־עפעקטן — נאַקעטע מיידלעך, אין באַגלייטונג פון עלעקטראָנישער מוזיק. מאָלער, סקולפּטאָרן. די ווענט באַדעקט מיט עקסטראַוואַגאַנטע און אַבסטראַקטע לייוונטן. לייט פון דער באָהעמע, ווילד־פאַרוואַקסענע, אויך עטלעכע מיטל־יאָריקע פרויען, אין — מיני־קליידלעך, אין הויזן. דאָס זענען לייט, האָט מען אים געזאָגט, פון „העין השלישית״, דאָס דריטע אויג. אויף דער נידעריקער עסטראַדע האָבן זיך באַוועגט דריי נאַקעטע מיידלעך, אין אַן עקסטאַטישן, אימפּראָוויזירטן בויך־טאַנץ, אין די ליכט־עפעקטן פון פאַרביקע פּראָזשעקטאָרן, וואָס זענען געפאַלן פון היגטער פאַרהוילענע ווענטלעך. איינע פון די מיידלעך איז געבראַכט געוואָרן ווי אַ „קרבן״, אין סימבאָלישע תכריכים פון... טואַלעט־פּאַפּיר. אַ פאַרשיכורנדיקער ריח האָט זיך געטראָגן איבערן ענגן זאַל. פיגאַל? פּאַלי בערזשער? עפּעס אַ ביליקע נאָכמאַכונג. וואָס זוכן זיי אויך דאָ, די יוגנט, אין דער באַנאַלער סטיליזאַציע פון די דעגענערירטע וועלט־שטעט?...

און דאַניעל האָט זיך אויפגעהויבן און איז צום לעצטן מאָל אַוועק צום קיבוץ אין נגב, מיט עפּעס אַ פאַרשאַרפטן שולד־געפיל. ער האָט זיך אויסגעמישט אויף דער תחנה מרכזית, צווישן המונים, ס׳איז געווען עפּעס אַ קריגעריי צווישן די שוואַרצע איראַקישע שאָפערן פון די „שירותים״. צוריקגעטרייסלט האָט ער זיך אין אַ פאַרנאַכט אין האַלב־ליידיקן אויטאָבוס אַהין, ווו עס ציען זיך די פעדים צום חבר אהרן. אָבער דער שאָטן פון יגאלן, פונם לאַכנדיקן, דיסקרעטן מיידל אין די בלודזשינס, מיטן געקרויזטן קאָפּ פון אַ שעפּס, האָט ער דאָ כסדר געפילט ערגעץ אַרום זיך. דאָס קראַנקע געוויסן האָט געמאַטערט. אויב ער לעבט נאָך דאָ ערגעץ, דער חבר אהרן... אַ שטורמיש לעבן אָפּגערוישט, און צו וואָס פאַראַ אויספירן איז ער לסוף געקומען? ס׳איז אים נאָכגעגאַנגען די בענקשאַפט פון יענע בעלווילער געסלעך אין פּאַריז, פון יענע פּרעהיסטאָרישע יינגליאָרן, אין זיין צעטראָגן לעבן, צווישן אָנגעלאָפּענעם יידישן עמיגראַנטן־עולם אויסגעוואָרצלטע, פאַרשטעקטע אינם קוואַרטאַל פון די בלינדע

האַטעלעכלעך, וואָס ווערן אַראָפּגערוימט, האַלטן אין פאַרשווינדן. נאָר דער חבר אהרן וועט אים אפשר קענען דאָס אַלץ באַשיידן, אין דעם אומגעריכטן פּלאָנטער, אין וועלכן ער האָט זיך דערזען.

ער איז געזעסן צוגעקלעפּט צו דער שויב פון אויטאָבוס און פאַרן פאַרנעפּלטן בליק האָט זיך אויפגעוויקלט די וויסטע, וואָס הייבט דאָ און דאָרט אָן צו בליען מיט גרינע אָאַזיסן דורך די הענט פון מדבר־פּיאָנערן. אַ נייער בראשית. געצעלטן, וואַסער־רעזערוואָרן, אַ טראַקטאָר, אַ יאַגד־הונט, אַ קליין אייזעלע. זיי שלאָגן דאָ וואָרצלען. דער צוטריט־וועג איבער תהומען און בערג איז דורכגעבראָכן געוואָרן. ס׳רוישט אַ בולדאָזער און הייבט אויף וואָלקנס שטויב. ער ענדערט די ריכטונג פון נחל, דאָס רעגן־וואַסער זאָל ווינטער־צייט נישט פאַרשווענקען די באַאַרבעטע פעלדער. ס׳קומט אַרויס אַ יונג מיידל און קלאַפּט אין גאָנג. עס לויפן אָן מיט אַ געלעכטער ס׳יונגוואַרג. זיי קערן זיך אום פון די פעלדער. זיי נעמען אַראָפּ די ערשטע גערעטעניש. די איינטאָניקע שממה־וויסטעניש ענדערט די קאָלירן. אויסגעגלייכט דעם באָדן, איז די ערד איבערגעשווענקט געוואָרן פון גרויסן עודף זאַלץ. מ׳האָט אפילו געבראַכט פּרוקטבאַרע ערד פון וויטן צפון. די שטאַרקע ווינטערדיקע זון, אונטער פּלאַסטיק־צודעקן, גיט מער גערעטעניש מיט ווייניק וואַסער. גרינע פלעקן אין אַ ים פון גרויע און געלע זאַמדן. בייטן בלומען, גראָז־טעפּיכער, טראַטואַרן, טייטלבוים־פּלאַנטאַציעס, יונגע פּאַלמעס. ס׳זענען דאָ אין די נעכט געקומען די שונאים פון די קעגנאיבערדיקע מואב־בערג און די פּאַטרולן פון צה״ל האָבן זיי פאַרטריבן. דאָס פריילעכע פּלאַפּלען פון די קינדערלעך, שוין דאָ געבוירענע, אַרום שווימבאַסיין, פּלוסקען זיך, ווי קאַטשקעלעך, אין וואַסער. די פאַרוואַקסענע נח׳לניקעס, וואָס האָבן פאַרענדיקט זייער מיליטער־דינסט, מיידלעך אין הויזן, האָבן זיך פאַרקליבן אויפן בערגל מיטן אָפּגעהאַקטן שפּיץ. זיי זענען אַנטלאָפן פון די פאַררויכערטע פּאַלוציע־שטעט. אויפן אָפּגעהאַקטן „קאָפּ״ פון באַרג, זיצט דער ישוב. זיי האָבן אויסגעגלייכט דעם שטח, דורכגעבראָכן אַ וועג. פריער איז דאָ אָפן און פריי געווען פאַר דיווערסאַנטן פון נאָענטן עזה. ס׳איז רואיקער געוואָרן. פון אָדלער־נעסט אויפן שפּיץ באַרג ווערט באַוואַכט דער שאָסיי. אַרום — אַ גרינער טעפּיך מעלאָנען, קוקורוזע, פערסיקעס, מאַנגאָ. דער נחל, דער ווינטער־טייך, איז פול מיט רעגן־וואַסער. ער פּלייצט מיט אַ געוואַלטיקער קראַפט, צעשטערט דעם כביש. האָבן זיי אויפגעשטעלט דאַמבעס קעגן דער באָדן־עראָזיע, קעגן די ווינטן, אַרום די באַאַרבעטע פעלדער זענען געפּלאַנצט געוואָרן טאַמאַריסקן־אַלייען, אויף די בערג־אַראָפּהאַנגען, צווישן די קרייד־שטיינער.

— קוקט נישט אויף זייער אויסערלעכן אויסזען — האָט איינער, אַ באַברילטער, לעבן אים, זעט אויס, דערכאַפּט דאַניעלס פאַרוואונדערט־אויפגעריסענע בליקן — די ענערגיע פון דער רעוואָלטירטער יוגנט האָט דאָ געפונען אַ פּראָדוקטיוון אָפּלייטער. זיי בויען, זיי עקספּערימענטירן. זיי האָבן שוין די ערשטע קעלבעלעך, געבוירן דאָ אין די שטעלער. ס׳זע־

נען שוין דאָ געבוירן געוואָרן יידישע עופהלעך. וועגן יונגע ביימלעך רעדן זיי מיטן זעלבן ציטער, ווי די יוגנט אין שטאָט — וועגן אַן אייגענעם אויטאָ....

און דאַניעל האָט זיך מער נישט געפילט אַזוי איינזאַם, פאַרוואָרפן אין אַ מדבר, כאָטש ווי ווייט דאָס אויג גרייכט, איז נאָך אַלץ וויסטער לבנה־פּייזאַזש. די נייע וועגן פירן ווייט אַראָפּ, ביז צו דער ים־בּוכטע אופירה, דאָס לעגענדאַרע אופיר, פון וואַנען שלמה המלך און חירם, מלך צור, האָבן פון ווייטע מדינות געבראַכט גאָלד, זילבער, העלפאַנטביין, טייערע קרייטעכצער, פּאַפּוגייען. ס׳ריזלען אַנטדעקטע און נאָך נישט־אַנטדעקטע קוואַלן — טאָלן, וואַדיס, ווילדע פיאָרדן. זעלטן־ווען — אַ בעדואינער־געצעלט. די ברייט־צעגאָסענע דעלטאַ פון גרעסטן ווינטער־טייך, וואַדי וואַטיר, קומט פון די הויכע בערג פון סיני. דאָס וואַסער קומט אַן מיטאַמאָל, פלוצים, רייסט מיט אַלץ, וואָס עס טרעפט אויפן וועג. זיי האָבן אויסגעגראָבן אַ שוץ־קאַנאַל, אויפצונעמען די וואַסערן פון די בערג. די לייט, אַלטע קיבוצניקעס, מיט געניטער פּראַקטיק אין דער לאַנדווירטשאַפט, האָבן דאָרט אויפגעבויט אַן אכסניה אויפן וועג. ווי אַלץ וואָלט דאָ טאַקע געוווען ביי זיי — לעגענדע.

דאַניעל האָט ביי דער פאַרדאַרפישטער קרובה, דבורל, טאַקע דע־מאָלט אַ פרעג געטון וועגן חבר אהרן. זי איז אים עפּעס נאָנט געוואָרן מיט איר פשטות.

— ער קומט אַמאָל אויף אַ יום טוב — האָט זי געהויבן מיט די אַקסלען — און ער האָט, דאַכט זיך, דערזען אַ טרער אין איר אויג — ווי ער וואָלט דאָ גאָרנישט געוואָלט אָנרירן ביי אונז... אַזאַ מענטש איז ער... האַלט זיך ערגעץ אויף אין שטאָט...

און נאָך האָט זי אים דערציילט — עפּעס אַ פרוי פון פּאַריז... וועגן דער חתונה אין קיבוץ פון פּאַריזער מיידעלע מאַניק. צי איז עס נישט אַמאָל ס׳בלאָנדע מיידעלע מאַניק, וואָס ער האָט זי נאָך געדענקט פון זייער גרויסן יידן־הויף אויף רי דע טירען? זי איז, דוכט זיך, גאָרנישט קיין יידישע. אַזוי האָט מען דעמאָלט געמורמלט. ווי קומט עס?...

ער איז געזעסן צוגעשפּאַרט צו דער שויב, געזען פאַרבייפליען די קליינע ישובים, איינגעטונקט אין גרינס, אין מיטן דער וויסטעניש, וואָס האָט זיך אָפּגעדעקט ווייט ביזן האָריזאָנט. אַנטלויפן... — האָט אים אַלץ געמאַטערט דער ספק — צי קען מען דען פון זיך אַליין אַנטלויפן? אָט דערציילן זיי וועגן דעם זקן, דעם פאַרבלאָנדזשעטן מדבר־נביא. האָט זיך אָפּגעשלאָסן אין האָריץ פון נגב, און חלומט דאָרט, אין התבודדות, דעם חלום פון אַ לעבן אויף אָט דער פאַרברענטער ערד. עפּעס חזרט זיך דאָ איבער אין זייער אוראַלטער געשיכטע: די שממה, די וויסטעניש, וואָס וועט זיך אָנגיסן מיט אַ ניי, שעפעריש לעבן. אַ ניי פאָלק וועט דאָרט רוישן אויף די געמאַרקן. ער האָט אויפגעמאַכט די אויגן און געזען די פּרע־היסטאָרישע וויסטעניש; פונקט ווי ער איז אַנומלטן אַליין געלעגן אין

ביידל, צופוסנס פון באַרג מצדה, און געפּיבערט פון אינערלעכן פיבער. דער זקן האָט אַריבערגעקוקט זיין דור — אַ וויזיאָנער? אַן אַסקעט? נישט וויכטיק זענען אפשר זיינע אויפגעבלאָזענע פראַזן. אַ מיטלוווקסיקער, אַ פעסטער, ווי אַן אַלטער וואָרצל. זיינע אַלע ערדישע פּגימות וועלן זי־כער געמינערט ווערן, ווען ער וועט מיט זיינע טיפע וואָרצלען אריינוואַקסן אין דער געשיכטע. ער האָט געגרינדעט די „מדרשה", די אַקאַדעמיע אין דער מיט פון מדבר; צעקריגט און צעריסן מיט אַ וועלט; און אָט זענען זיי אַנומלטן געקומען צו אים, די מדינה־לייט, אין העליקאָפּטערס, און אים געזאָגט: „מיר גייען אין דיין ליכט". און געלאָזן נאָך אַמאָל פאַרלייענען פון מאַגנעטאָפאָן־באַנד די היסטאָרישע אומאָפּהענגיקייט־דעקלאַראַציע אין תל־אביבער מוזיי, אין 1948, זיין באַפעל צו גרינדן דעם צה"ל. די חכמת, די פרוי־מיניסטער, האָט געהויבן איר כוס. ס'איז געווען בצהרים, אין דער ברענענדיקער מיטן־טאָג־היץ, אין זיין באַראַק. דער שאַרפער פּאָלעמיסט, עמיצנס שטענדיקער באַקעמפער, האָט געזשמורעט די היפּשע ברעמען, ווי ער וואָלט שוין געשטאַנען אויפן געשיכטלעכן אָלימפּ: „ווער עס זעט נישט די משיחישע וויזיע פון גאולה, ווי אַן עקסקלוזיוון צענטער פון פאָלק, זעט נישט דעם פונדאַמענטאַלן אמת פון אונזער געשיכטע, דעם ווינקל־שטיין פון דער נאַציע. מ'דיסקוטירט צי איז די מדינה די שאַפונג פון עולים, אָדער פון ציוניסטן; גיכער איז עס אַ שותפות מיטן פאַרשעמטן, אויסגעקוילעטן פאָלק, פון גאַנצן פאָלק; ווייל בנוגע די איבעריקע ווערטן פון יידישקייט, איז נאָך, ווער ווייס אויף ווי לאַנג, דאָס פאָלק צעטיילט און צעשפּאָלטן. די מדינה איז נאָך ווייט פון דער גאולה־וויזיע. זי האָט געלייזט געוויסע פּראָבלעמען און — באַשאַפן נייע. די שכנים וועלן אַזוי גיך נישט מסכים זיין מיט אונזער עקזיסטענץ, אָבער קיין אַנדער עקזיס־טענץ פאַרמאָגן מיר נישט".

דאָס איז געווען די וויזיע פון זקן אין דער מיט פון מדבר, דאָרט, ווו יאָרהונדערטער איז געווען פוסט און וויסט. אַ געמיש פון שטאַטסמאַן, נביא, מלך און... פאַנטאַזיאָר. ער דיאַלאָגירט מיט זיך, אפילו מיט... משה רבינו, מיט דוד המלך, מיט די ביטערע נביאים, וואָס האָבן זיך דאָ פאַר־צייטנס אין זייערע אָפּגעשליסענע נזירישע כאַלאַטן אַרומגעדרייט אויף די געמאַרקן, צווישן די פישער און טעפער פון גליל, און געוואָרפן פייער־דיקע רייד; ער קריגט זיך מיט זיי נישט ווי אַ היסטאָריקער, נאָר ווי מיט בני־דור.

מ'האָט פונדעסטוועגן באַדאַרפט צו פאַרמאָגן זייער אַ סך מוט — האָט זיך דאַניעל לסוף געזאָגט — אויפצוהייבן זיך און אַנטלויפן פון דער גאַנצער אייראָפּעאישער ציוויליזאַציע, פון באַקוועמלעכקייטן, צוריק אין מדבר אַריין. ס'איז גערעגנגל — מיט זיך אַליין. ווער וויסט אָבער וווהין די נייע טראַנספאָרמאַציע וועט זיי דאָ דערפירן? אַ לענדל פון אומגעו־ווינלעכע, עפּעס אומרעאַלע פּראָפּאָרציעס. מ'דערפילט זיך פּלוצים ענג, אַרומגערינגלט. ס'איז מסתמא נישט אַזוי פּשוט אין זייער באַוווסטזיין, אין

זייערע דינסטע פילונגען, נאָכדעם, ווי זיי האָבן צוגעזען דעם אומקום פון פאָלק. און אפשר דאַרף מען אויך דעם היינטיקן מענטש דערזען אין אָט די נייע דימענסיעס? ווער, למשל, וואָלט זיך גאָר פריער געקענט פאָרשטעלן דעם מענטש אין די דימענסיעס — פון אוישוויץ? פון די אומקום־לאַגערן, אין די קאַלטע, צפונדיקע סיבירער טייגעס? היינט וייסן מיר עס שוין, מיט דער גאַנצער ברוטאַלער וואָר, און מיר מוזן אַלץ דער־זען אין אָט דעם ליכט, אין שיין פון נייע, מאַרגנדיקע קאַטאַסטראָפעס, וואָס קענען אונטערקומען; אין דער הונגעריקער מענטשן־עקספּלאָזיע פון מאַסן, וואָס קומען פון די טיפענישן פון אַזיע. מאַסן־פאַרפלייצונגען, וואָס קענען פאַרגיסן קאָנטינענטן. ס׳איז אפשר אַ סך, אַ סך מער ווי די רעוואָ־לוציעס, ווייל דאָס האָבן דאָך באַפעלקערונג־עקספּלאָזיעס געפאָרמט די געשיכטע. אוישוויץ איז אפשר — אין אונז גופא. ווי אַזוי באַהאַלטן זיך אויס, ערגעץ אין די פינצטערע לאַבירינטן פון אונזערע מוח־קעמערל׳עך, פון היגטערבאַוווסטזיין, אַזעלכע שוידער־און גרויל־בילדער, און לאָזן אונז נישט שלאָפן אין די נעכט פון קאָשמאַר־חלומות? איך בין דאָרט נישט געוועזן, טאָ פון וואַנען דער פינצטערער קאָשמאַר, די אַנגסט? דאָס אַלץ איז אין באַוווסטזיין פון דער יידישערווירקלעכקייט: מ׳דערפילט זיך פלוצים הערמעטיש פאַרמאַכט, אַרומגעשטעלט מיט ס.ס.־מערדער. באַלד וועט מען די בלייכע, צעשראָקענע מענטשן־סקעלעטן פירן צו די גאַז־קאַמערן, צו די קרעמאַטאָריעס. אָפּגעגאָסן אין אַנגסטן־שווייס, רייסט מען זיך אויף — ווי אַזוי קריגט מען זיך אַרויס פון הערמעטיש־פאַרמאַכטן רינג?... אוישוויץ, הייסט עס, זיצט אין אונז גופא. און ער האָט זיך ווי־דער דערמאָנט די רייד פון יגאלן, דעם יונגן אינזשיניער, צופוסנס פון באַרג מצדה: „וויפל פּראָבלעמען מיר ענטפערן איבער דעם נייעם דור! ווי וועלן זיי זיך אָן עצה געבן? מיר זענען דער דור פון — אָדער־אָדער. צו אַזאַ עקסטרעם זענען מיר דערפירט געוואָרן אין דער ערע פון אוישוויץ, פון די אומקום־לאַגערן אין סיביר, פון פּאָלוציע, פון אַטאָם־קאַטאַס־טראָפעס”...

ער איז אָפּגעשטיגן פון לײדיקלעכן אויטאָבוס לעבן פאַרדראָטעוועטן טויער, וואָס ווערט אָפּגעשלאָסן מיטן צופאַלן פון דער נאַכט. די עלעקטרי־זירטע דראָט־פאַרצוימונגען ווערן געהיטן פון די שומרים ביז אין דער פרי, אין מיטן פון וויסטן מדבר. ער האָט זיך פלוצים געפרעגט, מיט וואָס פאַראַ עקשנות אויך די ביימער קלאַמערן זיך דאָ אין דעם וויסטן, זאַמדיקן באָדן, קריכן טיפער מיט זייערע וואָרצלען, ווען צו די ווינטער־רעגנס איז נאָך אַזוי ווייט. ער האָט שוין דערקענט דאָס פאַרדרייטע, אויסגעטראָטענע סטעזשקעלע. און איידער די טונקלקייט איז אַראָפּגעפאַלן, האָט ער גע־שפּאַנט צום צריף מיטן גאַניקל, הינטער די צעגראָבענע קאַנאַלן, אָדער אָקאָפּעס, צווישן די אונטערערדישע בעטאָן־בונקערס. עזה איז אַ טריט פון דאַנען. מ׳פילט נאָך דאָ אַלץ — פראָנט. דאָרט, אויפן האָריזאָנט, וווּ ס׳לייכטן די פייערלעך, איז אַ וואַנט פון שנאה. די עטלעכע אָנהאַלט־פונקטן

אַרום עזה־פּאַס — צעוואָרפן אויף די וואַנדערנדיקע זאַמד־דיונעס, צווישן טיפע ראָוועס און בערגלעך. אין די אַנהאַלט־פּונקטן קלאַמערן זיי זיך איין אין דער ערד. ביימער צוימען די וואַנדערנדיקע זאַמד־דיונעס, צו „סטאַביליזירן" די באַאַרבעטע פעלדער, זאַלץ־קוסטעס, ווי פּאַשע פּאַר די שאָף־סטאַדעס.

דאַניעל איז באַדאַכט, מיט לאַנגזאַמע טריט, אַוועק צום גאַניק, באַהאַנגען מיט ווילד־צעבליטע, אויפגעפלאַמטע, געל־רויטע בעכער־בלומען, וואָס ער האָט אין איראַפּע קיינמאָל אַזעלכע נישט געזען. זי האָט זיך געפרייט, דבורל, געלאָפן ברענגען קאַפע אין קליינע טעפּעלעך, און אַנדערציילט זיך, פאַרפלאַמט, וועגן די צען יונגע פּאַרלעך, ווי וועגן אייגענע קינדער, וואָס מ׳וועט זיי דאָ, אם ירצה השם, שבת־צונאַכטס מיט מזל פירן צו דער חופּה.

— מיר האָבן זיי באַזאָרגט מיט אַלעם גוטן... — האָט זי דערציילט, ווי וועגן אייגענע קינדער — נישט אַזוי ווי מיר, ווען מיר זענען דאָ אַראָפּגעקומען, אין דער וויסטעניש, אויפן נאַקעטן פעלדז און געשעכטיקט אין די ביידלעך, צווישן געוואַי פון שאַקאַלן...

צו דער חתונה איז אויך אַראָפּגעקומען פון פּאַריז די מומע פונם מיידעלע מאַניק, אַ געעלטערטע פרוי מיט אַן אויסגעברענטן נומער פון אוישוויץ אויפן אָרעם. זי האָט אַליין צוגעזען, ווי מ׳האָט דאָרט, נעבעך, יידישע קינדערלעך געפירט צו דער שחיטה. אין פּאַריז האָט זי צוגעזען ווי מ׳האָט אַ טייער יידיש קינד געפירט צו דער שמד. און דעמאָלט האָט זי, מיט עפּעס אַ טונקל, אומהיימלעך געפיל, פאַרשטאַנען, אַז מ׳דאַרף זען וואָס שנעלער צו ראַטעווען דאָס מיידעלע. די אויסגעלאַשענע פרוי איז געזעסן ביי די מחותנים אויפן גאַניק און אירע מידע הענט האָבן גערוט אין איר שוים. וואָס האָט זי דען געהאַט צו דערציילן?

— כ׳האָב אָפּגעראַטעוועט אַ יידיש קינד — האָט זי דערציילט — נאָך אַזאַ גרויסן אומגליק, וואָס האָט זיך אַראָפּגעלאָזן אויף אונזערע קעפּ... און מ׳פירט אַלץ יידישע קינדער צום שמד...

— ס׳איז אייער קינד? — האָט מען זי געפרעגט.

— מיינס... — האָט זי פאַרהאַקט די ליפּן — כ׳האָב עס אויסגעהאָדעוועט...

מאַדגע... זיין אייגענעם ברודערס מיידעלע פאַני, האָט חתונה געהאַט אין קלויסטער... און ער האָט באַדאַרפט פאַרבלאָנדזשען אַהער, כדי זיך עס צו דערוויסן. דאָס בלאָנדע מיידעלע מאַניק איז געגאַנגען צוזאַמען מיט מאַריסעס מיידעלע פאַני אין ליצעי. ס׳זענען, דערמאָנט ער זיך, ביים ברייטן איינפאַר־טויער אָפּט אויסגעוואַקסן די יונגעלייט מיט די קרום־פאַרשניטענע פּיאות, מיט די שויבערס, און האָבן די מיידעלעך אַרויפגענומען אויפן הינטערשטן זיץ פון מאָטאָציקל. די מיידעלעך האָבן געקוויטשעט, געלאַכט, איינגעקלאַמערט זיך מיט ביידע הענט אין די צעוואַקסענע יונגעלייט אין די לעדער־וועסטן; דער מאָטאָציקל האָט זיך, מיט אַ וויסט גע־

ברום, האַסטיק אַ ריס געטון פון אַרט און אַ פלי געגעבן אַראָפּ־גאַס. ער האָט געקוקט אויף דער פרוי און זיך שווערלעך דערמאָנט. איינזאַמע מענטשן אין דעם הויז האָבן געוויינלעך אַ קאַץ, אַ הונט, מיט אַזאַ צערטלעכקייט, ווי קינדער. גייען יעדן טאָג איינקויפן אין דער יאַטקע אַ שטיקל פלייש, פירן דאָס הינטל צוויי מאָל אין טאָג, אין דער פרי און פאַרנאַכט, אויפן שפּאַציר, צו מאַכן די באַדערפעניש ביים עק טראָטואַר. דאָס קאַרליק־הינטל אויף די נידעריקע פיסלעך, ווי אַן אַרומגעשווירן שפּעסל, מיטן ראָזן סטענגעלע אויפן העלדזל, קוקן זיי אין די פאַרוואָסערטע אייגעלעך, ווען ס׳פאַרהייבט אַ פיסל ביים בוים; לויפן צום וועטערינאַר, ווען ס׳פילט זיך עפּעס נישט מיט אַלעמען. אָפט רעדן זיך דורך די פרויען אויף די שוועלן:

— מיין באַבי האָט פון נעכטן אָן גאָרנישט גענומען צום מויל... ס׳מעגעלע איז אים עפּעס קאַליע...

— אַ רחמנות, כ׳לעבן... — באַדויערט די שכנה — אַרעמער נוגו...

אַצינד האָט זיך דאַניעל געגנוי דערמאָנט די געעלטערטע יידישע פרוי, אַ שטאָק נידעריקער. זי האָט קיין הינטלעך, אָדער קיין קעץ, נישט געהאָוועט. ס׳האָט געטראָפן, אַז זי האָט פאַרבייגייענדיק, אַ גלעט געטון דאָס קעפּל פון אַ קינד, וואָס איז אין דער פרי צערויטלט געלאָפן איבער די טרעפּ אין שול אַריין. קיין אייגן קינד האָט זי דעמאָלט נישט געהאַט. קיין מאַן — אויך נישט. דער מאַן מיטן קינד, האָט מען דערציילט, זענען אַוועק מיט די פלאַמען אין אוישוויץ. נאָר איינמאָל, סוף זומער, האָט זי זיך אומגעקערט און געפירט אַ קינד ביי אַ הענטל. מ׳האָט פלוצים דערהערט פון אינעווייניק פלאַפלען, וויינען, לאַכן דאָס קליינע, ראָזע, פּוכיקע מיידעלע מאַניק. זי האָט איר יעדן פרימאָרגן געפירט ביי אַ הענטל אין פרעבל־שול דערלעבן, צוזאַמען מיט אַלע מאַמעס פון הויף. פון אַ זייטיקן איינגאַנג, ביי מאַריסן, האָט זיך אויפגעמאַכט די טיר און די מוטער האָט געפירט איר קליין, שוואַרץ מיידעלע פאַני ביים הענטל. אינם הויז האָט מען געמורמלט פאַרשידנס, אַז ס׳מיידעלע מאַניק איז גאָרנישט אירס, אַז זי האָט עס אַדאָפּטירט, אַרויסגענומען עס פון אַן אַנשטאַלט פון יידישע יתומים, פון דעפּאָרטירטע עלטערן.

די קינדער האָבן זיך צוזאַמען געשפּילט, געגאַנגען צוזאַמען אין שולע; און איידער מ׳האָט זיך אַרומגעקוקט, האָבן זיך די בלוזקעלעך ביי די מיידעלעך גענומען ווינטלען חנוודיק איבער דער יונגער ברוסט. די קליינע, בלאָנדע מאַניק האָט פאַרהילכט דאָס שטיבל מיט איר קלינגענדיק קול, מיט איר לאַכן. די מיידעלעך האָבן זיך, פון זיך אַליין, אויסגעלערנט גיין אויף די הויכע קנאַפּל, דעם געטאַקטן, איידעלן, געשיקטן גאַנג, וואָס נאָר, דוכט זיך, פאַריזער פרויען ווייסן דעם סוד פון אַזאַ גיין. אוי, ווי די קליינע פאַני האָט גיריק נאָכגעקוקט מיט אירע בוימלדיק־צעגלאַנצטע אייגעלעך, ווי מ׳האָט די דרייצניאָריקע קינדער, אָנגעטון אין ווייסן, מיט וועלאָנען, ווי קליינע כלות, די ייִנגלעך — אין שטייפע אָנצוגן, ווי חתנים,

אין שיינעם חודש מאַי, אין אַ זונטיק אין דער פרי, געפירט זיי אין אַ פּראָצעסיע אין דער קירכע פון „הייליקן אַנאַסטאַז“, באַלד דערלעבן. אָבער די חברטע אירע, מאַניק, האָט געלאַכט מיט עפּעס אַ צו־להכעיסדיק געלעכטער פון די אויפגעבלאָזענע צערעמאָניעס. ס׳ווייב מאַריסעס האָט טיילמאָל ביים טיש געפּרוווט אַ רעד טון מיטן מאַן, אַז די קליינע, פאַני, איז שוין מער נישט קיין קינד, מ׳וואָלט אפשר דער קליינער באַדאַרפט צווייזן עפּעס, כ׳וויס... כאָטש אַ קריש יידישקייט.

— זי וואַקסט, אויף מיין וואָרט, אַ ריכטיקע שיקסע... כאָטש טו זי אָן אין אַ חופּה־קלייד און פיר זי צום „קאָמיניאָן“ אין קלויסטער אַריין...

ווי דאָס האַרץ וואָלט איר אָבער עפּעס פאַראויסגעזאָגט. דער ברודער דאַניעלס, דער צעקאָכטער קאָנפעקציאָנער מאַריס, פון רי דע טירען, האָט זיך דאָרט אויסגעלאַכט פון די אַלע שמאָנצעס, געגראָבלט צווישן די ציין מיטן ציין־שטעכער, נאָכן זאַטן מיטאָג, דערזופט אַ שלוק ווייַן, בראַנדיק־צערויטלט. וואָס זי דרייט דאָרט אַ קאָפּ, די יידענע? וויכטיקערע זאַכן ליגן אויף זיין קאָפּ.

— וואָסי, כ׳זאָל איר אפשר שיקן אין חדר אַריין?... זי וועט, מערטשעם, קריגן אַ יידישן חתן, אויב ס׳גייט דיר אַזוי שטאַרק אין לעבן...

ערשט ווי לאַנג, אַז ביידע מיידעלעך זענען געגאַנגען צוזאַמען אין ליצײ, אַרומגעטומלט מיט די יינגלעך אין דער ראַגאַווער קאַפע־טאַבאַק; דאָרט, וווּ מ׳וואָרפט אַריין אַ מטבע אין שפּיל־קאַסטן און ס׳קומט אַרויף אַ פּלאַטע מיט די סענטימענטאַלע לידלעך פון פּאַריזער ברוק, די שאַנסאָניערן, די פּאָפּ־מוזיק, די יע־יע־לידלעך, אָדער פון עדיט פּיאַף, באַרבאַראַ, מירעי מאַטיע. אין אַנדערן קאַסטן, באַלייגט פון די צעקאָכטע יונגעלייט, זענען אַרומגעשפּרונגען צאַפּל־מענטשעלעך און געקאַפּעט אין מעטאַלענעם באַלעם, און ס׳טאַנצן פון אויבן, צינדן און לעשן זיך עלעקטרישע לעמפּלעך מיט ציפערן, ווער ס׳האָט אָנגעצויגן מער. די בלאָנדע מאַניק איז זיך געזעסן ביים טישל, געזופט דורך אַ שטרויעלע פּרוכטן־זאַפט; פאַרלייגט אַ פוס אויף אַ פוס, האָט זי געלאָזן דעם רויך פון אַראָמאַטישן סיגאַרעטל צווישן די פולע ליפּן, און געלאַכט עפּעס אַ העל, פויעריש געלעכטער. אַלע האָבן זיי באַלאַגערט איר טישל. און פאַני, מיטן בוימלדיקן אַפּגלאַנץ אין אירע שוואַרצע אויגן, האָט זיך געהאַלטן אין אַ זייט, געוואַרט, אַז דאָס יינגל אַנדריי זאָל זיך צוזעצן לעבן איר. ס׳בלייבע, פאַרביסענע יינגל איז איר לאַנג און שטום נאָכגעגאַנגען מיט עפּעס אַן אומבאַוווסטער עקשנות. מאַניקן האָט עס גאַרנישט געאַרט. היינט האָט זי געפלירטעוועט מיט איינעם, מאָרגן — מיט אַן אַנדערן. אַ מילך־בלאָנדע, אַ ראָזע, אויף אַ הויכן האַלדז, אויף צוויי שלאַנקע פיס, וואָס האָבן אונטערגעטענצלט. עפּעס אַ פרעמדע פלאַנץ צווישן יידן אויף רי דע טירען. עפּעס אַ נישט־יידישע רואיקייט, אַ פויערישע, אַ געלאַסענע, און אַ ווילדע ענערגיע, ווייל אין הויז האָט אַלץ געברענט אונטער אירע הענט. און מיטן שיינעם פּיסק האָט זי געמאַלן, אפילו — אין יידיש. אויסגעפירט האָט אָבער מאַריס

טעכטערל, ס׳שוואַרצע, ס׳אומרואיקע, ווי אַ וועוועריקל. זי האָט זיך איינגעשפּאַרט מ׳זאָל דווקא אויפנעמען אין הויז דאָס פראַנצויזישע יינגל, אַ בלייכן, אַ פאַרביסענעם, אַ שווייגער. דערנאָך — מ׳זאָל זיך גיין אַדורכרעדן מיט זיינע עלטערן, מסיע און מאַדאַם לאַבאָרד. ווייל יענע, זיי איז אויך נישט אַזוי לייכט געווען אויפן האַרצן, נישט אַזוי שטאַרק אָנגעשטאַנען דער שידוך. זיי האָבן געטענהט, אפילו זייער זאַכלעך: „מיינט נישט, אַז פאַר אונז איז עס אַזאַ לייכט פּראָבלעם... גוט, די קינדער האָבן זיך ליב... אויב חתונה האָבן, איז — אין דער קירכע. אַזוי פירט זיך ביי אונז אין דער משפּחה״... און דעמאָלט האָט ס׳קליינע מיידעלע פּלוצים געעפנט אַ גרויס מויל:

— כ׳וויל נישט... — האָט זי געטופּעט מיט די פיס — זי איז „זשאַלו״, מאַניק... ס׳הייסט אייפערזיכטיק...

און האָט געוויינט, און איז אַנטלאָפן אָפּצושליסן זיך אין איר צימער. אין דער הייליקער וואָך פון „פּאַסכאַ״ האָט מען ס׳שוואַרצע יידישע מיידעלע פאַני געפירט צו דער חופּה אין קירכע; און מאָריס, דאַניעלס ברודער, דער צעקאָכטער קאָנפעקציאָנער, האָט, ווי מ׳רופט עס — „אין שטרענגער משפּחה־אינטימיטעט״, געפירט זיין בת־יחידה צו דער חופּה אין אַ קליין, פאַרוואָרפן פּאַראַפיע־קלויסטערל, ערגעץ אין דער פּראָווינץ, וויט פון יידישע האַנדלס־געגנטן אַרום רעפּובליק, אַרום בעלוויל, אַרום „פּלעצל״. ס׳איז געווען פייערלעכע אָרגל־מוזיק, גרויסע ליכט האָבן געברענט אין האַלב־טונקעלען חלל. זיי האָבן געהערט איבער זיך דאָס פּרעפּלען, די נאָז־קלאַנגען, דאָס פרעמדע געזאַנג, צוזאַמען מיטן כאָר פון יונגע שטימעלעך, אונטערן היכל. הינטער די שטאַכעטן, אויף די שטולן מיט די הויכע אָנלענס, זענען פייערלעך געווען פאַנאַנדערגעזעצט ביידע אָפּגעפרעמדטע משפּחות, קרובים; דער באַאַמטער פון לאָקאַלן פּאָסטאַמט, מסיע וויניע מיט זיין פרוי, אַן אָפּגעבליאַקעוועטע בלאָנדינקע מיט הייס־פּאַרפּודערטע באַקן; דערלעבן — זייערע צוויי קליינע מיידעלעך, מיט רויט־פאַרקאַטערטע נעזלעך, אין ווייסע קעלנערלעך פון פיי אַרום זייערע דינע העלדזלעך, זייער סטאַטעטשנע, ווי פּופּעס. באַלד דערלעבן — מאָריס, זיין אָפּגעמאַטערט יידיש ווייבל. זיי זענען דאָרט געזעסן פאַראייגזאַמט, אָן שום משפּחה, פריינט, קרובים. מאָריס איז פּלוצים געווען איינגעשרומפּן, איינגעהויקערט; און ס׳ווייב ביי זיין זייט האָט געהאַט די מראה פון חלשות...

טאַקע באַלד דערנאָך האָט די שטילע פרוי, די שכנה, געכאַפּט און אַוועקגעשיקט ס׳מיידעלע מאַניק מיט דער עלית הנוער. אַזוי האָט זי דערציילט, די פרוי מיטן אויסגעברענטן נומער פון אוישוויץ אויפן אָרעם. „צי מיינט איר נישט — האָט זי זיך צולעצט אָפּגערופן? — אַז אויך דאָס איז אונזער טרויעריקער גורל?״. מאַניק, ס׳בלאָנדע שיקסעוואַטע מיידעלע מאַניק, וואָס איז צוזאַמען מיט אַ גאַנצער גרופּע פון „עלית הנוער״, געברענגט געוואָרן אין קיבוץ אַריין, איז — איידער וואָס־ווען — פאַרקנסט

געוואָרן צום שיינעם, שטאָלטנעם בחור, ווי נאָר ער האָט זיך אַראָפּגעיאָ־וועט אויף אַ פּאָר טעג חופש פון זיין טאַנקן־אָפּטיילונג אין צה״ל. ס׳איז אויפגעגאַנגען די גרויסע שמחה, די צוגרייטונגען, צוזאַמען מיט נאָך אַ צענדליק פּאָרלעך, אין שבת נחמו, ווי נאָר די גרויסע שטערן אין הימל פון נגב וועלן אויפלויכטן, צו פירן זיי צו דער קאָלעקטיווער חופה. ס׳איז געווען עפּעס אַ גאַנצע געטועניש מיטן ראַבינאַט, מיטן נאָכפאָרשן, אויס־פרעגן, ביז מ׳האָט דאָס פּאָרל באַוויליקט מסדר קידושין צו זיין כדת משה וישראל. ס׳הימל־געשריי איז דערגאַנגען אַזש ביזן רבנות הארשית. ס׳איז טאַקע אַביסל אַ חידוש געווען אויך, אַז מ׳האָט זי אַנגעקוקט, דער כלה מאַניק, מיט איר בלאָנדן, ליכטיקן קאָפּ אויפן שלאַנקן האלדז. נאָר וואָס איז דען די נפקא־מינה?

אַזוי זענען אין פאַרוואָרפענעם קיבוץ, ביים עזה־פּאַס, אויפגעגאַנגען די אומפאַרגעסלעכע אילומינירטע נעכט. אַן ערך טויזנט בחורים און מיידלעך זענען זיך צונויפגעקומען צום „חג הכרמים״. אויטאָבוסן מיט יונגוואַרג, חיילים. עס זענען אויפגעטרעטן גרופּעס פון די אַרומיקע קיבוצים. דער אַלטער ביבלישער „חג הכרמים״ איז אָרגאַניזירט געוואָרן דורך דער עליה און אַבסאָרבציע־אָפּטיילונג ביי דער סוכנות, דעם אָרטיקן ראַט און דעם ועד הפועל פון דער הסתדרות, אין ט״ו באב, לזכר די צייטן, ווען טעכטער פון ישראל זענען אַרויסגעגאַנגען טאַנצן אין די וויינגערטנער, און בחורים האָבן זיי אויסגעכאַפּט. דער „חג הכרמים״ איז זיך אויך צונויפגעפאַלן מיט דער פייערונג צום 20־יאָריקן יובל פון קיבוץ, מיט דער צערעמאָניע פון וויינטרויבן־שניט. ס׳איז געווען אַ מאַסן־פּיקניק אויף די גראָז־טעפּיכער, אַ מאַסן־פרייד, צו פירן אונטער דער חופה צען יונגע יידישע פּאָרפּעלקער.

און אויך דאַניעל האָט זיך דאָרט אַרומגעדרייט צווישן זיי, אַ פרעמ־דער, צווישן אַזויפיל פרייד פון די פּשוטע אַרבעטס־לייט. ער האָט מיט־אַמאָל דערפילט איבער זיך — ווידער אַזויפיל פּראָבלעמען אויף זיין קאָפּ. ער האָט עס אָבער פאַרשטאַנען, דערפילט — ס׳איז געווען די פאַרקנסונג פון אַט די יונגע קינדער מיט דער ערד פון נגב. ער האָט לאַנג געבלאָנדזשעט איבער די זייטיקע אַלייען, האָט זיך דאָ ערגעץ אַראָפּגעלאָזן אויף אַ באַנק פון געפלאָכטענע צווייגן. דער חדר־האוכל איז געשטאַנען אַן אויפגעלויכטע־נער. דער גאַנצער פייערלעכער טומל דאָרט איז פאַרשטעלט געווען דורך דיווילד־צעוואַקסענע אַקאַציע, ריצין און לאָטאָס־ביימער, וואָס פאַרהאַלטן אין מדבר די זאַמד־שטורעמס, די זאַמד־עראָזיעס, פעסטיקן דעם באָדן. ס׳האָבן זיך פון דאָרט געטראָגן מאָדנע קלענטלעכע, פאַרשטיקטע מעלאָדיעס, אַלטע, אוראַלטע. ווו האָט ער זיי דען אַמאָל געהערט? אָדער אין שטוב ביי זיי, ווען ר׳איז נאָך געווען אַ קינד, אָדער — פון דער קאַפע אויפן בולוואַר בעלוויל ביי זשאַק וואַרשעווער, די יידישע קאַפע „דאָס ליכט פון בעל־וויל״. זיי האָבן דאָרט אין די שטיקנדיקע זומער־נעכט, איבער דער פול־באַזעצטער טעראַסע מיט יידן און יידענעס, פריש־אַנגעלאָפענע עמיגראַנטן,

געפלעגט צו לאָזן שפּילן אינעווייניק פּלאַטעס פון חזנישע שטיקלעך פון גרשון סיראָטע, קוואַרטין, יאָסעלע ראָזענבלאַט. וואָס האָט ער דען גע־ווּוסט פון דעם אַלעמען? ס׳פאַלק פאַרטראָגט אומעטום מיט זיך זייער לשון, זייער געזאַנג, זייערע מאכלים, זייער אופן פון לעבן, פון קריגן זיך, פון פרייען זיך. טאָ איז וואָס? טאָרן זיי נישט? און די מאַמע זיינע? אָ, זי האָט קיין נחת נישט דערלעבט פונם אייניקל פאַני. נאָכן אומגעריכטן אומגליק מיט מאָריס טעכטערל, איז זי פון טאָג צו טאָג איינגעגאַנגען. זי האָט זיך אָפּגעשלאָסן אין איר קיכל, איז מער נישט אַריין דאָרט אין די וואַלקנדיקע שטיבן, ווו ס׳האָט געדרושט די אַטעליע, און מאָריס, אַ צעקאָכטער איז אַריינגעפאַלן — די מאָדעלער... די קאַלירן... איר קלענער־געוואָרן טויבן־קעפּל האָט געציטערט אין דער ברייט. זי האָט געפילט אַז די וועלט אירע גייט אונטער. אַלע זענען זיי אַוועק פון איר.

און אויפן האָריזאָנט האָבן שאַרף, דראָענדיק געלויכטן, געמיניעט זיך, ווי פייער־פליגעלעך, די ווייטע ליכטער פון דער פיינטלעכער שטאָט עזה. אין זיינע אויגן, אין דאַניעלס, איז עס פּלוצים געוווען — עפּעס סימבאָלישס — די פאַרקנסונג פון יונגע יידישע קינדער מיט דער וויסטער ערד פון נגב, וואָס נעמט אויפלעבן. ס׳איז אים עפּעס מאָדנע קלאָר גע־וואָרן און ער האָט אים אָנגעהויבן צו פאַרשטיין, דעם מדבר־נביא, וואָס זיצט דאָ ערגעץ אין פאַרוואָרפענעם קיבוץ, און חלומט דעם חלום וועגן אַ געדיכט פאָלק, וואָס וועט דאָ אַמאָל רוישן אויף די געמאַרקן.

## קאַפּיטל 32

## אַ נאַכט אונטער די שטערן פון נגב

אין טיפן, קילבלעכן אָוונט, אונטער די גרויסע שטערן פון נגב, האָבן אויפן האָריזאָנט, ווי פייער־פליגעלעך, געמיניעט די צעזייטע ליכטער פון אַראַבישן עזה; דאָרט, ווו אַ שטיק הימל ביים מערב־ראַנד האָט געפלאַקערט, הינטער די צעפלאַשעטע ריציך־ביימער־וועגנט, דעם גדר חי, אין חדר האוכל, אויף די ליכטיקע טעראַסן, איז דאָס יונגוואַרג נאָך אַלץ, ביז שפּעט, פאַרפּלאָמט געווען אין הוירא׳ס, אין מאָדנע־פּאָר־בענקטע געזאַנגען, ווילדע מיידלשע געלעכטערן פון עפּעס אַ מין באַ־גייטן „חג הכרמים״, ווען יידישע טעכטער און יונגעלייט זענען — אין די תנ״כישע צייטן — אַרויס אין די וויינגערטנער, טאַנצן און אויסוויילן זיך אַ זיווג. אַ האַרמאָניקע האָט דאָרט אין דער מיט נאָך אַלץ געזונגט דאָס ליד פון נגב — „דרומה״, „אילתה״, „למה, למה?״ און אים, דאַניעלן, אַ צופעליק־פאַרבלאָנדזשעטער דאָ, האָט זיך אַלץ געפּלאָנטערט אין קאָפּ

— די מויד אָרלעט... ס׳מיידעלע מאַניק... — דער עיקר, עסטושיאַ, ס׳צעשראָקענע מיידעלע פון פוילן, וואָס ער איז דאָ ווידער געקומען אויף אירע שפורן. אָבער זיין ברודער מאָריס מיידעלע פּאַני, וואָס מ׳האָט זי געפירט אין קלויסטער אַריין... איז אים נישט אַרויס פון זינען. ווײ־ווײ, די צעבראָכענע מאַמע... זי וועט עס נישט אויסהאַלטן, די מאַמע... און ס׳האָט אים פאַרקלעמט ביים האַרצן פאַר דער אייגענער מאַמען. ער האָט זיך קיין אָרט נישט געפונען, עפּעס האָט ער זיך דאָ נישט געקענט מיטפרייען מיט זייער פּשוטער פרייד.

דאָס ביסל אַלטוואַרג איז געזעסן אַרום, אויף די בענק, אויף די גאַניקעס, פאַרטיפט אין געדיכטע רעדערייען. ער האָט זייערע פּנימער כמעט נישט געזען; סילועטן, ווי אויפגעטויכט פון אַן אַנדערער וואָר, פון אַ מיסטעריע, וואָס האַלט זיך דאָ נאָך אַלץ אין אָפּשפּילן. ער האָט געהערט זייערע קילע און פלאַמיקע רייד, זייערע יידישלעכע קרעכצן איבער אַן אונטערגייענדיקער וועלט, וואָס ראַנגלט זיך און וויל נישט אונטערגיין. ס׳האָבן אין דער טיפער חשכות געגליט די סיגאַרעטלעך צווישן זייערע ליפּן, באַלויכטן אויף אַ רגע זייערע בייניקע פּנימער. ס׳רוב ותיקים, אָפּגעהאַרעוועטע לייט, וואָס טראָגן נאָך אוודאי אין זייערע אַלטע ביינער דעם אַמאָליקן מאַלאַריע־פיבער פון עמק, פון גליל, און — געעלטערטע יידן, אַריבערגעקומענע פון וויטע לענדער מערב לים, אויסצוואָרעמען זיך דאָ אונטער אַ היימישער זון, אויסצו־לעבן דאָ די פּאָר יאָר אין קיבוץ, ביי דער זייט פון קינדער און אייניק־לעך; כאָטש פרעמדלעכע אייניקלעך, מיט אַ פרעמד לשון אין מויל, וואָס פאַרשטייען זיי גאָרנישט מער מיט זייערע יידישלעכע קרעכצן. ער האָט זיך צוגעהערט צו זייערע אָפּגעריסענע רייד און איז פּלוצים וואַך גע־וואָרן. טאָ פאַרוואָס — האָט ער געוואָלט פאַרשטיין — זענען די מערסטע פון זיי, נאָך אין יענע יאָרן, געווען אַזעלכע פאַרביסענע קעגנער פון ציוניזם, באַצויגן זיך מיט ביטול קעגן דער איינציקער לייזונג, ווי זיי האָבן געהאַלטן און הויך פּראָקלאַמירט, געמאַטערט זיך, געקעמפט, אין פוילן, אין רוסלאַנד, און — זענען, אויב מ׳האָט שוין געדאַרפט לויפן, געלאָפן אין דער וועלט אַריין, נישט אַהער? און אפשר איז עס אויך היינט נישט די לייזונג? וועער ווייס? ער האָט עס פאַר זיך אַליין געמוזט מודה זיין, אַז ער האָט זיך דאָ פּלוצים דערפילט ענג; אפילו דער כותל מערבי, די הייליקע וואַנט פון הייליקע שטיינער, האָט אין אים, דוכט זיך, קיין שום רעגונג נישט אָנגערירט. ער האָט גיכער געקוקט אויף די אַלטע שטיינער, ווי אויף אַ דאָקומענט, אַ מין פּאַספּאָרט פון זייער עבר אויף דער דאָזיקער פאַרברענטער ערד; פאַר דער וועלט, וואָס וויל זיי נישט, פאַרגינט זיי אפילו דאָס שטיקל פאַרברענטע ערד אויך נישט. אָבער אָנ־קוקנדיק די איבערבלייבענישן פון די אוראַלטע דענקמעלער, די אַלטע טויערן פון ירושלים, די אויסגעגראָבענע רעשטלעך פון הורדוס־פּאַלאַץ, די קריגעלעך, די אַלטע מטבעות, האָט זיך אים מיטאַמאָל געדוכט, אַז

די אַלע היסטאָרישע דענקמעלער, די אַלטע גאָטישע קאַטעדראַלעס אין אייראָפּע, פאַרריסן מיט אַזאַ חוצפה אין די הימלען אַריין, זענען, אין פאַרגלייך מיט זיי דאָ — יונג, עפּעס אַזוי ווי נאָכגעמאַכט; פּונקט ווי דאָס גאַנצע קריסטנטום איז, דוכט זיך, עפּעס אַ נאָכקרימונג פון אַלטן יידישן בית־המקדש־קולט, אָבער אויסגעהוילט פון די אַלע יידישע מאָראַלישע ווערטן. די יידן רופן עס טאַקע: עבודה זרה.

אָט, הערט ער, קרעכצט אַ ייד, אַן אַריבערגעקומענער פון אַרגענטינע: „איר וועט זיי אינגיכן דאָ טרעפן אַרומדרייען זיך אויף דיזנגוף, אויף בן־יהודה, אין תל אביב... זיי האָבן דאָרט געבויט טעמפּלען, סינאַגאָגעס, שולן — אויפן זאַמד... קיין מנין וועט איר דאָרט נישט צונויפמענשטעלן. די יידישע שולן, געבויט מיט אַזאַ מסירת נפש, ליידיקן זיך אויס. אַסימילאַציע, געמישטע חתונות. ס׳יאָוען זיך אַראָפּ די שליחים, וואָס פאַרשטייען אונז איבערהויפּט נישט. אפילו קיין איין יידישער לייענער פון אַ יידישער צייטונג, צי פון אַ בוך, איז נישט צוגעקומען, פון עברית — רעדט מען שוין נישט. מ׳האָט זיי אָבער געוואָרנט, די יידן: בויט נישט קיין גרויסע געביידעס אויף פרעמדער ערד! האָבן שוין עטלעכע יידן פאַרקויפט זייערע הייזער, געשעפטן, אַלץ ליקווידירט, עולה צו זיין, איז, צוליב זייערע דעוואַלואַציעס דאָרט, געוואָרן דערפון אַ דריטלחלק. אויף אַ געטאָ־פייערונג האָט אַ יידישער דיכטער אויפגעשטעלט זיך, צו דערציילן אין יידיש וועגן גרויסן אומקום אונזערן, האָט די יוגנט געשריגן: „מיר ווילן נישט קיין יידיש!"... די געמישטע חתונות, די אַסימילאַציע, די, וואָס גייען אַוועק צו די לינקיסטן... אויף דעם קאָנטינענט, זאָלט איר וויסן זיין, קאָכט אַ נייער ווולקאַן, וואָס וועט ווען ס׳איז אויסברעכן. מ׳האָט זיך דאָרט אפילו געוויצלט: „מ׳דאַרף באַצייטנס זען אַנגרייטן אין ישראל שיכונים פאַר די אַרויסגעטריבענע יידישע קאָמוניסטן, נאָכדעם ווי זיי וועלן זייערס האָבן אָפּגעטון"...

און ביי אונז אין פּאַריז? — האָט זיך דאַניעל געכאַפּט — עפּעס חזרט זיך דאָ אומעטום איבער דאָס זעלבע. און אָט הערט ער, ווי אַן אַנדערער דערציילט, מיט אַן איבערגעטרוקנט, אָבער שטיל, געבראָכן קול, מיט אַלטער פּאַטעטיק: „דער ישוב ביי די שטילע וואַסערן, אין צפון־מזרח, ביי חולה, האָט פאַרט אויסגעהאַלטן. דער עמק האָט געשריגן נאָך הענט, וואָס זאָלן אים אויסלייזן. אַזוי זענען געבוירן געוואָרן די מצודות־אוסישקין, דפנה, דן, אונטער דער סאַמע נאָז פון די סיריער. שפּעט ביינאַכט האָבן מיר זיך אויסגעשטעלט אין הויז פון תל חי און דורכגעפירט אַן אַפּעל, איינגעטיילט זיך אין גרופּן פאַר אַרבעט און שמירה. צו יענער צייט איז נישט געווען קיין וועג צו די פעלדער פון דן. געווען אַ שטעג פאַר רייטער, דורך אַ געדיכט וועלדל. דאָרט האָבן די אַראַבישע כנופיות זיך אויסבאַהאַלטן. די ערשטע מתנחלים האָבן געמוזט גיין מיט אָט דעם שטעג, אויפן האַלב־צעבראָכענעם בריקל איבערן טייכל חצבני. פיינטלעכע שכנים פון אַלע זייטן, פאַגראַמשטשיקעס. מיר זענען

אַרויס אין דער נאַכט מיט אונזער „שווער״ געווער — 9 פּאַרעלטערטע ביקסן, אַ לייכטער קוילנוואַרפער פון טיפּ „טאָמפּסאָן״, עטלעכע האַנט־גראַנאַטן — דורכגעצויגן דפנה, זענען מיר אָנגעקומען אויפן אָרט און באַלד געוואָרפן זיך צו דער אַרבעט. ביזן אָוונט זענען די ווענט פון די צריפים געווען אויפגעשטעלט, דער אָבסערוואַציע־טורעם אין מיטן לאַגער, אַ דראָט־פּאַרצוימונג, דער גענעראַטאָר אין ווינקל הויף, און עלעקטריש ליכט האָט צום ערשטן מאָל אַ שיין געטון אין דעם ווילדן ראַיאָן. די מענטשן פון דן, עקשנים, באַזעצט אין צפון פון חולה, האָבן באַקומען אָנווייזונגען פון די ותיקים אין גליל, ווי איינצושטעלן גוט־שכנהשאַפט מיט די עפענדיס, מיט די אָרעמע אַראַבער. ס׳האָט אָבער נישט געהאָלפן. זיי זענען באַפאַלן די פּאַרזייטע פעלדער פון משק. מ׳האָט זיי פּאַרטריבן מיט שטעקנס. סירישע „גוטע פריינט״ זענען אָבער געקומען אויף די פעלדער. „וואָס איז דאָס געשריי? — האָבן זיי געלאַכט — אבו אַלי (היטלער) שטייט שוין ביי די טויערן פון לאַנד... מיר האָבן שוין פונאַנדערגעטיילט אייער גאַנץ פּאַרמעגן. וואָסי? זענען מיר געקומען מיט אַ פּאָר טעג פריער״... אין דעם תוהו ובוהו אַרום די גרענעצן, האָט מען באַצייטנס באַדאַרפט איינשאַפן זיך געווער. מ׳האָט עס באַצייטנס פּאַרשטעקט אין די „סליקן״. ראש פינה, מטולה, דן זענען עוואַקואירט געוואָרן פון די ענגלענדער, אָבער די חלוצים האָבן זיך נישט גערירט פון אָרט, כאָטש די סנייפּערס פון די כנופיה־לייט האָבן באַשאָסן די קרייצוועגן. אַ סירישער עראָפּלאַן האָט נאָכגעיאָגט די עוואַקואירטע קינדער. צוויי חברים זענען געפאַלן, ביז ס׳איז אָנגעקומען פאַרשטאַרקונג פון די אַרומיקע משקים. תל דן, ווו ס׳געפינט זיך דער קוואַל פון פרישן וואַסער פון חולה, איז דריי מאָל אַריבער פון האַנט צו האַנט. די סירייער האָבן באַשאָסן די מענטשן אין פעלד. די קינדער זענען אַראָפּ אין מקלטים. די געפאַר פון די גולן־בערג איז אַוועק, אָבער עס דראָען נאָך די מחבלים פון חרמון״...

און אַן אַנדערער, מיט אַ וואַרעמער, טרוימערישער שטים, האָט דאָרט סתם אַזוי פילאָזאָפירט:

— רעוואָלטן, אכזריותן, רעוואָלוציעס, קאָנטער־רעוואָלוציעס, האַס, ביז רציחה, פון מענטש צו מענטש, פון קלאַס צו קלאַס, קומען דאָך, אייגנטלעך, פּאָר יעדן טאָג. מיר היטן זיך, אַז דאָס שוועבעלע, וואָס מיר צינדן אָן, זאָל נישט פּאַרוואַנדלט ווערן אין אַ שרפה. טאָ פּאַרוואָס נישט קענען פּאַרמיידן דאָס אַלץ? עד, די וועלט איז סיי־ווי פול מיט בויך־גרייעניש. אַלע זענען קעגן — אַלעמען. די אַלטע, אייביקע שטרייטן אין יעדן דור נעמען אָן נייע פּאָרמען. קיינער האָט נאָך קיינעם קיינמאָל נישט נאָכגעגעבן און נישט איבערצייגט. אפשר ליגט עס אינם מין מענטש? איינס איז זיכער, אַז פון אונטער אַלע אוניווערסאַלע אידעאָלאָגיעס קריכט סוף כל סוף אַרויס — דער נאַציאָנאַליזם. טאָ ווו זענען מיר? פּאַרוואָס זאָל מען אונזער געזונטן אינסטינקט צו לעבן אויף אַן אייגן שטיקל באָדן

נישט אַנערקענען? מיר זענען אַן איבערבלייבעניש פון דער גרויסער, גלוביקער יידישער מאַסע. זי האָט געשטרעקט דעם האַלדז פאַר אַלע הייליקע אידעאַלן און איז צולעצט אויסגעקוילעט געוואָרן. ס'זענען אויפֿגעשטאַנען נביאים, וויזיאָנערן, זיי האָבן פאַראויסגעזאָגט מיטן רוח הקודש, אָדער אינטואיציע, אָדער באַוויזן דיאַלעקטיש, מיט אייזערנע אַרגומענטן, נישט צום אָפּוועגדן, אַז פאַר אונז, יידן, מיט אונזער שטייגער, ספּעציפֿישער עקאָנאָמיק, איז מער נישטאָ קיין אָרט. דער נייער „טעסטאַמענט", באַשאַפֿן פון יידן־אַפּשטאַמיקן מאַרקס, האָט טאַקע אויסגעפֿונען די שרייפעלעך פון דער מאַטעריע, אין דער עקאָנאָמיק, אין דער סאָציאָלאָגיע, כאָטש אַליין איז ער וויט געווען פון יידן, אפילו פיינטלעך צו אונז. איז אָבער היינט קלאָר צו פאַרשטיין, אַז אין אים גופא האָט אפשר געלעבט, אין זיין הינטערבאַוווסטזיין, דער יידישער קאָמפּלעקס; און נישט בלויז ביי אים. ער האָט וויזיאָנעריש דערזען און — נישט אַלץ דערזען. די מפרשים, די אויסטייטשער זיינע, נישט־יידן, אפילו די רעוויזיאָניסטן, האָבן זיינע ווייזיעס צוגעפּאַסט צום דערשטיקטן לעבן פון זייערע אייגענע פעלקער. די רעוויזיאָניסטן, יידן, אָדער יידן־אָפּשטאַמיקע, האָבן בחוש דערפילט, אַז עפּעס פעלט דאָ. אין גאַנג פון פאַרביטערטן קלאַסן־קאַמף, איז דער באַגריף נאַציאָנאַל, אַזוי פאַרשריגן געוואָרן, אַז זיי האָבן נישט דערזען און נישט דערגרונטעוועט זיך צום גורל פון זייער אייגענעם אָפּשטאַם. די געשיכטע האָט זיך דערפאַר נוקם געווען אין זיי און אין אונז אַלעמען. נאַציאָנאַליזם, שאָוויניזם, מענטשן־פרעסערישער, איז אוודאי טריפה, אָבער דאָס נאָרמאַלע לעבן פון פאָלק איז — הייליק.

אַן אַנדערער, מיט אַ פעסטער שטים האָט דערווידערט:

— וואָס קומט אַרויס, די סטיכישע איבערגרופּירונג פון יידישע מאַסן־צענטערן איז צוגעגאַנגען — און גייט נאָך אַלץ צו — קעגן אַלע אָנגענומענע אידעאָלאָגיעס און טעאָריעס; כאָטש מענטשן בענקען נאָך אַ זיכערן באָדן אונטער די פיס... — און ער האָט זיך נאָך צעלאַכט מיט עפּעס אַ בייז לאַכן — ס'איז אפשר אונזער מינדערווערטיקייט־קאָמפּלעקס, דער זעלבסט־האַס, די עגאָפאָביע. דאָס איז דאָך אַלעמאָל געווען דער מקור פון דער אַסימילאַציע. זי איז אפילו אַריינגעדרונגען אַהער, אָבער אַן דער גלות־יידישקייט, איז דאָך קיין אַנדער יידישקייט לגמרי נישטאָ. לויט זיי, הייסט עס, אַז אַלץ, וואָס יידן האָבן געשאַפֿן אין גלות, פון תלמוד אָן, איז אָפּצוּוואַרפן. זיי ווילן אַ נייעם מין יידישקייט, שוין בעסער די ווייטע געצן־דינערישע עברים און כנענים. אונזער לשון טאָר נישט האָבן קיין שייכות מיטן גלותדיקן „זשאַרגאָן", „וואָס גרילצט אין די אויערן". אפילו אונזער עברית דאַרף נישט זיין דאָס גלותדיקע לשון קודש, ס'זאָל בעסער קלינגען ווי אַראַביש. דער דרויסנדיקער שונא זאָגט, אַז מיר האָבן נישט קיין רעכט צו עקזיסטירן, דער אינעווייניקסטער — מיר האָבן נישט צוליב וואָס צו עקזיסטירן, מיר דאַרפן פאַרשווינדן דורך אויפלייזונג. אָבער אונזער עם קשי עורף'דיק בלוט בונטעוועט זיך.

דער ציוניזם האָט נאַטירלעך, אויפגעוואַכט צו באַוואָרענען די יידישע אומה, אָבער אויך — כדי צו באַקעמפן די אויפלייזונג פון אינעווייניק. ער האָט די אַסימילאַציע אָפּגעוואָרפן ווי אַ חרפּהדיקע אילוזיע. הערצל האָט געזאָגט, אַז ציוניזם איז נישט נאָר אומקער פון יידן צו זייער נחלה, נאָר אויך אומקער פון זייערע נאַציאָנאַלע ווערטן. ער האָט אָבערביידע געפאַרן נישט באַוויזן צו באַזייטיקן. אפילו די מדינה האָט נישט פאַר־קלענערט די געפאַר. די טענדענץ פון אויפלייזונג איז מגולגל געוואָרן אין אַ נייער אינערלעכער געפאַר. אונזערע פּראָפעסאָרן דערציען נייע דור־רות. זיי ווילן זיך אָפּטשעפּען פון דער פאַרקייטלונג מיטן היסטאָרישן יידנטום, ווערן עפּעס אַ נייע אומה — כנענים, לעוואַנטינער. זיי ציען די יניקה און די שנאה צום היסטאָרישן עבר. אַסימילאַציע הייבט זיך אָן דאָרט, ווו עס קומט אויף דער ספק אין דער נויטווענדיקייט און באַרעכטי־קונג פון אונזער היסטאָרישן המשך.

— אָט האָט גאָלדע מאיר אַ וואָרף געטון איר אַפּעל וועגן דער וווּנדערלעכער יידישער סאָלידאַריטעט בעתן זעקס־טאָגיקן קריג, און האָט געזאָגט, אַז מ'דאַרף עס אומבאַדינגט פאַרבינדן מיט דער טראַדיציע פון מזרח־אייראָפּעאישן יידנטום, און אַז זי אַליין וועט אירע אייניקלעך לערנען יידיש, זיי זאָלן נישט פאַרפרעמדט און אָפּגעריסן ווערן פון די קוואַלן, אָן וועלכע קיין שום ייד קען נישט גאַנץ זיין אין זיין יידישקייט...

— ס'איז אמת, ישראל ווי אַ דאָמינירנדיקער יידישער צענטער, טאָר נישט אָנווענדן אַזאַ קריטעריע, דאַרף איינזאַמלען אין זיך די גאַנצע גייסטיקע ירושה פון אַלע דורות, פון אַלע שבטים. מיטן איבערהיפּערן דאָס שענסטע קאַפּיטל פון אונזער קולטור־עבר, שנײַדט מען אונטער די פונדאַמענטן פון אונזער נאַציאָנאַלן קיום. מיט וואָס דערציען די יוגנט?

— מיט עפּעס אַ פרעמדער יידישקייט, אַ לעוואַנטינישן סוראָגאַט, אַן וואָרצלען.

— טאַ וואָסזשע ביסטו אויסן? וווהין ווילסטו דערפירן?

— ס'איז אַ סך מער, אַ סך ווייטער — ישראל־יידישקייט קעגן גלות־יידישקייט. ס'איז אויך עברית קעגן לשון־קודש, נישט אַזאַ ווי אין דאַוועגען, ווי אין לערנען. נעגאַציע פונם יידישקייט, וואָס יידן האָבן גע־שאַפן אין גלות. דאָ איז די גרויסע סכנה. אין מזרח־אייראָפּע האָבן יידן געשאַפן אַן אייגענע קולטור, אַ שפּראַך, אַ ליטעראַטור, אַ נאַציאָנאַלן אידעאַל — איז דאָס אַלץ טריף, נישט אָנצונעמען?

— סבלנות! פּאַמעלעך גייט דער וואָגן פון דער געשיכטע, גייט אין קרייזן, גייט און קומט צוריק.

— הלוואי זאָלסטו גערעכט זיין. מ'האָט זיך ערשט איצט דאָ אָנ־געהויבן אויסצורייבן די אויגן און דערזען וווהין די פאַלשע שלילה האָט דערפירט. דאָס האָבן זיי אַליין טאַקע דערפירט צום „כנעניזם". די רע־ליגיעזע זענען שוין מער קאָנסעקווענט. די תורה זאָגט: אָפּצוהיטן אַלע מצוות. אָבער אין די שולן אייערע, וואָס זאָל מען ענטפערן די קינדער:

ווער זענען מיר און וואָס זענען מיר? צי האָט מען דען אונזערע קינד'ער אַמאָל באַדאַרפט געבן „יידישקייט־באַוווסטזיין״? דאָס איז אַ פלאַכע יידישקייט־באַוווסטזיין. זיי האָבן זיך דאָ אפילו געשעמט מיט די יידן, „וואָס זענען געגאַנגען דאָרט ווי שאָף צו דער שחיטה״... גלות־ייד... גלות־פּסיכאָלאָגיע... גלות־לשון... ערשט נאָכן אייכמאַן־פּראָצעס איז זיי אַביסל קלאָרער געוואָרן, אַז יידן אין דער וועלט זענען אַ מאָראַלישער כּוח. האָבן דערזען ווי אַזוי יידישע יוגנט פון רוסלאַנד, אַמעריקע, מערב־אייראָפּע גייט מיט אויפגעהויבענע קעפּ, נישט מיט קיין איינגעבויגענע רוקנס, ציטערן נישט פאַרן גוי. דאָס האָט זיי דאָ אינגאַנצן „קאַליע״ געמאַכט דאָס בילד וועגן גלות־ייד... אפילו אונטערן רעזשים פון צוואַנגס־אַסימילאַציע, האָבן זיי אַרויסגעוויזן זעלבסט־כּבוד, ריזיקירט פאַרשיקט צו ווערן אין די תּפיסות און לאַגערן...

די גרויסע שטערן אין הימל איבערן נגב האָבן גענומען פאַרבלייכן, ווען דאַניעל האָט זיך מיט מידע שפּרייזן געלאָזן צוריקגיין צום גאַניקל, אַוועקצוּוואַרפן דאָרט די מידע ביינער. אַ נאַכט — האָט ער געזאָגט — וואָס האָט אים קלאָר געמאַכט אַ סך מאָדנע, פאַרבאָרגענע אמתן, אין זייער צעטראָגן לעבן דאָ; און ער האָט גאָר ביז איצט נישט אָנגעהויבן צו וויסן דערפון. אוי, ווי דער חבר אהרן האָט אים איצט אויסגעפעלט. וווהין האָט דען דערפירט די פאַרוואַנדלונג פון חבר אהרן?

## קאַפּיטל 33

# די רויטע מויד שושנה

אַרומגעדרייט זיך אַ טאָג־צוויי אין קיבוץ, האָט זיך דאַניעל פאַר־בלאָנדזשעט צווישן די פאַרשטויבטע ציפּרעסן, אין דער שטיין־קאַריערע פון אויפגעריסענעם ראָזן און גרינגלעכן באַזאַלט; די שטיין־אָדערן האָבן זיך געצויגן אין דער קרום, אין גלייכע און געוועלבטע ליניעס, שיכט אויף שיכט. אַ געניטע האַנט האָט זיי אין משך פון די פאַר יאָר, זינט ס'איז אויסגעוואַקסן דער ישוב אין ווילדן מדבר, אַרויסגעשניטן, אַרומגעטעסעט; פּרעציזער בוי־מאַטעריאַל פאַרן נגב־קלימאַט, פּונקט ווי פאַרן וויס־שטיי־נערדיקן ירושלים: מאַסיוו, אָריענטאַליש־ווייס, מיט פלאַכע דעכער, גע־שניטן אין סימעטרישע קאַסטנס. בייטאָג שיצן זיי פאַר דער שווערער חמימה, ביינאַכט — פון דער שאַרפער פרישקייט. צום קליינעם קיבוץ־בית־עלמין האָט געפירט אַן אויסגעטרעטענע סטעזשקע, באַרג־אַרויף.

— מאָדנע... — האָט ער זיך געוווּנדערט — עפּעס שטאַרבט מען דאָ ביי אייך כּמעט... פריילעך, אין די גרענעץ־קיבוצים...

דער עלטערער חבר ביי דער זייט האָט אַלץ געשוויגן, קנייטשנדיק פּויעריש דעם קאַלך־פאַרשפּריצטן „טעמבעל" אין דער האַנט; ווייל אָט איז פאַרן ייִנגערן קצין פון דער טאַנק־אָפּטיילונג, דעם פּריילעכן יונג אמנון, וואָס האָט דאָ ערשט נישט לאַנג אַרומגעטומלט, מיטן לאָק אין די אויגן, אין שפּעטן נאָכמיטאָג אויסגעפאַלן עפּעס אַ צו שטילע לוויה. די שווייגנדיקע לייט פון קיבוץ האָבן אין מיטן טאָג געוואָרפן די אַרבעט, פאַרזאַמלט זיך ביים חדר־האוכל, מיט שווער־אַראָפּגעלאָזענע הענט, שטום באַגלייט דעם אָרון ביזן בערגל, העכער פון דער שטיין־קאַריערע, צום קליינעם בית־עלמין. דאָרט האָבן, אין שאָטן פון די עטלעכע פאַרשטויבטע פּאַלמעס און ציפּרעסן, גערוט זייער אייביקע רו די געפאַלענע פון אַלע דריי מלחמות, ווי אויך די שוואַכע, געעלטערטע לייט פון קיבוץ. מ'האָט פון דער מיליטערישער מאַכט באַצייטנס צו וויסן געגעבן, נאָר ווען ס'איז געקומען אָנצוזאָגן די נאָענטע משפּחה, האָט זיך אַרויסגעשטעלט — נישט קיין גע'גט'ע פרוי מיט אַ טעכטערל, ערגעץ אין וויטן צפון, אין כפר גלעדי... און דאָ — עפּעס אַ מיידל, אפילו קיין ווייב נישט; די רויט־האָריקע, אין די בלודזשינס, די „דזשינדזשי", שושנה, פון די פריש־געקומענע, פון די גולי־פּוילן, פון אולפּן. מ'האָט זי אַרומגעזוכט און ס'איז אין ערגעץ זי ניטש געווען צו געפינען.

שוין נאָך דער קבורה, איידער ס'איז צוגעפאַלן די נאַכט, איז זי אומגעריכט געקומען אָנצוטרייסלען זיך אין האַלב־ליידיקן „אגד"־אויטאָבוס פון תל אביב. ער פאָרט דאָ פאַרביי איין מאָל אין טאָג. קיינער האָט נישט געהאַט קיין האַרץ צו גיין עס אָנזאָגן איר. דער פערדישער עק פון איר רויטן האָר־שויבער איז געשוווּמען איבער די אַלייען. זי האָט עס אָבער באַלד פון דער לופט דערשמעקט, איז אַ לויף געטון, מיט אַ שפּיציק געוויין, איבערן וועג, ווו עס זענען נאָך געווען קענטיק די צוויי איינגעשניטענע רעדער־קאַליעס.

ערשט מיט אַ פּאָר טעג פריער, ערב שבת נחמו, איז די רויטע מויד אין די בלודזשינס, שושנה, מיט דער קורצער, פאַררויכערטער ביקס אין די פאַרשטייפטע פינגער, מיטן בלוי־ווערן אין דרויסן, דורך דער ציפּרעסן־אַליי צוריק אַריין אין חדר האוכל פון דער נאַכט־שמירה. די האַלבע לבנה איז געהאַנגען איבערן משק, ווי אויף אַ באַנאַלער דעקאָראַציע. דער הונט „רעמסס" האָט זיך געפּלאָנטערט ביי אירע פיס, פאַרדעכטיק געשמעקט צו די טריט, אַרויפגעשטעלט אַ נאַסע לאַפּע אויף אירע קני, געטרייסלט מיט דער פעל. דער באַגינענדיקער טוי האָט אים געהאַט דורכגענעצט. די בילעריי איז אים שטעקן־געבליבן אין דער קעל; און זי, די מויד, האָט אים גאָר פּלוצים אַ שטויס געטון פון זיך מיטן שווערן, באַשטיוולטן שוך. די באַקן פאַרפלאַמט, האָט זי הויך געזופּט פונם הייסן טעפּל טיי, וואָס מ'האָט איר אַרויסדערלאַנגט דורכן קיך־פענצטערל; האָט זיך האַסטיק אויפגעשטעלט, אַ וויש געטון די פאַרלאָפענע שויב און דערבליקט, ווי אין די ווייטע שייבלעך ביי אמנונ'ען לייכט זיך שוין. ערשט

די טעג האָט ער זיך באַוויזן, דער קצין, אויף אַ קורצן חופש פון זיין מיליטער־איינהייט, און — קלייבט זיך שוין אוודאי אין אינקובאַטאָר, צו זיינע ווייסע הינדעלעך, אָדער — דער טייוול ווייס אים וווהין. די באַנדע אַקטיאָרן האָט ער אין אָוונט פאַרבעטן צו זיך, מ׳האָט דאָרט געטרונקען און געליאַרעמט, ביזן ווייסן טאָג אַריין. די אַקטריסע, די „ציגיינערין״ — מיט זיי. דערפאַר איז זי געווען ברוגז, שושנה...

זי איז שוין דאָ פאַרבליבן, ס׳מיידל, און צוליב אים אפשר, צוליב אמנונ׳ען. ווייל די איבעריקע פון די גולי־פוילן, פון אולפן, זענען כמעט אַלע אַוועק, ווער אין מיליטער, ווער אין די אוניווערסיטעטן, ווער אין טכניון. מ׳האָט דאָ געקוקט אויף זיי ציטערדיק, מיט שטומער פאַרקלעמטקייט, אויפן יונגוואַרג, פון די לעצטע, די גולי־פוילן; און ס׳דאַרע, אויפגעשאָסענע מיידלטשינע מיטן געלן שויבער — ווי זי וואָלט געקומען אַהער צוטוליען זיך, אויף שטענדיק. זי האָט קיינעם מער אין ערגעץ נישט פאַרמאָגט. מ׳האָט גלייך דערפילט אין פאַרבלאָנדזשעטן מיידל — ז׳עם ריכטיקן עלעמענט. ביי די טישן אין חדר האוכל האָט זי געגעסן אַ סך, מיט גרויסע שלונגען. דורך די פּאָר זומער־חדשים האָט זי זיך אָנגעגאָסן מיט ראָזע, געזונטע פאַרבן און זאַפטן; אַרומגעלאָפן איבערן קיבוץ אין די איינגעשטייפטע בלודזשינס, מיטן רויטן שויבער, געמאָלדן זיך צו אַלע שווערע אַרבעטן. ס׳האָט אַרויסגעשפּאַרט פון איר — די מאַמע. זי האָט נישט געקענט פאַרבייגיין, נישט אַ כאַפּ צו טון אויפן האַנט און אויסקושן די קינדערלעך אין „גן״. ס׳קליינוואַרג האָט געקלעפּט צו איר, געמאַכט געוואַלדן, ווען זי האָט זיך באַלד דערנאָך אָפּגעטראָגן צו דער שטאַל, צום געמעלק, לאַזנדיק הערן איר צוויטשערנדיק קול, איר געלעכטער.

— זי וועט געבוירן געזונטע קינדער... — האָט איינע, אַ ווייבל, אַן אַלטע קיבוצניצע, אַ מבינטע — זי האָט שוין אַליין אויפגעהאָדעוועט קינדער און אייניקלעך — זי באַטראַכט מיט אַ פאַרקוועטשט אויג, ווי זי איז געגאַנגען צו די שטעלער און געזונט געוויגט מיט די פולע היפטן.

און אַן אַנדערע האָט זיך אָנגערופן, גאַנץ ערנסט, מיט אַ יידישלעכן זיפץ:

— נכון... מיר דוכט זיך, אַז ס׳האַלט שוין נישט וויט... מיר וואָלטן, בחיי, באַדאַרפט צו האָבן אַ ביסל אַן אינטענסיווערע עליה פנימית...

אמנון האָט דאָ איינמאָלביים טיש אין חדר האוכל אַ רעד געטון מיטן רויטן מיידל, אַ לאַך געטון מיט זיינע געזונטע ציינער אונטערן דינעם וואָנסעלע, פאַרוואָרפנדיק דעם ברוינעם לאָק אַהינטער. ער איז געווען אין זיין גרינלעכער כאַקי־אוניפאָרם, די קעפּי פאַרשטעקט אין לינקן עפּאָלעט. ער האָט זי אַרויפגענומען אויפן דזשיפּ און איז אין אָוונט געפלויגן מיט איר קיין באר־שבע, אין טאַנץ־קלוב, אין סינעמאַ. נו, נו, מער האָט נישט געפעלט. די געעלטערטע, אויסגעמאַטערטע ווייבלעך אין קיבוץ האָבן שוין געהאַט פון וואָס צו פּליאַטקעווען: „ווידער געפונען וועמען צו פאַרדרייען דעם קאָפּ, דער אמנון״...

ווי נאָר ער האָט זיך אַראָפּגעוויזן אַהער אויף אַ פּאָר טעג חופש, איז געוואָרן פריילעך, טומלדיק אין חדר־האכל. דאָס גאַנצע יונגוואַרג האָט געקלעפּט צו אים. דאָס האָט ער אָרגאַניזירט דעם כאָר, אַראָפּגעבראַכט אַרטיסטן. ווי ער זאָל זיך נישט האָבן געשוירן, האָבן די פּיאהלעך ביי אים זיך געשפּיצט, און אויף דער אויבערשטער ליפּ איז ליגן געבליבן, ווי אַ קוילן־שטריך, אַ דין וואָנסעלע. די ותיקים, דער עיקר די ותיק׳ניצעס אין קיבוץ, האָבן נאָכגעקוקט שמייכלענדיק דאָס מאָדנע פּאַרל. די ווייבלטע, האָבן זיי געפרעגט, איז זי שוין ביי אים? ער האָט דאָ איינמאָל אפילו געבעטן צוגרייטן אַ פּעקל מיט העמדעלעך, לייבעלעך, קליידעלעך פאַרן מיידעלע, וואָס ער האָט געלאָזן אין כפר גלעדי, ביי דער „ערשטער".

— אויף וועמענס חשבון פאַרשרייבן? — האָט געפרעגט די שטרענגע אויפזעערין פון קינדער־קליידער־מאַגאַזין, חברטע צפורה.

— על חשבון — ממזר... — האָט אמנון אַ לאַך געטון אונטערן וואָנסעלע.

ערשט ווי לאַנג, אַז זיי האָבן זיך געהאַט אַוועקגעטרייסלט אין צעטרייבערטן דזשיפּ, מיט דער גאַנצער באַנדע, דורך די ווייטע זאַמדן, אויף יענער זייט עזה? זיי האָבן אָנגעשפּאַרט אַזש אין פּאַרוואָרפענעם פישער־קיבוץ פון נח״ל, אין ווילדן מדבר, אויף מערב פון על־עריש, אויפן וועג קיין קאַנטאַראַ. מינעס, גראַנאַטן... נאָר וואָר האָט זיך דאָרט אומגעקוקט? זיי זענען געפלויגן אויף די ניי־דורכגעשניטענע כבישים, צווישן דער יונגער באַוואַלדונג, לענגאויס דעם ים. ביר־גפגפה האָבן זיי געלאָזן הינטער זיך. די נח״לניקעס האָבן דאָרט די אָפּגעלאָזענע פערמע פאַרוואַנדלט אין אַ אָאַזיס. דער מדבר טרעט אָפּ... — האָט זיי אמנון באַוויזן, ווי ס׳וואָלט געווען זיין אייגענער אויפטו. פריער זענען דאָ געווען פאַרשטויבטע אייל־בירט־ביימער, ריצין־קוסטן, קיין פּיצל גרינס. אַצינד, צווישן די באַראַקן — גראָז־טעפּיכער, ביימער־אַלייען. דער ווינטער־טייך פון סיני באַפרוכ־פּערט דעם ירקות־גאָרטן, די פרוכט־פּלאַנטאַציעס, די עקספּערימענטן־סטאַציע. גוט־געפּלעגטע שוץ־אַלייען מיט וואַלד־ביימער. די ווינטער־מעלאַנען צייטיקן דאָ אפילו פריער ווי אין דער ערבה; פּערסיקעס, אַבוקאַדאָ, מאַנגאָ. אויף די אַלטע איילבירט־ביימער האָבן זיי דורכגעפירט טראַנס־פּלאַנטאַציעס מיט צווייגן פון בעסערע מינים, באַוואַסערט מיט אונטער־ערדישע פּלאַסטיק־רערלעך. די „אָראַנזשעריע" גרייט צו ביימלעך צו פאַרפלאַנצן. די בראַדעוויל־אַזיערע ראַיעט מיט פיש. זיי האָבן דאָ אפילו אַראָפּגעבראַכט די שיפלעך און די אויסשטאַטונג ביים אויסטריקענען די חולה־זומפּן אין ווייטן צפון. ס׳איז געווען פריילעך — דער סיום ביים דורכברעכן די דריי „טויערן" אינם יבשה־פּאַס, וואָס רינגלט אַרום די אַזיערע. צוליב דער באַדן־עראַזיע, די זאַמדן, וואָס דער ים פאַרשלעפּט אַהער, דאַרפן אַלע פּאָר יאָר די עפענונגען אויפגעשטאָפּט ווערן. לעבן דער

בענזין־סטאַציע פירט אַוועק דער וועג דורך אַ פּאַלמען־אַלייע. די אַגאַוואַ־שטאַנגען, דיביימער, שלאַנג ווארצלען, „צעמענטירן" דעם באָדן, באַשיצן פון די וואַנדערנדיקע זאַמדן.

אין קליינעם אַאַזיס האָבן זיי זיך פאַרהאַלטן אפשר אַ מעת־לעת. ס'איז געווען עפּעס אַ גאַנצע געטועניש, און אמנון האָט זיי טאַקע לסוף דערטאַפּט, די, וואָס האָבן אונטערגעלייגט די מינע אויפן כביש. ער האָט „געהאַקט" אַראַביש, „ווי אַ וואַסער". ביים טומבאַנק, אין דער אַראַבישער קנייפּע, האָט ער דאָרט עפּעס לאַנג אַנדערציילט, געשאָטן זיך פון גע־לעכטער און לסוף אַנגעבאָטן דעם לאַנגן, פאַרסאָדזעטן בעדואינער, דעם שעפּסן־פּאַסטוך, ער זאָל ביי אים אָוועקקויפן אָט די רויטע מויד, אין די בלודזשינס, די „דזשינדזשי", וואָס שלעפּט זיך אים נאָך.

— שושנה... — האָט ער זי אַ ווילע פריער איינגערוימט, און פאַר־קוועטשט ס'לינקע אויג — זאָלסט מאַכן אַ מינע, אַז ביסט מסכים, הערסט ?...

— נכון... — האָט זי זיך געמאַכט נישט וויסנדיק, די מויד, און ווייטער אַרומגעגריזשעט מיט די געזונטע ציינער אַ שטיק ראָזן אַרבוז, אַז דער זאַפט איז איר גערונען איבערן איינגעשטייפטן העמדל, וואָס האָט שיער נישט געפּלאַצט.

— וויפל ?... — האָט געפרעגט דער לאַנגער בעדואינער, און זיך אַ הייב געטון פון נידעריקן בענקעלע, מיט אַ מעסער־גלאַנץ אין זיין איינציק בוימלדיק אויג, אונטער דער אַנגערוקטער קיפּיע, ווייל ס'אַנדערע אויג איז געווען פאַרלאָפן מיט אַ בעלמע.

דער בעדואינער האָט געטראָגן גראָבע רינגען אויף זיינע פינגער מיט די קרומע, שוואַרצע, שמוציקע נעגל, ווי ביי אַ רויב־פויגל. אמנון האָט באַלד חושד געווען, אַז ער אַליין האָט אויך עפּעס צו פאַרקויפן — האַשיש... ווייל חוץ דעם שאַרפן אַראָמאַט פון די קליינע טעפּעלעך קאַפע, האָט זיך געטראָגן עפּעס אַן אומבאַקאַנטער זיסלעכער ריח איבערן נידעריקן באַ־ראַק, אַז דער קאָפּ האָט זיך אַזש פאַרדרייט. אַהאַ, ער איז געווען כיטרע, אמנון...

פונקט אַזוי פריילעך־צעיאַכמערט, ווי ער האָט זיך פרייטיק ערב ליכט־צינדן, צוריקגעקערט פון תל אביב, צוזאַמען מיט דער גאַנצער באַנדע אַקטיאָרן, מיט אָט דער עקזאָטישער זינגערין, די פאַריזער „צי־גיינערין". אין חדר האוכל האָט זיך געגרייט דער קאָנצערט. אַלע מאָל, ווען ער לאָזט זיך אַראָפּ אין שטאָט אַריין מיטן צעטרייסלטן דזשיפּ, דערליידיקן די ענינים אין דער „תנובה", אין „בנק לאומי", ווערט ער קודם פאַרפאַלן אויף שיינע עטלעכע שעה, און קומט צומאָרגנס אַביסל אַ פאַרשלאָפענער. ער שפּאַרט אַן אין דער קאַפע „ניצה", אין „נגה", ראָג אלענבי און בן־יהודה ; און וועמען טרעפט ער דאָרט, אויף דער טעראַסע ? נחומין, פון

„קמרי", זיין אַמאָליקן חבר פון דער הכשרה, הינטער פּרושקאָוו. פון נחומין האָט זיך באַקומען אַן אַקטיאָר, און פון אים — אַ קיבוצניק, אַ קצין. דאָרט האָט ער שוין טאַקע ביי נחומים טישל געטראָפן די „ציגיינערין", אַ פאַרבלאַנדזשעטע אַהער פון פאַריזער רוסישן נאַכט־לאָקאַל „ראַספּוטין". אַרויסגעוויזן האָט זיך גאָר — אַ יידיש מיידל, דערצו — אַן אַדעסערין. די כיטרע טעאַטער־אימפּרעסאַריאָס, וואָס דרייען זיך דאָ אַרום, האָבן זי באַלד דערשנאַפּט. קודם איז מען אַוועק, ווי געוויינלעך, „באַגיסן". דער אימפּרעסאַריאָ ציגלפאַרב, „אַ רומענישער גנב", האָט זיי אַלעמען פאַרבעטן אין זיין אָפּגענוצטן „פאָרד". ער האָט זיך ברייט אַוועקגעזעצט ביים רעדל און געלאָזן הערן זיין באַס־טעמבער:

— וווהין, טאַטעלע, זאָל איך אייך פירן?

— אין „דליה"... ווייסט שוין... — האָט אמנון באַפוילן.

העכער, איבער דער טעראַסע פון קאַפע „דליה", אויפן הירקון, ביים ים, האָבן זיך שוין געהאַט אָנגעצונדן די פייערן פון די פּילשטאַקיקע האָטעלן „דן", „שרתון", „הילטאָן". מ׳ווייסט נישט פון וואַנען, ס׳איז פּלוצים אָנגעפלויגן אַ משטרה־קעטשל. די פאַרדעכטיקע מיידלעך אין די שאַלעכלעך, אויפן ראָג, זענען זיך אין איין בהלה געטון אַ צעלויף. דער רומענער האָט דאָרט, אין אַ זייטן־געסל, געוווסט אַן אַנדער ערטעלע, ביים איראַקער, וווּ מ׳קען אויסטרינקען אַ גלעזל אַראַק און געשמאַק צובייסן מיט חומוס. די האַלב־רונדע, נידעריקע טיר איז, אויפן אָריענטאַלישן שטייגער, פאַרשטעלט געווען מיט אַ נעץ קרעלן־צעפּ. מ׳האָט זיי לאַכנדיק פאַנאַנדערגעשאַרט, און זיי האָבן שוין דאָרט דערזען ברייט צעזעצט ביי אַ טישל דעם אַלטן אַקטיאָר פון אַמאָליקן גאָלדפאַדען־רעפּערטואַר אויפן מוראַנאָוו, מאָטעלע הילסבערג. ער האָט געהאַלטן אין שיטן זיך פון געלעכטער, דערציילט מיט זיין איבערגעטרוקנטן טעמבער, ווי אַזוי די פאַרברוינטע איראַקער און מאַראָקאַנער ייִנגלעך האָבן געפּאַטשט מיט די הענט, ווי די ברעטער, געלעקט די פינגער פון זיין „אבשלומען" אין „חורבן ירושלים": „אתה מבין את המחזה ב׳יידיש?" — איז ער געווען טשעקאַווע ביי זיי אַ פרעג צו טון. „למה לא?... אני מבין בלשון ווס־ווס... בטח"...

און די געעלטערטע אַקטריסע פרידאַ ווייספעדער האָט אים געקלאַפּט אין די ברייטע פּלייצעס:

— מאָטעלע גנב... כ׳האָב, אויף מיין וואָרט, געלעקט די פינגער פון דיין „אבשלומען"... ביסט יענער ממזר...

מיט אָט דער באַנדע האָט זיך עס אמנון פריייטיק ערב ליכט־צינדן אַראָפּגעלאָזן אין קיבוץ אַריין. שושנה האָט גוט געזען, ווי אין זיינע שייבלעך האָט אויפגעלויכטן, אָבער זי איז אויף צו להכעיס נישט אַריין צו אים. זי איז געווען ברוגז. זי איז אַרויס אויף דער טעראַסע. פון ים,

דאָרט, ווו ס׳פינקלען די ווייטע פייערלעך פון עזה, האָט געצויגן אַ קיל, מחיהדיק ווינטל. ביי „רעמססן״ אין דער קעל איז שטעקן־געבליבן אַ פאַרשטיקטע גרימעניש. ער האָט געקלעפּט צו איר און צו אמנונען. דאָס האָט ער ס׳הינטל, נאָך גאָר אַ ברעקל, צוריקגעברענגט פון סיני. דאָס שוואַרץ־געפלעקטע הינטל איז געהאַט אַרויסגעשפּרונגען פון אַ צעשאָסע־נעם מצרישן טאַנק, און וואָיענדיק געקומען לעקן אים די פיס. ער האָט ס׳הינטל געברענגט אין קיבוץ אַריין, אַ נאָמען געגעבן עס, לויט פּרעה׳ן, „רעמסס״.

דורך די טונקעלע אַלייען און סטעזשקעלעך, האָט מען שוין אין פרייטיק־צו־נאַכטס באַצייטנס געצויגן צום חדר האוכל, אויפן בערגל. די געדיכט־צעוואַקסענע גראַנאַטן־ביימער האָבן פאַרשטעלט די ליכטיקע פענצטער. אין פּרוזדור האָט יעדער צוערשט אַ לייען געטון די צעהאַנ־גענע אַרבעט־מעלדונגען אויף מאָרגן גאַנץ פרי. ס׳איז איבערן טיפן זאַל געשטאַנען אַ גערעדעריי, אַ לאַכעריי, איידער מ׳האָט אַראָפּגערוימט פון די טישן. דערנאָך איז פלוצים שטיל געוואָרן. אין אויסגלאָשענעם זאַל האָט זיך אמנון אויפגעשטעלט און געמאָלדן, אַז נאָכן קאָלעקטיוון געזאַנג, וועט זיין אַ קאָנצערט. אויף דער הויכער וואַנט האָט דער קינאָ־פּראָזשעק־טאָר געוואָרפן דאָס ליכט, געכתיבהטע ווערטער פון אַ ליד, און דער גאַנ־צער אויסגעלאָשענער זאַל האָט הייס אַ ברום געטון די מעלאָדיע. ס׳האָט עפּעס דערמאָנט אין אַ פּאַטעטיש רעליגיעז געזאַנג פון אַ פאַרבאָרגענער סעקטע, אין די היילן: ואולי... כנרת שלי... ירושלים של זהב... מים, מים... ווי מען וואָלט טאַקע דערפילט דעם געדיכטן רעגן, וואָס פאַלט־צו דער לעכצנדיקער ערד...

שושנה האָט, זעט אויס, נישט באַמערקט, ווי מ׳האָט אים אומגע־ריכט אַ רוף געטון, אמנונען; אַזוי געשעט עס דאָ אַלעמאָל מיט מיליטער־לייט, אָדער רעזערוויסטן, ווען מען טוט זיי שטיל אַ רוף. ער איז פאַר־שוווּנדן, אַזוי פלינק און אומגעריכט, ווי ער איז געקומען. די פייערלעך אין זיינע שייבלעך אין באַגינען האָבן איר, זעט אויס, גענאַרט.

ס׳איז געווען אויפן דריטן טאָג נאָך זיין פאַרשווינדן, צוזאַמען מיט דער באַנדע אַקטיאָרן, ווי זי האָט זיך אויפגעהויבן און איז געלאָפן אים אויפזוכן. די שייבלעך ביי אים זענען אין באַגינען געשטאַנען שטום, אויס־געלאָשן. אַפּגעוואָרט דעם אויטאָבוס אויפן שמאָלן כביש, צווישן די פּרדסים־וועלדלעך. ער איז דאָ, אין די פאַרוואָרפענע מקומות, פאַרבייגע־לאָפן איין מאָל אין טאָג. זי האָט זיך אַראָפּגעכאַפּט קיין תל אביב. ביז זי האָט זיך דאָרט דערפרעגט צו דער קאַפּע „נגה״, צו דער קאַפּע „ניצה״. אָבער קיינער האָט דאָרט נישט געוווּסט וועגן אמנונען, און די רויטע מויד שושנה האָט זיך אומעטיק־פאַרטראַגן צוריקגעטרייסלט צום וויטן קיבוץ אין נגב...

קאַפּיטל 34

# אין די שפּורן פון חבר אהרן

אין אַזאַ מאָדנעם פּלאָנטער האָט ער זיך דערזען, דאַניעל. די מויד אַרלעט... די דיסקרעטע אויספאַרשונג... ער האָט שוין אויך אָנגעהויבן חושד צו זיין יעדן איינעם, וואָס האָט אים זייטיק אָפּגעמאָסטן. אָבער ווו, פרעגט זיך, האָט זי געגומען געלט, די מויד, אַרומצושלעפּן זיך מיט דער באַנדע? ווער זענען זיי די, וואָס צילן אונטערצוגראָבן די אָרעמע עקזיס־טענץ פון אָט די אַלע פּשוטע, פליייסיקע, אויסגעליטענע לייט?... — האָט ער זיך צום ערשטן מאָל אַ פרעג געטון. אין אַזאַ מיאוסן פּלאָנטער אומגע־ריכט פאַרקראָכן! מ׳קען נאָך אים אַליין אפשר אויך חושד זיין, כ׳ווייס־וואָס. נאָכן אומקערן זיך פון אילת, נאָך די קורצע, האַסטיקע וויכוחים מיטן יונגן אינזשיניער יגאל, מיט די לייט פון דער דיסקרעטער אויספאָר־שונג, איז עס אַלץ געבליבן אָפּגעזעצט אין זיין שווער געמיט. ער מוז, האָט ער באַקלערט, לויפן דאָ ערגעץ אויפזוכן דעם חבר אהרן. אָבער — צי עקזיסטירט ער נאָך דאָ ערגעץ, דער חבר אהרן?

צוריקגעקערט קיין תל אביב, האָט ער זיך דערזען אַרומבלאָנדזשען צווישן די האַלב־נאַכטיקע קאַפייען, אויף בן־יהודה, אויף דיזנגוף, צווישן אַ רוישיקן עולם יונגוואַרג — מיני־קליידלעך, סאָלדאַטן, פאַרכאַפּנדיק־שיינע סאָלדאַטקעס, טייל העל־בלאָנדע, עפּעס גאָרנישט קיין יידישלעכע, אין זייער פעסטן, זיכערן טראָט; פּאָליציי־מיידלעך, מיטן נאַגאַן ביי דער זייט, רעגולירן דעם געדיכטן גאַסן־פאַרקער. אין דער האַלבער נאַכט זענען נאָך די טעראַסן, ברייט צעלייגט צו דער גאַס, געווען געדיכט באַזעצט. מ׳האָט געטרונקען „עספּרעסאָ”, וויסקי; ס׳איז דאָ געווען עפּעס ענלעכס צום האַלב־נאַכטיקן פּיגאַל, צום מאָנמאַרטר, אָדער צום מאָנפּאַרנאַס, אין פּאַריז. ס׳האָט אים אויסגעזען ווי אַ מין נאָכמאַכונג פון די גרויסע וועלט־שטעט, צוזאַמען מיטן — אַמעריקאַנער טעמפּאָ. אוודאי, נישט דאָס איז ביי זיי דאָס אויטענטישע. אָבער ס׳האָט זיך מאָדנע געוואָרפן אין די אויגן דער רויער ריס פון אַ יאָמערלעך־צעשפּאָלטענער וועלט — די ייִנגלעך פון סועץ־קאַנאַל, פון מדבר, איינגעגראָבן טיף אין די אייזן־בעטאָן־בונקערס, און אין היגטערלאַנד — די נאַקעטע סטריפּטיז־פליישן, אין ראָזן, בלוי־לעכן ליכט פון די גרויס־שטאָטישע באַרן און נאַכט־לאָקאַלן. ס׳חזרט זיך אומעטום איבער דאָס זעלבע. זיי זענען דאָ אוודאי נישט ערגער און נישט בעסער פון אַנדערע. אַ מיטליאָריקער מאַן, אין אַ צעשפּיליעט חלוציש העמדל, האָט געלאָזן פאַלן:

— אַמאָל זענען דאָ אין די ראָגן פון היימישן תל אביב געווען נישט

מער ווי גוז־בודקעס. אַביסל געצוקערט, אָפּגעפּאַרבט וואַסער... ס׳זענען געהאַנגען אַ פּאָר טרוקענע בייגעלעך אויף אַ שטריקל. היינט — עספּרעסאָ... וויסקי... פּיצאַ... רויט־באַלויכטענע באַר־איינגאַנג...

ער האָט זיי דאָרט געזען אַרומדרייען זיך, אין פאַרשטעלטן ליכט, די האַלב־נאַקעטע קעלנערקעס, צווישן פוטוריסטישע וואַנט־געמעלן. געבראָטנס אין קופּער־פּאַנען, וואָס רויכערן מיט פעטס פון פלייש און גייען אויף ווי קטורת פון געטשנדינערישע מזבחות. געמאַליעוועטע פליישן — אַ־לאַ פּאַריז, אַ־לאַ האָנג־קאָנג. דאָרט זיצן אוודאי לייכטע פאַרדינערס אויף די הויכע באַר־זעסלעך, ביים טומבאַנק, זיי וויגן זיך אין וויג־שטולן, צוזאַמען מיט דער — וואַקלדיקער וועלט. דיסקאָטעקן, דזשאַז. ס׳הילכן פון שפּיל־קאַסטן די מאַנאָטאָנע שלאַגערס פון די וועלט־פּאָפּ־קאַבאַרעטן. ס׳טרעפט אַז אַ ייִנגל מיט אַן אָנגעוואַקסן שטעכיק, מדבר־בערדל, פאַרשוויצט, פאַרסאַדזעט, ווי די מענטשן פון די היילן אין דער וויסטע, פאַרבלאָנדזשעט אַהער, צווישן די האַלב־נאַכטיקע באַרן און ביסטראָ׳ס. ער קומט פון סועץ, כאַפּט זיך אַראָפּ אַהער אויף אַ צוויי מעת־לעת חופש. ער לייגט אַוועק אין אַ זייט זיין מיליטערישן רוקזאַק, זיין „עוזי״. ער איז צווישן צוויי אויטאָבוסן. באַלד וועט ער זיך אומקערן צום פראָנט, צום זשאַווערדיקן שטעכל־דראָט, צו די שטרענגע, געלע וואַנסעס פון סערזשאַנט, צום געוואָי פון שאַקאַלן און זאַמד־שטורעמס, צווישן די מדבר־דיונעס. סועץ און — רחוב דיזנגוף. פון אַלע זייטן — צוגווינטן. דאָס איז דער נייער סטיל. מ׳זעט עס, אגב, אויך אין די פילמען. וואַקזאַל־געפילדער. און ער, דאַניעל, וואָס איז אַלץ אַרומגעגאַנגען מיטן געפיל, אַז אין דער ערד פון פליען צו די פּלאַנעטן, פון אַטאָם־אומגליק, וואָס הענגט איבער אונזערע קעפּ — וואָס פאַראַ באַדייטונג האָבן דען די אַלע קליינע, אפילו קליינלעכע, נאַציאָנאַלע קאַמפן און פעלקערשאַפטן?

און דאַניעל האָט זיך געזאָגט: כ׳געהער שוין אוודאי אויך צו אַן עלטערער גענעראַציע. זע, דאָס יונגוואַרג... כ׳בין שוין נישט בכוח זיי נאָכצולויפן... און אַזאַ ווייטע בענקשאַפט איז געווען אין זיין געמיט. דער ריס צווישן זייערע אבות איז מסתמא פאַרט נישט געווען אַזאַ טיפער, ווי צווישן אונז און אונזערע עלטערן. זיי האָבן געטראָגן מיט זיך הויכע אמונה, סיי די פרומע, סיי די נאַיווע סאָציאַליסטן, וואָס זענען אַוועק אין אַלע פייערן, אויף אַלע באַריקאַדן, אין אַלע תפיסות, אויפגעשטיגן אויף אַלע תליות...

ווי דער אינסטינקט וואָלט אים אָבער געפירט, און ער איז געקומען אַוועקזעצן זיך ביי דער קאַפע „דליה״, אויפן הירקון, על שפת הים. און ס׳איז אים אַלץ נישט אַרויס פון זינען: דער חבר אהרן... געדוכט האָט זיך אים אפילו, אַז ער געדענקט אים נאָך אַזוי מאָדנע קלאָר, ווען ער האָט געפלעגט אומגעריכט אַריינצופאַלן צו זיי, אין די צוויי קליינע, נידעריקע שטיבלעך, פּאַסאַזש ד׳עפּאַטאַריאַ; כאָטש ער אַליין איז נאָך געווען אַ קינד. ס׳איז מאָדנע היינט צו טראַכטן, אַז חבר אהרן איז טאַקע געווען איינער

פון די גרינדער פון 4־טן אינטערנאַציאָנאַל, איינער פון די, וואָס האָבן פּאַראויסגעפּילט אַלע שטורעמס. צי דאַרף מען נישט אַמאָל לערנען ביי די אַלטע, די אויסגעפּרוּווטע? ווי אַזוי איז עס געשען? נאָר איינצלנע פון זיי האָבן זיך געראַטעוועט, ווי פון אַן אונטערגעגאַנגענעם קאָנטינענט, איידער אַלץ איז ביי זיי סיי ווי אונטערגעגאַנגען. ווי אַזוי זענען זיי צו־ריקגעקומען צווישן די, וואָס זיי האָבן אַלע יאָרן אַזוי ביטער אויסגעלאַכט, באַשפּיגן? ווי אַזוי איז דערצו דערגאַנגען?

— פאַקטן זענען עקשנותדיק... — האָט ער דאָ געהערט צווישן די געעלטערטע לייט — אָט די ציוניסטן, וואָס מיר האָבן זיי אַמאָל אויסגע־לאַכט... עפּעס איז דאָ געשען אַזוינס, וואָס מיר האָבן עס אפשר פולשטענ־דיק פאַרזען, אָדער נישט געוואָלט דערזען... איינס איז זיכער, מיר דאַרפן זיין מיטן פאָלק, אויפן אָרעמען שטיקל ערד, אין וועלכן עס קלאַמערט זיך מיט ציין און מיט נעגל...

מ'האָט זיי נאָך אויך געפּלעגט צו טרעפן, די געעלטערטע לייט, אין די פּאָפּולערע אַרבעטער־קיכן פון דער „הסתדרות", אָדער אין בונדישן לאָקאַל. ס'איז דאָ ווי געצויגן געוואָרן אַן אַלטע טראַדיציע פון די פּאַרטיי־לאָקאַלן אין וואַרשע, אין לאָדזש, וווּ מ'האָט געקענט אָפּעסן אַן אָרעם מאָלצייט פאַר אַ פּאָר גראָשן. וועטעראַנען פון אַלערליי באַוועגונגען, אָפּ־שפּליטערונגען פון אינטערנאַציאָנאַלן, אַלע פון „דאָרט", פון יענער זייט לעבן; „געוועזענע", וואָס האָבן דאָרט אַמאָל אויפגעזונגען די אַלטע טעאָריעס וועגן „קאַמף אויפן אָרט", „צוזאַמען מיטן נישט־יידישן פּראָ־לעטאַריאַט"... און ווי דאַניעל וואָלט דאָ נאָך אַמאָל אַריינגעפאַלן אין אַפּשיין פון אַ ווייט־פאַרלאָפענער צייט — אַלטע דיסקוסיעס, אַלטע פאָרמולן פון לאַנג־אויסגעוועפּטע אידעאָלאָגיעס; ווי שאָטנס פון אַ לאַנג־פאַרגאַנגען לעבן וואָלטן זיך דאָ אַרומגעדרייט. די זעלבע, וואָס האָבן זיך אַמאָל געוואָלגערט אויף די אומלעגאַלע בירזשעס פון פּראָפּ. פאַראיינען, אין די פאַררויכערטע פאַראיין־לאָקאַלן; וועטעראַנען פון 3־טע, 4־טע, 5־טע פּאַרטיי־צוזאַמענ־פאָרן... שטורמישע פּאַרטיי־פּלענומס... שפּאַלטונגען... ליקווידאַטאָרן... רעכ־טע און לינקע... דאַנציג, ווין, קראָקע... זיי האָבן געקענט פערזענלעך דעם, אָדער יענעם פירער, וואָס איז שוין לאַנג — לעגענדע. ס'איז טאַקע גע־ווען ביי דאַניעלן אַ געפיל, ווי ער וואָלט געבלעטערט פאַרגעלטע בראָשורן; ווי די מענטשן גופא וואָלטן אויפגעטויכט פון די בראָשורן אַרויס. לעבע־דיקע עדות פון אַ גרויסן דור, אָן שום ספק. זייערע קעפּ זענען גרוי, אָדער נאַקעט. אין זייערע אויגן — אַ ווייטער, נישט־אויסגעלאָשענער פלאַם; אַלטע בייסיקייט, אַלטע איראָניע אין זייער מוטנעם בליק.

אָט גייט ער, דער מאַן, איבערן טראָטואַר, די פּלייצע אַביסל גע־בויגן. ער פאַרמאָגט גאַרנישט, אויסער די סאַמעטענע, אויסגעריבענע פּאָר הויזן, דאָס העמדל מיטן צעשפּיליעטן קאָלנער, וואָס ער טראָגט אויף זיך. ער האָט שוין אַלע טעמפּלען און אַלע געטער הינטער זיך; ער האָט זיי אַלע צעבראָכן, אָדער זיי אַליין האָבן אים אַרויסגעשמיסן אויפן הפקר; האָט ער

זיך לסוף אומגעקערט צו די אוראַלטע יידישע נביאים; זיי זענען דאָ אַמאָל געטרעטן איבער דער פאַרברענטער ערד, די באָרוועסע אַפּאָסטאָלן פון גליל. זיי האָבן הארב געשטראָפט, געמאָנט, געשאָלטן מיט פייערדיקע רייד. זיי האָבן פאַראויסגעזאָגט אַלע אומגליקן, וואָס זענען טאַקע, צום אומגליק, מקוים געוואָרן. אָבער אַ שפּראָץ פון די דאָזיקע וויזיאָנערן איז געבליבן אויף דער ערד. דאָ וועלן זיי זיך פאַרטיידיקן ביזן לעצטן, מיט ציין און מיט נעגל.

איינער, מיט אַן אויסגעצופּטער לייבן־טשופּרינע, מיט איינגעפאַלענע באַקן, האָט געוויזן אַן אויסגעלאָשן פייקעלע; אַן אַנדערער האָט געוויקלט אַ סיגאַרעטל אין ביבולע, מיט פאַרהילצערטע פינגער. ער האָט זיך פּלוצים שאַרף אויסגעדרייט, פאַרהויבן מיט חידוש דעם פאַרגלייזטן בליק צו די וואָלקן־קראַצער־האָטעלן, וואָס זענען דאָ געדיכט אויסגעוואַקסן איינס לעבן אַנדערן לענגאויס דעם שפת הים; פון די אונטערערדישע גאַראַזשן האָט גע־האַלטן אין איין פליסן אַ קייט אויטאָס, מיט אַנגעצונדענע פאַרן, ווי שוואַרצע זשוקעס, איבערן פרישן אַספאַלט פון די דורכגעשניטענע שאָסייען; הייזע־ריק, אָבער מיט אַלטן מעטאַל, אין זיין שטים, האָט דער מאַן געלאָזן פאַלן:

— בחיי, ווי זיי פאַרסמען די לופט, פאַרשטעלן דעם הימל, די ניי־אויפגעקומענע בורזשואַזיע... ס׳וועט שוין באַלד נישט זיין מיט וואָס צו אָטעמען. זיי פאַרפעסטן אויך די וואַסערן מיט זייערע פאַבריק־אָפּפלוסן. נישט אַזוי האָבן מיר זיך דאָס אַלץ פאַרגעשטעלט... אָבי מ׳האָט געמיינט...

און יענער האָט זיך עפּעס פּלוצים איינגעקוקט אין דעם יונגנמאַן מיטן ווילד־צעוואַקסענעם בערדל, ווייל דאַניעל איז שוין עטלעכע מאָל גע־קומען אַוועקזעצן זיך אויף דער טעראַסע, געוויזן די בלאַנדע סיגאַרעטלעך, געצויגן דורך אַ שטרויעלע פון אַ הויכער גלאָז אַראַנזשן־מיץ, אָבער אין דער אמתן האָט ער זיך דאָ זייטיק איינגעהערט צו זייערע שמועסן און הייסע וויכוחים פון די געעלטערטע לייט.

— אַזוי? — האָבן זיי זיך געוואונדערט — איר פאַרשטייט אונזער יידיש לשון? טאַקע אַ חידוש. ס׳היינטיקע יונגוואַרג וויל פון גאַרנישט מער וויסן...

ווייל ער האָט ביי זיי אויך אומגעריכט אַ פרעג געטון, צי זיי קענען נישט דאָ אַמאָל דעם חבר אהרן, פון וואַרשעווער מורדזשיעל, פון די פּשיסוּוע־בייגערס... צי זיי ווייסן נישט... ער האָט זיך שוין דאָ געהאַט נאָכ־געפרעגט, אָבער קיינער האָט נישט געוווּסט. ער האָט זיך בחוש פאַרגע־שטעלט, אַז חבר אהרן דאַרף ענלעך זיין אויף איינעם פון אָט די געעלטער־טע לייט.

— ס׳אי גוט... — האָט איינער, אין טונקעלע ברילן, אַרויסגעזונגען — שיין זיך דערמאָנט!... איר מיינט אוודאי דעם חבר אהרן, וואָס האָט זיך דאַרט געוואַלגערט אין די תפיסות, איז, דוכט זיך, מיטגעווען ביים שטורעמען דעם ווינטער־פּאַלאַץ אין פּעטראָגראַד... דעם געוועזענעם טראָצקיסט...

— דעם געוועזענעם?... פאַרוואָס עפּעס — דעם געוועזענעם?...

— ווייל מען פאַרנעמט זיך דאָ מער נישט מיט אָט די נאַרישקייטן...

זיי האָבן זיך אויך היפּש געחידושט, וואָס מ׳געדענקט נאָך אין אים, און לסוף געשיקט אים אין עפּעס אַ פּאַרטיי־לאָקאַל, אויף רחוב ברנר. דאָרט וועלן זיי אוודאי וויסן. ער איז מיטגעגאַנגען. שוין אין פּאָדערהויז האָט דאָרט געשמעקט מיט שימל פון אַרכיוון. געפירט האָט אים אַן עלטערער חבר. ער איז אָבער פריער אָפּגעשטיגן באַלד דערלעבן, אין פּאָפּולערן אַרבעטער־רעסטאָראַן פון דער „הסתדרות", אין די „מטבחי פועלים". אַ פּולער, זשומענדיקער זאַל. אַהער האָבן זיך אַריינגעכאַפּט די בוי־אַרבעטערביים בנין, פאַרשפּריצטע מיט קאַלך, אַ קיבוצניק מיט אַ צעריבענער טעקע אונטערן אָרעם, מיט שווערע, באַטשוועקעטע שיך, אָפּעסן אויף גיך אַ מאָגערן מיטאָג, אַ ביסל ירקות, אַ מרק־פירות. ביי די הינטערשטע טיש־לעך האָבן זיך געזאַמלט די געעלטערטע לייט. זיי האָבן דאָ גערעדט מער יידיש, ווי דעם האַרטלעכן עברית. אַ מויד פון יאַס, וואָס האָט דאָ סערווירט, האָט זיך מיט אַלעמען אַרומגעקריגט, און טאָמער האָט עמיצער געפּרוווט קרומען זיך אויף די דערלאַנגטע מאכלים, האָט זי אפילו איינעם דער־לאַנגט פּעטש אויך, אונטערגעהאַלטן זיך די באַקעס. זי איז געשטאַנען אויף הויכע, געזונטע פיס. דער ווייסער פאַרטוך איז געלעגן אויף איר ווי אַ מונ־דיר; האָט געפּיסקעוועט אַ יאַס׳ער יידיש מיט בלויז קאָמעצן.

נאָכן מאַלצייט זענען זיי אַריבער דעם ראָג צו דער רווישיקער אַלנבי, אַראָפּ אין אונטערערדישן דורכגאַנג, אויף דער צווייטער זייט, דורך דער פאַרדרייטער רחוב נחלת־בנימין, אַרונטער צום ים, פאַרביי דעם זשומענ־דיקן שוק־הכרמל. דאָרט זענען נאָך, צווישן דעם הו־האַ פון גרינס־וועגעלעך, הויכע שטויסן אַרבוזן, קירבעסן, באַנאַנען, געשטאַנען אַלטע, געל־געפּאַרבטע מויערלעך, און צום ים אַרונטער — אָפּגעקראַכענע הייזער מיט אָפענע קעלער־שטובן, פאַרשטעלט צו דער גאַס מיט אייזערנע אַרומגעבראָכענע שטאַכעטן. אין פאַרנטיקן הויפל, אַראָפּצוגיין אין דער נידער, האָט אַ פרוי מיט אַ ווייסן קאָפּ, איבערגעשווענקט און צעהאָנגען ביים וואַסער־פּלומפּ אַ געוועש אויפן פאַרצויגענעם דראָט.

— צו וועמען?... — האָט זי אויסגעשטעלט דעם טויבלעכן אויער־מושל, מיט חידוש — צו אהרנען?... טאָקע מ׳געדענקט נאָך אין אים?...

— יאָ, צום חבר אהרן.

— ווען איר ווייסט... ליגט פאַרטראָגן, דער דאָקטער איז היינט ווידער געוועזן... אָפּגעשוואַכט...

און זי איז אַרונטער די פּאָר טרעפּלעך, אַ שטויס געטון די טיר פאַר־זיך. אונטערן באַלקן האָט עס אַ פאַרשמעק געטון מיט אַ היימישער גריץ און — רפואות. די אַלטע איז צו און אַ פאַרשאַר געטון דעם פאַר־האַנג צו דער נישע, און פון דאָרט האָט זיך געהערט אַ שווער, אַנגעשפּאַלטן, צוגעדושעט קול:

— ווער איז דאָרט?

דאַניעל איז נאָך אַלץ געשטאַנען ביי דער שוועל, געצופּט אַ הע־רעלע פון זיין אָנגעוואַקסן בערדל. ער האָט נישט געוואַגט, און איז גע־

ווען צערודערט. טאַקע, וואָס וועט ער אים זאָגן, דעם, וואָס איז אומגעריכט אַריין אין זיין שווער געמיט, אין זיינע בלאָנדזשענישן? ער האָט דער־זען אַרויסשטעקן דעם גרויען קאָפּ, די רויטלעכע, פאַרשוואָלענע אויגן, און האָט געשטאַמלט:

— כ׳קום פון פאַריז, חבר אהרן... איר געדענקט אפשר לייביש שניידער?... פון בעלוויל...

— אַזוי?! אַ פראַגע צי כ׳געדענק... און ווער ביסטו?

— כ׳בין דער יונגערער זון, וואָס... איר דערמאָנט זיך אפשר...

— ס׳איז שוין אַלץ אַזוי ווייט! עפּעס דערמאָן איך זיך. פאַריז! דער בעלוויל! וואָסזשע מאַכן זיי דאָרט? מ׳קעמפט נאָך אַלץ, הער איך, אַ?... נאָר וואָס קומט אַרויס...

די געעלטערטע פּרוי, מיט סימנים פון פאַרוועלקטער שיינקייט, מיט אַרונטערגעלאָזענע אויגן פון אַ פאַרכאַפּנדיקן בלוי, איז געלאָפן אַוועק־שטעלן כיבוד, איבערגעשווענקטע גלעזער, אַ פלאַש מיץ, אַ פּאָר קיכע־לעך. אהרן האָט זיך אויפגעהויבן, אַרויפגעוואָרפן אויף זיך אַ מלבוש, דערשלעפּט זיך ביז צו דער וויגשטול. די אַלטע האָט אים אַרויפגעוואָרפן אַ האַריקע קאָלדרע אויף די קני, אַ סוועטערל אויף די פּלייצעס, כאָטש ס׳איז געווען אַ חמימה. אַ שאַרפּער, שטעכיק־פאַרוואַקסענער קין, אַ שי־טער געוואָרענע לייבן־גריווע. עפּעס אַ ווייט פייערל האָט צוריק אויפגעע־לויכטן אין זיינע פאַרכמאַרעטע אויגן. ער האָט נאָך אויך געפּרוווט מיט פאַרהילצערטע פינגער צו דרייען אַ סיגאַרעטל אין ביבולע, ווי אַמאָל, נאָר די אַלטע איז באַלד צו און עס ביי אים אַוועקגענומען. ער האָט זי אַ רגע נאָכגעקוקט, אָן איין וואָרט. ער האָט געשטאַמלט:

— אָבי מ׳האָט אַמאָל געהאַט אַ פול מויל פּראַזן: דער קומענדי־קער דור... וואָס וועט ווייטער טראָגן די פאָן... ס׳היינטיקע יונגוואַרג, הער איך, לאַכט זיך גאַנץ שיין אויס. און צוריקגערעדט, טאַקע, וואָס פאַראַ ירושה האָבן מיר זיי דען געלאָזן? ביי וואָס זענען זיי געבליבן? אַ צעבראָכענע קאַריטע... אומגלויבן... פאַראַט...

— מיר זענען אָבער געקומען צום אויספיר — האָט דאַניעל גע־וואָגט, דווקא מיט אים, מיטן חבר אהרן — אַז די סתירה צווישן ציו־ניסטישן נאַציאָנאַליזם און פּראָלעטאַרישן אינטערנאַציאָנאַליזם... מ׳קען נאָך אַלץ נישט אַזוי לייכט אַריבערשפּרינגען אַזאַ תהום...

— מיר האָבן אויך אַמאָל אַזוי געמיינט. פאַרגעסט נישט אַז בעתן אויפקום פון סאָציאַליסטישן געדאַנק, איז די וועלט געווען — ברוטאַלי־טעט, הערשער און שקלאַפן. מען וועט אָבער נאָך אפשר אַמאָל אַנטדעקן, אַז ביי די יידן, אָדער יידן־אָפּשטאַמיקע מאַרקס, טראָצקי, ווי ביי אַזויפיל יידן־נאָכגייער, מיט קרענקלעכע קאָמפּלעקסן — איז דער הויפּט־מאָטאָר אין זייער פילן, דענקען, אפשר הינטערבאַוווסטזיניק, געווען — פּשוט אַריינצוברענגען אַביסל יידישן יושר אין דער ברוטאַליטעט פון דער וועלט, כאָטש געזיגט לסוף האָט ווידער די ברוטאַליטעט...

און דאַניעל האָט דערביי אַ טראַכט געטון, אַז אין זיינע אייגענע אויגן זענען, הייסט עס, זיינע אַמאָליקע רייד, שריפטן, רעדעס, פּלאַך, נישט אמתדיק. אַלע אידעאָלאָגיעס האָבן זיך איינגעבראָכן איבער אַ פינצטערן תהום, ביים סוף פון אַ שטורמיש לעבן. דער קאָפּ איז ביי אים גרוי, די כוחות גייען אויס; און ער האָט אים אַ פרעג געטון:

— און דאָס אַלץ, וואָס מיר זעען דאָ — צי פירט עס אין ערגעץ?

— דעם חשבון דאַרף מען אָנהייבן אַ סך פריער, פאַרן אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ, ביי די לעגיטימע פּאַרזעצער פון אַלע אידייאישע זוכענישן, פון אַלע באַריקאַדן, תפיסות, ווו מיר האָבן געשטרעקט אונזער לייב־און־לעבן פאַר אַ בעסערער וועלט... ביי די יינגלעך און מיידלעך פון וואַלד, פון די מעפילים־שיפלעך. פאָלק, וואָס איז, ווייזט זיך אַרויס, העכער פון — פאַרטיי. פאַרפאַלן, צו אַזאַ אויספיר מוז מען קומען. נאָר אַזוי אַרום קען מען באַנעמען דאָס, וואָס מיר זעען דאָ. אין אַ טאָטאַלער מלחמה זענען אַלע פאָלקס־כוחות מאָביליזירט. די חשבונות צווישן זיך — און חשבונות זענען פאַראַן אַזויפיל! — וועלן ערשט דערנאָך אַרויס־שווימען. זיי זענען שוין פאַראַן...

און ער האָט אויפגעהויבן דעם מוטנעם בליק פון אונטער די גע־דיכטע, צעשויבערטע ברעמען:

— כ׳פאַרשטיי. אונזער צעבראָכענער דור האָט אייך אויסגעליפערט אין אַ וועלט פון וועלף... נאַקעטע פייגעלעך אין אַ פאַרלאָזענער נעסט... צווישן שטורעם און ווינטן...

ער האָט זיך איינגעקוקט אין דעם געעלטערטן, צעבראָכענעם מענטש, און ס׳איז אויפגעגאַנגען אין אים עפּעס אַ ווייטע, וואַרעמע פאַר־קלעמטקייט. דער דור פאַר אונז — האָט זיך דאַניעל געזאָגט — איז געגאַנגען צו די זעלבע צילן, און — איז אויך נישט דערגאַנגען. אפשר וועלן מיר יאָ דערגיין?... אויב דער אַטאָמישער אוישוויץ־געוויטער וועט אונז נישט אַלעמען אַראָפּשווענקען. און געהערט האָט ער אַלץ איבער זיך, ווי פון זייער ווייט, דעם אַלטנס געדעמפטע רייד, ווי פון אַ מדבר־נביא:

— ס׳איז אפשר אויך — אַטאַוויזם. מיר האָבן מורא ווייטער צו לעבן אָן אַן אידיי, פונקט ווי אונזערע אבות — אָן אַ גאָט, זאָל זיין אָן אויסגעדאַכטן; ווייל דאָס טאַקע האָט זיי אוודאי אויפגעהאַלטן אין זייער מענטשלעכקייט; מער מענטשלעך, ווי אַלע אידעאָלאָגיעס, דאָס איז זי־כער. אַט קלאַמערט מען זיך נאָך אין אַן אונטערגעגאַנגענער וועלט. אין יענע יאָרן האָט דאָ אַ ייד אַ זאָג געטון צו די טעריטאָריאַליסטן, וואָס האָבן נאָך אַלץ אַרומגעזוכט ערגעץ־ווו אַ טעריטאָריע פאַר יידן: וואָס דאַרפט איר אַזויפיל זוכן? נעמט אייך דעם נגב, באַאַרבעט אים, באַזעצט אים... איז אָבער יענער אַרויס מיט דער אַלטער טעאָריע פון נישט־לייזבאַרקייט, געפערלעכקייט פון אָט דעם ברען־פונקט, אויפן וועג צו די נאַפט־קוואַלן, צו די ווייט־מזרחדיקע לענדער און וואַרעמע ים׳ען... די

נאַרישע אילוזיעס. מיר האָבן עס דעמאָלט נאָך אַלץ נישט באַגריפן — נישטאָ אין ערגעץ וואָס צו זוכן!...

— איז, הייסט עס, דער אינטערנאַציאָנאַליזם נישט מער ווי אַ פראַזע? — האָט דאַניעל געפרעגט, נישט אָן אַנגסט.

— די פראַזע: „צווישן די באָלשעוויקעס זענען פאַראַן נאָר אינ־טערנאַציאָנאַליסטן, נישט קיין יידן", האָט די געשיכטע גופא אויסגעלאַכט. פאַר דער גאַנצער וועלט, יידן און נישט־יידן, איז דווקא טראָצקי געווען דער ריכטיקער פּראָטאָטיפּ פון אַ יידישן רעוואָלוציאָנער. כאָטש ר׳איז אַלע זיינע יאָרן געווען פולשטענדיק גלייכגילטיק צו זיין אָפּשטאַם, אפילו אין אָנבליק פון די פּאָגראָמען אין רוסלאַנד, האָט ער נישט געוואָלט זען דעם ייד, נאָר דעם מענטש. ער דערקלערט זיך — נישט־ייד, נישט־רוס, נאָר סאָציאַל־דעמאָקראַט. אַז זיין קאָסמאָפּאָליטיזם איז זייער ווייט פון דער רעאַליטעט, באַשטעטיקט זיך אין זיין אויטאָביאָגראַפיע, אין קאַפּיטל „אַ פּלאַנעט, אָן אַן איינטריט־וויזע". ווייל נאָכן פאַרטרייבן אים פון רוסלאַנד דורך סטאַלינען, עפנט קיין שום לאַנד פאַר אים נישט קיין טיר. טאַקע דערפאַר איז סטאַלינען אַזוי לייכט געווען אים צו פאַרטרייבן. טראָצקי איז פאַרבליבן אַ מענטש מיט אַ צעשפּאָלטענער נשמה, פול מיט סתירות. דאָס יידישע וועלטל איז פאַר אים געווען צו ענג. אָבער זיין קאַמף פאַרן אונטערדריקטן דרינגט דווקא אַרויס פון יידישע קוואַלן, אין זייער דורותדיקן שטרעבן צו סאָציאַלן יושר, צו רעוואָלט, צו צע־טרייסלען די פונדאַמענטן פון דער געזעלשאַפט.

— צי איז ער דען געווען איינציק, אין גיגאַנטישן קאַמף? — האָט דאַניעל אַלץ נישט פאַרשטאַנען.

— נישט איינציק, ביז אונזערע טעג... ראָזאַ לוקסעמבורג איז טראָצקין אַמנאָענטסטן. ביידע זענען זיי געווען די פאַרלייקענער פון יעדן נאַציאָנאַלן סענטימענט. אָבער אויך דאָס איז מאָדנע יידישלעך — אַנשטאָט צו וואַרטן אויף אַ משיח, ווילן זיי אים ברענגען מיט כוח, און נישט בלויז פאַר זייער פאָלק, נאָר פאַר דער גאַנצער מענטשהייט. דחקה זיין דעם קץ, פון דאַנען — זייער חלום פון אַ פּערמאַנענטער רע־וואָלוציע. מ׳האָט אפילו געפונען געמיינזאַמס צווישן „קריסטיאַניזם, דער פּראָדוקט פון יודאַיזם", מיט דער באָלשעוויסטישער רעוואָלוציע, וואָס איז אויך — „די פּרוכט פון יידישן מוח". מ׳האָט טראָצקין פאַרגליכן צו איינעם פון די ערשטע קריסטן־פּרעדיקער, דעם אַפּאָסטאָל שאול פון תרשיש: ביידע יידן, ביידע האָבן זיי אומגעוואָרפן אימפּעריעס, די מערב־דיקע און די מזרחדיקע... ביידע האָבן זיי געשאַפן אַ נייע קירכע, און — אומגעקערט זיך מיטן רוקן צו זייער אייגן פאָלק...

— אַנטלויפן? פאַרוואָס אַנטלויפן?...

— די נישט־יידן האָבן עס בעסער פאַרשטאַנען: מ׳קען נישט אַנטלויפן פון זיך. ערשט אין די 30־ער יאָרן, אונטערן דרוק פון די געשעענישן, איז טראָצקי געצוווּנגען געווען צו אַנערקענען, אַז די יידישע

רעאַליטעט פאָדערט אַ נייע באַטראַכטונג. דער אויפגייענדיקער היטלעריזם און דאָס צוריק באַווייזן זיך פון אַנטיסעמיטיזם אין רוסלאַנד, האָבן אים באַוויגן צו רעווידירן זיין שטעלונג. ער האָט פאַרשטאַנען לסוף, אַז ביז דער מאַרקסיזם וועט ווערן אַ ווירקלעכקייט, וועלן די יידן צעריבן ווערן פון דער מלחמה־מאַשין, וואָס רוקט זיך אָן, נישט ווי אַ קלאַסן־מלחמה, נאָר ווי אַ מלחמה פאַר עגאָיסטישע, נאַציאָנאַלע אינטערעסן.

— אַ ווירדיקער רעוואָלוציאָנער — האָט זיך דאַניעל געכאַפּט — אַנטלויפט נישט פונם לאַגער פון די פאַרפאָלגטע... אויף אַזוי ווייט האָט ער געבלאָנדזשעט?

— און נישט בלויז טראָצקי. צום טיף פון דעם מין געהער אויך איליאַ ערענבורג, וואָס וועט נישט פאַרבלייבן אין דער רוסישער ליטע־ראַטור... אָמבעסטן האָט די יידישקייט טראָצקי׳ס דעפינירט זיין תלמיד און זיין ביאָגראַף, איזאַק קראַקעווער: „אויב נישט ראַסע, פרעגט ער, טאָ וואָס איז אַ ייד? די רעליגיע? כ׳בין אַן אַטעאיסט. יידישע נאַציאָ־נאַליטעט? כ׳בין אַן אינטערנאַציאָנאַליסט. פונדעסטוועגן בין איך אַ ייד אין זין פון סאָלידאַריטעט מיט די אונטערדריקטע און פאַגראָמירטע. כ׳פיל דעם פולס פון דער יידישער געשיכטע... מיר מיינען, אַז דאָס אַלץ, וואָס געשעט אין אונזער דור, איז עפּעס נייעס. אַסימילאַציע... שמד... נאַציאָנאַלע אידייען... קוקט אַריין אין אונזער געשיכטע... דאָרט איז שוין אַלץ פאַרצייכנט, ווי ס׳וואָלט געווען אַ מין גלגול החוזר...

— כ׳פאַרשטיי, אַז אויך ביי איזאַק קראַקעווערן איז געווען אָט דער נשמה־ריס. כ׳בין נאָך געווען צו יונג צוצוהערן זיך צו אייערעביידנס דיסקוסיעס, ביי מיין טאַטן אין שניידערישן בוידעם־שטיבל, פּאַ־סאַזש ד׳עפּאַטאַריאַ...

— ווייל טראָצקי האָט מער ווי אַלע פון זיין צייט דערפילט דעם אמתן פרצוף פון נאַציזם און פאַרגעזען די קאַטאַסטראָפע. זייט 1931 רופט ער צו אַ פּרעווענטיווער מלחמה קעגן נאַציזם. ער לייגט פאָר צו שאַפן דעם געמיינזאַמען פראָנט פון קאָמוניסטן און סאָציאַל־דעמאָקראַטן אין דייטשלאַנד. אויב דער פאַשיזם — האָט ער געוואָרנט — וועט קומען צו דער מאַכט, וועט ער צעשמעטערן אייערע מוחות און חוט־השדרה׳ס. איילט זיך צו. טראָצקי פאַרלאַנגט די מאָביליזאַציע פון דער רויטער אַרמיי, אָבער דער „קאָמינטערן״ שטעמפּלט אים ווי אַ „קריגס־העצער״, אַז ער האָפט אויפן צוזאַמענברוך פון ראַטנפאַרבאַנד. נאָכן מינכען־פּאַקט שרייבט ער: „אפילו אָן אַ מלחמה, באַווייזט קלאָר די קומענדיקע אַנטוויקלונג פון דער וועלט רעאַקציע, די פיזישע אויסראָטונג פון יידן. אין פאַל פון אַ מלחמה, וועט דאָס יידישע פאָלק פאַלן אַ קרבן פון גע־נאָסיד״. און נאָך — אַזוי ווי דער ייד גיט זיך נישט איין אין ראַטנפאַרבאַנד פאַר „אינטעגראַציע״, דאַרף געפינען ווערן אַ טעריטאָריאַלע לייזונג. ער אָנערקענט אָט דעם „אידעאָלאָגישן אָפּנויג״ אין 1937 אין אַן אינטער־וויו פאַר אַ יידישער צייטונג אין אַמעריקע. אַמאָל, זאָגט ער, האָט ער

געזען דעם אויסוועג אין אַסימילאַציע, אָבער פּנים אל פּנים מיט דער „היסטאָרישער אַנטוויקלונג... כאָטש דער ציוניזם איז נישט באַרופן צו לייזן די יידן־פּראַגע". די מעכטיקע ביוראָקראַטישע מאַשין פון סטאַלינען דערלאָזט נישט די אַנטוויקלונג פון דער נאַציאָנאַלער קולטור, פּונקט ווי זי דערשטיקט קולטור בכלל. די ביוראָקראַטיע שטעלט זיך נישט אָפּ פאַר שאָוויניזם, פאַר אַנטיסעמיטיזם. זי נוצט עס אויס, ווייל יידן פאַרנעמען וויכטיקע פּאָזיציעס אויף אַלע געביטן. שוין אין 1934, בעת אונזער שמועס אין פאָטאָגראַפישן אַנשטאַלט אין ווערסאַיל, אינטערעסירט ער זיך גאָר שטאַרק מיט דער אַרבעטער־באַוועגונג אין ארץ ישראל...

— דאָס איז אינגאַנצן אומבאַקאַנט! — האָט דאַניעל כמעט אויסגעשריגן — מ׳וואָלט עס דווקא היינט באַדאַרפט הויך צו פּראָקלאַמירן...

— און אפשר זענען מיר גאָר אַלע, צוזאַמען מיט טראָצקין, נישט מער ווי אָרעמע דאָן קישאָטן אויף די געמאַרקן פונם געמיינעם וועלטל, פון רציחה און פּחדנות... מיר ברענגען זיי, פּונקט ווי די פאַרצייטישע נביאים אונזערע, אידייען פון יושר און זיי — זיי לאַכן זיך גאַנץ שיין אויס פון אונז...

אַוועקגייענדיק צום לעצטן מאָל פון חבר אהרן, האָט זיך דאַניעל געזאָגט, נישט אָן פּאַטאָס: צווישן אונז דרייען זיך נאָך אַלץ אַרום פּשוטע מענטשן, וואָס וועלן אַמאָל געהערן צו דער לעגענדע.

## קאַפּיטל 35

# ווי אַ לונאַטיקער אויף דער פאַרברענטער ערד

אַצינד האָט ער שוין אַלץ געוווסט; און אפשר נאָך נישט אַלץ. אים האָט זיך געוומען אויסדוכטן — ווי נעכטן וואָלט עס געווען — אַז ער געדענקט נאָך גענוי דעם דעמפּיקן פאַרנאַכט הויערן איבער די אַלטע געסעלעך פון בעלוויל, אין יענעם שיינעם, טרויעריקן סעפּטעמבער 1939, ווען איזאַק קראָקעווער האָט אומגעריכט פאַרבלאַנדזשעט צו זיי אין הינטערשטן מייערל, אין פּאַסאַזש; ווען ער איז צום לעצטן מאָל געקומען אַנצולויפן פון דאָרט. ווי ער, דאַניעל אַליין, וואָלט געזעסן דערביי און צוגעהערט זיך צו זייערע הייסע וויכוחים מכוח דער נייער סיטואַציע. אַזוי ווייט אייגענען מיר זיך צו פון די נעפּלדיקע קינדער־יאָרן דאָס אַלץ, וואָס מ׳דערציילט זיך אָן יאָרן שפּעטער אַרום היימישן משפּחה־טיש. ס׳האָט זיך אים אפילו געדוכט צו זען דעם חבר אהרנס הויכע פּלייצע, זיינע געלע, פאַרהילצערטע שפּיץ־פינגער ביים פאַרדרייען די מאָגערע סיגאַרעטלעך אין ביבולע־פּאַפּיר; דורך די אַנגעשפּיצטע נאָז־

לעכער האָט ער איינגעאָטעמט די דעמפּיקע, אָנגעגליטע אַטמאָספער, ערב אַלע שטורעמס אין זייער לעבן. ער האָט אפילו — האָט זיך אים געדוכט — אויך פאַרגעדענקט ס׳לאַכנדיקע מיידל מיטן אַליוון־פּנימל, די חברטע מירע, פון אויבערשטן שטאָק. מ׳האָט זיך נאָכדעם אַזויפיל אָנדערציילט וועגן איר; ווי זי האָט אין דעמפּיקן פאַרנאַכט אַ פאַרשאַר געגעבן ס׳פאַרהענגל, אומרואיק, אומגעדולדיק, אָפּגעוואַרט די שטילע, פאַרזיכטיקע קאַצן־שריט פון אים, פון בערן. דאָס זענען געווען מענטשן — האָט זיך דאַניעל געזאָגט — מאָדנע עקסטרעמען, אין צייטן פון פינצטער־פאַרוואָלקנטע הימלען איבער אונזערע קעפּ.

ער איז אין יענער געשפּאַנטער אַטמאָספער אונטערגעוואַקסן היי־פּער־פּילבאַר, דאָס יינגל, אָנגעקוקט מענטשן מיט חשד פון אונטערן שטערן; אָבער ערשט נאָך אַזויפיל יאָרן, האָט ער עס אַלץ אָנגעהויבן צו רעאַליזירן. ווייל ס׳געשעעט מיט אונז טיילמאָל אַזוינס — מיר רעאַגירן נישט מאָמענטאַל אויף גרויסע דראַמאַטישע שאָקן, און לעבן עס טיף איבער ערשט דערנאָך. ס׳הייסט, ביידע, סיי קראָקעווער און סיי חבר אהרן, האָבן זיך שוין דעמאָלט, זעט אויס, פון די ערשטע, אָפּגעגעבן אַ חשבון, וווהין דאָס אַלץ קען פירן. אין דער צייט, ווען דער חבר בער איז נאָך דעמאָלט מיטן גאַנצן לייב־און־לעבן, מיט זיין גאַנצער קרענק־לעכער היפּער־פּילבאַרקייט, שאַרפער אינטעליגענץ און דינסטע שפּי־רונגען, ווי אומגעזעענע אַנטענעס, פאַרפלאָנטערט געווען אין דינען דעם פינצטערן אַפּאַט, די עבודה זרה, דעם פאַרסמטן סטאַליניזם, וואָס האָט אונז אַלעמען דערנאָך דערפירט ביז אַהער. צי בלויז — ציניקער? צי בלויז — קאַריעריסט? צי בלויז הפקר׳ער באַהעם, אין תוך? ווייל עפּעס פאַרט זיך דאָ — באָהעמיע, שפּיאָנאַזש־אַוואַנטוריזם, און — אויף טויט און לעבן איבערגעגעבן דעם יידישן אַרבעט־מענטש, געפּאַרט מיט אונזער ספּעציפישער יידישער שפּירעוודיקייט. גוט־באַצאָלטע, אויסגע־לערנטע שפּיאָנען דערגייען קיינמאָל נישט צו דער מדרגה. דאָס האָט ער דער עיקר אַצינד געוואָלט דערגיין ביים חבר אהרן, ווען ער שטייט שוין אויף דער שוועל פון קבר. נאָך איין מאָל איז ער געקומען אים אויפ־זוכן אין די נידעריקע געסעלעך על שפת הים.

— אַלץ — האָט דער זקן געפּרוווט אים אויפצוקלערן — האָט מען פאַרלאַנגט פון אונז, מיר זאָלן אָפּגעבן זיך אינגאַנצן, אפילו — אונ־זער מאָראַלישע ריינקייט, לאָזן זיך באַשמוצן און באַשולדיקן אין סאַמע ערגסטן, כדי דערמיט כלומרשט צו דינען דער רעוואָלוציע. ער איז דערנאָך דערגאַנגען צו די זעלבע אויספירן, וואָס מיר. אָבער ווען? נאָך אַלע שווערע נסיונות; נאָכדעם ווי זיי האָבן אים דאָרט זייער שיין אָפּ־געדאַנקט פאַרן וואָרענען קעגן איבערפאַל פון היטלערן, פאַרן פאָראויס־זאָגן דעם קלאַפּ אין סטאַלינגראַד — מיט צען יאָר לוביאַנקע... צי איז ער אָבער נישט געפירט געוואָרן פון דער זעלבער האַנט פון כיטרן אַזיאַט, ווי דער מערדער, וואָס האָט אַראָפּגעלאָזן די האַק איבערן גע־

ניאַלן יידישן מוח פון לעוו דאַווידאָוויטש טראָצקי? און בלויז איבער אים?...

און ווי דער אַלטער וואָלט פאַרשטאַנען זיין פאַרשאַרפט געפיל:

— צו דעם זענען מיר דערפירט געוואָרן. ס׳וועט נאָך מסתמא לאַנג דויערן, ביז די פאַרהוילענע, אומגעזעענע נאַטור־כוחות, אָדער אפשר מעשה יה, ווער ווייסט, וועלן פאַרמירן, אָדער באַשאַפן אַזאַ מין זעלטענעם עקזעמפּליאַר יידן. אָן זיי וואָלט נישט געווען קיין יושרדיקער גאַנג צום הומאַנעם, אמתן סאָציאַליזם; אָן זייער גרויסער וויזיע, וואָלט קיין מדינת ישראל אוודאי אויך נישט געווען. דאָס איז אונזער חלק אין דעם לאַנד, וואָס איז באַשאַפן געוואָרן אין בלוט פון פאָלק, וואָס איז העכער פון יעדער פּאַרטיי.

יעדעס מאָל איז דאַניעל אַרונטער די קרומע שטיגן מיט אַביסל פאַרכט — צי זשיפּעט ער נאָך, דער אַלטער? ווייל ער האָט צוגעזען, ווי די כוחות גייען אים אויס. ער טוט זיך אַ הייב פון בעט און — קען נישט. זיין אַדערדיקע האַנט בלייבט הענגען ווי אַן אונטערגעשאָסענער פליגל. ער וויל עפּעס זאָגן, ביז ער כאַפּט שווער אָפּ דעם אָטעם. און ער האָט דערפילט, ווי ער אַליין וואָלט דאָס אַלץ באַדאַרפט איבערנעמען פון אים ווי אַ לעצטע מסורה. זיינע הייסע, שטאַמלדיקע רייד האָבן געקלונגען ווי אַ צוואה:

— מיר גלויבן, געוויינלעך, אַז אין דער נאַטור גייט גאָרנישט פאַרלוירן, אַז דער פאַדעם פון דורות, ווי דין ער זאָל נישט זיין, ווערט ערגעצוו נישט איבערגעריסן. ס׳איז נאָך אָבער גאָרנישט אַזוי זיכער...

און דאַניעל האָט גאָר דערביי נעפלדיק אַ טראַכט געטון, אַז אפשר איז עס טאַקע אַ באַשערטע זאַך, וואָס די נאַרישע מויד, די פלאַפּלערקע, אַרלעט, וואָס איז דערגאַנגען ביז אַזאַ פאַרברעכן... האָט אים אַהער אומגעריכט פאַרנאַרט, צו די ברעגן פון לאַנד. וואָס האָט ער געדרונגען פון די פיבערדיקע רייד פונם זקן? ווייל אין זיינע אויגן איז ער געווען — אַן איבערבלייבעניש פון אַן אַנדערער, אַ פּרעהיסטאָרישער עקזיסטענץ, ווי פון אַן אונטערגעגאַנגענעם קאָנטינענט.

— מאַכט אייך נישט קיין אילוזיעס. ס׳איז דער לעצטער אַנהאַלט. נאָך אַזאַ ביאַלאָגישער קאַטאַסטראָפע, האָט קיינער נישט געקענט קלוג זיין. אַלע אונזערע אידעאָלאָגיעס, האָט זיך אַרויסגעוויזן, זענען געווען געבויט אויפן זאַמד. אילוזיעס, בלויז אילוזיעס! זיי רופן עס דאָ אַלץ — „ציוניזם”. ס׳איז דאָ אָבער אויסגעוואַקסן עפּעס ענלעכס צו אונזער אַמאָליקער „קאָמ.־גאווה”, פּאַרטיי־דאָגמאַטיזם. אונזער טראַגעדיע איז פיל טיפער, לאָזט זיך גאָרנישט רעדוצירן צו עפּעס אַ פּאַרטיי־פּראָגראַם. יאָ, ציוניזם — אָבער יעדע באַוועגונג האָט געהאַט איר „ציוניזם”. טאַקע אין דעם זין איז דער וואַרשעווער געטאָ אויך געווען — דאָס אַרומגערינגלטע ארץ ישראל. ס׳האָט דאָ איינער פון די מנהיגים אַנומלט אַ זאָג געטון: „ישראל איז די שותפות פון ציוניסטן, עולים און — פאָלק”.

— אָבער אַזאַ מאָדנער אַנגעלויף — האָט דאַניעל אַלץ נישט פאַרשטאַנען — זיי מוזן זיין מענער מיט אַ שטאַרקן רוקנביין, פון אַזאַ דער נישט־האָמאָגענער מאַסע צו וועלן אויספורעמען — פאָלק. אַזאַ פילפאַרביקער געמיש!

— מ׳קען זאָגן — האָט חבר אהרן זיך געכאַפּט — אַז טיילווייז האָט דאָ אויך די שיטה פון אחד העם גובר געווען אין זיין נבואה, געזונט צו מאַכן דאָס פאָלק. אַ צענטער... אַ סימבאָל... אָבער ס׳פאָלק — ווי איז דאָס רוב פון פאָלק? וויסגעקוילעט, פאַרגאַזט...

דאָס אויך האָבן זיי ־יידע דערפילט — דאָס יידישע לעבן אומעטום רינט אויס. זיי כאַפּן זיך אַראָפּ אַהער, די טוריסטן. אַלץ באַגייסטערט זיי. מען באַדויערט, וואָס אין די יונגע יאָרן... און מ׳קערט זיך אום צום אייגענעם פאַרשווינדן.

— דער ציוניזם — האָט דער אַלטער אַלץ גערעדט, ווי אין טראַנס — דאַרף אפשר אויפסניי דעפינירט ווערן, אין אונזערע טעג, פונקט ווי דער א. ג. „אַנטי־סאָוויעטיזם". פעסטע באַגריפן, זיי האָבן אָבער פאַרלוירן זייער אַמאָליקן באַדייט, אין נייעם, געענדערטן, רעאַלן קוק אויף אַלץ. קיינער, למשל, כאַפּט זיך היינט נישט — וואָס מיינט מען אַנטי־סאָוויעטיזם? אַ פוסט וואָרט! דעמאָלט, אין יענע הייסע טעג, האָט עס געהייסן שטעלן זיך אויף דער זייט פון דער פינצטערער וועלט־רעאַקציע. אָבער וווהין האָבן זיי דערפירט? די גרעסטע אַנטי־סאָוויעטן זיצן אין קרעמל גופא. אַזאַ רעוויזיע פאַרלאַנגט אפשר אויך דער באַגריף ציוניזם. ווייל — אַט זידלען זיי — „ציוניסטן!" און מיינען אַלע יידן.

דאַניעל האָט מיטאַמאָל דערפילט, ווי דער קאָפּ ווערט אים גרוי. אוישוויץ — איז אים טרויעריק־קלאָר געוואָרן — האָט שוין אייגנטלעך עקזיסטירט נאָך פאַרן דייטשן אוישוויץ. ס׳איז אַ שוידערלעכע אַנטפּלעקונג! ס׳האָט זיך נישט געוואָלט צונעמען ביי די נאַציס אַזאַ פינצטערע „פּריווילעגיע". דאָס לערנט אונז עפּעס וועגן גרויען מענטשן, וואָס דרייט זיך אַרום צווישן אונז — צו וואָס ער איז פעאיק אין געוויסע באַדינגונגען. אַרלעט... צו וואָס זי האָט זיך דערקייקלט, די נאַרישע מויד...

— ברענג אונז נאָר נישט צו אַזאַ נסיון! — האָט זיך אַרויסגעריסן ביים זקן פון דער קעל.

דאָס אַלץ האָט ער געהערט פונם מויל פון חבר אהרן, און אין דעם ליכט, איז דאַניעל, ווי פאַרבלענדט, אַרומגעגאַנגען אויף דער דאָזיקער פאַרברענטער ערד, אַן אומגעזעענער, אַן אומגעריכט־פאַרבלאָנדזשעטער, ווי אַ לונאַטיקער. ס׳איז, הייסט עס, נישט צו אַנטלויפן. אַזוי אינטים פאַרבונדן מיטן פאַריזער אַראָמאַט, מיטן שיטערלעך־בלויען הימל איבערן אַלטן בעלוויל, האָט אים פאַריז פלוצים אויסגעזען ווייט, פרעמד. טאַקע, צו ווּעמען קערט ער זיך אום? אַלע שטאַרקע פראַזן אין זייער מויל האָבן פלוצים געקלונגען ווי אויסגעליידיקט. און אַרלעט, האָט זיך אַרויסגעוויזן...

דערפאַר איז ער בלינדערהייט געקומען אויפזוכן דעם חבר אהרן, וואָס פאַרבינדט אים מיט אַזאַ דין פעדעמל מיט זיין ווייטער יוגנט, מיט זיין שניידערישער היים. ער האָט זיי דאָך געזוען אין הויף פון דער סאַר־באָנע, אין יענע אויפגערודערטע מאַי־טעג — אַ וועלט־יאַריד, אַ גע־שריי פון סלאָגאַנען, לאָזונגען, אַ משוגענער וועלט־קאַרנאַוואַל פון סתי־רותדיקע אידעאָלאָגיעס; סעקס־צעקאָכטע בלוט־אַרגיעס, מאָרגנדיקע הענ־קער, תליונים און... מאָרגנדיקע קרבנות...

— טאָ פאַר וועמען האָט ער זיך פאַרט געשלאָגן, דער חבר בער, מיט אַזויפיל נערוועזער יידישער אינטעליגענץ, פאַרביסענער לײדנשאַפט? און די קליינע מיראַ... ס׳קליינע, פאַרברוינטע מיידל, וואָס ער געדענקט זי נאָך אַזוי קלאָר.

— זיי זענען געווען די לעצטע פון אַ גרויסן דור, צו שלאָגן זיך פאַר פרעמדע צילן, זיי זענען די לעצטע — אָפּגענאַרטע, אויסגעלאָכטע און לסוף — פאַרטריבענע. אַזוי האָט מען אונז אָפּגעצאָלט — פאַר מאַרקסן, פאַר טראָצקין, פאַר אַזויפיל יידישע רעוואָלוציאָנערן, פאַר־פייניקט אין די תפיסות, געפאַלן אויף די באַריקאַדן פון דער געשיכטע. די לעצטע...

און נאָך אַ ווײַלע פײַנלעכן שטילשווייגן:

— גיי, ווייסט אפשר דאָרט געוויר ווערן אַזוינס, וואָס מיר ווייסן נאָך נישט אַלץ... כ׳וואָלט אַליין אויך דאָרט... אפילו מיט די לעצטע כוחות...

און דאַניעל איז געגאַנגען. אַראָפּ רחוב איבן גבירול, ווו דער אויטאָבוס פאַרהאַלט זיך האַסטיק אויפן ראָג, איז ער אַרונטער אין דער אָנגעפּאַקטער ווינדע עטלעכע שטאָק אונטער דער ערד, ווי אין אַ בונקער, אין קלוב „צוותא״. ס׳האָט אין דעם אָוונט נאָכאַנאַנד געשטראָמט אַן עולם. ס׳איז געווען אַ געשלאָסענע דעבאַטע. ער האָט זיך נייגעריק איינגעקוקט אין די פּנימער, אין די קולואַרן, אין פאָיע, אין די שמאָלע דורכגענג אונטערן נידעריקן סופיט. די געגאָסענע, דיקע בעטאָן־ווענט — ווי אין די היילן פון די ערשטע קריסטלעכע סעקטעס — אַזוי האָט עס אַלץ אויסגעקוקט אין זיינע אויגן. ער האָט געפּרווּט צו טרעפן: ווער, אַ שטייגער, קענען זיי זיין, די עלטערע, ווי אויך יונגע מענטשן? מסתמא הסתדרות־לייט, פאַרטיי־לייט, זשורנאַליסטן, וואָס דערשמעקן באַלד פון דער לופט — סענסאַציע, בפרט, ווען איינער פון די פאַרכאַפּער פון אייכמאַנען, באַווייזט זיך אין דער עפנטלעכקייט. צווישן זיי — אייניקע אין טונקעלע ברילן, נעט פאַרשפּיליעט. וואָס באַהאַלטן זיי אונטער די טונקעלע ברילן?

אויף דער נידעריקער עסטראַדע זענען זיי געווען אויסגעזעצט. צווישן זיי האָט ער דערקענט דעם פרישן עולה פון פוילן, אַ באַקאַנטע פיגור, אַ מאָגער־אויסגעצאָלט פּנים אונטער האָרן־ברילן. ביי זיין זייט — אַ גרויער מענטש מיט אַ היפּש־אויסגעביסענער שעווליורע, אין אַ ווייס

העמדל מיט אַן אָפּגעלייגטן קאָלנער פון אַ טיפּישן קיבוצניק; אַ דורכ־שניטלעך פּנים פון עפּעס אַ פּראָווינץ־שטעטל אין פּוילן, פון ראַדאָם, צי פון יענדזשעיוו, אַ שטייגער. ער איז געלאָסן און זיכער צו צום מיק־ראָ, נאָך אַלע זייערע רעדעס, דער סאַמע לעצטער, נאָכדעם ווי דער עולה פון פּוילן האָט דאָ פריער מיט אַן אומגעריכטער ליידנשאַפט גע־וואָרפן קיינמאָל נישט געהערטע רייד וועגן הויכן גלויבן פון יידישע אַרבעטער, אין געררעכטן קאַמף פון דערשטיקן דעם יידישן מענטש, אין משך פון מער ווי אַ האַלבן יאָרהונדערט:

— בלויז אַ מענטש, וואָס איז דערצויגן געוואָרן אין דער פּאַרטיי פון יענע יאָרן, אין זיין ווערט און פּאָזיציע, אינעם ביטערן געראַנגל, נאָר אַזאַ מענטש האָט זיך געקאָנט אַזוי אויפפירן, אין אַ וועלט, שווער היינט צו באַנעמען; זיין אויסהאַלטן און בייקומען אַלע גרויליקע נסיונות, גייסטיקע און פיזישע, וואָס נאָר יחידי סגולה זענען אין שטאַנד עס ביי־צוקומען. איז דען אַ צופאַל, וואָס די גרופּע, ווען מענס פירער ער איז גע־ווען, איז באַשטאַנען דער עיקר פון יידן, יידישע עמיגראַנטן, פאַרפאָלגטע יידישע אַרבעטער? ער האָט געגלויבט אינם גערעכטן געראַנגל פאַרן סאָציאַליזם, וואָס וועט אויך לייזן אונזערע פּראָבלעמען. אַ ייד, וואָס האָט בייגעטראָגן אַ וויכטיקן ביישטייער אין קאַמף קעגן דער נאַצישער חיה, וואָס האָט זיך פאַרמאָסטן צו פאַרניכטן אונזער פאָלק. זיין קאַמף איז אויך געווען אַ יידישער קאַמף.

און אַ קיבוצניק האָט זיך אויפגעשטעלט און געזאָגט:

— ער האָט אַמאָל באַלאַנגט צו דער שומרישער מחנה. אפשר האָט ער דעמאָלט גענומען צווייפלען, פאַרלייקענען די מעגלעכקייט צו קאָנצענטרירן דאָס פאָלק אין זיין היסטאָרישן פאָטערלאַנד? אָבער זיין וועג האָט אים לסוף צוריקגעפירט צו אונז, צום שומרישן שבט...

און פּלוצים האָבן אַלע אין זאַל, מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם, דער־הערט די ווייטע שטים זיינע דורכן מיקראָפאָן; די שטים, ווי פון אַ קבר אַרויס, איז געקומען דורכן עטער פון ווייטן וואַרשע, וווּ ער איז געפאַנגען, ווי אַן ערובניק.

אַ ווײַלע האָט עפּעס אַ רויש געגעבן אין מיקראָפאָן. דער זאַל האָט זיך ווי אַ וויג געטון און צוגענויגט די אויערן:

— איך לעב דאָ פאַרמויערט... איך לעב אָבער מיט דער האָפענונג אייך אַלעמען צוריקצוזען...

דאַניעל האָט פאַרפלאָמט אַ בליק געטון אין די הינטערשטע רייען. דאָרט איז געזעסן אַ פרוי מיט אַביסל צעוואָרפענע, פאַרבלאָז־בלאָנדע האָר. זי האָט זיך ווי פאַרלוירן צווישן עולם, וואָס האָט זי זייטיק באַטראַכט. ס'איז געווען די פרוי פון חבר בער, וואָס זיין פאַרשטיקטע שטימע פון ווייטן וואַרשע האָבן זיי דאָ נאָר וואָס געהערט. ס'איז נאָך

אַלץ געווען אין איר אַ ווייטע, וועלקנדיקע סלאַווישע שיינקייט — די בולטע קינען, דאָס אײדל־געצייכנטע מויל, דער מידלעכער בליק, וואָס האָט אויסגעגעבן דערשטיקטע ליידנשאַפט. טשעקאַווע, האָט דאַניעל אַ טראַכט געטון, וואָס פאַרא מעטאַמאָרפאָזעס אַזאַ פרוי האָט געקענט דורכמאַכן אין אַזאַ שטורמיש לעבן. לויטן פּשוטן חשבון, איז ער פיל לענגער געזעסן אין די תפיסות, געוואַלגערט זיך ערגעץ אין שפּאַניע, אויף די שלאַכטפעלדער, אָדער אין די שטאַבן, אין די „ספּעציעלע ביוראָען”, אָדער — אין טיף־פאַרבאָרגענער אונטערערד, אין אומלעגאַליטעט, איבער פאַרשידענע לענדער — ווי געווען צוזאַמען מיט דער משפחה, אַ פאָטער צו די קינדער, אַ מאַן. זיי האָבן מסתמא זייער קאַרג גענאָסן די ברעקלעך פון דעם, וואָס מ׳רופט געוויינלעך משפחה־גליק, צווישן איין מאָל אויפטויכן און דעם אַנדערן, צווישן איין מאָל גיין אין תפיסה און דעם אַנדערן; אָבער זעט אויס, אַז דאָס הייסע בלוט אין די לייט, אויף דער שוועל פון דער עלטער, איז נאָך אַלץ נישט געווען אָפּגעקילט. וואָס פאַרא אימפעט, פרעגט זיך, האָט זיי נאָך אַלץ געטראָגן, די מענטשן פון פאַרגייענדיקן דור? מיט אַביסל פאַנטאַזיע, איז נישט שווער געווען פאַרצושטעלן זיך די קליינע, צופעליקע אַוואַנטורעס פון אַ פרוי אַליין, אין יענע שווידערלעכע יאָרן. ווייל דאָס איז מסתמא געווען איינע פון די פאַרזיכערונגען, אַז זיין משפחה, פרוי און קינדער, זענען אין שוץ; אין דער צייט, ווען ער האָט געברענט ווי אַ פאַקל אויף אויף די מלחמה־שייטער־הויפנס און איז — נישט פאַרברענט געוואָרן. גאַנצע צען יאָר איז זי, אייגנטלעך, צולעצט, נאָענט געווען פון אים, הינטער די לוביאַנקע־מויערן, און — זי האָט עס גאָרנישט געוווסט. ס׳איז אויך צו פאַרשטיין, אַז זי האָט אפשר געוווסט, אָדער זיך נישט ווייסנדיק געמאַכט, פון זיינע קליינע, אָדער גרויסע אַוואַנטורעס, ווען ער איז געווען פאַרשטעלט אין אַלערליי מאַסקעס אין דער אונטערערד; ווען ער איז געווען ווייט, ערגעץ אין די גרויסע שטעט פון מערב־אייראָפּע, טיף פאַרשטעקט אין דער אומלעגאַליטעט. טאָ וואָס האָט זיי נאָך פאַרבונדן?

און דאַניעל האָט זיך ווידער דערמאָנט — ס׳קליינע, ווילדלעכע, לאַכנדיקע מיידל מיטן אָליוון־פנימל, מיראַ — די, וואָס האָט אים באַגלייט אין אַלע זיינע געפערלעכע אַוואַנטורעס. אויך דאָס האָט אים פאַראינטריגירט ביי דער פאַרשלאָסענער פרוי, אין איר שפּעטלעכן וועלקן. אָבער — ווען אין קאָן זענען געשטאַנען גורלות פון פעלקער?...

דער קליינער, גרויער מאַן, צווישן זיי, וואָס האָט זיך באַלד דערנאָך אויפגעהויבן און איז לאַנגזאַם, באַדאַכט געגאַנגען צום מיקראָ, איז, זעט אויס, גאָרנישט איבעראַשט געווען. ער איז קודם צו און באַפוילן אָפּצושטעלן דעם טייפּ־רעקאָרדער, וואָס האָט דיסקרעט, אומבאַמערקט, אין אַ ווינקל ביי דער בינע, פאַרצייכנט אַלע רעדעס; זאָלן גאָר קיין שום דאָקומענטן נישט פאַרבלייבן! אַזוי פירן זיי זיך, די דאָזיקע. אַ טרוקענע

שטים, פינקטלעכע פאַרמולירונגען, שוין צו פינקטלעכע. האָט אַלעמען רואיק איבערגעוואַרט, אין זייערע רייד וועגן אַזאַ דעליקאַטן ענין, ווי שפּיאָנאַזש, און האָט זיך באַלד דער עיקר גענומען אַטאַקירן דעם אַרויס־טריט פון אַלטן אַרבעטער־טוער.

— ווו, וויל איך וויסן — האָט ער האַרב געפרעגט — איז די שייד־ליניע צווישן פּאַרטיי און... שפּיאָנאַזש?... כ'ווייס שוין נישט, און — צי איז איבערהויפּט געווען אַזאַ שייד־ליניע?...

דער מאַן אין די האָרן־ברילן, מיטן איינגעגעסענעם זשאַווער אין זיינע מאָגערע באַקן, ווי ער וואָלט עס אָבער פאַראויסגעפילט, איז אים אַביסל פריער פאַרלאָפן דעם וועג: „דינען אַן אידעאַל איז איין זאַך און דינען אַ באַשטימטע מלוכה, אירע מלוכה־אינטערעסן, איז שוין גאָר עפּעס אַנדערש. אָבער אין גיגאַנטישן קאַמף מיטן בלוטיקן שונא פון דער גאַנצער מענטשהייט, און קודם כל פון אונזער פאָלק, איז געווען באַ־רעכטיקט, אַז אַלע מיטלען זענען כשר. ווי אַזוי מ'זאָל עס נישט אָנ־רופן... די יידישע אַרבעטער־באַוועגונג אָבער בלייבט פאַר אונז ריין און הייליק"...

דער גרויער מאַן האָט געדרונגען דערפון גאָר עפּעס אַנדערש:

— די קאָמוניסטישע באַוועגונג איז געווען און פאַרבליבן אַן אַגענטור פון אַ פרעמדער מאַכט... מיר האָבן היינט צופיל פאַקטן עס צו באַווייזן. ער האָט אונז פאַרלאָזן אין די סאַמע שווערסטע מאָמענטן פון אונזער קאַמף פאַרן לאַנד, און איז אַוועק דינען פרעמדע אינטערעסן...

— צי דען בלויז פרעמדע אינטערעסן? — האָט אים זיין אָפּאָ־נענט שאַרף איבערגעריסן.

די טרוקענע שטים האָט געגרילצט אין מיקראָפאָן. און דאַניעל האָט דערפילט — אַ פרעמד קול, אַ פאַרביסנס, און אַז אויך אין זיינע רייד שטעקט — דער ליגן. איז, הייסט עס, לויט אים, דער חבר אהרן, דער חבר קראָקעווער, און דער גאַנצער הערויִשער, אומגליקלעכער דור, וואָס האָט זיך מקריב געווען, נישט מער — ווי וווּלגאַרע שפּיאָנען?... נו, אַזאַ צוגאַנג... און ער האָט דערזען אויף אַ טייל פּנימער אַ גרימאַסע פון עקל ממש. ביי אַנדערע אָבער — שאַדנפרייד, אָדער דעם קאַלטן גלייכגילט.

---

ס'איז געווען מיט אַ פּאָר טעג דערנאָך, ווען איינער פון די גע־עלטערטע לייט, דער זעלבער, דוכט זיך, וואָס האָט אים דאָס ערשטע מאָל געפירט צום חבר אהרן, האָט אים פּלוצים אַ רוף געטון פון דער טעראַסע אין „דליה", אויפן הירקון. ער איז אים אַן רייד נאָכגעגאַנגען.

מ׳האָט געשוויגן. זיי האָבן זיך לאַנג געטרייסלט אין אַן איבערגעפּאַקטן אויטאָבוס, ערגעץ הינטער חולון, ביז צו אַ זאַמדיקן שטח, ברייט און ווייט אויפגעריסן. פאַרהאַלטן האָט מען זיך ביים טירל אין נידעריקן פּלויט. אַ קליין הייפל האָט באַגלייט די שטילע לוויה. ווער זענען זיי גע־ווען, די לייט, וואָס די פּלייצעס הויקערן זיך ביי זיי? צעאַקערטע פּני־מער, אָבער די אויגן לייכטן מיט אַן איבערערדיש, אומעטיק פלעמל. ווער זענען געווען די עטלעכע געעלטערטע פרויען, אין שוואַרצן? דאַניעלן האָט זיך אַלץ געדוכט, אַז ער קען זיי פון ערגעץ, אַז ער האָט זיי שוין ערגעץ ווו באַגעגנט, נאָר ער האָט זיך בשום אופן נישט געקענט דער־מאָנען — ווו. די זעלבע לייט, אפשר, פון בעלוויל, פון די יידן־געזעמלעך אויף די יזכור־אָוונטן אין פּאַריז.

ביים אָפענעם קבר האָט עמיץ פון זיי זיך אויפגעשטעלט און גע־רעדט. ער האָט נישט אַלץ באַנומען פון די פּאַטעטישע, פּראָסטע רייד, אָבער געפילט האָט ער, וואָס, אַ שטייגער, דאָס באַדאַרפן צו זיין פּאַראַ רייד, — הערא‏יזם, אומעטיקע דערמאָנונגען פון — לעצטע. ס׳האָט אַזוי ווייט און הויל אָפּגעקלונגען אין דער אויפגעריסענער ליידיקייט, צווישן די שיטער־פאַנאַנדערגעוואָרפענע קברים, מיט די נידעריקע, האַלב־רונדע שטיינער. ערגעץ אין אַנדערן עק, צווישן אַ פינצטער געזעמל, האָט אויך אָפּגעקלונגען אין דער גרויסער ליידיקייט, אַן אַלטער וואַכע־דיקער קדיש, אַן אל מלא רחמים; און מאָדנע, אויך דער אומעטיקער ניגון, וואָס ער האָט אים אפשר קיינמאָל נישט געהערט, איז אים עפּעס פאַרגעקומען קענטלעך. און דאָ, אַרום אים, האָבן די לייט געברומט דאָס אַלטע ליד פון מאַרטירער:

פאַרמוטשעט אין פינצטערע תפיסות,
אין קאַמף פאַר דער אַרבעטער־מאַכט...

און כאַטש אַ גרויסע, פלאַמיקע זון האָט געשיינט, האָט איבער אַלעמענס קעפּ דער הייסער, טרוקענער ווינט געהוילט, ס׳איז געהאָנגען אַ זאַמדיקער נעפּל פאַר די אויגן און האָט פאַרשטעלט די זון, ווי דורך אַ פאַרהאַנג. נישט אומזיסט זענען דאָ די מערסטע געווען אין שוואַרצע זון־ברילן. אין זיין אייגן געמיט איז אויך געלעגן אַ פינצטערער וואָלקן: שוין, אויס! עס שטאַרבן די לעצטע פון אַ גרויסן דור. זיי האָבן זייער לעבן געשטרעקט פאַר אַלע מענטשן, און די מענטשהייט — לאַכט זיך אויס פון זיי. זיי, די לעצטע, קוקן אָבער מיט נאָסטאַלגיע אויפן יונג־וואַרג, וואָס בלאָנדזשעט אין אַ וועלט פון לויטער סתירות. און ס׳האָט אים נאָך געעקבערט אַ מאָדנע פאַרגעפיל: ווי וועט עס דאָ אויסזען, נאָכדעם ווי די ראשונים וועלן אַראָפּ פון דער אַרענע? און ער האָט זיך צום ווייפלטן מאָל געזאָגט — ניין, ס׳איז נישט צו אַנטלויפן פון די־אָ. פאַרפאַלן, ס׳איז גורל־געמיינזאַמקייט.

קאַפּיטל 36

# די נאַרישע, איינגעשפּאַרטע מעלאָדיע

מ׳האָט באַציַיטנס פאַרט באַדאַרפט נעמען קלייבן זיך צוריק אין וועג אַריין, און ערגעץ אינעווייניק ביי אים האָט זיך עפּעס אָפּגעריסן; אפשר איז עס אויך געווען די נאַרישע, איינגעשפּאַרטע מעלאָדיע, וואָס איז אים אומעטום נאָכגעגאַנגען. ס׳איז געווען דינע נאָסטאַלגיע אינם ליד, וואָס די קיבוץ־יוגנט האָט זיך דערמיט פאַרוויגט, לאַנג, ביז מאָנאָ־טאָניע — „למה... למה?...״ ס׳איז געווען דעריין פרייד און אומעט און דביקות און הויכע אמונה — באַגלייך. ער האָט עס איינגעזויגן מיט די אַראָמאַטן, וואָס ער האָט זיי ערשט דאָ אַנטדעקט.

ס׳איז אומעטום געווען צו זען, ווי די איינגעדרימלטע לאַנדשאַפט, אונטער דער הייסער זון, ווערט אויפגעטרייסלט פון ריזיקע בולדאָזערס. זיי לאָזן הינטער זיך טיפע גראָבנס, רייסן אויף אַ פאַרגליווערטע וועלט פון פאַרגעסענע יאָרטויזנטער. איבער נאַכט וואַקסן אויס דערפער, שטעט, שיכון־הייזער, וואָלקנקראַצערס, פאַבריקן. אַספאַלט־שאָסייען רייסן זיך אַריין אין דער וויסטעניש, צווישן בערג און אָפּגרונטן. יידן, וואָס פליסן אָן אין לאַנד אַריין, דאַרף מען געבן אַ דאַך איבערן קאָפּ, אַרבעט, פּראָ־דוצירן, פאַרגרעסערן דעם עקספּאָרט, דעקן די אַסטראָנאָמישע בודזשעטן פאַר פאַרטיידיקונג. מ׳קען דאָ נישט אָפּשטעלן זיך באַוואונדערן — „די ראָזע שקיעה אויפן ווייטן האָריזאָנט״... „די וויאָלעטע שאָטנס פון די טיפע וואַדיס״... אין די פריע באַגינענס טרייסלט זיך דער גרויער אַרבעט־מענטש אין די צעטרייבערטע אויטאָבוסן, איבער די ניי־דורכ־געשניטענע שאָסייען. זיי פליען אָן מיט אימפּעט, אָן שום מורא פאַר וועג־קאַטאַסטראָפעס. דאָרט, ווו ס׳זענען געווען מאָלערישע דיונעס, רוישט דער בולדאָזער און זעצט מיט אַ רויכל. פריער האָבן דאָ שאַקאַלן אַרום געוואָיעט אין די טיפע נעכט.

אפילו דאָס האַלב־לעגענדאַרע־צפת, מיט די קליינע, צערודערטע קינסטלער־אַטעליעס, אפילו דאָרט האָט זיך אַריינגעריסן די אַבסטראַק־טע מאָלעריי, פאַבריקן, נאַכט־לאָקאַלן, נעאָנען; כאָטש ס׳דאָמינירן נאָך דאָרט אַלץ די געהויקערטע שטיבלעך, איינס אויף איינס, קוביסטיש; צווישן בלוי־געקאַלכטע, פרוכנע גאַניקלעך, אין די ענגע, געדרייטע געסלעך, ווו ס׳שוועבט נאָך די ראָמאַנטיק פון קבלה, פון זוהר, פון אר״י הקדוש, פון ר׳ שמעון בר יוחאי. באַלד וועט דאָ אויך אויסוואַקסן אַ וואָלקנקראַצער, מיט אַ ליפט, מיט עלעקטראָניק, מיט אַ ראָז־פאַר־טונקלטן באַר און סטריפּטיז. און אַרום — שטיבלעך, הויפן, קלויזן, ליקוטי זוהר. אַ זקן אין אַ פלאַטשיקן, סאַמעטענעם קאַפּעלאַטש, די

זשופּיצע שיט זיך שוין אין פּאַסן, שעפּטשעט אין שולכל איבער אַ ספר. אַ רעדל זקנות, מיט קופּקעלעך און קרעלן, מיט גראָווירטע קנייטשעלעך אויף די ציטריקע גאָמבעס, רעדן רכילות אויפן געשניצטן גאַניקל. דאָס אַלץ וועט נעלם ווערן פון פייזאַזש. דער בולדאָזער ווישט אַלץ אָפּ; פּונקט ווי די ברוטאַליטעט פון מענטש צו מענטש איז אין דער לופט.

אַריבערצושפּרינגען אַזאַ תהום! ווי אַזוי — האָט ער געוואָלט וויסן — וועלן זיי זיך אַן עצה געבן מיט אַזויפיל גייסט־און גייסט מענטשן, אין אַזאַ דיספּראָפּאָרץ פון אַ קליין, נאָך וויט נישט צונויפגעשטוקעוועט פאָלק? יעדער איינער מיט זיין וויזיע פון אַן אַנדער לאַנדשאַפט, פון אַן אַנדערן קלימאַט, פון אַן אַנדער קולטור? אָבער גייסט, דער עיקר, איז דאָך געווען אין אורשפּרונג פון יענע יידישע אינטעליגענטן, סוף 19־טן און אָנהייב 20־טן יאָרהונדערט, מיט זייערע וויכע הענט, ביים פּאַרקאַ־טשען די אַרבל און אָוועקשטעלן זיך טרוקענען זומפּן, לייגן כבישים אין דער ווילדעניש, צווישן אַ שבט שיטער־פונאַנדערגעוואָרפענע אַראַ־בער, וואָס האָבן דאָ גאָרנישט געשאַפן, נאָר — צעשטערט. ער האָט טאַקע ערגעץ געלייענט וועגן יענע יאָרן, ווי ביי דער זייט פון פּראָסטע כבישים־לייגער, האָט מען אָפט געקענט באַמערקן אין דער אָפּרו־שעה עמיצן פון זיי, אַ באַברילטן יונגערמאַן, אַריינקוקן אין אַ פילאָזאָפיש, אָדער מאַרק־סיסטיש בוך — העגעל, מאַרקס, באָראָכאָוו. דאָס זענען געווען פּיאָנערן, חלוצים, אַנטלאָפן אפילו פון די וואַרעמע היימען, פון גרייטע קאַריערעס; ווי זיי וואָלטן געקומען אַהער אַריינקוקן אין בוך אַריין, ביים רעאַליזירן אַלע זייערע גרויסן, שיינע אידייען און אידעאַלן.

דאָס בוך פון דעם נאַטאַן וויינשטאַק — האָט ער איצט פאַר־שטאַנען — „דער ציוניזם קעגן ישראל״, מיט וועלכן זיי טומלען דאָרט אַזוי אַרום, איז נישט מער ווי איינזייטיק, טענדענציעז־צונויפגעשטוקעוועט, פון דער „ציוניסטישער קאָלאָניזאַציע אין פּאַלעסטינע״, קורץ — טענ־דענציעז־צוגעקלעפּטער „קאָלאָניאַליזם״, אין אַלגעמיינעם קאָנטעקסט פון די באַדינגונגען פון די יידישע מאַסן אין מזרח־איירָאָפּע. עפּעס רעדט ער דאָרט וועגן „אימפּעריאַליסטישן אַריינדרינג פון יידן אין נאָענטן מזרח״; די פאָרמאַציע פון „העברעאישן שטאַט״, די „קינסטלעך־אויפגעבויטע סאָציאַל־עקאָנאָמישע סטרוקטור, אין ליכט פון מאַרקסיסטישן אַנאַליז״. דער יידן־אָפּגעפרעמדטער יונגערמאַן, אָנגעזאָפּט מיט מאָזאָכיסטישן זעלבסט־האַס, עגאָפאָביע, האָט זיך פאַרנומען אָנצוצייכענען דעם ישראל־אַראַבישן קאָנפליקט — „אויף דער באַזע פון רעכט פון דער פּאַלעסטינער נאַציע און פון דער העברעאישער מינדערהייט״. פעלשונג! בלויז אַ סאָ־ציאַליסטישע רעוואָלוציע — וויל ער באַווייזן — קען פאַרזיכערן די דאָ געבוירענע אַ האַרמאָנישע אינטעגראַציע אין די ראַמען פון דער אַראַ־בישער וועלט. אין דער צייט, ווען זיי דאָ האָבן שוין הינטער זיך אַזויפיל געשיכטלעכע דערפאַרונגען פון — בירגער פון דער לעצטער מדרגה, אָביסל ליבעראַליזם, מענטשן־און בירגער־רעכט, אינטעגראַציע, סאָציאַ־

ליזם, ביז — „קאָסמאָפּאָליטן, אָן פאַספּאָרטיקע בראָדיאַגעס", ביז „פינפ־טע קאָלאָנע", ביז „יציאת פוילן ורוסלאַנד"... „דאָס דיספּראָפּאָרציאָנעלע געוויכט פון קליינעם ישראל־שטאַט — זאָגט ער דאָרט — האָמעוועט די אַראַבישע רעוואָלוציע"... דער אַראַבישער „פּראָגרעסיווער" נאַציאָנאַליזם, דאַקעגן, איז, לויט אים, אַ „באַדייטנדיקער פאַקטאָר" אין זיג פון דער פרייהייט־באַוועגונג, וואָס גייט, וואָס דערנענטערט זיך אין אַזיע, אַפריקע, לאַטיין־אַמעריקע... מיט אַזעלכע אַרגומענטן קומט דאָ עפּעס אַ קליינע גרו־פּע, „מצפן". די אַראַבישע וועלט קען נישט טאָלערירן אַ פרעמדן ציוניס־טישן שטאַט, אַן אינטרוס, וואָס איז אַ בריקן־קאָפּ פאַרן אימפּעריאַליזם... דער ציוניסטישער שטאַט מוז דע־ציוניזירט ווערן. דער חוק השבות מוז אָפּגעשאַפן ווערן. די אַראַבישע פּליטים דאַרפן זיך אומקערן. ס'וועט אָנערקענט ווערן זעלבסטבאַשטימונג־רעכט פאַר דער העברעאישער מינ־דערהייט... אַזאַ נבול־פה!...

ער גייט, דאַניעל, מיט געמאָסטענע, כאָטש אַביסל נערוועזע שפּרייזן צום ריטם פון זיין טראָט, און עפּעס זינגט אין אים — „למה... למה"... די נאַרישע, איינגעשפּאַרטע מעלאָדיע לאָזט אים נישט אָפּ. די אַרגומענטן זייערע... — האָט ער ביטער אַ לאַך געטון, נאָך די רייד, פון חבר אהרן, נאָכן באַגלייטן אים צולעצט אויפן בית עולם אין חולון, די אַרגומענטן... צו וועמען, כ'בעט אייך, רעדן זיי אַזעלכע נאַיווע, אָדער פּערפידע רייד? צו די, וואָס האָבן אַליין געבלוטיקט און בלוטיקן נאָך, ווי נאַציאָנאַלע מינגדערהייטן, אין אַלע „שיינע" דעמאָקראַטיעס זייערע; מענטשן, על פּי נס אַרויסגעראַטעוועט פון די קאַלך־אויוונס; טראָגן נאָך די אויסגע־ברענטע לאַגער־נומערן אין זייערע לייבער; די וועלט לאַכט זיך אויס פון זייער יושר־זוכן, פון זייער מאַרטירערטום, פאַרגינט אפילו נישט יעדן געוואָגטן אויפטו זייערן, קוקט אויף זיי מיט ביטול. צו וועמען רעדן זיי אַזוי?

ערשט מיט אַ פּאָר טעג פריער, איז ער נאָך געזעסן אין „היכל התרבות", באַזעצט ביז אַרויף, די טרעפּ, די גאַלעריעס, די פליגלען. אויף דער טריבונע איז געשטאַנען גאָלדע און געענטפערט אויף די פראַגן פון יונגע מענטשן, וואָס דאַרפן אינגיכן מאָביליזירט ווערן, אָנטון דעם מיליטערישן כאַקי־מונדיר. פראַגן, צווישנרופן. „כ'גלויב — האָט די געעלטערטע פרוי, די חכמת, פאַרזיכערט — אַז דער נס פון שלום וועט קומען, אָבער כ'ווייס נישט, צי איך וועל אים זוכה זיין צו דערלעבן... ווען מיר וועלן זיך זעצן אונטערצוהאַנדלען וועגן די גרענעצן, וועלן מיר זען, צי מיר זענען טאַקע אַריבער די גרענעץ. מיר וועלן עס פרעגן ביי דער כנסת, און — ביים פאָלק"... זי האָט איבערגעשריגן דעם יונגן טומל: „כ'האָב דעם איינדרוק, אַז אין לערן־פּראָגראַם פון אונזערע שולן פעלט באמת יידישער באַוווסטזיין, וועגן יידישע קהילות, וועגן יידישן קולטור־קאַמף, אויפשטייג און אומקום. מיר זענען נאָך דערוויל נישט קיין האָ־מאָגענע געזעלשאַפט. איך היט נישט קיין מצוות, אָבער דורות־לאַנגע פּאָגראָמען, רדיפות, שנאה צו אונז, און דאָס שטרענגע אָפּהיטן די רע־

ליגיעזע טראַדיציעס, איז געווען איינע פון פונדאַמענטאַלע עלעמענטן פאַרן קיום פון פאָלק. פאַר אייך עקזיסטירט נישט קיין פּראָבלעם צו זיין יידן, אָבער דאָס פאָלק האָט זיך שווער געראַנגלט דערפאַר. אַצינד מוז געפינען ווערן אַ סינטעז, מיר זאָלן קענען לעבן צוזאַמען, ווי יידן״...

און דער ניגון, די שטילע, איינגעשפּאַרטע מעלאָדיע, איז אים אַלץ נאָכגעגאַנגען: — „למה... למה״... ס׳איז געווען עפּעס אַזאַ שטילע, נאָגנדיקע מעלאָדיע. זיין אויער האָט זי אוודאי אויפגעכאַפּט אין קיבוץ, אין דעם וווּנדערלעכן אָוונט פון „חג הכרמים״, ווען מ׳האָט דאָרט אַ צענדליק פּאָרלעך געפירט צו דער חופּה, אונטער די גרויסע שטערן פון נגב. זיי האָבן אין זייערע פאַרפלאַמטע טענץ, דעם ניגון געצויגן לאַנג, ביז שפּעט, ביזן האָגענקריי; און ס׳האָט זיך אים, דאַניעלן, איבערגעגעבן אַזאַ שטורמע, אומבאַוווּסטע בענקשאַפט. אָט האָט זי געקלונגען נאָענט, און אָט — ווי פון זייער ווייט. דער ניגון האָט זיכער געמוזט שטאַמען פון אַ סך פריערע צייטן, פאַרטראָגן אַהער פון די ברעגן ביי די סלאַווישע טייכן, אָדער אפשר — ווער ווייס — נאָך פון שפּאַניע. אין די שקיעה־שבת־צונאַכטסן האָבן פּשוטע, גרויע יידן, אין אָפּגעכוימלטע קאַפּאָטעס, אין די חסידים־שטיבלעך, געצויגן דעם ניגון, אין גרויס דביקות, אין גרויס התלהבות. ס׳האָט זיך נאָך אַלץ נישט געגלוסט שיידן זיך מיטן שבת, צוריקגיין צו דער גרויער, ביטערער וואָכעדיקייט. און ס׳איז אים אויך געקומען אויפן רעיון, אַז בלויז אָט די בענקשאַפט, אַריינגעגאָסן אין דעם ניגון, אָן ווערטער, האָט זיי אפשר צוריקגעפירט אַהער, צום אוראַלט, וווּ ס׳זענען אַמאָל געטרעטן זייערע אבות. און פאַרוואָס דרינגט אים אַליין אויך אַדורך אָט די מעלאָדיע, פאַרפאָלגט אים? ס׳טרעפט, ער כאַפּט זיך ערגעץ אויף אין מיטן נאַכט, און ס׳טוט פּלוצים אַ קלונג אין זיין אויער, ווי זי וואָלט געקומען פון טיפע טאָלן, פון אומגעהויערע רחבותן, צווישן די בערג פון מצדה, אין לערן, אויסגעשטאָרבענעם אוויר אַרום ים המלח. ס׳שווימט אַרויס די גרויסע בענקשאַפט פון דאָרט, ביי די ווייטע סלאַווישע טייכן, וווּ זיי האָבן געלעבט פאַרגעסענע יאָרהונדערטער, אַרומגערינגלט מיט אַ וואַנט פון שנאה; די בלינדע שנאה, וואָס האָט זיי צולעצט פאַרטיליקט. נישט די רוישיקע יידן־שטאָט, מיט איר געפילדער, האָט אים אַזוי פאַרכאַפּט דורכן ניגון, ווי די האָרעפּאַשנע דאָרפס־לייט, די קינדער, וואָס זענען דאָ אויפגעוואַקסן און טרעטן אַזוי זיכער אויף דער אייגענער, האַרטער ערד.

— ווייסט ווער ס׳איז דאָ? — האָט אים דבורל אַנומלט אַלץ אָנדערציילט — עסטושיאַ...

— אַזוי? — איז ער געבליבן שטיין מיט אַן אָפן מויל — עסטושיאַ... זי איז דאָך געווען ביי דער מאַמען... ווען דו ווייסט...

— כ׳ווייס... זי האָט מיר אַלץ דערציילט... אַבראַשקע, ווייסטו דאָך... — האָט זיך עפּעס איבערגעבראָכן אין איר שטים.

ווייט אין הינטערבאַוווּסטזיין איז עס אוודאי ערגעץ געלעגן ביי

אים; ווייל פאַרוואָס האָט ער אַלץ געפּילט, ווי ער וואָלט נאָך דאָ עפּעס נישט אַלץ מתקן געווען. ער האָט זיי דאָ אַלע קיל באַטראַכט. מ׳וועט זיי שוין דאָ קליגער נישט מאַכן, מיט גאָרנישט איבעראַשן. זיי דאַרפן גאָרנישט אונזערע דעבאַטן, דיסקוסיעס, אפילו נישט אונזער אויפגע־בלאָזענעם פּאַטריאָטיזם, אונזער מיטגעפיל, אונזער ראָמאַנטיק, אויך נישט אונזער אויסגעקליגלטע ליטעראַטור. זיי האָבן שוין אַלץ אין זיך איבער־געבערענט.

די גאַנצע לאָגיק, אַלע אַרגומענטן זענען, דוכט זיך, געווען אויף זייער זייט, און דאָך האָט ער שוין דאָ באַצייטנס זיך דערפילט ענג. אין אונז איז, זעט אויס, איינגעבוירן דאָס געפיל פון ברייטע רוימען, פון קענען לויפן פון איין לאַנד אין אַנדערן. ס׳איז געוואָרן ביי אונז — אינסטינקט; דאָס איז אפשר אויך דאָס — יידישע אין אונז. מיר דאַרפן דאָ אַרומגיין מיט שטילע טריט. דאָ איז שוין אַלץ געזאָגט געוואָרן. דאָ איבעראַשט מען קיינעם נישט. דער מענטש איז סיי ווי אומעטום איינזאַם. און מיר, מיר זענען אַריינגעוואַקסן אין עפּעס אַ פרעמדן דור. עס דרייען זיך דאָ אַרום מענטשן, ווי זיי וואָלטן פאַרבלאָנדזשעט, אָדער אַראָפּגעפאַלן פון ווייטע פּלאַנעטן. פּונקט ווי ס׳וואַקסן דאָ אויס פרעמדע, קאַלטע, אומפּערזענ־לעכע, פיל־שטאָקיקע געביידן, פון גלאָז, בעטאָן, נעאָנען; טעכניק, עלעק־טראָניק. מיר הערן דעם סודותדיקן אָפּקלאַנג פון ווייטע שטערן. מיר זענען פאַרעלטערט, זאָגן זיי. מוח, געפילן, מאָראַלישע ווערטן — מ׳קוקט זיך דערויף מער נישט אום. ער האָט געזען די יוגנט, ווי זיי פאַרוויגן זיך לייכט מיט אַלערליי עקסטרעמען. זיי האָבן אַזוי ווייניק געוווסט, אָדער ווילן מער גאָרנישט וויסן, געדענקען. אָבער זי, עסטושיאַ, האָט דאָך יאָ געדענקט. ווי אַזוי האָט זי עס דען געקענט פאַרגעסן, דאָס פלאַטערנ־דיקע מיידעלע?

ער איז לאַנג זיך פאַרזעסן ביי איר אין צריפל. ס׳איז געווען אַ מאָדנע שווייגן, און אַ פרילינגדיקער פלאַטער, ווי דעמאָלט, ווען ס׳מיידעלע עסטושיאַ איז אומגעריכט אַריינגעפאַלן צו זיי אין הויז, אין דער גראַטשקע, וואָס איז געשטאַנען איבער די וואָלקנדיקע שטיבן פון דער אַטעליע; ווען זי האָט אַרומגעפלאַטערט אין טיפן גאָרטן אַרום זייער אַלטן הויז, אין גרינעם דאַטשע־שטעטל, נישט ווייט פון פּאַריז. ער איז געזעסן, אַביסל אַ פרעמדלעכער, אויף אַ שפּיץ שטול, זיך מער גאָרנישט אָפּגערופן. קיין שום ווערטער, האָט ער דערפילט, טויגן נישט. ער האָט אָבער באַלד גע־האָט דאָס געפיל, אַז ער וועט זי שוין אפשר מער נישט פאַרלאָזן; אַז נישט מיט קיין לייכט געמיט וועט ער אַצינד אַוועק פון די ברעגן, צו וועל־כע ער איז, דורך אַלערליי צופאַלן, צוגעשווומען; אַז ער וועט שוין דאָ אפשר פאַרבלייבן; כאָטש זי האָט אים גאָרנישט מער געזאָגט, האָט ער שוין אַלץ געוווסט. אַבראַשקע... זיין רייסן זיך צו דער טאַנקן־אָפּטיילונג... די אומגעריכטע קויל, וואָס האָט אים דערגרייכט ביי די ברעגן פון סועץ...

אַ גרוי פאַסמעלע האָר האָט געשיינט אין דער מיט פון איר שיינעם,

יונגן קאָפּ, ווי אַ פאַרגעסן פּאַסיקל שניי אין דער פרילינג־זון. ס׳איז אויך געוועזן זון אין אירע אויגן, אָבער זי האָט זיי ווי פאַרבאָרגן, אינם זייטיקן בליק, און אַזאַ דורכגעליטנקייט אין זיי, אַז ס׳האָט ווי געטון. ס׳גליקלעך־פאַרפּלאָנטע מיידעלע — האָט ער זיך דערמאָנט — ערשט פאַר עטלעכע יאָרן, ווען זי האָט צוריקגעפונען איר פאַרלוירן גליק...

— עסטושיאַ — האָט ער זיך לסוף אָפּגערופן — מיר דוכט זיך, אַז ס׳איז צייט אויפצוהערן צו קענען פויליש... אפילו פראַנצויזיש...

זי האָט פאַרשטאַנען זיין זאָג, אָנגעקוקט אים מיט אָנגעבלענדטע אויגן, און ס׳איז צוריק געווען עפּעס פון יענעם פרילינגדיקן, דערשראָ־קענעם פלאַטער אינם פלאַטערנדיקן מיידל. ער וועט זיך נאָך איין מאָל צוריקקערן צום פאַרוואַלקנטן מערב, אָבער ער האָט אין דער רגע שוין געוווסט, אַז ער וועט זיך נאָך אוודאי אַהער אומקערן; אַז אפילו דאָס קינד עסטושיאַ׳ס, איז אים אַן אייגן קינד.

צו אַזעלכע אויספירן איז ער דערגאַנגען, שפּרייזנדיק אין פאַר־נאַכט מיט דער סטעזשקע פון קליינעם צריפל. קראָקעווער... חבר אהרן... דער אַלטער בעלוויל... דאָס אַלץ איז שוין — פּרעהיסטאָריע. ער איז נאָך דעמאָלט געווען אַ קליין, קרענקלעך, עמפּינדלעך ייִנגל, מער צו דערפילן עס, ווי צו פאַרשטיין, די סתירות אין זייער עקזיסטענץ. דאָרט, אין די מזרח־אייראָפּעאישע לענדער, פון וואַנען זיי קומען, האָבן זיך אויסגעלאָשן די צענטערן; ייִדישער כוח, מוח, גייסט האָבן געפּרוווט איבערקערן וועלטן, ביז — אַלע זענען זיי פון דאָרט פאַרשוווּנדן, אויסגעקוילעט געוואָרן, די רעשטלעך — פאַרטריבן, אַראָפּ פון דער אַרענע פון אַן אויפגעלייזטער מיסטעריע. דאָ איז אַ נייע דינאַמישע אַקומולאַציע, ווי אויף אַן אינזל פון שיף־ברוך־געראַטעוועטע, מיט די אויסגעברענטע נומערן פון אוישוויץ אין זייערע לייבער.

כאָטש דאָ לעבן זיי ווידער צווישן סתירות און פּאָטענציעלע מער־דער. די באַרבאַרישע כוחות פון נאַציזם, זייער פינצטערע אידעאָלאָגיע, טויכט דאָ ווידער אויף, אונטער פאַרשטעלטע מאַסקעס און לאָזונגען. זיי שרעקן זיך תמיד פאַר ייִדישן גייסט. צי איז דען דער מאָרד־רוף קעגן טראָצקין נישט געווען קיין פאַרשטעלטער אַנטיסעמיטיזם? די ראַבינאָ־וויטשעס... די בראָנשטיינס... זיי זענען ביז היינט דורכגעדרונגען מיט קוים־מאַסקירטן ביטול, נעגאַציע, האַס, צו אונזערע לעגיטימע נאַציאָנאַלע אַספּיראַציעס. איוו מאָראַ שרייבט אין „הימאַניטע״, אַז דאָס שאַפן פון ישראל איז געווען אַ פאַטאַלער טעות; „מ׳קען נישט רעדן וועגן אַ ייִדי־שער נאַציע, נאָר פון — עטנישע גרופּן״... — חזרט ער איבער די פּלאַפּ־לערייען פון סטאַלינען, אַז ייִדן פעלן געוויסע אַטריבוטן. „ליקווידירן דעם ייִדישן פּאַרטיקולאַריזם, אין גאַנג פון פאַרשווינדן״... אַזאַ ניבול־פּה!

דאָס בערדל ביי דאַניעלן — מער נישט געפלעגט, דער האָר־שויבער — אויך נישט, האָט ער זיך דאָ אַרומגעדרייט ווי אַ נזיר, אָדער ווי אַ היפּי, כאָטש ער האָט זיך מער נישט געפילט ווי אַן אָנגעהעריקער

צום דור זיינעם. ער האָט געהאַט דאָס געפיל אַוועקצוזעצן זיך שטיל, ערגעץ אין אַ קיבוץ, און לעבן דאָס לעבן פון די פשוטע. דער קיבוץ איז אפשר אַן אויסגעלאַכטער אָרדן פון ערלעכע נזירים, אין אַ וועלט פון גאַנגסטע־ריזם, געפּעלשטן סאָציאַליזם, אימפּעריאַליסטישן רויב.

אַזוי האָט ער מיט שטומע רייד גערעדט צו עסטושיאַן, און זי האָט עס פאַרשטאַנען. ער האָט זיך נאָך איין מאָל געהאַט פאַרהאַלטן אויף דער שוועל פון איר צריפל. זי האָט אים אויפגענומען קיל, באַדאַכט, די הענט פאַרפלאָכטן אויף דער פלאַכער ברוסט. ס׳איז, דוכט זיך, ווידער געווען זון אין אירע אויגן, ווען ער האָט עס קוים געקענט אַרויסברענגען:

— וואַרט אויף מיר, עסטושיאַ... כ׳וועל צוריקקומען...

ער איז אַוועק מיטן געפיל, אַז ס׳איז אַנגעשטאַנען אַ צייט, ווען מ׳דאַרף זיך פאַרמויערן, אַנטלויפן פון די וועלט־שטעט. אַזוינס האָט מסתמא אויך געפילט דער חבר אהרן, ווען ער איז צום לעצטן מאָל דערשוווּמען צו אָט די ברעגן. ער איז שוין אָבער צו אַלט געווען, צו דערגיין צו דער הייליקער פשטות פון זיין אייגן שוועסטערל דבורל. מיט אים האָט זיך אויסגעלאָשן אַ דור פון פאַרלוירענע האָפענונגען, פון שענסטן פּלי. ס׳איז מער גאָרנישט פאַראַן צו זוכן אויפן סט. מישעל, צווישן פּוס־טע, פאַרקלונגענע לבנה־וועלטן, אין פאַרלוירענעם קאָסמאָס, אויב זיי אַלע — און אויך אַרלעט — האָבן ווידער געקענט דערגיין צו יידן־מאָרד! ווייל איז אפשר די, וואָס אין זייער נאַרקאָטישער שיכרות, אין זייערע פאַלשע אידייען — אַזוי פאַלש ווי זייערע פּאַספּאַרטן — דערזעען זיי עס נישט, וואָס הינטער דער רעאַליטעט שטעקט. פאַלק... פעלקער... זוך נישט מער קיין גלאַטיק־צוגעשניטענע פאָרמולעס. צו אַזאַ אַבסורד זע־נען מיר דערפירט געוואָרן. קיין צוריק איז מער נישטאָ. זיי שרייען: פאָרט צוריק קיין אייראָפּע! וווהין? די בריקן זענען פאַרברענט. קיין שום אַנדער לייזונג קען שוין מער נישט זיין. ס׳איז אפשר אמת, אַז זיי זענען ווי אָפּגעריסענע מעטעאָרן פון טויטע לבנות, אַנגעהעריקע צו פאַרשיידענע פעלקער־ און קולטור־געמיינשאַפטן. און אויב אַ געמיינ־זאַמער יידן־גורל האָט זיי פאַרטריבן צו די ברעגן, צו לעבן און צו קעמפן בייזאַמען מיטן מענטש און דער ווילדער נאַטור, וועט זיי די האַרטע וואָר אויסהאַמערן מיט דער צייט אין עפּעס געמיינזאַמס. נאָך אַלעמען, איז אַלץ אַן אילוזיע, זייער לשון, זייערע אידעאָלאָגיעס, זייער רעליגיעזער פאַנאַטיזם. די וועלט האָט זיי אַרויסגעוואָרפן פון זיך און די עלעמענטן וועלן צוריק געשטאַלטיקן עפּעס גאַנצס, כאָטש מ׳וויס נאָך אַלץ נישט ווי ס׳וועט אויסזען.

און ער האָט זיך אויפגעהויבן, נישט מיט קיין לייכט געמיט, אומ־צוקערן זיך צו די פאַרנעפּלטע האָריזאָנטן פון אייראָפּע, באַדאַכט, מיט אַ טיפער נשמה־צעריסנקייט; קיינער האָט דאָרט מער נישט געוואַרט אויף אים. אַרלעט... ער האָט זי אַרויסגעריסן פון האַרצן, פּונקט ווי זיי אַלעמען, וואָס טראָגן ווידער מאָרד אין זייערע קראַנקע געבלוטן. ער האָט נישט גע־

נומען דעם אַוויאָן, נאָר איינגעשיפּט זיך. נישטאָ נאָך וואָס צו איילן זיך. אַ קליין־טאַנאַזשיק טראַנספּאָרט־שיפל האָט אים אין טיפן אָקטאָבער צוריקגעפירט. איבער נאַכט האָט זיך די שיף דערוויטערט פון די ברעגן. צומאָרגנס אין דער פרי איז ער אַרויס אויפן דעק. אַ קליינע, פאַרשפּונענע זון, ווי אַ געלכל פון אַן איי, איז געשוואומען צווישן די וואָלקנס. אַ נידעריקער הימל איבערן קאָפּ. אָט וויגט ער זיך אויפן ים־בעקן, צווישן קאָנטינענטן, וואָס ביי זייערע ברעגן איז אַמאָל געווען דאָס וויגעלע פון ציוויליזאַציעס. אימפּעריאַלע פּלאַטן האָבן אויך דאָ אַמאָל געזעגלט ; גאַלערעס, שקלאַפן־רודערער און — אַלע זענען זיי אונטערגעגאַנגען. קיין זכר איז נישט געבליבן פון זיי, אויסער אַ פּאָר שערבלעך אין די מוזייען. און אָט שווימען דאָ ערגעץ ווידער אַרום, לויערן טאָג און נאַכט, באַוואָפנטע קרייצער־עסקאַדרעס פון היינטיקע אימפּעריעס. זיי דראָען ווידער אונטערצוצינדן די וועלט.

ווי אַזוי וועט ער זיי דאָרט אָנקוקן, ס׳יונגוואַרג, פון די אָנגע־רויכערטע קאַפּייען אויפן סען־מישעל, פּונקט ווי די צעטומלטע יידן פון רי דע טירען, דעם אָנגעהויף, ביז וויט אַראָפּ, פון יידישע שוי־פענצטער, פון יידישע געוועלב־לייט ? דאָס זענען דאָך די זעלבע יידן. וואָס פאַראַ אימפּעט, פרעגט זיך, טראָגט זיי, אין אַזאַ ציניש׳ער וועלט פון מאָרד ? נישט בלויז גשמיות, ווייל וואָס געניסן זיי דען, מ׳שטיינסגעזאָגט, פון זייערע אָנגעהאָרעוועטע פאַרמעגנס ? דער פראַנצויז געניסט פון אַלע עולם הזה׳ס, אָבער ער רייסט קיינעם נישט אויף די אויגן מיט די ברייט־צעלייגטע שוי־פענצטער...

און ס׳איז אַלץ געווען אין אים די נשמה־צעריסנקייט. דאָרט, פון וואַנען ער איז אַוועק, קעמפן זיי, ראַנגלען זיך ביטער פאַר דער עקזיס־טענץ, פאַר אַן אייגן שטיקל לעבן. און אפשר איז דאָס אַלץ — די מלחמה אין אונז גופא ? נישט נאָר צווישן קלאַס און קלאַס, נאָר צווישן מענטש און מענטש. אָנהייבן דאַרף מען אפשר טאַקע פון זיך אַליין. עס גרימט אין אונזערע אינגעווייידן, ווען מיר בלייבן ליגן אינמיטן נאַכט, מיט אָפּע־נע אויגן ; מיר פרעסן זיך אָפּט אַליין מיט גרויסע און קליינע, נאַרישע פאַרדרוסן.

די קליין־טאַנאַזשיקע שיף האָט זיך אַ טאָג מיט אַ נאַכט געוויגט אויף די וואַסערן פון מיטללענדישן ים, געשניטן דעם וועג צו די נעפּלדי־קע ברעגן פון אייראָפּע. אָבער ער האָט שוין געוווסט, אַז ער וועט זיך נאָך איין מאָל אומקערן צו יענע שמאָלע סטעזשקעס, ווו די מענטשן גייען יעדן באַגינען צו דער אַרבעט, אין חדר־האוכל, צו זייער צימערל מיט דער ביבליאָטעק־שאַנק, מיט די אַרונטערגעלאָזענע פאָרהענגלעך, צו זיך. ער וועט האָדעווען ס׳קינד אַבראַשקעס, וועלכער איז אַליין קינד־ווייז אַוועק אין די וועלדער, אַנטלאָפן פון געטאָ־דזשונגל, נקמה צו נע־מען פאַרן פאַרגאָסענעם בלוט פון זיינע מיט־ברידער, פון זיין פאָטער, דעם ערלעכן סאָציאַליסט, וועלכער האָט אויסגעהויכט זיין נשמה ערגעץ

אין ווייטן אומברחמנותדיקן, סאָוויעטישן צפון. ביז ער אַליין, אַבראַשקע... די האַק, וואָס פאַלט אויף דיין קאָפּ, איז אומעטום — די זעלבע.

די קליינע, פאַרשפּונענע זון איז מיטגעשוווּמען, איז אַלץ בלאַסער געוואָרן, זיך געטונקט, ווי אַ געלכל, ביז מ'איז אַריינגעשוווּמען אין אַ מילכיקן נעפּל. די ווייטע ברעגן זענען פאַרווישט געוואָרן. די כוואַליעס, וואָס האָבן זיך אויפגעהויבן פון די גרונטן, האָבן דערגרייכט ביזן דעק. אַ מעכטיקער ווינט האָט געהוילט; און אינם הוילנדיקן ווינט האָט אַלץ געוויינט אין אים די איינגעגעסענע מעלאָדיע: „למה... למה"... אויף וואַקלדיקע פיס, איז ער צוגעפאַלן, אַנגעקלאַפּט זיך אין אַ אייזערנע וואַנט-לעך, אָנגעכאַפּט זיך אין אַן אויפגעריסן טירל. די מאַטראָסן זענען מיט קרומע שפּרייזן געלאָפן צו די שטריק-לייטערס, מיט ווילדע קולות, אַוועקגעטראָגן דורכן רייסנדיקן ווינט. און מאָדנע, ס'איז דאַניעלן עפּעס אַזוי גוט געווען מיטן געפיל אונטערצוגיין, צוזאַמען מיט אַ וועלט, וואָס זינקט און קייקלט זיך סיי ווי צו די תהומען. ס'איינגעצויגענע מאַרי-נאַרקעלע מיט די אויפגעשטעלטע קלאַפּעס, אַנגעשפּאַרט אין פאַרענטש, איינגעקלאַמערט, אַ פאַרוואַקסענער, ווי דער אור-מענטש, האָט ער גע-לאָזן בלאַנדזשען דעם צעטראָגענעם, כמורנעם בליק אין דער אומדורכ-דרינגלעכער גרויקייט. דער שטורעם האָט זיך אַלץ מער אָנגערוקט נאָנט פון די גריכישע אינדזלען.

אַזוי געשעט, אַז מען פאַרבלאָנדזשעט זיך אַמאָל. אַרויסגעלאָזן זיך מיט דער גאַנצער באַנדע זומער-צייט אין צעטרייסלטן „דע שעוואָ", אויף אַ פריילעכער, זאָרגלאָזער אַוואַנטוריסטישער רייזע צו די גריכישע ברעגן, צו די דרום-פּיאָרדן, אויפן עגייאישן ים, און אָט... צוליב דער קליינער, דער כיטרער, צוליב אָרלעטן... ווי האָט ער דאָרט אַ זאָג געטון, דער יונגער אינזשיניער יגאל — ווי דער פּאַסטוך שאול איז געלאָפן זוכן דעם פאָטערס אייזעלינען און — געפונען די קרוין פון דער יידישער מלוכה... און ער, דאַניעל, האָט אומגעריכט געפונען — די יידישע רעאַליטעט, דעם ביטערן גרעאַנגל זייערן מיט דער וועלט, מיט זיך אַליין, פון וועלכן ער האָט געוואָלט אַנטלויפן, אָבער — מ'אַנטלויפט נישט!

ס'איז געווען טיפער אָקטאָבער ביי די דרום-ברעגן פון אייראָפּע. נאָכוואָס קערט ער זיך צוריק אַהין? עסטושיאַ, די אָפּגעראַטעוועטע פון אַן אונטערגעגאַנגענעם שבט, פון אַן אונטערגעגאַנגענעם קאָנטינענט — זי איז דאָרט פאַרבליבן. זי וועט ברענגען אַ נייעם דור, וואָס וועט זיך מיט ציין און נעגל קלאַמערן אין זייער שטיקל באָדן. מאָדנע בולט האָט זי זיך אַרויסגעשניטן, אין איר פאַרכטיקן פלאַטער, ווען זי איז דעמאָלט געקומען אַנצולויפן פון פּוילן, פון די נאָרדישע לענדער. די מוטער האָט זי אין הויז ביי זיי צוגעטוליעט, ווי אַ יונג הירשל, אַ יתומהלע, אַנט-רונען פון דזשונגל. אין דעם ליכט איז איצט אויך געווען דאָס לענדל, פון וועלכן ער דערווייטערט זיך אין קליין-טאַנאַזשיקן שפּיל, דורך אַ באַלאַגערטן ים פון אימפּעריאַליסטישע אַטאָמישע פלאָטילעס — אַוויאַ-

נען־טרעגער, מינען־טרעגער, קרייצערס, אונטער־וואַסער־שיפֿן. אין דעם ליכט איז אויך געווען דער חבר אהרן, וואָס האָט דורכגעשפּאַנט דעם לאַנגן מאַרטירער־וועג, ביזן — איינזאַמען בערגל ערד אויפֿן בית עלמין, אין די זאַמדן פֿון חולון. שוין, אויס! אָבער זיין לערע איז געבליבן טיף אָפּגעזעצט אין זיין געמיט. ער האָט מיטאַמאָל דערפֿילט אין זיך דעם כּוח צו גיין זאָגן זיי, אין די אָנגערויכערטע קאַפֿייען און ביסטראָ׳ס פֿון סען־מישעל; ער וועט זיי זאָגן: מאַכט זיך נישט קיין אילוזיעס! כ׳האָב געזען די, וואָס זענען פֿאַר אונז געטרעטן אויף די דערנער־וועגן, האָבן אַלע בריקן הינטער זיך פֿאַרברענט; דאָס אַלץ, וואָס ווערט אַזוי הויך פּראָקלאַמירט, די אַלע לאָזונגען, זענען שוין געווען אין אַן אַנדערן גלגול, און — האָבן אויך ווייט נישט געפֿירט. דאָס וועט ער זיי זאָגן, די נאַרישע. צי וועלן זיי אים אָבער געהאָרכן?

זיי אַליין זענען שוין אוודאי אויך באַצייטנס פֿאַרעלטערט לגבי דעם מענטש פֿון יאָר 2.000. ווער ווייס אָבער, ווי ער וועט אויסזען, דער מענטש — אפֿשר גאָר דער מאָנסטער־מענטש — פֿון יאָר 2.000? דאָס איז דער דערשיטערטער אומגלויבן, ביי דער שוועל פֿון צעבראָכענע אידעאַלן.

דורך אַזאַ נאַרישן צופֿאַל, קען מען זאָגן, האָט דער צעטראָגענער יידישער אינטעליגענט, דאַניעל, אַ זון פֿון אַ שניידערישן שבט יושר־זוכערס, נאָכלויפֿנדיק דאָס נאַרישע פּאַריזער כּיטרע מיידל, אַרלעטן, געפֿונען — זיך אַליין.

פּאַריז, 74־1973

# א י נ ה אַ ל ט :

## ערשטער טייל — די פּרעהיסטאָריע


קאַפּיטל 1 — אַלץ ביי זיי איז — סתירה... 7
קאַפּיטל 2 — סעפּטעמבער 1939 10
קאַפּיטל 3 — אַן אומגעריכטע באַגעגעניש 22
קאַפּיטל 4 — דער לאַנגער, פינצטערער בין־השמשות 32
קאַפּיטל 5 — ראָמאַנטיקער פון דער רעוואָלוציע 38
קאַפּיטל 6 — ס׳מיידל פון אַ ווייטן פּלאַנעט 47


## צווייטער טייל — „געזעגענונג מיטן פאָטערלאַנד"


קאַפּיטל 7 — דאָס יינגל פון וואַלד 61
קאַפּיטל 8 — אַבראַשקע 68
קאַפּיטל 9 — „ווו איז זי, די געשיכטע אונזערע ?" 74
קאַפּיטל 10 — „דער ציל היילִיקט די מיטלען" 81
קאַפּיטל 11 — נאָכן אָרון פון חבר גרשון 90
קאַפּיטל 12 — די בריחה 94
קאַפּיטל 13 — צום אייגענעם ברעג 100
קאַפּיטל 14 — אין גלות אַריין 105
קאַפּיטל 15 — די אונטערגעגאַנגענע „פּוילישע וועלט" 112
קאַפּיטל 16 — נאָך אַלעמען 122


## דריטער טייל — דאַניעל׳ס וועג צו זיך


קאַפּיטל 17 — אפשר איז עס טאַקע אַטאַוויזם ? 129
קאַפּיטל 18 — רי דע טירען 139
קאַפּיטל 19 — אין אידעאָלאָגישן נעפּל 150
קאַפּיטל 20 — „די אַלטע וועלט איז הינטער אונז"... 156
קאַפּיטל 21 — ס׳מיידעלע אַני 161

קאַפּיטל 22 — דער אַראַבער איבראַהים 166
קאַפּיטל 23 — צוריק צום אַלטן בעלוויל 171
קאַפּיטל 24 — יידישע קאַמפּלעקסן 175
קאַפּיטל 25 — צו די גריכישע דרום־פּיאָרדן 182
קאַפּיטל 26 — אין וואַדי הביטניקים 188
קאַפּיטל 27 — די דיסקרעטע אויספאָרשונג 198

## פערטער טייל — אין די שפּורן פון חבר אהרן

קאַפּיטל 28 — אַ קיבוץ אין נגב 211
קאַפּיטל 29 — דער פיבער פון אַ פאַלק 219
קאַפּיטל 30 — די ותיקים 229
קאַפּיטל 31 — אַ נאַכט פון חג הכרמים 236
קאַפּיטל 32 — אַ נאַכט אונטער די שטערן פון נגב 248
קאַפּיטל 33 — די רויטע מויד שושנה 254
קאַפּיטל 34 — אין די שפּורן פון חבר אהרן 261
קאַפּיטל 35 — ווי אַ לונאַטיקער אויף דער פאַרברענטער ערד 270
קאַפּיטל 36 — די נאַרישע, איינגעשפּאַרטע מעלאָדיע 279

## ביכער פון זעלבן מחבר:

צווישן ווענט, **דערציילונגען, ווארשע, 1933,**
גרויע פראפילן, **דערציילונגען, פאריז, 1937,**
דער מארש אויף בריסק, **ראמאן, פאריז, 1938,**
די יידן פון בעלוויל, **ראמאן, פאריז, 1948,**
געווען איז עס נעכטן, **ראמאן, פאריז, 1951,**
דאס הויז אויף דער טאפאלן־גאס, **ראמאן, פאריז, 1955,**
אויפן פאריזער ברוק, **ראמאן, ווארשע, 1956,**
דאס צוגעזאגטע לאנד, **ראמאן פאריז, 1956,**
*Les Juifs de Belleville*, roman, Paris 1956.
די גאלדענע אילוזיע, **ראמאן, פאריז, 1957,**
חברים פון מוראנאווער ראיאן, **ראמאן, פאריז, 1961,**
געקליבענע דערציילונגען, **פאריז, 1964,**
ליפע קאמאשנמאכער, **ראמאן, פאריז, 1969,**
שאטנס פון מאנפארנאס, **ראמאן, תל אביב, 1971,**
אונטער די שטערן פון נגב, **דערציילונגען, פאריז, 1974,**
וווהין גייסטו, דאניעל?, **ראמאן פאריז 1977.**

B. SCHLEVIN

# OU VAS-TU, DANIEL ?

Roman

PARIS 1977